STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01138

SHTET UN SHTETLEKH IN UKRAYNE

Mendel Osherowitch

Permanent preservation of this book was made possible
by Morris & Rae Spivak Foundation
in memory of
Morris & Rae Spivak

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-01138-X

9780657011383T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT
(413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT
NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET,
AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

שטעט און שטעטלעך אין אוקראַינע

און אין אַנדערע טיילן פון רוסלאַנד

פאָרשונגען אין יידישער געשיכטע
און יידישן לעבנסשטייגער

פון

מ. אָשעראָוויטש

באַנד איינס

אַרויסגעגעבן פון
מ. אָשעראָוויטש יובליי־קאָמיטעט
ניו יאָרק, 1948

Copyright 1948
By M. Osherowitch

Published by
THE M. OSHEROWITCH JUBILLEE-COMMITTEE
New York, 1948

Printed in U. S. A.
GRENICH PRINTING CORP.
New York 1, N. Y.
166

CITIES AND TOWNS

IN THE HISTORY OF THE JEWS
IN RUSSIA AND THE UKRAINE

By

M. OSHEROWITCH

VOL. I

פאַרשונגען אין יידישער געשיכטע

און יידישן לעבנסשטייגער

אַרויסגעגעבן ווען ס'איז געוואָרן 300 יאָר

זינט די כמעלניצקי־שחיטות פון ת"ח ות"ט.

געווידמעט דעם אָנדענק פון מיין ברודער
דניאל אָשעראָוויטש, וועלכער איז ביים
לעבן געווען אַ מאַרטירער און איז
דערנאָך אין אוקראינע געפאַלן אויפן
שלאַכטפעלד ווי אַ העלד.

טולטשין

עס זיינען אין אוקראַינע פֿאַראַן אַזעלכע קליינע און פֿאַרוואָרפֿענע יידישע שטעטלעך, אויף וועלכע מען זאָגט אַמאָל מיט אַ שמייכל, אַז זיי שטייען עפּעס ווי אין דרויסן און אַז ס׳איז ממש מיט ניסים, וואָס ביינאַכט גנבעט מען זיי ניט צו...

פֿאָרט אַמאָל אַ מענטש, אויף אַ וואָגן, אָדער אויף אַ שליטן, איבער פֿעלדער און וועלדער — אַ מענטש, וואָס איז שוין אויסגעוועזן אַ וועלט און וואָס האָט שוין אין זיין לעבן אַ סך גרויסע שטעט געזען — און מיטאַמאָל דערזעט ער ווי ערגעץ אין אַ טאָל ליגט אַ שטעטעלע אַ קליינס, מיט נידעריקע שטיבלעך, וואו ציגן גריזשען די שטרויענע סטריכעס פֿון די דעכער און וואו מ׳זעט דאָ און דאָרט אַ מענטשן, וואָס רוקט זיך ווי אַ שאָטן; איידער מ׳קוקט זיך אַרום איז שוין דאָס שטעטל ניטאָ און מ׳זעט עס מער ניט. און דאַן וואונדערט זיך דער מענטש, וואָס פֿאָרט ווייטער, און ער קען ניט פֿאַרשטיין ווי אַזוי מען לעבט דאָרט אין די קליינע שטעטלעך, וואָס „שטייען אין דרויסן", און ער טראַכט, אַז „ס׳איז טאָקע מיט ניסים, וואָס מ׳גנבעט זיי ניט צו ביינאַכט". און — וואו נעמען דאָרט די מענטשן די נויטיקסטע זאַכן, וואָס זיי דאַרפֿן האָבן? פֿון וואַנען ברענגט מען זיי? וואוהין פֿאָרט מען נאָך זיי? ס׳איז דאָך אוממעגלעך, אַז אין אַזעלכע פֿאַרוואָרפֿענע שטעטלעך זאָל זיין אַלץ, וואָס מ׳דאַרף און אַלץ וואָס מ׳מוז האָבן!

און ער פֿאָרט ווייטער, דער מענטש, וואָס איז שוין אַ וועלט אויסגעוועזן. ער פֿאָרט און טראַכט וועגן די פֿאַרוואָרפֿענע און פֿאַרשטויסענע קליינע שטעטלעך, וואָס זיינען אָפּגעריסן פֿון דער גרויסער וועלט; און ער האָט רחמנות אויף די מענטשן, וואָס לעבן דאָרט, און ער ברעכט זיך דעם קאָפּ אויף אַ רעטעניש, וואָס ער קען ניט טרעפֿן, און ער וויל פֿאַרשטיין אַזוינס, וואָס לייגט זיך אים ניט אויפֿן שכל. און דאַן געפֿינט ער אויס, אַז ניט ווייט פֿון די קליינע שטעטלעך, וואָס ליגן אין די טאָלן און וואָס ווערן פֿאַרשוואונדן פֿון אויג איידער מ׳קוקט זיי רעכט אָן, געפֿינט זיך אַ גרעסערע שטאָט. וואָס האַלט זיך עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט געוועזן די מאַמע פֿון די אַלע קליינע שטעטלעך ארום איר.

אַזאַ שטאָט איז טולטשין.

זי איז די מאַמע פֿון עטלעכע קליינע יידישע שטעטלעך אין דעם געגנט,

וואָס איז אַמאָל, נאָך אינם 17טן יאָרהונדערט, געווען אַ טייל פון דער בראַצלאַווער וואָיעוואָדסטווע. און זי איז שוין עטלעכע הונדערט יאָר אַלט און איר נאָמען איז פאַרבונדן מיט די וויכטיקסטע געשעענישן אין דער געשיכטע פון אוקראַינע.

טולטשין איז ניט קיין גאָר גרויסע שטאָט. זי איז דאָס קיינמאָל ניט געווען. אינם יאָר 1897 איז די צאָל פון דער באַפעלקערונג דאָרט געווען עטוואָס מער ווי זעכצן טויזנט, און פון זיי זיינען מער ווי צען טויזנט געווען יידן. פאַר דער רעוואָלוציע פון 1917 זיינען געווען צייטן ווען די צאָל פון דער יידישער באַפעלקערונג איז דאָרט געווען גרעסער, ווייל טולטשין איז געווען אַ וויכטיקער האַנדלס־צענטער און פון אַלע אַרומיקע יידישע שטעטלעך איז מען אַהין געפאָרן נאָך סחורה; ס׳זיינען אין טולטשין געווען גרויסע קראָמען פון מאַנופאַקטור, פון אייזנוואַרג און פון גלעזערנע געשיר; דער מסחר האָט דאָרט געבליט; עס זיינען אין שטאָט געווען אַ סך יידישע גבירים און נאָך מער קבצנים. און כאָטש טולטשין איז ווייט פון אַן אייזנבאַן־סטאַנציע און ווען מען וויל פון דאָרט פאָרן קיין קיעוו, אָדער קיין אָדעס מוז מען זיך שלעפן גאַנצע אַכט וויאָרסט — אויף אַ וואָגן אָדער אויף אַ שליטן — צו דער סטאַנציע זשוראַווליווקע. איז די שטאָט דאָך געוואַקסן און די באַפעלקערונג איז געוואָרן גרעסער, און מ׳קען זאָגן, אַז ווען ניט די אומגליקן, וואָס זי האָט דורכגעמאַכט אין די צייטן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און אויך נאָך דער רעוואָלוציע און אין די צייטן פון דעם בירגער־קריג און די פאָגראָמען פון די יאָרן 1918 און 1919, וואָלט טולטשין איצטער אַוודאי געווען אַ גרעסערע שטאָט ווי זי איז.

דער צאָרן, וואָס האָט זיך אויסגעגאָסן אויף יענעם געגענט אין אוקראַינע, וואָס איז אַלעמאָל די ערשטע ליניע אויפן פייער, ווען ס׳ברעכט אויס אַ קריג, האָט די שטאָט טולטשין ניט געלאָזט וואַקסן. און אין 1932 ווען איך האָב זיך דאָרט אָפגעשטעלט אויף עטלעכע טעג, אויף מיין רייזע איבער סאָוועט־רוסלאַנד, האָבן זיך די סימנים פון חורבן נאָך אַלץ אָנגעזען אומעטום; די עטלעכע נייע געביידעס, וואָס מ׳האָט דאָרט אויפגעבויט און אויך די, וואָס מ׳האָט איבערגעבויט, האָבן דעם חורבן ניט געקענט פאַרשטעלן; אַפילו דאָס גרויסע „סאָוועטן־הויז“ און דער לענין־מאָנומענט, וואָס מ׳האָט אַוועקגעשטעלט אויף דער ברייטער גאַס, וואו ס׳שטייען נאָך איצט די צוויי „סטופעס“, דער גרויסער „סטופ“ און דער קליינער „סטופ“, האָבן דאָס ניט געקענט פאַרשטעלן; דער חורבן, וואָס איז געווען אַ רינגעלע אין דער לאַנגער קייט פון חורבן און אומגליקן אין דער שטאָט טולטשין, האָט דאָך פון אומעטום אַרויסגעסטאַרטשעט, און מענטשן האָבן מיר געזאָגט, אַז די יידישע באַפעלקערונג איז דאָרט קלענער ווי זי איז געווען אין די פריערדיקע יאָרן.

טולטשין איז אָבער דאָך ניט אָפגעשטאַנען אין דעם פראָצעס פון בויען,

וואָס איז אָנגעגאַנגען איבערן גאַנצן לאַנד אינם משך פון די לעצטע יאָרן. די שטאָט האָט דאָך אָנגעהויבן וואַקסן. זי האָט אָנגעהויבן ווערן גרעסער, און אַ נייער לעבנסשטייגער, וואָס האָט אין זיך דאָך געהאַט ניט ווייניק פונם אַלטן, האָט שוין געהאַט אָנגענומען אַ קלאָר געשטאַלט. אָבער מיטאַמאָל האָט זיך ווידער אַ נייער צאָרן אויסגעגאָסן; טולטשין איז אַריין אינם סאַמע פייער פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווייל זי איז נאָענט צו דער גרענעץ, וואָס האָט פריער אָפּגעטיילט אוקראַינע פון פוילן.

ווידער חורבן, ווידער שחיטות!

און ס'איז שוין באַלד דריי הונדערט יאָר זינט ס'גייט אַזוי; אַלע מאָל קומט אָן אַן אַנדער אומגליק, אַן אַנדער בראַך — און די שטאָט, וואָס איז ווי אַ מאַמע פאַר די קליינע יידישע שטעטלעך, וואָס אַרום איר, רייסט זיך אַלץ צו ווערן גרעסער און זי וויל אַלץ וואַקסן. אָבער מ'לאָזט זי ניט; ס'קומען אַלץ שונאים, וואָס מאַכן חרוב דאָס וואָס מ'האָט פריער מיט אַזוי פיל מי געבויט; און ווען טולטשין פאַלט, פאַלן מיט איר אינאיינעם אויך די קליינע שטעטלעך וואָס אַרום איר. און דאָס מאַכט דעם חורבן נאָך גרעסער. זיי בלייבן עלנט און פאַריתומט, די אַלע קליינע שטעטלעך, וואָס ליגן אין די טאָלן און „שטייען עפּעס ווי אין דרויסן". אָן טולטשין קענען זיי זיך ניט האַלטן; דער וועג צו זיי ווערט פריי פאַרן שונא, וואָס ווייסט ניט פון רחמנות.

אַזוי איז דאָס געווען ביי יעדן אומגליק, ביי יעדער איבערקערעניש, וואָס איז פאָרגעקומען אין יענעם געגנט, וואָס אין אוקראַינע.

***

נאָך אינם יאָר 1648, אין די צייטן, וואָס זיינען אין דער יידישער געשיכטע באַקאַנט ווי די גזירות ת"ח ות"ט, איז אין טולטשין געווען איינע פון די גרעסטע שחיטות אויף יידן. דאָס איז געווען דאַן ווען באַגדאַן כמיעלניצקי האָט אָנגע־פירט דעם אויפשטאַנד פון די אוקראַינישע קאָזאַקן און פויערים קעגן די פוילישע פריצים, וועלכע זיינען דעמאָלט געווען די הערשער פון אוקראַינע. דאָס איז געווען אַ קאַמף ניט נאָר צווישן אונטערדריקטע און אונטערדריקער, נאָר אויך צווישן צוויי גלויבנס, וואָס האָבן איינע די אַנדערע געוואָלט באַהערשן — צווישן דער קאַטוילישער קירכע און דער פּראַוואָסלאַוונער. און ווייל די לאַגע איז דאַן געווען אַזאַ, אַז די יידן זיינען געשטאַנען אינמיטן, זיינען זיי געווען די ערשטע אויפן פייער און כמעליצקיס באַנדעס האָבן אויף זיי דעם גאַנצן צאָרן אויסגע־גאָסן. און ווי ס'ווערט אָנגעגעבן אין דער געשיכטע זיינען אין די יאָרן פון די גזירות ת"ח ות"ט חרוב געוואָרן זיבן הונדערט און פיר און פערציק יידישע

קהילות און ס׳זיינען אויסגעשאָכטן געוואָרן זעקס הונדערט און פופציק טויזנט ייִדן. *)

צווישן די קהילות, וואָס זיינען דאַן חרוב געוואָרן און וואו ס׳איז פאָרגעקומען איינע פון די שרעקלעכסטע שחיטות אויף ייִדן, איז אויך געווען די שטאָט טולטשין. און די איינצלהייטן פון יענער שחיטה זיינען פאַרשריבן אין דעם ספר „יון־מצולה“ פון ר׳ נתן־נטע האַנאָווער, וועלכער האָט געלעבט אין יענער צייט.

טולטשין איז שוין דאַן געווען אַ גרויסע שטאָט מיט אַ שטאַרקער פעסטונג און אַהין זיינען זיך אָנגעלאָפן אַ סך ייִדן פון די אַרומיקע שטעטלעך זיך צו באַשיצן, ווייל זיי האָבן געהערט, אַז כמעלניצקי האָט אַהין געשיקט דעם צורר מאַקסים קריוואָנאָס מיט אַ מחנה, צו נעמען נקמה אין די פּאָליאַקן און אין די ייִדן.

אין טולטשין האָבן די ייִדן אויסגעקליבן צווישן זיך צוויי טויזנט מאַן, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט גבורה און מוט, און אינאיינעם מיט די פּוילישע זעלנער, וואָס זיינען דאָרט געווען, האָבן זיי זיך העלדיש געשלאָגן און ניט דערלאָזט קריוואָנאָסן און זיינע מחנות צו דער פעסטונג. „ייִדן זיינען אַרויס באַוואָפנטע מיט כלערליי כלי־זיין“, — דערציילט ר׳ נתן־נטע האַנאָווער. און אויפן מויער זיינען געשטאַנען ייִדן און פּוילישע פּריצים און ווי נאָר די יוונים (אַזוי רופט דער מחבר כמעלניצקיס קאָזאַקן) פלעגן צוקומען נאָענט צו דער פעסטונג, האָט מען פונם מויער אַראָפּגעשאָסן אויף זיי מיט פיילן און ביקסן און אויסגעהרגעט אַ סך פון זיי. און די יוונים זיינען אַנטלאָפן געוואָרן פאַר די ייִדן, און די ייִדן האָבן זיך געשטאַרקט און האָבן זיי נאָכגעיאָגט און אויסגעהרגעט פון זיי עטלעכע הונדערט מאַן“.

נאָך איידער קריוואָנאָס איז מיט זיינע מחנות צוגעקומען צו די טויערן פון דער שטאָט טולטשין, האָבן די ייִדן און די פּאָליאַקן דאָרט געשלאָסן אַ בונד צווישן זיך, צו שטיין אינאיינעם ביז מ׳וועט דעם שונא פאַרטרייבן. ביידע צדדים האָבן געגעבן אַ שבועה, אַז זיי וועלן דעם בונד האַלטן. אָבער ווען קריוואָנאָס האָט געזען, אַז ער קען די פעסטונג פון טולטשין ניט נעמען, האָט ער צוגעשיקט

---

*) אַזאַ צאָל גיט אָן דר. שמעון בערנפעלד, אין זיין „ספר הדמעות“, דריטער באַנד, ז׳ 111, און ער פאַררופט זיך דערביי אויף אַן אַלטער רשימה. אַנדערע היסטאָריקער אָבער האַלטן, אַז די צאָל פון די אומגעקומענע ייִדן האָט אין יענער צייט ניט געקענט זיין אַזוי גרויס ווי זעקס הונדערט און פופציק טויזנט. לויט ר׳ שבתי כהן, זיינען אין די יאָרן פון ת״ח ות״ט אומגעקומען הונדערט טויזנט ייִדן. עס איז אָבער פאַראַן אַ גרונט צו גלויבן, אַז די צאָל איז געווען אַ סך גרעסער ווי הונדערט טויזנט. בכלל איז שווער פעסטצושטעלן גענוי די צאָל פון די ייִדישע קרבנות אין די כמעלניצקי־שחיטות.

אַ שליח צום פּוילישן גראַף טשוועטשינסקי, דעם עלטסטן פון די פּריצים, אַז אויב מען וועט איבערגעבן אין זיינע הענט די יידן פון טולטשין, גיט ער זיין וואָרט אַז מ׳וועט די פּאָליאַקן ניט טשעפּען און מ׳וועט זיי לאָזן לעבן; און דער פּוילישער גראַף טשוועטשינסקי האָט געבראָכן די שבועה, וואָס ער האָט געגעבן; ער האָט די יידן פאַרראַטן, און מאַכנדיק דעם פרומען אָנשטעל, אַז ער איז קיין שלעכטס ניט אויסן, האָט ער מיט גוטע ריידעלעך צו זיי געזאָגט, אַז זיי זאָלן אַוועקלייגן דאָס געווער אויף איין אָרט און עס דאָרט לאָזן ליגן, ביז ער וועט זיי ווידער הייסן זיך באַוואָפענען.

די יידן אין טולטשין, האָבן פאַרשטאַנען די פאַלשקייט פון די פּאָליאַקן און זיי זיינען געווען גרייט זיי אויסצוהרגענען. זיי וואָלטן דאָס געווען געקאָנט טאָן אויך, ווייל זיי זיינען געווען גרעסער אין צאָל. אָבער דער אַלטער ר׳ אהרן, דער ראש־ישיבה פון טולטשין, האָט זיי דאָס ניט געלאָזט טאָן. ער האָט מורא געהאַט, אַז אויב די יידן וועלן אויסהרגענען די פּוילישע פּריצים, וועט איבער דעם דער צאָרן ווערן נאָך גרעסער, און איבער גאַנץ אוקראַינע און פּוילן וועלן שוין ניט נאָר די אוקראַינער קאָזאַקן, נאָר אויך די פּאָליאַקן הרגענען יידן אומעטום און ס׳וועט אין ערגעץ ניט זיין ווער עס זאָל זיי באַשיצן.

„אויב ס׳איז אַ גזירה פון הימל, — האָט דער פרומער רבי אהרן טולטשינער געזאָגט, — איז לאָמיר אין פריידן נעמען אויף זיך די שטראָף!“

ווען קריוואָנאָס און זיינע מחנות זיינען אַריין קיין טולטשין, זיינען שוין אַלע יידן דאָרט געווען פאַרשפּאַרט אין אַ גאָרטן, וואָס די פּאָליאַקן האָבן פאַרשלאָסן פון אַלע זייטן, מ׳זאָל פון דאָרט ניט קענען אַנטלויפן. און דאַן איז אַן עלטסטער פון קריוואָנאָסעס מחנות אַריינגעקומען אַהין און אַריינשטעקנדיק אַ פאָן אין דער ערד, האָט ער אויסגעשריען אויפן קול:

„ווער ס׳וויל זיך שמדן און בלייבן לעבן, זאָל צוקומען אַהער און זיך אַוועקזעצן דאָ ביי דער פאָן!“

דריי מאָל האָט ער דאָס זעלבע אויסגערופן אויפן קול, אָבער קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופן. צווישן די עטלעכע טויזנט יידן, וואָס מ׳האָט אינם טולטשינער גאָרטן פאַרשפּאַרט, האָט זיך ניט געפונען קיין איינער, וואָס זאָל וועלן בייטן זיין גלויבן אַבי דערמיט דאָס לעבן צו ראַטעווען. און דאַן האָט דער עלטסטער געעפנט דעם טויער פון גאָרטן, און „די קאָזאַקן זיינען אַריין מיט גרימצאָרן און האָבן אויסגעשאָכטן אַן ערך פון פופצן הונדערט נפשות מיט אַלערליי מיתות משונות, וואָס זיינען נאָר דאָ אויף דער וועלט“.

פופצן הונדערט יידן אין איין שטאָט און אין איין טאָג!

אַזאַ צאָל גיט אָן ר׳ נתן־נטע האַנאָווער, שרייבנדיק וועגן יענער שרעקלעכער שחיטה אין טולטשין. און אויף אַן אַנדער אָרט, אין דער הקדמה צו די

סליחות פונם גאון ר׳ שבתי כהן, וואָס איז באַקאַנט ווי דער בעל הש״ך, ווערט די צאָל פון די יידישע קדושים אין טולטשין אָנגעגעבן דריי טויזנט.

ערשט נאָכדעם ווי דער בלוטיקער פאַרברעכן איז שוין געווען אָפּגעטאָן, האָבן די פּוילישע פּריצים אין טולטשין זיך געכאַפּט, אַז מיט דעם וואָס זיי האָבן פאַרראַטן די יידן און געבראָכן דעם אָפּמאַך מיט זיי, האָבן זיי אויף זיך אַליין אויך אַן אומגליק געבראַכט. קריוואָנאָס האָט זיך אויסגעלאַכט פון דעם וואָס ער האָט דעם גראַף טשווערטשינסקי געגעבן אַ וואָרט, אַז ער וועט די פּוילישע פּריצים ניט טשעפּען נאָכדעם ווי מ׳וועט אין זיינע הענט איבערגעבן די יידן. ער איז מיט דעם גאָר אויסן געווען אָפּצושוואַכן די פאַראייניקטע כוחות פון די, וואָס האָבן זיך אים געשטעלט אַנטקעגן. און ווי נאָר דאָס האָט זיך אים איינגעגעבן, האָט ער זיך מיט זיינע מחנות אַרויפגעוואָרפן אויף די פּאָליאַקן און אויסגע־הרגעט אַ סך פון זיי, און מער ווי אין אַלע אַנדערע האָט ער זיך נוקם געווען אָן דעם גראַף טשווערטשינסקי. די אוקראַאינער קאָזאַקן פון קריוואָנאָסעס מחנה האָבן אים פאַרן טויט לאַנג געפּייניקט און נאָכדעם האָבן זיי אים מיט אַ זעג אָפּגעשניטן דעם קאָפּ אויפן שוועל פון דער שטוב.

מיט זיין פאַרברעכן האָט ער אויף זיך אַליין די שטראָף געבראַכט...

אויך קריוואָנאָס אַליין האָט אַ טרויעריקן און וויסטן סוף געהאַט. נאָכדעם ווי דער אויפשטאַנד האָט זיך איינגעשטילט און כמעלניצקי האָט געמאַכט שלום מיט די פּוילישע פּריצים, האָבן די אוקראַאינער אַליין קריוואָנאָסן דערהרגעט. קיין איינצלהייטן אָבער וועגן זיין טויט זיינען נישטאָ, און ס׳איז פאַראַן אַ גרונט צו גלויבן, אַז כמעלניצקי אַליין האָט אפשר גאָר געהאַט אַ האַנט אין דעם; דער העטמאַן האָט געקוקט קרום דערויף וואָס אין דער פירערשאַפט פון דעם אויפ־שטאַנד רוקט זיך אַרויס נאָך איינער, וואָס שפּילט אַ גרויסע ראָלע און ער האָט אַוודאי געזוכט אַ געלעגנהייט ווי אַזוי פון אים פּטור צו ווערן, און ווען אַזאַ געלעגנהייט איז געקומען, האָט ער זי אַוודאי אויסגענוצט...

אין דער געשיכטע פון די יידן אין אוקראַאינע איז קריוואָנאָס פאַרבליבן דער „בלוטיקער רוצח פון טולטשין״, און אין אַלטע ספרים, וואָס מ׳האָט אָנגע־שריבן אין יענער צייט, ווערט זיין נאָמען קיינמאָל ניט דערמאָנט אָן אַ „ימח שמו וזכרו״. ביי די אוקראַאינער אָבער איז ער געבליבן אַ „נאַציאָנאַלער העלד״, און ווען זיי שרייבן וועגן אים, שטעלן זיי זיך ווייניק אָפּ אויף די שחיטות, וואָס ער האָט געמאַכט אויף יידן, נאָר דער עיקר דערויף וואָס ער איז געווען אַ פירער אין דעם אויפשטאַנד פון די אוקראַאינער קאָזאַקן און פּויערים קעגן די פּוילישע פּריצים. זיי רופן אים „דער גרעסטער פירער פון דעם פּויערישן קריג אין אוקראַאינע״, זיי שרייבן אויך, אַז ער האָט „אַמשאַרפסטן אויסגעדריקט די אינטערעסן פון די פּויערים, וואָס האָבן דעם אויפשטאַנד געמאַכט״. און

ס׳פאַרדריסטווירקלעך וואָס אויך צווישן יידן געפינען זיך אַזעלכע „אָביעקטיווע״ און „אומפּאַרטייאישע״ פאָרשער פון געשיכטע, וואָס קענען, שרייבנדיק וועגן די צייטן פון גזירות ת״ח ות״ט, זאָגן אַז „קריוואָנאָס איז דער רעפּרעזענטאַנט פון די ראַדיקאַלע עלעמענטן אין כמעלניצקיס אַרמײ״, און אַז ער האָט „מיט זיך רעפּרעזענטירט די סטיכיע פון דער פּויערישער רעוואָלוציע״...*)

פאַראַן ביי אונדז אַזעלכע „אָביעקטיווע״ היסטאָריקער. זיי ווייזן זייער „אומפּאַרטייאישקייט״ דערמיט, וואָס זיי נעמען פּאַרטיקן דאָס וואָס זיי געפינען אין אַנטיסעמיטישע ביכלעך.

אַפילו דעם בלבול, אַז יידן אין אוקראַינע האָבן ביי די פּוילישע פּריצים גענומען אין אַרענדע די פּראַוואָסלאַוונע קלויסטערס און די פּויערים אין די דערפער האָבן ניט געקענט טויפן זייערע קינדער אָן דער דערלויבעניש פונם יידישן אַרענדאַר — אַפילו דאָס האָבן געוויסע „אָביעקטיווע״ היסטאָריקער אונדזערע אָנגענומען פאַר אַ היסטאָרישן פאַקט און דערמיט געפּרואווט דערקלערן דעם צאָרן פון די פּראַוואָסלאַוונע פּויערים קעגן די יידן אין די יאָרן פון 1648 און 1649, כאָטש אַזעלכע ערנסטע פאָרשער ווי איוואַן פראַנקאָ און קאַמאַנין לייקענען דאָס לחלוטין אָפּ. קאַמאַנין שרייבט בפירוש, אַז „ביז איצט איז ניט געפונען געוואָרן קיין איין דאָקומענטאַלער באַווייז, אַז יידן האָבן געהאַלטן די קלויסטערס אין אַרענדע״.

אויך גרעטץ האָט אָנגענומען די לעגענדע וועגן זיי קלויסטערס. ער שרייבט וועגן דעם ווי דאָס וואָלט געווען אַ פעסטגעשטעלטער היסטאָרישער פאַקט **) און דובנאָוו דערקלערט דעם טעות דערמיט וואָס בעת גרעטץ האָט דאָס געשריבן, זיינען נאָך ניט געווען קיין ניי אויסגעפאָרשטע מאַטעריאַלן וועגן דעם און ער האָט זיך דעריבער באַנוצט מיט פאַרעלטערטע קוואַלן און זיך צופיל פאַרלאָזט אויף דעם רוסישן היסטאָריקער ניקאָלאַי קאָסטאַמאַראָוו, וועמעס ווערק ער האָט געלייענט אין אַ פראַנצויזישער איבערזעצונג.

נאָך דעם חורבן פון 1648, זיינען אַוועק יאָרן און יאָרן און טולטשין האָט זיך אַלץ ניט געקענט אויפבויען צוריק. און שפּעטער, ווען די שטאָט האָט זיך ווידער צוריק אויפגעבויט און יידן האָבן דאָרטן זייער לעבן איינגעאָרדנט, האָט אינם יאָר 1743 אויסגעבראָכן אַ נייער אויפשטאַנד פון די אוקראַינישע פּויערים קעגן די פּוילישע פּריצים. דאָס איז געווען דער אויפשטאַנד פון די האַידאַמאַקעס, און ווי געוויינלעך איז דאָס אויסגעגאַנגען צו די קעפּ פון די יידן, און די שטאָט טולטשין איז ניט אויסגעלאָזט געוואָרן. דאַן זיינען ווידער

*) זע ד״ר יעקב שאַצקיס ווערק „גזרות ת״ח״, זז׳ 75 און 77.

**) דברי ימי ישראל (שאול פנחס ראַבינאָוויצעס העברעאישע איבער־זעצונג) באַנד 8, ז׳ 127.

אַוועק עטלעכע יאָר, און ווען טולטשין האָט זיך נאָך אַמאָל אָנגעהויבן אויפ־בויען, האָט זיך אין אוקראַינע ווידער צעפלאַקערט אַן אויפשטאַנד פון די פויערים קעגן די פוילישע פריצים. דאָס איז געווען אינם יאָר 1768, ווען גאַנטעס האַידאַמאַקעס האָבן אין דער שטאָט אומאַן געמאַכט די שרעקלעכע שחיטה אויף יידן. אויך אויף טולטשין האָט זיך דעמאָלט אויסגעגאָסן דער צאָרן און די שטאָט איז ווידער חרוב געוואָרן.

אַזוי איז דאָס געגאַנגען אין פאַרלויף פון דורות און דורות. אַלע מאָל איז געשען אַן אַנדער אומגליק, וואָס האָט אָפּגעשטעלט דאָס וואַקסן פון דער שטאָט, וואָס האָט זיך מיט אַלע כוחות געריסן צו זיין גרויס. ביז די לעצטע צייטן אַזוי — אויפשטאַנדן, מלחמות, פּאָגראָמען, איבערקערענישן. און אַלע מאָל, ווען דער אימפּעט פון לעבן האָט זיך אין טולטשין אָפּגעשטעלט, און די איינגעזעסענע האָבן פון דאָרט אָנגעהויבן לויפן זיך ראַטעווען ערגעץ אַנדערש, זיינען די אַלע קליינע יידישע שטעטלעך אַרום איר, די וואָס ליגן אין די טאָלן און אויף וועלכע מ׳זאָגט, אַז זיי „שטייען אין דרויסן“, געבליבן נאָך מער פאַריתומט און ס׳איז געווען אַ גאַנץ רחמנות צו קוקן אויף זיי...

יתומים אָן אַ מאַמע...

מ׳איז געבליבן אָן אַ גרעסערער שטאָט, אַ נאָענטער, וואוהין מ׳קען מיט אַ וואָגן פאָרן נאָך סחורה און טאַקע באַלד ברענגען די סחורה מיט זיך. ס׳איז מער נאָענט ניט געווען קיין גרעסערע שטאָט, פון וואַנען מ׳קען אויף שנעל ברענגען אַזעלכע נויטיקע זאַכן, וואָס מ׳קען אין קליינעם שטעטל ניט קריגן, און חלילה אין אַ נויט, ווען אימיצער איז געווען אַזוי קראַנק, אַז דער רופא און דער פעלדשער האָבן אים שוין ניט געקענט העלפן, האָט מען מער ניט געקענט זאָגן, אַז מ׳וועט זיך מיטן חולה „אַריבערכאַפּן קיין טולטשין און הערן וואָס די דאָקטוירים דאָרט האָבן דערויף צו זאָגן“.

אָן טולטשין האָט דער דופק פון לעבן ניט אין איין קליין שטעטל אויפגע־הערט קלאַפּן...

***

אָבער כאָטש טולטשין האָט אַזוי פיל אומגליקן אַריבערגעטראָגן אין די אַלע יאָרן וואָס זי עקזיסטירט, האָט דאָרטן שטענדיק דאָך ווי פון אַ קוואַל געשלאָגן אַ יידיש לעבן, וואָס איז רייך אין פאַרבן און קאָלירן. עס זיינען אין טולטשין געווען יידן, וואָס האָבן געקענט גוט לערנען, און ס׳איז דאָרט אויך געווען אַ הייכטוועלטיקע פיינע יידישע אינטעליגענץ, וואָס האָט זיך אינטערעסירט מיט אַלץ, וואָס עס קומט נאָר פאָר אינם יידישן לעבן אויף דער גאַנצער וועלט. די וויכטיקסטע צייטשריפטן, וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט יידישע פראַגן, סיי

אַזוינע, וואָס זיינען אַרויסגעגאַנגען אויף יידיש און העברעאיש, און סיי אַזעלכע, וואָס זיינען אַרויס אויף רוסיש, האָבן אין טולטשין זייערע געטרייע לעזער גע־האַט, און אין די זומערדיקע אויפדערנאַכטן, ווען די אַקאַציע האָט זיך צעבליט, אָדער אין די ווינטערדיקע אויפדערנאַכטן, ווען דער שניי האָט געסקריפּעט אונ־טער די פיס, האָט מען אויף דער ברייטער גאַס, וואו פון איין זייט שטייט דער גרויסער „סטוּפ״ און פון דער אַנדערער זייט דער קליינער „סטוּפ״, געקענט זען ווי פּאָרלעך און גרופּעס שפּאַצירן הין און צוריק און „ראַזביראַיען״ די וויכ־טיקסטע אַרטיקלען, וואָס זיי האָבן אין יענע סאָלידע צייטשריפטן געלייענט און דעבאַטירן וועגן די וויכטיקסטע געשעענישן אין יידישן לעבן.

דער „סטוּפּ״ איז געווען דער צענטער, וואו די יידישע יונגוואַרג פון טולטשין האָט זיך אין די אָוונטן געטראָפן. מ׳האָט געמעגט אויסגיין די גאַנצע שטאָט אַרום און אַרום און זיך אַפילו לאָזן גיין ווייטער מיט די פעלדער, וואָס ציען זיך אַוועק פון די קאַזאַרמעס, וואו ס׳שטייט דער קאַוואַלעריע־פּאָלק און וואו דער באַרימטער דעקאַבריסט פעסטעל איז אַמאָל געווען אַ פּאָלקאָווניק, האָט עס נאָך אַלץ ניט געהייסן, אַז מ׳איז ערגעץ צוגעקומען, אַז מ׳איז צו עפּעס דערגאַנגען. ערשט ווען מ׳איז צוגעקומען צום „סטוּפּ״, האָט ס׳געהייסן, אַז מען האָט דערגרייכט אַ ציל און אַז איצט קען מען ווירקלעך זאָגן, אַז מ׳איז ערגעץ געווען און אַז דער אָוונט איז ניט אַוועק גלאַט אַזוי.

אַרום „סטוּפּ״ האָט מען אין טולטשין אַרומגערעדט אַלערליי וויכטיקע פּראָבלעמען — יידישע און וועלטלעכע; דאָרט האָט מען זיך היציק געשפּאַרט וועגן דעם וועלכע פון די פּאַרטייען ס׳גייט אויפן ריכטיקן וועג — די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, די בונדיסטן, די פּועלי־ציון, אָדער די ציוניסטן; דאָרט האָט מען זיך געאַמפּערט וועגן דעם צי רוסלאַנד איז שוין גרייט פאַר אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע, אָדער ניט, און דאָרט האָבן יידן שמחת־תורה געזונגען פריילעך:

„אוי, וואָס מיר זיינען, זיינען מיר,
אָבער יידן זיינען מיר.
אוי, וואָס מיר טוען, טוען מיר,
אָבער אתרוג בענטשן מיר.״

דער זעלבער „סטוּפּ״, וואָס איז אין די אָוונטן געווען דער צענטער פון פּאָליטישע דיסקוסיעס, וואָס האָבן זיך מערסטנטיילס געדרייט אַרום דעם צי דאָס וועט זיין גוט פאַר יידן, צי ניין, איז בייטאָג געווען דער צענטער, וואו ס׳זיינען זיך צונויפגעקומען די טולטשינער בעלי־עגלות, אַלע — געזונטע, פעסט־געבויטע און שטאַרקע יידן, וואָס ווען מ׳האָט זיי נאָר דערזען און וואו נאָר

מ׳האָט זייער קול דערהערט, האָט זיך געדוכט, אַז זיי האָבן מער ווי אַלע אַנדערע אויפגעכאַפּט דעם גאַנצן אימפּעט פון דער שטאָט. דאָרט, ביים „סטופּ“, האָבן זיי זיך אויסגעשטעלט מיט זייערע פאַיעטאָנען און בריטשקעס און מיט די לאַנגע בייטשן, און ווי ס׳איז צו זיי נאָר צוגעקומען אַ פּאַסאַזשיר, האָט אים יעדער איינער צו זיך געריסן:

— העי, פּעטער, איר דאַרפט פאָרן צום „שעסטאָי“ קיין זשוראַווליווקע צום וואָקזאַל? זעצט זיך אַריין אַהער!

— העי, רב ייד, פאָרט ניט מיט אים; ס׳וועט אייך אַרויסטרייסלען די קישקעס... אין מיין בריטשקע זעצט זיך אַריין!...

מ׳האָט געקענט מיינען, אַז זיי רייסן זיך אַרום צווישן זיך, די טולטשינער יידישע בעלי־עגלות. אָבער אין דער אמתן האָבן זיי צווישן זיך געלעבט בשלום. ס׳זיינען אין טולטשין כמעט אַלע מאָל געווען גענוג פּאַסאַזשירן צו פאָרן צום „שעסטאָי“, אייגענע און פרעמדע פּאַסאַזשירן, און ווען אַלע בריטשקעס און פאַיעטאָנען האָבן זיך געגעבן אַ לאָז אַרויס אויפן וועג קיין זשוראַווליווקע, און די גלעקער אַרום די העלדזער פון די פערד האָבן זיך צעקלונגען, האָט מען געקענט הערן ווי אַלע מאָל שרייט אַן אַנדער בעל־עגלה אויס פריילעך אויפן קול:

— העי, וויאָ, גוטע פערד!...

— העי, וויאָ, אַ רוח אין אייער טאַטנס טאַטן אַריין!...

טולטשין איז געווען אַ חסידישע שטאָט. אַמאָל האָט דאָרט געוואוינט דעם בעל־שם־טובס אייניקל ר׳ ברוכל, וועמען מ׳האָט גערופן „דער טולטשינער פּרינץ“, און מיט אַ סך יאָרן שפּעטער האָט זיך דאָרט באַזעצט דער טאַלנער רבי און די חסידים פון די אַרומיקע שטעטלעך זיינען צו אים געפאָרן, און דאָס האָט אַריינגעטראָגן אַ נייעם שטראָם פון חסידישער באַגייסטערונג אין דער שטאָט. אָבער אויך פריער האָט דאָרט קיין חסידישע באַגייסטערונג ניט אויסגעפעלט, ווייל טולטשין איז ניט ווייט פון בראַצלאַוו, וואו ס׳האָט אַמאָל געלעבט און געווירקט דער גרויסער חסידישער רבי ר׳ נחמן בראַצלאַווער, און די ווירקונג פון ר׳ נחמנען האָט זיך דורות־לאַנג געפילט אין טולטשין ניט ווייניקער ווי אין אַנדערע שטעט און מ׳האָט דאָרטן נאָך שטיקלעך פון זיינע ניגונים געזונגען און מעשיות פון אים דערציילט.

לעבעדיקער און טומלדיקער ווי אַלעמאָל פלעגט אין טולטשין זיין יעדער יאָר, ווען ס׳האָט זיך דאָרט אָנגעהויבן דער פּריזיוו. פון אַ סך שטעטלעך און דערפלעך אַרום און אַרום האָט מען זיך געדאַרפט שטעלן צום פּריזיוו אין טולטשין. אויך איך בין דאָרט צום פּריזיוו געשטאַנען.

און וואָס האָט זיך דען ניט אָפּגעטאָן אין יענער צייט, ווען מ׳איז קיין טולטשין

צום פּריזיוו געקומען! אַלע אַכסניות און אַלע הייזער זיינען געווען פול; אַרום דער „פּריסוטסטווע״, וואו מ׳האָט די יונגע פּריזיוויקעס באַקוקט, האָט געקאָכט ווי אין אַ קעסל, ווייל יעדער פּריזיוונִיק האָט מיט זיך געבראַכט נאָענטע פון דער משפּחה און אַלע זיינען געשטאַנען אין דרויסן און האָבן געוואַרט; דאָ האָט מען געוויינט און דאָרט האָט מען זיך געפרייט; אויף די גאַסן האָבן „אָפּגעגעבענע״ פּריזיוויקעס, וועלכע האָבן זיך אָנגעשיכורט פאַר צרות, געזונגען אוקראַיִנישע לידער און זיך געריסן די העלדזער. אין די שולן זיינען געזעסן פרומע יידן און געזאָגט תהילים און געבעטן גאָט, אַז זייערע קינדער זאָלן ניט אַריינפאַלן „אין גוישע הענט״. אומעטום האָט מען גערעדט וועגן ערשטע ליגאָטעס און צווייטע ליגאָטעס, וועגן ווייסע בילעטן און בלויע בילעטן, און דער עיקר — וועגן דעם טולטשינער „וואָינסקי נאַטשאַלניק״ — איז ער אַ „גוטער גוי״, וואָס נעמט יאָ אַ קערבל צו טאָן אַ יידן אַ טובה, אָדער ער איז אַ „שלעכטער גוי״, אַ רשע, וואָס וועט אַפילו פאַר כל הון דעלמא קיין יידן קיין טובה ניט טאָן...

יעדער איינער, וואָס האָט נאָר דעם טולטשינער „וואָינסקי נאַטשאַלניק״ אַמאָל געזען פון דערווייטנס, אָדער גערעדט מיט דעם סאָלדאַט, וואָס פוצט אים די שטיוול, האָט וועגן אים אַן אַנדער מעשה דערציילט, און ניט נאָר אין טולטשין, נאָר אויך אין די יידישע שטעטלעך, וואָס אַרום טולטשין, האָבן יידישע נייטאָרינס ביי דער אַרבעט, מיט אַ טרויעריקן ניגון, געזונגען די באַקאַנטע ליד, וואָס האָט זיך אַזוי גוט געפּאַסט פאַר יענער צייט:

„און אַז דו פאָרסט אַוועק פון מיר,
אוי, טייער לעבן מיינס,
פאָרן פאָרסטו זיך צו דעם פּריזיוו שטע־ע־לן.
אוי, פאָרן פאָרסטו זיך צו דעם פּריזיוו שטע־ע־לן.
בעטן וועל איך גאָט פאַר דיר,
אוי, טייער לעבן מיינס,
דו זאָלסט דעם וואָינסקי נאַטשאַלניק ניט געפע־ע־לן...״

אַלץ האָט זיך געדרייט אַרום דעם פּריזיוו אין טולטשין, און מ׳קען זאָגן, אַז ווייל דאָרט האָט מען זיך פון אַזוי פיל שטעט געדאַרפט שטעלן צום פּריזיוו אין די צייטן ווען אין רוסלאַנד האָבן נאָך געהערשט די צאַרן, וואָס האָבן יידן ניט געגעבן קיין רעכט, האָט מען אין קיין אַנדער שטאָט פון יענעם געגנט אַזוי פיל ניט גערעדט וועגן פאָרן קיין אַמעריקע ווי אין טולטשין...

ניט נאָר גערעדט, נאָר טאַקע געפאָרן.

אַזוי נאָך יעדן פּריזיוו: פון טולטשין קיין אַמעריקע!...

די שטאָט, וואו יידן זיינען אַמאָל געגאַנגען אויף קידוש־השם אין די

צייטן פון כמעלניצקי און גאָנטע און אויך אין די צייטן פון די רוסישע צאַרן, האָט צוגעשטעלט פאַר אַמעריקע טויזנטער און טויזנטער גוטע און געטרייע בירגער, וואָס ווייסן ווי צו שעצן פרייהייט...

אַ סך טרויעריקע לידער האָט מען אין טולטשין געקענט הערן צווישן די יידישע פריזיוווניקעס. לידער וועגן דעם שווערן לעבן אין דער רוסישער קאַזאַרמע. אין איין ליד, וואו ס׳איז אויסגערעכנט געוואָרן אַ גאַנץ צעטל פון די צרות, וואָס יידישע סאָלדאַטן טראָגן אַריבער, האָט געהאַט אַ צוזינג נאָך יעדן פערז:

„נו, פרעג איך דיך, גאָטעניו, צי איז דאָס גלייך\
און ווי קען דאָס דען אַ מענטש אַריבערטראָגן?\
ענטפער־זשע מיר, גאָטעניו, אויף דער זאַך,\
צי זאָל איך קיין אַמעריקע זיך יאָגן?...״

און צווישן די פאַרשיידענערליי טיפּן, וואָס האָבן צוגעגעבן דער שטאָט אַ געוויסע אייגנאַרטיקייט, איז אין טולטשין געווען איינער מיטן נאָמען אברהם פּטיעפּטיע...

אַזוי האָט מען אים גערופן. מ׳האָט דערציילט, אַז געגעבן דעם צונאָמען האָט מען אים דערפאַר וואָס ער איז אַמאָל געווען אַ סאָלדאַט און נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעדינט עטלעכע יאָר, האָט ער נאָך אַלץ ניט געקענט אַרויסרעדן קלאָר דעם רוסישן נאָמען פון זיין פּאָלק, און אַלע מאָל ווען מ׳האָט דאָס ביי אים געפרעגט, האָט ער אין זיין ענטפער געשלונגען די רוסישע ווערטער עפּעס אויף אַזאַ שטייגער, אַז ס׳האָט געקלונגען ווי „פּטיע־פּטיע־פּטיע״ און דערפאַר האָבן אים די פריזיוווניקעס געגעבן אַזאַ צונאָמען...

און ער, דער דאָזיקער ר׳ אברהם, אַ פּשוטער ייד, אָבער זייער אַן ערלעכער, האָט אויף די עלטערע יאָרן גענומען אויף זיך די שליחות צו דערמאָנען די לעבעדיקע אָן די טויטע...

ער האָט דאָס געהאַלטן פאַר אַ גרויסער מצוה און מקיים געווען די מצוה האָט ער אויף זיין אייגענעם שטייגער:

אַלעמאָל, ווען ס׳איז אין טולטשין געשטאָרבן אַ ייד, האָט ר׳ אברהם זיך גלייך געלאָזט גיין איבער די גאַסן און געסלעך פון דער שטאָט און גייענדיק, האָט ער געזיפצט...

יעדער זיפץ זיינער איז געקומען פון דער טיפעניש פון האַרצן. קיינער האָט ניט געקענט זיפצן אַזוי ווי ער. און מ׳האָט שוין געוואוסט, אַז ווען ר׳ אברהם גייט איבער די גאַסן און זיפצט, דאַרף מען אים פרעגן ווער ס׳איז געשטאָרבן אין שטאָט...

מ׳האָט דאָס ביי איך געמוזט פרעגן. און אויב אימיצער האָט דאָס ניט געפרעגט, איז ר׳ אברהם געוואָרן בייז:

— העי דו, ס׳אַרט דיך גאָרניט וואָס אַ ייד איז געשטאָרבן?!...

און ער האָט ניט געלאָזט גיין ווייטער ביז מ׳האָט ניט אָפּגעזאָגט מיט פרומער כוונה: „ברוך דיין האמת...״

ער איז געווען זיכער, דער פּשוטער און ערלעכער ר׳ אברהם, אַז דאָס לעבן פון איטלעכן יידן באַזונדער איז זייער וויכטיק, און אַז ווען אַ ייד שטאַרבט, דאַרפן אַלע אים באַקלאָגן און אים באַגלייטן אויפן עולם האמת מיט דער ברכה „ברוך דיין האמת.״

אַ קליינינקייט עפּעס — אַ ייד!

און דאָס איז אפשר געווען סימבאָליש אין דער שטאָט פון קידוש־השם, אין דער שטאָט, וואו טויזנטער יידן, וועמעס נעמען מ׳האָט גאָר קיינמאָל אין ערגעץ ניט פאַרשריבן און אין ערגעץ ניט דערמאָנט, זיינען אויסגעשאָכטן געוואָרן ווי די שאָף און פאַרפּייניקט געוואָרן דורך כלערליי מיתות משונות אין די צייטן פון באָגדאַן כמעלניצקי, מאַקסים קריוואָנאָס, איוואַן גאָנטע און אַנדערע רוצחים...

נעמיראָוו

אַ קאַפּיטל קידוש־השם אין די יאָרן פון ת״ח ות״ט

עס איז שטענדיק געווען אָנגענומען, אַז צווישן די יידן אין אוקראַינע דאַרף מען זוכן אַ למדן ווי מיט ליכט און מ׳קען אַזוינס ניט געפינען אַפילו אויף אַ רפואה...

די עם־הארצות פון די אוקראַינער יידן האָט ממש געהאַט אַ שם אויף דער גאַנצער וועלט און מ׳האָט וועגן דעם אַן אַ שיעור אַנעקדאָטן דערציילט, און מיט די אַלע אַנעקדאָטן און וויציקע מעשהלעך איז מען אויסן געווען צו באַווייזן, אַז זיי, די עם־הארצים אין אוקראַינע, פאַרשטייען אַפילו ניט דעם פּירוש המילות ביים דאַווענען, אַז בכלל זיינען זיי זייער שטומפּיק אויף דער עברי און זיי דרייען איבער די ווערטער פון די תפילות אַזוי, אַז ס׳קומט גאָר אַרויס אַן אַנדער באַדייטונג; היינט ווער שמועסט נאָך ווען ס׳קומט צום אָפּריכטן דעם סדר! דאָ פאַרלירן זיי זיך שוין גאָר אינגאַנצן; ביים „דצ״ך עד״ש באח״ב״, וואָס זיינען די ראשי תיבות פון די צען מכות, מיט וועלכע גאָט האָט באַשטראָפט פּרעהן דערפאַר וואָס ער האָט ניט געוואָלט אַרויסלאָזן די יידן פון מצרים, שלינגען זיי די ווערטער ווי האַלישקעס און דערווערגן זיך שיעור ניט מיט זיי, און ווען ס׳קומט צום כל״ח, צו די ראשי תיבות פון „כי לעולם חסדו״, איז דער עם־הארץ אין אוקראַינע גאָר אינגאַנצן אַ פאַרלאָרענער...

וואָס האָט מען דען ניט דערציילט צו באַווייזן ווי גרויס ס׳איז די עם־הארצות צווישן די יידן אין אוקראַינע!

אָבער מ׳האָט אין דעם אַ היפּש ביסל איבערטריבן, ווי ס׳פּירט זיך געוויינלעך אין אַזאַ פאַל, און דאָס שטאַמט נאָך אַוודאי פון יענע צייטן, ווען די מתנגדים אין דער ליטע און די חסידים אין אוקראַינע האָבן זיך שטאַרק אַרומגעריסן צווישן זיך. די ליטווישע מתנגדים, וואָס האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט אַפילו פאַר אַזאַ זאַך ווי אַרויסרופן אַ חרם אויף די חסידים פונם בעל־שם־טוב, האָבן ניט ווייניק געהאָלפן אין דעם, אַז די אוקראַינער יידן זאָלן קריגן אַ שם פאַר די גרעסטע עם־הארצים אין דער וועלט...

אָבער אויב אַפילו ס׳איז אין דעם יאָ געווען אַ ביסל אמת, אָדער אפשר

מער ווי אַ ביסל, האָט זיך דאָס אָנגעהויבן ערשט נאָך די שוידערלעכע כמעל־ניצקי־שחיטות, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין די יאָרן פון 1648 און 1649, און וואָס זיינען באַקאַנט אין אונדזער געשיכטע ווי די גזירות ת״ח ות״ט. נאָך יענעם גרויסן חורבן, וואָס האָט אָפּגעווישט פון דער ערד עטלעכע הונדערט יידישע קהילות, האָט זיך צווישן די יידן אין אוקראַינע אָנגעהויבן אַ לעבן, וואָס האָט געשאַפן אַ באָדן פאַר עם־הארצות. פונקט אַזוי ווי ס'איז געווען מיט די יידן אין ארץ־ישראל נאָכן חורבן פונם ערשטן בית־המקדש ביז די צייטן, ווען עזרא הסופר האָט זיך אומגעקערט צוריק פונם גלות בבל און אויפגעדעקט פאַר די יידן די תורה, וואָס איז שוין געווען פאַרגעסן.

דאָס זעלבע איז געווען מיט די יידן אין אוקראַינע נאָך די שרעקלעכע כמעלניצקי־שחיטות. זיי האָבן פאַרגעסן אַ היפּש ביסל פון דער תורה, וואָס זייערע זיידעס און עלטער־זיידעס האָבן אַמאָל געלערנט און אָפּגעהיט, און זיי האָבן מער ניט געהאַט קיין גרויסע געלערנטע, וואָס זאָלן אויף זיי אַן איינפלוס פאַרשפּרייטן. פריער אָבער איז געווען אַנדערש; אין די יידישע קהילות פון אוקראַינע, און באַזונדערס אין דעם געגנט פון פּאָדאָליע, האָבן געלעבט און געווירקט גרויסע יידישע לומדים, וואָס האָבן געהאַט אַ שם און אויך אַן איינפלוס, און אין יענע צייטן איז די שטאָט נעמיראָוו געווען אַ צענטער פון תורה און חכמה און ס'האָבן דאָרט געלעבט און געווירקט לומדים, וועלכע האָבן געהאַט אַ שם אומעטום, וואו יידן געפינען זיך נאָר.

עס איז גענוג צו דערמאָנען, אַז נאָך מיט קנאַפּע צוויי צענדליק יאָר פאַר די כמעלניצקי־שחיטות, איז דער רב פון נעמיראָוו געווען דער גרויסער יידישער געלערנטער ר' יום־טוב ליפּמאַן־העלער, וואָס האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט זיין „תוספות יום־טוב", וואָס איז אַ פּירוש אויף דער משנה.

ר' יום־טוב ליפּמאַן־העלער איז אין יענער צייט געווען באַרימט ניט נאָר ווי איינער פון די גרעסטע געלערנטע רבנים, נאָר אויך ווי איינער, וואָס איז זייער אַקטיוו אינם געזעלשאַפטלעכן יידישן לעבן; ער איז פריער געווען רב אין אַזעלכע גרויסע שטעט ווי פּראַג און ניקעלסבורג. אויך אין ווין איז ער אַ לענגערע צייט געווען רב, און דאָרט האָט ער אַמאָל אַרויסגערופן דעם צאָרן פונם קיסר דערמיט וואָס ער האָט געשריבן גוטס וועגן דעם תלמוד; דאָס איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ פאַרברעכן, ווייל אויפן באַפעל פון די רוימישע פּויפּסטן האָט מען דאָך דעם תלמוד געדאַרפט פאַרברענען; ס'האָט שוין דאַן געהאַלטן ניט ווייט דערפון, אַז מ'זאָל דעם גרויסן רב פאַרמשפּטן צום טויט, ווייל מ'האָט אים באַשוולדיקט אין דעם, אַז דערמיט אַליין וואָס ער שרייבט גוטס וועגן דער גמרא, האָט ער באַליידיקט דעם קריסטנטום; אָבער ר' יום־טוב ליפּמאַן־העלער, וועלכער איז געווען אַ גרויסער קענער ניט נאָר אין יידישע לימודים, נאָר אויך אין

וועלטלעכע, האָט זיך אויף אַ גלענצנדן אופן פאַרטיידיקט; ער האָט שטאָלץ און מוטיק געזאָגט, אַז ער האָט אויפן קריסטנטום קיין שלעכטס ניט געשריבן און אַז ווייל ער איז אַ פירער ביי יידן, איז זיין פליכט צו באַשיצן און פאַרטיידיקן יידישקייט אין אַלץ וואָס ער שרייבט.

פון דעם אַליין וואָס נעמיראָוו האָט געקענט אַנשטעלן אַזאַ גרויסן יידישן געלערנטן ווי רבי יום־טוב ליפּמאַן־העלער, פאַר אַ רב אין שטאָט, און אויך פון דעם וואָס ער האָט דאָס אָנגענומען, איז קלאָר, אַז נאָך אין יענער צייט, מיט איבער דריי הונדערט יאָר צוריק, איז שוין אין נעמיראָוו געווען אַ גרויסע יידישע קהילה און אַז ס׳איז דאָרט געווען אַ צענטער פון לומדים און פון וויכטיקער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט אינם יידישן לעבן. אַנדערש קען מען זיך ניט פאָרשטעלן, אַז אַזאַ ענערגישער מענטש, ווי דער גרויסער געלערנטער רב ר׳ יום־טוב ליפּמאַן־העלער זאָל גאָר האָבן דעם חשק זיך דאָרט צו באַזעצן, נאָכדעם ווי ער איז געווען אַ רב אין אַזעלכע גרויסע שטעט ווי פּראָג און ווין.

אויך אין די צייטן פון דער שחיטה, אין 1648, איז אין נעמיראָוו געווען אַ גרויסער רב, און זיין נאָמען איז געווען ר׳ יחיאל מיכל, דער זון פונם גאון ר׳ אליעזר. ער איז דאָרט געווען ניט נאָר רב, נאָר אויך דער ראש פון דער גרויסער ישיבה אין שטאָט, און וועגן אים דערציילט ר׳ נתן־נטע האַנאָווער אין זיין ווערק „יון מצולה״, אַז ער האָט „געקענט אויף אויסווייניק די גאַנצע תורה און איז אויך געווען אַ בקי אין אַלע חכמות פון דער וועלט״. אויך רבי יום־טוב ליפּמאַן־העלער האָט דעם רב ר׳ יחיאל מיכל געהאַלטן פאַר אַ גאון אין תורה, און ער האָט דאָס געזאָגט אין דער קינה, וואָס ער האָט אָנגעשריבן באַוויינענדיק זיין טויט *).

פון אַלץ, וואָס מ׳קען נאָר געפינען אין די שריפטלעכע מאַטעריאַלן פון יענער צייט — און אין דעם נעמען מיר אויך אַריין די קינות און די סליחות, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן נאָך די גרויסע שחיטות — קען מען זען, אַז פאַרן חורבן, וואָס כמעלניצקי און קריוואָנאָס און די אַנדערע פּאָגראָמשטשיקעס האָבן אינם יאָר 1648 געמאַכט אין אוקראַינע, איז דאָרט געווען אַ צענטער פון יידישער לומדות. ס׳זיינען דאָרט אין אַ סך שטעט געווען גרויסע לומדים, וואָס זיינען געווען גוט באַהאַוונט ניט נאָר אין דער תורה, אין ש״ס און אין פּוסקים, נאָר אויך אין די וועלטלעכע לימודים פון יענער צייט, און דאַן האָט די שטאָט נעמיראָוו גאָר אַ גרויסע ראָל געשפּילט אין דעם. זי איז געווען דאָס וואָס מ׳האָט

---

*) די קינה איז אָפּגעדרוקט אין מ. נ. ליטינסקים „קורות פּאָדאָליאַ וקדמוניות היהודים שם״, ז׳ 46. זי האַלט ניט מער ווי צוועלף שורות און די ערשטע אותיות ביי יעדער שורה שטעלן אינאיינעם צונויף דעם נאָמען פונעם מחבר — יום-טוב ליפּמאַן.

אַמאָל אָנגערופן אַ „שטאָט און אַ מאַמע ביי יידן", און אַנדערע שטעט האָבן איר מקנא געווען דערויף. קיין אַנדער יידישע קהילה אין פּאָדאָליע האָט זיך ניט געקענט פאַרגינען צו האָבן אַזאַ גרויסן געלערנטן רב, ווי דעם מחבר פון „תוספות יום טוב" אַליין. דאָס איז געווען אַ גרויסער כבוד, און די שטאָט איז צוליב דעם זייער הויך דערהויבן געוואָרן ביי אַלעמען אין די אויגן.

***

צווישן די יידן אין נעמיראָוו האָט מען אין יענער צייט געקענט געפינען ניט נאָר גרויסע לומדים, נאָר אויך גרויסע העלדן. ווען כמעלניצקיס קאָזאַקן האָבן אין זייער אויפשטאַנד קעגן די פּוילישע פּריצים אָנגעהויבן שעכטן און קוילען יידן, און זיינע אַטאַמאַנען קריוואָנאָס, האָדקי, גוניאַ, נעבאַבאַ און מאָראָ־זענקאָ, האָבן גענומען חרוב מאַכן איין שטאָט נאָך דער אַנדערער, זיינען אַ סך יידן אַנטלאָפן קיין נעמיראָוו, וועלכע איז דאַן געווען, ווי ר׳ נתן־נטע האַנאָווער דריקט זיך אויס אין זיין ווערק, אַ „גרויסע און אָנגעזעענע קהילה, פול מיט געלערנטע און גרויסע קענער", און צו דעם איז, ווי עס שיינט, אויך געווען באַוואוסט, אַז די יידן אין נעמיראָוו זיינען ניט פון די שרעקעדיקע. מ׳האָט געוואוסט, אַז ווען כמעלניצקיס באַנדעס וועלן צוקומען צו דער שטאָט, וועלן זיך די יידן דאָרט ניט לאָזן אויסקוילען ווי די שאָף, נאָר זיי וועלן זיך אַוודאי שטעלן אַנטקעגן. נעמיראָווער יידן האָבן געהאַט אַ שם פון גיבורים.

און אַזוי איז טאַקע געווען. ווען די יידן אין נעמיראָוו האָבן דערהערט, אַז כמעלניצקי האָט אַרויסגעשיקט אויף דער שטאָט דעם זאַפּאָראָזשער אַטאַמאַן דמיטרי גוניאַ מיט אַ גרויסער מחנה פון זיינע באַוואָפנטע לייט, האָבן זיי זיך פאַרקליבן אין דער פעסטונג פון שטאָט און זיך געגרייט צו מלחמה. אויפן מויער פון דער פעסטונג זיינען באַוואָפנטע יידן געשטאַנען אויף דער וואַך און די גאַנצע צייט געקוקט אין דער ריכטונג, פון וואַנען דער שונא האָט געדאַרפט אָנקומען. און אַלע יידן אין דער פעסטונג האָבן געוואַרט אויפן סיגנאַל, וואָס מ׳וועט געבן און זיי זיינען געווען גרייט זיך צו שלאָגן.

דער אַטאַמאַן גוניאַ האָט געוואוסט פון דעם; אַן „אייגענער מענטש" פון שטאָט האָט דאָס אים באַצייטנס איבערגעגעבן. און דאַן האָט זיך כמעלניצקיס אַטאַמאַן באַנוצט מיט די זעלבע מיטלען, וואָס היטלער האָט באַנוצט אין דער צווייטער וועלט־מלחמה — ער האָט אָפּגענאַרט די, קעגן וועמען ער איז אַרויס אין קריג, און געהייסן זיינע זעלנער טראָגן די פאָן פון דעם שונא, מיט וועלכן זיי שלאָגן זיך...

גוניאַ האָט אַלע זיינע אוקראַינישע קאָזאַקן אָנגעטאָן אין פּונקט אַזעלכע אוניפאָרמעס ווי די פּוילישע זעלנער האָבן געטראָגן. אויך די פּוילישע פאָן

האָבן זיי אין זייער מאַרש אויף נעמיראָוו באַנוצט, און צו דעם זיינען נאָך זייערע „אייגענע לייט“ אין שטאָט, די אוקראַינישע „פינפטע קאָלומניקעס“, אויך ניט געזעסן מיט קיין פאַרלייגטע הענט; מאַכנדיק דעם אָנשטעל, אַז קיין אַנדער זאַך ווי אַ טובה זיינען זיי גאָר ניט אויסן, האָבן זיי איינגערעדט די נעמיראָווער ייִדן, אַז דאָס איז אַ פּוילישע אַרמיי געקומען העלפן אינם קאַמף קעגן די צע־בונטעוועטע אוקראַינישע פּויערים און קאָזאַקן; זיי האָבן געראַטן די ייִדן ניט צו זיין איינגעעקשנט און עפענען די טויערן פון דער פעסטונג פאַר דער אַרמיי, וואָס שטייט אונטער דער פּוילישער פאָן, און ווען די ייִדן האָבן זיך געלאָזט איבעררײדן און געעפנט די טויערן פון דער פעסטונג, זיינען גוניאַס באַנדעס גלייך אַריין אַהין מיט בלויזע שווערדן אין די הענט און זיי האָבן דאָרט געמאַכט אַ שרעקלעכע שחיטה. אין דריי טעג צייט האָבן זיי דאָרט אויסגעשאָכטן, צום טויט פאַרפּייניקט און אין וואַסער דערטרונקען ניט ווייניקער ווי זעקס טויזנט ייִדן.*)

אויך דער רב, ר׳ יחיאל מיכל, איז אין יענער גרויסער שחיטה אומגעקומען, איז וועגן אים ווערט אין „יון־מצולה“ דערציילט:

„אַ שבת פאַר דער גזירה האָט ער געדרשנט פאַרן עולם און געוואָרנט, אַז אויב, חלילה, דער שונא וועט קומען, זאָל מען זיך מוסר־נפש זיין אויף קידוש־השם און ניט בייטן דעם גלויבן. און אַזוי האָט דאָס הייליקע פאָלק געטאָן. און אויך ער איז אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער, כדי זיך צו ראַטעווען, האָט אים אַ קאָזאַק געכאַפּט און געוואָלט טויטן. האָט אים דער גאון געבעטן, ער זאָל אים ניט הרגענען, וועט ער דערפאַר באַקומען אַ סך גאָלד און זילבער. דער קאָזאַק האָט געטאָן ווי ער האָט אים געבעטן, און דער גאון האָט אים געפירט אין שטוב אַריין, צו דעם אָרט, וואו ס׳איז געווען באַהאַלטן דאָס גאָלד און זילבער, און דער קאָזאַק האָט אים אָפּגעלאָזט, איז דער גאון אינאיינעם מיט זיין מאַמען פון דאָרט אַנטלאָפן און זיי האָבן זיך באַהאַלטן אין שטוב אַ גאַנצע נאַכט, ביז ס׳האָט אָנגעהויבן טאָגן, און אויף מאָרגן, צוויי און צוואַנציק טעג אין חודש סיון, האָבן די קאָזאַקן אָנגעהויבן גיין פון שטוב צו שטוב און זוכן צי ס׳האָבן זיך דאָרטן ניט באַהאַלטן קיין ייִדן. איז דער גאון מיט זיין מאַמען אַנטלאָפן אויפן בית־עולם, כדי צו קומען אויף קבר ישראל, אויב מ׳וועט זיי הרגענען. ווען זיי זיינען צוגעקומען נאָענט צום בית־עולם, איז אָנגעלאָפן אַ גוי אַ שוסטער און ער האָט מיט אַ שטעקן געשלאָגן דעם גאון מכות־רצח. האָט די מאַמע זיך געבעטן ביי דעם גוייִשן שוסטער, ער זאָל בעסער זי דערהרגענען און ניט דעם זון, אָבער ער האָט זיך ניט צוגעהערט צו איר געבעט און האָט פריער דער־

*) אַזאַ צאָל גיט אָן ר׳ נתן־נטע האַנאָווער אין זיין „יון־מצולה“, ז׳ 24.

הרגעט דעם גאון און דערנאָך זיין מאַמע. זאָל גאָט נעמען נקמה פאַר זייער בלוט" *).

***

אין דעם קידוש־השם, וואָס די יידן האָבן אַרויסגעוויזן אין נעמיראָוו און אין אַנדערע שטעט פון אוקראַינע און פוילן אין די צייטן פון די גזירות ת"ח ות"ט, דאַרף מען זען ניט נאָר די טרויעריקע זייט, וואָס רופט אַרויס טרערן, נאָר אויך די העלדישע זייט, וואָס רופט אַרויס באַוואונדערונג און אויך שטאָלץ.

נישטאָ נאָך אַזאַ פאָלק, וואָס זאָל זיך אַזוי מוסר־נפש זיין פאַר אַ גלויבן און וואָס זאָל מיט אַזאַ עקשנות בשום אופן ניט וועלן זיך אונטערגעבן דעם שונא און מאַכן שלום מיט אים, ווי מ'זעט דאָס אין דער געשיכטע פון יידן אין אַלע צייטן און אין אַלע לענדער, אָנפאַנגענדיק מיט די צייטן פון אַנטיוכוס עפּיפאַנעס ביז די צייטן פון אַדאָלף היטלער. און אַזוי ווי ס'איז אָנגענומען, אַז נאָך אין די צייטן פון די קרייץ־צוגן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן אינם עלפטן יאָרהונדערט און אויך אין די צייטן פון דעם גירוש שפּאַניע, וואָס איז פאָר־געקומען ביים סוף פונם פופצנטן יאָרהונדערט, זיינען אַ סך פון יענע געיאָגטע און אַרויסגעטריבענע יידן אַנטלאָפן קיין פוילן און קיין אוקראַינע און האָבן זיך דאָרטן באַזעצט, דאַן קומט אויס, אַז די יידן אין די צייטן פון גזירות ת"ח זיינען געווען די אור־אור אייניקלעך פון יענע, וועלכע האָבן נאָך מיט הונדער־טער יאָרן צוריק אויסגעשטרעקט די העלדזער צו די רוצחים און זיך געלאָזט אויסשעכטן איידער זיך לאָזן אָנטאָן אַ צלם.

איין לאַנגע קייט, אַ גרויסע, פון יענעם מין קידוש־השם, צו וועלכן ס'פאָ־דערט זיך מער העלדישקייט און מער מוט ווי ס'פאָדערט זיך געוויינלעך דאַן ווען מ'שלאָגט זיך מיט אַ שונא אויפן שלאַכטפעלד!

אַ מוסטער פון אַזאַ מין קידוש־השם, וואָס דערהויבט זיך אַ סך העכער פון יענעם מין העלדישקייט, וואָס נעמט געוויינלעך שטאַרק אויס ביי געוויסע מענטשן, האָט אין נעמיראָוו אַרויסגעוויזן אַ יידיש מיידל, וועמעס נאָמען ס'ווערט, ליידער, ניט אָנגעגעבן אין דער געשיכטע פון יענער צייט.

זי איז געווען זייער אַ שיין מיידל, אַ נעמיראָווער יידישע טאָכטער, וואָס האָט זיך ווי אַ לעגענדע אַריינגעשריבן אין דער געשיכטע פון קידוש־השם ביי יידן.

און ס'ווערט וועגן איר דערציילט:

... ווען אַ קאָזאַק פון כמעלניצקיס באַנדעס, וואָס האָבן אין שטאָט די גרויסע שחיטה געמאַכט, האָט זיך נאָך איר נאָכגעיאָגט, זי צו פאַראומרייניקן,

---

*) ציטירט — מיט קליינע ענדערונגען אין סטיל — פון לאַצקי בערטאָלדיס יידישער איבערזעצונג.

איז ער געבליבן שטיין אַ פֿאַרגאַפֿטער ווען ער האָט זי געכאַפּט און דערזען ווי שיין זי איז...

... דאָס יידישע מיידל האָט אים מיט איר שיינקייט אַזוי פֿאַרכישופֿט, אַז ער איז מיט אַמאָל עפּעס גאָר ווי אַן אַנדער מענטש געוואָרן; ער האָט איר קיין שלעכטס ניט געקענט טאָן און אָנגעהויבן רעדן צו איר גוטע רייד; זי האָט געפֿונען אַ סך חן אין זיינע אויגן און ער האָט זי טאַקע אויף אַן אמת ליב געקראָגן און זיך געבעטן ביי איר, אַז זי זאָל אָננעמען דעם קריסטלעכן גלויבן און ווערן זיין ווייב...

... און דאָס יידישע מיידל האָט צו אים ליבלעך געשמייכלט און אים געדאַנקט דערפֿאַר וואָס ער איז צו איר אַזוי גוט. זי האָט אים געזאָגט, אַז ער האָט אין אירע אויגן אויך געפֿונען אַ סך חן, אַז ער געפֿעלט איר שטאַרק און אַז צוליב אים איז זי גרייט דעם קריסטלעכן גלויבן אָנצונעמען און זיך אָנטאָן אַ צלם אויפֿן האַלדז און ווערן זיין ווייב. און צום גליק פֿון דעם קאָזאַק איז גאָר קיין שיעור און קיין ערך ניט געווען, און ער האָט דאָס שיינע יידישע מיידל גענומען צו זיך אַהיים און ער האָט זי געהאַלדזט און געקושט און איז ווי אַ קנעכט געווען גרייט פֿאַר איר אַלץ אין דער וועלט צו טאָן, און דאָס מיידל האָט אים אויך געהאַלדזט און געקושט און אים צוגעזאָגט, אַז ווען ער וועט מיט איר חתונה האָבן, וועט זי קיינמאָל ניט אַוועק צוריק צו די יידן. און ווען ער, דער קאָזאַק, וואָס איז שוין געווען שיכור פֿון וויין און אויך פֿון ליבע, האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן דעם וואָס זי האָט אים פֿאַרכישופֿט מיט איר שיינקייט און מיט די פֿייערדיקע בליקן פֿון אירע אויגן, האָט זי אים אָנגעהויבן איינריידן, אַז זי איז טאַקע אַ כישוף־מאַכערין און אַז זי קען מיט כישוף באַווייזן אַזוינס, וואָס וועט אים נאָך מער איבערראַשן...

... דער קאָזאַק איז געווען צעמישט. אין זיין פּשוטקייט האָט ער טאַקע געגלויבט, אַז די שיינע יידישע טאָכטער, וואָס וועט ווערן זיין ווייב, איז טאַקע אַ כישוף־מאַכערין, וואָרעם ווער דען קען זיין אַזוי שיין און האָבן אַזעלכע אויגן אויב ניט איינע, וואָס ווייסט די אַלע סודות פֿון כישוף! און ווען ער האָט זי געפֿרעגט וואָס זי קען באַווייזן אַזוינס, וואָס זאָל אים נאָך מער איבערראַשן, האָט זי אים געענטפֿערט, אַז זי קען זיך אַזוי פֿאַרכישופֿן מיט אַזאַ שפּרוך, וואָס נאָר זי אַליין ווייסט, אַז קיין קויל פֿון אַ ביקס זאָל זי ניט טרעפֿן...

... און דו קענסט דאָס פּרואוון! — האָט דאָס יידישע מיידל פֿון נעמיראָוו געזאָגט דעם קאָזאַק. — קענסט זיך צילעווען אויף מיר מיט דער ביקס גלייך אַהער־אָ, אין האַרצן אַריין — די קויל וועט מיך ניט טרעפֿן... איך וועל זי מיט כישוף אָפּשלאָגן פֿון זיך...

... דער קאָזאַק האָט תחילת קיין חשק ניט געהאַט דאָס צו פּראָווון; ער

האָט מורא געהאַט, אַז ס׳וועט אפשר נאָך ניט זיין אַזוי ווי זי זאָגט. אָבער ווען זי איז צוגעשטאַנען צו אים מיט גוטע רייד און אים געהאַלדזט און געקושט און זיך געבעטן ביי אים, אַז ער זאָל פּרוּוון אויסשיסן אַ קויל פון דער ביקס אויף איר און זיך צילעווען גלייך אין האַרץ אַריין, און זי האָט אים ווידער אַמאָל און אָבער אַמאָל פאַרזיכערט, אַז די קויל וועט איר ניט טרעפן, ווייל זי וועט זי מיט אַ כישוף־שפּרוך אָפּטרייבן פון זיך, איז ער איינגעגאַנגען דערויף; ער האָט מיט זיינע אייגענע אויגן געוואָלט זען דעם גרויסן וואונדער פון כישוף, און ווייל ער איז שוין געווען ניט אינגאַנצן ניכטער און דאָס שיינע ייִדישע מיידל פון נעמיראָוו האָט אים געררייצט מיט אַלע אירע חנען און ער האָט איר געוואָלט נאָכגעבן אַלץ, כדי צו ווייזן ווי גוט ער איז צו איר, האָט ער גענומען די ביקס און אויסגעשאָסן אויף איר אַ קויל, און די קויל האָט געטראָפן און דאָס שיינע ייִדישע מיידל איז געפאַלן טויט...

דאָס איז געווען איר וואונטש...

ס׳איז איר בעסער געווען ניחא דער טויט, איידער זיך לאָזן אָנטאָן אַ צלם אויפן האַלדז און ווערן די ווייב פון איינעם, וואָס שעכט און קוילעט ייִדן מיטן נאָמען פון יעזוס כריסטוס אויף זיינע ליפּן...

קען מען זיך פאָרשטעלן נאָך אַ גרעסערע העלדישקייט פון אַ פרוי, וואָס זאָל אַזוי קוקן דעם טויט גלייך אין די אויגן?!

איז מעגלעך זיך נאָך העכער צו דערהויבן אין אַ שעה פון גרויס צער, ווען מ׳פילט טיף דעם ווייטיק און די שאַנד פון אַ גאַנץ פאָלק, וואָס ווערט גע־פּייניקט אַלע מאָל און וואָס איז שטענדיק דער ערשטער קרבן ווען אַנדערע פעלקער האָבן צווישן זיך אַ קריג?!

און דער פאַל מיט דער שיינער מיידל, וואָס איז דאָ געבראַכט געוואָרן, איז אין דער גרויסער נעמיראָווער שחיטה ניט געווען דער איינציקער. ס׳ווערט דערציילט וועגן נאָך אַן אַנדער ייִדיש מיידל, אויך זייער אַ שיינע, וואָס אַ קאָזאַק האָט געכאַפּט און זי געוואָלט מאַכן פאַר זיין ווייב, האָט זי אים געבעטן, אַז ער זאָל פּראַוון די חתונה־צערעמאָניע אין דעם קלויסטער, וואָס שטייט הינטער דער בריק, אויף דער אַנדערער זייט פונם טייך נעמיר, און ער האָט איר דאָס נאָכגעגעבן און זי געפירט אַהין אויף אַ שיפל מיט קלעזמער און געזאַנג. די פרייד איז געווען גרויס און די קאָזאַקן, וואָס זיינען געווען די מחותנים, וואָס מ׳האָט פאַרבעטן אויף דער חתונה, האָבן אויף שיפלעך זייערע לוסטיקע לידלעך געזונגען. אויך די כלה, דאָס ייִדישע מיידל, וואָס דער יונגער קאָזאַק האָט אויס־געקליבן פאַר אַ ווייב, האָט געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז זי איז פריילעך. אָבער ווען מ׳איז שוין געווען אין מיטן טייך, וואו דאָס וואַסער איז טיף, האָט זי מיטאַמאָל געגעבן אַ שפּרונג אַריין און איז דערטרונקען געוואָרן...

איר איז אויך בעסער געווען ניחא דער טויט, איידער זיך לאָזן אַנטאָן אַ צלם אויפן האַלדז און ווערן די ווייב פון איינעם, וואָס שעכט און קוילעט ייִדן אינם נאָמען פונם צלם...

באַשרייבנדיק די נעמיראָווער שחיטה און איבערגעבנדיק אין קורצן די צוויי פאַלן מיט די צוויי שיינע ייִדישע מיידלעך, זאָגט דער כראָניקער פון יענער צייט, אַז ס׳זיינען געווען אַ סך אַזעלכע און ענלעכע פאַלן, וואָס „מ׳קען ניט ברענגען אויף פּאַפּיר". „אשר אי אפשר להעלות בכתב", ווי ער דריקט זיך אויס אויף העברעאיש. און אָט די קורצע באַמערקונג זאָגט זייער אַ סך — ס׳איז אין דעם פּרט פאַרגעקומען אַזוינס, וואָס „מ׳קען ניט ברענגען אויף פּאַפּיר", ווייל ס׳איז אַ בזיון דאָס צו דערציילן. אָבער דער בזיון איז ניט אונדזערער, נאָר זייערער. די ייִדישע זין און אויך די ייִדישע טעכטער אין נעמיראָוו און אין אַנדערע שטעט פון אוקראַינע, האָבן זיך מיט זייער קידוש־השם, אין די פינצטערע צייטן פון באָגדאַן כמעלניצקי, דערהויבן צו אַזאַ הויך, צו וועלכער ס׳קענען גרייכן בלויז אַזעלכע, וואָס האָבן אַ טיפן גלויבן און אַ שטאַרקן חוש פאַר גערעכטיקייט.

***

דער טאָג, ווען באָגדאַן כמעלניצקיס אַטאַמאַן, דמיטרי גוניא, איז אַריין קיין נעמיראָוו, איז מיט בלוט פאַרשריבן אין דער ייִדישער געשיכטע. דאָס איז געווען אין אַ מיטוואָך, צוואַנציק טאָג אינם חודש סיון, וואָס איז דאַן אויסגעפאַלן אינם 20טן יוני, פונם יאָר 1648. און נאָך ביזן היינטיקן טאָג זיינען נאָך אין אַ סך שטעטלעך פון אוקראַינע פאַראַן ייִדן, וואָס היטן אָפּ דעם טאָג פון כ׳ סיון ווי אַ תענית און זיי פאַסטן. און אין נעמיראָוו האָט מען דעם תענית נאָך מער אָפּגעהיט און מ׳איז געגאַנגען צום קבר פון חתן־כלה, וואָס זיינען אומגעקומען אין די טעג פון דער גרויסער שחיטה. ביי דער שול געפינט ער זיך, יענער קבר פון די חתן־כלה, וואָס זיינען אומגעקומען אין דעם טאָג ווען זיי האָבן געדאַרפט שטיין אונטער דער חופּה. און וועגן זיי ווערט דערציילט, אַז אין דעם טאָג ווען כמעלניצקיס באַנדעס זיינען אַריין קיין נעמיראָוו, איז דער חתן געלאָפן ראַטעווען זיין כלה און דורך אַ פאַרוואָרפן געסל האָט ער זיך מיט איר דערשלאָגן צום ברעג פונם טייך נעמיר און דאָרט האָבן זיי זיך אַריינגעזעצט אין אַ שיפל און זיך געלאָזט ווייטער איבערן וואַסער. באַלד אָבער זיינען אָנגעלאָפן רוצחים און גענומען וואַרפן שטיינער אויף זיי, און ווען זיי האָבן געזען, אַז די שטיינער טרעפן ניט, זיינען זיי אַריין אין טייך, און ווען דער חתן און די כלה האָבן דערזען ווי די רוצחים שווימען נאָך זיי, האָבן זיי זיך ביידע אַרומגענומען און האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין וואַסער און זיי זיינען דערטרונקען געוואָרן, און מיט

עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען ביים ברעג פונם טייך זייערע טויטע קערפּערס געפונען און מ'האָט זיי ביידן באַערדיקט לעבן דער שול און מ'האָט דעם קבר אַרומגעמויערט מיט שטיינער און אויף דער מצבה האָט מען געמאַכט אַן אויפשריפט פון זיבן שורות, וואו די ערשטע אותיות פון יעדער שורה שטעלן צונויף די ווערטער „הנאהבים והנעימים בחייהם גם במותם לא נפרדו" — די ליבע און די טייערע, וואָס האָבן זיך ניט געשיידט ביים לעבן און אויך ניט ביים טויט *).

די גרויסע שחיטה אין נעמיראָוו האָט אויף לאַנג אָפּגעשטעלט דאָס יידישע לעבן דאָרט, און בכלל איז די שטאָט געוואָרן אַ געפאַלענע און די מורא פאַר נאָך אַן אומגליק איז דאָרט שטענדיק געהאַנגען איבערן קאָפּ. אַפילו נאָכדעם ווי באָגדאַן כמעלניצקי איז שוין געווען טויט, איז די מורא ביי יידן אין אוקראַינע נאָך אַלץ געווען גרויס, און די שרעק איז טאַקע געווען ניט אומזיסט. ווען מ'האָט אין טשיגרין, אויפן באַפעל פונם פוילישן קאָמאַנדיר טשערניצקי, אַרויסגעוואָרפן פון די קברים די ביינער פון באָגדאַן כמעלניצקי און פון זיין זון טימאָשאַ, וועלכער איז געווען פונקט אַזאַ בונטאַר און פונקט אַזאַ צורר היהודים ווי דער טאַטע, האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן אומרואיקע צייטן אין אוקראַינע, און יידן זיינען ווידער געווען די ערשטע צו ליידן.

איינגעשטילט האָבן זיך די אומרועס ערשט אינם יאָר 1672, ווען די טערקן האָבן איינגענומען פּאָדאָליע. דאַן איז די שטאָט נעמיראָוו אויך געוואָרן אַ טייל פון דער טערקישער מלוכה, און זי איז דאָס פאַרבליבן אין פאַרלויף פון זיבן און צוואַנציק יאָר — פון 1672 ביז 1699.

אונטערן שוץ פון טערקיי האָט זיך דאָס יידישע לעבן אין נעמיראָוו ווידער אָנגעהויבן אַנטוויקלען. די צאָל פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט דאָרטן גענומען ווערן אַלץ גרעסער און גרעסער. יידן האָבן אויפגעבויט דעם חורבן און האָבן ווייטער געלעבט אויף זייער אייגענעם שטייגער. אָבער אַפילו דאַן האָבן זיי זיך פון קיין שלעכטע צייטן אינגאַנצן ניט געקענט אָפּהיטן, און אָנגעקומען זיינען די שלעכטע צייטן דאַן, ווען באָגדאַן כמעלניצקיס יינגסטער זון

---

*) דער פולער טעקסט פון דעם אויפשריפט אויף יענער מצבה איז אָפּגעדרוקט אין מנחם נחום ליטינסקים „קורות פּאָדאָליאַ וקדמוניות היהודים שם". און ער לייענט זיך אַזוי:

„הנאהבים, עוללים ויונקים, נשים, כאנשים,
והנעימים, חתנים וכלות, נפשות קדושים,
בחייהם לא חסרו דבר נאָה,
גם הכינו להוליכן לחופה נאָה,
במותם, יסוד הנחל קטון מהכילה;
לא נטבחו, רק נטבעו לעלה,
נפרדו הגויות, והנפשות נצררו סלה".

יורקאָ, איז פונם טערקישן סולטאַן באַשטימט געוואָרן פאַרן העטמאַן פון אוקראַינע און ער האָט זיך באַזעצט אין נעמיראָוו.

יורקאָ איז געווען פונקט אַזוי גרויזאַם ווי זיין טאַטע און אויך פונקט אַזוי פאַררעטעריש־כיטרע. אין זיין קורצן לעבן פון פיר און פערציק יאָר, האָט ער נאָך אין זיין פריער יוגנט זיין גרויזאַמקייט שוין אַרויסגעוויזן, און שפּעטער, ווען ער איז געוואָרן אַ ביסל עלטער, האָט ער געדינט וועמען ס׳האָט זיך אים נאָר געלוינט און דינענדיק האָט ער יעדן איינעם פאַרראַטן; אָט האָט ער געשלאָסן אַ בונד מיט מאָסקווע און זיך געלאָזט באַשטימען פאַרן העטמאַן פון אוקראַינע, און אָט איז ער איבערגעגאַנגען אויף דער זייט פון די פּאָליאַקן און איז געוואָרן דער העטמאַן פון אוקראַינע מיט זייער גנאָד, און ווען ס׳האָט זיך אים בעסער געלוינט איבערצוגיין אויף דער זייט פון די טערקן, האָט ער דאָס גלייך געטאָן און איז געוואָרן דער העטמאַן פון אוקראַינע מיטן גנאָד פונם טערקישן סולטאַן.

מען קען זיך פאָרשטעלן וואָס די יידן אין נעמיראָוו האָבן געפילט ווען באָגדאַן כמעלניצקיס זון יורקאָ האָט זיך באַזעצט אין שטאָט, וואו די גרויסע שחיטה פון 1648 איז נאָך געווען פריש אין זכרון און וואו ס׳זיינען נאָך געווען גענוג סימנים פון דעם חורבן. און יורקאָס אייזערנער פויסט האָט זיך טאַקע גאַנץ שטאַרק געפילט אין נעמיראָוו. און צווישן די זאַכן, וואָס ער האָט איינגע־פירט אין שטאָט צו מאַכן גרעסער זיין הכנסה, איז אויך געווען אַ „געזעץ״, אַז ווער ס׳מאַכט חתונה אַ זון, אָדער אַ טאָכטער, מוז ער דאָס פריער לאָזן וויסן דעם העטמאַן און אים באַצאָלן אַ געוויסן שטייער פאַר דער דערלויבעניש וואָס ער גיט די עלטערן חתונה צו מאַכן אַ קינד.

אַזוי איז דאָס געגאַנגען אַ לענגערע צייט, ביז איינער פון די נעמיראָווער רייכע יידן, אַ געוויסער ר׳ אהרן, האָט באַשלאָסן, אַז ס׳איז אַ באַליידיקונג פאַר יידן צו בעטן ביי יורקאָן אַ דערלויבעניש אויף אַזאַ זאַך ווי חתונה צו מאַכן אַ קינד, און ווען ר׳ אַהרן האָט געדאַרפט חתונה מאַכן זיינעם אַ זון, האָט ער ביי יורקאָן קיין דערלויבעניש דערויף ניט געבעטן און אויך קיין שטייער האָט ער ניט באַצאָלט.

ווען יורקאָ כמעלניצקי האָט זיך פון דעם דערוואוסט, איז ער אַריין אין אַ ווילדן צאָרן און האָט גלייך געלאָזט וויסן דעם יידן, אַז ער וועט דאָס אים ניט שווייגן. און ווען ר׳ אַהרן האָט דאָס דערהערט, איז ער אַוועק קיין קאַמענעץ צום טערקישן פּאַשאַ ברענגען אַ קלאַגע אויף דעם העטמאַן פאַרוואָס ער האָט איינגעפירט אַזאַ שטייער. דאַן האָט דער העטמאַן געהייסן, אַז מ׳זאָל דעם יידן ר׳ אהרנס הויז אָנצינדן פון אַלע פיר זייטן און ניט לעשן דאָס פייער; ער האָט אויך געהייסן, אַז מ׳זאָל ר׳ אהרנס ווייב ברענגען צו אים, און ווען מ׳האָט זי צו אים געבראַכט, האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז מ׳זאָל פון איר שינדן די

הויט פונם לייב לעבעדיקערהייט ביז זי וועט אויסגיין. און מ׳האָט זיין באַפעל דורכגעפירט.

דער זון יורקאָ האָט מיט זיינע רציחות אויף יידן ניט פאַרשעמט דעם טאַטן באָגדאַן...

אָבער יורקאָ האָט באַצאָלט דערפאַר!

אויפן באַפעל פון טערקישן פּאַשאַ האָט מען דעם העטמאַן געבראַכט קיין קאַמענעץ און דאָרטן האָט מען אים געשטעלט אויג אויף אויג מיט דעם נעמיראָוער יידן ר׳ אהרן, וואָס האָט אויף אים די קלאָגע געבראַכט און וואָס האָט דערציילט ווי גרויזאַם ער באַהאַנדלט די איינוואוינער פון דער שטאָט נעמיראָוו און פון אַנדערע שטעט. און נאָכדעם ווי דער פּאַשאַ האָט דאָס אַלעס אויסגעהערט, האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז מ׳זאָל דעם העטמאַן באַשטראָפן מיטן טויט.

און אַ טויט האָט מען יורקאָן געגעבן אַ שרעקלעכן: מיט אַ שטריק אַרום האַלדז האָט מען אים געשלעפּט איבער די גאַסן פון קאַמענעץ, און ווען מען האָט אים געבראַכט צו דער בריק, וואָס ביים טייך סמאָטריטש, האָט מען אים דערוואָרגן און אַריינגעוואָרפן און טייך אַריין.

אַזוי איז געווען דער באַפעל פונם טערקישן פּאַשאַ. און געשען איז דאָס אינם יאָר 1685.

דער צורר היהודים, וואָס האָט נאָך ביים טאַטן איבערגענומען בירושה די שנאה צו יידן, האָט געקראָגן זיין שטראָף...

אומזיסט־פאַרגאָסן בלוט שווייגט ניט...

די געשיכטע האָט אין איר גאַנג אַן אייגענעם וועג ווי צו באַשטראָפן די, וואָס זיינען שולדיק אין געמיינע פאַרברעכנס...

אָבאָדיווקאַ

ניט אויף דער לאַנדקאַרטע און אויך ניט אין קיין ביכער קען מען געפינען דאָס יידישע שטעטל אַבאָדיווקאַ, וואָס איז ווייט פאַרוואָרפן אין אוקראַינע.

ס׳איז אַ שטעטל, וואָס גאָט און לייט האָבן אָן דעם פאַרגעסן, און קיינער ווייס ניט פאַרוואָס. . .

ווער ס׳האָט נאָר געקענט, איז פון דאָרט אַוועק, און ווען ער האָט זיך ערגעץ אין אַ גרויסער שטאָט באַזעצט און מ׳האָט ביי אים אַמאָל געפרעגט פון וואַנען ער קומט, האָט ער ניט געוואָלט זאָגן דעם אמת און ער האָט געווײנלעך געענטפערט, אַז ער קומט פון אַ שטעטל, וואָס איז לעבן אָדעס...

זיך פשוט געשעמט צו זאָגן, אַז ער קומט פון אָבאָדיווקאַ, ווייל ער איז געווען זיכער, אַז ווי מ׳וועט נאָר דערהערן דעם נאָמען, וועט מען אַוודאי גלייך אויסשיסן אַ געלעכטער. וואָרעם ווי גיט מען דאָס אַ שטעטל אַזאַ מאָדנעם נאָמען ווי „אָבאָדיווקאַ״, וואָס קלינגט אַזוי ווילד? ניט אַנדערש, נאָר עפּעס אַ לץ האָט דעם מאָדנעם נאָמען צוגעקליבן, כדי צו האָבן שפּאַס און זיך פרעגלען אין נחת פון דעם וואָס מען קען מאַכן חוזק פון די מענטשן, וואָס קומען פון אַ שטעטעלע מיט אַזאַ נאָמען. און דערפאַר איז בעסער צו באַהאַלטן דעם אמת און זאָגן אַז מ׳קומט „פון אַ שטעטל, וואָס איז לעבן אָדעס..״

אמת, פון אָבאָדיווקאַ קיין אָדעס איז טאַקע אַ גאַנץ היפּשער מהלך, און ווען איינער וויל פון דאָרט פאָרן אין דער גרויסער שיינער שטאָט, וואָס געפינט זיך ביים ברעג פונם שוואַרצן ים, דאַרף ער זיך פריער שלעפּן מיט אַ וואָגן ביז ער קומט אָן צו אַן אייזנבאַן־סטאַנציע און נאָכדעם דאַרף ער ערשט עטלעכע מאָל בייטן דעם צוג, און נאָך די אַלע בייטענישן און וואַרטענישן דאַרף ער ערשט פאָרן אַ קנאַפּן מעת־לעת ביז ער קומט אָן קיין אָדעס. אָבער דאָס איז דאָך שוין פון די קליינע זאַכן. דער עיקר איז וואָס כאָטש דאָס שטעטל אָבאָדיווקאַ איז אַזוי פאַרוואָרפן, איז אָבער פונדעסטוועגן דאָך פאַראַן אַ וועג צו פאָרן פון דאָרט קיין אָדעס, און ווען מען איילט זיך נאָר ניט און מ׳האָט גענוג געדולד, קומט מען דאָך סוף־כל־סוף אָן אַהין...

פאַראַן אַ סך אַזעלכע פאַרוואָרפענע יידישע שטעטלעך אין אוקראַינע,

מ׳הערט ניט פון זיי, מ׳ווייסט זייער ווייניק וועגן זיי. ס׳געפינט זיך ניט קיינער, וואָס זאָל זיי אַמאָל דערמאָנען און לאָזן וויסן דער וועלט, אַז זיי זיינען דאָ און אַז ס׳לעבן דאָרט מענטשן וואָס ווילן ניט שטאַרבן, כאָטש ס׳איז זיי שווער צו לעבן. און ווען ס׳קומט אַמאָל אַן אומגליק, וואָס כאַפּט אַרום דעם גאַנצן כלל, פאַלן יענע פאַרוואָרפענע שטעטלעך אַריין אין דעם אַלע אינאיינעם, ווי גרויפּן אין אַ קעסל, וואָס שטייט אויפן פייער; זיי פאַלן ווי פון זיך, און זיי גייען אַלע אַריין אין איין צאָל; מ׳דערמאָנט זיי ניט באַזונדער, נאָר ווי אַ טייל פון דעם אומגליק, וואָס האָט געטראָפן דעם גאַנצן געגנט, און נאָכדעם ווי דער אומגליק איז שוין געענדיקט און מ׳הויבט אָן אויפבויען דעם חורבן, פאַרגעסט מען אינ־גאַנצן אין זיי און קיינער דערמאָנט זיי ניט מער...

אַזאַ מזל האָט שטענדיק געהאַט אויך דאָס יידישע שטעטל אָבאָדיווקאַ, וואָס געפינט זיך אין אוקראַינע; מ׳האָט עס איבערגעלאָזן ווי אויף הפקר נאָך דער פריערדיקער וועלט־מלחמה און מ׳האָט ניט אויפגעבויט דעם חורבן, וואָס איז דאָרט געבליבן פון דעם שרעקלעכן פּאָגראָם וואָס איז דאָרט פאָרגעקומען אינם יאָר 1919, אין די צייטן פון דעם גרויסן בירגער־קריג אין רוסלאַנד. אויך אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, אין די צייטן פון היטלערס פינצטערער ממשלה, איז דאָס שטעטל געבליבן ווי אויף הפקר און מ׳האָט עס אין ערגעץ ניט דערמאָנט; אינאיינעם מיט די אַנדערע קליינע יידישע שטעטלעך אין אוקראַינע איז דאָס אַריינגעפאַלן ווי אין אַ זאַק אין די הענט פון דעם בייזן שונא, וואָס האָט זיך פאַרלעגט אויסצוראָטן דאָס גאַנצע יידישע פאָלק.

ווען איך בין אינם יאָר 1932 געווען אין מיין געבורטס־שטעטל טראָסטינעץ, וואָס איז אינגאַנצן עלף ווערסט פון אָבאָדיווקאַ, האָב איך געוואָלט דינגען אַ פורל און פאָרן אַהין, ווייל דאָס שטעטל איז מיט מיינע קינדער־יאָרן אַ סך פאַרבונדן און מיין מאַמע איז דאָרט געבוירן געוואָרן. אָבער מענטשן האָבן מיר געזאָגט, אַז איך זאָל בעסער אַהין ניט פאָרן. „מער ווי חורבות, האָבן זיי געזאָגט, וועט איר דאָרטן ניט געפינען. ס׳איז דאָרט אַ יאָמער־טאָל, און ווער עס קען נאָר, פאָרט פון דאָרטן אַוועק אין די גרעסערע שטעט.“

דריי הונדערט יידן האָט מען אין אָבאָדיווקאַ אויסגעהרגעט אין דעם שרעקלעכן פּאָגראָם פונם יאָר 1919. און געווען איז דאָס דעם 10טן מאַי, אַ טאָג נאָכדעם ווי מ׳האָט אין מיין געבורט־שטעטל טראָסטינעץ אויסגעהרגעט פינף הונדערט יידן און זיי אַלע באַגראָבן אין איין קבר. די זעלבע אוקראַינישע היי־דאַמאַקעס, וועלכע האָבן געמאַכט דעם פּאָגראָם אין טראָסטינעץ, האָבן אויך געמאַכט די שחיטה אין אָבאָדיווקאַ, און די היימישע פּויערים, וואָס האָבן אין די פריערדיקע צייטן דווקא געלעבט גוט מיט די יידן, האָבן זיי געהאָלפן אין דעם און אַרויסגעוויזן דערביי אַזאַ ווילדע רציחה, אַז ס׳איז שווער געווען צו פאַרשטיין פון וואַנען דאָס האָט זיך צו זיי גענומען...

אַ צייט פון ווילדקייט און הפקירות איז דאָן געווען. אַ צייט פון שרעק און בהלה, און וואו נאָר ערגעץ אַן אויסוואורף און אַ באַנדיט, וואָס האָט אין די רואיקע צייטן געמוזט באַהאַלטן די ווילדע חיה אין זיך, האָט מיט אַמאָל הויך דעם קאָפּ אויפגעהויבן און צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע פון זיין שניט האָט ער צווישן די אוקראַינישע פּויערים, אין די שטעט און אין די דערפער, פאַרשפּרייט בילבולים, אַז יידן פאַראומרייניקן די קלויסטערס, אַז זיי נעמען פון דאָרט אַרויס די הייליקע איקאָנעס און פאַרשוועכן זיי, און אַז אומעטום באַוואָפּענען זיי זיך שטילערהייט, און זיי קלייבן זיך אויסצושעכטן אַלע פּראַוואָסלאַוונע מענטשן און איינגאַנצן אויסראָטן דעם פּראַוואָסלאַוונעם גלויבן אין אוקראַינע. אויך אין אָבאָדיווקאַ און אין די אַרומיקע דערפער האָט מען אַזעלכע בילבולים פאַרשפּרייט, און די אומוויסנדע פּויערים האָבן אין דעם געגלויבט, און זיי האָבן זיך דעריבער אָנגעשלאָסן אָן דער באַנדע, וואָס איז געקומען מאַכן די שחיטה אין שטאָט. און אַפילו די, וואָס האָבן אין דעם ניט געגלויבט, האָבן גלאָט ניט געוואָלט דורכלאָזן די געלעגנהייט צו ראַבעווען יידיש פאַרמעגן און ניט באַשטראָפט ווערן דערפאַר...

ווען די באַנדע איז אַריין אין שטעטל אינאיינעם מיט די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער, האָבן זיי צונויפגעטריבן אַלע יידן אויף דעם גרויסן פּלאַץ, לעבן קלויסטער, און אַרום און אַרום האָט מען אויסגעשטעלט באַוואָפנטע וועכטער אַכטונג צו געבן, אַז קיין איין ייד זאָל ניט אַנטלויפן. די פירער פון דער „הראָמאַדע", ווי מען רופט דאָס אויף אוקראַיניש, האָבן אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג, וואָס צו טאָן מיט די יידן אין אָבאָדיווקאַ, און ס'איז געבליבן אַז מ'זאָל זיי אַלע אויסהרגענען. אַזוי האָט, הייסט עס, „הראָמאַדע" געפּסקנט. און ווען די יידן האָבן דאָס דערהערט, האָבן זיי אָנגעהויבן וויינען און קלאָגן; אַלטע לייט זיינען געפאַלן אויף די קני און זיך געבעטן ביי די רוצחים, אַז זיי זאָלן זיך דערבאַרעמען אויף די יידן אין דעם שטעטל אָבאָדיווקאַ און זיי ניט טאָן קיין שלעכטס. אָבער די רוצחים האָבן זיי דערויף געענטפערט מיט אַ געלעכטער, און דאַן האָט איינער פון זיי אַ וואָרף געטאָן אַ באָמבע אויף די יידן, אָבער די באָמבע האָט ניט אויפגעריסן. אויך די צווייטע באָמבע, וואָס מ'האָט געוואָרפן, האָט ניט אויפגעריסן. און ווען איין ייד האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און געכאַפּט די באָמבע און איז שוין געווען גרייט זי צו וואַרפן צוריק אויף דער באַנדע, האָט אים אַן אַנדער ייד אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט און אָנגעהויבן שרייען: „טו דאָס ניט; אפשר וועלן זיי זיך דאָך מרחם זיין אויף אונדז."

אָבער די רוצחים האָבן זיך ניט דערבאַרעמט. ווען זיי האָבן דערזען, אַז די באָמבעס וואָס זיי וואַרפן רייסן ניט אויף, האָבן זיי פון אַ פּולימיאָט גענומען האָגלען מיט קוילן אויף די יידן, וואָס זיי האָבן צונויפגעטריבן צו דעם גרויסן

פלאַץ, וואָס לעבן קלויסטער, און נאָכדעם האָבן זיי זיך ערשט אַרויפגעוואָרפן אויף זיי מיט שווערדן און מיט שפּיזן און מיט העק און אויסגעהרגעט די, וואָס זיינען ניט געפאַלן טויט פון די קוילן.

„כמעט אַלע יידן פון אָבאָדיווקאַ האָט מען דעמאָלט אויסגעהרגעט", — ווערט געזאָגט אינם ספר „מגלת הטבח", וואו עס זיינען פאַרשריבן פאַר דורות די רציחות פון די פּאָגראָמען אויף די יידן אין אוקראַינע אין די צייטן פון דעם גרויסן בירגער־קריג אין רוסלאַנד — „געראַטעוועט האָבן זיך בלויז די, וואָס האָבן באַוויזן צו אַנטלויפן, אָדער אַזעלכע וואָס האָבן גראָד געהאַט דאָס גליק זיך צו באַהאַלטן אויף אַזוינע ערטער, וואו די רוצחים האָבן זיי ניט געקענט געפינען *).

אויף ווי ווייט די רציחה איז געווען גרויס קען מען זיך פאָרשטעלן פון דעם וואָס שוין נאָכדעם ווי מ'איז פאַרטיק געוואָרן מיט דעם שיסן, האָט מען מיט אייזערנע גראַבליעס און לאָפּעטעס אַרויפגעוואָרפן די טויטע יידן אויף וואָגנס און פורלעך, וואָס מ'האָט געבראַכט פון די דערפער. מען האָט זיי מיט די גראַבליעס און לאָפּעטעס געשאַרט אויף דער ערד, ווי מ'שאַרט מיסט; אויך די האַלב־טויטע וואָס האָבן נאָך געגוססט האָט מען אַזוי געשאַרט און זיי אויף די וואָגנס געוואָרפן אינאיינעם מיט די טויטע. און געטאָן האָט מען דאָס ביים קלויסטער, אויף דעם זעלבן אָרט, וואו מ'צלמט זיך פרום פאַרן געשטאַלט פון יעזוס כריסטוס!...

ס'איז אין אָבאָדיווקאַ ניט געבליבן ווער ס'זאָל די קדושים ברענגען צו קבר־ישראל. און די רוצחים אַליין האָבן באַגראָבן זייערע קרבנות אין די גריבער און ריווען, וואָס מ'האָט געהאַט אויסגעגראָבן נאָך מיט אַ צייט פריער, ווען עס זיינען ביים שטעטל פאָרגעקומען שלאַכטן צווישן די רוסן און די דייטשן. און אויף דעם פּלאַץ לעבן דעם קלויסטער איז די ערד געווען אַזוי דורך און דורכגעווייקט מיט בלוט, אַז ווען מען האָט דאָרט מיט עטלעכע טעג שפּעטער דורכגעפירט די בהמות, וואָס דער פּאַסטוך האָט געטריבן אין טשערעדע, האָבן זיי זיך דאָרט אָפּגעשטעלט לעקן די ערד און מ'האָט זיי פון דאָרט ניט געקענט אַוועקטרייבן.

און נאָך דער שחיטה האָט מען זיך ערשט אַ לאָז געטאָן ראַבעווען יידיש האָב און גוטס. מ'האָט אין אָבאָדיווקאַ קיין איין יידישע שטוב ניט אויסגעלאָזט; דאָס גאַנצע ביסל אָרעמקייט, וואָס מ'האָט דאָרט געפונען, האָט מען צוגענומען, און אַ סך יונגע יידישע פרויען, וואָס זיינען געבליבן אלמנות, האָט מען געשענדט. עטלעכע הונדערט יידישע פרויען און מיידלעך, וואָס זיינען געבליבן ווי אויף הפקר, זיינען אין די הענט פון די צעיושעטע און ווילדע רוצחים

---

*) א. ד. ראָזענטאַל, מגילת הטבח, באַנד 1, ז' 6.

אריינגעפאַלן. און ניט איינע פון זיי האָט נאָכדעם, פאַר ווייטאָג און שאַנד, אַליין געמאַכט אַ סוף צו איר לעבן...

דאָס גאַנצע שטעטל איז ווי אָפּגעריסן געוואָרן פון דער וועלט — אַ שטעטל פון אַלמנות און יתומים, פאַר וועלכע קיינער שטעלט זיך ניט איין, און וואו ס'איז ניטאָ צו וועמען זיך צו קערן און ווענדן. און עס איז ניט אַוועק קיין איין טאָג און קיין איין נאַכט, אַז די מורא זאָל ניט הענגען איבערן קאָפּ. און וואָס אַמאָל איז די מורא אַלץ גרעסער און גרעסער געוואָרן, און אינאיינעם מיט איר איז אויך גרעסער געוואָרן די נויט; און אַ סך פון די אַלמנות און יתומים זיינען פשוט פון הונגער אויסגעשטאָרבן, ווייל אַפילו בעטן אַ שטיקל ברויט איז ניט געווען ביי וועמען, און אַנדערע זיינען זיך צעלאָפן וואוהין זיי האָבן נאָר גע־קענט.

די הייזער זיינען געבליבן פוסט.

אַלע הייזער פון שטעטל!

אַפילו קיין סימן פון לעבן איז דאָרט ניט געבליבן.

ס'איז אַפילו ניט געווען ווער עס זאָל דאָרט דעם חורבן באַוויינען.

און ווען אַלע הייזער זיינען געבליבן פוסט, האָבן די פויערים זיי צעוואָרפן און אַוועקגעפירט דאָס געהילץ צו זיך אַהיים, און דערמיט געהייצט די אויוונס ווען דער ווינטער איז אָנגעקומען און ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די פרעסט...

ס'איז זיי געווען קאַלט, די פויערים אין אַבאַדיוווקאַ און אין די דערפער אַרום און אַרום. אין דער גרויסער בהלה, וואָס האָט דאַן געהערשט אין גאַנץ אוקראַינע, האָבן זיי קיין געהילץ ניט געקענט קריגן צו הייצן די אויוונס אין די שטיבלעך; פאָרן אין וואַלד אַריין נאָך האָלץ איז געווען אַ מורא, ווייל דאָרט האָט מען זיך אַלע מאָל אָן אָן אַנדער באַנדע געקענט אָנשטויסן; איז מען שוין בעסער מיט די וואָגנס און שליטנס געקומען אין דעם פוסטן שטעטל, וואָס איז געבליבן אויף הפקר, און דאָרט האָט מען פון די פוסטע און וויסטע יידישע הייזער געשלעפּט די שטרוי פון די סטריכעס, די קראָקוועס פון די דעכער, די שייטלעך האָלץ פון די ווענט און אויך סלופּעס און ברעטער און מ'האָט מיט דעם נאָכדעם די אויוונס געהייצט און זיך געוואָרעמט ביים פייער...

געבליבן גאַנץ איז אין אַבאַדיוווקאַ בלויז דער קלויסטער מיטן גרויסן צלם אויפן שפיץ. און אין די גויישע חגאות, ווען מ'האָט דאָרט אָנגעהויבן קלינגען מיט די גלעקער, האָט זיך דאָס קלינגען געטראָגן איבער אַ פוסטער שטאָט, וואָס איז געבליבן אויף הפקר — אַ שטאָט וואָס גאָט און לייט האָבן אָן איר פאַרגעסן, און וואו מען זעט ניט קיין אַנדער זאַך ווי נאָר חורבות און חורבות...

*
**

און אַמאָל איז אין אָבאָדיווקאַ אַ פעסט איינגעפונדעוועט יידיש לעבן געווען: און קיינער האָט זיך דאַן ניט געקענט פאָרשטעלן, אַז דאָס וועט ווען ס׳איז אָפּגעווישט ווערן, אַז ס׳וועט דערפון אַפילו קיין זכר ניט פאַרבלייבן.

אין דעם קליינעם שטעטל, וואו ס׳האָבן געוואוינט ניט מער ווי אַ פינף הונדערט יידישע פאַמיליעס, האָט מען געקענט געפינען אַלץ וואָס ס׳האָט נאָר געהאַט אַ שייכות מיטן גייסטיקן און עקאָנאָמישן יידישן לעבן. עס זיינען דאָרט געווען ציוניסטן פון אַלערליי ריכטונגען און אויך סאָציאַליסטן פון פאַרשיידענערליי ריכטונגען; ס׳זיינען דאָרט געווען חסידים און מתנגדים, לומדים און עמי־הארצים, פרומע לייט און אַפּיקורסים, סוחרים און בעל־מלאכות, נגידים און קבצנים. אָבער צו קיין גאָר שאַרפע מחלוקותן איז קיינמאָל ניט געקומען; מ׳איז אויסגעקומען צווישן זיך ווי אייגענע מענטשן און מ׳האָט געהאַלטן, אַז ס׳איז גאָר ניט אַזוי שלעכט וואָס ס׳זיינען פאַראַן צדדים. פאַרקערט, ס׳איז אפשר גאָר גוט אַזוי, ווייל ווען ס׳קומט צו אַ וויכוח, אָדער צו אַ דעבאַטע, ווי מ׳רופט דאָס, קען מען ווייזן חריפות און נאָכדעם האָט שוין דאָס גאַנצע שטעטל פון וואָס צו רעדן און איינער דעם אַנדערן דערציילט ווי דער און דער האָט אין אַ וויכוח מיט יענעם און יענעם אַרויסגעוויזן אַזוי פיל קענטעניש, אַז ס׳איז פשוט געווען אַ געוואַלד, און מ׳האָט ממש געמעגט גיין „אויף בילעטן" דאָס צו זען און הערן...

צווישן די, וואָס האָבן אין אָבאָדיווקאַ געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויפן יונגן דור, איז געווען דער ליבער אהרן דוד גאָרדאָן, וועלכער האָט זיך שפּעטער געמאַכט זייער אַ שיינעם נאָמען ביי יידן — ניט נאָר מיט זיינע ווערק, וואָס ער האָט אין ארץ ישראל געשריבן אויף העברעאיש, נאָר אויך מיט דעם, וואָס ער האָט אַלע זיינע יאָרן געפירט אַזאַ לעבן, אַז אַלע האָבן אים ווירקלעך געקענט נעמען ווי אַ מוסטער פון אַן עכטן אידעאַליסט.

גאָרדאָן האָט פון אַרבעט געמאַכט אַן אידעאַל. אַפילו אין די צייטן, ווען ער האָט שוין אין ארץ־ישראל געהאַט אַ סך תלמידים און אָנהענגער, וואָס האָבן אויף אים געקוקט ווי אויף זייער רבין און געוואָלט שאַפן פאַר אים אַ מעגלעכקייט, אַז ער זאָל מער ניט דאַרפן האָרעווען אַזוי שווער, האָט ער די אַרבעט, די פשוטע פיזישע אַרבעט אויפן פעלד און אין וויין־גאָרטן ניט געוואָלט אויפגעבן; ער האָט ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן שווער געהאָרעוועט צו פאַרדינען זיין שטיקל ברויט ווי אַ געדונגענער אַרבעטער ביי יענעם, און אין אַלץ וואָס ער האָט געטאָן איז געווען די ערלעכקייט אַליין, און ער האָט אין דער אַרבעט אַריינגעלייגט פרייד, און אַלע מאָל, ווען ער האָט געזען ווי אַנדערע זיינען

פאַרזאָרגט, האָט ער זיי געמינטערט צו זיין פריילעך, מיט לידלעך און ניגונים האָט ער אומעטום פרייד אַריינגעטראָגן, און צווישן די יידישע לידלעך, וואָס ער האָט אָפט ליב געהאַט צו זינגען, איז געווען אַ נוסח וואָס ער האָט איבערגעמאַכט פון וואַרשאַווסקיס אַ ליד, און דאָס, געדענק איך, איז ביי אים געגאַנגען אַזוי:

„כאָטש איך בין מיר אַן אָרעם יידל
און ס׳דאַרט מיר שטאַרק דער מוח,
זינג איך מיר אין ארץ־ישראל אַ לידל
און איך כאַפּ דערצו אַ טענצל אויך.
אוי, אוי, אוי!
פריילעך אָט אַזוי...״

אין זיין אויפריכטיקייט, וואָס האָט ממש קיין גלייכן צו זיך ניט געהאַט, פלעגן אהרן דוד גאָרדאָן ניט קענען ליידן וואָס מ׳נעמט אים פאַר אַ מוסטער און מ׳זאָגט, אַז ער איז זיך מקריב פאַר אַן אידעאַל. ער האָט פון דעם געהאַט גרויס צער און אַלע מאָל, ווען ער האָט גערעדט דערפון, האָט ער געזאָגט, אַז דערמיט פאַרשוועכט מען די הייליקייט פון אַרבעט. ער פלעגט גיין צו דער אַר־בעט יעדן פרימאָרגן מיט אַזאַ כוונה, פּונקט ווי אַ פרומער ייד גייט אין שול אַריין דאַוונען. דאָס האָב איך ניט איין מאָל געזען אין די צייטן, ווען איך האָב זיך מיט אים געטראָפן אין ארץ־ישראל בעת איך האָב דאָרט, אינם יאָר 1908, געמאַכט אַ רייזע איבערן לאַנד.

אין אָבאָדיווקאַ האָט מען לאַנג געדענקט דעם איינפלוס, וואָס גאָרדאָן האָט געהאַט אין שטעטל אויף דער יידישער אינטעליגענץ. ס׳האָבן וועגן אים דאָרט גערעדט מיט גרויס דרך־ארץ ניט נאָר די, וואָס זיינען אין זיינע וועגן געגאַנגען, נאָר אויך אַזעלכע, וואָס זיינען געווען זיינע געגנער; אַפילו די פרומע חסידים, וואָס האָבן אים געהאַלטן פאַר אַן אַפּיקורס, האָבן וועגן אים מיט גרויס דרך־ארץ גערעדט שוין לאַנג נאָכדעם ווי ער איז פון אָבאָדיווקאַ אַוועק. זיין איינציקע טאָכטער האָדע האָט אין דעם קליינעם שטעטל ווייטער אָנגעפירט די אַרבעט, וואָס איר פאָטער האָט דאָרט אָנגעהויבן, און זי האָט צו דעם צו־געצויגן די אַלע, וואָס האָבן געשטרעבט צו בילדונג און ניט געהאַט די מעגלעכ־קייט צו גיין אין די גימנאַזיעס און אין אוניווערסיטעטן. אין דעם קליינעם שטיבל, וואו זי האָט אין אָבאָדיווקאַ געוואוינט מיט איר מוטער און מיט איר ברודער, פלעגן זיך אָפט צונויפקומען די אַלע יונגע מענטשן, אויף וועלכע מ׳פלעגט געווייינלעך זאָגן, אַז „עפּעס וועט שוין פון זיי ווערן״. און ניט נאָר פון אָבאָדיווקאַ, נאָר אויך פון די אַנדערע נאָענטע שטעטלעך, פון ווערכיווקאַ און פון טראָסטינעץ, פלעגן אין יענעם קליינעם שטיבל אַמאָל קומען די יונגע מענטשן, וואָס האָבן

זיך אַרומגעטראָגן מיט אידעען. און ווען מען איז זיך צונויפגעקומען, האָט מען גערעדט וועגן שרייבער און ביכער און אויך וועגן די באַוועגונגען, וואָס זאָגן אָן דאָס אָנקומען פון נייע צייטן אין רוסלאַנד.

ס׳איז געווען אַ צייט פון גלויבן און האָפענונגען. אַ צייט פון שטרעבונג און חלומות. און וואו נאָך איז געווען אַזוי לייכט צו וועבן חלומות ווי דאָרט, אין דעם קליינעם שטילן יידישן שטעטל, וואו טרוים און ווירקלעכקייט האָבן זיך אָפט אַזוי צונויפגעמישט איינע מיט די אַנדערע ? !

ס׳איז אין אָבאָדיווקאַ, געווען אַ פּריצישער הויף און דאָרט האָט געוואוינט דער גראַף סאַבאַנסקי, וועלכער האָט געשטאַמט פון זייער אַ געהויבענעם יחוס אין פּוילן. דער הויף איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ הויכן פּאַרקאַן אַ געמויערטן, און בלויז אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט גאָר אַ גרויסע זכיה, האָבן געקענט אַריינקומען אינעווייניק. דעם גראַף אַליין האָט מען זעלטן ווען געזען אין שטעטל ; ער האָט זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט פון אַלץ און פון אַלעמען; מ׳האָט קיין מאָל ניט געוועוואוסט צי ער איז דאָ, אָדער ער איז אַוועקגעפאָרן ערגעץ אין אַ ווייט לאַנד; און ווייל דאָס לעבן אין הויף איז געווען אַזוי שאַרף אָפּגעטיילט פון דעם לעבן אין שטעטל, האָט מען דעם פּוילישן פּריץ און זיין הויף אין לעגענדעס איינגעהילט; מ׳האָט דערציילט, אַז ביי אים אין גאָרטן וואַקסן אַזעלכע פּירות, וואָס מ׳זעט גאָר אין ערגעץ ניט, און אַזעלכע בוימער, אַז מ׳דאַרף אויספאָרן אַ וועלט ביז מ׳קריגט זיי; מ׳האָט אויך דערציילט, אַז ביים פּריץ אין די „פּאָקאָיעס" ליגן אויסגעלייגט אַזעלכע סאַמעטענע סטעזשקעס, וואָס האָבן די ווערט אוצרות מיט גאָלד און — מ׳טרעט אויף זיי מיט די פיס, און אַז ווען ס׳האָט זיך אים איין מאָל אין אַ הייסן זומערדיקן טאָג פאַרגלוסט צו פאָרן דווקא אויף אַ שליטן, האָט ער געהייסן מ׳זאָל אויפן גאַנצן וועג אויסשיטן עטלעכע הונדערט זעקלעך „מעליץ" (מעל־צוקער), און מ׳האָט דאָס גלייך געטאָן, און — דער פּריץ איז זומער געפאָרן אויף אַ שליטן...

ווען דאָס איז געווען האָט קיינער ניט געוואוסט. אָבער דאָס האָט דאָך ניט געשטערט, אַז מ׳זאָל די פאַנטאַסטישע מעשה ווידער אַמאָל און אָבער אַמאָל דערציילן. בכלל האָט מען וועגן דעם לעבן אין הויף אַזעלכע פאַנטאַסטישע מעשיות דערציילט אין שטעטל, אַז מ׳האָט געדאַרפט גאַפן און שטוינען דערויף, וואָס מען האָט זיי אויסגעטראַכט. ס׳איז שווער געווען זיך פאָרצושטעלן אַז דאָס רעדט מען אַזוי וועגן אַ הויף, וואָס שטייט דאָ ניט ווייט און וואָס אַלע קענען זען מיט די אויגן; מ׳האָט געקענט מיינען, אַז דאָס רעדט מען וועגן אַ פאַרכישופטן שלאָס, וואָס געפינט זיך ערגעץ אַזוי ווייט און אַזוי הויך, אַז ס׳איז גאָר אוממעגלעך צוצוקומען אַהין...

אַ פאַנטאַזיע אין אַ ווירקלעכקייט!

און זי איז געווען אַ שווערע, זייער אַ שווערע, די יידישע ווירקלעכקייט אין דעם פאַרוואָרפענעם שטעטל אָבאָדיווקאַ. ווען מ׳האָט נאָר אַרויסגעקוקט דורך אַ פענצטער, אָדער ווען מ׳איז נאָר אַרויס אויפן מאַרק, האָט מען געזען ווי יידישע קרעמער און קרעמערקעס שטייען ביי די אָפענע טירן פון די קלייטן און קוקן אַרויס אויף אַ קונה. זומער און ווינטער האָבן זיי די טירן פון די קלייטן געהאַלטן אָפן; זומער איז מען דאָרטן אָפּגעגאַנגען מיטן שווייס און ווינטער איז מען דאָרט דערפראָרן געוואָרן פון קעלט, און אָנגעטאָן אין די שווערע וואַטאָווע לייבלעך און אין די אָפּגעריבענע שמויסענע טולופּלעך האָט מען זיך געוואַרעמט ביי די „פייער־טעפּ“, וואו קוילן פון האָלעוועשקעס האָבן קוים געטליעט; אַלע טאָג אַזוי. פון אינדערפרי ביז נאַכט. און ווען מ׳איז געקומען אַהיים און איבערגעציילט דעם פדיון, איז געוואָרן ביטער אויפן האַרצן, ווייל וויפל מאָל מ׳האָט ניט איבערגעציילט און געמאַכט דעם חשבון, איז אַלץ אויסגעקומען, אַז ס׳איז נאָך אַלץ נישטאָ אויף שבת...

זייער ווייניק יידן אין אָבאָדיווקאַ זיינען געווען אויפן צעטל פון די, וואָס מ׳האָט געהאַלטן פאַר נגידים. מ׳האָט זיי געקענט איבערציילן אויף די פינגער פון די הענט. די איבעריקע זיינען געווען קבצנים; זיי האָבן אַלע שווער געהאָרעוועט אויף דער פרנסה און די, וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט קרעמעריי, זיינען דריי טעג אין דער וואָך געווען פאַרנומען מיט יאַרידים. מאָנטיק האָט מען זיך מיט פורלעך סחורה געשלעפּט קיין ווערכיווקאַ אויפן יאַריד. דאָנערשטיק איז מען געפאָרן קיין טראָסטינעץ אויפן יאַריד, און צווישן די צוויי יאַרידים האָט מען זיך מער ווי אַלע מאָל געטומלט דינסטיק אויף דעם אייגענעם יאַריד אין שטעטל. דאַן זיינען זיך קיין אָבאָדיווקאַ צונויפגעפאָרן אַ סך קרעמער און קרעמערקעס פון די אַרומיקע שטעטלעך, און וואָס האָט מען דעמאָלט דען ניט אַרויסגעלייגט און אַרויסגעשטעלט אויפן מאַרק!

אַלץ וואָס אַ מויל קען נאָר אַרויסרעדן און וואָס אַ קונה קען נאָר באַדאַרפן, האָט מען אויפן מאַרק אויסגעלעגט אויף רעדנעס און אַרויסגעשטעלט אויף שטעלכלעך — קרעלן און פאַטשערקעס פון אַלערליי קאָלירן און פאַרבן; פאָסטעראָנקעס און אָבראָטן איינצושפּאַנען פערד; קליאַמקעס און זאַוויעסעס צו טירן פון הייזער און שטאַלן; קאָסעס און סערפּן און פלוגן צו אַרבעטן אויף די פעלדער; לאָפּעטעס צו גראָבן ערד; גראַבליעס צו שאַרן היי און הויבן סנאָפּעס; אייזערנע פלעקלעך צו די לישנעס ביי די רעדער פון די וואָגנס, און אויך זובעס און קריקעס און באַרדעס און העק און עגבערלעך און זעגן, און אָפּצאַסן און פּאָדעשוועס, און שטיוול מיט ברייטע נעז און פּאָסטילעס, און „געגלעזטע“ טעפּ און שיסעלעך, און טשוהונענע טעפּ, און קאָטשערעס,

און טריבישקעס, און העקעלעך און פּאַלירטשיקלעך, און קוואַס, און — וואָס דען ניט!

און אַלע אין אַבאָדיווקאַ זיינען געווען פאַרזשובעט און פאַרטרודעט מיט דעם יאַריד, און אומעטום זיינען געשטאַנען פויערים מיט פורלעך, וואָס זיינען זיך פון אַלע אַרומיקע דערפער צונויפגעפאָרן, און ביי יעדן פורל זיינען געשטאַנען אויסגעשפּאַנטע פערד און אָקסן מיט די מאָרדעס אין די זעק און האָבן געקייט היי און האָבער, און ביי די קלייטן און שטעלעכלעך האָט מען זיך געהאַלטן אין איין דינגען איבער גראָשנס, און דינגענדיק זיך האָבן יידן און גויים איינע די אַנדערע געפּאַטשט אין די הענט, און דאָס איז געווען אַ גוטמוטיקער סוחרישער שטייגער אַזאַ, און וואָס הילכיקער אַ פּאַטש האָט אָפּגעקלונגען, אַלץ מער באַדייטונג האָט ער געהאַט און ס'האָט געהייסן, אַז דער מקח־ממכר איז געשלאָסן. און איבער די קעפּ האָט זיך פון אַלע זייטן געטראָגן דאָס הירזשען פון פערד, דאָס קוויטשעדיקע כריוקען פון חזירים, דאָס רעווען פון אָקסן, דאָס מעקען און בלעקען פון ציגן און שאָף, און אין דעם טומל האָט זיך אַ שיכורער פויער ערגעץ צעזונגען אויף די העכסטע טענער:

„יאַקבי או מעני סיוואַ שאַפּקאַ
טאַי שטשע שטאַני סיני,
טאַי דאָ מעני דיווקי ליפּליב
יאַק דאָ בראַהי סוויני...“

דווקא איצט איז אים אויסגעקומען אויסצושרייען אויפן קול דעם „טרוים“ פון דעם אָרעמען אוקראַינישן פויער, וואָס גלויבט, אַז ווען ער וואָלט נאָר געהאַט אַ פוטערנע קוטשמע אַ גרויע, און דערצו נאָך אַ פּאָר הויזן בלויע, וואָלטן די מיידלעך זיך צו אים געקלעפּט, פּונקט ווי חזירים צו בראָהע...

קיין אַנדערע פאַרלאַנגען האָט ער איצט ניט. אויך קיין אַנדערע צרות האָט ער ניט איצט. דערמאָנען אָן זיי וועט ער זיך ערשט שפּעטער, נאָכדעם ווי ער וועט זיך אויסניכטערן...

פון אינדערפרי ביז ביינאַכט זיינען יידן אין אַבאָדיווקאַ געווען פאַרנומען מיט דעם דינסטיקדיקן יאַריד אין שטעטל. קיין איין מינוט האָבן זיי זיך אין דעם טאָג ניט פאַרגונען צו רוען. ביי די שטעלעכלעך און אין די קלייטן, האָט מען געגעסן, שטייענדיק און שלינגענדיק דעם ביסן האָט מען גערופן קונים און רעדנדיק מיט איין קונה, האָט מען אין איילעניש געענטפערט אַ צווייטן און זיך געדונגען מיט אַ דריטן און געהאַלטן אָן אויג אויף אַ פערטן און געשלעפּט ביי דער פּאָלע אַ פינפטן און איינגעטענהט מיט אים, אַז אַזוי וואָלוול ווי ער קען קויפן דאָ, קען ער אין ערגעץ ניט קויפן...

מ׳האָט געמוזט האַווען און יאָגן, ווייל אין דער אָרעמקייט איז גאָר ניט געווען קיין איין זאַך, איבער וואָס מען האָט זיך ניט געמוזט ברעכן דעם קאָפּ; מ׳האָט געדאַרפט איבערבויען די שטיבלעך, וואָס זיינען אָפּגעברענט געוואָרן אין אַ שרפה; מ׳האָט געמוזט געבן פּרנסה דער ווייב און קינדער; מ׳האָט געדאַרפט חתונה מאַכן טעכטער; מ׳האָט געדאַרפט צאָלן שכר־לימוד פאַר די קינדער; אויך אַ „שטאָט“ אין בית־המדרש האָט מען געדאַרפט, און קויפן אַן „עליה“ צו דער תורה, און געבן אַ נדבה אַן אָרעמאַן, און אַרויסהעלפן אַמאָל דעם וואָס געפינט זיך אין אַ גרויסער נויט. צוליב וואָס דען לעבט אַ מענטש אויף דער וועלט? און צווישן די יידישע קרעמער אין אָבאָדיווקאַ זיינען אויך געווען אַזוינע, וואָס האָבן פון זיך „געצויגן די קליי“, אַז זייערע קינדער זאָלן זיין געלערנט, ניט נאָר אין יידישע לימודים, נאָר אויך אין וועלטלעכע, זיי זאָלן גוט קענען רוסיש און די אַלע אַנדערע זאַכן, און כדי דאָס צו דערגרייכן, האָבן זיי פאַר די קינדער געהאַלטן לערער, זיי צוצוגרייטן צו די עקזאַמענס אין אָדעס...

יעדער ייד האָט געוואָלט, אַז ווען זיינע קינדער וועלן אויסוואַקסן, זאָלן זיי זיין לייט. און אַ לייט איז געווען ניט דער, וואָס האָט געהאַט געלט, נאָר דער, וואָס איז געווען געלערנט און געבילדעט. צוליב דעם האָט מען שטענדיק אַזוי געהאַוועט און זיך פון די כוחות אַרויסגעשלאָגן...

*
**

גאָר אַנדערש האָט אויסגעזען דאָס שטעטל ווען ס׳איז געקומען אַ שבת, אָדער אַ יום־טוב. פון דער גאַנצער יאָרידישער וואָכעדיקייט האָט זיך דעמאָלט אין ערגעץ אַפילו קיין סימן ניט געוויזן. די זעלבע יידן, וועלכע האָבן אין די וואָכעדיקע טעג געיאָרידעוועט אין אַזאַ ווילדער איילעניש, זיינען מיט געמאָס־טענע טריט און מיט גרויס ווירדיקייט געגאַנגען אין שול אַריין און אויך אויף קידוש איינער צום אַנדערן, אָנגעטאָן אין די יום־טובדיקע קאַפּאָטעס; און אַמאָל האָט מען זיך אויך פאַרגונען אַריינצוגיין צו ר׳ מרדכין דעם ווינשענקער, טרינקען אַ גלעזל וויין און זיך משמח זיין אינאיינעם און טאַקע זינגען אַ ביסל אויך.

זיי האָבן זייער ליב געהאַט געזאַנג, די יידן אין אָבאָדיווקאַ. אַפילו די, וואָס זיינען ניט געווען קיין חסידים און קיינמאָל צו קיין רבין ניט געפאָרן, האָבן אויך ליב געהאַט אַ ניגון ביי אַ גלעזל וויין. און ווען ס׳איז געקומען אַ שמחת־תורה איז דאָס גאַנצע שטעטל געווען פול מיט געזאַנג און פרייד.

באַלעבאַטישע יידן, בכבודיקע, זיינען אין גרויסע כיתות געגאַנגען איבער די גאַסן אויף קידוש פון איינעם צום אַנדערן, זינגענדיק דערביי אויפן קול

„ישמח משה במתנת חלקו“ און די יידישע בעלי־מלאכות פון שטעטל — זיי האָבן שמחת־תורה געהוליעט אויף וואָס די וועלט שטייט, און מ'האָט שוין געוואוסט, אַז ווען זיי ווערן פאַרטיק מיט דעם גיין אויף קידוש פון איינעם צום אַנדערן, גייען זיי ערשט אַוועק צו מרדכי דעם ווײַנשענקער, און דאָרט, אין הינטער שטיבל, וואו מ'זעט אָן דאָס דעכל פון דעם קעלער, פון וואַנען מען ברענגט דעם ווײַן, טרינקען זיי אויס עטלעכע „אָקעס“ און נאָכדעם איז דאָס גאַנצע שטעטל פול מיט זיי און מיט די ניגונים, וואָס זיי זינגען.

דאָס באַליבטסטע לידל זייערס איז געווען „וואָס מיר זיינען, זיינען מיר“, און געזונגען האָבן זיי דאָס שמחת־תורה אויף זייער אייגענעם שטייגער:

„אוי, וואָס מיר זיינען, זיינען מיר,
אָבער יידן זיינען מיר.
און וואָס מיר טוען, טוען מי־ר־,
אָבער ווײַן טרינקען מיר.“

און זינגענדיק אַזוי, האָט יעדער איינער געהאַלטן איין האַנט ביי אַן אַנדערן אויפן אַקסל און די צווייטע האַנט האָט ער געהאַלטן אין דער הויך און זיך געריסן אויף די העכסטע טענער:

„אוי, וואָס מיר זיינען, זיינען מיר,
אָבער יידן זיינען מיר.
און וואָס מיר טוען, טוען מי־ר־,
אָבער קידוש מאַכן מיר.“

אַפילו „ר' ברוכל דער קליינער“, אַ שטילער ייד, אַ בכבודיקער, וואָס איז שטענדיק געווען פאַרזאָרגט און האָט זעלטן אַ הויך וואָרט אַרויסגערעדט — אַפילו ער איז שמחת־תורה אין אָבאָדיווקאַ געווען זייער פריילעך. ער האָט פון זיך אין דעם טאָג אַלע דאגות אַראָפּגעוואָרפן, און ער האָט געזונגען ניט נאָר אין בית־המדרש, נאָר אויך אין שטוב און אין גאַס. מיט דער רויטער, געקווייטלטער פאַטשיילע אין דער האַנט, האָט ער געזונגען און געטאַנצט אינאיינעם מיט אַלע יידן אין שטעטל. און אַ טענצער איז ער געווען גאָר אַ גרויסער און מ'פלעגט זאָגן, אַז ווען ער טאַנצט אויף די שפּיץ פינגער, אין די זאָקן, אַ חסידיש טענצל און פאַרדבקהט זיך דערביי, קען ער דאָס טאָן אויף אַ שפּיגל און אים ניט צעבּרעכן. חידושים גאַנצע פלעגט מען דערציילן וועגן זיין חסידיש טענצל אויף אַ שפּיגל. אָבער מ'האָט געזאָגט, אַז געטאָן האָט ער דאָס בלויז אויף די חתונות פון זיינע קינדער, ווען ער איז נאָך ניט געווען אַזוי אַלט ווי ער איז איצט. אָבער אויך די עלטער האָט אים ניט געשטערט צו זיין זייער פריילעך שמחת־תורה,

און אין זיין פרייד האָט ער ניט געקענט זען ווי אַנדערע דרייען זיך אַרויס פון דער ראָד און רוקן זיך אָפּ אין אַ זייט; ווי ער האָט באַר דערזען איינעם שטיין פון דער וויטנס, האָט ער אים מיט דער רויטער פאַטשיילע, דער געקווייטלטער, אַריינגעטריבן אין קאָן, און הויבנדיק זיך לייכט אויף די שפּיץ פינגער, האָט ער געזונגען:

„אוי, יידן, היינט איז שמחת־תורה,
שמחת־תורה אויף דער גאַנצער וועלט.
תורה איז די בעסטע סחורה —
אַזוי האָט מיט אונדז דער רבי געקנעלט."

מענטשן, וואָס האָבן ר' ברוכל דעם קליינעם גוט געקענט אין אַבאַדיווקאַ, האָבן געזאָגט, אַז ער האָט אין זיך אַ „ניצוץ" פון דעם רבין ר' ברוכל, דעם בעל־שם־טובס איניקל, און אַז ס'איז אַ סברה, אַז דאָס האָט מען אים טאַקע נאָך יענעם געגעבן דעם נאָמען ברוכל. און איך האָב אים זייער ליב געהאַט, דעם שטילן און האַרציקן יידן, וואָס איז אַ גאַנץ יאָר געווען אומעטיק און שמחת־תורה איז ער געוואָרן פריילעך און האָט געטאַנצט און געזונגען — ער איז געווען מיין זיידע. און אין אַבאַדיווקאַ האָט מען מיך גערופן „ר' ברוכל דעם קליינעמס איניקל"...

דאָס איז אַלץ געווען אַמאָל.

און איצט?

איצט זיינען איבער דער גאַנצער וועלט צעוואָרפן יידן, וואָס געדענקען נאָך אַוודאי דאָס לעבן, וואָס איז אין יענעם פאַרוואָרפענעם שטעטל געווען אַזוי עכט יידיש. אָבער פון יענעם לעבן איז שוין לאַנג אַפילו קיין סימן ניט געבליבן. פריער האָבן די ווילדע היידאַמאַקעס חרוב געמאַכט אַבאַדיווקאַ. און ווען מ'האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן אויפבויען דעם חורבן און ס'האָט זיך גענומען שאַפן אַ ניי לעבן, זיינען היטלערס באַנדעס אָנגעקומען.

און ווען איבער דער צערודערטער וועלט, וואָס איז איינגעהילט געוואָרן אין פלאַמען, האָבן זיך גענומען טראָגן ידיעות וועגן שטעט, וואָס מ'האָט חרוב געמאַכט, האָט מען דעם נאָמען פון דעם שטעטל אַבאַדיווקאַ ווידער אין ערגעץ ניט דערמאָנט, ווייל ווי שטענדיק אין די צייטן פון חורבן און בהלה, איז דאָס שטעטל, אינאיינעם מיט נאָך אַנדערע אַזעלכע שטעטלעך, אַריינגעפאַלן אין דעם גרויסן גיהנום־קעסל, וואָס שטייט אין פלאַמען.

אַבאַדיווקאַ איז ווידער געבליבן פאַרגעסן פון גאָט און פון לייט!...

מעזשבעזש

.1

אין פּאָדאָליער גובערניע, ביים ברעג פון דעם גרויסן טייך בוג, שטייט זיך אַ קליין יידיש שטעטל, וואָס איז שוין עטלעכע הונדערט יאָר אַלט און וואו אַרמייען פון פאַרשיידענע פעלקער און לענדער האָבן שוין ניט איין מאָל דאָרט די ערד געטראָטן. און פונקט אַזוי ווי מען ווייסט ניט ווער ס׳האָט דאָס שטעטל געבויט, אַזוי ווייסט מען אויך ניט צוליב וואָס מ׳האָט עס געבויט. סיידן צוליב דעם, אַז ס׳זאָל אויף דער וועלט זיין נאָך אַ שטעטל, וואו יידן זאָלן זיך דאַרפן זאָרגן איבער דעם וואָס זיי האָבן ניט אויף שבת...

מעזשבעזש הייסט דאָס שטעטל. אַזוי רופן דאָס די יידן, כאָטש אויף רוסיש און אויף פּויליש רופט מען דאָס מעדזשיבאָזש. קיין אייזנבאַן־סטאַנציע איז דאָרט קיינמאָל ניט געווען און ס׳איז איצט אויך ניטאָ, און ווען מ׳דאַרף אַמאָל פאָרן ערגעץ מיטן באַן, מוז מען זיך שלעפּן מיט אַ וואָגן, אָדער מיט אַ צעטאָסקעטער בריטשקע, קיין דראַזשנע צום וואָקזאַל, און דאָס איז אַ מהלך פון אַ פופצן ווערסט און דער וועג אַהין איז ניט פון יענע שליאַכן, וואָס זיינען גלייך ווי אַ ווירע און וואו מ׳קען פאָרן זייער שנעל ווען מ׳איילט זיך שטאַרק; די בלאָטעס צעלייגן זיך דאָרט אויף לאַנג אין דער לענג און אין דער ברייט און דאָס פאָרן איז דאָרט שווער, פונקט ווי דאָס גאַנצע יידישע לעבן. און דאָך איז אויפן גורל פון יענעם קליינעם, פאַרוואָרפענעם שטעטל אויסגעפאַלן צו ווערן באַרימט איבער דער גאַנצער וועלט, און געקומען איז די באַרימטקייט פון דעם וואָס אַמאָל — נאָך אינם אַכצנטן יאָרהונדערט — האָט דאָרט געלעבט דער גרינדער און באַשאַפער פונם חסידיזם, דער גרויסער ר׳ ישראל בעל שם טוב.

מען ווייסט ניט באַשטימט ווען יידן האָבן זיך אָנגעהויבן באַזעצן אין מעזשבעזש און וואָס ס׳האָט זיי צוגעצויגן אַהין. ס׳איז אָבער באַקאַנט, אַז נאָך אינם יאָר 1661, ווען דאָס שטעטל איז נאָך געשטאַנען אונטער דער הערשאַפט פון פּוילן, האָבן שוין דאָרט געוואוינט עטלעכע יידישע משפחות און ס׳זיינען דאָרט געווען צוויי יידישע אַכסניות, וואו עס האָבן זיך אָפּגעשטעלט מענטשן, וואָס זיינען געקומען אַהין פון אַנדערע שטעט. אויך שפּעטער, צווישן די יאָרן 1672 און 1699, ווען מעזשבעזש איז געשטאַנען אונטער דער הערשאַפט פון טערקיי, האָבן דאָרט געוואוינט יידן. און אין 1765, פינף יאָר נאָכן בעל־שם־

טובס טויט, האָט שוין מעזשבעזש געהאַט אַ יידישע באַפעלקערונג פון איבער צוויי טויזנט נפשות, און פון דאַן אָן האָט דאָס שטעטל אָנגעהויבן ווערן אַלץ גרעסער און גרעסער, ווייל ס׳איז געווען דער צענטר פון חסידות און פון דאָרט זיינען אויך געקומען די שענסטע יידישע מעשיות און וויצן פון הערשעלע אָסטראָפּאָליער, וועלכער איז געווען אַ גבאי ביים בעל־שם־טובס איניקל, ר׳ ברוכל; ס׳זיינען אַהין געקומען חסידים פון אַ סך אַנדערע שטעט און שטעטלעך און אַ סך פון זיי האָבן זיך דאָרט באַזעצט. און אינם יאָר 1897 איז שוין די יידישע באַפעלקערונג אין מעזשבעזש באַשטאַנען פון זעקס טויזנט מיט פערציק נפשות. אָבער די מערסטע פון זיי זיינען שוין ניט געווען קיין חסידים, נאָר פאַרקערט, פאַרברענטע מתנגדים, און דאָס איז געווען דערפאַר וואָס דער חסידיזם איז שוין געגאַנגען באַרג אַראָפּ און איז אין גאַנצן אַוועק פון דעם וועג, וואָס דער בעל־שם־טוב האָט פאַר אים אָנגעצייכנט אין די יאָרן ווען ער האָט געלעבט און געווירקט אין דעם קליינעם שטעטל פון אוקראַינע.

ס׳איז אין דער באַוועגונג פון חסידיזם דעמאָלט שוין ניט געווען דאָס פאָלקסטימלעכע, וואָס איז ביים בעל־שם־טוב שטענדיק געווען אַזוי וויכטיק און וואָס האָט געקענט צוציען דעם פּשוטן, אָרעמען יידישן פּאָלקס־מענטשן, וואָס האָט זיך געפילט שטאַרק געפאַלן ביי זיך. די חסידישע רביים האָבן זיך אָנגעהויבן פירן אַזוי, אַז ס׳איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַ מחיצה צווישן זיי און דעם אָרעמען פאָלק; זיי זיינען געוואָרן די אַריסטאָקראַטן, די, צו וועלכע אַן אָרעמער מענטש קען גאָר ניט צוקומען אַזוי לייכט, און דער מעזשבעזשער רבי ר׳ ישראליקער, אַן אייניקל פונם אַפּטער רב. האָט זיך שוין געפירט אויף גאָר אַ ברייטן שטייגער; ער האָט געוואוינט אין אַ גרויסן הויף אַ פּריצישן; איז געווען אַרומגערינגלט מיט גבאים און שמשים, וואָס האָבן אים באַדינט, און מיט רייכע חסידים, וואָס זיינען געקומען צו אים פון אַנדערע שטעט און וואָס האָבן אים גרויסע פּדיונות געגעבן, און אַרויסגעפאָרן איז ער אין אַ שיינעם פאָעטאָן מיט צוויי ביסטרע ווייסע פערד, וואָס מ׳האָט שוין דערקאָנט אין שטעטל אומעטום, וואו מ׳האָט זיי נאָר דערזען, און דער קוטשער זיינער איז געווען אָנגעטאָן אין אַן אוניפאָרמע מיט רויטע פאַסן, פּונקט אַזוי ווי די קוטשערס ביי די גאָר גרויסע פּריצים...

זיי אַליין, די חסידישע רביים, זיינען אפשר גאָר ניט געווען אינגאַנצן שולדיק אין דעם וואָס זיי זיינען אינם חסידיזם אויף גאָר אַנדערע וועגן אַוועק. געבראַכט דערצו האָבן אַוודאי די נייע צייטן, די נייע אומשטענדן. ס׳איז אין דער געשיכטע שוין קיין נייס ניט, אַז אַ באַוועגונג וואָס הויבט זיך אָן מיט שיינע אידעאַלן צו דערהויבן די געפאַלענע און פאָדערן גערעכטיקייט פאַר די געקריוודעטע, זאָל נאָכדעם עפּעס ווי אויסגעלײדיקט ווערן און אויפן וועג פאַר־

לירן דעם עיקר, וואָס האָט איר אַמאָל געגעבן דעם כוח און דעם צויבער צוציען צו זיך. דאָס זעלבע איז אויך געשען מיט דער פאָלקס־באַוועגונג פון דעם חסידיזם, וואָס דער בעל־שם־טוב האָט באַשאַפן. און איבער דעם האָט זיך שפּעטער אויסגעדרייט אַזוי, אַז דווקא צווישן די פאַרמעגלעכע יידן זיינען געווען אַ סך חסידים, און צווישן די אָרעמע און פּשוטע זיינען געווען אַ סך מתנגדים, און אין ערגעץ האָט מען דאָס ניט געקענט זען אַזוי שאַרף ווי אין מעזשבעזש, וואוהין ס׳פלעגן געוויינלעך קומען צום רבין אַ סך חסידים פון אַנדערע שטעט.

אין קיין אַנדער שטעטל זיינען ניט געווען אַזוי פיל מתנגדים ווי אין מעזשבעזש, און אין ערגעץ האָט מען ניט געקענט הערן אַזוי פיל מתנגדישע וויצן און מעשהלעך ווי דאָרט.

אין אַלע בתי־מדרשים, שולן און קלויזן האָט זיך דער איינפלוס פון די מתנגדים שטאַרק געפילט, און מ׳פלעגט זאָגן, אַז אַפילו אין בעל־שם־טובס בית־מדרש, וואו עס דאַוונען געוויינלעך בלויז חסידים, קען מען אַמאָל אויך געפינען אַ מתנגד...

ס׳איז אַן אַלט בית־המדרש, וואָס איז נאָך געבליבן פון יענע צייטן, ווען דער בעל־שם־טוב האָט געלעבט אין מעזשבעזש. דאָרט פלעגט דער גרויסער צדיק דאַוונען, און נאָך ביז היינטיקן טאָג שטייט דאָרט, אין מזרח־וואַנט, לעבן אָרון־קודש, די שטול, אָדער ווי מ׳רופט עס, די „שטאָט“, וואו דער בעל־שם־טוב פלעגט זיצן ווען ער איז אין בית־המדרש געקומען. אויף יענער שטול, וואָס איז געבליבן ליידיק נאָכן טויט פון דעם גרויסן צדיק, וואָס האָט אויף דורות און דורות אַוועקגעלייגט זיין גייסטיקן שטעמפּל אויפן יידישן לעבן, טאָר זיך קיינער קיינמאָל ניט אַוועקזעצן. אַזוי איז איינגעפירט אין מעזשבעזש, און אַפילו דער גרעסטער מתנגד, וואָס קומט אַמאָל אין יענעם אַלטן בית־המדרש, וועט זיך ניט דערוועגן דעם מנהג צו ברעכן. אָבער פון זיכערקייט וועגן זיינען אויפן שטול שטענדיק אָנגעלעגט אַ סך ספרים און מ׳נעמט זיי קיין מאָל ניט צו פון דאָרט, און ווער ס׳קומט אַהין אַריין, קוקט אויפן שטול מיט גרויס דרך־ארץ און יראת־הכבוד. אַפילו די, וואָס קומען ניט דאַוונען, נאָר גלאַט זען דעם שטול מיט די אייגענע אויגן, קוקן אויף אים אַזוי, און דאַן פאַרטראָגן זיי זיך אין די געדאַנקען צו יענע אַלטע צייטן, ווען דאָ, אויף דעם זעלבן אָרט, וואו ס׳זיינען איצט אָנגעלעגט הייליקע ספרים איינער אויפן אַנדערן, איז געזעסן דער מענטש, וועמען אַ פאָלק האָט אין לעגענדעס איינגעהילט. און קיינער רעדט ניט אַ וואָרט, און דאָס שווייגן זאָגט מער ווי דאָס וואָס מ׳קען מיט די שענסטע און שטאַרקסטע ווערטער אויסדריקן. און ווען מ׳גייט אַרויס און מ׳פּרואווט שוין יאָ עפּעס זאָגן, כאַפּט מען זיך גלייך, אַז צו קיין ניי וואָרט, וואָס זאָל ווערט זיין צו הערן אין

דעם מאָמענט ווען מען דערפילט דעם אָטעם פון דעם, וואָס מ׳רופט אָן אייביקייט, וועט זיך קיינער ניט דערטראַכטן, און מ׳בלייבט דעריבער ווידער מיט געשלאָסענע ליפּן און מ׳זאָגט שוין בעסער גאָרניט...

און ניט ווייט פון יענעם אַלטן בית־המדרש, וואָס איז אַזוי ענג פאַרבונדן מיט דער געשיכטע פון חסידיזם ביי יידן, שטייט אַ קלויז, וואָס איז מיילן ווייט פון אַלץ, וואָס ס׳איז נאָר חסידיש. דאָס איז די קלויז פון די „אַשכנזער״. אַזוי רופט מען אין מעזשבעזש די מתנגדים און מ׳רעדט דאָס אַרויס מיט גאָר אַ באַזונדער דרך־ארץ, ווי מ׳וואָלט דערמיט געוואָלט אונטערשטרייכן, אַז זיי, די „אַשכנזער״, שטייען העכער פון די חסידים...

אויף דער גאַס, וואָס מ׳רופט „די בריק״ דערפאַר וואָס זי איז געברוקירט, שטייט זי, יענע קלויז פון די אַשכנזער, און דאָרט האָבן געוויינלעך געדאַוונט די לומדים פון שטעטל און אויך אַזעלכע, וואָס האָבן זיך שוין געהאַלטן פאַר משכילים און געלייענט די ווערק פון אברהם מאַפּו און פרץ סמאָלענסקין און אחד־העם. און דאָרט אין דער קלויז פון די אַשכנזער, האָט דער מתנגדישער רב ר׳ מיכעלע ביק, אָפּט געזאָגט תורה, און נאָכדעם האָבן שוין אַלע אין שטעטל געהאַט פון וואָס צו רעדן אַ גאַנצע וואָך, און רעדנדיק וועגן דעם האָט מען געזאָגט, אַז ר׳ מיכעלע קען דעם רבין, דאָרט אין הויף, „פאַרשטעקן אין גאַרטל״, און אַז מ׳דאַרף אויספאָרן אַ וועלט צו זוכן נאָך אַזאַ למדן ווי ער איז, און דאָס איז געווען ניט איבערגעטריבן, ווייל דער מתנגדישער רב אין מעזשבעזש איז ווירקלעך געווען אַ גרויסער למדן.

מען האָט אין מעזשבעזש דעם מתנגדישן רב זייער אַ סך כבוד אָפּגעגעבן, און מ׳קען זאָגן, אַז ער איז אין דער שטאָט, וואו דער חסידיזם איז געשאַפן געוואָרן, געווען אַ גרעסערער יחסן ווי דער חסידישער רבי, וואָס האָט געצויגן זיין יחוס פונם אַפּטער רב. ווען מ׳האָט אים קיין מעזשבעזש אַראָפּגעבראַכט, איז מען אים געגאַנגען אַקעגן מיט קלעזמער, און דאָס איז אויך געווען אַ מין דעמאָנסטראַציע קעגן דעם חסידישן רבינס הויף און קעגן חסידיזם בכלל, און אין דער שמחה האָבן זיך באַטייליקט ניט נאָר די לומדים, נאָר אויך די פשוטע יידן פון שטעטל — בעלי־מלאכות פון דער גרויסער שול, די מוכר־תבואהניקעס און קרעמער פונם סלאָבאַדיאַנער שולכל, די טאַנדעטניקעס פונם ראַקאָוואָליצער שולכל, די טרעגער און גלאַט קבצנים פון דעם הקדש־שולכל, און אויך די סוחרים און שיינע בעלי־בתים פונם „הינטערן פערטל־שולכל״, וואָס מען האָט אַזוי גערופן דערפאַר וואָס עס איז געשטאַנען אויף דער גאַס, וואָס האָט געהייסן „הינטערן פערטל״ און קיינער האָט ניט געוואוסט פאַרוואָס מ׳האָט איר אַזאַ נאָמען געגעבן.

מ׳האָט געקאָנט זאָגן, אַז גאַנץ מעזשבעזש האָט זיך געפרייט דערמיט וואָס

מ׳האָט אַראָפּגעבראַכט אַ מתנגדישן רב, וואָס האָט אַ שם פון אַ גרויסן למדן און ר׳ מיכעלע האָט באַוויזן, אַז ער האָט ווירקלעך פאַרדינט דעם גרויסן כבוד, וואָס מ׳האָט אים צוגעטיילט; ער האָט זיך אײַן שטעטל ביי אַלעמען געמאַכט באַליבט מיט זיינע גוטע מעשים, ניט נאָר מיט זיין לומדות; ער האָט זיך גע־האַלטן נאָענט צום פּשוטן פאָלק און זיך באַצויגן צו אַלעמען אַזוי, אַז מ׳האָט וועגן אים געקאָנט זאָגן, אַז ער האָט אין זיך מער חסידישע וואַרעמקייט ווי מתנגדישע טרוקנקייט. און ראש השנה פלעגט ער גיין פון איין שול אין דער אַנדערער בלאָזן שופר, און אין מעזשבעזש האָבן יידן געזאָגט, אַז קיינער קען ניט אַזוי צעברעכן דאָס האַרץ ווי ער ווען ער שטעלט זיך אַוועק ביים באַלעמער מיטן טלית איבערן קאָפּ און הויבט אָן גלייך מיט אַ זיס קול אַ וויינענדיקס:

„אוי, מן המצר קראתי יה
ענני במרחב יה״.

ער האָט מיט זיין זיס קול און מיט דעם טרויעריקן ניגון די הימלען גע־שטורעמט, און נאָך איידער ס׳האָבן זיך איינגעשטילט די קולות פון דעם עולם, וואָס האָט אים, מיט גרויס כוונה, נאָכגעזאָגט פּסוק נאָך פּסוק פון דעם סדר התקיעות, האָט ער ווייטער, מיט דעם זעלבן טרויעריקן ניגון, אָבער מיט נאָך מער פייער און נאָך העכער גערופן צו גאָט:

„קולי שמעת
אל תעלם אָזנך
לרוחתי ולשועתי.״

און ביים מאַכן די ברכה, ווען ער האָט מיט דעם באַקאַנטן ניגון אויסגע־רופן „אשר קדשנו במצותיו וצונו לשמוע קול שופר״, האָט ער אין די לעצטע צוויי ווערטער אַריינגעלייגט אַזאַ טיפן יידישן קרעכץ און אויך אַזאַ טיפע כוונה, אַז אַלע אין שול האָבן ממש געפילט ווי אַ סקרוך גייט זיי אַריבער איבערן לייב און ווי אָט־אָט קומט דער מאָמענט, ווען מ׳דאַרף פון זיך אַראָפּוואַרפן אַלץ, וואָס ס׳איז נאָר וואָכעדיק און זיך אינגאַנצן איבערגעבן דער לויטערקייט און דער הייליקייט, וואָס שוועבט דאָ אַרום אין דער לופט, און אַז אויב מען וועט דאָס ניט טאָן, וועט מען פאַרלירן ביידע וועלטן...

אין אַלע מעזשבעזשער שולן און שולכעלעך, וואו יידן האָבן געדאַוונט, האָט מען מיט די תקיעות געוואַרט אויפן פרומען רב ר׳ מיכעלע, און מ׳האָט גע־זאָגט, אַז ווען ער בלאָזט שופר, פאַרמאַכט ער דעם שטן דאָס מויל און דאַן גייען די תפילות אַרויף גלייך צום אויבערשטן און ער וועט זיך דערבאַרעמען אויף זיין פאָלק ישראל און וועט ברענגען אויף זיי אַ ישועה.

בכלל איז אין ר׳ מיכעלעס באַציאונג צום פאָלק געווען דער גייסט פון יענעם חסידיזם, וואָס דער בעל־שם־טוב און ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער האָבן געפּרעדיקט. אויך אין דער באַציאונג פונם פאָלק צו אים איז געווען דער גייסט פון יענעם חסידיזם. אָבער ר׳מיכעלע איז דאָך ניט געווען קיין חסיד, נאָר אַ מתנגד, און די, וואָס האָבן אים אין מעזשבעזש אַזוי פיל כבוד אָפּגעגעבן און קיינמאָל ניט פאַרפעלט צו קומען הערן די תורה, וואָס ער זאָגט אין דער קלויז פון די „אַשכנזער״, זיינען געווען מתנגדים. אָבער אויך די חסידים האָבן פאַר אים גרויס דרך־ארץ געהאַט.

צו קיין שאַרפער קריג צווישן די חסידים און מתנגדים איז אין מעזשבעזש קיינמאָל ניט געקומען. בכלל איז צווישן די צוויי צדדים שוין מער ניט געווען די פאַרביטערטקייט וואָס אין די ערשטע צייטן, ווען די תלמידים פונם ווילנער גאון האָבן געלעגט אין חרם די תלמידים פונם בעל־שם־טוב און זיי גערודפט ווי ווייט מ׳האָט נאָר געקענט. אינם לויף פון יאָרן זיינעןביידע צדדים געוואָרן אַנדערש; אַפילו די גרעסטע פון די מתנגדים האָבן שוין אינם חסידיזם מער ניט געזען קיין סכנה פאַר יידישקייט; מ׳האָט זיך אויסגעלערנט דולדן איינע די אַנדערע; ווייטער פון גוטמוטיקער קריטיק איז מען אין דעם רעליגיעזן אידעען־קאַמף ניט געגאַנגען. און ווען מ׳האָט אין מעזשבעזש אַמאָל געפרעגט איינעם אַ קלוגן יידן אַ למדן, פאַרוואָס ער גלויבט ניט אין רבין, האָט ער געענטפערט, אַז דאָס איז דערפאַר וואָס בדרך כלל גלויבט ער אַלעמען; ווען ער הערט וואָס די חסידים פון איין רבין רעדן אויס אויף די אַנדערע רביים, גלויבט ער זיי, און ווען ער הערט וואָס די חסידים פון די אַנדערע רביים רעדן אויס אויפן רבין פון יענעם חסיד, גלויבט ער זיי אויך, און ווייל ער גלויבט זיי אַלעמען, קען ער שוין במילא ניט זיין קיין חסיד פון קיין רבין...

אָבער ווייטער פון אַריינזאָגן אַ שאַרף ווערטל אויפן חשבון פונם חסידיזם בכלל איז דאָס אין מעזשבעזש ניט געגאַנגען, און יעדן מוצאי יום־כיפור, ווען אין דער קלויז, וואָס איז געשטאַנען ביים רבין אין הויף, האָבן געשפּילט קלעזמער, ווי ס׳איז געווען איינגעפירט שוין פון לאַנג, זיינען געקומען אַהין ניט נאָר חסידים, נאָר אויך מתנגדים און גלאַט יידן פון אַ גאַנץ יאָר. און ס׳איז געווען אַלעמענס שמחה, ווייל די ניגונים, וואָס די קלעזמער האָבן געשפּילט, זיינען געווען עכט־יידישע און זייער האַרציקע און ווער ס׳האָט נאָר געוואָלט, האָט זיי געקאָנט נאָכזינגען, און ווער ס׳האָט נאָר געהאַט חשק, האָט זיך געקענט אַריינוואַרפן אין קאָן און טאַנצן אינאיינעם מיט אַלע חסידים, ווען די קלעזמער האָבן גע־שפּילט אַ פריילעכס. און דער רבי האָט הנאה געהאַט פון דעם וואָס יידן קענען כאָטש אויף אַ ווײַלע פאַרגעסן אָן די אַלע דאגות און זאָרגן, וואָס ליגן זיי אויפן קאָפּ און זיי זיינען מקיים די מצווה פון „ושמחת בחגך״.

אויף פסח, ווען ס׳איז ביים רבין ר׳ ישראליקל אין הויף געווען איינגעפירט, אַז צום צווייטן סדר זאָל מען מקיים זיין די מצווה „כל דכפין ייתי וייכול״ אויף גאָר אַ ברייטן שטייגער און פאַרבעטן צום טיש יעדן איינעם, וואָס דאַרף נאָר, זיינען געוויינלעך געקומען ניט נאָר חסידים, נאָר גלאַט יידן, און צווישן זיי זיינען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך געהאַלטן פאַר מתנגדים. און מ׳האָט ביי קיינעם ניט געפרעגט צי ער גלויבט יאָ אין רבין, צי ניט, צי ער איז יאָ אַ חסיד, אָדער ניט; ווער ס׳איז נאָר געקומען, האָט מען אים ביי אַ לאַנגן טיש אַוועקגעזעצט, און דאָרט איז שוין געווען צוגעגרייט פון כל־טוב, און דער רבי אַליין איז געזעסן אויבנאָן, און ער האָט געפּראַוועט דעם סדר אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטן, און ביים עסן זיינען גבאים און שמשים און סאַרווערס געגאַנגען פון טיש צו טיש און אומעטום האָט מען געהערט אויסרופן אויפן קול:

— אַ טעלער פאַר איינעם!

— אַ טעלער פאַר צוויי!

— דאָ אויך אַ טעלער פאַר איינעם!

און:

— דערלאַנגט אַהער דעם וויין!

אַלץ אַרום און אַרום איז געווען פייערלעך. מ׳האָט מיט גרויס כוונה געזאָגט די הגדה און מיט גרויס אַפּעטיט געגעסן די קניידלעך און די כרעמזלעך. קיינער איז ניט אַוועק פונם טיש קיין הונגעריקער. און אויב אַפילו ס׳האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן אין זיך געלאַכט פון דעם, וואָס מ׳רייסט זיך ביים כאַפּן דעם „שיריים״ פונם רבין, האָט דאָס אויך קיינעם ניט געאַרט, און וויניקער ווי אַלעמען האָט דאָס געאַרט דעם רבין און זיינע מקורבים; זיי זיינען שוין געווען צוגעגרייט דערצו און זיי האָבן פון דעם קיין וועזן ניט געמאַכט; דער עיקר איז געווען וואָס מ׳איז מקיים אַ גרויסן מצווה און מ׳גיט עסן אַזויפיל אָרעמע לייט, וואָס קענען זיך, נעבעך, ניט פאַרגינען צו פּראַווען אַזאַ סדר ביי זיך אין דער היים.

און ווען מ׳איז פאַרטיק געוואָרן מיטן סדר, איז מען ניט אַוועק באַלד פונם טיש. די מערסטע זיינען געבליבן זיצן, און דאַן האָט זיך ערשט אָנגעהויבן דאָס ריכטיקע געזאַנג און די אמתע חסידישע פרייד פון יום־טוב. און אין דעם האָט זיך מער ווי אַלע אַנדערע אויסגעצייכנט דעם רבינס בעל־שחרית ר׳ ביינושל, וואָס האָט געהאַט זייער אַ זיס קול און איז געווען אַ מייסטער אַליין צוצוטראַכטן נייע ניגונים, ווען דער רבי האָט אים געבעטן.

אַלע אין מעזשבעזש האָבן אים ליב געהאַט, דעם ר׳ ביינושל מיטן זיסן קול. און ס׳זיינען אין שטעטל געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געזאָגט, אַז ער איז אין

נגינה אַזאַ מאדים, אַז ווען ער וואָלט זיך נאָר געלערנט, וואָלט מיט אים אפשר גאָר געקלונגען די וועלט.

***

מעזשבעזש איז אַן אָרעם שטעטל. די אָרעמקייט זעט זיך דאָרט אָן אומעטום, ווי אין אַ סך אַנדערע קליינע און פאַרוואָרפענע יידישע שטעטלעך אין אוקראַינע. ווען ס׳קומט דער ווינטער און ס׳פאַלט אויס אַ טיפער שניי, ווערן די קליינע שטיבלעך עפּעס ווי נאָך קלענער. און ווען מ׳גיט אַמאָל אַ קוק אויף די פאַר־שנייטע פעלדער, וואָס ציען זיך אַוועק העט־ווייט אַרום און אַרום, ווערט זייער אומהיימלעך אויפן האַרצן און מ׳טראַכט פון דעם, אַז דאָס שטעטל איז אַזוי אָפּגעריסן פון דער גאַנצער וועלט, אַז קיינער וועט גאָר קיינמאָל ניט קענען צוקומען אַהער און קיינער וועט זיך קיינמאָל ניט קענען אַרויסרייסן פון דאַנען, אַפילו ווען ס׳וואָלט, חלילה, דער גרעסטער אומגליק געשען. און ווען דער ווינטער גייט אַוועק און עס הויבט אָן ווערן וואַרעמער אין דרויסן, הויבן זיך אָן די גרויסע בלאָטעס, און דאַן ווערן די קליינע שטיבעלעך נאָך קויטיקער ווי אַלע מאָל. אָן שטיוול, אָדער אָן „פעסלעך־קאַלאָשן“, קען מען זיך אין ערגעץ ניט לאָזן גיין.

און כאָטש דאָס שטעטל איז אַזוי קליין, אָרעם און פאַרוואָרפן, איז דאָרט שטענדיק געשטאַנען אַ סך מיליטער. זומער איז דאָרט אין די לאַגערן, וואָס אויף די פעלדער, געשטאַנען אַ גאַנצער אַרמייסקער קאָרפּוס און אומעטום האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן סאָלדאַטן אין אוניפאָרמעס פון פאַרשיידענערליי פאָלקן, און ווינטער איז דאָרט געשטאַנען אַ דיוויזיע פון אינפאַנטעריע און אויך אַ בריגאַדע פון אַרטילעריע. מעזשבעזש איז שטענדיק געווען אַ וויכטיקער מיליטערישער צענטער אין די צייטן פון די צאַרן, און די יידן פונם שטעטל האָבן ניט געוואוסט פאַרוואָס, פּונקט ווי זיי האָבן ניט געוואוסט פאַרוואָס צווישן די אָפיצירן פונם מיליטער זיינען אַמאָל פאַראַן אַזעלכע, וואָס פראַווען אַזוינע ווילדע שטיק און האָבן עפּעס אַזעלכע מאָדנע השגות, וואָס ס׳איז גאָר מיטן שכל ניט צו באַנעמען...

מיט איינעם אַזאַ אָפיציר, וואָס האָט געהייסן גראַף לידערס און וואָס איז געווען דער קאָמאַנדיר פון אַ דראַגונסקן פאָלק, האָט אַמאָל, נאָך מיט אַ סך יאָרן צוריק, גאַנץ מעזשבעזש געקלונגען, און דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט אַ יידן, וואָס מ׳האָט אין שטעטל גערופן שלמה דער טרעגער.

ער איז געווען זייער אַ האָרעפּאַשנער מענטש, דער שלמה. פאַר אַ גריוווינקע (צען קאָפּיקעס) פלעגט ער טראָגן די שווערסטע זעק מיט מעל אויף די פּלייצעס, און דערביי פלעגט ער אויך אויסשרייען אויפן קול די „וויכטיקסטע נייס“,

וואָס מ׳האָט געדאַרפט לאָזן וויסן דעם עולם. ער איז געווען „אַ שפּאַנענדיקע צייטונג״ אין שטעטל, און ס׳איז שוין אין מעזשבעזש קיין נייס ניט געווען ווען מ׳האָט געזען ווי שלמה דער טרעגער גייט מיט אַ זאַק מעל אויף די פּלייצעס און שרייט אויפן קול, אַזוי אַז אַלע זאָלן הערן:

— ס׳איז געקומען אַ ציין־דאָקטאָר פון קאַמענעץ, און ער שטייט איין ביי מאָסיען אין איינפאָר־הויז!...

— ס׳איז אָנגעקומען אַ טעריאַטער פון פּראָסקוראָוו, און מ׳וועט שפּילן „שולמית״ און „בר־כוכבא״!...

— ס׳איז געקומען אַ פאָטאָגראַפשטשיק פון ווינניצע און ער שטייט איין ביי הערש מאַריאַמס אין דער אַכסניא!...

— ס׳איז געקומען אַ נייער בעל־דרשן פון לאָמזשע און היינט נאָך מעריב וועט ער האַלטן אַ דרשה אין דער גרויסער שול!...

אַלץ האָט שלמה דער טרעגער געלאָזט וויסן די מעזשבעזשער יידן, טראָגנדיק דעם שווערן זאַק מעל אויף די פּלייצעס, און פון דעם האָט ער גע־צויגן זיין אָרעמע חיונה פאַר ווייב און קינדער. און איין מאָל, ווען דער דראַגונס־קער רוסישער אָפיציר גראַף לידערס איז אַריינגעפאָרן אין שטעטל רייטנדיק אויף אַ פערד און האָט דאָס דערזען, האָט ער אָפּגעשטעלט שלמה דעם טרעגער און אים געפרעגט וואָס ער שרייט, און ווען שלמה האָט אים, אויף זיין צעבראָ־כענעם רוסיש, געענטפערט, האָט זיך דער צעבאַלעוועטער רוסישער גראַף שטאַרק צעלאַכט, און אַראָפּשפּרינגענדיק פונם פערד, האָט ער געזאָגט, אַז ער וויל, אַז שלמה זאָל אים טראָגן אויף די פּלייצעס און אויסשרייען אויפן קול וועמען ער טראָגט. ער וועט אים באַצאָלן דערפאַר...

דער אָרעמער ייד האָט קיין חשק ניט געהאַט דאָס צו טאָן, ווייל ער האָט אין דעם געזען דעם חוזק וואָס יענער איז אויסן. אָבער דער צעבאַלעוועטער רוסישער גראַף האָט אים געסטראַשעט, אַז אויב ער וועט ניט פאָלגן, וועט ער ערגער מאַכן, און דאַן האָט דער אָרעמער ייד אים גענומען אויף די פּלייצעס, און טראָגנדיק אים איבער דער גאַנצער לענג פון דער גאַס, האָט ער געדאַרפט שרייען אויפן קול:

— שלמה טרעגער טראָגט דעם גראַף לידערס אויף די פּלייצעס!...

אַזוי די גאַנצע צייט:

— שלמה טרעגער טראָגט דעם גראַף לידערס אויף די פּלייצעס!...

און דער גראַף האָט אָנגעקוואָלן פון דעם. ס׳האָט אים שטאַרק הנאה געטאָן וואָס ער קען נאָכגעבן זיינע קאַפּריזן און חוזק מאַכן פון אַ יידן. ער האָט געלאַכט אויפן קול, און לאַכנדיק האָט ער מיט אַ בייטשל לייכט געשמיסן דעם אָרעמען יידישן טרעגער, ביי וועמען ס׳האָט זיך אַוודאי געצאַפּט דאָס

בלוט פונם האַרצן, און נאָכדעם האָט ער אים געגעבן אַ רובל און איז צוריק אַרויף אויפן פערד און איז אַוועק אַ צופרידענער, ווי ער וואָלט דאָ אויפגעטאָן זייער אַ גרויסע זאַך — ער איז געפאָרן רייטנדיק אויף אַ יידן!...

אָבער ניט אַלע רוסישע אָפיצירן אין מעזשבעזש זיינען געווען אַזעלכע ווילדע און צעבאַלעוועטע יונגען ווי דער גראַף לידערס. ס׳זיינען צווישן זיי אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך צו יידן זייער גוט באַצויגן, און איינעם פון זיי געדענקט מען אין מעזשבעזש נאָך ביזן היינטיקן טאָג און מ׳דערמאָנט שטענדיק זיין נאָמען צום גוטן.

גענעראַל אַראַנאָווסקי, האָט יענער רוסישער אָפיציר געהייסן. ער איז אין מעזשבעזש געווען דער הויפט־קאָמאַנדיר פונם גאַנצן מיליטער, וואָס איז דאָרט געשטאַנען. און נאָכן טויט פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, ווען ס׳האָבן זיך אין רוסלאַנד אָנגעהויבן די גרויסע פּאָגראָמען אויף יידן, און די „מעשטשאַנעס" פון מעזשבעזש זיינען שוין אויך געווען גרייט צו מאַכן אַ פּאָגראָם, האָט גענעראַל אַראַנאָווסקי אַריינגעשיקט אין שטעטל אַ „סאָטניע" קאָזאַקן און זיי אָנגעזאָגט זיך ניט אָפּצושטעלן פאַר קיין זאַך און צעטרייבן די באַנדעס, און אויף קיין פאַל ניט דערלאָזן צו קיין פּאָגראָם!

דער גענעראַל אַליין האָט אַכטונג געגעבן, אַז דער באַפעל זאָל דורכגע־פירט ווערן און די יידן פון שטעטל זיינען אים געווען זייער דאַנקבאַר דער־פאַר, און ווען ער איז געשטאָרבן, זיינען זיי געגאַנגען צו זיין לוויה און אַפילו די גאָר פרומע האָבן דערביי די היטלען אויסגעטאָן, און ווען מ׳האָט גערעדט פון אים, האָט מען געזאָגט, אַז ער איז אַוודאי אַריין אין גן־עדן, ווייל ווי ס׳שטייט געשריבן, האָבן די חסידי אומות העולם אויך עולם־הבא און זיי ווערן אויף יענער־וועלט באַלוינט פאַר די גוטע מעשים, וואָס זיי האָבן געטאָן...

אַ סך יאָרן זיינען שוין אַוועק זינט דער גענעראַל אַראַנאָווסקי איז גע־שטאָרבן, אָבער אין די שיינע זומערדיקע טעג גייט זעלטן אַוועק אַ שבת, אַז מ׳זאָל פון אַ שפּאַציר איבער דער בריק ניט אַוועק צו דער סלאָבאָדע, און פון דאָרט גייט מען צו דעם גרויסן דענקמאָל, וואָס שטייט אויפן קבר פונם רוסישן גענעראַל, וואָס האָט די יידן אין מעזשבעזש געראַטעוועט פון אַ פּאָגראָם. מ׳קען אים ניט פאַרגעסן. זיין נאָמען איז פאַרבליבן אין דער געדעכעניש פון אַלע יידן אין מעזשבעזש, און מ׳זאָגט, אַז ס׳איז אַ סברא, אַז ער איז ניט געווען קיין גע־באָרענער קריסט, נאָר אַ קאַנטאָניסט; מ׳האָט אים אין די צייטן פון ניקאָלאַי דעם ערשטן אַוועקגעריסן פון זיינע יידישע טאַטע־מאַמע ווען ער איז נאָך גאָר אַ קליין יינגעלע געווען און אין דער אַרמיי האָט מען אויף אים אַרויפגע־צוואונגען די שמד, אָבער ער איז טיף אין האַרצן דאָך געבליבן אַ ייד, אַפילו דאַן, ווען ער איז שוין געווען אַ גענעראַל.

אויך דעם רוסישן פּאָלקאָווניק, וואָס האָט ליב געהאַט צו גיין אויף ייִדישע חתונות און הערן שפּילן ר׳ איצי דעם פידלערס קאַפּעליע, געדענקט מען אין מעזשבעזש. ער איז געווען דער קאָמאַנדיר פונם אַכטירסקן פּאָלק, וואָס איז געשטאַנען אין שטעטל און ער האָט אַמאָל געשטודירט מוזיק אין אַ קאָנסערוואַטאָריע. ווען ער איז אָנגעקומען אין דעם פאַרוואָרפענעם ייִדישן שטעטל, האָט ער אָנגעהויבן גיין אויף ייִדישע חתונות, און ווען ער האָט דאָס ערשטע מאָל דערהערט ר׳ איצי דעם פידלערס קאַפּעליע, איז אים מער ווי אַלע אַנדערע געפעלן געוואָרן ר׳ איציס עלטסטער זון, לייב, וועלכער איז ווירקלעך געווען זייער אַ גוטער פידל־שפּילער, אָבער אָן שום מוזיקאַלישער בילדונג און זייער אַ פרומער. דער פּאָלקאָווניק האָט זיך גלייך צוגעלאָזט צו אים און ווען ער האָט נאָר אַ פרייע שטונדע געהאַט, האָט ער פאַרבראַכט מיט לייבן, אים געבראַכט צו זיך אַהיים, אים געגעבן לעקציעס אין מוזיק, געשפּילט מיט אים דועטן, אַקאָמפּאַנירט אים אויף דער פּיאַנאָ, און אין דער זעלבער צייט וואָס ער פלעגט אויף אים שרייען פאַרוואָס ער איז אַזוי רוי און אויך אַזוי ווייט פון מוזיקאַלישער בילדונג, האָט ער באַוואונדערט זיין טאַלאַנט, און ווען ס׳איז אים נאָר שטאַרק געפעלן געוואָרן ווי לייב שפּילט אויפן פידל, האָט ער אים פאַר פרייד מיט ביידע הענט אַרומגענומען, אים געדריקט צו זיך און אים געקושט אין קאָפּ, און ס׳איז צו זיין באַגייסטערונג גאָרניט געווען קיין שיעור און קיין ערך...

ניט איין מענטש מיט טאַלאַנט איז אין דעם קליינעם שטעטל מעזשבעזש פאַרפאַלן געוואָרן, פּשוט דערפאַר וואָס ס׳איז ניט געווען ווער ס׳זאָל זיך אומקוקן אויף אַזעלכע מענטשן און ווער ס׳זאָל זיי אין צייט אַרויספירן אויף דעם ריכטיקן וועג. די אָרעמקייט האָט אַלץ דערשטיקט. און די וואָס זיינען אין דער אָרעמקייט אויסגעוואַקסן מיט פעאיקייטן און טאַלאַנטן, האָט מען בלויז געקענט באַוואונדערן, אָבער ניט העלפן. אַ סך אַזעלכע זיינען אין מעזשבעזש געווען, סיי צווישן די חסידים און סיי צווישן די מתנגדים. דאָס שטעטל, וואו דער בעל־שם־טוב האָט אַמאָל געלעבט, האָט געהאַט גענוג זייער אייגנאַרטיקע ייִדישע טיפּן און וועגן יעדן איינעם פון זיי האָט מען אַמאָל, ביי געלעגנהייטן, גאַנצע חידושים דערציילט, און צווישן די אייגנאַרטיקע ייִדן אין מעזשבעזש איז אויך געווען דער אַלטער ר׳ דוב בער, אָדער ר׳ בערל יחיאלס, ווי מ׳האָט אים גערופן.

ער איז געווען אַ מטופל מיט קינדער, ר׳ בערל יחיאלס, און מ׳האָט געוואוסט, אַז מיט יאָרן צוריק, ווען די ווייב איז אים געשטאָרבן, איז ער נאָך געווען יונג און מ׳האָט אים גערעדט די פיינסטע שידוכים פון גאָר גרויסן יחוס, אָבער ער האָט זיך אַליין געגעבן אַ שבועה, אַז ער וועט מער קיינמאָל ניט חתונה האָבן, ווייל ער וויל ניט אַז זיינע קינדער זאָלן האָבן אַ שטיפמאַמע, און ער האָט די שבועה געהאַלטן. בכלל האָט ער זיינס אַ וואָרט קיינמאָל ניט געבראָכן, און

אין מעזשבעזש האָט מען שוין געוואוסט, אַז ווען ר׳ בערל יחיאלס זאָגט אַ וואָרט, קען מען דערויף מויערן אַוועקשטעלן.

צו זיין ערלעכקייט, וואָס האָט געהאַט אַ שם, האָט ער אויך געהאַט אַנדערע מעלות, פאַר וועלכע מען האָט אים שטאַרק געליבט: ער האָט געהאַט זייער אַ שיין קול צום זינגען, און ווען ער איז נאָך אַ ייִנגל געווען, האָט ער אין באַר־דיטשעוו געזונגען אין כאָר ביי דעם באַרימטן חזן ירוחם הקטן, און מ׳האָט דאַן געזאָגט, אַז ער „וואַקסט אַ כלי״ און ער וועט אַמאָל אַליין זיין אַ גרויסער חזן. אָבער ווען ער איז עלטער געוואָרן, פלעגט ער אַלץ זאָגן, אַז אין אַזעלכע ביטערע צייטן „זינגט זיך עפּעס ניט״. ער האָט געהאַט די טבע זיך צו נעמען צופיל צום האַרצן ניט נאָר די אייגענע צרות, נאָר אויך יעדער צרה, וואָס איז געקומען אויף כלל ישראל, און ער האָט איבער דעם אינגאַנצן אויפגעגעבן דאָס זינגען.

„ווי קען מען זינגען, אַז ס׳איז גאָר צום וויינען?״ — אַזוי פלעגט ער אָפט זאָגן און מ׳האָט געקענט זען ווי דער מענטש טראָגט דעם גאַנצן טרויער פון דער וועלט ביי זיך אין האַרצן.

אַ קאָפּ האָט ר׳ בערל יחיאלס געהאַט אַ שאַרפן, און אין מעזשבעזש פלעגט מען זאָגן, אַז נאָך אַזאַ בעל־חשבון ווי ער, איז שווער צו געפינען. די שווערסטע און פאַרפלאָנטערטסטע חשבונות האָט ער געקענט מאַכן ניט נאָר אויף פּאַפּיר, נאָר אויך אויפן קאָפּ. ער האָט מיט ציפערן געקענט מאַנעווירן ווי אַ גענעראַל מיט אַן אַרמיי, און דאָס איז טאַקע געווען אַ טייל פון זיין אָרעמער פּרנסה: ער פלעגט אויסגלייכן און קלאָר מאַכן די פאַרפלאָנטערטע און צעדרייטע חשבונות פון סוחרים, וועלכע זיינען אַליין ניט געווען קיין גאָר גוואַלדיקע בעלי־חשבון און וואָס האָבן דאָך גרויסע געשעפטן געפירט. זיי האָבן אים דערפאַר געצאָלט און ער, דער מענטש מיטן שאַרפן קאָפּ, וואָס האָט פאַר גראָשנס גערעכנט און באַרעכנט יענעמס געשעפטן, וואָס האָבן באַטראָפן טויזנטער, האָט אין דערהיים די בעסטע יידישע ספרים געהאַט, און ווען מ׳איז צו אים געקומען, האָט מען אים געקענט טרעפן שטאַרק פאַרטיפט אינם רמבמ״ס „מורה נבוכים״, אָדער אין ר׳ נחמן קראָכמאַלס „מורה נבוכי הזמן״. ער האָט זייער ליב געהאַט די ספרים פון די גרויסע יידישע דענקער, און ער האָט זיי מיט גרויס התמדה געלערנט. אויך אינם תנ״ך מיט מענדעלסאָנס ביאור האָט ער אָפט אַריינגעקוקט, און ווען ס׳האָט זיך אַמאָל געמאַכט עפּעס אַ שווערע דין־תורה אין שטעטל און מ׳האָט געדאַרפט האָבן אַ בורר מיט אַ שאַרפן און קלאָרן קאָפּ, האָט מען אים גענומען, און דאָס איז אויך געווען אַ טייל פון זיין אָרעמער פּרנסה. און ער האָט זיך קיינמאָל פאַר קיינעם ניט באַקלאָגט און צו קיינעם קיין טענות ניט געהאַט.

אַזאַ מענטש איז געווען ר׳ בערל יחיאלס. אַ ייד אַ מתנגד — אין דעם שטעטל וואו דער בעל־שם־טוב האָט געשאַפן דעם חסידיזם. און ער איז געווען בלויז איינער פון אַ גאַנצער ריי אַנדערע אייגנאַרטיקע יידישע טיפּן אין מעזשבעזש *).

ס׳איז אין מעזשבעזש געווען שווער צו געפינען איינעם, וואָס זאָל ניט האָבן עפּעס אַ שטיקל שייכות מיט נגינה. און דאָס איז אַוודאי געווען דערפאַר, וואָס ניט געקוקט דערויף וואָס די צאָל פון די מתנגדים איז דאָרט געווען אַזוי גרויס, איז אין שטעטל דאָך געבליבן דער חסידישער גייסט. אויב איינער האָט אַליין ניט געקענט זינגען, האָט ער ליב געהאַט צו הערן ווי אַנדערע זינגען און ער איז געווען אַ מבין אויף געזאַנג. און ניט נאָר די יידן, נאָר אויך די גוייִשע שוסטער־ און שניידער־געזעלן, וועלכע האָבן זיך ביי יידישע בעלי־מלאכות געלערנט די אַרבעט, האָבן געקענט זינגען די אַלע יידישע ניגונים, וואָס זיי האָבן געהערט און אויך די תפילות פון ראש־השנה און יום־כפּור. און דער גרעסטער מאדים איז געווען איינער מיטן נאָמען אַנופרי; ער האָט ניט איין יידישע תפילה געקענט זינגען און געוואוסט די באַדייטונג פון די ווערטער, און איינמאָל, ווען ער האָט ביי דער אַרבעט דערהערט ווי אַ יידישער שוסטער געזעל האָט פאַרצויגן דאָס אוקראַינישע לידל „העי, ני כאָדי הריצי״, האָט ער מיט ביטול צו אים געזאָגט:

— אַ קונץ אַ גרויסע צו זינגען „העי, ני כאָדי הריצי!״ ווער קען דאָס דען ניט? דו באַווייז מיר בעסער ווי דער חזן פון דער גרויסער שול זינגט די תפילה „ובכן תן פחדך״, אָבער אַזוי מיטן אמתן קנייטש — אָט צע שטוקאַ!...

און טאַקע באַלד האָט אַנופרי פאַרצויגן:

„ו־ו־ו־בכן, תן פחדך, ה׳ אלוהינו, על כל מעשיך ואיפתך על כל מה שבראת״.

מיט דעם אמתן יידישן קנייטש. מיט דעם אמתן יידישן קרעכץ...

אויך חסידישע ניגונים האָט אַנופרי געקענט זינגען. און ער האָט שטאַרק אַנגעקוואָלן פון זיי:

— „אָט צע שטוקאַ!...״

---

*) איך האַלט דאָ פאַר נויטיק צו דערמאָנען, אַז איינציקע פון די אייגנצלהייטן וועגן דעם יידישן לעבן אין מעזשבעזש, האָט מיר איבערגעגעבן דער פאַרשטאָרבענער יוסף פּ. קאַץ, וועלכער איז אַ סך יאָרן געווען אַ מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס״, וואו ער האָט געוויינטלעך געשריבן וועגן מוזיק.

דער בעל־שם־טוב

(מעזשבעזש — 2.)

צווישן די מעשיות, וואָס חסידים דערציילן, איז פאַראַן אײנע, וואָס גיט זייער אַ כאַראַקטעריסטישן ענטפער צו די, וואָס קענען נאָך ביז היינטיקן טאָג ניט פאַרשטיין ווי אַזוי עס איז מעגלעך געווען, אַז ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, אָדער ישראל דער באָבעס, ווי מ׳האָט אים אַמאָל גערופן, זאָל אין דעם קליינעם שטעטל מעזשבעזש קענען שאַפן אַזאַ גרויסע פאָלקס־באַוועגונג, וואָס זאָל, ווי מיט אַ כישוף, אַריינציען טויזנטער און טויזנטער יידן — אַ באַוועגונג, וואָס לעבט נאָך ביז היינטיקן טאָג, כאָטש ס׳איז שוין מער ווי צוויי הונדערט יאָר זינט זי איז געגרינדעט געוואָרן.

איינער אַ מתנגד, — דערציילן חסידים, — האָט אַמאָל געפרעגט ביי אַ חסיד ווי ס׳קומט וואָס דווקא אין די צייטן פונם בעל־שם־טוב, ווען מ׳האָט ניט געהאַלטן פאַר קיין גאָר גרויסן למדן, האָט זיך דער חסידיזם ביי יידן אַזוי צע־בליט. פאַרוואָס איז דאָס זעלבע ניט געשען אין די צייטן פון דעם גרויסן מקובל ר׳ יצחק אַשכנזי, וואָס האָט נאָך אינם זעכצנטן יאָרהונדערט געלעבט אין צפת און וואָס איז נאָך ביזן היינטיקן טאָג ביי יידן אַזוי פאַרהייליקט, אַז זיי רופן אים דער ארי הקדוש? האָט דען דער בעל־שם־טוב, וואָס איז אַליין אויך געווען אַ מקובל, ניט געשעפּט זיין גאַנצע תורה פונם הייליקן ארי? איז ווי קומט עס, וואָס דער תלמיד האָט געהאַט מער דערפאָלג ווי דער רבי?

דערויף האָט דער חסיד דעם מתנגד געענטפערט אַזוי:

איך וועל אייך געבן אַ משל, צו וואָס דאָס איז געגליכן: איינער איז אַמאָל אַוועקגעפאָרן אין אַ ווייטער מדינה, און ווען ער איז געקומען צוריק, האָט ער געהאַלטן אין דערציילן חידושים פון אַלץ, וואָס ער האָט דאָרטן געזען. און מער ווי פון די אַלע אַנדערע חידושים האָט ער זיך ניט געקענט גענוג אָפּלויבן פון אַ פויגל, וואָס איז גאָר עפּעס אַזוינס, וואָס מ׳זעט ניט אין ערגעץ;ביים פויגל, האָט ער געזאָגט, איז דער קאָפּ פונקט אַזאַ ווי ביי אַ מענטשן, און די פיס — פונקט אַזעלכע ווי ביי אַ חיה. ער האָט דעם פויגל אַליין געזען. נו, האָט מען אים אויסגעהערט, אָבער קיינער האָט אים ניט געגלויבט...

מיט אַ צייט שפּעטער איז אַן אַנדערער אַוועק אין דער זעלבער ווייטער מדינה, און ווען ער איז געקומען צוריק, האָט ער אויך דערציילט חידושים פון דעם פויגל, וואָס איז עפּעס גאָר אַזוינס, וואָס מ׳זעט ניט אין ערגעץ, אָבער ער האָט דאָס שוין דערציילט אויף אַזאַ אופן, אַז ס׳האָט זיך שוין אַ ביסל מער געלעגט אויפן שכל. נו, האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן אים יאָ געגלויבט און אַנדערע האָבן אים ניט געגלויבט. און אַזוי איז דאָס געגאַנגען ביז דער פויגל אַליין איז געקומען צופליען און אַלע האָבן אים געקענט זען מיט די אייגענע אויגן.

— איז אַקעגן וואָס־זשע דערצייל איך אייך דאָס? — מאַכט אַזוי דער חסיד צום מתנגד. — איך דערצייל דאָס אייך אַקעגן דעם וואָס איר האָט מיך געפרעגט. ס׳איז, פאַרשטייט איר מיך אַזוי: פריער זיינען געקומען אונדזערע חכמים און האָבן געזאָגט, אַז אויבן זיינען פאַראַן זיבן הימלען. איז געקומען רבי שמעון בן יוחאי און האָט געזאָגט, אַז ס׳זיינען פאַראַן טויזנט און תת״ך הימלען. נו, האָט מען אַזוינס פאַרשטייט זיך ניט געקענט גלויבן. איז שפּעטער געקומען דער ארי הקדוש און האָט דעם ענין וועגן די הימלען איבערגעגעבן אַזוי, אַז ער האָט זיך שוין אַ ביסל מער געלעגט אויפן שכל. נו, האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן אים געגלויבט און אַזעלכע וואָס האָבן אים ניט געגלויבט. און אַזוי איז דאָס אָנגעגאַנגען ביז ס׳איז געקומען דער בעל־שם־טוב און ער האָט אַראָפּגע־בראַכט דעם הימל צו דער ערד און האָט געזאָגט: איר ווילט דעם הימל? אָט האָט איר אים!...

דאָס קען מען זאָגן, איז אינם יידישן פאָלקלאָר, די בעסטע כאַראַקטעריסטיק פונם בעל־שם־טוב. ער האָט ווירקלעך, פאַר די פּשוטע יידישע פאָלקס־מענטשן פון זיין צייט, אַראָפּגעבראַכט דעם הימל צו דער ערד און זיי געפירט אויף אַזעלכע וועגן, אַז דאָס אָרעמע און וויסטע לעבן זייערס האָט אָנגעהויבן האָבן אַ זין. ער האָט זיי דערהויבן, ער האָט זייערע צעווייטיקטע הערצער מיט האָ־פענונג אָנגעפילט, ער האָט ביי יעדן איינעם פון זיי דעם געפיל פון שפלות און געפאַלנקייט דערשטיקט, און מ׳קען זאָגן, אַז ווען ניט ער, ווען ניט זיין איינ־פלוס, וואָס האָט זיך אַזוי וויט פאַרשפּרייט אַ דאַנק דעם וואָס זיין פּערזענלעכקייט האָט אין זיך געהאַט אַזאַ אויסערגעוויינלעכן צויבער, וואָלטן די אָרעמע יידישע פאָלקס־מאַסן פון יענער צייט געווען אַריינגעפאַלן אין אַזאַ שרעקלעכער פאַר־צווייפלונג, אַז זיי וואָלטן פאַר זיך שוין גאָר קיין שום אויסוועג ניט געזען.

שווערע, זייער שווערע, צייטן האָבן יידן דעמאָלט איבערגעלעבט אין פּוילן און אין אוקראַינע. אין זכרון זיינען נאָך געווען פריש די שחיטות פון די יאָרן ת״ח ות״ט און אויך פון די אַנדערע שחיטות, וואָס זיינען געקומען אין די צייטן פון די פאַרשיידענע אויפשטאַנדן, וואָס די אוקראַינישע היידאַמאַקעס

האָבן געמאַכט קעגן די פּוילישע פּריצים. איבער די שרעקלעכע צרות, וואָס די ייִדן אין אוקראַינע האָבן דאַן אַריבערגעטראָגן, האָט זיך צווישן זיי שטאַרק פאַרשפּרייט די באַוועגונג פון דעם פאַלשן משיח, שבתי־צבי, און שפּעטער די באַוועגונג פון דעם צווייטן פאַלשן משיח, יעקב פראַנק. די אַנטוישונג אין די צוויי פאַלשע משיחים, וואָס האָבן זיך געשמדט, האָט אַריינגעטריבן דאָס פאָלק אין נאָך אַ גרעסערער פאַרצווייפלונג ווי פריער, און דאַן האָבן זיך צווישן ייִדן זייער געמערט די, וואָס זיינען אַזוי ווייט אַוועק אין קבלה און אין מיסטיק, אַז זיי האָבן זיך אינגאַנצן פון לעבן אָפּגעריסן; מ׳האָט געפאַסט תעניתים, מ׳האָט זיך געפייניקט, און ס׳זיינען געווען אַ סך אַזעלכע, וואָס זיינען אין דעם אַזוי ווייט אַוועק, אַז ביים פאַסטן תעניתים, ביים אָפּזאָגן זיך פון אַלע פאַרגעניגנס אויף דער וועלט, זיינען זיי אויסן געווען צו ברענגען אויף זיך וואָס גיכער דעם טויט, כדי זיי זאָלן אָנקומען אויף יענער וועלט...

ס׳איז פשוט געווען, קען מען זאָגן, אַ מין זעלבסטמאָרד־עפּידעמיע, וואָס האָט געטראָגן אַ רעליגיעזן כאַראַקטער. מ׳האָט געלייטערט די נשמה און גע־פייניקט דעם גוף. מ׳האָט געפאַסט פון שבת צו שבת און מ׳האָט זיך אָנגעטאָן אין זעק, מ׳האָט שטענדיק געקלאָגט אויפן חורבן פונם בית־המקדש און אויפן חורבן פונם גאַנצן ייִדישן פאָלק. און אויף אַלע ייִדישע בית־עלמינס האָט מען אויף די מצבות געקענט זען דעם באַקאַנטן נוסח, וואָס האָט וועגן דעם פאַר־שטאָרבענעם דערציילט, אַז ער איז ביים לעבן געזעסן אין דער היים אָנגעטאָן אין אַ זאַק און האָט געפאַסט תעניתים פון שבת צו שבת. דאָס איז געווען דער גרעסטער שבח, וואָס מ׳האָט געקענט זאָגן אויף אַ ייִדן. קיין גרעסערער שבח איז ניט געווען, ווייל דאָס גאַנצע לעבן איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מ׳האָט זיך צוגעגרייט צום טויט...

און אין דער צייט ווען דאָס פאָלק איז געווען אַזוי דערשלאָגן, אַז דער טויט איז שוין געווען מער ניחא ווי דאָס לעבן, זיינען די פירער פון פאָלק, די רבנים פון יענער צייט, געווען פאַרטיפט אין תלמודישן פלפול און אויך אין די אַלע שווערע חומרות, וואָס פשוטע ייִדן, ניט קיין לומדים, וויסן ניט ווי אַזוי זיי אָפּצוהיטן. דער למדן איז געווען דער גרעסטער יחסן; אים האָבן אַלע אָפּגעגעבן כבוד, פאַר אים האָבן אַלע געהאַט גרויס דרך ארץ, און זיי, די לומדים, האָבן אויף די פשוטע ייִדן, אויף די עם־הארצים, געקוקט פון אויבן אַראָפּ און מיט גרויס ביטול. ס׳איז אויסגעקומען, אַז דער וואָס קען ניט לערנען, דער וואָס איז ניט קיין בקי אין ש״ס און אין פּוסקים, איז ממש טאַקע דער נידעריקסטער שבנידעריקע, אַ גראָבער יונג, וואָס קען זיך קיינמאָל־הויך ניט דערהייבן; פאַר אים איז ניט צוגעגרייט קיין חלק אויף יענער וועלט, ווייל ער ווייסט דאָך גאָרניט

ווי אַזוי אָפּצוהיטן אַלע מצוות פון דער תורה, און וואָס שייך זיין לעבן אויף דער וועלט, איז ער דאָ גלאַט עפּעס ווי אַן איבעריקער מענטש...

אין אַזאַ צייט איז געקומען דער בעל־שם־טוב. אין אַזאַ צייט האָט ער זיך באַזעצט אין דעם קליינעם שטעטל מעזשבעזש, וואָס אין אוקראַינע. דאָס איז געווען אין יאָר 1740, און ווי ס׳דריקט זיך אויס וועגן דעם ש. דובנאָוו אין זיין „געשיכטע פון חסידיזם״ (באַנד 1, זייט 82), איז דאָס שטעטל מעזשבעזש דאַן געוואָרן דער צענטער פון דער נייער רעליגיעזער באַוועגונג ביי יידן, פּונקט ווי די שטאָט צפת, וואָס אין ארץ־ישראל, איז אין איר צייט געווען דער צענטער פאַר דער קבלה פונם ארי הקדוש און זיינע תלמידים.

***

איבער דעם, וואָס מען האָט דעם בעל־שם־טוב אין אַזוי פיל לעגענדעס איינגעהילט און אָנדערציילט וועגן אים אַזוי פיל ניסים ונפלאות, וואָס זיינען צווישן חסידים איבערגעגאַנגען פון דור צו דור, איז אָפט שווער אַרויסצושיילן דעם היסטאָרישן אמת. מ׳קען וועגן אים ניט אָנשרייבן קיין פּינקטלעכע און אויספירלעכע ביאָגראַפיע, וואו אַלץ זאָל איבערגעגעבן ווערן אויף אַזאַ שטייגער, אַז אַ מענטש פון דער היינטיקער וועלט זאָל אין דעם גלויבן. אָבער ווען מ׳לייגט אַוועק אָן אַ זייט די אַלע לעגענדעס און די אַלע ניסים ונפלאות, וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם גייסט, וואָס האָט געהערשט אין יענער צייט, און מ׳שטעלט זיך אָפּ דערויף וואָס דער בעל־שם־טוב האָט געפּרעדיקט אין די שיינע משלים, וואָס ער האָט געגעבן, ווען ער האָט צו זיינע תלמידים גערעדט, און אין דער תורה, וואָס ער האָט געזאָגט, ווען ער האָט זיינע דרשות געהאַלטן, וואַקסט פאַר אונדז אויס אַ ריזיק־גרויסע און זייער אַן אייגנאַרטיקע פּערזענלעכ־קייט, און ס׳ווערט קלאָר, אַז ער האָט מער ווי אַלע אַנדערע אין זיין דור פאַר־שטאַנען וואָס מ׳דאַרף איצטער געבן דעם פאָלק, וואָס איז אַזוי שטאַרק געפאַלן ביי זיך, און אַז ער האָט מער ווי אַלע אַנדערע אין זיין דור איינגעזען, אַז פריער פון אַלץ דאַרף מען פאַריאָגן די שווערע מרה־שחורה, וואָס הענגט שטענדיק איבערן קאָפּ, פאַרטרייבן דעם טיפן טרויער, וואָס לאָזט ניט צו אַפילו אַ ביסעלע פרייד, און אויסלערנען יידן פאַרשטיין, אַז דאָס לעבן אויף דער וועלט האָט אויך אַ זין און אַ טעם און אַז מ׳קען זיך דערהויבן צו דער העכסטער מדרגה ניט נאָר מיט דעם וואָס מ׳לערנט תורה, ניט נאָר מיט גייסטיקע זאַכן, נאָר מיט פּשוטע, חומרדיקע זאַכן, וואָס זיינען אייגן דעם מענטשן.

ער האָט געלערנט דאָס פאָלק צו פאַרשטיין, אַז האַרץ איז וויכטיקער ווי קאָפּ, אַז מיט אַלץ, וואָס אַ מענטש טוט, קען ער דינען גאָט, אַפילו מיט די פּשוט־

סטע זאַכן, וואָס קומען אים אויס צו טאָן יעדן טאָג, אַפילו מיט עסן און טרינקען, מיט אַ שמועס, וואָס מ׳האָט מיט אַ באַקאַנטן אין מאַרק, ווייל, אומעטום וואו דער מענטש איז, איז גאָט דאָרט אויך פאַראַן; דער מענטש אַליין — ווער ער זאָל ניט זיין און וואָס ער זאָל ניט זיין — איז „דאָס וויכטיקסטע געצעלט, וואו גאָט טוט רוען". און דער בעל־שם־טוב איז אין דעם געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אין דער זעלבער צייט וואָס ער האָט אַראָפּגעבראַכט גאָט אויף דער ערד, האָט ער דעם מענטשן געמאַכט פאַר אַ שותף אין אַלץ, וואָס ס׳איז נאָר געטלעך. און ווען ער איז איינמאָל, אין זיינער אַ דרשה, געקומען צו דעם „דע מה למעלה ממך" (ווייס וואָס ס׳איז אינדערהויך איבער דיר), האָט ער געזאָגט, אַז מען דאַרף דאָס טייטשן ניט אַזוי ווי מען טייטשט דאָס געוויינלעך, נאָר אַנדערש. „דע — האָט ער געזאָגט, — זאָלסט וויסן, אַז מה למעלה, אַלץ, וואָס אין דער הויך, איז ממך, קומט עס פון דיר". דאָס הייסט, אַז דאָס וואָס מ׳נעמט געוויינלעך אָן פאַר אַ געטלעכקייט, האָט זיך געקענט דערהויבן צו אַזאַ הויכער מדרגה דורך דעם וואָס דער מענטש האָט צו דעם צוגעגעבן זיינס. גאָט און מענטש דאַרפן האָבן איינע די אַנדערע, און זיי שטייען נאָענט איינער צום אַנדערן, און ביי גאָט זיינען אַלע מענטשן גלייכע מיוחסים. ניטאָ ביי אים קיין גרעסערע און קלע־נערע, קיין העכערע און נידעריקערע. אַלע זיינען גלייך.

דער בעל־שם־טוב איז שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן די, וואָס האָבן גע־פּרעדיקט, אַז מ׳דאַרף פאַסטן תעניתים און פּייניקן דעם גוף, און דאָס איז אין יענער צייט געווען איינע פון די וויכטיקסטע זאַכן, וואָס ער האָט געטאָן צו ברענגען יידן צוריק צום לעבן. „מ׳דאַרף זיך ניט פּייניקן", האָט ער אָפט צו זיינע תלמידים געזאָגט. ווען אַ מענטש פּייניקט זיך מיט תעניתים, אָדער ווען ער איז שטענדיק פאַרטיפט אין לערנען, פאַלט ער געוויינלעך אַריין אין אַ טיפן טרויער און ער הויבט אָן געפינען חטאים אין די אַלע אַנדערע מענטשן, וואָס זיינען זיך ניט נוהג אַזוי ווי ער...

ווען מ׳האָט דעם בעל־שם־טוב איינמאָל אָנגעוויזן אויף אַ למדן, וואָס איז געווען שטאַרק פאַרטיפט אין לערנען, האָט ער געטאָן אַ שאָקל מיטן קאָפּ און געזאָגט: „זעט נאָר, דער ייד איז אַזוי אַריינגעטאָן אין דער תורה, אַז ער האָט אַפילו פאַרגעסן צי ס׳איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט". און ווען מ׳האָט אים אַמאָל דערציילט וועגן איינעם, וואָס האַלט אין איין פאַסטן תעניתים און לויפט אַלע מאָל זיך טובלען אין מקווה, ווייל ער גלויבט, אַז דורך דעם וועט ער ווערן אַזוי געלייטערט, אַז ס׳וועט אויף אים אָנהויבן רוען דער רוח הקודש, האָט ער דערויף געזאָגט: „אויף יענער וועלט לאַכט מען פון אים". אויך ווען זיין תלמיד ר׳ יוסף הכהן, דער רב פון פּאָלאָנע, האָט צו אים געשריבן אין אַ בריוו, אַז ער מוז פאַסטן תעניתים, האָט ער אים געענטפערט, אַז ער דאַרף דאָס ניט טאָן,

ווייל חוץ דעם וואָס ס׳איז אַ סכנה פאַרן לעבן, טרייבט דאָס אַריין אין טרויער, און — די שכינה רוט ניט אויף די, וואָס גייען שטענדיק אַרום פאַראומערטע און פאַרזאָרגטע.

„דער עיקר — זאָגט דער בעל־שם־טוב, — איז זיך אָפּצוקערן פון טרויער און זיך אָנהאַלטן אָן פרייד. ווען דער גוף איז אָפּגעשוואַכט, ווערט פון דעם די נשמה אויך אָפּגעשוואַכט״. און פון דעם האָט דער גרויסער צדיק פון מעזשבעזש געוואָלט אויסהיטן די יידן פון זיין דור און אויך די, וואָס וועלן קומען אין די שפּעטערע דורות, און ער האָט געטאָן אַלץ, וואָס ער האָט נאָר געקענט, זיי צוצובינדן צום לעבן און אַריינברענגען פרייד אין דעם.

כאָטש סאיז אָנגענומען, אַז דער בעל־שם־טוב איז ניט געווען קיין גרויסער למדן, איז דאָך פאַראַן אַ גרונט צו גלויבן, אַז ער איז אין לערנען ניט געשטאַנען נידעריקער פון די גרעסטע לומדים אין זיין צייט. דאָס קען מען דרינגען פון דעם וואָס אַ סך פון זיי זיינען זיינע תלמידים געוואָרן און געקומען צו אים הערן תורה פון זיין מויל. אָבער זיינע קעגנער, די מתנגדישע רבנים, וועלכע זיינען געווען אַזוי שטאַרק פאַרטיפט אין תלמודישן פּלפּול און אין אַלטע ספרים בכלל, אַז זיי האָבן גאָר דיווירקלעכקייט פון לעבן ניט געקענט זען, האָבן אים געמאַכט אַ נאָמען פון אַן עם־הארץ, כדי דערמיט צו פאַרמינערן זיין ווערט: בכלל האָבן זיי אים ניט געקענט פאַרשטיין, ווייל ער איז אויף גאַנץ אַנדערע וועגן גע־גאַנגען, און ניט נאָר די תורה, וואָס ער האָט געפּרעדיקט, נאָר אויך זיין גאַנצע אויפפירונג און זיין פּשוטע האַלטונג זיינען געווען פּונקט דער היפוך פון זייערע.

„דער בעל־שם־טוב האָט פיינט געהאַט טויטע אותיות״. — שרייבט דר. שמואל אבא האָראָדעצקי וועגן דעם מעזשבעזשער צדיק, אין זיין ווערק „החסידות והחסידים״ (באַנד 4, זייט 123) — „ער האָט אויסגעקליבן די שענסטע און בעסטע געדאַנקען, וואָס זיינען געווען באַגראָבן אין די ספרים און וואָס האָבן זיך דאָרט געשטיקט אונטער דער שווערער משא פון אותיות, און ער האָט אין זיי אַריינ־געגעבן בלוט און פלייש און אַריינגעבלאָזן אין זיי דעם אָטעם פון לעבן און זיי געבראַכט צו די ברייטע מאַסן פונם פאָלק.״

און צו דעם דאַרף מען נאָך צוגעבן, אַז אין יענע צייטן איז ביי יידן ניט געווען נאָך איינער אַזאַ פירער, וואָס זאָל ליב האָבן דאָס לעבן אַזוי ווי דער בעל־שם־טוב און וואָס זאָל דאָס לעבן קענען מאַכן אַזוי באַליבט ביי דעם פאַרצווייפלטן פאָלק, אַזוי ווי ער האָט דאָס געקענט.

ער האָט ניט ליב געהאַט די, וואָס זוכן און געפינען וועגן און מיטלען צו פאַראומערן דאָס לעבן זיך און יענעם. און איינמאָל, ווען ער האָט אין מעזשבעזש גערעדט צו זיינע תלמידים וועגן אַזעלכע מענטשן, האָט ער אויסגערופן מיט פאַרדרוס:

„אוי און וויי געשריען. די גאַנצע וועלט איז פול מיט ליכטיקייט, מיט גלאַנץ און מיט די וואונדערלעכסטע סודות, אָבער דער מענטש אַליין פאַרשטעלט זיך די אויגן מיט דער אייגענער האַנט און לאָזט ניט צו די ליכטיקע שיין צו זיך!"

און ער האָט זיי באַדויערט, יענע אַלע מענטשן, וואָס האָבן ניט קיין חוש פאַרן לעבן און לאָזן ניט צו קיין פרייד, ניט צו זיך און ניט צו יענעם. באַדויערט און אויך אָפּגעלאַכט פון זיי. און דערביי האָט ער, אויף זיין ליבן, פאָלקסטימלעכן שטייגער, דערציילט אַ משל וועגן אַ טויבן:

„אַ קלעזמער, — האָט ער געזאָגט, — האָט זיך אַמאָל צעשפּילט אויף זיין כלי אין מיטן גאַס, און דאָס שפּילן איז געווען אַזוי זיס, אַז ווער ס׳איז נאָר פאַרבייגעגאַנגען האָט זיך אָפּגעשטעלט, און אַלע זיינען געווען ווי פאַרכישופט פון דעם שיינעם און זיסן ניגון, און צוהערנדיק זיך צו דעם שפּילן, האָבן זיי אָנגעהויבן צו טאַנצן צום טאַקט. אין אָנהויב האָבן זיי געטאַנצט שטיל, איינגעהאַלטן, אָבער ביסלעכווייז האָבן זיי זיך צעטאַנצט שטאַרקער און נאָך שטאַרקער, און טאַנצנדיק זיינען זיי אַריין אין גרויס התפעלות, און ס׳איז געווען פריילעך און לעבעדיק. און גראָד דאַן איז אָנגעקומען אַ טויבער, און צוקוקנדיק זיך צו דעם וואָס ער זעט, האָט ער ניט געקענט פאַרשטיין וואָס דאָ איז... נו, שטייט ער אַזוי, דער טויבער, און חידושט זיך: וואָס קען דאָס זיין?! איינער מאַכט מיט דער האַנט און אַלע אַרום אים טאַנצן, ווי די משוגעים, פון גרויס התפעלות... ער פאַרשטייט ניט וואָס פאַר אַ שמחה ס׳איז דאָ אויף זיי... אָבער ווען ער וואָלט ניט געווען טויב, ווען ער וואָלט געקענט הערן די מתיקות פון דעם שפּילן, וואָלט ער אויך געטאַנצט אינאיינעם מיט אַלעמען".

ווער ס׳האָט נאָר ניט געהאַט קיין חוש פאַר לעבן און פאַר דער פרייד אין לעבן, איז אין די אויגן פונם בעל־שם־טוב געווען געגליכן צו אַ טויבן, וואָס קען ניט הערן דאָס קול פון נגינה. און ער איז געווען זיכער, אַז די וועלט האָט אַ ניגון, אַז דאָס לעבן איז געזאַנג, און אַז יעדער מענטש, וואָס קען הערן דעם ניגון פון דער וועלט און פילן דעם טעם פונם געזאַנג, וואָס דאָס לעבן האָט אין זיך, דערהויבט זיך דערמיט אַליין שוין צו גאָר אַ הויכער מדרגה. דאָס האָט ער געפּרעדיקט אינאיינעם מיט דער הויכער מאָראַל, וואָס ער האָט צווישן זיינע תלמידים פאַרשפּרייט. דאָס האָט ער שאַרף אונטערגעשטראָכן אינאיינעם מיט דער הויך־מענטשלעכער און עכט־יידישער עטיק, וואָס ער האָט אין זיינע משלים און דרשות אַרויסגעבראַכט. און ווייל זיין איינפלוס איז געווען אַזוי גרויס, האָט זיך אים איינגעגעבן „אַריינצובלאָזן אַ נייעם לעבנסאָטעם אין די פאַרטריקנטע ביינער פון דעם אַלטן יידישן פאָלק", ווי דער פאָרשער פון יענער עפּאָכע, דוד כהנא, דריקט זיך אויס וועגן דעם אין זיין ווערק „תולדות המקובלים, השבתאים

והחסידים" (באַנד 2, ז׳ 68). דאָס האָט ביי די יידן פון יענער צייט אינגאַנצן גע־ביטן דעם צוגאַנג צום לעבן. מ׳האָט דאָס געפילט אומעטום. און אַפילו אויף די בית־עלמינס האָט מען דאָס אויך געקענט זען; דאָרט האָט מען אויף די מצבות שוין מער ניט אויסגעקריצט דעם שבח, אַז דער פאַרשטאָרבענער איז ביים לעבן שטענדיק געזעסן אין אַ זאַק און געפאַסט תעניתים פון שבת צו שבת...

מ׳האָט דאָס שוין מער ניט געהאַלטן פאַר קיין שבח. און ס׳זיינען שוין מער ניט געווען קיין סך אַזעלכע, וואָס האָבן זיך ביים לעבן אַזוי געפייניקט; די תורה, וואָס דער בעל־שם־טוב האָט פון מעזשבעזש פאַרשפרייט איבער די יידישע שטעט און שטעטלעך אין אוקראַינע, האָט אַלץ קלענער און קלענער געמאַכט די צאָל פון אַזעלכע אַסקעטן, וואָס פייניקן זיך און קלאָגן שטענדיק. און וואָס מער דער חסידיזם האָט זיך צעבליט, אַלץ מער האָבן זיך יידן צוריק צוגעבונדן צום לעבן און צו דער פרייד פון לעבן, און מיט דעם האָבן זיי געטריבן פון זיך דעם טרויער, וואָס האָט זיי פריער צו פאַרצווייפלונג דערפירט...

צו דעם אויסערגעוויינלעכן חוש פאַר לעבן, פאַר שיינקייט און פאַר דער נאַטור, מיט וואָס דער בעל־שם־טוב איז געווען געבענטשט, האָט ער אויך געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכן חוש פאַר גערעכטיקייט, פאַר אמת און פאַר יושר. און דאָס האָט אים געפירט אויף די וועגן, וואָס ער האָט פאַר זיך אויסגעקליבן ווען זיין איינפלוס איז געוואָרן אַזוי גרויס אין די יאָרן וואָס ער האָט געוואוינט אין מעזשבעזש.

אַליין אַ מענטש פון פאָלק, האָט ער, מער ווי אַנדערע פירער ביי יידן, פאַרשטאַנען די נויטן פון די אָרעמע און געקריוודעטע, און ער האָט געקוקט קרום אויף יענע געלערנטע רבנים, וואָס באַציען זיך מיט ביטול צו די פשוטע מענטשן פון פאָלק, צו די עם־הארצים. אים זיינען יענע רבנים פון טיפן לומדישן פלפול און שווערע חומרות ניט געווען צום הארצן, און ער האָט געהאַלטן, אַז זיי הויבן אַפילו ניט אָן צו וויסן ווי אַזוי צו ריידן צום פאָלק; זיי רעדן מיט דער שפּראַך פון ספרים, ניט מיט דער שפּראַך פון לעבן; זיי וואַרפן אַרויף אַ מורא אויף די פשוטע און ניט־געלערנטע יידן, וואָס קענען זיך ניט פאַנאַנדערקלייבן אין די אַלע חומרות און דקדוקים און דקדוקי־דקדוקים. דאָס פאָלק פאַרשטייט זיי ניט, און זיי פאַרשטייען ניט דאָס פאָלק. און וויל ער האָט געהאַלטן, אַז ס׳דאַרף ניט זיין אַזאַ זאַך ווי הויכע און נידעריקע, דערהויבענע און געפאַלענע, וואָרעם ביים באַשעפער פון דער וועלט זיינען אַלע גלייך, האָט ער דאָס אַרויסגעבראַכט, ווי זיין שטייגער איז געווען אַלע מאָל, מיט זייער אַ שיינעם משל:

„דאָס איז געגליכן, — האָט ער געזאָגט, צו אַ בן־מלך, וועמען דער טאַטע האָט אַוועקגעשיקט ווייט אין אַ פאַרוואָרפן דערפל, כדי ער זאָל זיך גאָר

שטאַרק פֿאַרבענקען צוריק אַהיים און האָבן מער חשק צו וואוינען אינם פּאַלאַץ פֿון קיניג. אָבער אין דאָרף איז דער בן־מלך פֿאַרגרעבט געוואָרן; ער האָט זיך דאָרט אָנגעטאָן אַזוי ווי די פּשוטע פּויערים און זיך אויפֿגעפֿירט פּונקט אַזוי ווי זיי, און ביסלעכווייז האָט ער אינגאַנצן פֿאַרגעסן אָן דער שיינקייט פֿון זיין טאַטנס פּאַלאַץ. אַזוי איז אַוועק אַ לענגערע צייט, און ווען דער מלך האָט געזען, אַז זיין זון קערט זיך ניט אום צוריק, האָט ער געשיקט שלוחים נאָך אים, זיי זאָלן אים ברענגען אַהיים, אָבער דער זון האָט שוין מער צוריק אין פּאַלאַץ ניט געוואָלט קומען. די גרעסטע לייט פֿון הויף האָט דער מלך געשיקט צו ברענגען זיין זון צוריק אין הויף אַריין, אָבער קיינער פֿון זיי האָט ביים בן־מלך ניט געקענט פּועלן ער זאָל איבערלאָזן דאָס דאָרף. ביז ס׳האָט זיך צווישן די הויפֿלייט געפֿונען איינער אַ קלוגער מאַן, און ער האָט אויסגעטאָן די רייכע קליידער, וואָס ער האָט געטראָגן ביים קיניג אין הויף; ער האָט זיך אָנגעטאָן אין אָרעמע קליידער, ווי אַ פּשוטער פּויער, און ווען ער איז געקומען צום בן־מלך, האָט ער מיט אים גערעדט אויף זיין פֿאַרגרעבטן לשון, און דאָס איז דעם פֿאַרגרעבטן בן־מלך שטאַרק געפֿעלן געוואָרן. ער האָט אין אים געזען זיין גליכן, און ער האָט זיך געלאָזט איבעררעדן און איז אַוועק פֿונעם דאָרף און זיך אומגעקערט צוריק אין פּאַלאַץ, צו זיין פֿאָטער, דעם מלך...

דער נמשל בעט זיך דאָ אַליין, און ער איז זייער אַ טרעפֿלעכער. דער בעל־שם־טוב האָט מיט דעם — דווקא אויף אַ גוטמוטיקן שטייגער — קלוג און שאַרף אויסגעדריקט זיין קריטיק אויף די געלערנטע רבנים, וואָס פּונקט ווי יענע וואַזשנע הויף־לייט, וואָס דער קיניג שיקט צו זיין זון, האַלטן זיי זיך אויך פֿאַרריסן, ווען זיי קומען ברענגען די יידן צוריק צו גאָט און צו דער תורה; זיי רעדן צו דעם פֿאַרגרעבטן בן־מלך, צו דעם דערשלאָגענעם יידישן פֿאָלק, אויף אַזאַ שפּראַך, וואָס איז שווער צו פֿאַרשטיין און ס׳איז דעריבער קיין וואונדער ניט וואָס דאָס פֿאָלק האָט קיין חשק ניט צו גיין צוריק. מ׳האָט מורא, אַז ווען מ׳וועט קומען צוריק אין הויף אַריין, וועט מען שוין ניט וויסן ווי אַזוי זיך אויפֿצופֿירן, ווייל די כללים פֿון עטיקעט זיינען דאָך דאָרט אַזעלכע פֿאַרפּלאָנטערטע, אַז ס׳איז גאָר אוממעגלעך זיי צו געדענקען, און דערצו איז מען אין דעם נאָך אַזוי שטרענג, אַז פֿאַר יעדער קלייניקייט ווערט מען באַשטראָפֿט...

מ׳האָט דעריבער געדאַרפֿט וואַרטן ביז ס׳איז פֿון הויף געקומען אַזאַ מענטש ווי דער בעל־שם־טוב, וואָס האָט געוואוסט און פֿאַרשטאַנען ווי אַזוי צו ריידן צו דעם בן־מלך, וואָס איז אין דאָרף פֿאַרגרעבט געוואָרן לעבנדיק צווישן פּויערים. ער האָט דאָס געקענט מער ווי אַלע אַנדערער אין זיין דור, ווייל ער האָט אויף יעדן פּשוטן יידן, וואָס האָט שווער געהאָרעוועט צו פֿאַרדינען דאָס שטיקל ברויט, געקוקט ווי אויף אַ בן־מלך, וואָס איז פֿאַרגרעבט געוואָרן. אַפֿילו אויף

דעם גרעסטן עם־הארץ האָט ער אַזוי געקוקט. און ווייל ער האָט געהאַלטן, אַז אַ מענטש דאַרף אויף זיך נעמען דריי זאַכן: ליב האָבן גאָט, ליב האָבן די תורה און ליב האָבן יידן, ווי ער האָט זיך ניט איינמאָל אויסגעדריקט, האָט ער זיך דערטראַכט צו דעם גרויסן אידעאַל פון „גיין אין פאָלק" נאָך איידער די זין און טעכטער פון די רוסישע אַריסטאָקראַטן האָבן זיך צו דעם דערטראַכט אין די צייטן ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פון דער „נאַ־ראָדנאַיאַ וואָליאַ". ס'האָט געדויערט מער ווי הונדערט יאָר ביז אַזעלכע אידעאַ־ליסטן ווי די רוסישע „נאַראָדניקעס" האָבן זיך דערטראַכט צו דעם, וואָס דער בעל־שם־טוב האָט זיך דערטראַכט, ווען ער האָט פון מעזשבעזש פאַרשפּרייט זיין תורה צווישן די אָרעמע און דערשלאָגענע יידן, וואָס זיינען געווען צעוואָרפן איבער די שטעט און שטעטלעך פון אוקראַינע.

מיט זיין גוט האַרץ, וואָס האָט געליטן די ווייטיקן פונם גאַנצן כלל־ישראל אין יענע פינצטערע צייטן, האָט דער בעל־שם־טוב זיך געבראַכט צו דער איבערצייגונג, אַז עס איז דער חוב פון יעדן איינעם, וואָס איז נאָר אַ פירער ביי יידן, צו ברענגען טרייסט און טאָן אַלץ וואָס מ'קען נאָר צו מאַכן לייכטער דאָס יידישע לעבן. דערפאַר האָט ער ניט ליב געהאַט יענע, וואָס האַלטן אין איין שטראָפן די יידן פאַר זייערע זינד, כדי דערמיט זיי אַרויפצופירן אויפן גלייכן וועג. און רעדנדיק וועגן זיי האָט ער געזאָגט, אַז זיי זיינען געגליכן צו אַ רופא, וואָס היילט דעם חולה דווקא מיט ביטערע קרייטעכצער. זיין מיינונג איז געווען, אַז אויב אַפילו זיי ברענגען אַ רפואה, די דאָזיקע ביטערע קרייטכצער, באַגייט דער רופא אַ פאַרברעכן, ווייל ער וואָלט דעם חולה געקענט היילן מיט אַנדערע קרייטעכצער אויך, מיט אַזעלכע, וואָס זיינען נאָך זיסער פון האָניק און געשמאַק צום גומען...

ניט שטראָפן דאָס פאָלק דאַרף מען, נאָר פאַרקערט — טרייסטן.

ניט אַרויפוואַרפן וואָס מער חומרות, נאָר פאַרקערט — מאַכן לייכטער.

און ווען ער האָט איינמאָל געהאַלטן שבת אין דער שטאָט נעמיראָוו, און אַ בעל־דרשן האָט דאָרט אין שול געהאַלטן אַ דרשה און שטאַרק געמוסרט דעם עולם פאַרוואָס מ'היט ניט אָפּ אַלע מצוות פונקט אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטן, האָט דאָס דעם בעל־שם־טוב שטאַרק פאַרדראָסן און ער האָט געזאָגט, אַז דער בעל־דרשן ברענגט מסירות אויפן פאָלק ישראל. שפּעטער איז דער בעל־דרשן געקומען צו אים זיך פאַרענטפערן, האָט דער בעל־שם־טוב דאָס שוין ניט געקענט אויסהאַלטן, און ווי ס'ווערט דערציילט אין אַ חסידיש ספרל, איז ער אויפגעשפּרונגען פון אָרט און די אויגן האָבן זיך ביי אים אָנגעגאָסן מיט טרערן, און ער האָט געזאָגט:

„איר רעדט שלעכטס אויף יידן! איז הערט וואָס איך וועל אייך זאָגן:

ווען אַ פּשוטער ייד דרייט זיך אַרום אַ גאַנצן טאָג אויפן מאַרק, און פאַרנאַכט דערמאָנט ער זיך פּלוצלונג און שרייט אויס: „אוי ווי איז מיר, איך קען דאָך נאָך חלילה פאַרפעלן צו דאַוונען מנחה!" און ער כאַפּט זיך אַריין אין שטוב און דאַוונט אָפּ מנחה אויף גיך און ווייסט אַפילו ניט וואָס ער זאָגט, מאַכט דאָס פונדעסטוועגן אַ גרויסן רושם אין דער פּמליא של מעלה און אַלע מלאכים און שרפים ווערן פאַרציטערט דערפון."

פון אַלץ, וואָס ס'ווערט דערציילט וועגן בעל־שם־טוב אין די חסידישע ספרים און אויך אין די ווערק פון די, וואָס האָבן געפאָרשט יענע עפּאָכע, קומט אַרויס קלאָר, אַז צו די אַלע אַנדערע גרויסע מעלות, וואָס דער גרינדער און באַשעפער פונם חסידיזם האָט געהאַט, איז ער דערצו נאָך געווען אַ מענטש מיט אַ פעסטן כאַראַקטער; ער האָט געקענט שטעלן אויף זיך, און אין זיין דענקען איז ער געווען זעלבשטענדיק און ער האָט זיך ניט געהאַלטן ביי די טרוקענע בוכשטאַבן, ווי ס'איז געווען דער פאַל מיט די פרומע און געלערנטע רבנים, וואָס זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן אים. ביי יענע איז אַלץ געווען גוט איינגעחזרט און זיי האָבן מורא געהאַט אָנצורירן אַ פּינטעלע פון דעם, וואָס זיי האָבן געלערנט. ביים בעל־שם־טוב איז אָבער דער עיקר געווען די כוונה, און ער האָט געהאַלטן, אַז דאָס לערנען תורה איז ניט אַזוי וויכטיק ווי דאָס „באַהעפטן זיך מיט דעם וואָס ס'ליגט אין דער תורה באַהאַלטן". דאָס הייסט, אָננעמען די עטישע רייד, די הויכע מאָראַל, וואָס ווערט דאָרט געפּרעדיקט. דאָס איז דער עיקר! אָבער ווען איינער לערנט בלויז צוליב דעם וואָס ער וויל זיין אַ למדן און ווייזן וואָס פאַר אַ גרויסער בקי ער איז אין די אַלע ספרים, וואָס אַנדערע האָבן אָנגעשריבן, און אַליין איז ער ווייט פון דער מאָראַל, וואָס ווערט דאָרט געפּרעדיקט, האָט ער ניט מיט וואָס זיך איבערצונעמען, ווייל אויב אַפילו ער אַליין האַלט זיך פאַר אַ צדיק גמור, איז ער אין דער אמתן גאָר אַ רשע...

ס'זיינען פאַראַן, זאָגט דער בעל־שם־טוב, צווייערליי מינים מענטשן: איינער איז גלאַט אַ רשע. דאָס הייסט, ער ווייסט, אַז ס'איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, אָבער ער טוט אים אומיסטן אויף צו להכעיס. אַ צווייטער, ווידער, איז דווקא ניט קיין ווידערשפּעניקער, אָבער די אויגן זיינען ביי אים פאַרשטעלט; ער גלויבט, אַז ער איז אַ צדיק גמור, און אַזוי דענקען אויך די מענטשן, וואָס קענען אים. זיי ווייסן, אַז ער לערנט מיט גרויס התמדה, אַז ער דאַוונט, אַז ער פאַסט תעניתים. זיי ווייסן אָבער ניט, אַז דאָס האָט ניט קיין ממשות, אַז זיין גאַנצע מי איז אַרויס־געוואָרפן, ווייל ס'פעלט אים די אמתע אמונה, וואָס דערהויבט אַ מענטש צו גאָט.

און אין די אויגן פונם בעל־שם־טוב שטייט דער ערשטער העכער פונם

צווייטן, דער רשע, זאָגט ער, קען אַמאָל נאָך געפינען דעם ריכטיקן וועג; ווען ס׳וועט זיך אין אים דערוועקן דער געפיל פון תשובה, וועט ער זיך אומקערן צוריק צו גאָט מיטן גאַנצן האַרצן. דער צווייטער אָבער, דער וואָס האַלט זיך פאַר אַ צדיק — יענער איז אַ פאַרפאַלענער. ער וועט שוין קיינמאָל קיין תשובה ניט טאָן, ווייל אין זיינע אייגענע אויגן איז ער דאָך אַ צדיק, און צו וואָס דאַרף דאָס אַ צדיק טאָן תשובה?...

מאָראַל איז ביים בעל־שם־טוב שטענדיק געגאַנגען אינאיינעם מיט דעם געפיל פון ליבשאַפט צום פאָלק, און דאָס האָט אים געפירט, אַז ער זאָל אין די אַלע יאָרן פון זיין טעטיקייט אָנווענדן אַלע כוחות אויסצולערנען יידן צו זיין פריי־לעך און האָפן אויף בעסערע צייטן. ער האָט פון זיי אַרויסגעטריבן דעם שטן, דעם פעסימיזם, און זיי געמאַכט פאַר די גרעסטע אָפּטימיסטן.

ער איז קיינמאָל ניט מיד געוואָרן זיי צו לערנען ווי צו זיין פריילעך און זיי צוגעוואוינען צו דעם אַזוי, אַז פרייד זאָל ווערן אַ טייל פון זייער לעבן. דינען גאָט, האָט ער געזאָגט, קען מען נאָר מיט שמחה. פון טרויער דאַרף מען זיך דערווייטערן, און „זאָל דער מענטש שטענדיק זיין אין פרייד, און גלויבן מיטן גאַנצן האַרצן, אַז די שכינה איז מיט אים.“ אַפילו ווען אַ מענטש כאַפּט זיך, אַז ער האָט געטאָן אַן עבירה, דאַרף ער איבער דעם ניט אַריינפאַלן אין טרויער און זיך ניט אָפּעסן דאָס האַרץ דערפון. אויב ער האָט נאָר חרטה דערויף וואָס ער האָט געטאָן, איז דאָך אַ סימן, אַז ער איז ניט קיין פאַרדאָרבענער מענטש, וואָרעם ווען ער וואָלט יאָ געווען פאַרדאָרבן, וואָלט ער דאָך אויף קיין שלעכטע מעשים קיין חרטה ניט געהאַט; פאַרקערט, ס׳וואָלט אים גאָר הנאה געטאָן, און ווייל חרטה באַווייזט, אַז דער מענטש האָט זיך דערהויבן, דאַרף דאָס ביי אים זיין אַ פרייד און ער האָט שוין דעריבער מער ניט קיין גרונט אַריינצופאַלן אין טְרויער און זיך פאַראומערן דאָס לעבן...

אין אַלץ, וואָס ס׳האָט נאָר געקענט פאַרטרייבן פון יידן די מרה־שחורה און אַריינטראָגן אַ ביסל פרייד אין זייער אָרעם לעבן, האָט דער בעל־שם־טוב געזען אַ גרויסע זאַך, און ער האָט געהאַלטן, אַז ווען איינער דערציילט שיינע מעשיות, וואָס האָבן אין זיך שפּאַס און וואָס קענען ביי אַנדערע אַרויסרופן פרייד און געלעכטער, איז דאָס זייער אָנגעלעגט ביי גאָט. ער אַליין האָט אויך זייער ליב געהאַט שפּאַס און אַפילו ביים זאָגן תורה, האָט ער געקענט אַריינוואַרפן אין מיטן אַ ווערטל, וואָס זאָל אַרויסרופן אַ געלעכטער. ער איז אין דעם געווען אַ מייסטער, און אין די חסידישע ספרים געפינט מען ניט ווייניק מוסטערן פון די ווערטלעך, וואָס ער פלעגט באַנוצן זאָגנדיק תורה.

איינמאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ביי דעם ווערטל, וואָס מ׳זאָגט, אַז „דער אמת גייט אַרום איבער דער גאַנצער וועלט“, און דערביי האָט ער געמאַכט

אַזאַ באַמערקונג: „אַ ברירה האָט ער, דער אמת? ער מוז זיך, נעבעך, אַרומשלעפּן אויף דער גאַנצער וועלט, ווייל פון אומעטום טרייבט מען אים ווייטער". און אַמאָל, ווען ער איז אין אַ דרשה צוגעקומען צו דעם פּסוק, וואָס געפינט זיך אין תהילים (ל"ז, ל"ה): „ראיתי רשע עריץ ומתערה כאזרח רענן, ויעבר והנה איננו, ואבקשהו ולא נמצא" (איך האָב געזען דעם רשע מעכטיק, ווי צעשפּרייט ער האָט זיך ווי אַן אַלטער בוים אַ צעבליטער, אָבער ער איז אַוועק און איז נישטאָ מער און איך זוך אים און ס'איז אים שוין ניט צו געפינען), האָט ער גוטמוטיק געגעבן אַ זאָג: „דאָ קען מען אַפילו פּרעגן אַ קשיא: צו וואָס דאַרף מען נאָך זוכן דעם רשע, וואָס איז אַוועק און איז מער ניט צו געפינען? איז דער תירוץ: ס'קען נאָך קומען אַ צווייטער, וואָס איז נאָך אַ גרעסערער רשע פון אים און דעמאָלט וועט שוין באַנג טאָן, וואָס מ'האָט דעם ערשטן פאַרלאָרן און מ'וועט אים זוכן ווי מיט ליכט"...

וואו ער האָט נאָר געקענט, האָט ער זיך באַנוצט מיט אַ ווערטל, וואָס האָט דעם עולם געקענט אַריינפירן אין אַ לייכטער שטימונג, און ער האָט אַלע־מען געלערנט ליב צו האָבן געזאַנג, און ווען ער האָט געזען ווי יידן זינגען און זיינען פריילעך, האָט ער דערפון דעם גרעסטן פאַרגעניגן געהאַט, און אין אַלץ, וואָס ער האָט געטאָן און געפּרעדיקט, האָט ער אונטערגעשטראָכן די חשיבות פון די פּשוטע און אָרעמע מענטשן, וואָס אַרבעטן שווער צו פאַרדינען ער־לעך דאָס שטיקל ברויט. מיט די משלים, וואָס ער האָט געגעבן און מיט די מעשיות, וואָס ער האָט דערציילט, האָט ער זיי אויפגעהויבן פון זייער געפאַלנ־קייט, זיי געמאַכט פילן, אַז זיי זיינען מענטשן, וואָס דאַרפן ניט אַראָפּפאַלן ביי זיך, ווייל אין דער אמתן זיינען זיי גאָר חשובער פון די, וואָס גרויסן זיך איבער זיי. און צווישן די שענסטע און כאַראַקטעריסטישסטע מעשיות פון דעם מין, איז די מעשה וועגן דעם תלמיד־חכם און דעם אָרעמען בעל־מלאכה, וואָס ער האָט אַמאָל אין מעזשבעזש דערציילט זיינע תלמידים, ווען ער האָט פאַר זיי געזאָגט תורה.

אין איין שטוב, — האָט דער בעל־שם־טוב דערציילט, — האָבן אַמאָל געוואוינט צוויי יידן. איינער איז געווען אַ גרויסער תלמיד־חכם און דער אַנדערער איז געווען אַן אָרעמער בעל־מלאכה. דער תלמיד־חכם האָט זיך נוהג געווען צו גיין יעדן אין דער פרי אין שול אַריין און דאָרט האָט ער געלערנט אַ סך תורה און געדאַוונט. אַזוי ביז האַלבן טאָג. דער אָרעמער בעל־מלאכה, ווידער, איז געוויינלעך אויך אויפגעשטאַנען אין דער פרי, אָבער ער איז ניט געגאַנגען אין שול אַריין, נאָר צו דער אַרבעט. ער האָט פּשוט קיין צייט ניט געהאַט צו גיין דאַוונען און ער האָט ביז האַלבן טאָג געאַרבעט מיטן בלוטיקן שוויס, און נאָכדעם האָט ער זיך אין איילעניש אַריינגעכאַפּט אין שול אָפּצודאַוונען אויף

גיך. און אַלע מאָל האָט ער זיך אויפֿן וועג געטראָפֿן מיט דעם גרויסן תּלמיד־חכם, וואָס איז זיך אַ צופֿרידענער געגאַנגען אַהיים עסן, און ער, דער תּלמיד־חכם האָט שטענדיק געקוקט אויף דעם אָרעמען בעל־מלאכה פֿון אויבן אַראָפּ, געלאַכט פֿון אים אין זיך, און דאָס האָט געדאַרפֿט הייסן: „ווי קומט ער צו מיר? איך האָב שוין לאַנג אָפּגעדאַוונט און זיך גוט אָנגעלערנט, און ער — וואָס?"...

אַזוי האָט דער בעל־שם־טוב דערציילט די מעשה די חסידים, ניט באַנוצנדיק אַזעלכע ווערטער, וואָס זאָלן זיין שווער צו פֿאַרשטיין, און זיינע תּלמידים האָבן זיך גוט צוגעהערט, ווייל זיי האָבן געוואוסט, אַז ער וועט אַוודאי אַרויסברענגען אַזוינס, וואָס האָט אַ טיפֿן געדאַנק. און דער רבי האָט ווייטער דערציילט :

אַזוי זיינען זיך געגאַנגען טעג, וואָכן, חדשים און יאָרן. דער תּלמיד־חכם איז געשטאָרבן, און אין אַ קורצער צייט אַרום איז דער אָרעמער בעל־מלאכה אויך געשטאָרבן. ווען מ'האָט דעם תּלמיד־חכם געבראַכט פֿאַרן בית־דין של מעלה, ער זאָל אָפּגעבן דין־וחשבון וואָס ער האָט געטאָן אויף דער ערד, האָט ער געענטפֿערט, און טאַקע מיט גדלות, אַז ער האָט אַלע זיינע יאָרן געלערנט אַ סך תּורה און געדאַוונט מיט דער אמתער כּוונה. און דאָ האָט זיך אַריינגעמישט דער קטיגור און האָט געגעבן אַ זאָג: „דאָס איז טאַקע אמת, אָבער אַלעמאָל ווען ער איז פֿון דער שול געגאַנגען אַהיים און אויפֿן וועג זיך געטראָפֿן מיט דעם אָרעמען בעל־מלאכה, האָט ער געקוקט אויף אים פֿון אויבן אַראָפּ און אין זיך געלאַכט פֿון אים". דאָ האָט זיך דערהערט אַ קול, אַז מען זאָל ברענגען די וואָג־שאָל, וואו מ'וועגט די מצוות און די עבֿירות, און ווען מ'האָט געבראַכט די וואָג־שאָל און אַוועקגעלייגט אויף איין זייט די גאַנצע תּורה, וואָס דער תּלמיד־חכם האָט געלערנט, דעם ש"ס און פּוסקים און אויך דאָס גאַנצע דאַוונען זיינס, און אויף דער צווייטער זייט האָט מען אַוועקגעלייגט דאָס חוזק־געלעכטערל, וואָס פֿלעגט זיך ווייזן ביי אים אויפֿן פּנים, ווען ער האָט דעם אָרעמען בעל־מלאכה אויפֿן וועג באַגעגנט, האָט דאָס חוזק־געלעכטערל אַלץ אַריבערגעוואויגן, און דעמאָלט האָט זיך דערהערט אַ קול: „פֿירט אַוועק דעם תּלמיד־חכם אין גיהנום אַריין!"

און מ'האָט אים אַוועקגעפֿירט. און באַלד נאָכדעם האָט מען אַריינגעפֿירט דעם אָרעמען בעל־מלאכה. און מ'האָט אים געפֿרעגט וואָס ער האָט געטאָן אויף דער ערד, האָט ער, מיט אַ געבויגענעם קאָפּ געענטפֿערט: „וואָס האָב איך געקענט טאָן? איך האָב אַלע מיינע יאָרן געהאָרעוועט זייער שווער צו פֿאַרדינען אויף אַ שטיקל ברויט פֿאַר מיין ווייב און קינדער. איך האָב קיין מאָל קיין צייט ניט געהאַט צו דאַוונען ווי ס'באַדאַרף צו זיין, און תּורה האָב איך ניט געלערנט, ווייל איך קען ניט." און דאָ האָט זיך אַריינגעמישט דער סניגור

און האָט געזאָגט: „ס׳איז טאַקע אמת, אָבער אַלע מאָל, ווען ער האָט אויפן וועג אין שול אַריין געטראָפן דעם תלמיד־חכם, האָט זיך ביי אים פון האַרצן אַ טיפער זיפץ אַרויסגעריסן". און דאָן האָט זיך דערהערט אַ קול, וואָס האָט אויסגערופן אין דער הויך: „פירט אַוועק דעם אָרעמען בעל־מלאכה אין גן־עדן אַריין!"

דאָס איז בלויז איינע פון די מעשיות וואָס ווייזן ווי דער בעל־שם־טוב האָט זיך באַצויגן צום פשוטן פאָלק, צו די אָרעמע בעלי־מלאכות און אַרבעטער. און ס׳איז קיין וואונדער ניט וואָס ער איז געווען אַזוי באַליבט ביים פאָלק. ער האָט פאַרדינט מ׳זאָל אים אַזוי ליב האָבן. קיין איינער פון זיין דור האָט פאַר דעם פשוטן ייִדן ניט אויפגעטאָן אַזוי פיל וויפל ער.

נפטר געוואָרן איז דער בעל־שם־טוב אינם יאָר 1760. און כאָטש עס זיינען שוין אַוועק אַזוי פיל יאָרן זינט דער גרויסער צדיק איז אַוועק פון דער וועלט אין דעם קליינעם אוקראַינישן שטעטל מעזשבעזש, טראָגן די אידן פון אוקראַינע נאָך איצט אויך אין זיך דעם גייסט, וואָס ער האָט פאַרשפרייט אין די יאָרן ווען ער האָט געלעבט. ער האָט אויף זיי זיין שטעמפּל אַוועקגעלייגט און ס׳איז איבערגעגאַנגען פון דור צו דור.

הערשעלע אסטראָפּאָליער

(מעזשבעזש — 3.)

פון אַלע יידישע שטעטלעך אין אוקראַינע איז מעזשבעזש דאָס איינ־ציקע שטעטל, וואָס האָט זוכה געווען דערצו, אַז מ׳זאָל עס רופן „קליין ארץ־ישראל״.

חסידים און גלאַט פרומע יידן האָבן דאָס שטעטל פאַרהייליקט, און יעדן זומער ווען ס׳איז אָנגעקומען דער חודש אלול, איז מען געגאַנגען אויף קבר־אָבות צום בעל־שם־טוב, צום אַפּטער רב, און די אַנדערע גרויסע צדיקים, וואָס ליגן דאָרט אין זייער אייביקער רו אויפן אַלטן בית־עולם. ניט נאָר מעזשבעזשער חסידים זיינען אַהין געגאַנגען, נאָר אויך פון אַנדערע שטעט און שטעטלעך אין אוקראַינע און אויך פון אַנדערע לענדער, פון גאַליציע און פון רומעניע, זיינען געקומען חסידים און רביים, און אַלע זיינען געגאַנגען אויף קבר־אָבות צום בעל־שם־טוב, צו זיין אייניקל רבי ברוכל, צום אַפּטער רב. און געגאַנגען „אויפן פעלד״, ווי מ׳רופט געוויינלעך אָן דעם בית־עולם, איז מען אין די זאָקן, און קיינער פון די, וואָס זיינען פון נאָענט און פון ווייט געקומען קיין מעזש־בעזש אויף קבר־אָבות, האָט קיינמאָל ניט פאַרפעלט זיך אָפּשטעלן ביי דעם קבר פון דעם באַרימטן יידישן וויצלינג און ווערטל־זאָגער הערשעלע אָסטראָ־פּאָליער, און ס׳זיינען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן ביי זיין קבר איבערגע־לאָזט „קוויטלעך״ מיט בקשות, ער זאָל זיך פאַר זיי „מיען אויף יענער וועלט״...

אַזוי דערציילן עלטערע יידן, וואָס קומען פון מעזשבעזש. און ס׳איז ניט קיין וואונדער, וואָס ביים פאָלק איז דער נאָמען פון הערשעלע אָסטראָפּאָליער געבליבן ענג פאַרבונדן מיט די נעמען פון גרויסע חסידישע רביים און צדיקים. דאָס פאָלק האָט אים ריכטיק אָפּגעשאַצט, ווייל ער האָט אינם לעבן פון די אָרעמע און געפאַלענע אַריינגעטראָגן אַ סך פרייד, און דאָס האָט געשטימט מיט דעם, וואָס דער בעל־שם־טוב אַליין האָט געפּרעדיקט.

ס׳איז אוודאי ניט מער ווי אַ צופאַל, וואָס דאָס זעלבע אוקראַיניש־יידישע שטעטל, וואָס איז אַזוי ענג פאַרבונדן מיט דעם נאָמען פונם גרינדער און באַ־שאַפער פונם חסידיזם, איז אויך פאַרבונדן מיטן נאָמען פון דעם, וואָס איז ביים

פֿאָלק געוואָרן דער טרעגער פֿון יידישן הומאָר און וויץ. דער צופֿאַל איז אָבער זייער אַ כאַראַקטעריסטישער, און ווען מען קלייבט זיך גוט פֿאַנאַנדער אין די וויצן, וואָס הערשעלע אָסטראָפּאָליער האָט געזאָגט ביי פֿאַרשיידענערליי געלעגנהייטן און אין די שפּאַסיקע מעשהלעך, וואָס ער האָט דערציילט ווען ער האָט געדאַרפֿט טרעפֿן דעם, וואָס ער האָט געוואָלט, קען מען זאָגן, אַז ער, דער וויצלינג און ווערטל־זאָגער, האָט אויף זיין אייגענעם און זייער געראָטענעם שטייגער, אויסגעדריקט אַ שאַרפֿן פּראָטעסט קעגן יענע חסידישע רביים, וואָס זיינען אַוועק פֿון די וועגן, וואָס דער בעל־שם־טוב האָט אָנגעצייכנט בעת ער האָט געגרינדעט דעם חסידיזם...

ס'איז שווער צו באַשטימען פּינקטלעך די צייט ווען הערשעלע אָסטראָפּאָליער איז געבאָרן געוואָרן און פֿון וואָס פֿאַר אַ יחוס ער האָט געשטאַמט. לויט דער מיינונג פֿון דעם העברעאיש־יידישן שריפֿטשטעלער אליעזר שערמאַן, וועלכער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט קלייבן מאַטעריאַלן וועגן דעם ענין, שטאַמט הערשעלע פֿון דעם געלערנטן מקובל ר׳ שמשון אָסטראָפּאָליער, וואָס איז דערהרגעט געוואָרן אינם שטעטל פּאָלאָנע, אין די צייטן פֿון די כמעלניצקי־שחיטות פֿון די יאָרן ת״ח ות״ט (1648 און 1649), ווי ס'ווערט דערציילט אינם ספֿרל „יון מצולה" פֿון ר׳ נתן נטע האַנאָווער. דאָס איז אָבער ניט מער ווי אַ השערה. אויף זיכער קען מען ניט וויסן צי דער באַרימטער יידישער וויצלינג שטאַמט טאַקע פֿון דער משפּחה פֿון יענעם געלערנטן מקובל ר׳ שמשון בן פּסח, וועלכער האָט פֿאַרפֿאַסט אַ פּירוש אויפֿן זוהר און אויף חמשה חמשי תורה און אויף די פֿינף מגילות. וואָס מ'ווייסט יאָ באַשטימט איז, אַז הערשעלע איז געבאָרן געוואָרן אינם שטעטעלע אָסטראָפּאָליע, וואָס איז אין וואָלינער גובערניע, און אַז אין דער צווייטער העלפֿט פֿונם אַכצנטן יאָרהונדערט האָט ער געלעבט אין מעזשבעזש, און דאָרט איז ער ביים רבין ר׳ ברוכל אין הויף געווען אַ מין „הויף־נאַר", וואָס האָט געדאַרפֿט מאַכן פֿריילעך דעם רבין...

דאָס איז געווען הערשעלעס אויפֿגאַבע און מ'האָט אים געצאָלט דערפֿאַר. די שפּאַסן, וואָס ער האָט געמאַכט, און די וויצן, וואָס ער האָט דערציילט, זיינען ביי אים געווען דער איינציקער קוואַל פֿון פּרנסה, און ווען מ'האָט אים אַמאָל געפֿרעגט פֿאַרוואָס ער זאָגט שטענדיק וויצן צו מאַכן פֿריילעך אַנדערע, האָט ער געענטפֿערט:

— ס'זיינען דערביי פֿאַראַנען גאַנצע פֿינף סיבות. די ערשטע סיבה איז מיין ווייב, און די אַנדערע פֿיר סיבות זיינען — מיינע פֿיר קינדער...

ווען מ'איז געקומען קיין אָסטראָפּאָליע אַריבערצונעמען הערשעלען קיין מעזשבעזש, האָט ער זיך גלייך אָנגעכאַפּט אָן דעם, ווייל ער האָט אַוודאי געמיינט, אַז אינם הויף פֿון דעם רבין ר׳ ברוכל, וועלכער איז דעם בעל־שם־טובס

אַן איניקל, וועט אים אַוודאי זיין זייער גוט און ער וועט שוין מער ניט דאַרפן זיך דרייען דעם קאָפּ וועגן פּרנסה. ניט טראַכטנדיק קיין סך, האָט ער גלייך גענומען האַק און פּאַק, די ווייב מיט די פיר קינדער, און זיך געלאָזט פאָרן קיין מעזש־בעזש אינאיינעם מיט די חסידים, וואָס זיינען געקומען נאָך אים. און אויפן וועג איז ער געווען נאָך פריילעכער ווי אַלע מאָל, און ווען מ׳האָט זיך מיט אים אָפּגעשטעלט אין אַ קרעטשמע, האָט ער מיט זיינע ווערטלעך און שפּאַסן אַרויסגערופן אַ סך געלעכטער ביי אַלעמען, און ווען מ׳איז אַרויס פון דער קרעטשמע זיך ווידער אַרויפצוזעצן אויפן וואָגן צו פאָרן ווייטער, איז אָנ־געקומען אַ פּריץ און אַלע ייִדן האָבן פאַר אים אַראָפּגענומען די היטלען. בלויז הערשל האָט פאַרן פּריץ דאָס היטל ניט אַראָפּגענומען, ווייל ער איז געווען אין אַזאַ איילעניש, אַז ער האָט שוין וואָס גיכער געוואָלט אָנקומען אויף דער נייער שטעלע ביים רבין אין הויף.

— העי, דו, ייִדל! — האָט דער פּריץ אים אָפּגעשטעלט, — פון וואַנען ביזטו?

— פון אָסטראָפּאָליע, — האָט הערשעלע אים געענטפערט.

— און וואָס איז מיטן היטל? — האָט דער פּריץ זיך געבייזערט.

הערשעלע האָט גוט פאַרשטאַנען וואָס דער בייזער פּריץ מיינט, אָבער ער האָט זיך געמאַכט תמעוואַטע.

— אָ, דאָס היטל! — האָט ער געזאָגט. — יאָ, דאָס היטל איז אויך פון אָסטראָפּאָליע... פּונקט אַזוי ווי איך...

און געזאָגט האָט ער דאָס אַזוי, אַז דער פּריץ האָט זיך צעלאַכט.

בכלל שיינט עס, אַז הערשעלע אָסטראָפּאָליער האָט זיך פאַר קיין פּריצים ניט געבויגן, פּונקט ווי ער האָט זיך ניט געבויגן פאַר ייִדן, וואָס זיינען לויט זייער שטאַנד געווען העכער פאַר אים; ער איז אין זיין נאַטור געווען אַ שטאָלצער, און ער האָט קיין מורא ניט געהאַט אַריינצוזאָגן שאַרף אַפילו דעם גרעסטן.

ווען מ׳האָט אים דאָס ערשטע מאָל געבראַכט אין הויף אַריין, האָט זיך דער רבי ר׳ ברוכל גאָר ניט אומגעקוקט אויף אים. ווייל, ווי שטענדיק, איז ער געווען שטאַרק פאַרמרהשחורהט און פאַרזאָרגט, און חסידים האָבן געזאָגט, אַז די מרה־שחורה איז אים געקומען פון דעם וואָס ער האָט איינגעזען, אַז זיין גאַנצע מי צו ברענגען משיחן גיט זיך אים ניט איין. אַרומשפּאַנענדיק איבערן צימער הין און צוריק, האָט ער געקנייטשט דעם שטערן און אַלע מאָל האָט זיך ביי אים פון האַרצן אַ טיפער זיפץ אַרויסגעריסן, און ווען הערשעלע אָסטראָפּאָליער האָט דאָס דערזען, האָט ער געכאַפּט אַן אָנגעצונדן ליכט און אָנגעהויבן נאָכגיין דעם רבין און דערביי האָט ער זיך אַלע מאָל אָנגעבויגן, ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט אויף דער ערד.

— ווער זענט איר און וואָס זוכט איר דאָ? — האָט דער רבי אים געפרעגט.

— איך בין הערשעלע אָסטראָפּאָליער, — האָט דער וויצלינג אים געענטפערט, — און איך זוך דאָ, רבי, אייער נאָז אויף דער ערד... איר האָט דאָך אַראָפּגעלאָזט די נאָז, זוך איך זי....

הערשעלע איז געווען אַ מייסטער זיך צו שפּילן מיט ווערטער. ווען ער האָט איין מאָל געזען ווי דער רבי זיצט ביים טיש אַן אומעטיקער, האָט ער אַראָפּגענומען פונם טיש אַ זילבערנעם לעפל און אים אַריינגעלייגט צו זיך אין קעשענע, און שפּעטער אַ ביסל האָט ער אַריינגעלייגט נאָך אַ לעפל אין קעשענע, און ווען דער רבי ר׳ ברוכל האָט דאָס דערזען און אים געפרעגט פאַרוואָס ער טוט דאָס, האָט ער אים געענטפערט:

— ס׳איז פאַרשטייט איר מיך, אַזוי, רבי: איך בין עפּעס ניט מיט אַלעמען, האָט מיר דער דאָקטאָר געהייסן נעמען אַלע פערטל שעה אַ לעפל...

ביי יעדער געלעגנהייט, ווען ס׳איז נאָר געווען נויטיק צו פאַרטרייבן דעם אומעט פון דעם אָנגעכמורעטן רבין, האָט הערשעלע אָסטראָפּאָליער געקענט געפינען דאָס פּאַסיקע וואָרט און דאָס שפּאַסיקע ווערטל, וואָס קען אַרויסרופן אַ שמייכל, אָדער אַ געלעכטער. און איין מאָל ווען אַ גבאי האָט אים צוגעקלאָגט צום רבין, אַז ער איז אין מעזשבעזש אַריינגעגאַנגען צו אַ קרעמער און האָט זיך געהייסן אָפּרייסן עטלעכע אַרשין ריפּס אויף אַ קאַפּאָטע און האָט ניט באַצאָלט דערפאַר, און דער רבי האָט אים גענומען זאָגן מוסר פאַרוואָס ער האָט דאָס געטאָן, האָט הערשל געענטפערט:

— פונדעסטוועגן, רבי, דאַרפט איר ניט זיין בייז דערויף; אַזוי איז דאָס שוין מיט אַ קבצן: וואָס ער רייסט ניט אָפּ, האָט ער ניט...

און ביי אַן אַנדער געלעגנהייט, ווען אַ גבאי האָט אים תשעה באָב צוגעקלאָגט צום רבין, אַז ער האָט היינט ניט געפאַסט, און הערשעלע האָט געזען, ווי ר׳ ברוכל איז שוין ווידער גרייט אים צו זאָגן מוסר, האָט ער מיט אַ שמייכל צו אים געזאָגט:

— איידער איר ווערט בייז, רבי, דאַרפט איר אויסהערן ווי אַזוי ס׳איז געקומען דערצו, אַז איך זאָל היינט ניט אָפּהיטן דעם תענית. ס׳איז, פאַרשטייט איר מיך, געווען אַזוי: איך בין מיר היינט אין דער פרי, נאָכן דאַווענען, געגאַנגען אין גאַס, און גייענדיק אַזוי, בין איך פאַרגאַנגען צום טייך, און דאָרט האָב איך געזען ווי יידישע מיידלעך, אָרעמע יידישע מיידלעך, וואַשן גרעט. און איך האָב געהערט ווי איינע מאַכט צו דער אַנדערער: „אָך, די גאַנצע שטאָט פאַסט היינט!" אַזוי האָט געזאָגט איינע. רופט זיך אָן די אַנדערע: „פונדעסטוועגן, וואָלט איך געוואָלט האָבן אַזוי פיל טויזנטער, וויפל יידן ס׳פאַסטן היינט ניט, טאַקע דאָ, ביי אונדז אין מעזשבעזש"... נו, האָב איך מיר געטראַכט: זאָל אַן

אָרעמע יידישע טאָכטער האָבן נאָך אַ טויזנטער!... און טאַקע מהאי טעמאָ, רבי, בין איך גלייך אַוועק צוריק אַהיים און האָב אָפּגעגעסן. נו, איצטער זאָגט איר אַליין, איז דאָס אַן עוולה פון מיין זייט וואָס איך האָב געוואָלט, אַז אַן אָרעמע יידישע טאָכטער, וואָס דאַרף, נעבעך, האָבן אויף נדן, זאָל האָבן נאָך אַ טויזנטער?...

ער האָט אויף אַלץ געהאַט אַ פּאַרטיקן תירוץ, און ער האָט קיינמאָל ניט געדאַרפט טראַכטן קיין סך צו זאָגן אַזוינס, וואָס זאָל אים אַרויסשלעפּן אָפּילו פון דער גרעסטער פאַרלעגנהייט, און דער רבי ר׳ ברוכל האָט שוין געוואוסט, אַז אים דאַרף ער אַלץ פאַרגעבן. ער האָט קיינעם פון זיינע נאָענטע ניט פאַרגעבן אַזויפיל וויפל הערשעלען.

***

איבער דעם, וואָס די וויצן און ווערטלעך פון הערשעלע אָסטראָפּאָליער זיינען אַזוי פּאָפּולער ביים פאָלק, איז דעריבער ניט אַזוי לייכט צו שרייבן וועגן זיי, ווייל ס׳פאַלט איין, אַז ס׳וועלן זיך דאָך געוויס געפינען אַזעלכע, וואָס וועלן זאָגן, אַז דאָס זיינען דאָך אַלטע וויצן.

דאָס איז אמת. די וויצן זיינען אַלטע, און די מערסטע פון זיי האָט מען שוין ניט איין מאָל געהערט. אָבער ווען הערשעלע אָסטראָפּאָליער האָט זיי געזאָגט, זיינען זיי געווען ניי, און אויך איצט קען מען אין זיי געפינען אַ גרויסן אינטערעס און זיי אָפּשאַצן לויט זייער גרויסן ווערט, ווען מ׳גיט זיי איבער ניט ווי סתם חכמות, נאָר מ׳פאַרבינדט זיי מיט אַ סיטואַציע און אויך מיט די אומשטענדן, אין וועלכע הערשעלע אָסטראָפּאָליער האָט געלעבט, ווען ער איז געווען דער געשוואָרענער וויצלינג און ווערטל־זאָגער ביים רבין ר׳ ברוכל אין הויף. דאָס איז זייער וויכטיק צו געדענקען, ווייל אין דער געשיכטע פון חסידיזם רירט דאָס אָן די צייטן, ווען ס׳האָבן זיך גענומען באַוויזן אַזעלכע, וואָס זיינען אַוועק אויף אַזוינע דרכים, אַז די פאָלקס־באַוועגונג, וואָס דער בעל־שם־טוב האָט געשאַפן, האָט געמוזט אָנהויבן גיין באַרג אַראָפּ...

און דער רבי ר׳ ברוכל איז געווען איינער פון זיי, כאָטש ער איז געווען דעם בעל־שם־טובס אַן אייניקל.

פון אַלץ וואָס ס׳ווערט דערציילט וועגן אים אין די חסידישע ספרים און אויך אין דער ליטעראַטור, וואָס איז שפּעטער אָנגעשריבן געוואָרן וועגן דער געשיכטע פון חסידיזם, איז קלאָר, אַז ר׳ ברוכל איז צווישן די חסידישע רביים געווען פון די, וואָס האָבן זיך ניט אויסגעצייכנט — ניט מיט תורה, ניט מיט חכמה און אויך ניט מיט קיין גוטע מידות. „פון דער גאַנצער חסידישער תורה, — שרייבט וועגן אים ש. דובנאָוו אין זיין „געשיכטע פון חסידיזם“ (באַנד 2, זז׳

58-57), — איז ביי אים געבליבן נאָר יענע שרייערישע התלהבות אין דאַווענען, וואָס האָט אין זיך מער אויסערלעכען עפעקט, ווי אינערלעכן תוך, און וואָס דינט נאָר ווי אַ מיטל איבערצושרעקן די צוהערער און אַרויפוואַרפן אויף זיי אַן אימה און אַ שרעק פאַר דער גרויסקייט פונם צדיק, און ניט צו באַגייסטערן זיי פאַר עבודת הבורא".

אויך דר. שמואל אבא האָראָדעצקי, וועלכער שרייבט געוויינלעך מיט גרויס באַגייסטערונג וועגן חסידיזם, האַלט ניט פונם רבין ר' ברוכל, און אין זיין ווערק „החסידות והחסידים" (באַנד 3, זייט 12), זאָגט ער, אַז ר' ברוכל האָט געקוקט אויפן חסידיזם ווי אויף זיינעם אַ „מאָנאָפּאָל", און אויף אַלע אַנדערע חסידישע רביים ווי אויף אַזעלכע, וואָס רייסן זיך אַריין אין זיינע גרענעצן, און ער האָט זיי אַלע געזידלט און באַליידיקט.

אַפילו פאַר אַזאַ גרויסן צדיק ווי ר' שניאור זלמן האָט ר' ברוכל קיין דרך־ארץ ניט געהאַט; ווען יענער איז געקומען קיין פּאָדאָליע קלייבן געלט פאַר די אָרעמע יידן, וואָס זיינען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון די דערפער, האָט ר' ברוכל זיך צעשריען אויף אים מיט כעס: „וואָס זענט איר געקומען אין מיין מדינה?"

ער האָט אויפן גאַנצן חסידיזם אין אוקראַינע געקוקט ווי אויף זיין פירשטנטום, אָדער ווי אויף זיין קעניגרייך, און דעריבער איז ער געווען אַזוי בייז אויף שניאור זלמנען, פאַרוואָס ער האָט זיך „אַריינגעריסן אין זיינע גרע־נעצן". און ווען ר' שניאור־זלמן האָט אים געזאָגט, אַז ער האָט געמוזט קומען אַהער זאַמלען געלט פאַר די אָרעמע יידן, וואָס מ'האָט פון די דערפער אַרויסגעטריבן, ווייל ער האָט שוין פשוט ניט געקאָנט אַריבערטראָגן דעם צער פון די אַרויס־געטריבענע און ס'האָט אים געריסן דאָס האַרץ צוזעענדיק ווי יענע וואַלגערן זיך אין די גאַסן און ווערן געשוואָלן פאַר הונגער און גייען ממש אויס נאָך אַ שטיקל ברויט, האָט ר' ברוכל אים דערויף געענטפערט: „וואָס אַרט דאָס אייך?"

אַזוי האָט דערציילט ר' שניאור זלמן אַליין אין אַ בריוו, וואָס ער האָט גע־שריבן צו זיינע חסידים *). אָבער די בעסטע כאַראַקטעריסטיק אויף ר' ברוכלען האָט געגעבן ר' נחמן בראַצלאַווער. אויף זיין אייגענעם פאָלקסטימלעך־יידישלעכן שטייגער פלעגט ער אים רופן אין איין אָטעם: „פעטער ברוך־פעטער־בוך" און דאָס האָט געמיינט, אַז ער איז אַ זאַטער, אַ צופרידענער מיט זיך און אַז ס'איז אים גוט וואָס ער האָט אַ פעטן בויך, אָדער אַ פעטן בוך, ווי מ'זאָגט אויפן אוקראַאינער יידיש...

ער איז געווען אַ מוראדיקער בעל־גאווהניק, זיך געהאַלטן גרעסער פון אַלעמען, און דערביי האָט ער זיך דאָך ניט געשעמט צו זאָגן, אַז ער איז דער

---

*) זע: מרדכי טייטעלבוימס „הרב מלאַדי ומפלגת חבד", באַנד, 1, זז' 146, 147 און 148.

גרעסטער עָניו און אַז זיין באַשיידנקייט האָט גאָר קיין גלייכן ניט צו זיך. ער האָט ליב געהאַט געלט און ער האָט דאָס איינגעוויקלט אין דער יראה און געזאָגט, אַז „דער אויבערשטער האָט אַריינגעגעבן אין די הערצער פון די צדיקים דאָס גלוסטן נאָך געלט, כדי זיי זאָלן זיך דורך דעם קענען פאַרבינדן מיט כלל ישראל און דערהויבן זייערע תפילות". אויך מאַכט האָט ער ליב געהאַט, און ער האָט זיך געפירט זייער ברייט, אויף אַ גאַר רייכן שטייגער, און אייניקע פאַרשער פון יענער עפּאָכע זיינען געניגט צו גלויבן, אַז אַפילו דאָס אַרי־בערבערענגען דעם וויצלינג הערשעלע פון אָסטראָפּאָליע קיין מעזשבעזש איז אויך געווען צוליב דעם, אַז ער זאָל האָבן זיינעם אַן אייגענעם „הויף־נאַר", ווי ס'איז געווען איינגעפירט אַמאָל אין די קעניגלעכע פּאַלאַצן...

אַז אַזאַ מענטש ווי ר' ברוכל האָט הערשעלען ניט ווייניק געקריוודעט און ניט איין מאָל וויי געטאָן — דאָס איז ניט שווער זיך פאַרצושטעלן, און מ'קען דאָס זען פון אייניקע וויצן, וואָס ווערן דערציילט. אָבער די וויצן דאַרף מען ניט דערציילן גלאַט אַזוי, נאָר מ'דאַרף זיי פאַרבינדן מיט דעם ווי אַזוי דער רבי, וואָס האָט אויף אָרעמע לייט געקוקט פון אויבן אַראָפּ, האָט באַהאַנדלט דעם וויצלינג און אים ניט געגעבן די מעגלעכקייט צו האָבן פּרנסה פון דעם, וואָס ער מאַכט אים פריילעך...

הערשעלע האָט שטענדיק געטראָגן אין האַרצן אַ גרויסן פאַרדרוס דערויף, פאַרוואָס דער רבי באַהאַנדלט אים אַזוי שלעכט, און גיט אים ניט גענוג אויף פּרנסה פאַר זיין ווייב און קינדער. און ווייל ער איז אַליין געווען אַ חסיד און ער האָט גוט געוואוסט און פאַרשטאַנען, אַז די וועגן פון דעם רבין ר' ברוכל זיינען ניט די וועגן פון זיין גרויסן זיידן, דעם בעל־שם־טוב, איז זיין פאַר־דרוס געווען נאָך גרעסער, און ווען ער האָט נאָר געהאַט אַ געלעגנהייט, האָט ער אויסגעדריקט זיין פּראָטעסט קעגן דעם, און געטאָן האָט ער דאָס אויף זיין אייגענעם שטייגער — מיט אַ וויץ, אָדער מיט אַ מעשה, וואָס האָט געקענט טרעפן אין דער זיבעטער ריפּ...

איינמאָל, ווען ער האָט געטראַכט פון דעם, וואָס ר' ברוכל באַהאַנדלט אים אַזוי שלעכט און וואָס בכלל גייט ער ניט אין די וועגן וואָס זיין זיידע, דער גרויסער בעל־שם־טוב, איז געגאַנגען, האָט ער באַשלאָסן, אַז איצט מוז ער אים שאַרף אַריינזאָגן, און ער האָט דאָס טאַקע גלייך געטאָן.

— רבי, — האָט ער געזאָגט, — איך וועל אייך דערציילן אַ מעשה...

און ער האָט דערציילט:

— דאָס איז געווען, — האָט ער אָנגעהויבן, — נאָך פּאָר צוויי וואָכן. יאָ, פּאָר צוויי וואָכן איז דאָס געווען, אין אַ דאָנערשטיק. און ווי ס'איז שוין לאַנג איינגעפירט ביי מיר, האָב איך ניט געהאַט אויף שבת. נו, גיי איך מיר אַזוי

אַרום איבער די גאַסן און ברעך מיר דעם קאָפּ, וואו נעמט מען אויף שבת. איך גיב אַ קוק — דער יצר־הרע קומט מיר אָן אַנטקעגן. „הערשל, — מאַכט ער אַזוי צו מיר, — וואָס ביסטו אַזוי פאַרזאָרגט?“ זאָג איך צו אים: „ווי אַזוי זאָל איך ניט זיין פאַרזאָרגט, אַז ס׳איז שוין דאָנערשטיק און איך האָב נאָך ניט אויף שבת“. רופט ער זיך אָן צו מיר, דער יצר־הרע, הייסט עס: „דו נאַר איינער, וואָס דאַרפסטו זיך ברעכן דעם קאָפּ? עפּעס ביסטו דאָך אַ גאַנצער בן־ביתביים רבין ר׳ ברוכל אין הויף, איז נעם דאָרט צו אַ זילבערן בעכערל און פאַרקויף עס, וועסטו האָבן אויף שבת. נישקשה, דער רבי ר׳ ברוכל האָט געגוג“. איר הערט, רבי? אַזוי האָט ער צו מיר געזאָגט, דער יצר־הרע, און איך האָב אים געפאָלגט, און וואָס זאָל איך אייך זאָגן? איך האָב געהאַט אַ שבת — הלוואי אויף אַלע יידן געזאָגט געוואָרן...

— דאָס איז געווען פאַר צוויי וואָכן, — האָט הערשל ווייטער געצויגן די געשיכטע. — און איצט הערט ווייטער: פאַראַכטאָגן, אויך אין אַ דאָנערשטיק, האָב איך ווידער ניט געהאַט אויף שבת; נו, האָב איך מיר געטראַכט, אַז איך וועל ווידער פאָלגן דעם יצר־הרע, און איך האָב זיך שוין — איר הערט, רבי? — געלאָזט גיין צו אייך אין הויף אַריין צוצונעמען אַ זילבערן בעכערל, אָבער דאָ איז ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסן לעבן מיר דער יצר־טוב און האָט מיך אָנגעהויבן אָפּשלאָגן פון דעם, וואָס איך האָב פאַרטראַכט צו טאָן. „מ׳טאָר ניט גנבענען! — האָט ער מיר געזאָגט. — אין דער תורה שטייט געשריבן „לא תגנוב“.

„און ער איז גערעכט, דער יצר־טוב. — האָט זיך דער רבי אַריינגעמישט. — אַזוי שטייט טאַקע אין דער תורה: „לא תגנוב!“

— ס׳איז אמת, — האָט הערשל אים צוגעגעבן. — אַזוי שטייט טאַקע אין דער תורה, און דערפאַר האָב איך אים געפאָלגט, דעם יצר־טוב. אָבער וואָס זאָל איך אייך זאָגן, רבי? איך האָב געהאַט אַ שבת — אויף אַלע שונאי ציון געזאָגט געוואָרן!... — און דאָס איז נאָך ניט אַלץ, — האָט הערשל ווייטער גערעדט. — היינטיקן דאָנערשטיק האָב איך ווידער ניט אויף שבת; נו, האָב איך זיך אַ גאַנצן טאָג אַרומגעשלעפּט איבער די גאַסן פון מעזשבעזש און זיך אַלץ געבראָכן דעם קאָפּ, וועמען איך זאָל בעסער פאָלגן — דעם יצר־הרע, אָדער דעם יצר־טוב, קומט מיר ווידער אָן אַנטקעגן דער יצר־טוב און צעשרייט זיך אויף מיר ווי אויפן טאַטן: „הערשל, מ׳טאָר ניט גנבענען! הערשל, ס׳איז אַ גרויסע עבירה צו גנבענען!“ און ווען איך האָב געזען, אַז איך קען מיט אים גאָרניט מאַכן, אַז ס׳איז גאָרניט מעגלעך אים איבערצושפּאַרן, בין איך געפאַלן אויף אַ שכל און האָב צו אים געזאָגט אַזוי: „הער זיך איין, — האָב איך צו אים געזאָגט. — אויב דו ווילסט מיך יאָ פאַרהיטן פון אַן עבירה, איז

אפשר וואָלסטו מיר געטאָן אַזאַ טובה: גיי דו אַליין אַריין צום רבין ר׳ ברוכל און בעט ביי אים, אַז ער זאָל זען, אַז איך זאָל זיך מער ניט דאַרפן ברעכן דעם קאָפּ אַלע וואָך וואו מ׳נעמט אויף שבת... איך אַליין האָב אים שוין ניט איין מאָל געבעטן, אָבער ס׳העלפט ניט... טו מיר אַ טובה, גיי דו אַריין און בעט ביי אים פאַר מיר... דיך וועט ער אפשר יאָ פאָלגן...״ און ווייסט איר, רבי, וואָס דער יצר־טוב האָט מיר דערויף געענטפערט?

— טאַקע, וואָס האָט דיר דער יצר־טוב דערויף געענטפערט?

— ער האָט מיר דערויף געענטפערט, — האָט הערשל געזאָגט, — אַז ער וואָלט מיר אַוודאי געטאָן די טובה, אָבער זינט ער לעבט, איז ער נאָך קיינמאָל ביי אייך אין שטוב ניט געווען, רבי... זיין פוס, זאָגט ער, האָט נאָך קיינמאָל די שוועל פון אייער הויף ניט אַריבערגעטראָטן...

אַזוי אַריינזאָגן דעם רבין ר׳ ברוכל האָט געקענט בלויז איינער, וואָס האָט געהאַט אַ סך מוט און אויך אַ חוש פאַר געראַכטיקייט. און דעם וויצלינג הער־שעלע אָסטראָפּאָליער האָבן ביידע זאַכן ניט אויסגעפעלט. ער איז אין דער נאַטור געווען אַ בונטאַר; ער האָט קיין עוולות ניט געקענט ליידן, און וויל די חסידות פונם בעל־שם־טוב, וואָס האָט זיך אַזוי וואַרעם אָפּגערופן אויף דער נויט פון די אָרעמע און געקריוודעטע, איז אים געווען אַזוי נאָענט צום האַרצן, און ער האָט געזען ווי דאָס איניקל גייט גאָר אויף אַנדערע וועגן און פירט זיך אַזוי, אַז ס׳שטימט ניט מיט דעם, וואָס דער זיידע האָט געפּרעדיקט, האָט ער זיך געבונטעוועט קעגן דעם, האָט ער פּראָטעסטירט קעגן דעם, און געטאָן האָט ער דאָס מיט דעם בעסטן געווער, וואָס ער האָט פאַרמאָגט — מיט שאַרפזין און מיט קלוגע ווערטלעך און וויצן, וואָס טרעפן אין בין אַריין...

ווען דער רבי האָט ביי אים איין מאָל געפרעגט וואָס דער יצר־הרע איז, לויט זיין מיינונג, אַ חסיד, צי אַ מתנגד, האָט אים הערשעלע דערויף געענטפערט, אַז ס׳איז ביי אים ניט דער מינדסטער ספק, אַז דער יצר־הרע איז אַ חסיד. און ווען דער רבי האָט ביי אים געפרעגט פון וואַנען ער דרינגט דאָס, האָט ער אים געענטפערט קורץ און שאַרף:

— איך דרינג דאָס, רבי, פון דעם וואָס ער, דער יצר־הרע, איז אַזאַ אָפטער גאַסט ביי אייך...

הערשעלע אָסטראָפּאָליער האָט דעם רבין ר׳ ברוכל געקענט „אויסגעצ־קניפּט און אויסגעבונדן״, מיט אַלע זיינע מעלות און חסרונות. קיינער פון די אַנדערע חסידים האָט אים ניט געקענט אַזוי גוט ווי ער. און מ׳קען זאָגן, אַז די, וואָס ווילן זיך באַקענען בעסער מיט דעם מענטשן, וואָס איז אין אַ משך פון גאַנצע דרייסיק יאָר — פון 1780 ביז 1811 — געשטאַנען אין דער ערשטער ריי פון די חסידישע רביים אין פּאָדאָליע, דאַרפן נעמען ערנסטער הערשעלע

אַסטראָפּאָליערס וויצן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט יענעם מענטשן און מיט יענער עפּאָכע אין מעזשבעזש. דאָס וואַרפט אַ ליכט אויף דעם מעזשבעזשער רבין, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין איין אַרומרייסן כמעט מיט אַלע אַנדערע חסידישע רביים און וואָס האָט דאָך געהאַט אַ סך חסידים און געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע צוליב דעם זכות, וואָס ער איז געווען אַן אייניקל פונם בעל־שם־טוב. ווען ניט דאָס, וואָלט ער אפשר גאָר אַזאַ גרויסע ראָלע ניט געשפּילט, און ס'ווערט דערציילט, אַז ווען רבי ברוכל האָט זיך אין באַרדיטשעוו איינמאָל געטראָפן מיט דעם חסידישן רבין ר' אַריה לייב, וועמען מ'האָט גערופן דער „שפּאָלער זיידע", האָט ער אים געפרעגט מיט אַ שטאָך: „פאַרוואָס עפּעס רופט מען דיך גאָר זיידע און ניט באָבע?" און דערויף האָט אים דער שפּאָלער אויך געענטפערט מיט אַ שטאָך: „פאַרוואָס געפעלט דיר ניט אַזוי דער „זיידע"? ווען ניט דער זיידע, וואָלסטו דאָך אין גאַנצן ניט געהאַט קיין באַטרעף"...

מיט דעם איז דער שפּאָלער אויסן געווען צו זאָגן, אַז ווען ר' ברוכל וואָלט ניט געווען דעם בעל־שם־טובס אייניקל, וואָלט ער בכלל ניט געהאַט מיט וואָס זיך איבערצונעמען און מ'וואָלט פון אים אַוודאי ניט געמאַכט אַזאַ וועזן אין דער חסידישער וועלט. און דאָס איז געווען אמת, און קיינער האָט דאָס אַזוי גוט ניט פאַרשטאַנען ווי דער קלוגער און דורכגעטריבענער הערשעלע אָסטראָפּאָליער.

***

הערשעלע האָט ניט נאָר אויסגענוצט יעדער געלעגנהייט אַריינצוזאָגן דעם רבין אַזוי, אַז יענער זאָל זען ווי גוט ער קען אים און וואָס פאַר אַ מיינונג ער האָט וועגן אים, נאָר ער האָט אויך געשאַפן אַזלעכע געלעגנהייטן דערויף. און איינמאָל איז ער גלאַט גאָר פּלוצלונג אַריינגעקומען צו אים און געזאָגט:

— רבי, איך וויל ביי אייך האָבן אַ דין־תורה.

— אַ דין תורה מיט וועמען? — האָט אים דער רבי ר' ברוכל געפרעגט.

— אַ דין תורה מיט גאָט. — האָט הערשעלע געענטפערט. — איך האָב צו אים אַ סך טענות, און טאַקע גערעכטע טענות אויך, און איך וויל, אַז איר זאָלט משפּטן צווישן מיר און אים...

— אָבער פאַרוואָס עפּעס, זאָג מיר נאָר, הערשעלע, האָסטו אויסגעקליבן דווקא מיר? — האָט זיך ר' ברוכל געוואונדערט. — פאַרוואָס ניט אַן אַנדער רבין? ביזטו טאַקע, זאָג מיר, כ'בעט דיך, דעם אמת, זיכער אין דעם, אַז איך בין מער ווי אַלע אַנדערע צוגעפּאַסט דערצו?

— זיכער. — האָט הערשעלע געענטפערט. — און ווייסט איר פאַרוואָס, רבי, איך בין אַזוי זיכער אין דעם? ווייל אַלע אַנדערע רביים האָבן מורא

פֿאַר גאָט, וועלן זיי דערפֿאַר אַוודאי אים צופּסקענען און ס׳וועט אויסקומען, אַז ער איז גאָר גערעכט. מיט אייך אָבער בין איך זיכער, ווייל איר, רבי, האָט קיין מורא ניט פֿאַר גאָט...

דאָס איז געווען גאָר שאַרף אַריינגעזאָגט. ס׳האָט פּשוט געמיינט, אַז מיט אַ כלומרשטן שפּאַס, וואָס האָט אין זיך אַזאַ ערנסטקייט, וואַרפֿט ער אים אַרונ־טער פֿון דער הויך, וואו ער איז געשטאַנען אין זיינע אייגענע אויגן און אויך אין די אויגן פֿון זיינע חסידים...

אַפּילו דעם רבינס דבקות ביים דאַוונען, פֿון וואָס די חסידים האָבן דער־ציילט גאַנצע חידושים, האָט הערשעלע אָסטראָפּאָליער ניט דורכגעלאָזן אָן אַ שטאָך, און איינמאָל, ווען ר׳ ברוכל האָט אים געפֿרעגט פֿאַרוואָס ער ווערט אַזוי גיך פֿאַרטיק מיט דער שמונה־עשׂרה, האָט ער אים דערויף געענטפֿערט גלייך אויפֿן אָרט:

— ס׳איז גאַנץ פּשוט, רבי לעבן, איר האָט אַ סך גאָלד און זילבער, גע־דויערט עס לאַנג ביז איר רעכנט דאָס אַלץ אויס שטייענדיק שמונה־עשׂרה... איך אָבער פֿאַרמאָג ניט קיין גאָלד און ניט קיין זילבער, נאָר בלויז אַ ווייב און אַ ציג. דאָס איז מיין גאַנץ פֿאַרמעגן. נו, איז ווען איך שטעל זיך אַוועק שמונה־עשׂרה, באַרעכן איך דעם גאַנצן פֿאַרמעגן מיינעם אויף גיך: ווייב־ציג, ציג־ווייב און פֿאַרטיק — אויסגעשטאַנען שמונה־עשׂרה...

אויך די תורה, וואָס דער רבי פֿלעגט זאָגן ביים טיש, האָט ער ניט דורכ־געלאָזן אָן אַ שטאָך, ווייל ער האָט אַוודאי געוואוסט, אַז ער איז גאָר ניט אַזאַ גרויסער תּלמיד־חכם. און ווען ער האָט געהערט ווי די חסידים רעדן מיט גרויס התפּעלות וועגן דער תורה, וואָס דער רבי ר׳ ברוכל זאָגט און ווי זיי זיינען אַזוי זיכער, אַז זיין תורה באַשטייט ניט נאָר פֿון רזין, פֿון סודות, הייסט עס, נאָר טאַקע פֿון רזין דרזין, פֿון סודות שבסודות, וואָס בלויז די גאָר אויסדערוויילטע קענען אויפֿדעקן, האָט ער זיך איינמאָל, מיט אַ כלומרשטער אומשולדיקער מינע אויפֿן פּנים, געווענדט צום רבין מיט אַ פֿראַגע:

— וואָס, זאָגט מיר, כ׳בעט אייך, רבי לעבן, איז דער חילוק צווישן רזין און רזין דרזין?

— אדרבא, הערשל, זאָג דו מיר דעם חילוק. — האָט דער רבי ר׳ ברוכל זיך אַרויסגעדרייט פֿון אַן ענטפֿער.

און הערשל האָט געזאָגט וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן:

— דער חילוק צווישן די צוויי זאַכן, — האָט ער געענטפֿערט, — איז גאַנץ פּשוט: רזין מוז אַוודאי זיין אַזוינס, וואָס איך פֿאַרשטיי ניט און איר פֿאַרשטייט יאָ, רזין דרזין איז אַוודאי אַזוינס, וואָס ניט איך ווייס וואָס דאָס איז און ניט איר ווייסט וואָס דאָס איז...

ער האָט ביים רבין אין הויף אַלערליי שליחותן דורכגעפירט. מ׳האָט זיך מיט אים געשאָפט ווי מיט אַ משרת, און זייער אָפט, ווען דער רבי האָט געדאַרפט ערגעץ פאָרן, האָט הערשעלע פריער געדאַרפט פאַרזאָרגן אַן אַכסניא פאַר אים, און אין דעם האָט מען געדאַרפט זיין זייער פאַרזיכטיק, ווייל ר׳ ברוכל איז געווען צעבאַלעוועט און קיין זאַך איז אים ניט געפעלן.

איינמאָל, ווען ר׳ ברוכל האָט צו אים געהאַט טענות פאַרוואָס ער האָט אים פאַרפירט אויף אַן אַכסניא, וואו ער האָט ביינאַכט ניט געקענט שלאָפן איבער דעם, וואָס אַ קינד האָט דאָרט געוויינט פון דער אַנדערער זייט וואַנט, האָט הערשל זיך פאַר אים פאַרענטפערט אויף אַזאַ שטייגער, אַז ס׳איז גאָר אויסגעקומען, אַז ער האָט אים שאַרף אַריינגעזאָגט אויפן חשבון פון דעם וואָס ער פּיעשטשעט זיך אַליין צופיל און וואָס ער נעמט זיך איבער דערמיט וואָס ער איז אָפט מרה־שחורהדיק און פאַרזאָרגט.

— איר, רבי, — מאַכט ער אַזוי צו אים, — מיינט אַוודאי, אַז דאָס קינד, וואָס האָט געוויינט אַ גאַנצע נאַכט, איז אַ פּשוט קינד. ניין. חלילה. דאָס איז אַן „אייניקל״, און אַן „אייניקל״, ווי איר ווייסט, איז אַ פאַרוויינטע נשמה... אַן „אייניקל״ פּיעשטשעט זיך שטענדיק...

*
**

פון הערשעלעס וויצן, וואָס זיינען צעוואָרפן אויף אַזוי פיל ערטער און אויך פון די מעשיות, וואָס זיינען וועגן אים געווען פאַרשפּרייט צווישן פאָלק אין אַ סך יידישע שטעט און שטעטלעך אין אוקראַינע, קען מען דרינגען, אַז ניט אַלע מאָל איז דאָס אַריינזאָגן דעם רבין אַזוי שאַרף אים אָפּגעגאַנגען גלאַט. ס׳שיינט, אַז ר׳ ברוכל האָט זיך אויף אים ניט איין מאָל גוט אויסגעביי־זערט און אים אַרויסגעטריבן פון הויף, און דאַן פלעגט הערשעלע זיך אַרומ־שלעפּן צופוס פון איין שטאָט אין דער אַנדערער, און פון איין דאָרף אין אַן אַנדערן, און אומעטום האָט מען אים שוין געקענט ווי אַ בייזן שילינגער און ער האָט געצויגן זיין חיונה פון דעם וואָס ער האָט געזאָגט ווערטלעך, און די מערסטע ווערטלעך זיינע זיינען געווען אַ שאַרפע קריטיק אויף די רייכע און פאַרגרעבטע לייט, וואָס זיינען שרעקלעך קאַרג און וואָס העלפן קיינמאָל ניט אַרויס קיין אָרעמאַן, ווען ער קומט אָן צו זיי אין אַ נויט. ווי מיט אַ שאַרף מעסער האָט ער געשניטן די אַלע, וואָס האָבן דאָס פאַרדינט, און יעדער וויץ זיינער און יעדער ווערטל זיינס האָט ווי אַ פייל געטראָפן. אָבער דאָס אַרומשלעפּן זיך איבער די שטעט און שטעטלעך האָט זיין מערכה ניט בעסער געמאַכט; ער פלעגט זיך אַלע מאָל אומקערן צוריק קיין מעזשבעזש, און דאַן פלעגט ר׳ ברוכל אים

ווידער אַריינגעמען צוריק צו זיך אין הויף און אים ווידער באַהאַנדלען פּונקט אַזוי שלעכט ווי פריער, צאַלנדיק אים גראָשנס דערפאַר וואָס ער מאַכט אים פריילעך.

ס׳איז זייער מעגלעך, אַז ביי יעדן מאָל, ווען מ׳האָט הערשעלע אַסטראָפּאָליער אַריינגענומען צוריק אין הויף, האָט מען אים געוואָרנט, אַז ער זאָל זיך בעסער היטן מיט אַ וואָרט און ניט אַריינזאָגן דעם רבין אַזוי שאַרף ווי ער קען. אָבער הערשל האָט זיך דאָך ניט געקענט איינהאַלטן, ווייל ער איז דאָך אויף ר׳ ברוכלען געווען מער מבין ווי די אַנדערע, און דערצו האָט ער נאָך קיין עוולות ניט געקענט ליידן און ער האָט געמוזט אַרויסזאָגן וואָס ער פילט און וואָס ער דענקט וועגן דעם מענטשן, וואָס פירט זיך ניט לויטן גייסט פון חסידות ווי דער בעל־שם־טוב האָט דאָס געפּרעדיקט, און וואָס נעמט זיך דאָך אַזוי שטאַרק איבער דערמיט וואָס ער איז אַן אייניקל פונם בעל־שם־טוב. און איינמאָל, ווען ער האָט געמאַכט שפּאַס און געזאָגט וויצן צו פאַרטרייבן די נגידישע מרה־שחורה פונם רבין, איז ער מיטאַמאָל געוואָרן ערנסט:

— רבי, איך וויל אייך עפּעס פרעגן.

— נו, פרעג. — האָט ר׳ ברוכל צו אים געזאָגט.

— ס׳איז אַזוי, רבי, — האָט הערשעלע אָנגעהויבן, — ס׳איז שוין אַ לאַנגע צייט זינט איך ברעך מיר דעם קאָפּ איבער זייער אַ האַרבער קשיא: אַלע ווייסן דאָך און ס׳איז אַוודאי ביי קיינעם קיין ספק ניט, אַז אונדזערע גרויסע תנאים, ווי, למשל, רבי עקיבא, ר׳ אליעזר בן הורקונוס, ר׳ שמעון בן יוחאי און די אַנדערע תנאים, וואָס ווערן דערמאָנט אין דער גמרא, זיינען געשטאַנען מיט טויזנט קעפּ העכער פון די צדיקים וואָס מיר האָבן אין דער היינטיקער צייט. פונדעסטוועגן ווייסן מיר, אַז זיי, די אַלע גרויסע צדיקים פון יענע צייטן, זיינען אַלע געווען גרויסע קבצנים און האָבן זיך אַלע זייערע יאָרן געמוטשעט, און די היינטיקע צדיקים, וואָס קומען אַפילו ניט צו די קנעכלען פון יענע, זיינען גבירים־אַדירים, אָנגעשטאָפּט מיט געלט, און זיי פאָרן „נאַשפּיץ" אין קאַרעטן, און זיי לעבן זיך ווי די פּריצים און זיי עסן און טרינקען פון זילבערנע און גילדערנע כלים און ס׳איז זיי גוט ווי די וועלט. איז, פאַרוואָס, זאָגט מיר, כ׳בעט אייך, רבי לעבן, זאָל דאָס זיין אַזוי?...

רבי ברוכל האָט זיך, אַפּנים, ניט געכאַפּט וואוהין ער צילט, ווייל ער אַליין איז דאָך געווען אַזוי פאַרגלויבט אין זיך, אַז ער פלעגט דערציילן, אַז אליהו הנביא קומט צו אים און אַז ר׳ שמעון בן יוחאי אַליין האָט אים אַמאָל אויפן הימל געזאָגט, אַז ס׳איז אויף דער ערד ניטאָ קיין גלייכן צו אים, צו דעם גרויסן צדיק ר׳ ברוכל. און ווייל ער האָט זיך צו הערשעלע אַסטראָפּאָליער באַצויגן ווי צו אַ לץ, אַ ווערטל־זאָגער, האָט ער זיך, ווי זיין שטייגער איז שוין געווען, אַרויסגעדרייט פון אַן ענטפער.

— דו ווילסט דאָך אַוודאי זאָגן עפּעס אַ ווערטל, — האָט ער זיך צו הערשלען אָנגערופן, — נו, איז זאָג, וועלן מיר הערן.

און הערשעלע האָט געזאָגט און אַרייַנגעזאָגט.

— איך האָב איינמאָל, — מאַכט ער אַזוי צום רבין, — געזען ווי אַ בלינדער בעטלער שפּילט אויף אַ לירע, און דאָס שפּילן זיינס, זאָג איך אייך, רבי, איז געווען אַזוי זיס, אַז ס׳איז זיך ממש צעגאַנגען איבער אַלע אברים און דערקוויקט די נשמה. מענטשן זיינען געשטאַנען אַרום אים און האָבן זיך פּשוט מחיה געווען, און מיט וואָס, מיינט איר, האָבן זיי אים באַלוינט דערפאַר וואָס ער שפּילט אַזוי שיין? איינער האָט אים געגעבן אַ ביסל מעל, אַ צווייטער האָט אים געשענקט אַ בייגל, און אַ דריטער האָט אים אינם ליימענעם שיסעלע אַרייַנגעוואָרפן אַ קופּערנע מטבע, אַן אָפּגעריבענע. מער האָט אים קיינער גאָר ניט געגעבן. נאָכדעם, מיט אַ צייט שפּעטער, האָב איך געזען ווי אַ חזן, וואָס האָט ביים דאַוונען נאָכגעמאַכט די זעלבע ניגונים וואָס דער בעטלער האָט געשפּילט אויף דער לירע, האָט געקראָגן פופציק קערבלעך פאַר דאַוונען אַ שבת און הונדערט און פופציק קערבלעך פאַר דאַוונען ימים־נוראים. און וואָס, מיינט איר, רבי, איז פון דעם געדרונגען?

— טאַקע וואָס?

— פון דעם, רבי לעבן, — האָט הערשעלע געענטפערט, — איז געדרונגען, אַז אין אַ פאַלשער וועלט שעצט מען אָפּ פאַלשע זאַכן מער ווי אמתע. פאַרן נאָכגעמאַכטן ניגון באַצאָלט מען אין אַזאַ וועלט מער ווי פאַרן אמתן ניגון...

דאָס איז רבי ברוכלען שטאַרק געפעלן און ער האָט געזאָגט, אַז ס׳איז ניט נאָר אַ שיינע מעשה, נאָר טאַקע ממש אַ וואונדער.

— יאָ, אַ וואונדער, — האָט הערשעלע זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם וואָרט. — און נאָך אַ גרעסערער וואונדער איז דאָס וואָס דער מענטש, וואָס האָט אויסגעהערט די מעשה, מיינט אַז דאָס האָט מען אַוודאי געמיינט ניט אים, נאָר אַן אַנדערן...

מער האָט הערשעלע אָסטראָפּאָליער שוין גאָר ניט געקענט זאָגן. דער רבי איז אויף אים געוואָרן שרעקלעך בייז און האָט אים אַרויסגעטריבן. און ס׳ווערט אויך דערציילט, אַז אין זיין כעס האָט ער אָנגעהויבן שרייען צו זיינע גבאים, אַז זיי זאָלן הערשעלען אָנלערנען פאַר דער חוצפה, און די גבאים האָבן דעם אָרעמען הערשעלע, וועלכער איז געווען אַ קלייניקער און אַ דאַרער, אַזוי צעהרגעט, אַז ער איז קראַנק געוואָרן און מיט אַ קורצער צייט שפּעטער איז ער געשטאָרבן.

ס׳איז, פאַרשטייט זיך, ניט באַשטימט צי הערשעלע אָסטראָפּאָליער איז

טאַקע געשטאָרבן פון די קלעפּ, וואָס ר׳ ברוכלס גבאים האָבן אים געגעבן ווען ער האָט אַזוי שטאַרק דערצאָרנט דעם רבין. אָבער דער היסטאָריקער ש. דובנאָוו נעמט דאָס אָן פאַר אַ פאַקט, ווי מ׳קען דאָס זען אין זיין „געשיכטע פון חסידיזם" (באַנד 2, ז׳ 64). אויך אין דער רוסישער „יעווריעיסקאַיאַ ענציקלאָפּעדיאַ" (באַנד 12, ז׳ 153) ווערט דאָס אָנגעגעבן ווי אַ פאַקט. ס׳איז אָבער דאָך שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז ס׳איז טאַקע אַזוי. ס׳ליגט זיך ניט אויפן שכל, אַז ביים רבין אין הויף זאָל באַגאַנגען ווערן אַזאַ רציחה. אפשר האָבן דאָס פאַרביסענע מתנגדים אויסגעטראַכט?...

און ווען הערשעלע אָסטראָפּאָליער איז געלעגן אין דער היים אַ קראַנקער און מ׳האָט זיך שוין מער אויף זיין לעבן ניט גערעכט, האָט ער אַפילו דאַן זיין שאַרפזין ניט פאַרלאָרן, און ווען ר׳ ברוכל איז געקומען אים מבקר חולה זיין און איז געבליבן שטיין אַ פאַרטרויערטער ביי זיין בעט, האָט הערשעלע אָנגעהויבן שמייכלען און, ווענדנדיק זיך צום רבין, האָט ער געזאָגט:

— איר דאַרפט ניט זיין אַזוי פאַרזאָרגט, רבי; גלויבט מיר, אַז איך וועל ניט גיין אין גיהנום אַריין, נאָר גלייך אין גן־עדן...

און ווי ס׳ווערט דערציילט האָט ער דאַן געוויזן דעם רבין ווי ער האָט אויף אַלץ אַ פאַרטיקן תירוץ:

— ווען דער מלאך דומם, — האָט ער געזאָגט, — וועט אָנקלאַפּן אויף מיין קבר און מיך פרעגן ווי איך הייס, וועל איך אים זאָגן, אַז איך הייס געציל. וועט ער זיך דאָך צעשרייען אויף מיר: „סטייטש, וואָס הייסט דו זאָגסט מיר, אַז דו הייסט געצל, ווען איך ווייס בפירוש, אַז דו הייסט הערשל?" וועל איך אים ענטפערן: „אויב דו ווייסט, איז צו וואָס פרעגסטו?" און ווען ער וועט מיך פרעגן צי איך האָב געלערנט תורה, וועל איך אים ענטפערן, אַז אויב ער האַלט מיך ניט פאַר קיין למדן, איז זאָל ער מיר ניט געבן זיין טאָכטער פאַר אַ ווייב. און ווען ער וועט מיך פרעגן וואָס איך האָב מתקן געווען, וואָס איך האָב פאַרריכט, הייסט עס, אויף דער וועלט, וועל איך אים זאָגן, אַז אַמאָל האָב איך פאַרריכט מיינע צעריסענע פלודערן און אַמאָל — דאָס העמד מיינס, דאָס צעריסענע. און ווען ער וועט מיך פרעגן צי איך האָב מקיים געווען אַלע תרי"ג מצוות, וועל איך אים ענטפרן, אַז ווי יעדער אָרעמאַן בין איך אויך געווען אַ מטופל מיט קינדער, און דאָס מיינט דאָך, אַז איך האָב מקיים געווען די גרויסע מצווה פון פריה ורביה...

אַזוי האָט ער זיך געהאַלטן אין איין וויצלען ווען ער איז שוין געלעגן אַ חולה מסוכן אין בעט. און ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט די תירוצים, וואָס ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט זיי אָנגעבן דעם מלאך דומם, האָט ער ווייטער גערעדט צום רבין ר׳ ברוכל.

— און איצטער, רבי, — האָט ער געזאָגט, — הערט וואָס איך וועל ענטפערן דעם רבונו של עולם אַליין ווען איך וועל דאַרפן אָפּגעבן דין וחשבון פאַר אים: „רבונו של עולם, וועל איך צו אים זאָגן, דו האָסט אָנגעהאָנגען אויפן מענטשן פינף „בעל כרחכ׳ס״; ס׳איז — מיט גוואַלד ווערסטו באַשאַפן, מיט גוואַלד ווערסטו געבאָרן, מיט גוואַלד לעבסטו, מיט גוואַלד שטאַרבסטו און מיט גוואַלד וועסטו אָפּגעבן דין וחשבון אויף דער אמתער וועלט. אַזוי שטייט געשריבן. נו, איז די ערשטע פיר „מיט גוואַלדן״ בין איך שוין איבער־געקומען, און איצטער בעט איך ביי דיר, גאָטעניו, שענק מיר דעם לעצטן „מיט גוואַלד״ און מאָן ביי מיר ניט קיין דין וחשבון...״

רבי ברוכל איז געווען צופרידן דערפון וואָס הערשעלע וויצלט זיך; ער האָט פון דעם געדרונגען, אַז ער איז אויף אים ניט בייז, אָבער ווען ער האָט זיך אָנגעבאָטן צו זאָגן ווידוי מיט אים, האָט הערשעלע דאָס ניט געוואָלט, און פון דעם איז קלאָר, אַז זיין פאַרדרוס אויף אים האָט זיך ניט געשטילט ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן... קיין גוט האַרץ אויף אים האָט ער ניט געהאַט. ער האָט דאָך ניט געקענט פאַרגעסן ווי דער רבי האָט אים באַהאַנדלט די גאַנצע צייט וואָס ער איז געווען אין הויף...

אָבער ווי גרויס דער פאַרדרוס איז ניט געווען, האָט הערשעלע דאָך ניט געקענט זיין אין כעס, און ווען ער האָט געזען ווי דער רבי איז ווידער געוואָרן זייער טרויעריק, האָט ער פונקט ווי אין די ערשטע צייטן, ווען מ׳האָט אים פון אָסטראָפּאָליע געבראַכט קיין מעזשבעזש, ווידער באַקומען אַ חשק אים צו מאַכן פריילעך, און ווענדנדיק זיך צו די, וואָס זיינען געשטאַנען אַרום זיין בעט, האָט ער געזאָגט:

— יידן, איך האָב צו אייך אַ בקשה: ווען איך וועל שטאַרבן, זאָלט איר זען, אַז ווען די חברה קדישא וועט מיך אַרויפלייגן אויף דער מטה, זאָלן זיי מיך ניט אָנרירן אונטער די פאַכועס, ווייל איך האָב זייער מורא פאַר אַ קיצל...

ביז דער לעצטער שעה פון זיין לעבן האָט ער זיך געוויצלט און געזאָגט ווערטלעך. און חסידים דערציילן, אַז ווען ער איז געשטאָרבן, האָט דער רבי ר׳ ברוכל געזאָגט, אַז אַפילו אויף יענער וועלט וועלן זיינע קלוגע ווערטלעך מאַכן אַזאַ רושם, אַז מ׳וועט פאַר אים גלייך עפענען די טויערן פונם גן־עדן. און פון דאַן אָן איז איינגעפירט, אַז ווען מען קומט קיין מעזשבעזש אויף קבר־אָבות און מ׳גייט אויפן אַלטן בית־עולם צום קבר פונם בעל־שם־טוב, צום קבר פון אַפּטער רב און צו די קברים פון די אַנדערע גרויסע צדיקים, וואָס ליגן דאָרט אין זייער אייביקער רו, שטעלט מען זיך אויך אָפּ ביים קבר פון

הערשעלע אָסטראָפּאָליער

הערשעלע אָסטראָפּאָליער. זיין נאָמען איז נאָך ביז היינטיקן טאָג געבליבן באַליבט ביים פאָלק. און ס'איז גאָר קיין צווייפל ניט, אַז אַזוי לאַנג ווי יידן וועלן האָבן אַ חוש פאַר פרייד און זיי וועלן קענען לאַכן, וועלן זיי געדענקען דעם נאָמען פון הערשעלע אָסטראָפּאָליער. בלויז דער נאָמען זיינער אַליין האָט אין זיך אַזאַ כישוף, וואָס רופט אַרויס פרייד, כאָטש זיין לעבן איז געווען זייער טרויעריק...

באַרדיטשעוו

.1

אויף דער גאַנצער וועלט איז שווער צו געפינען נאָך אַ שטאָט, וואו אַלץ איז אַזוי עכט־יידישלעך ווי אין באַרדיטשעוו, און מ'קען זאָגן אָן אַ גוזמא, אַז אין גאַנץ רוסלאַנד אין באַרדיטשעוו אַלעמאָל געווען און איז נאָך ביז היינטיקן טאָג געבליבן די יידישסטע שטאָט, וואָס האָט צו זיך אין דעם פּרט קיינמאָל קיין גלייכן ניט געהאַט.

אַפילו ווילנע, וואָס האָט אין דער אַלטער רוסלאַנד אויך געהאַט אַ נאָמען פון אַ יידישער שטאָט און וואָס האָט זוכה געווען, אַז מ'זאָל זי רופן „ירושלים דליטא", האָט זיך אין דעם פּרט ניט געקענט פאַרגלייכן צו באַרדיטשעוו. די יידישקייט פון ווילנע האָט אויף זיך אַלע מאָל געהאַט דעם שטעמפּל פון לומדות, פון טרוקענער לומדות, וואָס האַלט זיך ביי דעם אות, און וואָס איז אָפּגעריסן פונם ערדישן פאָלקס־לעבן. די באַרדיטשעווער יידישקייט אָבער איז געווען אַ פאָלקסטימלעכע, און זי האָט אין זיך געהאַט די אַלע מעלות און, פאַרשטייט זיך, אויך די אַלע חסרונות וואָס זיינען מיט דעם פאַרבונדן.

ווילנע האָט מען געדאַרפט פאַרגלייכן מיט ירושלים, ווען מ'האָט געוואָלט זאָגן, אַז זי איז אַ יידישע שטאָט. באַרדיטשעוו אָבער האָט מען מיט ירושלים ניט געדאַרפט פאַרגלייכן. באַרדיטשעוו — דאָס אַליין איז געווען גענוג אויסצודריקן די גאַנצע יידישקייט און יידישלעכקייט פון דער שטאָט, וואָס שטייט ביים טייך גנילאָפּיאַט, וואָס פאַלט אַריין אין דניעפּר; אין ערגעץ האָבן זיך יידן פון אַנדערע שטעט ניט געפילט אַזוי צווישן אייגענע ווי אין באַרדיטשעוו, און ווען אַ גוי, וואָס האָט ניט ליב קיין יידן, איז אַמאָל געקומען אין אַ רוסישער שטאָט, וואו ס'זיינען געווען גרויסע יידישע געשעפטן, וואָס האָבן אים געשטאָכן די אויגן, האָט ער אויסגעדריקט זיין צאָרן דערמיט, וואָס ער האָט די שטאָט פאַרגליכן צו באַרדיטשעוו.

צו באַרדיטשעוו — און ניט צו ירושלים...

ביי די וואָס זיינען אין באַרדיטשעוו קיינמאָל ניט געווען איז געשאַפן געוואָרן דער איינדרוק, אַז דאָס איז אַוודאי זייער אַ גרויסע שטאָט, אַ כרך, און אַז די צאָל פון דער באַפעלקערונג איז דאָרט אַוודאי אַזוי פיל ווי — לאָמיר זאָגן — „די זאַמד ביים ברעג פונם ים". און ס'איז ניט קיין וואונדער וואָס

מ׳מיינט אַזוי; אַ שטאָט האָט אַזאַ גרויסן נאָמען, מיינט מען, אַז זי איז מי יודע ווי גרויס. אַפילו ביי אַזעלכע וואָס קומען פון באַרדיטשעוו האָט זיך אויך געשאַפן דער איינדרוק, אַז באַרדיטשעוו איז זייער אַ גרויסע שטאָט. דער אמת אָבער איז, אַז די שטאָט איז גאָרניט אַזוי גרויס ווי מ׳מיינט. ביזן סוף פון נײַנצנטן יאָרהונדערט האָט באַרדיטשעוו געהאַט אַ באַפעלקערונג פון קנאַפּע פיר און פופציק טויזנט איינוואוינער, און אַן ערך אַכציק פּראָצענט פון זיי זיינען געווען יידן. נאָך דער רעוואָלוציע פון 1917, ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער בירגער־קריג און די שטאָט האָט געגומען איבערגיין פון האַנט צו האַנט און יעדער נייע „מאַכט" האָט דאָרט אַ נייעם חורבן געמאַכט, האָט די צאָל פון דער באַפעלקערונג דאָרט גענומען פאַלן, און לויט די אָפיציעלע ציפערן, איז דאָרט אינם יאָר 1923 די צאָל פון דער באַפעלקערונג געווען ניט מער ווי 43 טויזנט מיט 715 מענטשן, און פון זיי זיינען 72 פּראָצענט געווען יידן.*) אָבער וואָס מער דאָס לעבן אין שטאָט האָט זיך איינגעשטעלט, אַלץ גרעסער איז דאָרט געוואָרן די צאָל פון די איינוואוינער, און אינם יאָר 1926, האָט באַרדיטשעוו שוין געהאַט אַ באַפעלקערונג פון איבער 50 טויזנט נפשות, און פון זיי איז מער ווי 70 פּראָצענט באַשטאַנען פון יידן.

ווי גרויס ס׳איז דאָרט אויסגעוואַקסן די צאָל פון דער באַפעלקערונג אין די יאָרן, וואָס זיינען אַוועק פון 1926 ביזן אויסברוך פון דער מלחמה צווישן סאָוועט־רוסלאַנד און נאַצי־דייטשלאַנד — דאָס איז מיר, ליידער, ניט באַקאַנט. ס׳איז אָבער פאַראַן אַ גרונט צו גלויבן, אַז אינם פּראָצעס פון אויפבויען, וואָס איז אין די לעצטע יאָרן אָנגעגאַנגען אין סאָוועט־רוסלאַנד, איז באַרדיטשעוו אַוודאי ניט געבליבן אינגאַנצן הינטערשטעליק. אָבער ווען מען זאָל אַפילו אָננעמען, אַז די שטאָט איז באַדייטנד אויסגעוואַקסן, איז זי נאָך אַלץ ניט אַזאַ כרך, ווי אייניקע שטעלן זיך פאָר. באַרדיטשעוו איז נאָך אַלץ געבליבן ניט זייער קיין גרויסע שטאָט — מיט זייער אַ גרויסן נאָמען, און ווען מ׳שרייבט וועגן איר מיט מליצה, רופט מען זי נאָך אַלץ „עיר ואם בישראל".

⁂

דאָס ערשטע, וואָס מ׳פלעגט געוויינלעך דערזען ביים אַריינפאָרן קיין באַרדיטשעוו, איז געווען — קראָקוועס... הוילע קראָקוועס פון דעכער, וואָס מ׳האָט דערוויל נאָך ניט צוגעדעקט — ניט מיט קיין בלעך, ניט מיט קיין שינדלען און אַפילו ניט מיט דעם, וואָס מ׳האָט אין די אוקראַינישע שטעט גערופן „טשערעפּיציע"; גלאַט הוילע הילצערנע קראָקוועס, וואָס מען האָט

*) זע: „באָלשאַיאַ סאָוויעטסקאַיאַ ענציקלאָפּעריאַ", באַנד 5, ז׳ 185.

אַוועקגעשטעלט איבער די אָפּגעברענטע הייזער, וואָס מ׳וועט אַוודאי אויסבויען אַזוי שנעל ווי גאָט וועט נאָר העלפן...

שרפות זיינען אין באַרדיטשעוו קיינמאָל קיין נאָווינע ניט געווען. באַר־דיטשעווער שרפות האָבן געהאַט אַ שם אומעטום, און ניט קיין אַנדערער ווי שלום־עליכם האָט זיי פאַראייביקט אין דער יידישער ליטעראַטור אין זיין בוך „אַלט־ניי־כתרילעווקע״, וואו ער האָט מיט זיין ליבן און חנוודיקן הומאָר אַזוי גלענצנד געשילדערט דאָס יידישע לעבן אין באַרדיטשעוו.

„עס זיינען דעם זומער, — שרייבט שלום־עליכם, — ניט צו פאַרזינדיקן, אָפּגעברענט געגוג יידישע שטעט און שטעטלעך. נאָר וואָס דען? ס׳איז אַ חילוק; ברענען צו ברענען איז ניט גלייך. כתרילעווקע האָט זיך געוואָלט, אַפּנים, אויס־פיינען פאַר דער וועלט, האָט זי זיך אָנגערופן צו די איבעריקע יידישע שטעט; „וואָס, איר ברענט? כאַ־כאַ־כאַ! לאָזט מיר, אָט וועט איר זען ווי אַ שטאָט ברענט!״ און כתרילעווקע האָט זיך אָנגעצונדן ווי אַ ליכט...״

אַזעלכע פייערן זיינען געווען אין באַרדיטשעוו ניט איין מאָל. עס איז זעלטן דורך אַ זומער, אַז ס׳זאָל דאָרט ניט אויסברעכן קיין גרויס פייער און מ׳זאָל ניט דאַרפן לויפן מיט די פעסער צו דער „וואָדאָ־קאַטשקע״, וואָס איז גע־שטאַנען אין שטאָט עפּעס ווי „אין מיטן שטוב אין אַ ווינקעלע״. באַרדיטשעוו האָט געהאַלטן אין איין ברענען און ביי יעדער שרפה איז מען געלאָפן איבער די גאַסן און מ׳האָט געשריגן: „ס׳נעצט״. גרויסע און קליינע הייזער זיינען דאָרט אָפּט אַוועק מיטן רויך, און דערפאַר איז אַלץ אויסגעקומען אַזוי, אַז ביים אַריינ־פאָרן קיין באַרדיטשעוו זאָל מען דאָס ערשטע דערזען — קראַקוועס! הוילע קראָקוועס פון דעכער, וואָס מ׳האָט דערוויל נאָך ניט צוגעדעקט...

אַזוי האָט זיך טאַקע באַרדיטשעוו אָפּגעשטעמפּלט אין מיין זכרון נאָך מיט אַ סך יאָרן צוריק, ווען ס׳איז מיר דאָרט אויסגעקומען צו זיין עטלעכע מאָל. און אויך אינם יאָר 1932, ווען איך האָב זיך דאָרט אָפּגעשטעלט אויפן וואָקזאַל, אויף מיין רייזע איבער סאָוועט־רוסלאַנד, איז דאָס ערשטע, וואָס איך האָב דאָרט דערזען פון דער ווייטנס, קוקנדיק אויף דער שטאָט, געווען—קראַקוועס! הוילע קראַקוועס פון דעכער, וואָס מ׳האָט נאָך ניט צוגעדעקט...

באַרדיטשעוו האָט איר אויסערלעכן אויסזען אין גרונט ניט געביטן. זי האָט אַריינגעטראָגן איר אייגנטימלעכקייט אינם סאָוועטישן שטייגער לעבן... ס׳איז ניט מער, אַמאָל, אונטער דער אַלטער אָרדענונג, האָט מען, אַנווייזנדיק אַ גאַסט אויף די קראַקוועס, געווײנלעך דערמאָנט אָן דעם, וואָס די שטאָט האָט אָפּגעברענט. איצט אָבער, אונטער דער נייער אָרדענונג, ווייזט מען דעם גאַסט אָן אויף די קראַקוועס און מ׳זאָגט אים, אַז די שטאָט בויט זיך...

***

מיט אַ סך יאָרן צוריק איז באַרדיטשעוו געווען אַ דאָרף און האָט געהייסן באַרדיטשעקאָווע. און אין דער געשיכטע ווערט די שטאָט דערמאָנט דאָס ערשטע מאָל אין פאַרבינדונג מיט דער מלחמה, וואָס איז פאָרגעקומען צווישן ליטע און פוילן. דאָס איז געווען נאָך אין יאָר 1546. ווען די צוויי מלוכות האָבן נאָך דער מלחמה געשלאָסן אַן אָפּמאַך צווישן זיך און באַשטימט די גרענעצן צווישן די צוויי לענדער, איז די שטאָט באַרדיטשעוו און דער גאַנצער געגנט אַרום און אַרום געוואָרן אַ טייל פון ליטע. שפּעטער אָבער איז זי צוריק אַריבער קיין פוילן, און אין 1648, אין די צייטן פון די גזירות ת״ח, ווען די קאָזאַקן און טאָטאַרן האָבן אַזוי פיל יידיש בלוט פאַרגאָסן אין אוקראַינע און אין פוילן, האָט באָגדאַן כמעלניצקי איינגענומען די שטאָט. ס׳איז אָבער ניט באַשטימט צי ס׳איז אין באַרדיטשעוו שוין דאַן געווען אַ יידישע באַפעלקערונג און צי זי האָט אויך, ווי די יידישע באַפעלקערונג אין די אַנדערע שטעט, געליטן פון די שחיטות, וואָס כמעלניצקי און זיינע קאָזאַקן האָבן געמאַכט. בכלל ווייסט מען ניט, ווען יידן האָבן זיך אָנגעהויבן באַזעצן אין באַרדיטשעוו און וואָס זיי האָבן דאָרטן אין די ערשטע צייטן איבערגעלעבט. די איינציקע קוואַלן, פון וואַנען מען וואָלט געקענט שעפּן די נויטיקע ידיעות, זיינען די אַלטע פּנקסים, וואָס די יידישע קהילות האָבן דאָרט געפירט. אָבער אין באַרדיטשעוו זיינען פון די גאָר אַלטע צייטן קיין פּנקסים נישט געווען. זיי זיינען אַלע פאַרברענט געוואָרן אין די שרפות, וואָס זיינען דאָרט פאָרגעקומען.

אַ פאַרזוך אָנצושרייבן די געשיכטע פון די יידן אין באַרדיטשעוו האָט אַמאָל געמאַכט דער שריפטשטעלער און פאָרשער שמואל־אבא האָראָדעצקי. אָבער ער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף דעם טרויעריקן פאַקט, אַז די אַלטע פּנקסים זיינען פאַרברענט געוואָרן אין די שרפות, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין שטאָט אַזוי אָפט, האָט ער זיין אַרבעט געמוזט אויפגעבן, און מער ווי איין קליינעם קאַפּיטל, וואָס איז אינם יאָר 1902 אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דעם העברעאישן זאַמלבוך „מאסף״, וואָס דער רעדאַקטאָר פון „המליץ״ האָט אַרויסגעגעבן. האָט ער וועגן דעם — ווי ווייט מיר איז באַקאַנט — ניט אָנגעשריבן.

אָבער אין דעם קליינעם קאַפּיטל ווערן אַרויסגעבראַכט אייניקע פאַקטן, וואָס וואַרפן אַ ליכט אויף דעם יידישן לעבן אין באַרדיטשעוו פון די אַמאָליקע צייטן. ס׳ווייזט זיך אַרויס, אַז נאָך אינם יאָר 1732 איז שוין אין באַרדיטשעוו געווען אַ פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין, אַ „יוניאָן״ פון יידישע שניידער, און אַז זיי האָבן דאַן געקראָגן אַ דערלויבעניש צו האָבן זייער אייגענע פאַרוואַלטונג און ניט זיין אָפּהענגיק אַן דער דעה פון קהל. ס׳ווייזט זיך אויך אַרויס, אַז נאָך

אינם יאָר 1794 האָט דער פּוילישער גראַף ראַדזיוויל, דער גאַנצער אייגנטימער פון דער שטאָט, געגעבן די באַרדיטשעווער יידן אַ דערלויבעניש אויסצוקלייבן אַן אייגענעם געריכט, וואָס זאָל אויסגלייכן די סכסוכים צווישן אַזעלכע יידן, וואָס ווילן זיך ניט פאַרלאָזן אינגאַנצן אויפן רב. און מיט אַ יאָר שפּעטער, אין 1795, האָבן אייניקע באַרדיטשעווער יידן געקראָגן אַ דערלויבעניש צו האַנדלען מיט מאַנופאַקטור. דאָס האָט ניט ווייניק געהאָלפן אין דער אַנטוויקלונג פון האַנדל אין שטאָט. שפּעטער איז באַרדיטשעוו געוואָרן איינער פון די מאַנופאַקטור־צענטרען אין דעם דרום־מערבדיקן געגנט. פון אַלע שטעט, פון נאָענטע און פון ווייטע, זיינען יידישע מאַנופאַקטור־קרעמער פון יענעם געגנט געפאָרן קיין באַרדיטשעוו קויפן סחורה, און דער האַנדל איז געגאַנגען אויף וועקסלען. דער האַנדל האָט געבליט. און ווי ס׳פירט זיך געוויינלעך, האָבן קיין אַנזעצערס אויך ניט אויסגעפעלט...

וועגן דעם אייגענעם געריכט, וואָס דר. שמואל אבא האָראָדעצקי דערמאָנט אין דעם אַרטיקל, וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט אין זאַמלבוך „מאסף“, דאַרף דאָ געזאָגט ווערן, אַז ס׳איז מער ווי זיכער, אַז געאַרבעט צו קריגן אַ דערלויבעניש דערויף ביים גראַף, האָבן אַוודאי די רייכע יידן אין באַרדיטשעוו, ניט די אָרעמע פון פאָלק. וואָרעם אין יענער צייט, אין יאָר 1795, איז שוין דער רב אין באַרדיטשעוו געווען דער באַרימטער לוי יצחק באַרדיטשעווער, דער מחבר פון חסידישן ספרל „קדושת לוי“, און ער איז אין דער נאַטור געווען די גוטסקייט אַליין, אַ מוסטער פאַר אַלעמען, און ער האָט ניט דורכגעלאָזט קיין איין געלעגנהייט זיך אָנצונעמען פאַר די אָרעמע און געקריוודעטע. ער איז אַלעמאָל געשטאַנען אויף זייער זייט, געטאָן פאַר זיי אַלץ, וואָס ער האָט נאָר געקענט, און ס׳איז דעריבער זייער מעגלעך, אַז דאָס איז די באַרדיטשעווער נגידים ניט געפעלן, און זיי האָבן זיך געווענדעט צום גראַף ראַדזיוויל, אַז ער זאָל זיי געבן אַ דערלויבעניש אויסצוקלייבן אַן אייגן געריכט. זיי האָבן ניט געוואָלט אָנקומען צום רב ר׳ לוי יצחק, ווייל זיי האָבן געוואוסט, אַז מיט זיין גוט האַרץ וועט ער אַלעמאָל אָפּגעבן דעם גערעכט די אָרעמע און וועט פּסקענען קעגן די רייכע.

ס׳איז אין באַרדיטשעוו פאַראַן אַ שול. די „אַלטע שול“ הייסט זי, און זי שטייט אין צענטער פון שטאָט. אין יענער שול האָט געדאַוונט דער באַרימטער חזן ניסי בעלזער, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן אַ גאַנצן דור חזנים, וועלכע זיינען שפּעטער אַליין אויך געוואָרן באַרימט איבער דער וועלט. ניט איין משורר, וואָס האָט געזונגען ביי ניסי בעלזער אין כאָר ביים עמוד פון דער אַלטער שול, האָט זיך שפּעטער געמאַכט אַ נאָמען אַלס אַן אָפּערע־זינגער. אויך צווישן די גרעסטע יידישע שוישפּילער, וועלכע האָבן געבויט דאָס יידישע טעאַטער, וואָס האָט זיך צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, זיינען געווען אַזעלכע, וואָס

האָבן געזונגען ביי ניסי בעלזער אין כאָר ביים עמוד פון דער אַלטער שול. און מיט יענער שול איז פאַרבונדן אַ לעגענדע, וואָס פרומע יידן אין באַרדיטשעוו דערציילן נאָך ביז היינטיקן טאָג:

ס׳האָט אין באַרדיטשעוו, — דערציילט מען, — אַמאָל געלעבט אַ גרויסער מקובל מיטן נאָמען ר׳ ליבער. ער איז געווען דער „מגיד" פון שטאָט, און אַלע יידן האָבן אים ליב געהאַט, אים גרויס כבוד אָפּגעגעבן, און גערופן האָבן זיי אים „ר׳ ליבער דער גרויסער". און געווען איז ר׳ ליבער זייער אַ פרומער און גאָטס־פאָרכטיקער ייד און יעדן טאָג פלעגט ער אַרויסגיין אויסער דער שטאָט און דאָרט תפילה געטאָן צו גאָט ביחידות, און אַלעמאָל, ווען ער האָט תפילה גע־טאָן צו גאָט, איז ער אַריין אין אַזאַ התפעלות, אין אַזאַ דבקות, אַז ער האָט זיך אינגאַנצן ווי אָפּגעריסן פון דער ערד, און קיין זאַך אין דער וועלט האָט אים ניט געקענט ברענגען דערצו, אַז ער זאָל מפסיק זיין.

איינמאָל, ווען ר׳ ליבער איז אַזוי געשטאַנען אויסער דער שטאָט לעבן אַ בוים, שטאַרק פאַרטיפט אין די תפילות, איז פאַרבייגעפאָרן דער גראַף און האָט אים אָנגעהויבן רופן. אָבער ר׳ ליבער האָט זיך אַפילו אויפן גראַף ניט אומגעקוקט, און ווען דער גראַף האָט דערזען, ווי דער ייד קוקט זיך אַפילו ניט אום אויף אים, איז ער געוואָרן שטאַרק אין כעס און געהייסן דעם רייטער, ער זאָל אים מיט אַלע כוחות שלאָגן מיט דער בייטש.

דער רייטער האָט געפאָלגט. אָבער רבי ליבער האָט זיך אַלץ פון אָרט ניט גערירט און האָט ווייטער געדאַוונט מיט גרויס כוונה, פונקט ווי ניט אים גאָר וואָלט מען מיט דער בייטש געשמיסן, און דאָס האָט דעם גראַף אַזוי צע־טומלט, אַז ער האָט זיך אַזש דערשראָקן און איז אַנטלאָפן אַהיים...

אין דער היים האָט עס אים די גאַנצע צייט ניט געלאָזט רוען. ער האָט בשום אופן ניט געקענט פאַרגעסן דאָס געשטאַלט פון דעם אַלטן יידן, וואָס האָט זיך געלאָזט שמייסן מיט דער בייטש און דאָך ניט איבערגעריסן די תפילות צו גאָט. האָט ער געשיקט דעם רייטער און אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל גאָר אָן אַ תירוץ אויסזוכן ר׳ ליבערן און אים גלייך ברענגען אין הויף אַריין. ער וויל אים איבערבעטן...

איז ר׳ ליבער געקומען צום גראַף אין הויף אַריין, און ווען דער גראַף האָט זיך אָנגעהויבן פאַרענטפערן פאַר אים און געבעטן, ער זאָל אים פאַרגעבן, האָט ר׳ ליבער צו אים געזאָגט:

„פריץ, כ׳וועל דיר פאַרגעבן, אָבער מיט אַ תנאי, אַז אויף דעם זעלבן אָרט, וואו דער רייטער האָט מיך געשלאָגן מיט דער בייטש בעת איך האָב געדאַוונט, זאָלסטו אויסבויען אַ שול, וואו די יידן פון באַרדיטשעוו זאָלן קענען דאַוונען. אַנדערש וועל איך דיר ניט פאַרגעבן..."

און דער גראַף האָט אָנגענומען דעם תנאי און האָט אויסגעבויט אַ גרויסע שול אויף דעם זעלבן אָרט, וואו ער האָט זיין רייטער געהייסן שלאָגן דעם פרומען יידן ר׳ ליבער...

דאָס איז די לעגענדע וועגן דער „אַלטער שול״, וואָס שטייט אין צענטער פון דער שטאָט, וואָס האָט זיך צעוואַקסן. און פאַרבונדן די לעגענדע האָט מען מיט דעם לעבן פון דעם מקובל ר׳ אליעזר ליבער, וועלכער האָט געלעבט אין באַרדיטשעוו אַ סך יאָרן און צו וועמען דער בעל־שם־טוב פלעגט פאַרפאָרן אַלעמאָל, ווען ער האָט זיך דאָרט אין שטאָט אָפּגעשטעלט. געשטאָרבן איז ר׳ אליעזר ליבער אין דעם יאָר 1771, און צווישן די אַלטע מצבות, וואָס שטייען אויפן באַרדיטשעווער בית־עולם, קען מען נאָך זען זיין מצבה, און אויפן אויפשריפט, וואָס איז שוין אַ היפּש ביסל אָפּגעריבן, קען מען נאָך איבערלייענען די ווער־טער: „חריף ובקי, חסיד ועניו״. אַזוי גיט איבער דר. ש. א. האָראָדעצקי. וועלכער האָט דעם אויפשריפט פון דער מצבה איבערגעשריבן, ווען ער האָט געזאַמלט קלייבן מאַטעריאַלן פאַר דער געשיכטע פון דער שטאָט, וואָס איז אַמאָל געווען די יידישסטע אין גאַנץ רוסלאַנד.

און די אַלטע שול איז אין באַרדיטשעוו ניט די איינציקע געביידע, וואָס דאָס פאָלק האָט פאַרבונדן מיט אַ לעגענדע וועגן אַ ליבן און ערלעכן יידן, וואָס מ׳האָט געשלאָגן אומזיסט און אומגישט. אויך די געביידע פון „מושב זקנים״ האָט מען אין באַרדיטשעוו מיט אַזאַ לעגענדע פאַרבונדן. און דאָס האָט טאַקע אויסגענוצט שלום־עליכם אין זיין דערציילונג „כתרילעווקער מושב־זקנים״.

„כתרילעווקע, — דערציילט דאָרט שלום־עליכם — האָט זיך אַ שטאַרקן רוק געטאָן די לעצטע צייט, אַזוי אַז איר וועט קומען צופאָרן אַהין אַצינד, וועט איר זיין דערשטוינט. איר וועט קוקן און וועט זיך ניט קענען זאַט אָנקוקן. איר וועט דערזען אין מיטן שטאָט, סאַמע אין דער רעכטער בלאָטע, אַ גרויסן, אַ ברייטן, אַ הויכן מויער פון געלע ציגל, מיט אייזן געדעקט און מיט אַ סך, אַ סך פענצטער, מיט אַ שיינער הויכער געשניצטער טיר, און אויבן, איבער דער טיר, צוגעשלאָגן אַ ווייסער מאַרמאָרשטיין, אויסגעקריצט מיט גרויסע גאָלדענע יידישע בוכשטאַבן: „מושב זקנים״.

דאָס איז דער אָנהויב פון דער באַשרייבונג פונם באַרדיטשעווער מושב־זקנים, און ווייטער דערציילט שלום־עליכם, ווי אַזוי ס׳איז געקומען דערצו, אַז מ׳זאָל אין באַרדיטשעוו אויסבויען אַזאַ וואַזשנעם מושב־זקנים. ער שילדערט ווי אַזוי דער אַלטער פרומער רב, ר׳ יוזיפל אַליין, האָט זיך דערטראַכט צום געדאַנק, אַז מ׳דאַרף האָבן אַ משוב־זקנים, ווייל ס׳איז „בדוק ומנוסה״, אַז אַן אַל־טער מאַן, אַ זקן, איז איבעריק אויף דער וועלט; ווי פריער האָט רבי יוזיפל,

ווי זיין שטייגער איז געווען אַלעמאָל, געבראַכט אַ משל וועגן „אַ מלך, וואָס האָט געהאַט אַ בן־יחיד", און נאָכדעם האָט ער גענומען צוויי חשובע בעלי־בתים און מיט אַ פּאַטשיילע אין דער האַנט האָט ער זיך מיט זיי געלאָזט גיין איבער די קלייטן און איבער די הייזער קלייבן געלט אויף צו בויען אַ מושב־זקנים, און ווען ער האָט געזען, אַז קיין סך געלט וועט ער אויף אַזאַ אופן ניט צונויפ־קלייבן, איז ביי אים געבליבן, אַז ער זאָל וואַרטן. „ער קאָן באַשטיין ס'זאָל גע־דויערן נאָך אַ וואָך".

אָבער גראָד אין יענער צייט איז פון מאָסקווע אָנגעקומען קיין באַרדיטשעוו אַ ייד אַ פּאַדריאַטשיק, און מען האָט געזאָגט, אַז דאָס איז אַוודאי פּאָליאַקאָווס אַ „מענטש", אָדער „אפשר טאַקע פּאָליאַקאָוו אַליין". איז געבליבן, אַז ר' יוזיפל זאָל אינאיינעם מיט די צוויי חשובע בעלי־בתים גיין צו אים אין דער אכסניא, וואו ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, און בעטן, ער זאָל עפּעס ביישטייערן פאַר דעם מושב זקנים, וואָס מ'וויל אויסבויען אין שטאָט.

און ר' יוזיפל, — דערציילט שלום עליכם, — „האָט זיך אָנגעטאָן שבתדיק, גענומען אויף זיך דעם טיזליק מיטן שטריימל, וואָס האָט זיך עפּעס ניט גע־פּאַסט צום גרויסן וואָכעדיקן שטעקן. וואָר'עם ממה נפשך: איז דאָס שבת — ווי קומט אַהער אַ שטעקן? איז דאָס אין דער וואָכן — וואָס עפּעס אַ שטריימל?"

אָבער דאָס האָט נאָך ניט אויסגעמאַכט. צוליב אַזאַ וויכטיקער זאַך ווי קריגן געלט אויף צו בויען אַ מושב־זקנים אין באַרדיטשעוו האָט זיך ר' יוזיפל אין דער וואָכן אויך געמעגט אָנטאָן שבתדיק און גיין צו אַ מענטשן, וואָס ער קען ניט און ווייסט ניט. די צרה איז אָבער געווען, וואָס יענער מאָסקווער פּאַ־דריאַטשיק, אַ קליינטשינקער, אַ פּוכלינקער, מיט פּעטע בעקלעך — ווי שלום־עליכם שטעלט אים פאַר — האָט איינגעפּירט, אַז אין די צוויי חדרים, וואָס ער פאַרנעמט אין דער אַכסניא, זאָל זיך קיינער ניט דערוועגן אַריינצוקומען, אײדער מען קלאַפּט אָן אין דער טיר. אפילו ניט דער גובערנאַטאָר! אַזוי האָט ער אָנגעזאָגט, דער מאָסקווער פּאַדריאַטשיק, ווען די באַרדיטשעווער יידן האָבן געשאַצט אין די מיליאָנען... נאָר אָנקלאַפּן אין טיר זאָל מען ביי אים! און ערשט נאָכדעם ווי מען וועט שוין אָנקלאַפּן אין טיר, און ער וועט הייסן אַריינגיין, דאַרף מען ערשט מעלדן ווער ס'איז און וועגן וואָס מ'וויל מיט אים רעדן...

געזאָגט האָט מען אַפילו, אַז נעמען נעמט זיך עס פון דעם, וואָס דער מאָסק־ווער פּאַדריאַטשיק איז צופיל „פּאַני־בראַט" מיט דעם בעל־אכסניאס יונגער שנור, „דער הולטאַיקע, וואָס טראָגט אייגענע האָר און האָט פיינט דעם מאַן". אַזוי האָבן זיך שטילערהייט געשושקעט מענטשן, פאַר וועמען מען קען אין באַרדיטשעוו קיין סוד ניט באַהאַלטן. אָבער ווי די זאַך זאָל ניט זיין — אָן אַ קלאַפּ אין טיר און אָן אַ „דאָקלאַד" האָט מען צום מאָסקווער פּאַדריאַטשיק ניט געטאָרט אַריינקומען!

רבי יוזיפל אָבער האָט ניט געוואוסט פון אַזעלכע זאַכן, און ער איז מיט די צוויי חשובע בעלי־בתים אַריינגעקומען צו דעם מאָסקווער פּאָדריאַטשיק, ניט אָנקלאַפּנדיק אין טיר און אָן אַ „דאָקלאַד" און ווען יענער איז פון צווייטן חדר אַרויס מיט אַ געשריי און גענומען טופּען מיט די פיס, האָבן זיך די צוויי חשובע בעלי־בתים דערשראָקן און זיינען אַנטלאָפן. „נאָר איין ר' יוזיפל, — שרייבט דער גרויסער הומאָריסט — האָט זיך עפּעס איצטיקס מאָל גראָד ניט דערשראָקן. ער איז געגאַנגען מיט אַ ממה־נפשך: איז דער מענטש אַ גרויסער מענטש, דאַרף איך פאַר אים קיין מורא ניט האָבן. אלא וואָס דען? ער איז אַ קליין מענטשעלע, האָב איך אַוודאי פאַר אים ניט וואָס מורא צו האָבן..."

און ער האָט צום בייזן פּאָדריאַטשיק געזאָגט:

„זייט־זשע מוחל, איר שרייט... אפשר זענט איר גערעכט... האָט קיין פאַראיבל ניט, וואָס מיר האָבן אייך אפשר געשטערט... מיר זיינען זיך אָבער עוסק אין אַ מצווה, און שלוחי מצווה, שטייט ביי אונדז געשריבן, אינן ניזוקין — דער וואָס איז אָן עוסק במצווה, דעם קאָן ניט שאַטן... מיר זאַמלען נדבות, פאַרשטייט איר מיך, אויף אַ גרויסער זאַך, אויף אַ מושב זקנים..."

אַזוי האָט ר' יוזיפל גערעדט צום פּאָדריאַטשיק פון מאָסקווע, וואָס איז אַוודאי פּאָליאַקאָווס אַ „מענטש", אָדער „אפשר טאַקע פּאָליאַקאָוו אַליין", און ווען יענער איז געוואָרן נאָך מער אין כעס און איז אַריין אין אַזאַ רציחה, אַז ער האָט דעם אַלטן רב אַראָפּגעלאָזט אַזאַ פּאַטש אין דער באַק, אַז דאָס שטריימל איז אים אַזש אַרונטערגעפאַלן פונם קאָפּ אינאיינעם מיט דער יאַרמעלקע, האָט דער פרומער ערלעכער ר' יוזיפל זיך ניט פאַרלאָרן, אייננבויגנדיק זיך האָט ער אויפגעהויבן דאָס שטריימל און עס אָנגעטאָן צוריק אויפן קאָפּ. „דערנאָך, — דערציילט שלום־עליכם, — האָט ער פּאַוואָלינקע זיך אַ טאַפּ געטאָן ביי דער באַק און אַ קוק געטאָן אויף דער האַנט, צי ער איז, חלילה, ניט צעבלוטיקט און טאַקע באותה שעה רופט ער זיך אָן צום אורח שטיל און בנעימותדיק מיט אַ מאָדנעם שמייכעלע, און דאָס פּנים איז ביי אים טויט ווי ביי אַלע טויטע:

„נו, מילא, דאָס האָט איר, הייסט עס, געגעבן מיר. וואָס־זשע וועט איר עפּעס געבן, ר' ייד, פאַר די אַלטע קראַנקע, נעבעך, איך מיין טאַקע אויפן מושב־זקנים, מיין איך?..."

גאַנצע דריי שורות מיט פּינטעלעך האָט שלום־עליכם אַוועקגעשטעלט, איבערגעבנדיק אַזוי גלענצנד און רירנד, וואָס דער אַלטער רב ר' יוזיפל האָט געזאָגט דעם מאָסקווער פּאָדריאַטשיק נאָך דעם ווי יענער האָט אים געגעבן אַ פּאַטש. „און וואָס ווייטער איז געווען, — זאָגט ער, — לאָזט זיך ניט דערציילן". ער דערציילט אָבער דאָך, אַז ר' יוזיפל אַליין האָט וועגן דעם פּאַטש אינגאַנצן ניט געוואָלט רעדן; ער האָט בלויז אָנגעזאָגט די יידן פון באַרדיטשעוו די גרויסע

בשורה, אַז מיטן אויבערשטנס הילף וועט שוין זיין אַ מושב־זקנים. און שפּעטער האָט מען שוין אַליין געזען ווי דער מאָסקווער פּאַדריאַטשיק איז מיטן אַלטן רב ר׳ יוזיפל אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן פון באַרדיטשעוו און געמאָסטן די ערד מיטן שטעקן און געזאָגט: „אָט דאָ־אָ וועט שטיין דער מושב־זקנים״. און ער האָט געהאַלטן וואָרט; מ׳האָט געבראַכט צו פירן ציגל, געהילץ און די אַלע אַנדערע מאַטעריאַלן, און מ׳האָט אויסגעבויט אַ מושב־זקנים...

די געשיכטע מיט רבי יוזיפל און דעם מאָסקווער פּאַדריאַטשיק אין ניט אינגאַנצן קיין אויסגעטראַכטע. שלום־עליכם האָט זיך דערביי באַנוצט מיט אַ מעשה, וואָס מ׳האָט אין באַרדיטשעוו אָפּט דערציילט אין יענער צייט. און ס׳איז געווען נויטיק דאָ זיך אָפּצושטעלן דערויף אויספירלעך ניט נאָר דערפאַר וואָס ס׳איז שווער בייצושטיין דעם נסיון און ניט ברענגען כאָטש אַ טייל פון די גלענצנדע שטעלן פון שלום־עליכמס ווערק, נאָר אויך דערפאַר וואָס בכלל איז די געשיכטע וועגן דעם ווי אַזוי מ׳האָט אין באַרדיטשעוו געבויט אַ וויכטיקע קהלשע אינסטיטוציע זייער כאַראַקטעריסטיש, און זי דערמאָנט אָן דעם, וואָס ס׳איז שוין געזאָגט געוואָרן פריער, אַז די „אַלטע שול״ איז אין באַרדיטשעוו ניט די איינציקע געביידן, וואָס דאָס פאָלק האָט פאַרבונדן מיט אַ לעגענדע וועגן אַ פרומען, ערלעכן יידן, וואָס מ׳האָט געשלאָגן אומזיסט און אומנישט...

***

אין קיין שטאָט אין דער וועלט איז אַ יידן ניט געווען אַזוי לייכט אויס־צוזוכן אָן אַן אַדרעס זיינעם אַ באַקנטן ווי דאָס איז געווען אין באַרדיטשעוו.

אויב אַפילו מ׳האָט ניט געוואוסט, אָדער ניט געקענט געדענקען דעם פאַמיליען־נאָמען פון דעם באַקאַנטן, וואָס מ׳האָט געזוכט, האָט דאָס אויך ניט אויסגעמאַכט. מ׳האָט אין גאַס, אָדער אויפן „טראַמבעליק״, ווי מען האָט אין באַרדיטשעוו גערופן דעם טראַמוויי, געקענט צוגיין צו אַ יידן און אים פרעגן צי ווייסט ער אפשר פון איינעם, וואָס הייסט יואל און וואָס האָט אַ געלע באָרד אַ ברייטע און וואָס פאַרהיקעט זיך אַ ביסל ביים ריידן...

קיינער האָט זיך ניט געוואונדערט ווען מען האָט ביי אים אַזוינס געפרעגט. און גאַנץ אָפט האָט טאַקע געטראָפן, אַז מ׳האָט אויף אַזאַ שטייגער, פרעגנדיק ביי דעם און ביי יענעם אין גאַס און אויפן „טראַמבעליק״, זיך טאַקע דערפרעגט אויף דעם יידן, וואָס הייסט יואל און וועמען מען האָט אַ לאַנגע צייט ניט געקענט געפינען, ווייל מ׳האָט זיין אַדרעס ניט געוואוסט.

מ׳האָט בלויז געדאַרפט אָנגעבן אַ סימן, און דאָס איז געווען גענוג. אין באַרדיטשעוו האָט מען מער ניט געדאַרפט...

און דאָ וויל איך דערמאָנען אַ פאַל, וואָס האָט זיך געטראָפן טאַקע מיט מיר אַליין:

איך האָב זיך איינמאָל אָפּגעשטעלט אין באַרדיטשעוו. דאָס איז געווען נאָך מיט אַ סך יאָרן צוריק. איך בין נאָך דאַן אַ יונג בחורל געווען, און טרוימען, וואָס האָבן אויסגעזען אַזוי שיין דערפאַר אַליין וואָס מ׳האָט זיי ניט געקענט פאַרווירקלעכן, האָבן מיך אויף אַן אָרט ניט געלאָזט איינזיצן און ביי דער ערשטער מעגלעכקייט וואָס איך האָב נאָר געהאַט, האָב איך געכאַפּט מיין „שקאַרפּעט־קע באַגאַזש״, ווי מ׳זאָגט ביי אונדז אין אוקראַינע, און בין געפאָרן. אויך קיין אויסלאַנד האָב איך זיך געריסן צו פאָרן, און דאָס וואָרט „זאַגראַניצע״ האָט ביי מיר געהאַט טויזנט חנען און ס׳האָט מיך שטאַרק געררייצט. און איין מאָל, ווען איך בין שוין געפאָרן צוריק פון „זאַגראַניצע״, וואו איך האָב גאַנץ גע־שמאַק אונטערגעהונגערט, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אין באַרדיטשעוו.

דאָס איז געווען ס׳ערשטע מאָל וואָס ס׳איז מיר דאָרט אויסגעקומען צו זיין, און אָפּגעשטעלט דאָרט האָב איך זיך ניט ווייל איך האָב געוואָלט, נאָר ווייל איך האָב געמוזט; איך האָב פשוט ניט געהאַט קיין געלט אויף אַ בילעט צו פאָרן ווייטער אַהיים, און „מיטן קאָנדוקטאָר״ האָט מען דאָרט מער ניט געקענט פאָרן, ווייל אויף די באַנען האָט זיך אָנגעהויבן ווייזן איין „מלאך המות״ נאָכן אַנדערן. אַזוי האָט מען דעמאָלט גערופן די קאָנטראָליאָרן, וואָס גיבן אַכטונג, אַז מ׳זאָל אויף די באַנען ניט פאָרן אָן קיין בילעטן.

געקומען אויפן וואָקזאַל אין באַרדיטשעוו, האָב איך אַליין ניט געוואוסט וואוהין צו גיין און צו וועמען זיך צו ווענדן. איך בין געווען שרעקלעך מיד פון „גנבענען״ די גרענעץ און פון שלעפּן זיך אויף באַנען און אויף פורלעך. האָב איך זיך געלאָזט גיין גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין, און ווי איך בין נאָר אַרויס פון וואָקזאַל, איז גלייך צוגעלאָפן צו מיר אַ ייד און אַרויסגענומען ביי מיר פון די הענט דאָס טשעמאָדאַנטשיקל מיינס:

— העי, דו, דאַרפסט דאָך אַוודאי אַן אַכסניאָ, איז — קום מיט מיר!

אָנגעקומען אין דער אַכסניא, וואָס איז געווען אין אַ קעלער, מאַכט דער ייד צו מיר:

— דו ווילסט דאָך אַוודאי עפּעס עסן, האַ?

— נו, אַוודאי וויל איך עסן; איך בין הונגעריק...

וואָס ס׳וועט זיין שפּעטער, ווען דער ייד וועט אויסגעפינען, אַז איך האָב ניט אַ גראָשן ביי דער נשמה — וועגן דעם האָב איך ניט געוואָלט טראַכטן. אָבער נאָכדעם ווי איך בין אין דער אַכסניא איבערגעשלאָפן די נאַכט, האָב איך דאָרט איבערגעלאָזט מיין טשעמאָדאַנטשיק און אַליין האָב איך זיך געלאָזט גיין

איבער די גאַסן זוכן אַ באַקאַנטן פון מיין שטעטל. ער איז אַמאָל געווען מיינער אַ חבר, אינאיינעם מיט מיר אין חדר געלערנט, און איך בין געווען זיכער, אַז ווען כ׳וועל אים געפינען, וועט שוין אַלץ זיין גוט; ער וועט מיר אויסלייען אַ ביסל געלט — ניט קיין סך, חלילה — און דאַן וועל איך באַצאָלן דעם יידן, וואָס איז געווען אַזוי גוט צו מיר און איך וועל אויך האָבן אויף אַ בילעט צו פאָרן ווייטער — אַהיים.

דעם פאַמיליען־נאָמען פון מיין אַמאָליקן חבר האָב איך ניט געוואוסט, ווייל ביי אונדז אין שטעטל האָט מען בלויז די גבירים גערופן ביי זייערע פאַ־מיליען־נעמען. איך האָב בלויז געוואוסט, אַז ער, דער אַמאָליקער חבר מיינער, הייסט חיים, און אַז ער האָט אַ ברייטע נאָז און איז אַ פריקאַזשטשיק ערגעץ אין אַ מאַנופאַקטורנער קלייט. מער האָב איך פון אים ניט געוואוסט. זיין אַדרעס — אויך ניט.

אָבער דאָס האָט ניט אויסגעמאַכט. איך בין אַזוי לאַנג געגאַנגען איבער די גאַסן און האָב זיך אַזוי לאַנג נאָכגעפרעגט אויף אַ חיים, וואָס האָט אַ ברייטע נאָז און וואָס איז אַ פריקאַזשטשיק אין אַ מאַנופאַקטורנער קלייט, ביז...

ביז איך האָב אים געפונען. און דאַן איז שוין אַלץ געווען גוט. חיים האָט מיר אויסגעליען אַ ביסל געלט, און איך האָב שוין געהאַט צו באַצאָלן דעם יידן פון דער באַרדיטשעווער אַכסניה פאַר נאַכטלעגער און פאַרן עסן. אויך אויף אַ בילעט צו פאָרן אַהיים האָב איך געהאַט, און איך האָב זיך געלאָזט ווייטער אין וועג אַריין.

דאָס איז געווען מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט דער יידישלעכער היי־מישקייט פון באַרדיטשעוו. נאָכדעם איז מיר ווידער אויסגעקומען דאָרט צו זיין ניט איין מאָל. און יעדער מאָל האָב איך דאָרט אין אַלץ די יידישלעכע היי־מישקייט געפילט. און יעדער איינער, וואָס איז נאָר אַמאָל אין באַרדיטשעוו גע־ווען, האָט דעם זעלבן געפיל געהאַט. און ווען ער איז פון דאָרט אַוועק, האָט ער מיט ליבשאַפט גערעדט וועגן די צייטן ווען ער איז דאָרט געווען. אַפילו די, וואָס האָבן ליב געהאַט אָפצולאַכן פון באַרדיטשעוו, זיינען קיין שלעכטס ניט אויסן געווען דערמיט. זיי האָבן דאָס געטאָן גוטמוטיק, און טיף אין האַרצן האָבן זיי צו דער יידישלעכער היימישקייט פון דער שטאָט דעם וואַרעמסטן געפיל געהאַט. זיי האָבן פון איר געטראַכט מיט דער בענקשאַפט פון איינעם, וואָס דענקט, אַז אַזאַ דערוואַקסענער מענטש ווי ער, דאַרף זיך שוין שעמען צו בענקען נאָך דער מאַמען...

און ס׳איז זיי שווער געווען צו פאַרגעסן אַזאַ קלייניקייט ווי דאָס, וואָס אין באַרדיטשעוו פילט מען זיך עפּעס פריקרע, ווען מען טרעפט אינדערפרי אין

שטעט און שטעטלעך

גאַס אַ יידן, אַן אומבאַקאַנטן, פרעמדן יידן, און מען גיט אים גראָד ניט אָפּ קיין „גוט־מאָרגן!"...

אין אַ שטאָט, וואו די היימישקייט טראָגט זיך אַזוי אין דער לופט ווי אין באַרדיטשעוו, האָט מען אין דער פרי איטלעכן באַזונדער געדאַרפט אָפּגעבן דעם גוט־מאָרגן...

דאָס איז געווען אַן עכט־יידישלעכע היימישקייט, וואָס האָט צו זיך אין ערגעץ גאָר קיין גלייכן ניט געהאַט.

לוי יצחק באַרדיטשעווער

(באַרדיטשעוו — 2)

די אמתע, עכט־יידישלעכע היימישקייט, מיט וועלכער באַרדיטשעוו האָט זיך אַזוי אויסגעצייכנט, האָט הינטער זיך אַ לאַנגע געשיכטע פון דורות. אָנגעהויבן האָט זי זיך, אַוודאי, נאָר אין יענע צייטן, ווען די שטאָט איז געוואָרן אַ צענטר פון חסידיזם אין אוקראַינע, און געקומען צו דער העכסטער מדרגה אין דעם פרט איז זי אין די יאָרן, ווען ר׳ לוי־יצחק, איינע פון די ליכטיקסטע פערזענלעכקייטן אין דער געשיכטע פון חסידיזם, איז דאָרט געווען רב.

אין אַ שטאָט, וואו דער רב אַליין, וועלכער איז ביי אַלעמען געווען אַזוי באַליבט, האָט געקענט כמעט יעדן יידןביים נאָמען און איז מיטן רבונו־של־עולם אַליין געווען אַזוי היימיש, אַז ער האָט צו אים אַפילו ביים עמוד גערעדט אויף דער זעלבער שפּראַך, וואָס ער האָט גערעדט צום פאָלק, און קיין איין אינדערפרי ניט פאַרפעלט צו זאָגן צו אים פאַרן דאַווענען „אַ גוטער מאָרגן דיר, רבונו־של־עולם" — אין אַזאַ שטאָט האָט געמוזט געשאַפן ווערן יידישלעכע היימישקייט. ר׳ לוי־יצחק האָט מיטן צויבער פון זיין אויסערגעוויינלעכער פערזענלעכקייט אַרויפגעלייגט זיין שטעמפּל אויפן גאַנצן יידישן לעבן אין באַרדיטשעוו, און נאָכדעם איז דאָס שוין ווייטער אויך אַזוי געגאַנגען.

פינף און פערציק יאָר איז ר׳ לוי־יצחק אַלט געווען ווען ער איז אין באַר־דיטשעוו געוואָרן רב, און מ׳קען זאָגן, אַז פאַר אים איז די שטאָט געווען אַן „עיר־מקלט" און ער האָט זיך דאָרט ממש געראַטעוועט פון די שרעקלעכע פאַרפאָלגונגען, וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטיין פון די מתנגדים.

דאָס איז געווען, אַן ערך, אינם יאָר 1785. די פאַרביסענע מלחמה, וואָס איז אָנגעגאַנגען צווישן די חסידים און די מתנגדים, האָט דאַן געהאַלטן אין סאַמע ברען; אין זכרון איז נאָך געווען פריש דער צווייטער חרם, וואָס דער ווילנער גאון רבי אליהו האָט געהייסן אויסרופן אין די שולן און די בתי־מדרשים צו רודפן די חסידים „מיטן פולן צאָרן" און צו באַטראַכטן חסידות ווי „אַן עבודה זרה, וואָס מ׳דאַרף אויסראָטן"; אין די אַלע שטעט, וואו ס׳האָבן זיך נאָר געפונען די פירער פונם חסידיזם, וואָס האָט אין זיך געהאַט די אייגנשאַפטן פון אַן

עכטער פאָלקס־באַוועגונג ביי יידן, האָט מען זיי פאַרפאָלגט; די מתנגדים האָבן זיי ממש קיין רו ניט געגעבן, און צווישן די, וואָס האָבן געהאַט אַ סך אויסצו־שטיין פון זיי, איז אויך געווען ר׳ לוי־יצחק, ווייל שוין דאַן איז ער געווען איינער פון די זיילן פון דער חסידישער באַוועגונג, וואָס דער בעל־שם־טוב האָט געשאַפן אינם אַכצנטן יאָרהונדערט; זיי האָבן אים קיין רו ניט געגעבן ווען ער איז געווען רב אין פּינסק, און זיי האָבן אים אויך פאַרפאָלגט שפּעטער, ווען ער איז פון פּינסק אַוועק קיין זשעלעכאָוו און איז דאָרט געוואָרן רב.

ערשט ווען ר׳ לוי־יצחק איז קיין באַרדיטשעוו אָנגעקומען און האָט זיך דאָרט באַזעצט, האָט ער פאַרן צאָרן פון די מתנגדים מער קיין מורא ניט געדאַרפט האָבן, ווייל שוין דאַן איז באַרדיטשעוו געווען אַ חסידישע שטאָט און די מתנגדים האָבן דאָרט קיין שליטה ניט געהאַט. זייער צאָל איז אין שטאָט געווען אַזוי קליין, אַז זיי האָבן קיין איינפלוס ניט געקענט האָבן.

אין באַרדיטשעוו האָט ר׳ לוי־יצחק געפונען אַ ברייט פעלד פאַר זיין טע־טיקייט. דאָרט האָט ער געפונען די מעגלעכקייט זיך צו אַנטפּלעקן מיט דער גאַנצער האַרציקייט וואָס ער האָט פאַרמאָגט אין אַזאַ גרויסער מאָס; דאָרט האָט ער זיך מיט זיינע גוטע מעשים אַריינגעשריבן אין דער געשיכטע פונם יידישן פאָלק און אין דער געדעכעניש פון די דורות וואָס זיינען געקומען נאָך אים; דאָרט האָט ער געשאַפן דעם באָדן אויף וועלכן עס זיינען אויסגעוואַקסן אַזוי פיל שיינע לעגענדעס אַרום זיין ליכטיקער פּערזענלעכקייט. אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט האָט ער זיך דאָרט ביי אַלעמען געמאַכט אַזוי באַליבט, אַז מ׳האָט אים שוין מער ניט אָפּגעלאָזט און ער איז דאָרט געבליבן רב ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן. און מ׳קען זאָגן, אַז פּונקט אַזוי ווי די שטאָט האָט אים ליב געהאַט, אַזוי האָט ער ליב געהאַט די שטאָט. ער האָט זיך ניט גערופן אויפן נאָמען פון דער שטאָט זאַמאָשטש, וואו ער איז אין יאָר 1740 געבאָרן געוואָרן. ער האָט זיך אויך ניט גערופן אויפן נאָמען פון די אַנדערע שטעט, וואו ער איז געווען רב, נאָר אויפן נאָמען פון דער שטאָט באַרדיטשעוו, און אַפילו פאַר גאָט אַליין האָט ער זיך אַזוי פאָרגעשטעלט אין די „שמועסן״, וואָס ער האָט מיט אים געהאַט אין דער שפּראַך פונם פאָלק אויף זיין ליבן, אייגנאַרטיקן שטייגער. און אַלע מאָל ווען ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים עמוד דאַוונען ווי אַ שליח־ציבור, האָט ער אויף יידיש צו אים געזאָגט:

„איך, לוי־יצחק בן שרה מבאַרדיטשעוו, בין געקומען פאַר דיר בעטן אויף כלל־ישראל!״

אַזוי — פּשוט און האַרציק.

„ר׳ לוי־יצחק איז געווען אַ האַרמאָניש גאַנצע נאַטור, וואָס האָט מיט נאַאיוו־מיסטישע אויגן און מיט אַ האַרץ איבערפולט מיט פריידיקן בטחון געקוקט אויף

גאָטס וועלט, וואָס איז כולה טוב״. אַזוי שרייבט וועגן אים דר. י. ציִנבערג *). אָבער דאָס איז ניט געווען די גרעסטע מעלה וואָס ר׳ לוי־יצחק האָט פאַרמאָגט. די גרעסטע מעלה זיינע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס אין זיין ליבשאַפט צום פאָלק ישראל האָט ער צו זיך ממש קיין גלייכן ניט געהאַט. ער האָט, אין זיין האַרציקייט, ליב געהאַט דאָס פאָלק ישראל נאָך מער ווי ער האָט, אין זיין פרומקייט, ליב געהאַט דעם גאָט פון ישראל; ער איז געווען דער סניגור, דער פאַרטיידיקער און באַשיצער פונם פאָלק; ער האָט זיך פאַר יידן איינגעשטעלט אַפילו ווען מען האָט געדאַרפט האָבן טענות צו גאָט אַליין. און ניט איין מאָל האָט ער זיך טאַקע אויסגעטענהט מיט אים, געמאָנט, געפאָדערט, און אַפילו געוואָרנט. און ניט אומזיסט האָט דער מעזשבעזשער צדיק רבי ברוכל וועגן אים געזאָגט: „לויט לוי־יצחק, האָט גאָט נאָך ניט יוצא געווען אַפילו פאַר קיין איין יידן״.

ער האָט געגלויבט אין דעם באמונה שלמה, דער גרויסער באַרדיטשעווער רב לוי־יצחק. און גלויבנדיק אין דעם האָט ער אויך געהאַט גרויס בטחון און געהאָפט אויף בעסערע צייטן, ווען דער גאָט פון ישראל וועט זיך דאָך אַרומזען און וועט זיך דערבאַרעמען אויף זיין פאָלק ישראל. אָבער די טענות, וואָס ער האָט געהאַט, האָט ער אין זיך דאָך ניט דערשטיקט, ווייל ער האָט דאָך געדינט גאָט ניט פאַר מורא, נאָר אויס ליבשאַפט, ווי מ׳קען דאָס זען פון זיין ספר „קדושת לוי״. און איין מאָל ווען ס׳איז אים געווען שווער אויפן האַרצן צוזעענדיק די צרות וואָס יידן טראָגן אַריבער אויף דער וועלט, האָט ער דעם רבונו־של־עולם אַליין געזאָגט מוסר:

„האַר פון אַלע וועלטן, — האָט ער געזאָגט, — פאַרוואָס זאָלסטו זיך ניט אַראָפּנעמען אַ מוסר פון אַ פשוטן יידן. איך האָב אַמאָל אַליין געזען ווי אַ פשוטער ייד האָט אומגערן אַרונטערגעוואָרפן אויף דער ערד זיינע תפילין, האָט ער זיך באַלד אָנגעבויגן, אויפגעהויבן די תפילין פון דער ערד און זיי געגעבן אַ קוש. און מיר, דיין פאָלק ישראל זיינען דאָך ביי דיר דיינע תפילין, האָסטו גענומען און האָסט אונדז אַראָפּגעוואָרפן אויף דער ערד, און ס׳איז שוין באַלד צוויי טויזנט יאָר זינט מיר וואַלגערן זיך אַזוי אין גלות אויף דער ערד און מ׳טרעט אונדז מיט די פיס, און דו בויגסט זיך אַפילו ניט אָן אונדז אויפצוהויבן... שוין צייט, טאַטע־פאָטער, גאָט דערבאַרעמדיקער, אַז דו זאָלסט זיך אָנבויגן אַ ביסל און אונדז אויפהויבן פון דער ערד. שוין צייט, אַז דו זאָלסט זיך דערבאַרעמען אויף אונדז...״

דאָס וואָרט „דערבאַרעמדיקער״ איז געווען עפּעס ווי זיינס אָן אייגנס; ער האָט עס זייער אָפט באַנוצט אין זיינע „וויכוחים״ מיטן רבונו־של־עולם,

*) די געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן, באַנד 7, בוך 2, ז׳ 168.

ווען ער האָט — פון איין זייט געהאַט טענות צו אים, און פון דער צווייטער זייט — געבעטן ביי אים. זיין אייגענער פאַמיליען־נאָמען איז אויך געווען „דער־באַרעמדיקער". אַזוי איז ער געווען פאַרשריבן אין באַרדיטשעוו אויף די אַפּיציעלע פּאַפּירן. און וועגן דעם איז געשאַפן געוואָרן אַ לעגענדע. מ׳האָט דערציילט, אַז ווען ס׳איז אין רוסלאַנד אַרויס דער באַפעל, אין די צייטן פון אַלעקסאַנדער דעם ערשטן, אַז יידן מוזן האָבן פאַמיליען־נעמען אויך, איז דער פּריסטאַוו אין באַרדיטשעוו געקומען צום רב און געפרעגט ביי אים מיט וואָס פאַר אַ פאַמיליען־נאָמען ער זאָל אים פאַרשרייבן אין די ביכער. ר׳ לוי־יצחק איז אָבער דעמאָלט געווען שטאַרק פאַרטאָן אין תפילה און, ווי געוויינלעך, האָט ער בעטנדיק ביי גאָט אַלע מאָל באַנוצט דאָס וואָרט „דערבאַרעמדיקער", און אַזוי ווי דער פּריסטאַוו האָט ניט געוואוסט וואָס דאָס מיינט, און אַ סך שטערן האָט ער אים ניט געוואָלט, איז ביי אים געבליבן, אַז דאָס איז אַוודאי דער פאַמיליען־נאָמען, וואָס דער רב האָט זיך אויסגעקליבן, און אַזוי האָט ער פאַרשריבן אין די ביכער — „ראַווין לוי־יצחק דערבאַרעמדיקער".

אַזוי האָט מען דערציילט אין באַרדיטשעוו.

ר׳ לוי־יצחק איז געווען אַ גרויסער למדן. דאָס האָבן צוגעגעבן אַפילו די מתנגדים, וואָס האָבן אים ביטער באַקעמפט. ער האָט אָבער ניט געהאַלטן פון דעם כלל, אַז אַ למדן דאַרף זיך שטעלן העכער פונם פּשוטן פאָלק. די באַציאונגען צווישן מענטש און מענטש זיינען ביי אים געווען פּונקט אַזוי וויכטיק ווי די באַציאונגען צווישן מענטש און גאָט. ער האָט געהאַלטן, אַז צו דער העכסטער מדרגה קען זיך אַ מענטש דערהויבן ניט דורך דעם, וואָס ער קען לערנען, אויך ניט דורך דעם, וואָס ער פּרעדיקט, נאָר דורך דעם וואָס ער טוט פאַר אַנדערע. ער האָט דעם מאָראַלישן פּרינציפּ פון רעליגיע, — ווי ש. דובנאָוו דריקט זיך אויס, שרייבנדיק וועגן אים, — געשטעלט אויפן ערשטן פּלאַץ, און אין דער זעלבער צייט וואָס מ׳האָט וועגן אים געקענט זאָגן, אַז ער איז אַ הייליקער מענטש, איז דאָס „ניט געווען די הייליקייט פון אַ נזיר, וואָס דערווייטערט זיך פון מענטשן, נאָר אדרבא, דאָס איז געווען די רעליגיעזע באַגייסטערונג פון אַ געזעלשאַפטלעכן מענטשן, וואָס קומט אַריין אין עקסטאַז גראָד בעת ער געפינט זיך צווישן עולם" *).

אין אַלץ, וואָס ר׳ לוי־יצחק האָט געטאָן אין באַרדיטשעוו אין די יאָרן וואָס ער איז דאָרט געווען רב, האָט ער אַריינגעטראָגן אַזאַ באַגייסטערונג, אַז ער האָט אַלעמען דערמיט אָנגעצונדן, און געטאָן האָט ער דאָס אויף אַזאַ שטייגער, אַז מ׳האָט אין דעם, אין דער רעליגיעזער באַגייסטערונג זיינער, געזען ניט עפּעס

---

*) ש. דובנאָוו, געשיכטע פון חסידיזם, באַנד 2, זז׳ 34 און 35.

אַזוינס, וואָס רייסט זיך אָפּ פון דער ערד און שוועבט אין די הימלען, נאָר אַזוינס, וואָס איז און וואָס מוז זיין נאָענט יעדן מענטשן באַזונדער.

צו די ערשטע סליחות, ווען ער איז אַריינגעקומען אין שול און האָט דערזען ווי יידן, ניט קיין אויסגעשלאָפענע און אויסגעמוטשעטע, שטייען און וואַרטן ביז ער וועט צוגיין צום עמוד און אָנהויבן זאָגן דעם „אל מלך יושב על כסא רחמים“, האָט ער זיך נוהג געווען פריער צוצוגיין צו דעם און צו יענעם און אָנרופנדיק יעדן איינעם ביים נאָמען, ווי אַן אייגענער מענטש, אַ גוטער פריינד, האָט ער געפרעגט וואָס מען מאַכט און וואָס מ׳טוט און ווי עס גייט אין דער פרנסה; וואָס אָרעמער און פשוטער אַ ייד איז געווען, אַלץ מער איז ר׳ לוי־יצחק געווען צו אים צוגעלאָזן און זיך ביי אים נאָכגעפרעגט וואָס ער מאַכט און וואָס ער טוט און וואָס זיין ווייב און קינדער מאַכן. און נאָכדעם איז ער צוגעגאַנגען צום עמוד און איידער ער האָט אָנגעהויבן זאָגן דעם „אל מלך יושב על כסא רחמים“, האָט ער געכאַפּט אַ שמועס מיט גאָט — אויף יידיש, אַזוי אַז אַלע זאָלן פאַרשטיין:

„רבונו של עולם, — האָט ער אָנגעהויבן מיטן ניגון פון די סליחות — אוי, גיב נאָר אַ קוק, טאַטע זיסער! עס שטייט דאָך פאַר דיר ניט קיין קאַצאַפּ, און ס׳שטייט דאָך פאַר דיר ניט קיין טאָטער, און ס׳שטייט דאָך פאַר דיר ניט קיין טערק, נאָר אַ גאַנצע עדה מיט יידן, אַלע די קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב, און זיי זאָגן דיר אל מלך יושב על כסא רחמים!“

נאָך ביז היינטיקן טאָג איז געבליבן דער ניגון, מיט וועלכן ר׳ לוי־יצחק באַרדיטשעווער פלעגט ראש־השנה ביים עמוד „זאָגן“ דעם „דרי מעלה עם דרי מטה“. מ׳האָט פון דעם געמאַכט אַ ליד, וואָס איז נאָך איצט זייער פּאָפּולער ביים פאָלק און מ׳זינגט עס אויף קאָנצערטן. דאָס איז דאָס ליד „אַ דין־תורה מיט גאָט“, און גענומען האָט זיך דאָס פון דעם, וואָס צוקומענדיק צום „דרי מעלה עם דרי מטה“, האָט ר׳ לוי־יצחק, מיט דעם זעלבן ניגון פון דער תפילה, אָנגעהויבן רעדן צו גאָט אויף יידיש:

„איך, לוי־יצחק בן שרה מבאַרדיטשעוו, בין געקומען פאַר דיר בעטן אויף כלל ישראל.“

אַזוי האָט ער אָנגעהויבן און באַלד איז ער אַרויסגעקומען מיט אַ גאַנץ צעטל טענות:

„וואָס האָסטו צו דיין פאָלק ישראל? און וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אויף דיין פאָלק ישראל? ווי נאָר עפּעס, איז — דבר אל בני ישראל, רעד צו די קינדער פון ישראל! מאַכט זיך נאָר ערגעץ אַ זאַך, איז — אמור אל בני ישראל, זאָג צו די קינדער פון ישראל! קומט צום באַפעלן, איז — צו את בני ישראל, באַפעל די קינדער פון ישראל! אַזוי איז אויך ווען ס׳קומט צום בענטשן: כה

תברכו את בני ישראל, אַזוי זאָלט איר בענטשן די קינדער פון ישראל! איז דער־ריבער טאָקע פרעג איך דיר: וואָס האָסטו צו דיין פאָלק ישראל? ווייניק אַנדערע אומות זיינען דאָ אויף דער וועלט? ס׳זיינען דאָ כשדים, פּרסיים, ישמעאלים, מדינים, איז וואָס האָסטו זיך דווקא אָנגעזעצט אויף אונדז? אלא וואָס דען? מען דאַרף פון דעם דרינגען, אַז חביבין ישראל שנקראו בנים למקום, יידן זיינען טייער מחמת דעם, וואָס זיי זיינען דעם אייבערשטנס קינדער, ובכן איז ברוך אתה ה׳ אלהינו, זאָלסטו זיין געבענטשט, גאָט אונדזער גאָט...״

און אַמאָל האָט ער זיך גאָר גענומען בייזערן גאַנץ שטאַרק און געפּאָדערט, אַז גאָט זאָל שוין אָפּמעקן אַלע זינד און אַלץ פאַרגעבן זיין פאָלק ישראל:

„איך וועל ניט אַוועקגיין פון דאַנען! — האָט ער מיט רעליגיעזן פייער אויסגעזונגען דעם ניגון אויף אַ הויך קול. — און אַן עק זאָל עס נעמען!... און אַ סוף זאָל שוין זיין!...״

און ס׳איז ניט שווער זיך פאָרצושטעלן וואָס פאַר אַ נאָענטקייט, אַ גייסטיקע און אַ לייבלעכע נאָענטקייט, דאָס פאָלק האָט געפילט צו דעם מענטשן, וואָס האָט צו זיי אַראָפּגעבראַכט גאָט פון הויכע הימלען און זיך אויסגעטענהט מיט אים אויף דער שפּראַך, וואָס זיי פאַרשטייען אַלע אַזוי גוט!

לויט דער רעליגיעז־פילאָסאָפישער אויפפאַסונג פון לוי־יצחק באַרדיטשעווער, נעמט זיך די גרויסקייט פון גאָט פון די מעשים פון מענטשן. ס׳איז פּונקט ווי מיט אַ קעניג, וואָס קען ניט זיין גרויס אָן אַ פאָלק. דער מענטש מאַכט גרויס די געטלעכקייט פונם באַשעפער דורך די גוטע מעשים, וואָס ער טוט און פון דעם ווערט ער אַליין אויך געלייטערט, אַזוי אַז אין דער זעלבער צייט וואָס ער גיט צו פון זיך צו דער געטלעכקייט, נעמט ער פון איר פאַר זיך מענטשלעכקייט. „מיר זעען דעריבער, — זאָגט ער אין זיין ספר „קדושת לוי״, אין זיין דרשה אויף דער פּרשה מצורע, — אַז ווען אַ מענטש טוט גוטס אויף דער וועלט מיט זיין אויג, ווערט דאָס אויג אַריינגעקריצט אויבן, אין די עולמות העליונים, און דאָס האָט מען געמיינט מיט דעם, וואָס ס׳שטייט געשריבן, אַז גאָטס אויגן זיינען געווענדט צו די רעכטפאַרטיקע. דער באַדייט דערפון איז: פון וואַנען נעמען זיך די אויגן פון גאָט? דער ענטפער דערויף איז: זיי נעמען זיך פון דעם וואָס די רעכטפאַרטיקע מענטשן טוען מיטן אויג גוטס אויף דער וועלט.״ דאָס זעלבע איז מיטן אויער; דורך דעם וואָס אַ מענטש רופט צו גאָט און טוט תפילה, שאַפט ער דערמיט אין די עולמות העליונים אַן אויער, וואָס הערט זיך צו צו זיין געבעט און צו זיין געשריי. אַלעס וואָס ס׳ווערט געשאַפן אויבן, נעמט זיך פון די מעשים, וואָס דער מענטש טוט אונטן.

ר׳ לוי־יצחק, קען מען זאָגן, האָט אויף זיין שטייגער געזען אין גאָט דאָס מענטשלעכע, און אינם מענטשן האָט ער געזען דאָס געטלעכע, און ווייל זיין

ליבשאַפט צו דעם יידישן מענטשן, צו זיין פאָלק, איז געווען אַזוי גרויס, האָט ער דעריבער געהאַלטן, אַז מ׳טאָר אויף יידן קיין שלעכטס ניט זאָגן, מ׳טאָר אויף זיין קיין חטאים ניט זוכן, נאָר פאַרקערט, מ׳דאַרף אויף זיי שטענדיק נאָר מלמד זכות זיין, און אין אַלץ, וואָס זיי טוען, דאַרף מען זען די גוטע זייט, ניט די שלעכטע. וואָרעם יידן זיינען שוין אַזוי אויך גענוג געשטראָפט אויף דער וועלט; זיי שטייען שוין אַזוי אויך אויס גענוג צרות און פורעניות, און ס׳איז דעריבער אַ פאַרברעכן, ווען איינער וואָס איז אַ פירער ביי יידן, זוכט אויף זיי חטאים און זעט ניט די גוטע און ליכטיקע זייטן, וואָס מ׳קען געפינען אין זיי.

„אויף יעדן יידן, — האָט ר׳ לוי־יצחק באַרדיטשעווער געזאָגט, — דאַרף מען מלמד זכות זיין, אַפילו ווען ער טוט ניט דינען גאָט בשלימות. ער איז אין דעם ניט שולדיק, וואָרעם ער איז דאָך, נעבעך, פאַרהאַוועט זוכנדיק פרנסה.״

ס׳איז באַקאַנט די געשיכטע וועגן דעם ווי ר׳ לוי־יצחק האָט אַמאָל אין באַר־דיטשעוו דערזען אין גאַס ווי אַ בעל־עגלה שטייט אָנגעטאָן אין טלית און תפילין און שמירט די רעדער מיט דזשעגעכץ. פרומע יידן האָבן אויף אים געטייטלט מיט די פינגער, געזאָגט אַז טאַקע נאָר אַ בעל־עגלה, אַ גראָבער יונג, קען אַזוינס טאָן. אָבער ר׳ לוי־יצחק איז אַריין אין התפעלות ווען ער האָט דאָס דערזען.

„רבונו־של־עולם, — האָט ער אויסגערופן, אויפהויבנדיק די הענט אין דער הויך. — זע וואָס פאַר אַ טייער פאָלק דו האָסט, אַפילו ווען זיי שמירן די רעדער פונם וואָגן, טוען זיי אויך תפילה צו דיר!״

זיין ליבשאַפט צו יידן איז ניט געווען קיין טעאָרעטישע, קיין אויסגעחקירה־טע, נאָר אַ נאַטירלעכע. זי איז געקומען פון דער טיפעניש פון האַרצן, און ער האָט פשוט ניט געקענט פאַרטראָגן ווען ער האָט געהערט ווי אַ בעל־דרשן שטעלט זיך אַוועק אין שול ביים באַלעמער און הויבט אָן שטראָפן יידן פאַרוואָס זיי זיינען ניט פרום גענוג און היטן ניט אָפּ אַלע מצוות.

ער איז איינמאָל אַריינגעקומען אין שול פונקט דאַן ווען אַ מגיד האָט זיך צעלאָזט זאָגנדיק מוסר די יידן, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל און געוואַרט ביז דער בעל־דרשן האָט געענדיקט. נאָכדעם איז ער צוגעגאַנגען צו אים און געפרעגט צי ער איז שוין פאַרטיק, און ווען יענער האָט געענטפערט, אַז יאָ, האָט ר׳ לוי־יצחק צו אים געזאָגט:

„נו, אויב איר זענט שוין פאַרטיק מיט די שטראָף־רייד, וואָס איר האָט דאָ געזאָגט די יידן פאַר די עבירות, וואָס זיי טוען און פאַר די זינד, וואָס זיי באַגייען אַנטקעגן גאָט, וואָלט געווען אַ יושר, אַז איר זאָלט אים טאַקע, דעם רבונו־של־עולם אַליין, הייסט עס, אויך גוט אויסמוסרן פאַר די זינד, וואָס ער באַגייט אַנט־קעגן זיין פאָלק ישראל דערמיט, וואָס ער לייזט זיי ניט אויס פון דעם ביטערן גלות שוין אַזאַ לאַנגע צייט...״

דאָס מאָל האָט דער מגיד נאָך גוט אָפּגעשניטן. אַ צווייטן מאָל אָבער, ווען ר׳ לוי־יצחק איז אַריינגעקומען אין שול און דערזען ווי אַ מגיד שטייט און דרשנט און האַלט אין איין זאָגן מוסר יידן פאַר עבירות און עבירהלעך, וואָס זיי באַגייען אַנטקעגן גאָט און פאַר שלעכטע זאַכן און זאַכעלעך, וואָס זיי טוען איינער דעם אַנדערן, איז ר׳ לוי־יצחק געוואָרן אין כעס; ער האָט ניט געקענט אַריבערטראָגן וואָס דער מגיד זוכט און געפינט אַזוי פיל חטאים אויף יידן, און ער האָט אויסגעשריען אויפן קול:

— הערט אויף! איך קען דאָס מער ניט הערן!...

אָבער לאַנג זיין אין כעס האָט דער גוטער ר׳ לוי־יצחק באַרדיטשעווער ניט געקענט. ער איז באַלד געוואָרן ווייכער און אויפהויבנדיק די אויגן אַרויף, האָט ער געזאָגט:

„רבונו־של־עולם, דו ווייסט דאָך יאָ, אַז אַט דער מענטש דאָרט, דער מגיד — ניט ער רעדט דאָס אַזוי, נאָר די אייגענע צרות זיינע רעדן פון אים אַרויס; ער האָט, נעבעך, אַ פאַרזעסענע טאָכטער און ער קען איר ניט חתונה מאַכן, ווייל ער האָט ניט אויף נדן. נו, בעט איך דיך, טאַטע זיסער, גיב אים אויף נדן און זאָל ער חתונה מאַכן זיין טאָכטער, און זאָל ער אויפהערן אויסריידן אַל־דאָס־בייז אויף דיין פאָלק ישראל...“

***

ליב האָבן דאָס פשוטע פאָלק איז ביי אַ גרויסן מענטשן זייער אַ שיינע מידה. ס׳איז אָבער דאָך פאַר קיינעם קיין סוד ניט, אַז ביי ניט ווייניק גרויסע מענטשן איז די ליבע צום פשוטן פאָלק מער חוב ווי געפיל. ניט קיין אַנדערער ווי דער גרויסער לעוו טאָלסטאָי האָט זיך אַמאָל מודה געווען, אַז ס׳איז שווער ליב צו האָבן דאָס פשוטע פאָלק. „מ׳דאַרף עס ליב האָבן, — האָט ער געזאָגט, — אָבער ס׳איז שווער“. ניט איין גרויסער מענטש פילט, אַז ער מוז זיך, נעבעך, אָנטאָן אַ כוח ליב צו האָבן דאָס פשוטע פאָלק, ווייל ס׳פּאַסט אַזוי. ר׳ לוי־יצחק באַרדיטשעווער אָבער האָט זיך דערביי ניט געדאַרפט אָנטאָן קיין כוח; ער האָט ווירקלעך ליב געהאַט דאָס פשוטע פאָלק מיטן גאַנצן האַרצן; ער האָט גע־גלויבט, אַז יעדער ייד, אַפילו דער קטן שבקטנים, איז ביי גאָט אַ גרויסער יחסן. וואָרעם די אַנטפּלעקונג פון גאָט איז דאָך די תורה, און ווער האָט אָנ־גענומען די תורה? דאָס פאָלק ישראל. און פון דעם איז געדרונגען, אַז „נשמת ישראל, — ווי ער זאָגט אין זיין ספר „קדושת לוי“ — היא גוף התורה“ — די נשמה פונם פאָלק ישראל איז דער גוף פון דער תורה, און אַלע יידן זיינען ביי גאָט גלייך. זיי זיינען אַלע די זעלבע יחסנים.

אין זיין ליבשאַפט צום פשוטן פאָלק, צו אַלע יידן בכלל, איז ר׳ לוי־יצחק באַרדיטשעווער אָפט אַרויסגעקומען מיט שאַרפע רייד אַפילו אַנטקעגן גאָט, אָבער ער האָט דאָס געטאָן אויף זיין ליבן, עכט־פאָלקסטימלעכן, היימישן שטייגער.

איינמאָל, ווען ער האָט ראש השנה געדאַוונט פאַרן עמוד אין דער באַר־דיטשעווער אַלטער שול, האָט ער ביי דער תפילה „בראש השנה יכתבון״, זיך אָפּגעשטעלט און אָנגעהויבן רעדן צו גאָט אויף יידיש:

„האַר פון אַלע וועלטן, — האָט ער געזאָגט, — הער זיך צו צו דעם, וואָס איך וועל דיר זאָגן: אויב דו וועסט היינט פאַרשרייבן דיין פאָלק ישראל אינם בוך פון לעבן, איז גוט, וואָרעם פקוח נפש איז דוחה שבת ויום טוב, ווען דאָס לעבן פון מענטשן שטייט אין קאָן, מעג מען שרייבן אַפילו אום ראש השנה. אויב אָבער ס׳פּאַלט דיר, חלילה, איין ניט אַריינצושרייבן דאָס פאָלק ישראל אינם בוך פון לעבן, זאָג איך דיר, אַז איך, לוי־יצחק, דער באַרדיטשעווער רב, פאַרווער דיר צו שרייבן אום ראש השנה!״

ביי אַ צווייטער געלעגנהייט, אויך ראש השנה ביים עמוד, איז ער געווען נאָך שטרענגער; איבעררייסנדיק אין מיטן די תפילה, וואו ס׳שטייט, אַז ראש השנה ווערט פאַרשריבן ווער ס׳זאָל בלייבן לעבן און ווער ס׳זאָל שטאַרבן, האָט ער אויפגעהויבן איין האַנט אין דער הויך און אויסגעשריען אויפן קול:

„רבונו־של־עולם, ס׳וועט דיר גאָרניט העלפן! אויב דו וועסט אויף אונדז גוזר זיין אַ שלעכטע גזירה, וועלן מיר, די צדיקים פונם היינטיקן דור, זי אָפּשאַפן!״

און יום־כפור ביים עמוד, ווען ער האָט געענדיקט די תפילה „על חטא״, וואו ס׳ווערן אויסגערעכנט אַזוי פיל זינד, האָט ער דעם רבונו של עולם אַליין געגעבן אַ וואָרנונג:

„גאָט אין הימל, — האָט ער געזאָגט שטיל און מיט גרויס התלהבות, — דו וועסט מוזן פאַרגעבן דיין פאָלק ישראל אַלע זינד! אויב ניט וועל איך מוזן אויסזאָגן דעם סוד, אַז ביי דיר, כביכול, זיינען די תפילין פסול. וואָרעם ס׳שטייט דאָך געשריבן, אַז אין די תפילין, וואָס דו טראָגסט, שטייט „מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ״ — ווער ווי דיין פאָלק ישראל איז איין פאָלק אויף דער וועלט. און אויב דו וועסט ניט פאַרגעבן אונדזערע זינד, וועט מען דאָך ניט קענען זאָגן, אַז מיר זיינען אַזאַ געראָטן פאָלק אויף דער וועלט און אַז דו דאַרפסט זיך מיט אונדז אַזוי שטאַרק איבערנעמען, און דאַן וועט דאָך אויסקומען, אַז דאָס וואָס ס׳שטייט אין די תפילין, וואָס דו טראָגסט, איז ניט אמת און זיי זיינען דעריבער פסול. און דעריבער זאָג איך דיר, אַז דו וועסט מוזן פאַרגעבן אונדזערע זינד!״

און געזאָגט האָט ער דאָס אויף יידיש, אויף דער שפּראַך, וואָס דאָס פאָלק האָט פאַרשטאַנען.

בלאָזן שופר אין שול האָט ער געמוזט אַליין. קיין אַנדערן האָט ער דאָס ניט געלאָזט טאָן, און מ׳דערציילט, אַז דערביי האָט ער איין שופר געהאַלטן אין האַנט און נאָך עטלעכע שופרות אין גאַרטל; טאָמער איז דאָס בלאָזן ניט אַרויסגעקומען געראָטן פון איין שופר, האָט ער גלייך פונם גאַרטל אַרויסגענומען אַן אַנדערן. און איינמאָל, ווען ס׳איז אים ניט געגאַנגען ביי די תקיעות, און די יידן אין שול האָבן געזיפצט און געשאָקלט מיט די קעפּ, ווייל ס׳האָט דאָך געהייסן, אַז דער שטן איז מקטרג און ער לאָזט ניט אַרויס די תקיעות פונם שופר, איז ר׳ לוי־יצחק געוואָרן אין כעס און אַוועקלייגנדיק דעם שופר אויפן באַלעמער האָט ער געזאָגט:

„נו, גאָטעניו, אויב ס׳איז יאָ אַזוי, איז — זאָל דיר שוין איוואַן בלאָזן שופר!...‟

ער האָט ניט דורכגעלאָזן קיין איין געלעגנהייט זיך דורכצושמועסן מיט גאָט אויף זיין שטייגער און אים באַווייזן, אַז ער דאַרף צו זיין פאָלק ישראל קיין טענות ניט האָבן, ווייל ער איז די יידן מער שולדיק ווי זיי אים. און ס׳ווערט דערציילט אין דער געשיכטע, אַז ערב־יום־כיפור, צו כל־נדרי, ווען ער האָט געזען ווי די שול איז פול און ס׳פעלט ניט קיין איינער פון די יידן, וואָס דאַווגען דאָרט, פלעגט ער זיך אַוועקשטעלן ביים עמוד און זאָגן אַזוי:

„נו, רבונו־של־עולם! און דו האָסט נאָך טענות צו דיין פאָלק ישראל!... ווען מ׳וואָלט, אַ שטייגער, געזאָגט די גויים, אַז היינט איז אַ מצווה צו עסן און טרינקען אַפילו אַ גאַנצן טאָג, אײדער מען קומט פאַרנאַכט אין שול אַריין, וואָלטן זיי זיך אַלע אַוודאי אַזוי אָנגעשיכורט, אַז דו וואָלסט איצטער אין שול אַפילו קיין מנין מענטשן ניט געהאַט. יידן אָבער זיינען ניט אַזוי. אָט זע אומיסטן: קיין איין ייד האָט זיך היינט פאַר כל־נדרי ניט אָנגעשיכורט, און זיי זיינען אַלע געקומען אין שול אַריין תפילה טאָן צו דיר‟.

אַזוי האָט ער גערעדט צו גאָט, ווי מ׳רעדט צו איינעם, וואָס שטייט דאָ נאָענט, וואָס געפינט זיך דאָ. און די יידן אין דער באַרדיטשעווער שול האָבן זיך מיט שיינענדיקע פּנימער צוגעהערט צו יעדן וואָרט, וואָס ער האָט פון זיינע ליפּן אַרויסגעבראַכט. און נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגערעדט, האָט ער געעפנט דעם ארון קודש, אַרויסגענומען פון דאָרט אַ ספר תורה, און אָנגעהויבן זאָגן מיט דעם טרויעריקן, האַרציקן ניגון, וואָס די יידן פון אוקראַינע געדענקען נאָך ביז היינטיקן טאָג:

„אור זרוע לצדיק ולישרי לב שמחה‟.

אַלץ אין אים איז געווען ליבלעך, האַרציק, היימיש. און ס׳איז קיין וואונ־דער ניט געווען וואָס אַלע אין באַרדיטשעוו האָבן אים אַזוי ליב געהאַט. ס׳איז

אויך קיין וואונדער ניט וואָס די ייִדישלעכע היימישקייט, וואָס ער האָט אַריינ־געטראָגן אין דעם ייִדישן לעבן פון דער שטאָט באַרדיטשעוו, איז נאָך אים געבליבן אויף דורות און דורות.

⁂

אין זיין עכט ייִדישער פאָלקסטימלעכקייט האָט ר׳ לוי־יצחק אויך ניט פאַרגעסן מזכה צו זיין מיט אַ מצווה די ייִדישע מאַמעס, און ער האָט פאַר זיי פאַרפאַסט די תפילה „גאָט פון אברהם", וואָס מ׳זאָגט פאַר הבדלה. די ווייבערישע תפילה איז געווען זייער פאָפּולער ניט נאָר אין אוקראַינע, נאָר אויך אין ליטע און אין פוילן; פרומע ייִדישע ווייבער האָבן זי געזאָגט מיט גרויס כוונה ווען דער שבת האָט אָנגעהויבן פאַרגיין און ס׳האָבן זיך גענומען ווייזן שטערן אין הימל. ניט אומעטום איז דער נוסח פון דער תפילה געווען דער זעלבער. און אויף דעם גרונד האָבן פאָרשער אַרויסגעזאָגט די השערה, אַז ר׳ לוי־יצחק באַרדי־טשעווער איז אפשר ניט דער מחבר פון דער ווייבערישער תפילה. אָבער אין דעם דרום־מערבדיקן טייל פון אוקראַינע האָט מען דעם „גאָט פון אברהם" צוגעשריבן צו ר׳ לוי־יצחק באַרדיטשעווער, און דער נוסח איז געגאַנגען אַזוי:

„גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב, באַהיט דיין ליב פאָלק ישראל פון אַלעם בייזן אין דיינעם לויב. אַז דער ליבער שבת קודש גייט אַוועק, אַז די וואָך זאָל אונדז קומען צו מזל און צו ברכה, צו געזונט און צו הצלחה, בזכות אברהם".

ווייטער, ביים צוקומען צו „בזכות יצחק" און „בזכות יעקב", האָט יעדע פרומע ייִדענע געוויינלעך שוין צוגעגעבן אייגנס, ווייל וואו האָט זי דען נאָך אַזוי געקענט טאָן ווי אין אַ תפילה, וואו מ׳רעדט צו גאָט אויף ייִדיש, ניט אויף לשון־קודש, און צווישן די אַלע נוסחאות, וואָס טעכטער האָבן ביי די מאַמעס איבערגענומען איז אויך געווען איין נוסח אַזאַ:

„גאָט פון אברהם, פון יצחק, און פון יעקב, דו ביסט דאָך הנותן ליעף כח, איז גיב דיינע ליבע ייִדישע קינדער אויך כח דיך צו לויבן און נאָר דיך צו דינען; אַז די וואָך זאָל אונדז קומען צו געזונט און צו מזל און צו הצלחה און צו ברכה און צו חסד און צו רחמים — אויף אונדז און אויף כל ישראל, ונאמר אמן".

מיט אַלץ, וואָס ר׳ לוי־יצחק באַרדיטשעווער האָט געטאָן, האָט ער געקענט דינען ווי אַ מוסטער פאַר אַנדערע. צו זיין ערלעכקייט, אויפריכטיקייט, התלהבות, באַגייסטערונג און פאָלקסטימלעכער ליבער פּשוטקייט איז גאָר קיין גרענעץ ניט געווען. אַזעלכע געפילן ווי קנאה און שנאה זיינען אים געווען אינגאַנצן

פרעמד. ער האָט ניט מקנא געווען די רייכע און ער האָט זיך ניט געשראָקן פאַר די מעכטיקע; ער האָט אַלע זיינע יאָרן געטריי און ערלעך געדינט דעם פאָלק ישראל און דעם גאָט פון ישראל, און ס׳ווערט דערציילט אין דער געשיכטע, אַז איינמאָל, יום־כפור ביי „נעילה״, האָט ער זיך ביים עמוד אויסגעדרייט מיטן פּנים צום עולם און האָט אָנגעהויבן מיט אַ ניגון, און ווי געוויינלעך — אויף יידיש:

„דער פראַנצויזישער קיסר נאַפּאָלעאָן נעמט זיך איבער און זאָגט, אַז די גאַנצע וועלט איז זיינע, און איך, לוי־יצחק בן שרה מבארדיטשעוו, זאָג: יתגדל ויתקדש שמיה רבאָ!...״

מיט זיין טיפן בטחון, אַז ס׳וועלן נאָך קומען בעסערע צייטן אויף יידן, האָט ער אַלץ און אַלעמען אָנגעצונדן און געשטאַרקט. זיינע ניגונים, צווישן וועלכע ס׳געפינען זיך אויך דאָס „דודעלע״, אַ „דין תורה מיט גאָט״, „מאירל מיין זון״ און נאָך און נאָך שיינע און האַרציקע יידישע ניגונים, האָט מען גע־זונגען אומעטום און מ׳זינגט זיי נאָך ביז היינטיקן טאָג *). דאָס פאָלק האָט אַרום דעם לעבן פון לוי־יצחק באַרדיטשעווערס ליכטיק געשטאַלט די שענסטע לעגענדעס געשאַפן און די גרעסטע יידישע שריפטשטעלער האָבן אַ טייל פון די לעגענדעס אויסגענוצט פאַר זייערע ווערק, וואָס מ׳האַלט פאַר פערל אין דער יידישער און אויך אין דער העבראַישער ליטעראַטור; די אויסערגעוויינלעכע ליבע פערזענלעכקייט פון ר׳ לוי־יצחק באַרדיטשעווער האָט שטענדיק געריצט די פאַנטאַזיע ניט נאָר פון קינסטלער, נאָר אויך פון היסטאָריקער און פאָרשער. און אַזוי איז דאָס נאָך ביז היינטיקן טאָג. קיינער קען ניט אָוועקלייגן די פעדער גערן, ווען ער שרייבט וועגן ר׳ לוי־יצחק באַרדיטשעווער...

*
**

נפטר געוואָרן איז ר׳ לוי־יצחק אינם יאָר 1809, פינף־און־צוואַנציק טעג אינם חודש תשרי: ער איז דעמאָלט אַלט געווען דאָס זיבעציקסטע יאָר. און „דאָס גרויסע האַרץ האָט אויפגעהערט קלאַפּן. די הייליקע נשמה איז אַוועקגעפלויגן אין דער פּוסטקייט פון דער וועלט. די גרויסע בענקשאַפט איז איבערגעריסן געוואָרן״. — אַזוי שרייבט דר. ש. א. האָראָדעצקי, פאַרצייכענענדיק דעם טאָג און דאָס יאָר, ווען ר׳ לוי־יצחק איז געשטאָרבן **).

אויפן קבר פון דעם גרויסן באַרדיטשעווער רב האָט מען אַוועקגעשטעלט

---

*) לויט דער מיינונג פון מ. ש. גשורי, איז אויך דאָס פּאָפּולערע ליד „מלוה־מלכה״ פאַרפאַסט געוואָרן פון לוי־יצחק באַרדיטשעווער. זע: לחסידים מזמור, ז׳ 153.

**) החסידות והחסידים, ספר שני, ז׳ 96.

אַ שטיבל, און אָנגעשריבן האָט מען דאָרט — גאָרניט. קיין איין וואָרט ניט. אַזוי איז, אַפּנים, געווען דער וואונטש פון דעם פאַרשטאָרבענעם, וועלכער איז אַלע זיינע יאָרן געווען אַ מוסטער פון עכטער באַשיידנקייט.

אָבער ס'איז ניט געווען נויטיק אויסצוקריצן אויף אַ מצבה וועמעס קבר דאָס איז. פון דור צו דור איז אין באַרדיטשעוו איבערגעגאַנגען, אַז דאָרט, אין יענעם שטיבל אויפן בית־עולם, געפינט זיך דער קבר פונם רב ר' לוי־יצחק און אַלע מאָל, ווען ס'איז געקומען אַן עת־צרה, אַ גרויסער אומגליק, זיינען יידן אין באַרדיטשעוו געגאַנגען אויף יענעם קבר און האָבן געוויינט און געקלאָגט. ביי יעדן אומגליק האָט זיי געפעלט דער גרויסער צדיק, וואָס האָט זיך שטענדיק איינגעשטעלט פאַר זיי, ניט נאָר ביי מענטשן, נאָר אַפילו אויך ביי גאָט אַליין...

יידן האָבן אין פאַרלויף פון דורות ניט געקענט פאַרגעסן, אַז קיינער האָט דאָס ניט געקענט טאָן מיט אַזוי פיל האַרץ און נשמה, ווי ער, דער גרויסער מליץ־יושר, וועלכער האָט אין זיין עניוות ניט געוואָלט, אַז מ'זאָל אים רופן רבי, נאָר פשוט — לוייצחק בן שרה מבאַרדיטשעוו.

און וואָס איז געווען מיט די יידן אין באַרדיטשעוו אין די צייטן ווען היטלערס ווילדע חיילות האָבן זיך אַהין אַריינגעריסן?...

טראַכט מען דערפון, און מ'טראַכט אויך וועגן דעם וואָס ס'איז דעמאָלט געווען מיט די יידן פון נאָך און נאָך שטעט און שטעלעך. און אין דעם טיפן צער, וואָס מ'פילט דערביי און אין דער שרעקלעכער אומבאַהאָלפנקייט, וואָס לאָזט ניט רוען, פאַלט אַמאָל אַ יידן איין, אַז אפשר?... אפשר האָט מען דעמאָלט אין באַרדיטשעוו אויפן בית־עולם געקענט הערן ווי פון ר' לוי־יצחקס קבר קומען אַרויס די אַלטע טענות, וואָס ער האָט שטענדיק געהאַט צום גאָט פון ישראל פאַרוואָס ער האָט זיך אָנגעזעצט אויף זיין פאָלק ישראל... און אפשר?... אפשר איז אין די צייטן פון ווילדער בהלה, ווען די ווייטקייט צווישן טויט און לעבן איז איינגאַנצן אַפּגעווישט געוואָרן, גאָר אויך געווען אַ נאַכט אַזאַ אַ פינצ־טערע, ווען לוי־יצחק באַרדיטשעווער איז אַרויסגעקומען פון זיין קבר, און אַוועקשטעלנדיק זיך פאַר גאָט, פונקט אַזוי ווי אַמאָל, האָט ער אויסגערופן אויפן קול:

— רבונו־של־עולם!... אוי, רבונו־של־עולם!... איך, לוי־יצחק בן שרה מבאַרדיטשעוו, זאָג דיר, טאַטע זיסער, אַז ס'איז שוין גענוג!...

— און איך וועל ניט אַוועקגיין פון דאַנען!...

— און איך וועל זיך פון אָרט ניט רירן!...

— און אַן עק זאָל דאָס נעמען!...

— און אַ סוף זאָל שוין זיין!...

בראצלאוו

1.

צווישן שטעט, פונקט ווי צווישן מענטשן, זיינען פאַראַן אַזעלכע, וואָס פאַלן אַמאָל אַרונטער פון זייער גדולה און נאָכדעם קענען זיי שוין מער ניט קומען צו דעם זעלבן שטאַנד, אויף וועלכן זיי זיינען פריער געשטאַנען.

אַ שטאָט הויבט אַמאָל אָן גיין באַרג אַראָפּ און זי בלייבט בלויז ביים יחוס פון אַמאָל און זי האַלט זיך אָן דעם מיט אַלע כוחות, ווייל מיטן אַמאָל קען זי זיך איבערנעמען אַ סך מער ווי מיט דעם היינט און זי איז מיט דער געשיכטע פון די אַלטע צייטן פאַרבונדן מער ווי מיט דעם לעבן פון די נייע.

עס זיינען פאַראַן אַ סך אַזעלכע שטעט, און איינע פון זיי איז די שטאָט בראַצלאַוו, וואָס געפינט זיך אין אוקראַינע.

ביים ברעג פון דעם גרויסן און שיינעם טייך בוג שטייט די שטאָט און זי איז שוין אַלט אַ זעקס הונדערט יאָר און אין דער געשיכטע פון רוסלאַנד ווערט זי דערמאָנט נאָך אין פאַרבינדונג מיט יענע צייטן, ווען די טאָטערישע כאַנען האָבן ווייט זייער הערשאַפט פאַרשפרייט און ס׳איז אוממעגלעך געווען זייער מאַרש אָפּצושטעלן.

נאָך דאַן איז בראַצלאַוו שוין געווען אַ וויכטיקער סטראַטעגישער פונקט, וואוהין אַרמייען האָבן זיך געשפּאַרט אין די צייטן פון אַ קריג; פון בראַצלאַוו האָט מען מיטן בוג געקענט צוקומען צו אַנדערע וויכטיקע פונקטן, און דאָס האָט אין די צייטן פון פרידן שטאַרק געהאָלפן אַנטוויקלען דעם האַנדל; יידן האָבן די שטאָט געהאָלפן אויפבויען און זיי האָבן זיך דאָרט פעסט איינגע־פונדעוועט, און נאָך אינם יאָר 1551 איז שוין זייער צאָל דאָרט געווען אַזוי גרויס, אַז ווען די מחנות פון דעם טאָטערישן כאַן דעוולעט־ג׳ירעי זיינען צוגעקומען צו די טויערן פון דער שטאָט און דער גרעסטער טייל פון דער קריסטלעכער באַ־פעלקערונג איז פאַר מורא אַנטלאָפן און אַפילו דאָס מיליטער האָט זיך צוריק־געצויגן און איבערגעלאָזט פאַר די טאָטערן דעם וועג אינגאַנצן פריי, האָבן די יידן מיט שווערדן אין די הענט באַשיצט די שטאָט און זיך העלדיש געשלאָגן

מיט די טאָטערישע מחנות. און דאָס איז אין דער געשיכטע פון די יידן אין בראַצלאַוו פאַרבליבן ווי איינער פון די שענסטע קאַפּיטלען.

מ׳האָט געדאַרפט האָבן אַ סך מוט זיך צו שטעלן אַנטקעגן די מחנות פון יענעם טאָטערישן כאַן, פאַר וועמען אַפילו די מאָסקווער מלוכה פון יענע צייטן האָט שטאַרק מורא געהאַט. די טאָטערישע מחנות זיינען דעמאָלט געווען די שטאַרקסטע אין דער וועלט און דער כאַן דעוולעט־גירעי איז געווען זייער אַ גוטער קריגס־פירער, און אין די מלחמות, וואָס ער האָט געפירט, האָט ער ניט געוואוסט פון קיין רחמנות; ווען ער האָט זיך מיט זיין אַרמיי איינמאָל אַריינגעריסן קיין מאָסקווע, האָט ער אונטערגעצונדן די שטאָט פון אַלע פיר זייטן און דאָרט אַ שרעקלעכן חורבן געמאַכט, און אַזוי האָט ער געטאָן אין אַלע שטעט, וואו־הין ער האָט זיך מיט זיין אַרמיי אַריינגעריסן. ער האָט אומעטום געמאַכט אַ חורבן און אומגעבראַכט טויזנטער און טויזנטער מענטשן.

אין די אַלע יאָרן, וואָס דעוולעט־גירעי האָט געפירט מלחמות מיט לענדער און פעלקער, האָט מען אומעטום געוואוסט ווי גרויס ס׳איז די איינשטעלעניש ווען מ׳גיט זיך ניט אונטער ווען זיינע אַ מחנה קומט צו צו אַ שטאָט. אָבער די יידן אין בראַצלאַוו האָבן זיך פאַר דער טאָטערישער מחנה ניט דערשרקאָן; אַפילו נאָכדעם ווי זיי זיינען געבליבן אַליין, האָבן זיי זיך באַוואָפנט און זיך העלדיש געשלאָגן, באַשיצנדיק די שטאָט, און פון דעם איז קלאָר, אַז נאָך דאַן, אין מיטן פון זעכצנטן יאָרהונדערט, איז שוין די צאָל פון דער יידישער באַפעל־קערונג דאָרט געווען אַ גאַנץ באַדייטנדע און ס׳זיינען צווישן זיי געווען גענוג מוטיקע מענטשן, וואָס האָבן געקענט אַרויסווייזן גרויס העלדישקייט אויפן שלאַכט־פעלד.

און דאָס איז געווען שוין ניט דאָס ערשטע מאָל וואָס די יידן אין בראַצ־לאַוו האָבן זיך מיט די טאָטערן אויף אַ שלאַכט־פעלד געטראָפן. אויך אין דעם יאָר 1479 האָבן זיי זיך מיט זיי אין אַ ביטערער מלחמה באַגעגנט. און יענע באַגעגעניש איז מיט בלוט פאַרשריבן אין דער יידישער געשיכטע. די טאָטערן האָבן זיך דאַן אַריינגעריסן אין שטאָט און זי אינגאַנצן חרוב געמאַכט; זיי האָבן דאָרט זעקס הונדערט מענטשן אויסגעהרגעט, און פון די זעקס הונדערט קרבנות זיינען פיר הונדערט געווען יידן.

נאָך ביים אָנפאַנג פונם 17טן יאָרהונדערט, ווען אוקראַינע איז געווען אַ וויכטיקער צענטער פון לומדות ביי יידן, איז בראַצלאַוו געווען אַ שטאָט, אויף וועלכער מ׳האָט געקענט זאָגן, אַז מ׳געפינט דאָרטן תורה און חכמה. ס׳האָבן דאָרט געוואוינט לומדים און רבנים און ס׳האָבן אין יענעם געגנט, וואָס ווערט אין דער רוסישער געשיכטע אָנגערופן „בראַצלאַוושטשינאַ״, געלעבט און גע־

ווירקט גרויסע יידישע געלערנטע, וואָס האָבן פאַרשפּרייט זייער איינפלוס ווייט און ברייט. אויך שפּעטער, ווען ס׳האָט זיך אין אוקראַינע אָנגעהויבן די באַוועגונג פון חסידיזם ביי יידן, האָט בראַצלאַוו זייער אַ וויכטיקע ראָלע געשפּילט. עס האָט דאָרט געלעבט און געווירקט דער גרויסער חסידישער צדיק, רבי נחמן בראַצלאַווער, וואָס האָט זיך געמאַכט באַרימט איבער דער גאַנצער וועלט מיט זיין נייער שיטה אינם חסידיזם און אויך מיט זיינע וואונדערלעכע „סיפּורי מעשיות״, פון וועלכע ס׳הויבט זיך אָן די געשיכטע פון דער נייער יידישער ליטעראַטור. אויך ר׳ נתן נעמיראָווער, דער, וואָס האָט ר׳ נחמנס וואונדערלעכע „סיפּורי מעשיות״ פאַרשריבן און זיי נאָכדעם אַרויסגעגעבן און פאַרשפּרייט, און מיט אַזאַ ליבשאַפט און איבערגעגעבנקייט ווייטער געפּרעדיקט דאָס, וואָס ער האָט פון זיין גרויסן רבין געלערנט, האָט אין בראַצלאַוו געוואוינט, און פון די לעגענדעס, וואָס האָבן זיך אַרום דעם געוועבט, האָבן קינסטלער געשאַפן ווערק, וואָס פאַרנעמען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער יידישער און אין דער העברעאישער ליטעראַטור, און פון דער ווירקלעכקייט, וואָס איז געווען אויך פונקט אַזוי שיין ווי אַ לעגענדע, האָבן פאַרשער גרויסע ביכער געשריבן און נאָך אַלץ ניט אויסגענוצט דעם גאַנצן מאַטעריאַל.

אַ סך וויכטיקע געשעענישן אין דער געשיכטע פונם יידישן פאָלק — און אין דעם נעמען מיר אויך אַריין די באַוועגונגען פון שבתי צבי און יעקב פראַנק — זיינען פאַרבונדן מיט דער שטאָט בראַצלאַוו. און אַנדערש האָט עס ניט געקענט זיין, ווייל בראַצלאַוו איז געווען אַ צענטער, און אַלץ, וואָס ס׳איז נאָר פאָרגעקומען אין יידישן לעבן, האָט זיך דאָרט אָפּגעשפּילט, און יעדער באַוועגונג, וואָס האָט נאָר אָנגערירט יידן, סיי צום גוטן און סיי צום שלעכטן, האָט דאָרט געפונען אירע אָנהענגער און אויך אירע געגנער. ס׳איז געווען אַ שטאָט, וואָס בלייבט קיינמאָל ניט אין אַ זייט, און וואו צו אַלץ געפינען זיך מענטשן, וואָס וואַרפן זיך אין דעם אַריין מיט אימפּעט.

אויפן גורל פון די יידן אין בראַצלאַוו איז אויסגעפאַלן צו ליידן אַ סך, נאָך איידער ס׳האָבן זיך אין אוקראַינע אָנגעהויבן די שרעקלעכע שחיטות פון באָגדאַן כמעלניצקי. אויסער די צוויי פריער דערמאָנטע צוזאַמענשטויסן, וואָס די יידן פון בראַצלאַוו האָבן געהאַט מיט די טאָטערן, אין די יאָרן פון 1479 און 1551, האָבן זיי אויך געהאַט אַ סך אויסצושטיין פון דעם אוקראַינישן העטמאַן סעמערי נאַליוואַיקאָ, וועלכער האָט אינם זעכצנטן יאָרהונדערט אַרויסגערופן אַן אויפשטאַנד פון אוקראַאינישע פּויערים און קאָזאַקן קעגן פּוילישע פּריצים. אינם אויפשטאַנד, וואָס האָט געדויערט אַ לאַנגע צייט, זיינען יידן געווען די ערשטע קרבנות, און אין דעם יאָר 1596 איז נאַליוואַיקאָ מיט זיינע מחנות

עטלעכע מאָל אָנגעפאַלן אויף בראַצלאַוו, און זיינע באַנדעס האָבן דאָרט גע־ראַבעוועט און געקוילעט יידן *).

*****

איבער דעם, וואָס מ׳האָט אויף בראַצלאַוו אַזוי פיל איבערפאַלן געמאַכט, איז שוין געהאַט געקומען אַ צייט, ווען די יידישע באַפעלקערונג דאָרט האָט אָנגעהויבן ווערן וואָס אַמאָל אַלץ קלענער און קלענער, און ס׳איז פאַראַן אַ סברא, אַז אינם יאָר 1616 האָבן דאָרט געוואוינט ניט מער ווי אַכצן יידישע פאַמיליעס. יידן האָבן, ווי ס׳שיינט, געוויכט פון בראַצלאַוו און קיין חשק ניט געהאַט זיך דאָרט צו באַזעצן. אָבער דאָס האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן, און בראַצלאַוו האָט ווידער אָנגעהויבן ווערן אַ שטאָט מיט אַ גרויסער יידישער באַפעלקערונג, און מיט אַזעלכע, וואָס לעגן אַריין אימפעט אין אַלץ צו וואָס זיי נעמען זיך נאָר. עס איז ווידער איינגעשטעלט געוואָרן אַ לעבן, וואָס האָט געהאַט אַלע אויסזיכטן צו אַנטוויקלען זיך נאָך מער. אָבער ווען ס׳האָבן אויסגעבראָכן די כמעלניצקי שחיטות, וואָס האָבן אין 1648 געבראַכט טויט און חורבן אויף די צוויי נאָענטע שטעט טולטשין און נעמיראָוו, האָט דאָס די שטאָט, וואָס ביים ברעג פונם בוג, אויך ניט אויסגעלאָזן. כמעלניצקיס באַנדעס האָבן אין בראַצלאַוו אויסגעשאָכטן אַלע יידן. ס׳איז דאָרט פון זיי קיין איינער ניט אַרויס מיטן לעבן.

דאָס איז אָבער אַלץ ניט געווען דער סוף. נאָך די כמעלניצקי־שחיטות האָבן זיך יידן ווידער אָנגעהויבן באַזעצן אין בראַצלאַוו, און מיט אַ סך יאָרן שפּעטער, ווען פּיאָטר דער גרויסער איז געזעסן אויפן רוסישן טראָן, האָבן זיי געהאַט אַ סך אויסצושטיין פון דעם רוסישן מיליטער, וואָס האָט זיך דאַן געשלאָגן מיט די צוויי אוקראַינישע אַטאַמאַנען וואָינאַראָווסקי און אָרליק, וועלכע האָבן געשלאָסן אַ בונד מיט די טאָטערן קעגן דעם צאַר פון רוסלאַנד.

עס איז זעלטן פאָרגעקומען אַ וויכטיקע פּאַסירונג, וואָס זאָל ניט אָנרירן דעם געגנט, וואָס מ׳רופט אָן „בראַצלאַוושטשינאַ“. און אין אַזעלכע פאַלן איז די שטאָט בראַצלאַוו שטענדיק געווען די ערשטע צו ליידן, און ווי ס׳פירט זיך שוין

*) דאָ וועט אפשר זיין ניט איבעריק אָנצואווייזן אויף אַ טעות, וואָס דער היסטאָריקער יולי געסען האָט געמאַכט אין דער „יעווריעיסקאַיאַ ענציקלאָפּעדיאַ“ (באַנד 4, ז׳ 928). ער זאָגט דאָרט, אַז נאַליוואַיקאָס אָנפאַל אויף בראַצלאַוו איז פאָר־געקומען אינעם יאָר 1569. און דאָס איז ניט ריכטיק. דער אויפשטאַנד פון די צוויי אוקראַינישע אַטאַמאַנען, סעמערי נאַליוואַיקאָ און גריגאָרי לאָבאָדאַ, האָט זיך אָנגעהויבן ערשט אינעם יאָר 1595, און ער האָט געדויערט צוויי יאָר. דאָס איז פעסטגעשטעלט אין די ווערק פון די גרעסטע רוסישע היסטאָריקער, און אין פּראָפעסאָר קליוטשעווסקיס „קורס רוסקאָי היסטאָרי“ (באַנד 3, ז׳ 140 און ווייטער) ווערט וועגן דעם גערעדט אויספירלעך.

געווינלעך, איז אַלץ אויסגעגאַנגען צו יידישע קעפּ. אַזוי איז געווען נאָך אין די ציַיטן, ווען די שטאָט איז געשטאַנען אונטער דער הערשאַפט פון דער פּוילישער מלוכה, און אַזוי איז אויך געווען שפּעטער, נאָכדעם ווי זי איז, ביים סוף פון אַכצנטן יאָרהונדערט, געשטעלט געוואָרן אונטער דער הערשאַפט פון רוסלאַנד. אָבער דאָס אַלץ האָט דאָך ניט געשטערט אין דעם, אַז אין יענעם געגנט זאָל די שטאָט בליַיבן אַ וויכטיקער צענטר פון יידישן לעבן און שאַפן. און ווען דער גרויסער צדיק רבי נחמן האָט זיך דאָרט, אין יאָר 1802, באַזעצט, איז שוין בראַצלאַוו געווען אַן אויעזדנע שטאָט, און זי האָט שוין געהאַט אַ נאָמען צווישן יידן אויף דער גאַנצער וועלט.

קיין גאָר גרויסע באַפעלקערונג האָט די אויעזדנע שטאָט ניט געהאַט אַפילו אין די בעסטע ציַיטן פון איר אַנטוויקלונג. מיט אַזאַ נאָמען האָט זי געמעגט זיין גרעסער, ווי זי איז געווען. אָבער אַ „אויעזדנע גאָראָד" איז דאָך ניט קיין קליינער יחוס. אין די ציַיטן פון די צאַרן האָט דאָס פאַר אַ שטאָט געמיינט זייער אַ סך און מען האָט זיך דערמיט ניט וויניק איבערגענומען. און ווער האָט זיך עס געקענט ריכטן, אַז דווקא נאָך דער רעוואָלוציע וועט די אויעזדנע שטאָט בראַצלאַוו אַרונטער פון איר גדולה און גאָר ווערן בלויז אַ טייל פון דעם געגנט, וואָס מ'האָט אַ נאָמען געגעבן „טולטשינער אָקרוג!" די שטאָט טולטשין, וואָס איז פריער ניט געווען אַזוי באַרימט ווי בראַצלאַוו, איז געוואָרן אַ גרעסערע יחסנטע, און זי האָט, אונטער דעם נייעם רעזשים אין לאַנד, אָנגעהויבן פאַרנעמען אַ מער אָנגעזעען פּלאַץ.

בראַצלאַוו איז אַרונטער און טולטשין איז אַרויף.

ביי איין שטאָט האָט זיך אָנגעהויבן אַ ירידה, און די צווייטע איז דערהויבן געוואָרן אויף איר חשבון.

אָבער ניט אין גרויסקייט גייט עס דאָ. אַ שטאָט קען זיין ניט גרויס און דאָך שפּילן אַ גרויסע ראָל — ניט נאָר אינם לעבן פון אירע איינוואוינער, נאָר אויך אינם לעבן פון די, וואָס וואוינען אין אַנדערע שטעט פון דעם אַרומיקן געגנט. זי קען אויך זיין אינטערעסאַנט צוליב דער אייגנאַרטיקייט, וואָס צייכנט זי אויס פון אַנדערע שטעט. און בראַצלאַוו איז אַלעמאָל געווען זייער אַן אינטערעסאַנטע שטאָט. אַן אינטערעסאַנטע און אַ שיינע.

אַ היפּשן טייל צו דער שיינקייט פון שטאָט גיט צו דער בוג. ער איז שיין, דער גרויסער טייך, אין אַלע ציַיטן פון יאָר, זומער און ווינטער. און נאָך איידער דער ווינטער גייט אַוועק און אין דער לופט הויבט זיך אָן פילן דאָס אָנקומען פונם פרילינג, איז דער בוג דער ערשטער אָנצוזאָגן דער שטאָט די גרויסע בשורה, און ער טוט דאָס מיט אַזאַ קראַפט און מיט אַזויפיל שיינקייט אין דער קראַפט, אַז ווער ס'גייט נאָר פאַרביי, שטעלט זיך אָפּ ביים ברעג און

קוקט מיט ברייט צעעפנטע אויגן און מיט פאַרגאַפטע בליקן, און ס׳געפינען זיך אויך אַזעלכע, וואָס קומען פון ווייט דאָס אָנקוקן.

יונגע און אַלטע, מענער און פרויען, שטעלן זיך אַוועק ביים ברעג, און ווי ווייט די אויגן קענען נאָר גרייכן, קוקן זיי אויף דעם אייז, וואָס איז נאָך ערטער־ווייז באַדעקט מיט שניי, און אַלע מאָל דערהערט מען פון אַן אַנדער זייט ווי דאָס אייז ברעכט זיך, און אַלעמאָל דערזעט מען ערגעץ אַנדערש ווי די וואַסער שפּאַרט זיך אַרויס פון הינטן מיט אַ פּאַרע און צעשטראָמט זיך אין אַלע זייטן. און מיטאַמאָל גיט זיך אַ טראָג אין דער לופט אַ שטאַרקער קראַך, פּונקט ווי אַ האַרמאַט וואָלט אויסגעשאָסן דאָ ניט ווייט, און באַלד דערזעט מען ווי גרויסע אייז־קריעות, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּאָלטן איינע פון די אַנדערע, גיבן זיך אַ לאָז איבערן וואַסער, וואָס שלאָגט אַרויס פון הינטער דער פאַרפראָרנקייט און וואָס פילט זיך נאָך ניט איינגאַנצן זיכער מיט איר מאַכט. אָבער ביסלעכווייז דערפילט די וואַסער איר מאַכט אַלץ מער און מער, און אָט וויגט זי שוין די גרעסטע אייז־קריעות אויף די רוקנס פון די כוואַליעס, וואָס זי שלאָגט אַרויס, און זי שטויסט זיי איינע צו די אַנדערע און זי שפּאַרט זיי איינע אויף דער אַנדערער און טיילט זיי באַלד פאַנאַנדער און פאַרטראָגט זיי ווייט. און אָט קומט ווידער אַ קראַך און ווידער אַ קראַך, און מ׳זעט ווי אומעטום ברעכט זיך און שפּאַרט זיך דאָס דיקע אייז, וואָס איז אַ גאַנצע ווינטער געווען באַדעקט מיט שניי און וואו מען איז מיט אַזאַ זיכערקייט געפאָרן אויף שליטנס און די שווערסטע משאות געפירט. און נאָך יעדן קראַך קומט אַן אָפּקלאַנג, וואָס שלאָגט זיך אָפּ אין די אויערן ווי אַ קרעכץ פון עפּעס אַ ווילדן כוח, וואָס האָט זיך לאַנג געריסן פון אַ שטיקעניש און זיך קוים דערוואַרט אויף דעם מאָמענט, ווען ער וועט זיך קענען אַרויסרייסן. און אין דער ווילדער שפּיל פון אייז און וואַסער באַווייזט זיך פּלוצלונג אַ לאַנגע און שמאָלע אייז־קריעה, וואָס שפּאַרט זיך בריהש צווישן די אַנדערע און וואָס וויל זיך דווקא יאָגן העענדום־פּעענדום אָן אַן אָפּהאַלט, אָבער יאָגנדיק זיך אַזוי מיטן שטראָם, גליטשט אַן אַנדער אייז־קריעה זיך אַרויף אויף איר אין איין זייט און בויגט זי אויס אַזוי, אַז זי בלייבט שטעקן אין דער הויך, מיטן שפּיץ אַרויף, און באַלד קומען אָן נאָך עטלעכע קריעות, וואָס ווערן עפּעס ווי צוגעקלעפּט צו איר, און אַלע אינאיינעם טראָגן זיך מיט איר איבערן שטראָם ווי זיי וואָלטן זי אין אַ קלעם אַריינגעכאַפּט.

און ווייטער, ביי די זייטן פונם ברעג, שטייען די אַלטע גרויע פעלדזן, וואָס היטן דעם בוג שוין הונדערטער און הונדערטער יאָרן, און ס׳אָטעמט פון זיי מיט אַן אייביקייט, וואָס האָט ניט קיין אָנהויב און אויך ניט קיין סוף. זיי זיינען אָנגעכמורעט, די אַלטע, פעלזן, אָנגעכמורעט און בייז. אָבער אין דער אָנגעכמורעטקייט פילט זיך די מעכטיקייט און די שיינקייט פון דער אייביקייט, וואָס זיי

האָבן אין זיך. און ווען אַ מענטש פאַרקוקט זיך אויף זיי און דערנאָך וואַרפט ער זיינע בליקן אויף דער ווילדער שפּיל פון די אייז־קריעות אויפן בוג, דערפילט ער זיך קליין און שוואַך ביי זיך, אָבער אין דער זעלבער צייט איז אים ליב וואָס ער לעבט אויף דער וועלט און ער קען זען אַזעלכע וואונדער און בלייבן פאַרגאַפּט פון אַזאַ שיינקייט, וואָס האָט אין זיך אַזאַ מאַכט...

און אַרום און אַרום שיינט די זון און זאָגט אָן דאָס אָנקומען פון דעם פרילינג. און פון די בערג און בערגלעך, וואָס געפינען זיך ערגעץ נאָענט און אויך ווייט, שטראָמען ריטשקעלעך וואָס גראָבן זיך הינטערן שניי, וואָס איז אַ גאַנצן ווינטער געווען פאַרפראָרן.

און וואו נאָר ערגעץ אַ ריטשקעלע, לויפט עס אין איילעניש צום בוג, ווי ס'וואָלט ניט געוואָלט פאַרשפּעטיקן די ווילדע שפּיל פון אייז און וואַסער, וואָס מ'זעט דאָרט איצטער...

דאָס איז אַזאַ שיינקייט, וואָס מען דאַרף זען מיט די אייגענע אויגן!...

און עס איז געווען גוט צו זיין אין בראַצלאַוו, אין די צייטן, ווען דאָס אייז אויפן בוג הויבט אָן ברעכן!

„ס'לאָזט שוין!" — פלעגן יידן איינער דעם אַנדערן דאָס אָנזאָגן ווי אַ בשורה, כאָטש אַלע האָבן דאָס שוין געוואוסט ווי נאָר מ'האָט דערהערט דאָס קראַכן, וואָס האָט זיך פונם בוג דערטראָגן מיט אַזאַ הילך ווי מ'וואָלט פון האַרמאַטן געשאָסן. „ס'לאָזט שוין" האָט געמיינט, אַז דאָס אייז אויפן בוג ברעכט זיך שוין, און דאָס האָט געהייסן, אַז דער ווינטער איז שוין אַוועק, אַז ס'איז שוין אַ סוף צו די קעלטן, און אַז באַלד וועלן זיך אָנהויבן וואַרעמע טעג, און אײדער מ'וועט זיך געבן אַ ריר, וועט שוין זיין ערב פּסח און אין שטאָט וועט זיך טומלען מיט די מצה־„פּאָדריאַדן", און מ'וועט ריגלען מצות אויף בלעך און מ'וועט זיי באַקן אין אָנגעגליטע אויוונס, און מ'וועט זיי, אין קאָסטנס און אין געפלאָכטענע קוישן, וואָס האָבן צוויי „אויערלעך" פוןביידע זייטן, טראָגן איבער די גאַסן פון שטאָט און זיי דערנאָך אויף אַ לייטער שלעפּן אויפן בוידעם, וואו מ'האַלט דאָס פּסח־דיקע געפעס, און ייִנגלעך וועלן אויפהערן גיין אין חדר און מ'וועט זיי אָנמעסטן נייע גאַרניטורלעך, און די מאַמעס וועלן אָנזאָגן די שניידער, אַז מ'זאָל, למען־השם, די אַרבל פונם קאַפּאָטקעלע מאַכן אַ ביסל לענגער...

*
**

ביזן אויסברוך פון דער רעוואָלוציע פון 1917, האָט זיך אויפן יידישן לעבן אין בראַצלאַוו שטאַרק געפילט דער איינפלוס פון דעם גרויסן חסידישן רבין ר' נחמן, וואָס איז פון זיין מוטערס צד געווען אַן אור־אייניקל פון ר' ישראל בעל־שם־טוב.

אַכט יאָר האָט ר׳ נחמן געלעבט און געווירקט אין בראַצלאַוו — פון 1802 ביז 1810. נאָך דער גרויסער שׂרפה, וואָס איז דאַן געווען אין שטאָט, האָט זיך ר׳ נחמן אַריבערגעצויגן קיין אומאַן, און מיט זעקס חדשים שפּעטער איז ער דאָרט געשטאָרבן. און כאָטש ער איז דאַן אינגאַנצן אַלט געווען ניט מער ווי אַכט און דרייסיק יאָר און די אַנדערע גרויסע רביים פון יענער צייט האָבן קעגן אים יאָר לאַנג אַ שטאַרקן קאַמף געפירט, האָט ער נאָכן טויט איבערגעלאָזט אַ סך חסידים אין אַלע שטעט און שטעטלעך פון אוקראַיִנע, און אומעטום האָט מען זיי אַנדערש ניט גערופן ווי נאָר „די בראַצלאַווער חסידים‟; אַפילו נאָך זיין טויט זיינען זיי צו קיין אַנדער רבין ניט איבערגעגאַנגען און דער צענטער פון דער נייער שיטה אין חסידות, וואָס רבי נחמן האָט ביי זיין לעבן געפּרעדיקט, איז געבליבן בראַצלאַוו.

דאָרט האָבן זיינע חסידים געהאַט אַ באַזונדער שול פאַר זיך, און אין בראַצלאַוו האָט מען שוין געוואוסט, אַז דאָס וואָס מ׳קען אין יענער שול זען שׂמחת־תּורה, קען מען ניט זען אין קיין אַנדער שול און אין קיין אַנדער בית־המדרש, וואָס געפינט זיך אין שטאָט. אויך די ניגונים, וואָס מ׳הערט דאָרט שׂמחת־תּורה, קען מען אין קיין אַנדער שול ניט הערן.

ראש־השנה איז די שול פון די בראַצלאַווער חסידים געווען כמעט ליידיק, ווייל די מערסטע פון זיי זיינען אויף ראש־השנה אַוועקגעפאָרן קיין אומאַן, צו זיין אויפן קבר פון זייער גרויסן רבין, אין וועלכן זיי זיינען געווען אַזוי שטאַרק פאַרגלויבט, אַז זיי האָבן אַפילו נאָך זיין טויט קיין אַנדערן ניט אַוועקגעזעצט אויף זיין שטול. דאָס איז געבליבן אַ מנהג ביי אַלע בראַצלאַווער חסידים, אומעטום; זיי האָבן געהאַלטן הייליק די רייד וואָס רבי נחמן פלעגט אָפט זאָגן ביים לעבן, אַז: „יאָ עסן, ניט עסן, יאָ שלאָפן, ניט שלאָפן, יאָ דאַוונען ניט דאַוונען, אַבי איר זאָלט ביי מיר זיין אויף ראש־השנה!‟

די חסידים אין בראַצלאַוו האָבן דאָס אָפּגעהיט נאָך מער ווי די אַנדערע „בראַצלאַווער חסידים‟, וואָס רבי נחמן האָט איבערגעלאָזט נאָך זיין טויט אין אַ סך יידישע שטעט און שטעטלעך אין אוקראַיִנע. און אַלע יאָר, ווען ס׳איז געבליבן ניט מער ווי אַ וואָך אָדער צוויי צו ראש־השנה, האָט מען זיך שוין באַצייטנס גענומען קלייבן אין וועג אַריין, און געפאָרן פון בראַצלאַוו קיין אומאַן איז מען מיט בעלי עגלות און אויף פויערשע פורלעך, אומן אויפן וועג, וואָס האָט זיך געצויגן צווישן פעלדער און וועלדער, האָט מען גערעדט וועגן דעם, ווי אַזוי דער רבי, וועלכער איז שוין מער ווי הונדערט יאָר טויט, פלעגט זאָגן תּורה אין די דרשות, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר די חסידים, וואָס האָבן זוכה געווען צו לעבן אין זיין צייט, און מ׳האָט געזונגען די ניגונים, וואָס ער פלעגט זינגען און וואָס זיינען איבערגעגאַנגען פון דור צו דור.

דאָס פאָרן קיין אומאַן אויף ראש־השנה איז ביי די חסידים אין בראַצ־לאַוו געווען אַ געשעעניש אין לעבן, אַ גרויסע זאַך, וואָס דערהויבט דעם מענטשן צו אַ העכערער מדרגה און באַפרייט אים פון דער וואָכעדיקייט, מיט וועלכער דאָס לעבן איז פול. און ס'איז געווען איינגעפירט, אַז די רייכע און פאַרמעגלעכע חסידים זאָלן מיטנעמען די אָרעמע אויף זייער חשבון. אָרעמקייט טאָר ניט זיין קיין אָפּהאַלט צו פאָרן צום רבינס קבר אויף ראש־השנה. ווער ס'קען נאָר און ווער ס'וויל נאָר, זאָל פאָרן. און די וואָס האָבן ניט אויף הוצאות, דאַרפן זיך ניט זאָרגן — מ'וועט זיי מיטנעמען קיין אומאַן און באַצאָלן פאַר זיי. בלייבן אין דער היים זאָלן בלויז די, וואָס זיינען קראַנק, אָדער אַזעלכע, וואָס זיינען שוין צו אַלט צו מאַכן אַזאַ ווייטע רייזע מיט אַ וואָגן.

עס זיינען אָבער צווישן די אָרעמע חסידים אין בראַצלאַוו דאָך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן ניט געוואָלט אָנקומען צו קיינעם, אַז מ'זאָל זיי געבן אויף הוצאות, און זיי האָבן זיך דעריבער געלאָזט גיין צופוס. איבער די שטויביקע וועגן האָבן זיי זיך גאַנצע טעג געשלעפּט מיט די קלומקעס אויף די פּלייצעס, און ניט איינמאָל האָט מען אין אַ דאָרף אַזאַ יידן מיט שטיינער באַוואָרפן און אים גערופן „זשיד כאַלאָמעי״, אָבער ער איז זיך ווייטער געגאַנגען זיין וועג, ביז ער איז קיין אומאַן אָנגעקומען. און אַמאָל האָבן אַנדערע בראַצלאַווער חסידים אויפן וועג אַזאַ יידן אויפן וואָגן אַרויפגענומען און אים קיין אומאַן געבראַכט און דאָרטן איז ער שוין ניט פאַרפאַלן געוואָרן און ער איז צווישן אַלע חסידים געווען פונקט אַזוי חשוב ווי די וואָס זיינען געקומען צו פאָרן אין קאַרעטעס און אין פאַעטאָנען.

נאָך ראש־השנה זיינען די חסידים געקומען צוריק קיין בראַצלאַוו, און אין שטאָט האָט מען שוין געוואוסט, אַז זיי האָבן פון אומאַן נייע ניגונים גע־בראַכט און אַז זינגען די ניגונים וועט מען שמחת־תורה אין שול. און דערפאַר איז געווען איינגעפירט, אַז שמחת־תורה צו די הקפות זאָל מען גיין אין דער שול, וואו די בראַצלאַווער חסידים דאַווענען. דאָרט איז די פרייד פונם יום־טוב געווען גרעסער ווי אין די אַנדערע שולן און קלויזן אין שטאָט; אָרעמע און רייכע האָבן זיך געפרייט אַלע אינאיינעם ווי איין גרויסע משפחה, וואָס פאַרהאַלט זיך זייער גוט; אַלע האָבן זיך געדרייט אין איין ראָד, אַלע זיינען געווען באַגייסטערט און אַלע האָבן מיט התפעלות און דבקות געזונגען די נייע ניגונים, וואָס מ'האָט פון אומאַן געבראַכט אַהער, זיך צו קוויקן מיט זיי אַ גאַנץ יאָר, ביז ס'וועט ווידער קומען אַ ראש־השנה און מ'וועט ווידער פאָרן קיין אומאַן, צום קבר פון דעם גרויסן ר' נחמן, וועלכער האָט ביי זיין לעבן אַזוי שטאַרק ליב געהאַט נגינה און געזאַנג און וועלכער פלעגט אָפט ליב האָבן צו זאָגן, אַז „פרייד שטאַרקט ביים מענטשן דעם כוח פון זיין פאַרשטאַנד״.

***

דער שטעמפּל, וואָס רבי נחמן און זיינע חסידים האָבן אַרויפגעלייגט אויף דעם יידישן לעבן אין בראַצלאַוו נאָך ביים אָנהויב פונם נייַנצנטן יאָרהונדערט, האָט זיך שטאַרק געפילט אַפילו דאַן ווען ס׳האָט זיך דאָרט אָנגעהויבן די באַוועגונג פון אויפקלערונג און יידישע בחורים און מיידלעך האָבן אין די זומערדיקע פאַרנאַכטן שוין אָנגעהויבן גיין שפּאַצירן געאָרעמט צו די „ליפּקעס“.

קיינער אין בראַצלאַוו האָט ניט געוואוסט, פאַרוואָס מ׳רופט מיטן נאָמען „ליפּקעס“ דעם פּלאַץ, וואָס געפינט זיך אויפן וועג קיין טולטשין, וואו ס׳שטייען די קאַזאַרמעס און וואו ס׳וואַקסן שיינע און הויכע בוימער. מעגלעך, אַז מ׳האָט דעם פּלאַץ געגעבן אַזאַ נאָמען, ווייל צווישן די בוימער, וואָס זיינען דאָרט געוואַקסן, זיינען אויך געווען ליפּאָווע בוימער, און דערפאַר האָט מען דאָס געגעבן אַ נאָמען „ליפּקעס“. ס׳קלינגט היימיש און נאָענט. אָבער דער נאָמען איז ניט געווען אַזוי וויכטיק ווי די ראָמאַנטישע אַטמאָספערע, וואָס האָט דאָרט געהערשט אין די שיינע לבנה־נעכט. און פון די „באַשטאַנען“ אַרום און אַרום, וואו ס׳וואַקסן קאָווענעס און דיניעס, און פון די גערטנער, וואָס ציען זיך אַוועק וויט־וויט, האָט זיך געטראָגן אַ פרישקייט, וואָס האָט אָנגעפילט דאָס האַרץ מיט נחת און פרייד און מיט אַ בענקשאַפט, וואָס פירט די געדאַנקען אַריין אין אַ וועלט פון שיינע טרוימען, וואָס וועלן גאָר אפשר קיינמאָל ניט פאַרווירקלעכט ווערן. און אין אַזאַ אַטמאָספערע, וואָס האָט געהערשט ביי די „ליפּקעס“, האָבן בראַצלאַווער יידישע בחורים און מיידלעך געשפּאַצירט, אין פּאָרלעך און אין גרופּעס, און מ׳האָט גערעדט וועגן ביכער און שרייבער און אויך וועגן באַוועגונגען, וואָס וועלן ברענגען גליק צו אַלע אָרעמע און אונטערדריקטע אויף דער גאַנצער וועלט און אויך צו יידן, וואָס זיינען מער ווי אַלע אַנדערע אונטערדריקט.

יעדער באַוועגונג אין לאַנד האָט אין בראַצלאַוו, צווישן דער יוגנט, געהאַט אירע אָנהענגער. עס זיינען דאָרט געווען סאָציאַל־דעמאָקראַטן, סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן און, ס׳פאַרשטייט זיך, אויך ציוניסטן און פּועלי־ציוניסטן, און אַלע האָבן אין די נייע אידעען, וואָס האָבן זיי פאַרכאַפּט, אַריינגעטראָגן דעם ברען, דעם פלאַקער, פון בראַצלאַווער חסידים. און גאָר שטאַרק האָט אין דעם פּרט דעמאָלט זיך אויסגעצייכנט איינער יאָסל יתום, וואָס האָט ביי רבי נחמנס חסידים איבערגענומען די ליבע צו נגינה און געזאַנג.

ער איז געווען אַ ציוניסט, דער יאָסל יתום, און ער האָט זייער שטאַרק ליב געהאַט העברעאיש. אין בראַצלאַוו איז ער געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָט אַ סך און מיט גרויס איבערגעגעבנקייט געאַרבעט דאָרט צו פאַר־

שפּרייטן די נייע העברעאישע ליטעראַטור, און כאָטש ער איז שוין געווען אַ „פרייער", האָט ער דאָך ליב געהאַט צו דאַוונען פאַרן עמוד, ווייל פונקט ווי רבי נחמן האָט ער געהאַלטן, אַז „אַ ניגון איז זייער און זייער אַ גרויסע און זייער און זייער אַ געהויבענע זאַך". אַזוי פלעגט ר׳ נחמן אָפט זאָגן, ווי ס׳ווערט דערציילט אינעם ספר „לקוטי מהר׳ן", און יאָסל יתום האָט דאָס געוואוסט, ווייל ער איז געווען גוט באַקאַנט מיט דער חסידישער ליטעראַטור.

אין זיין ליבע צו נגינה איז יאָסל יתום געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ס׳האָט ביי אים שוין ניט אויסגעמאַכט צו ווערן נאָענט באַפריינדעט מיט דעם גוישן דיריגענט פון דעם כאָר, וואָס האָט געזונגען אין קירך; ער פלעגט אָפט גיין צו אים צו גאַסט און אָפּזיצן ביי אים שטונדן לאַנג, און אויף דעם גרונט האָבן שוין גענומען אַרומגיין קלאַנגען אין שטאָט, אַז אויך אין קלויסטער כאַפּט ער זיך אַמאָל אַריין שטילערהייט, ווייל ער וויל זען און הערן ווי אַזוי זיין פריינד זינגט דאָרטן מיטן כאָר. און דאָס האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן שטורעם צווישן די בראַצלאַווער יידן און מ׳האָט געזאָגט, אַז מ׳טאָר אים מער צום עמוד ניט צולאָזן. וואָרעם, וואָס הייסט עפּעס, אַ ייד, וואָס דאַוונט פאַרן עמוד אין אַ שול, איז אַ גאַנצער גוטער ברודער מיט אַ גוי, וואָס זינגט מיט אַ כאָר אין קלויסטער! ס׳איז עפּעס הפקר אַ וועלט?

מער ווי אַלע אַנדערע האָבן זיך געקאָכט די בראַצלאַווער חסידים, די פרומע לייט. זיי האָבן געזאָגט, אַז אַזוינס טאָר מען ניט פאַרשווייגן. אָבער ווען יאָסל האָט זיי פאַרזיכערט, אַז זיין פריינדשאַפט מיטן גוישן דיריגענט פונם קלויסטער איז פשוט צוליב דעם, וואָס יענער איז אַזאַ גרויסער מנגן, אַז ער קען אַליין שאַפן ניגונים, האָט מען אים אַלץ פאַרגעבן, און מ׳האָט אים ווייטער געלאָזט דאַוונען פאַרן עמוד. און ווער ווייסט? אפשר האָט יאָסל געוואונען ביי זיי דערמיט וואָס ער האָט זיי דערמאָנט, אַז ניט קיין אַנדערער ווי רבי נחמן בראַצלאַווער אַליין פלעגט זאָגן, אַז „יעדער גרעזעלע אין פעלד האָט זיך זיין געזאַנג, און יעדער פאַסטוך האָט זיך זיין ליד און אַז אַפילו אין דער חכמה פון אַפּיקורסות איז פאַראַן אַ ניגון"...

מיט אַ גוטן אויסטייטש אויף רבי נחמנס אַ וואָרט וועגן נגינה און געזאַנג, האָט מען ביי בראַצלאַווער חסידים אַלץ געקענט געווינען...

דערפאַר אַליין, וואָס יאָסל יתום האָט געהאַט אַזאַ גוטן חוש פאַר נגינה און געוואוסט וואָס דער רבי ר׳ נחמן אַליין האָט אַמאָל געזאָגט וועגן דער גרויסער באַדייטונג פון אַ ניגון, האָבן אַפילו די פרומע חסידים אין בראַצלאַוו אים פאַרגעבן זיין אַפּיקורסות און אַלע זיינע פרייע פירונגען. מ׳האָט זיך צו אים אין שטאָט אומעטום זייער גוט באַצויגן, און ווען ער איז, אין 1910, געשטאָרבן אין דער

עלטער פון עטלעכע און פופציק יאָר, האָט מען פאַר אים אַ גרויסע לוויה געמאַכט, און פרומע און ערלעכע יידן, חסידים, האָבן פאַרמאַכט די קלייטן אין יענעם טאָג און געטרויערט נאָך אים.

***

פאַר דער רעוואָלוציע פון 1917 האָבן די יידן אין בראַצלאַוו אַ סך געליטן פון די פאַרשיידענערליי גרעסערע און קלענערע טשינאָווניקעס, וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט אַהין, אין דער אויעזדנער שטאָט, אָפּט אַריינגעשיקט. צווישן יענע טשינאָווניקעס זיינען געווען אַ סך „סאַמאָדורן", ווילדע ברואים, וואָס האָבן גלאַט הנאה געהאַט פון דעם וואָס זיי טוען אָן יידן נגישות און פייניקן זיי אומזיסט און אומנישט. און איינער אַזאַ צאַרסקער טשינאָווניק, אַ פּאָליצמייסטער מיטן נאָמען זאַיצעוו, האָט אַמאָל איבערגעשטיגן די אַלע אַנדערע, וואָס זיינען געווען פאַר אים, און ער האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע יידן אין בראַצלאַוו זאָלן זיך אָפּשערן איין פאה...

ביי אים, ביי דעם „קלוגן" פּאָליצמייסטער, וואָס האָט געדאַרפט אויפפּאַסן אויף דער אָרדענונג אין שטאָט, איז אויסגעקומען, אַז דער בעסטער באַפעל, וואָס ער קען אַרויסגעבן, איז אַז יידן זאָלן זיך אָפּשערן איין פאה. ס'וועט זיין „שפּאַס" און ער וועט קענען האָבן נחת פון דעם... אַ „פּאַטיעכאַ" וועט דאָס זיין!...

די געפילן פון די פרומע, ערלעכע יידן, זיינען אים ניט אָנגעגאַנגען. ווען מ'האָט אים איבערגעגעבן וואָס ס'טוט זיך צווישן די בראַצלאַווער חסידים איבער דער גזירה, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן, האָט ער שטאַרק אָנגעקוואָלן דערפון;ס'האָט אים הנאה געטאָן וואָס ער האָט אַזוי גוט געטראָפן, און רעדנדיק וועגן דעם האָט ער געקייכט פון געלעכטער און פאַר אַלע זיינע גוטע פריינד האָט ער זיך באַרימט דערמיט וואָס ער איז אויף אַזאַ גוואַלדאָוונעם שכל געפאַלן.

דאַן זיינען די צוויי דיינים פון שטאָט, דער גרויסער דיין און דער קליינער דיין, און אויך איינער פון די שוחטים, אַוועק צו אים בעטן, ער זאָל אָפּשאַפן די גזירה וועגן דער איינער פאה, אָבער ער האָט זיי דערויף געענטפערט, אַז זיי וועלן דאָס ביי אים פועלן בלויז מיט איין תנאי.

און וואָס איז געווען דער תנאי?

אַז אַלע דריי, די צוויי דיינים און דער שוחט, זאָלן זיך לאָזן אָפּשערן איין פאה. דערמיט וועלן זיי אויסקויפן די אַנדערע פרומע יידן אין בראַצלאַוו און מ'וועט זיי ניט צווינגען צו פאָלגן דעם באַפעל...

און די דריי פרומע יידן, די צוויי דיינים און דער שוחט, האָבן זיך געלאָזט אָפּשערן איין פאה, כדי אויסצוקויפן די אַנדערע און ניט דערלאָזן דערצו, אַז אַ שטאָט מיט יידן זאָל אַרויסגעשטעלט ווערן צו שאַנד און צו שפּאָט...

אויך נאָך דער רעוואָלוציע האָבן די יידן אין בראַצלאַוו אַ סך צרות אַריבערגעטראָגן. אינם זומער פונם 1919, אין די צייטן פון דעם גרויסן בירגער־קריג זיינען אין בראַצלאַוו פאָרגעקומען עטלעכע פּאָגראָמען. די באַנדעס, וואָס האָבן דאַן אין יענעם געגנט פון איין שטאָט אין דער אַנדערער געמאַרשירט, האָבן אין בראַצלאַוו אויסגעהרגעט און אויסגעשאָכטן מער ווי דריי הונדערט יידן. אַ סך יידן האָט מען דאַן אַריינגעוואָרפן אין בוג און זיי זיינען דערטרונקען געוואָרן, אונטער אַ האָגל פון שטיינער, וואָס די רוצחים האָבן אויף זיי געוואָרפן. אָבער מיר ווילן זיך דאָ ניט אָפּשטעלן אויף די איינצלהייטן פון יענער שחיטה. זיי ווערן איבערגעגעבן אין די מאַטעריאַלן, וואָס א. ד. ראָזענטאַל האָט צונויפגעזאַמלט אין זיין ווערק „מגלת הטבח״ (זז. 98—100). מיר ווילן דאָ אָבער דערמאָנען, אַז ביים ערשטן פּאָגראָם, וואָס האָט געדויערט אַ גאַנצע נאַכט, זיינען פאַרטאָג אַריינגעקומען אין שטאָט די פרומע רוסישע „סטאַראָווערן״, וואָס וואוינען ניט ווייט, און זיי האָבן די פּאָגראָמשטשיקעס פאַרטריבן און ווען די באַנדע איז אַוועק און די שטאָט איז געבליבן אָן אַ רעגירונגס־מאַכט, וואָס זאָל האַלטן אָרדענונג, האָבן די פרומע „סטאַראָווערן״ זי באַשיצט. זיי האָבן אַהין קיין באַנדע ניט צוגעלאָזט, ביז די באָלשעוויקעס זיינען געקומען און האָבן דאָרט איבערגענומען די מאַכט...

די יידן אין בראַצלאַוו האָבן זיך נאָכדעם אָנגעהויבן צופּאַסן צו דער נייער אָרדענונג, כאָטש דאָס איז זיי אויך ניט אָנגעקומען גרינג. זיי האָבן אַריבערגעטראָגן יאָרן פון הונגער, יאָרן פון נויט; דאָס אַלטע לעבן איז אונטערגעגאַנגען און אַ ניי לעבן האָט זיך אָנגעהויבן שאַפן. אָבער נאָך איידער דאָס נייע לעבן האָט באַשטימטע פאָרמען אָנגענומען, נאָך איידער די אַלטע וואונדן האָבן זיך פאַרהיילט, זיינען די ווילדע נאַצישע רוצחים אָנגעקומען, און ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן נייע צרות און אומגליקן, נאָך שרעקלעכער ווי די פריערדיקע.

און ווער ווייסט ווען ס׳וועט אַמאָל נעמען אַ סוף און צי ס׳וועט אַמאָל ווירקלעך טאַקע קומען די צייט ווען מ׳וועט זיך מער ניט דאַרפן שרעקן פאַר עפּעס אַ נייעם אומגליק?...

„אַז די גאַנצע וועלט, — האָט רבי נחמן געזאָגט, — איז שטענדיק פול מיט קריג. אַזוי איז דאָס צווישן די פעלקער פון דער וועלט, און אַזוי איז דאָס אויך אין יעדער שטאָט און אין יעדער שטוב; שכנים קריגן זיך, מאַן און ווייב קריגן זיך, קרובים קריגן זיך. און עס געפינט זיך גאָר ניט קיין איינער, וואָס זאָל זיך אַמאָל פאַרטראַכטן וועגן דעם וואָס דער מענטש שטאַרבט אָפּ מיט יעדן טאָג, און אַז דער היינט, וואָס איז אַוועק, וועט זיך שוין מער קיינמאָל ניט אומקערן צוריק און אַז מיט יעדן טאָג, וואָס גייט אַוועק, קומט מען אַלץ נעענטער און נעענטער צום טויט...״

און נאָך האָט רבי נחמן בראַצלאַווער אַמאָל געזאָגט:

„ס׳איז אָנגענומען, אַז ס׳איז פאַראַנען אַן עולם הזה **און אַן** עולם הבא. **נו, איז וואָס שייך עולם הבא,** גלויבן מיר, **אַז ס׳איז דאָ אַזוינס. און וואָס שייך** עולם הזה, **איז אפשר דאָס ערגעץ פאַראַנען, אָבער אויף דער וועלט, אין וועלכער מיר לעבן, איז דאָס ניטאָ. דאָ איז אַ גהינום...״**

רבי נחמן בראַצלאַווער

(בראַצלאַוו — 2)

מען קען ניט שרייבן וועגן דער שטאָט בראַצלאַוו און זיך דערביי ניט אָפּשטעלן אַ ביסל לענגער אויף דער אויסערגעוויינלעך אינטערעסאַנטער פּערזענלעכקייט פון דעם גרויסן חסידישן רבין ר׳ נחמן בראַצלאַווער, וועלכער האָט דאָרט ביים אָנפאַנג פונם נייַנצנטן יאָרהונדערט זיין היים געמאַכט און פון דאָרט זיין איינפלוס פאַרשפּרייט.

ניט נאָר צווישן די חסידים, וואָס האָבן אין אים געגלויבט און זיינען אין זיינע וועגן געגאַנגען איז זיין איינפלוס געווען גרויס — ער האָט אויפן גאַנצן יידישן לעבן אין אוקראַינע דעם שטעמפּל פון זיין גייסט אָװעקגעלייגט, און דאָס האָט מען געפילט ניט נאָר אין די צייטן ווען ער האָט געלעבט און האָט געטאָן אַלץ, וואָס ס׳איז נאָר געווען אין זיינע כוחות צו פאַרשפּרייטן ווייט און ברייט דאָס וואָס ער האָט געפּרעדיקט, נאָר אויך יאָרן און יאָרן נאָך זיין טויט.

קיינער פון די חסידישע רביים פון יענער צייט האָט זיך אַזוי ממשותדיק און אויך גייסטיק ניט פאַרבונדן מיטן יידישן לעבן אויף דורות און דורות ווי דער בראַצלאַווער חסידישער רבי ר׳ נחמן. אַפילו דער האַרציקער ר׳ לוי־יצחק באַרדיטשעווער האָט זיך מיט אים אין דעם פּרט ניט געקענט פאַרגלייכן.. וואָרעם אין דער צייט ווען ר׳ לוי־יצחק איז נאָך זיין טויט איינגעהילט געוואָרן אין לעגענדעס און מ׳האָט וועגן אים שיינע און ליבע מעשיות דערציילט, איז ר׳ נחמן לאַנג נאָך זיין טויט געבליבן אַ ווירקלעכקייט. און ווען ס׳זיינען נאָר געקומען נייע צייטן אינם יידישן לעבן, ווען ס׳האָבן נאָר אָנגעהויבן בלאָזן נייע ווינטן, וואָס האָבן אומגעוואָרפן אַ סך פון די אַלטע בנינים — אין רבי נחמן בראַצלאַווער און אין זיינע רייד האָט יעדער דור געפונען אַזוינס, וואָס איז געווען נאָענט צום האַרצן און אויך צום פאַרשטאַנד. אויך אונדזער דור איז פון דעם ניט אויסגעשלאָסן. נאָך איצט איז אין אונדזער יידישער ליטעראַטור גרויס דער אינטערעס צום בראַצלאַווער חסידישן רבין, וועלכער האָט זיך מיט זיין לעבן און

שאַפן דערהויבן ניט נאָר ווי אַ פּרעדיקער פון הויכער מאָראַל, נאָר אויך ווי אַ קינסטלער, אַ פּאָעט.

די מאָראַל וואָס ער האָט געפּרעדיקט און אויך די וואונדערלעכע סיפּורי מעשיות, וואָס ער האָט דערציילט און וואָס זיין תלמיד ר׳ נתן נעמיראָווער האָט פאַרשריבן פאַר די שפּעטערדיקע דורות, זיינען נאָך ביז היינטיקן טאָג פאַר־בליבן אַ קוואַל, פון וואַנען מ׳קען שעפּן און שעפּן, כאָטש ניט אַלץ אין זיי איז קלאָר און ניט אַלע מאָל איז לייכט צו פאַרשטיין דעם מיין דערפון.

לויט זיין גאַנצן וועלט־באַנעם און אויך אין זיין כאַראַקטער איז רבי נחמן בראַצלאַווער געווען אַ מענטש מיט אַ סך ווידערשפּרוכן, און דעריבער איז אים אויסגעקומען זיך צו ראַנגלען מיט זיך אַליין מער ווי מיט אַלעמען. ער האָט מיט אַלע חושים ליב געהאַט דאָס לעבן, געהאַלטן, אַז אַ מענטש טאָר ניט פּייניקן דעם גוף מיט תעניתים, כדי אַראָפּצואוואַרפן פון זיך דאָס וואָכעדיקע און זיך דערהויבן העכער גייסטיק. אָבער ער אַליין האָט דווקא יאָ געפאַסט אַ סך תעניתים, געפּייניקט דעם גוף און געלעבט ווי אַ נזיר, וואָס דערווייטערט זיך פון אַלע פאַרגעניגנס פון דער וועלט.

ער פלעגט זאָגן, אַז ס׳איז גוט ווען אַ מענטש האָט אַ יצר־הרע. זיין מיינונג איז געווען, אַז ווען איינער איז פיין און לייטיש מחמת דעם, וואָס ער איז אין דער נאַטור אַזוי און ער האָט ניט קיין שום תאוות, קיין שום ליידנשאַפטן, האָט ער ניט מיט וואָס זיך איבערצונעמען און מ׳קען אים ניט האַלטן פאַר אַ מענטשן מיט אַ הויכער מאָראַל, ווייל ער דאַרף זיך דאָך ניט אָנטאָן קיין כוח צו זיין פיין און לייטיש; ער האָט דאָך ניט קיין יצר־הרע, וואָס ער זאָל דאַרפן בייקומען: דער אמתער מאָראַלישער מענטש איז דער, וואָס האָט יאָ שטאַרקע תאוות און ליידנשאַפטן און ער קעמפט מיט אַלע כוחות זיי צו דערשטיקן; דאַן דער־הויבט ער זיך צו אַזאַ מדרגה, וואָס שטעלט אים אַוועק העכער פון די מלאכים אין הימל. אַזוי פלעגט ר׳ נחמן בראַצלאַווער זאָגן. אָבער ער אַליין האָט זיך אַמאָל דאָך ניט ווייניק איבערגענומען דערמיט, וואָס ער איז אַזוי ווייט פון תאוות און ליידנשאַפטן, אַז ס׳איז ביי אים ניטאָ קיין אונטערשייד „צווישן אַ זכר און אַ נקבה“.

„דער יצר־הרע — האָט ער אַמאָל געזאָגט — איז געגליכן צו איינעם, וואָס לויפט כסדר אַרום צווישן מענטשן מיט אַ פאַרמאַכטער האַנט, און קיינער ווייסט ניט וואָס ער האַלט דאָרט. און מחמת דעם וואָס קיינער ווייסט דאָס ניט, נאַרט ער אַלעמען אָפּ. ער פרעגט ביי איטלעכן „וואָס האַלט איך?“ און ווייל מ׳זאָל טרעפן. אַליין זאָגט ער ניט אויס, מיינט דעריבער איטלעכער, אַז דאָס האַלט ער אוודאי אין דער פאַרמאַכטער האַנט אַזוינס, צו וואָס ער גלוסט שוין פון לאַנג, און דערפאַר לויפן אים אַלע אַזוי שטאַרק נאָך, דעם יצר־הרע. און

ווען ער עפנט די פאַרמאַכטע האַנט, דערזעט מען, אַז ס׳איז אין איר גאָר נישטאָ...״

אין דער מאָראַל, וואָס ער האָט געפּרעדיקט צו דערהויבן די מענטשן הויך און נאָך העכער, האָט ער אַלע מענטשלעכע ליידנשאַפטן געמאַכט צו נישט. „אַלע תאוות פון דער וועלט, — האָט ער געזאָגט — זיינען געגליכן צו די פּאָסן ליכט פון דער זון, וואָס קומען אַריין אין שטוב דורכן פענצטער. ווען מ׳טשעפּעט זיי ניט, זעען זיי אויס ווי פּאָסן און זיי שיינען, אָבער ווען מ׳וויל זיי אָנכאַפּן, בלייבט אין די הענט גאָרנישט״.

טראָגנדיק אין זיך דעם טרויער פון דער וועלט און דעם גאַנצן יידישן צער, און „פּאַרוואַשנדיק מיט טרערן איטלעכס וואָרט פון מוסר״, ווי ער האָט זיך איינמאָל אַליין אויסגעדריקט, האָט רבי נחמן דאָך שטענדיק געפּרעדיקט, אַז מ׳דאַרף זיין פריילעך, אַז פרייד איז איינע פון די גאָר הויכע מדרגות, צו וועלכע אַ מענטש קען זיך דערהויבן, און אַלע מאָל, ווען ער האָט געזעון ווי זיינע תלמידים ווערן אומעטיק, האָט ער זיי געמינטערט מיט דעם ווערטל, וואָס איז ביי אים געווען אַ מיטל דעם אומעט פון זיי צו פאַרטרייבן:

„און נאָך אַמאָל אַ האָפּ!״

דאָס דאָזיקע ווערטל איז צווישן די בראַצלאַווער חסידים אומעטום, אין אַ סך יידישע שטעט און שטעטלעך אין אוקראַינע, אויף דורות לאַנג געבליבן אַ מיטל צו פאַרטרייבן די מרה־שחורה. ווי נאָר מ׳האָט דערפילט, אַז ס׳ווערט טרויעריק אויפן האַרצן, האָט מען זיך דערמאָנט אָן דעם וואָס דער רבי ר׳ נחמן פלעגט זאָגן:

„און נאָך אַמאָל אַ האָפּ!״

דאָס האָט אונטערגעגעבן מוט אַריבערצוטראָגן אַ סך צרות און אומגליקן. דאָס האָט געשטאַרקט די האָפענונגען אויף בעסערע צייטן. און פון דור צו דור איז איבערגעגאַנגען דאָס וואָס רבי נחמן האָט אָנגעזאָגט, אַז מ׳דאַרף זיך דערווייטערן פון טרויער, אַז מ׳דאַרף פון דער מרה־שחורה און פון אַלע יסורים מאַכן לויטער שמחה, און אַז דער, וואָס לאָזט זיך אַריין אין טרויער, פון דעם דערווייטערט זיך גאָט.

געפּרעדיקט פרייד — בעת ער אַליין האָט אין זיך דעם טיפסטן טרויער געטראָגן...

אָנגעזאָגט, אַז מ׳זאָל ניט פּייניקן דעם גוף, און — אַליין געלעבט ווי אַ נזיר און זיך אָפּגעזאָגט פון אַלע פאַרגעניגנס אין דער וועלט...

ליב געהאַט די נאַטור מיט אַלע חושים, און — אין געדאַנק געשוועבט אין די הימלען, אינגאַנצן אָפּגעריסן פון דער ערד...

***

נאָך אין די יאָרן ווען ער איז אַ קליין ייִנגעלע געווען, האָט מען שוין אין אים געקענט זען די ווידערשפּרוכן וואָס ניט אַלע האָבן געקענט פֿאַרשטיין. ער איז געבאָרן געוואָרן אינם שטעטל מעזשבעזש, וואָס אין פּאָדאָליער גובערניע, אינם יאָר 1772. פֿון דער מוטערס צד איז ער געווען אַן אור־אייניקל פֿון ר׳ ישׂראל בעל־שם־טוב, דעם גרינדער און באַשאַפֿער פֿון דער באַוועגונג פֿון חסידיזם ביי ייִדן אין אָנהייב פֿונם אַכטצנטן יאָרהונדערט; ער איז דערצויגן געוואָרן אין אַן עכט־חסידיש־ייִדישער אַטמאָספֿערע און איז געשטאַנען אונטערן איינפֿלוס פֿון זיין מוטער פֿייגע, וועלכע האָט געהאַט אַ נאָמען פֿון אַ גרויסער מלומדת, און ווען מ׳האָט מיט אים אָנגעהויבן לערנען, האָט ער אַרויסגעוויזן ניט נאָר אויסער־געוויינלעכע פֿעאיקייטן, נאָר אויך גרויס חשק; ער האָט געלערנט מיט אַזאַ התמדה, אַז ס׳איז ממש געווען צו באַוואונדערן. אָבער אין דער זעלבער צייט איז ער אויך געווען אַ לעבעדיק ייִנגל, כמעט אַ פֿאַרשייטער; ער האָט ליב געהאַט זיך צו שפּילן, צו טאַנצן און שפּרינגען, צו זיין אַ סך אין דרויסן אויף דער פֿרישער לופֿט. און דאָס איז געווען אַזוינס, וואָס האָט זיך אינגאַנצן ניט געקלעפּט צו דער גרויסער התמדה, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן ביים לערנען.

אין דער זעלבער צייט אָבער וואָס ער איז געווען אַ פֿריילעך ייִנגל, אַ שטיפער, און האָט אַזוי ליב געהאַט זיך צו שפּילן אין דרויסן מיט אַנדערע ייִנגלעך, האָט ער אויך אַרויסגעוויזן אַ נייגונג צו התבודדות, צו אָפּגעזונדערטקייט. זייער אָפֿט, ווען ער איז געקומען פֿון חדר אַהיים, איז ער שטילערהייט אַרויף אויפֿן בוידעם און דאָרט האָט ער זיך באַהאַלטן אין אַ ווינקל, אַז קיינער זאָל אים ניט קענען געפֿינען, און אין דעם ווינקל האָט ער פֿרום און מיט גרויס כוונה געזאָגט תּפֿילות צו גאָט, אָבער ניט די תּפֿילות פֿונם סידור, וואָס ער האָט געקענט אויף אויסנווייניק, נאָר אייגענע תּפֿילות וואָס ער האָט אַליין געשאַפֿן און וואָס זיינען געקומען פֿון דער טיפֿעניש פֿון האַרצן און אויף דעם לשון, וואָס ער האָט גערעדט מיטן טאַטן און מיט דער מאַמען — אויף ייִדיש.

כאָטש ער איז ניט געווען פֿון די קינדער, וואָס האָבן ליב נאָכצוטאָן דאָס וואָס עלטערע מענטשן טוען, איז ער דאָך אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער חסידישער התלהבות, וואָס האָט געהערשט אַרום אים, און איינמאָל, ווען ער איז אינגאַנצן ניט מער ווי זעקס יאָר אַלט געווען, איז ער פֿרייטאָג ביי טאָג אַליין אַוועק אין באָד אַריין און דאָרט האָט ער זיך אָפּגעטובלט אין דער מקוה און נאָכדעם איז ער אַוועק אַהיים, אָנגעטאָן דאָס שבתדיקע קאַפּאָטקעלע און איז אַוועק אין בית־המדרש און דאָרט האָט ער זיך „צוגעטוליעט צו אַ שטענדער און מיט גרויס ציטערניש זיך צוגעהערט, ווי איינער פֿון די גרויסע חסידים זינגט מיט התלהבות

דעם „שיר השירים“ און ווי דאָס זינגען גייט באַלד איבער אין שלוכצן און וויינען; און אויך ער, דאָס זעקס־יאָריקע קינד, האָט, אויף דעם חסיד קוקנדיק, אויסגעגאָסן פאַר גאָט זיין האַרציק געבעט, און געוויינט מיט ביטערע טרערן“ *).

פערצן יאָר איז נחמן אַלט געווען ווען מען האָט אים חתונה געמאַכט מיט אַ מיידל פון דעם קליינעם שטעטל מעדווידיווקאַ, וואָס איז ניט ווייט פון אומאַן. זיין שווער, אַ פאַרמעגלעכער אַרענדאַר, האָט זיך מיט דעם יונגן פאַר־פאָלק באַזעצט אינם דאָרף הוסיאַטין, און דאָרט האָט נחמן געהאַט אַ סך צייט צו לערנען די ספרים, וואָס ער האָט געוואָלט און צו דעם האָט ער אויך געהאַט די מעגלעכקייט צו געניסן פון דער שיינקייט פון דער נאַטור, וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט.

אין זיין ליבשאַפט צו דער נאַטור האָט ער אויך אַריינגעגעבן די טיפע פרומקייט, וואָס האָט זיין גאַנצע נשמה אָנגעפילט. „און פונקט ווי זיין עלטער־זיידע, דער בעל שם טוב, — שרייבט וועגן אים דר. ש. א. האָראָדעצקי, — האָט ער דערקענט גאָט אין פעלד, אין וואַלד, אויף באַרג און טאָל און אין דער גאַנצער נאַטור אַרום און אַרום“ **).

ניט ווייט פונם דאָרף הוסיאַטין איז געווען אַ הויכער באַרג. אויפן שפּיץ פונם באַרג איז געווען אַ גרויסער טאָל, און דאָרט האָט ר׳ נחמן ליב געהאַט צו זיצן איינער אַליין און קוקן אויף אַלץ, אַרום און אַרום, און טראַכטן און טראַכטן און גאָרניט מיד ווערן טראַכטנדיק. אויך אין וואַלד אַריין פלעגט ער אָפט קומען איינער אַליין רייטנדיק אויף אַ פערד. אַלע מאָל, ווען ער איז אין וואַלד אַריינגעקומען, האָט ער אָפּגעלאָזט דאָס פערד און ס׳איז אַליין געגאַנגען צוריק אַהיים, ווייל ס׳האָט שוין געוואוסט דעם וועג. אַזוי דערציילן די בראַצלאַווער חסידים. שעהן לאַנג פלעגט ר׳ נחמן אַרומגיין איינער אַליין אין וואַלד, און ווען ער איז מיד געוואָרן, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד, אָדער אויף אַ קלאָץ, און אַזוי איז ער געזעסן לאַנג, שטאַרק פאַרטיפט אין געדאַנקען. אַלע פאַרבאָרגענע ערטער, וואו מ׳האָט זיך אין דעם שיינעם אוקראַינישן דאָרף געקענט אָפּזונדערן פון מענטשן, האָט ר׳ נחמן געקענט; פון אַלע פלעצער, וואו מ׳קען זען די שיינקייט פון דער נאַטור אַזוי אַז מ׳זאָל זיך ניט קענען גענוג אָפּוואונדערן דערפון, האָט ער געוואוסט, און זומער האָט ער ליב געהאַט צו נעמען אַ שיפל און זיך לאָזן שווימען דערמיט איבערן טייך, און אויך דאָרט, אויפן טייך, האָט ער ביי אַ ברעג געהאַט אַ פאַרבאָרגן ווינקעלע, וואו ער האָט

*) ציטירט לויט דר. י. צינבערגס „די געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן“, באַנד 7, צווייטער בוך, ז׳ 169.

**) החסידות והחסידים, באַנד 3, ז׳ 20.

שעהן לאַנג געקענט זיין איינער אַליין מיט זיך און אַלץ טראַכטן און טראַכטן און קיינער זאָל אים די געדאַנקען ניט איבערשלאָגן; און ווען דאָס האַרץ איז ביי אים געווען פול, האָט ער עס פאַר זיין באַשעפער אויסגעגאָסן אין די פרומע תפילות, וואָס ער האָט אַליין פאַרפאַסט אויפן אָרט — ניט אויף לשון־קודש, נאָר אויף יידיש, אין דער שפּראַך וואָס די מאַמע האָט גערעדט מיט אים. און שפּעטער, ווען ער האָט שוין געהאַט אַ נאָמען פון אַ גרויסן רבין, וואָס האָט געשאַפן אַ נייעם וועג אין חסידות, האָט ער אויך זיינע תלמידים געלערנט, אַז זיי זאָלן זאָגן תפילות אויף יידיש, אין דער שפּראַך, וואָס דאָס פאָלק רעדט און פאַרשטייט, ווי ס׳ווערט דערציילט אינם ספר „ליקוטי מוהר״ן“ (ב. כ״ה), וואָס זיין געטרייער תלמיד ר׳ נתן נעמיראָווער האָט אַרויסגעגעבן נאָך זיין טויט.

„ווען דער מענטש טוט תפילה צו גאָט אויפן פרייען פעלד, — פלעגט ר׳ נחמן זאָגן צו זיינע תלמידים, — מישן זיך דעמאָלט אַריין אין זיין געבעט די גרעזעלעך פון אַרום און אַרום; זיי העלפן אים און קרעפטיקן אים אין זיין תפילה, און איטלעכס וואָרט איז דעמאָלט אַ גאַנצע וועלט. ווען אַ מענטש טוט תפילה, איז גלייך ווי ער וואָלט געקליבן רויזן און קווייטן און שיינע בלימעלעך און אויסגעפלאָכטן פון זיי שיינע קראַנצן.“

די פרומקייט און די ליבע צו דער נאַטור האָט זיך ביי רבי נחמנען איינס אָן אַנדערן געפלאָכטן. ער האָט זיי ביידן איינס פון אַנדערן ניט אָפּגעטיילט. און אין דעם איז ער אינגאַנצן אַוועק פון דעם וואָס ס׳ווערט אָנגעזאָגט אין פּרקי־אָבות, אַז ווען איינער גייט אויפן וועג און לערנט און דערביי פאַרקוקט ער זיך אויף אַ בוים, אָדער אויף אַ צעאַקערטן בייט און ער הויבט אָן שעפּן נחת פון זייער שיינקייט, פאַררעכנט מען אים דאָס פאַר אַ גרויסער עבירה.

***

פון אַלץ, וואָס מ׳געפינט אין די מאַטעריאַלן, וואָס מ׳האָט געזאַמלט וועגן דעם לעבן פון ר׳ נחמן בראַצלאַווער אין די יאָרן, ווען ער האָט געלעבט אין הוסיאַטין, וואו ער האָט אַ סך געלערנט און אַ סך געטראַכט, אָפּזונדערנדיק זיך פון מענטשן, קען מען זען, אַז שוין דאַן האָט ער זיך געגרייט צו גיין אין די וועגן, אויף וועלכע קיינער פון די אַנדערע פירער פון פאָלק אין יענע צייטן איז ניט געגאַנגען. ער האָט דאַן געלייטערט זיין אייגענע נשמה און געזוכט מיטלען צו לייטערן אויך די נשמות פון אַנדערע און זיי העלפן זיך דער־הויבן צו דער העכסטער מדרגה פון מאָראַל; ער האָט אַלץ מער און מער געשליפן די געדאַנקען, וואָס האָבן זיין שאַרפן מוח קיין רו ניט געגעבן; ער האָט אין ספרים און אויך אין זיך אַליין שטענדיק געזוכט אָן ענטפער אויף פראַגן, וואָס

האָבן אים געפּייניקט אין די שטונדן פון זיין איינזאַמקייט; ער איז קיינמאָל ניט מיד געוואָרן צו זוכן דעם אַבסאָלוטן אמת, וואָס זאָל אים געבן די זיכערקייט אין זיך, און ווען ער האָט אין זיך, סוף־כל־סוף, אַזאַ זיכערקייט דערפילט, האָט ער אויף זיך מיט פולער אַחריות גענומען די אויפגאַבע צו ווערן דער נייער וועג־ווייזער אין דער באַוועגונג פון חסידיזם, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן ווי אַ באַוועגונג פון די פאָלקס־מאַסן.

און ער איז דאָס געוואָרן.

די חסידים און תלמידים, וואָס האָבן זיך אַרום אים אַרומגעקליבן נאָך אין די צייטן ווען ער איז געווען זייער יונג, האָבן דערפילט זיין גרויסקייט, און אויך זיין אַנדערשקייט פון די אַנדערע רביים, נאָך איידער זיי האָבן דאָס פאַרשטאַנען. ער האָט זיי צו זיך צוגעצויגן מיטן צויבער פון זיין פערזענלעכקייט. און ווייל ער האָט געגלויבט, אַז די פאָלקס־באַוועגונג, וואָס מ׳רופט מיטן נאָמען „חסידות“, איז אַראָפּ, פון דעם וועג, וואָס דער בעל־שם־טוב האָט פאַר איר אָנגעצייכנט; ווייל ער איז געווען זיכער, אַז „די חסידים זיינען געוואָרן „אָפּגעט־קילט“, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, און אַז די מערסטע רביים פונם דור זיינען ניט ראוי צו זיין די פירער פונם פאָלק, איז ער גלייך פון אָנהויב אָן אַרויס מיט אַ שטורעם אַקעגן זיי און גענומען אויסהאַקן די דערנער, וואָס זיינען אויסגעוואַקסן אינם גאָרטן פון חסידיזם.

„איך דאַרף אויסהאַקן די בוימער, וואָס פאַרשטעלן דעם וועג — האָט ער געזאָגט. — איך דאַרף גיין און האַקן, גיין און האַקן, ביז דער וועג וועט ווערן פריי פאַר אַלעמען“ *).

די פירונגען פון יענע רביים און „גוטע יידן“, וואָס זיינען געוואָרן רייך פון די פּדיונות, וואָס מ׳האָט זיי געגעבן און וועלכע האָבן זיך אַרומגערינגלט מיט חסידים, וואָס האָבן דערציילט פלאי־פלאים פון די מופתים, וואָס זיי באַ־וויזן, זיינען דעם יונגן רבין ר׳ נחמן ניט געווען צום האַרצן; ער האָט געקוקט קרום דערויף וואָס זיי דערווייטערן זיך פון פאָלק און רינגלען זיך אַרום מיט אַזאַ דיקער וואַנט, אַז ס׳איז שווער צוצוקומען צו זיי; ער האָט געהאַלטן, אַז דאָס איז אַן אָפּנויג פון דעם אמתן חסידיזם, וואָס האָט זיך אין די צייטן פונם בעל־שם־טוב אָנגעהויבן ווי אַ פאָלקס־באַוועגונג, און ווייל ער האָט געגלויבט, אַז אויב ס׳וועט ווייטער אַזוי גיין, וועט די גאַנצע חסידות קומען צו דער גרעסטער ירידה און וועט נאָך אפשר אינגאַנצן אונטערגיין, איז ער שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן אַ סך פון די גרעסטע רביים פון זיין צייט און ער האָט זיי געזאָגט, אַז דאָס איז ניט דער ריכטיקער וועג!

---

*) דר. ש. א. האָראָדעצקי: החסידות והחסידים, באַנד 3, ז׳ 20.

„מ'דאַרף — האָט ער געזאָגט — איבערלאָזן נאָך זיך אַזעלכע תלמידים, וואָס זאָלן מאַכן נאָך אַנדערע תלמידים, און די אַנדערע תלמידים זאָלן באַלויכטן דעם וועג ווייטער, און אַזוי זאָל עס גיין פון דור צו דור.״

און ער האָט ניט געגלויבט אין דעם, אַז די תלמידים וואָס דאַרפן באַלויכטן

און ער האָט ניט געגלויבט אין דעם, אַז די תלמידים וואָס דאַרפןבאַלויכטן דעם וועג, מוזן דווקא קומען פון אויסדערוויילטע, פון די יחסנים, און אַז מ'דאַרף איינעם דערהויבן אַזוי הויך, אַז די אַנדערע זאָלן אין פאַרגלייך מיט אים אויסזען נידעריק. אַזוינס האָט ניט געשטימט מיט דעם נייעם וועג, וואָס ער האָט אָנגעצייכנט; ער האָט געוואָלט, אַז אַלע חסידים אָן אויסנאַם זאָלן וויסן און פאַרשטיין דעם חסידיזם אַזוי גוט און אַזוי טיף, אַז זיי זאָלן מיט דעם קענען באַגייסטערן אַנדערע. „אַזעלכע מענטשן, — האָט ער געזאָגט, — וועלן מאַכן אַנדערע מענטשן, און די אַנדערע מענטשן וועלן מאַכן נאָך מענטשן, און אַזוי וועט עס גיין אַלץ ווייטער.״

דאָס, האָט ער געגלויבט, וועט אויסמיידן די מעגלעכקייט, אַז אַ גאַנצער דור זאָל אָנהענגען דעם שיקזאַל פון דער וועלט אָן איין מענטשן, וואָס ווערט דורך פאַרשיידענערליי אומשטענדן דערהויבן צו דער מדרגה פון אַ פירער. ווארעם ניט אַלע מאָל איז אַזאַ מענטש אַ ריכטיקער פירער; אַמאָל איז ער גאָרניט קיין פירער, נאָר אַ פאַרפירער, און אונטער זיין איינפלוס פאַרשפּרייט זיך צווישן פאָלק אַ פאַלשער גלויבן און מ'הויבט אָן גיין אויף קרומע וועגן און מ'לאָזט זיך אַריין אין שלעכטע מעשים.

מיט אַנדערע ווערטער קען מען זאָגן, אַז רבי נחמן האָט געוואָלט, אַז יעדער איינער, וואָס איז אין דער באַוועגונג פון חסידיזם, וואָס איז פאַרשפּרייט צווישן פאָלק, זאָל אויף זיך טראָגן די אַחריות פון דער גאַנצער באַוועגונג, וואָס שפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָלע אינם לעבן פון פאָלק, און אַלע זאָלן זיין גרייט זיך אַליין צו פירן, ווען דער מענטש וואָס איז דערהויבן געוואָרן צו פירערשאַפט וועט ניט זיין ראוי צו זיין אַ פירער.

דאָס האָט ניט געשמעקט אַ סך פון די רביים פון יענעם דור. זיי האָבן מורא געהאַט, אַז אויב מען וועט אָננעמען דאָס וואָס רבי נחמן פּרעדיקט אין חסידות, וועט דאָס נאָך ברענגען דערצו, אַז ס'וועט פון זיי אַראָפּ דער מאַנטל פון הייליקייט, אין וועלכן זיי הילן זיך אויפן חשבון פון זייער יחוס; ס'וועט נאָך אויסקומען, אַז ווען אַ זון פון אַ רבין, וואָס איז אַוועק אויף דער אמתער וועלט, ירשנט די שטול פון זיין פאָטער, דעם צדיק, מיינט דאָס נאָך ניט, אַז ער איז טאַקע ראוי צו זיין אַ פירער ביי ייִדן; ס'וועלן אויף אַזאַ אופן אָפּגעשאַפט ווערן די חסידישע „דינאַסטיעס״, און דאָס האָבן די רביים ניט געוואָלט, און דערפאַר זיינען אייניקע פון זיי אַרויס אין אָן אָפענער קריג קעגן רבי נחמנען, און

צווישן די, וואָס האָבן אים מער ווי אַלע אַנדערע באַקעמפט, איז געווען דער באַוואוסטער חסידישער רבי, דער „שפּאָלער זיידע״, ר׳ אַריה־לייב. ער האָט אויף רבי נחמנען שטאַרק געצאָרנט און געזאָגט אויף אים אַזוינס, וואָס ער האָט אפשר ניט געדאַרפט זאָגן. אָבער ר׳ נחמן האָט דאָס אָנגענומען ווי אַ זאַך, וואָס האָט געמוזט קומען, און ער האָט וועגן דעם געזאָגט:

„ווי קען עס דען געמאָלט זיין, אַז מ׳זאָל אויף מיר ניט אָנפאַלן, ווען איך גיי אויף אַזאַ נייעם וועג, וואָס קיין איין מענטש איז אויף אים נאָך ביז איצט ניט געגאַנגען?״

***

ער האָט זייער שטאַרק געהאַלטן פון זיך, דער רבי ר׳ נחמן, און ער האָט וועגן זיך אַליין געזאָגט אַזעלכע זאַכן, וואָס באַשיידענע מענטשן זאָגן געוויינלעך ניט וועגן זיך. און דאָס איז אויך געווען איינער פון די ווידערשפּרוכן אין זיין כאַראַקטער, ווייל אין דער זעלבער צייט וואָס ער האָט אויף זיך געזאָגט אַזוינס, וואָס איז ווייט פון באַשיידנקייט, האָט ער זיך אויך אַריינגערעכנט אין דער קאַטעגאָריע פון די מיטלמעסיקע מענטשן, די „פּראָסטאַקעס״, וואָס האָבן זיך נאָך ניט דערהויבן צו אַזאַ הויכער מדרגה, אַז זיי זאָלן קענען דינען גאָט אַפילו מיט זייערע חומרדיקע פאַרלאַנגען, און דערפאַר האָט ער געפאַסט תעניתים און געפּייניקט דעם גוף.

ער איז געווען זיכער, אַז ער איז דער גרעסטער למדן פון זיין דור, אַז קיינער פון די אַנדערע רביים קומט ניט אַפילו צו זיינע קנעכלען און אַז ווען די תורה, וואָס ער זאָגט פאַר זיינע תלמידים, וואָלט געזאָגט געוואָרן אַפילו אין די צייטן פון רבי שמעון בן יוחאי, אָדער אין די צייטן פון דעם האר״י הקדוש, וואָלט זי דעמאָלט אויך געמאַכט אַ רעש אויף דער וועלט. אַזוי האָט ער בפירוש געזאָגט, און ער האָט זיך אויך אויסגעדריקט, אַז אים דאַרף האָבן די גאַנצע וועלט, אַז אַפילו די צדיקים פון דער וועלט דאַרפן אים האָבן, ווייל נאָר ער קען זיי אויפן ריכטיקן וועג אַרויספירן. און די גאַנצע יידישע געשיכטע אין גלות האָט ער אין ניט מער ווי פיר עפּאָכעס איינגעטיילט: פון רבי שמעון בן יוחאי ביזן האר״י הקדוש, פונם האר״י הקדוש ביזן בעל־שם־טוב, און פונם בעל־שם־טוב — ביז ר׳ נחמן בראַצלאַווער. אָט די פיר פּערזענלעכקייטן, צווישן וועלכע ער האָט זיך אַליין אויך איינגעשלאָסן, האָט ער פאַר זיינע תלמידים אַרויסגעשטעלט ווי די גרעסטע און שטאַרקסטע זיילן אין דער געשיכטע פונם יידישן פאָלק פון נאָכן חורבן פונם צווייטן בית־המקדש.

אין דעם איז דווקא ניט געווען קיין שום גאווה און אויך ניט קיין פאַלשקייט. דאָס גיט צו אַפילו דער היסטאָריקער ש. דובנאָוו, וועלכער איז פון רבי נחמן

בראַצלאַוועד דווקא גאָר ניט אַזוי באַגייסטערט. ער זעט אין דעם „ניט מער ווי תמימות ביז צום לעצטן גראַד״, ווי ער דריקט זיך אויס אין זיין ווערק „געשיכטע פון חסידיזם״ (צווייטער באַנד, זייט 202). אָבער ביי ר׳ נחמנען איז דאָס ניט געווען קיין תמימות, נאָר די זיכערקייט אין זיך, מיט וואָס גאָר גרויסע פּער־זענלעכקייטן זיינען געבענטשט. ער האָט אין דעם ניט געזען קיין גאווה, נאָר פאַרקערט, באַשיידנקייט, און ער האָט דערויף געבראַכט אַ ראיה פון דעם וואָס משה רבינו האָט דאָך אויף זיך אַליין געשריבן אין דער תורה „און דער מענטש משה איז זייער באַשיידן״.

אינם יאָר 1802 האָט זיך רבי נחמן באַזעצט אין בראַצלאַוו, און דאָרטן, אין דער שטאָט, וואָס איז נאָך פריער געווען אַ צענטער פון חסידות, האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע עפּאָכע אין זיין לעבן.

דאָס איז געווען שוין נאָך זיין רייזע קיין ארץ ישראל, וואָס ער האָט געמאַכט ממש מיט מסירת־נפש. און ער האָט מיטן גאַנצן האַרצן געגלויבט, אַז די נסיעה אין דעם לאַנד פון די אָבות האָט אים צוגעגעבן דעם עפּעס, וואָס האָט אים פריער געפעלט צו זיין ראוי צו ווערן ביי יידן דער פירער פון אַ באַ־וועגונג צווישן פאָלק און אָנוויזן אַ נייעם וועג ווי צו באַפעסטיקן די באַוועגונג אַזוי שטאַרק, אַז זי זאָל ווערן די טרעגערין פון אַ הויכער מאָראַל, וואָס זאָל האָבן אַ קיום אויף אייביק.

און אינגאַנצן איז ר׳ נחמן אַלט געווען ניט מער ווי דרייסיק יאָר, ווען ער האָט זיך אין בראַצלאַוו באַזעצט.

די רייזע קיין ארץ ישראל איז געווען אַ וויכטיקע געשעעניש אין זיין לעבן און זי האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף אַלץ, וואָס איז מיט זיין לעבן געווען פאַרבונדן און אין אַלץ, וואָס ער האָט נאָכדעם אין בראַצלאַוו געשאַפן. און זייער ריכטיק שרייבט וועגן דעם ש. צ. זעצער אין זיין ווערק „די נסיעה פון רבי נחמן בראַסלאַווער קיין ארץ ישראל״: „די ליבע — זאָגט ער — און צו־געבונדנקייט צו ארץ ישראל, וואָס האָט געהערשט אין דער בעש״טער סביבה און איז איבערגעגאַנגען בירושה צו די תלמידים און תלמידי תלמידים זיינע, האָט איר העכסטן תיקון ביי רבי נחמן בראַסלאַווער געפונען״ *).

נאָך דער נסיעה אין דעם לאַנד פון די אָבות, וואו ער האָט פאַרבראַכט אַ יאָר צייט און זיך נאָך מער ווי אַלעמאָל צוגעגרייט צו דער גרויסער אויפ־גאַבע, וואָס ער האָט זיך אין לעבן געשטעלט, איז די זיכערקייט אין זיך ביי אים נאָך גרעסער און פעסטער געוואָרן, און ער האָט פון בראַצלאַוו געשטורעמט אויף יענע רביים, וועלכע זיינען, לויט זיין מיינונג, ניט געווען ראוי צו זיין

*) ש. צ. זעצער: די נסיעה פון רבי נחמן בראַסלאַווער קיין ארץ־ישראל, ז׳ 21.

פירער ביי יידן. ער האָט אויף זיי געזאָגט, אַז זיי זיינען „פאַלשע פירער, וואָס גרויסן זיך מיטן נאָמען רבי און פאַרמעסטן זיך צו פירן די וועלט בעת זיי זיינען ניט אימשטאַנד זיך אַליין צו פירן״. ער איז גאָר קיינמאָל ניט מיד געוואָרן צו שיסן פיילן אויף יענע רביים, וועלכע האָבן זיך אַליין געמאַכט פאַר „באַרימטע״ ביי יידן, און ער האָט וועגן זיי געזאָגט, אַז „פאַרן שטן אַליין איז געווען שווער זיך צו ספּראַווען מיט דער וועלט און אַלעמען אַרונטערפירן פונם דרך הישר, האָט ער דעריבער אַוועקגעזעצט איין „באַרימטן״ (מפורסם) אין אַזאַ שטאָט, אַ צווייטן „באַרימטן״ אין אַן אַנדער שטאָט און זיי העלפן שוין דעם שטן אין זיין אַרבעט אַרונטערצופירן אַלעמען פונם דרך הישר.״

אין אַלץ וואָס רבי נחמן האָט געטאָן האָט ער אונטערגעשטראָכן אַז ער איז ניט קיין בעל־מופת, נאָר אַ וועג־וויַיזער, אַ לערער, פאַרן פאָלק. און ער פלעגט ווערן בייז ווען ער האָט געהערט ווי מ׳דערציילט מופתים פון אַ רבין. פון די אַלע חסידישע רביים, וואָס האָבן געלעבט אין זיין צייט, איז ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער געווען דער איינציקער, וואָס איז איםווירקלעך געווען נאָענט צום האַרצן מיט זיינע פירונגען און מיט זיין באַציאונג צו אָרעמע מענטשן. אין אים, אין דעם גרויסן באַרדיטשעווער רבי, וואָס האָט געהאַט אַ האַרץ וואָס איז געווען פול מיט ליבשאַפט און רחמנות צו אַלץ און צו אַלעמען, האָט ער געפונען אַזעלכע שטריכן, וואָס ער אַליין האָט אויך געהאַט, כאָטש אין גרונט זיינען זיי ביידע געווען צוויי פאַרשיידענע מענטשן. אים האָט ער ליב געהאַט. די אַנדערע רביים אָבער, די, וואָס האָבן געפירט „הויפן״ אויף אַ ברייטן שטייגער און געמאַכט אַן אונטערשייד צווישן אָרעם און רייך אַפילו אין די קרייזן פון זייערע אייגענע חסידים — זיי האָט ער ניט ליב געהאַט און ניט געקענט ליב האָבן; ער אַליין האָט זיך אויפגעפירט אינגאַנצן אַנדערש און זיין מאָראַל איז געווען אַ העכערע; ער האָט פיינט געהאַט רייכקייט און רייכע לייט; ער פלעגט זאָגן, אַז „אין געלט שטעקן אַלע עבודות זרות״, אַז „אַן אמתער ערלעכער מענטש איז דער וואָס איז וויַיט פון עשירות״; ער האָט ניט געקענט אַריבערטראָגן אַזעלכע, וואָס גיבן אָפּ גרויס כבוד די רייכע; אים איז דאָס געווען פריקרע צו זען, און ער פלעגט זאָגן, אַז אַן אָרעמער ייד, וואָס גייט אין אַ צעריסן היטל, אין אַ פאַרלאַטעטער קאַפּאָטע און אין צעריסענע שיך, איז ביי אים אַ מער אָנגענעמער גאַסט ווי אַ ייד אַ גביר; צו די אָרעמע אַרבעטער, צו די בעלי־מלאכות, וואָס זיינען געווען צווישן זיינע חסידים אין בראַצלאַוו און אויך אין אַ סך אַנדערע שטעט, האָט ער אַרויסגעוויזן גאָר אַן אויסערגעוויינלעכע גוטע באַציאונג, ממש טאָקע דרך ארץ, און ער פלעגט זאָגן, אַז אַ מענטש, וואָס לעבט פון האָרעוואַניע, פאַרשאַפט אַ סך כבוד דער וועלט און ער דערהויבט זיך דערמיט העכער פון די מלאכים אין הימל.

קיין אַנדערער פון די חסידישע רביים איז ניט אַרויסגעטראָטן אַזוי שאַרף אַקעגן רייכקייט און אַקעגן רייכע ווי רבי נחמן בראַצלאַווער האָט דאָס געטאָן אין די דרשות, וואָס ער האָט געהאַלטן און אין דער תורה וואָס ער האָט געזאָגט. קיין אַנדערער — מיטן אויסנאַם אפשר פון לוי יצחק באַרדיטשעווער — האָט די אָרעמע בעלי־מלאכות, וואָס לעבן פון שווערער האָרעוואַניע, ניט אויפגעהויבן אַזוי הויך ווי ער האָט עס געטאָן. ער איז אינם יידישן לעבן אין אוקראַינע געווען דער ערשטער, וואָס האָט מיט אַזאַ שאַרפקייט אָנגעצייכנט די אַזוי גערופענע קלאַסן־ליניע, נאָך איידער מ׳האָט געוואוסט פון סאָציאַליזם, נאָך איידער קאַרל מאַרקס איז געבאָרן געוואָרן. אָבער ביי אים, ביי ר׳ נחמן בראַצלאַווער, איז דאָס געווען געבויט ניט אויף וויסנשאַפט, נאָר אויף מאָראַל — אויף דער מאָראַל, וואָס ער האָט געפונען אין דער יידישער תורה און ביי די יידישע נביאים.

מיט זיין פייער און מיט זיין באַצויבערנדער פערזענלעכקייט, וואָס איז ניט געווען האַרמאָניש, אָבער זייער טיף און פאַרבנרייך, האָט ר׳ נחמן אַלעמען אָנגעצונדן, און די חסידים וואָס ער האָט געהאַט אין בראַצלאַוו און אין אַ סך אַנדערע שטעט אין אוקראַינע, האָבן אים ניט נאָר פאַרערט, נאָר טאַקע ממש פאַרגעטערט.

און דאָן זיינען די מערסטע חסידישע רביים פון יענער צייט אַרויס אין אַ שטאַרקן קאַמף קעגן אים, און דער קריג צווישן די צוויי צדדים האָט אָנגענומען די זעלבע שאַרפע פאָרמע ווי דער קריג, וואָס די מתנגדים האָבן נאָך מיט אַ צייט פריער געפירט קעגן די חסידים. מ׳האָט די בראַצלאַווער חסידים גערודפט עד חרמה; מ׳האָט געאסרט זייער שחיטה, מ׳האָט פאַרבאָטן צו לייענען זייערע ספרים, מ׳האָט זיי געהרגעט־געשלאָגן, מען האָט ניט דערלאָזט, אַז זייערע מלמדים זאָלן לערנען מיט יידישע קינדער און מ׳האָט זיך געגעט מיט די ווייבער, וועמעס טאַטעס זיינען געווען בראַצלאַווער חסידים. און דער אָנפירער פון דעם ביטערן קאַמף קעגן ר׳ נחמנען און זיינע תלמידים איז געווען דער „שפּאָלער זיידע״, ר׳ אַריה־לייב.

ר׳ נחמנען האָט דאָס שטאַרק ווייט געטאָן, און דאָס איז אַוודאי געווען איינע פון די סיבות וואָס די שווינדזוכט־קראַנקהייט, פון וועלכער ער האָט געליטן, איז געוואָרן נאָך ערנסטער. ער האָט ניט געקענט צוזען די מחלוקה און ס׳האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן פאַרוואָס צווישן חסידים געפינען זיך אַזוי פיל אַזעלכע, וואָס פאַרשטייען אים ניט; אַנטוישט אין דעם וואָס ער האָט זיך אָנגעשטויסן אין אַזעלכע גרויסע שוועריקייטן בעת זיינע כוונות זיינען געווען אַזעלכע גוטע, איז ער, אינם יאָר 1810, אַוועק פון בראַצלאַוו און האָט זיך באַזעצט אין אומאַן, ניט ווייט פון דעם בית־הקברות, וואו ס׳זיינען געלעגן די

קדושים, וואָס זיינען דערהרגעט געוואָרן אין דער גרויסער שחיטה פון איוואַן גאָנטעס האַידאַמאַקעס. ס'איז אים שוין געווען ליבער צו זיין נאָענט צו די טויטע ווי צו די לעבעדיקע. און מיט עטלעכע חדשים שפּעטער איז ער געשטאָרבן, אין דעם עלטער פון אַכט און דרייסיק יאָר.

אָבער אַפילו נאָך זיין טויט איז דער איינפלוס, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אויף זיינע חסידים, געווען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבן קיין אַנדערן אויף זיין שטול ניט אַרויפגעזעצט. זיי זיינען געבליבן פאַרגלויבט אין אים און נאָר אין אים. פאַר זיי האָט ער נאָכן טויט אויך געלעבט. און זיי האָבן קיין איין יאָר ניט פאַרפעלט צו פאָרן צו זיין קבר אויף ראש השנה און דאָרטן האָבן זיי צו אים גערעדט פונקט אַזוי ווי אין די צייטן ווען ער האָט געלעבט. און זיי האָבן פאַר אים די הערצער אויסגעגאָסן און אַלע זייערע צרות דערציילט. און צרות האָבן זיי געהאַט גענוג פון דעם וואָס זיי זיינען אין אים געווען אַזוי פאַרגלויבט; מ'האָט זיי נאָך אַלץ גערודפט עד חרמה, און אין די רדיפות איז מען געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מען האָט זיי באַשולדיקט אין דעם, אַז זיי זיינען כופרים, אַפּטרינִיקעס, עבודה־זרהניקעס, און — מ'דאַרף זיי אינגאַנצן אויסשליסן פון כלל ישראל...

ס'איז פיינלעך צו לייענען אין דער געשיכטע פון חסידיזם די איינצלהייטן ווי מ'האָט גערודפט די חסידים פון ר' נחמן בראַצלאַווער. אָבער ווען מען באַטראַכט דעם גאַנצן ענין טיפער און מ'נעמט אין אַכט די געשעענישן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין יידישן לעבן פריער, באַזונדערס די באַוועגונגען אַרום שבתי־צבי און יעקב פראַנק, וואָס האָבן זיך געענדיקט אַזוי טרויעריק און געבראַכט אַזוי פיל אַנטוישונגען דעם יידישן פאָלק — ווען מ'נעמט דאָס אין אַכט, דאַן מוז מען קומען צום שלוס, אַז ס'איז ווירקלעך געווען אַ גרונט מורא צו האָבן פאַר דער באַוועגונג, וואָס איז אויסגעוואַקסן אַרום ר' נחמן בראַצלאַווער...

ס'איז געווען אַ סכנה, אַז ס'זאָל אין יידישן לעבן נאָך ווידער ניט אויסוואַקסן אַ נייע רעליגיעזע סעקטע, וואָס פאַרגעטערט אַ מענטשן ביים לעבן און אויך נאָך זיין טויט און פאַרגייט דערמיט אויף אַזעלכע וועגן, וואָס זיינען אין ווידערשפּרוך צום גייסט פון יידישקייט, ווי ס'איז געווען דער פאַל מיט דעם יידן ישו פון נצרת, וועמען די גויישע וועלט האָט געגעבן דעם נאָמען יעזוס כריסטוס...

און מיר שטרייכן אונטער: געלעגן איז די סכנה ניט אין רבי נחמנען, נאָר אין דער באַוועגונג, וואָס איז אויסגעוואַקסן אַרום אים.

פון דער באַוועגונג, וואָס האָט זיך אַזוי פעסט געהאַלטן אָן דער ממשות־דיקער פאַרגעטערונג פון דעם מענטשן, וואָס איז שוין געווען טויט, האָט געקענט אויסוואַקסן אַ נייע רעליגיעזע סעקטע ביי יידן, און פאַר דעם האָבן די

רביים פון יענער צייט שטאַרק מורא געהאַט. כאָטש שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זייער מורא איז געווען אומזיסט. די בראַצלאַווער חסידים זיינען געבליבן ערלעכע און וואוילע יידן און זיי זיינען ניט אַוועק אויף אַזעלכע וועגן, אַז דער נאָמען פון זייער גרויסן רבין, וועמען זיי האָבן אַזוי פאַרגעטערט, זאָל ווערן פאַרשוועכט...

אַ וויכטיקער טייל פון ר׳ נחמנס לעבן און שאַפן זיינען די סיפּורי־מעשיות, וואָס ער האָט דערציילט און וואָס זיין תלמיד ר׳ נתן נעמיראָווער האָט פאַרשריבן. ער האָט די דאָזיקע מעשיות דערציילט אין די יאָרן, ווען ער האָט געוואוינט אין בראַצלאַוו. ער האָט איינמאָל זיינע חסידים אָנגעזאָגט, אַז פון איצטער אָן וועט ער „שוין אָנהויבן מעשיות דערציילן״, און נאָכדעם האָט ער דאָס ביי אַ סך געלעגנהייטן געטאָן, און מ׳קען זאָגן, אַז דעמאָלט האָט ער זיך אַנטפּלעקט ווי אַ דיכטער און אַוועקגעלייגט דעם פונדאַמענט פאַר דער נייער יידישער ליטעראַטור.

מיט די סיפּורי־מעשיות, וואָס רבי נחמן האָט דערציילט, האָט דער קינסטלער אין אים אָפּט גובר געווען דעם צדיק. זיי זיינען ביי אים געווען אַ מיטל צו געבן אַ געשטאַלט צו זיינע געדאַנקען און געפילן; ער האָט געהאַלטן, אַז אויף אַזאַ שטייגער וועט ער זיינע תלמידים נאָך מער צובינדן צו זיך און צו דעם, וואָס ער פּרעדיקט.

די שענסטע פון די דרייצן מעשיות, וואָס זיינען פון אים געבליבן, איז די „מעשה מיט די זיבן בעטלערס״, וואָס איז, ווי דר. י. צינבערג דריקט זיך אויס, „איינע פון די שענסטע און טיפסטע, וואָס די יידישע ליטעראַטור באַזיצט״, דאָרט ברענגט ער אַרויס דעם געדאַנק, אַז אַפילו אין דער פינצטערניש, וואָס הערשט אויף דער וועלט, איז פאַראַן ליכט און אינם טרויער איז פאַראַן פרייד, מ׳דאַרף דאָס נאָר קענען זען...

ער האָט דאָס געקענט. פּונקט ווי ער האָט געקענט זיין אַ מוסטער פון שלימות, כאָטש ס׳זיינען אין אים געווען אַ סך ווידערשפּרוכן...

טאלנע

פון די אַלע שטעט און שטעטלעך, וואָס האָבן אַמאָל אין אוקראַינע געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אינעם יידישן לעבן בכלל און אין דער געשיכטע פונעם חסידיזם בפרט, האָט דאָס שטעטל טאַלנע, וואָס אין קיעווער גובערניע, זיך געמאַכט באַרימט מיט נגינה.

פון דאָרטן איז געקומען דער ניגון, דער עכט יידיש־חסידישער ניגון, וואָס האָט אין זיך געהאַט אַזאַ כישוף, אַז ווי נאָר מ׳האָט אים ערגעץ אָנגעהויבן זינגען — צי דאָס איז געווען ביי אַ שלוש־סעודות, ביי אַ מלוה־מלכה, אָדער גלאַט אויף אַ יידישער שמחה — האָט מען אים געמוזט נאָכזינגען, און זינגענדיק האָט מען אַליין ניט באַמערקט ווען און ווי אַזוי מ׳איז אין גרויס התפּעלות אַריינגעפאַלן...

אין צענדליקער און צענדליקער שטעט און שטעטלעך אין אוקראַינע האָבן יידן אויף שמחות די טאַלנער ניגונים געזונגען און ניט דווקא חסידים, נאָר אויך אַזעלכע, וואָס זיינען קיינמאָל קיין חסידים ניט געווען און קיינמאָל צו קיין רבין ניט געפאָרן. אַפילו אַפּיקורסים, וואָס זיינען ווייט אַוועק פון טראַדיציאָנעלער יידישקייט און וואָס זיינען שוין אויף גאַנץ אַנדערע וועגן געגאַנגען, האָבן ליב געהאַט אַ טאַלנער ניגון און זיי האָבן אים גערן געזונגען, ווען ס׳איז זיי געווען גוט אויפן האַרצן. און ס׳האָט ניט אויסגעמאַכט וואָס דערביי האָבן זיי אַמאָל אין שפּאַס נאָכגעמאַכט די חסידישע האַוואַיעס און דעם חסידישן ברען. דער עיקר איז געווען, וואָס זיי האָבן ניט געקענט ביישטיין דעם נסיון און ניט זינגען די ניגונים, וואָס זיינען געקומען פון טאַלנע.

אַ טאַלנער ניגון האָט אומעטום געהאַט אַ שם. אַ טאַלנער ניגון האָט אין זיך געהאַט אַ באַזונדער מין טעם, און זינגענדיק אים, האָט מען געקענט אויסדריקן ניט נאָר פרייד, נאָר אַמאָל אויך צער. ס׳האָט זיך געווענדט אָן דעם ווי מ׳האָט אים געזונגען און ווי אַזוי מ׳האָט געשטעלט דעם טראָפּ. און דאָס האָט גוט פאַרשטאַנען דער גרויסער יידישער שריפטשטעלער י. ל. פּרץ; אין זיין „גלגול פון אַ ניגון״, וואו ער האָט געשילדערט די שיינע זייטן פונעם חסידיזם, לאָזט ער רעדן אַ טאַלנער חסיד וועגן נגינה, און יענער הויבט ביי אים גלייך אָן מיט אַ פראַגע:

— „אַ טאַלנער ניגון ווילט איר?״

אַזוי פרעגט ער, דער טאַלנער חסיד, אין פרצעס „גלגול פון אַ ניגון״, און ער גיט באַלד צו פאַרשטיין וואָס דאָס מיינט און וואָס פאַר אַ באַדייטונג דאָס האָט:

„דאַכט זיך אין פלוג אַ קלייניקייט, — זאָגט ער, — נעמען אַ ניגון פון אַ טאַלנער שלוש־סעודות און נאָכזינגען! ס׳איז אָבער ניט אַזוי ווי עס דאַכט זיך! דער טאַלנער ניגון מוז געזונגען ווערן ברוב עם, חברה מוז אים זינגען!

„אונטערהעלפן ווילט איר? ניין, ברידער! מיט דער הילף פון פוילישע חסידים זינגט זיך ניט קיין טאַלנער ניגון! איר האָט ניט קיין השגה, קיין ידיעה אין נגינה! איך הער דאָך אייערע כלי־זמרים, אייערע חזנים! ס׳גרימפּלט זיך, ניט ס׳שפּילט, און ביים זינגען רייסט איר זיך ווי געקוילעטע הענער״.

ס׳געפעלט אים ניט, דעם טאַלנער חסיד, ווי אַזוי די חסידים אין פוילן זינגען אויף זייערע שמחות. זייער נגינה גרילצט אים אין די אויערן; זיין חוש פאַר געזאַנג איז מער אַנטוויקלט ווי ביי זיי; זיין חוש איז אַן איידעלער, אַן עכט־קינסטלערישער, און כדי מען זאָל פאַרשטיין פון וואַנען דאָס קומט צו אים, זאָגט ער, אַז „אפשר קומט עס שוין בירושה און אפשר ליגט עס אין דער געגנט״.

„אין אונזער קיעווער געגנט, — זאָגט ער, איז אין בית אַן אַ פידעלע! אַ בעלי־הבתיש קינד, אָדער, ווי מ׳זאָגט אין יענע קאַנטן, אַ טאַטנס אַ קינד, מוז האָבן אַ פידעלע, מוז קאָנען שפּילן... איר ווילט וויסן וויפל מאַנסלייט ס׳געהערן צו אַ שטוב? קוקט אויף די ווענט! וויפל ס׳הענגען פידעלעך, אַזוי פיל מאַנסלייט! אַלע שפּילן: ס׳שפּילט דער זיידע, ס׳שפּילט דער פאָטער, ס׳שפּילט דער זון... ס׳איז נאָר אַ שאָד, וואָס יעדער דור שפּילט זיך זיינס. שפּילט אַנדערש. שפּילט באַזונדער!״

דער טאַלנער חסיד ביי פּרצן רעדט וועגן דעם ווי אַזוי מ׳קען אַ ניגון זינגען אויף פאַרשיידענערליי אופנים, און ער גיט דערויף אַ מוסטער.

„נעמט כאָטש — זאָגט ער — דאָס לידל:

„רבי דודל האָט געוואוינט
אין וואַסילקאָוו — אין וואַסילקאָוו,
און היינט וואוינט ער אין טאַלנע;
ר׳ דודל, ר׳ דודל האָט געוואוינט אין וואַסילקאָוו,
היינט וואוינט ער אין טאַלנע!״

„ס׳זינגען, — זאָגט ער, — טאַלנער, ס׳זינגען וואַסילקאָווער! נאָר, אַז די טאַלנער זינגען, איז דאָס אַן אמת „פריילעכס״, שפּריצט עס און ברענט מיט

שמחה, מיט תענוג; זינגען עס אָבער וואַסילקאָווער, איז עס אויסגעווייקט מיט צער און מרה־שחורה! און ווענדן ווענדט זיך עס אָן דער נשמה, וואָס מ׳גיט אַריין אין ניגון!...״

אַזוי רעדן וועגן אַ ניגון האָט געקענט טאַקע נאָר אַ טאַלנער חסיד, ווייל אין ערגעץ האָט מען אין אַ ניגון ניט געקענט אַריינגעבן אַזוי פיל נשמה, אַזוי פיל האַרץ, ווי אין טאַלנע. דאָרט האָבן אַלע געזונגען. דאָרט האָבן אַלע ליב געהאַט צו הערן ווי מ׳שפילט. און ס׳איז אפשר קיין וואונדער ניט וואָס דאָרט איז געבאָרן געוואָרן איינער פון די גרעסטע פידל־שפּילער אין דער וועלט—דער באַרימטער מישאַ עלמאַן.

דער באָדן איז געווען צוגעגרייט, אַז ס׳זאָל פון דאָרט אַ גרויסער קינסט־לער אַרויסקומען. די ליבשאַפט צו נגינה האָט זיך דאָרט ממש אין דער לופט געפילט. די ניגונים, וואָס זיינען דאָרט געשאַפן געוואָרן, האָבן זיך איבער צענדליקער שטעט און שטעטלעך צעטראָגן, און מ׳האָט זיי אומעטום נאָכגע־זונגען, און דער ערשטער, וואָס האָט דאָס קליינע שטעטל טאַלנע געמאַכט פאַר אַ צענטער פון יידיש געזאַנג, איז געווען דער חזן ר׳ יאָסעלע טאַלנער, וועלכער פלעגט שבת און יום־טוב דאַוונען פאַרן עמוד ביים רבין ר׳ דודל אין שול.

ר׳ יאָסעלע טאַלנער איז געווען ניט נאָר אַ חזן, נאָר אויך אַ קאָמפּאָזיטאָר. ער פלעגט אַליין שאַפן ניגונים און זיי דערנאָך זינגען פאַרן רבין ביים טיש, און די ניגונים זיינען געווען אַזעלכע, אַז די חסידים האָבן זיי לייכט געקענט איבערנעמען און זיי נאָכזינגען; ס׳איז אין זיי געווען די מתיקות, וואָס יידן האָבן ליב און וואָס ברענגט אַריין אין התפעלות, און אַזוי ווי דער רבי ר׳ דודל, וואָס האָט פריער געוואוינט אין וואַסילקאָוו און זיך נאָכדעם באַזעצט אין טאַלנע, האָט געהאַט זייער אַ סך חסידים, וואָס פלעגן צו אים קומען ניט נאָר פון נאָענטע, נאָר אויך פון ווייטע שטעט, זיינען דעם חזן ר׳ יאָסעלעס ניגונים פאַרשפּרייט געוואָרן אומעטום; יעדער חסיד, וואָס איז נאָר צום טאַלנער רבין ר׳ דודל געפאָרן, האָט נאָכדעם אַ נייעם ניגון געבראַכט אַהיים, און דאָרט האָט זיך דער ניגון איבער דער גאַנצער שטאָט פאַרשפּרייט און מען האָט אים געזונגען אומעטום.

די מערסטע פון די חסידישע ניגונים, וואָס יידן האָבן געזונגען אין אוקראַינע און וואָס זיינען נאָך איצט אַ טייל פון דער יידישער פאָלקס־מוזיק, וואָס איז ביי אַלעמען באַליבט, זיינען געשאַפן געוואָרן פון דעם טאַלנער חסיד ר׳ יאָסעלע, וואָס איז געווען אַ חזן ביים רבין ר׳ דודל אין הויף און ער האָט אַלע וואָך — אַמאָל צו שלוש־סעודות און אַמאָל צו מלוה־מלכה — געדאַרפט צו־שטעלן אַ נייעם ניגון, אַן אייגענעם. ער איז געווען דער, וואָס האָט דעם טאַלנער ניגון געמאַכט באַרימט אומעטום, וואו יידן געפינען זיך נאָר; ער האָט טויזנטער

חסידים פון די שטעטלעך אין אוקראַינע אויסגעלערנט זינגען דעם טאַלנער ניגון און ער האָט זיי אויך אויסגעלערנט ווי אַזוי אין דעם ניגון אַריינצוגעבן נשמה. און אין דעם איז אפשר ניט ווייניק געלעגן דער סוד דערפון וואָס ר׳ דודל טאַלנער האָט געהאַט מער חסידים פון די אַנדערע ברידער זיינע פונם טשערנאָבילער הויף. די האַרציקע ניגונים, וואָס האָבן אין גרויס התפעלות אַריינגעבראַכט, האָבן אַוודאי ניט ווייניק מענטשן צוגעצויגן. זיי האָבן אַ סך צוגעגעבן צו דער פייערלעכקייט ביי ר׳ דודלען אין הויף, און אין דעם האָט יאָסעלע טאַלנער דעם גרעסטן חלק געהאַט.

וועגן אים, דעם ר׳ יאָסעלע טאַלנער, וועלכער האָט אין זיין לעבן געשאַפן עטלעכע הונדערט חסידישע ניגונים, האָבן יידן אין די אוקראַינישע שטעטלעך דערציילט אַזעלכע געשיכטעס, וואָס האָבן זיין נאָמען ממש אין לעגענדעס איינגעהילט. מ׳האָט אים אומעטום גוט געקענט, ווייל ער פלעגט אַרומפאָרן איבער די אַלע שטעטלעך איינמאָנען ביי די חסידים די „מעמדות“ פאַרן טאַלנער הויף, און קיינער האָט דאָס ניט געקענט אַזוי גוט ווי ער, ווייל ווען ער איז אָנגעקומען אין אַ שטעטל איינמאָנען די „מעמדות“, זיינען די חסידים געקומען צו אים און מ׳האָט זיך משמח געווען מיט זיינע ניגונים און מ׳האָט שטאַרק הנאה געהאַט פון דעם ווי אַזוי ער אַליין זינגט זיי. זיינעם אַ ניגון האָט מען לייכט געקענט איבערנעמען און מ׳פלעגט דעריבער זאָגן, אַז „ס׳זינגט זיך אַליין“.

ער איז געווען זייער אַ פרומער ייד, אַן ערלעכער ייד. און וויפל ער האָט איינגעמאָנט, האָט ער אָפּגעגעבן דעם רבין ביז אַ פּרוטה און אַליין האָט ער געלעבט אין אָרעמקייט. אָבער אַפילו אין דער אָרעמקייט האָט ער זיך געהאַלטן זייער ווירדיק און ווען ער האָט אָנגעטאָן אַ בגד, האָט מען דערויף קיין שפּרינג־קעלע ניט געקענט זען און אין טאַלנע פלעגט מען זאָגן, אַז וואָס ר׳ יאָסעלע טוט נאָר אָן, זינגט דאָס אויף אים.

ער איז געווען אַזוי פאַרקאָכט אין נגינה, ער האָט אַזוי ליב געהאַט געזאַנג, אַז ווען ער איז איינמאָל געקומען אין דעם שטעטל נאָוואָמירגאָראָד דאַוונען ימים־נוראים און ער איז ראש־השנה פאַר מוסף געשטאַנען אין שול אויפן גאַניק אָנגעטאָן אין טלית, האָט ער מיטאַמאָל דערהערט אַ געזאַנג פון דער־ווייטנס. דאָס האָט אַ כאָר געזונגען אויף דער לוויה פון אַ גרויסן פּריץ, וואָס איז גראָד דאַן געשטאָרבן. און ווען די קריסטלעכע לוויה־פּראָצעסיע איז שוין געווען נאָענט ביי דער שול, זיינען די יידן אַוועק פונם גאַניק און זיי זיינען אַריין אין שול. איין ייד אָבער האָט זיך פונם אָרט ניט גערירט און ער איז געבליבן שטיין ווי אַ פאַרכישופטער און האָט זיך צוגעהערט צום געזאַנג פונם כאָר. דאָס איז געווען ר׳ יאָסעלע דער חזן. מ׳האָט אים בשום אופן ניט געקענט

אָפּרייסן פונם אָרט. ער האָט גאָרניט געהערט ווי מ׳רופט אים, ער זאָל אַרייַנ־גיין אין שול אַריין. ערשט ווען די גוישע לוויה איז אַוועק ווייט און מ׳האָט שוין דאָס געזאַנג פונם כאָר מער ניט געקענט הערן, האָט ר׳ יאָסעלע זיך געגעבן אַ כאַפּ און די ערשטע ווערטער זיינע זיינען געווען:

— יידן, וואָס זאָל איך אייך זאָגן? האָט דאָרט ביי זיי אין כאָר געזונגען אַ באַס — האָב איך נאָך אַזוינס קיינמאָל אין מיין לעבן ניט געהערט!...

אין דעם זעלבן שטעטל נאָוואָמירגאָראָד איז ר׳ יאָסעלע טאַלנער אומגעקומען ווי אַ קדוש. דאָס איז געווען אין יאָר 1919, אין די צייטן פון די גרויסע פּאָגראָמען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין רוסלאַנד אין די יאָרן פונם בירגער־קריג. די רוצחים האָבן אים באַגראָבן לעבעדיקערהייט אינאיינעם מיט נאָך פופציק יידן פון די חשובע בעלי־בתים אין שטעטל און מ׳האָט זיי אַלע געצוואונגען אַליין אויסצוגראָבן דעם קבר. און ווען די יידן האָבן דערביי געוויינט, האָט ר׳ יאָסעלע פאַר זיי געזונגען קאַפּיטלעך פון תהילים און געזאָגט מיט זיי ווידוי. און אין שטעטל האָט מען נאָכדעם דערציילט, אַז ווען מ׳האָט ר׳ יאָסעלען אין קבר אַריינגעוואָרפן אַ לעבעדיקן, האָט ער אויפן קול אויסגעשריען:

„שמע ישראל ה׳ אלהינו ה׳ אחד!“

אַזוי איז אומגעקומען אויף קידוש־השם ר׳ יאָסעלע טאַלנער — דער ייד, וואָס האָט אין זיין לעבן די טאַלנער ניגונים געשאַפן און מיט זיי אַריינגעטראָגן אַזוי פיל פרייד אין די הערצער פון טויזנטער און טויזנטער יידן, וועלכע האָבן אויף די וועגן פון אוקראַינע, פאָרנדיק צום רבין, ניט איין מאָל געזונגען אויפן קול און מיט חסידישן טעם דאָס באַקאַנטע לידל, וואו מ׳מישט צונויף אוקראַיניש מיט לשון־קודש:

„אידעס, אידעס דאָ ראַבינאַ,
זאַספּיוואַיעם גילה ורינה,
פּיעם פּיעם האַרילקו לחיים,
טילקאָ, טילקאָ לשם שמים“.

און אומגעקומען איז ר׳ יאָסעלע טאַלנער ווען ער איז אַלט געווען צוויי און זעכציק יאָר *).

---

*) פאַר איניקע פון די איינצלהייטן וועגן ר׳ יאָסעלע טאַלנער האָב איך צו פאַר־דאַנקען זיין טאָכטער, די פרוי פון הרב ראָזענבלאַט, אין ניו-יאָרק. אָנגעגעבן די איינצל-הייטן האָט זי אין אַ בריוו, וואָס זי האָט צוגעשיקט צו מיר און וואָס איז געווען גע-דרוקט אין „פאָרווערטס“ פון 23טן אַפּריל, 1942. איך האָב זיך אויך באַנוצט מיט די מאַטעריאַלן, וואָס ווערן אָנגעגעבן וועגן אים אינעם ספר „לחסידים מזמור“, אונטער דער רעדאַקציע פון מ. ש. גשורי. זע דאָרט דעם קאַפּיטל „ערכי נגינה בחסידות“ און אויך דעם קאַפּיטל „כוחו של ניגון“.

***

טאַלנע איז אַ קליין שטעטל, וואָס ליגט אין אַ טאָל און איז אַרומגערינגלט מיט בערג. מיט אַ הונדערט יאָר צוריק איז די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג דאָרט באַשטאַנען פון ניט מער ווי אַכטצן הונדערט נפשות. אָבער ווען דאָס שטעטל איז געוואָרן אַ וויכטיקער צענטער פון חסידיזם, האָט עס אָנגעהויבן וואַקסן, און אינם יאָר 1897 איז שוין די יידישע באַפעלקערונג דאָרט באַשטאַנען פון פינף טויזנט מיט פיר הונדערט און צוויי און פופציק נפשות, און דאָס איז געווען מער ווי פופציק פראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג.

דער ערשטער, וואָס האָט דאָס שטעטל טאַלנע געמאַכט פאַר אַ וויכטיקן צענטער פון חסידיזם, איז געווען דער רבי ר׳ דודל, דער זון פון דעם טשערנאָבילער מגיד ר׳ מרדכי, ווער דעמען די חסידים און אויך די מתנגדים האָבן גערופן מיט דעם פאַרצויגענעם נאָמען ר׳ מאָטעלע.

ר׳ מרדכי טשערנאָבאָליער איז צווישן די חסידישע רביים געווען פון די ערשטע, וואָס זיינען אַוועק אויף נייע וועגן — ניט אויף די, וואָס דער בעל־שם־טוב האָט אָנגעצייכנט פאַר דעם חסידיזם, וואָס איז געוואָרן אַ גרויסע פאָלקס־באַוועגונג ביי יידן; ער האָט זיך געפירט ברייט, ניט אַזוי ווי זיין טאַטע ר׳ נחום, וועמען די חסידים האָבן גערופן „ר׳ נחום דער גרויסער“; אויך ניט אַזוי ווי אַ לוי־יצחק באַרדיטשעווער, אָדער ווי דער מעזעריטשער מגיד ר׳ דוב־בער, וועל־כער האָט געירשנט די שטול פונם בעל־שם־טוב. יענע אַלע גרויסע צדיקים האָבן געלעבט באַשיידן און זיך געהאַלטן אַזוי, אַז דאָס פשוטע פאָלק זאָל זיך פילן נאָענט צו זיי, און אין דער זעלבער צייט האָבן זיי אינם חסידיזם אַריינגע־טראָגן אַ גייסטיקע דערהויבנקייט; זיי האָבן געלעבט ווי מענטשן, וואָס זיינען אָרעם אין מיטלען, אָבער רייך אין גייסט; נאָך עשירות האָבן זיי זיך ניט גע־יאָגט, און ווען זיי האָבן נאָר געהאַט געלט, האָבן זיי דאָס געווינלעך צעטיילט צווישן אָרעמע לייט און אַרויסגעהאָלפן די, וואָס האָבן זיך גענויטיקט אין הילף.

ר׳ מרדכי האָט שוין אָבער יאָ ליב געהאַט עשירות; ער האָט געלעבט ווי אַ פּריץ, זיך געפירט אויף אַ גאָר ברייטן שטייגער, און אַרויסגעפאָרן איז ער אין אַ גרוי־סער טייערער קאַרעטע מיט פיר פערד, וואָס זיינען געווען געשפּאַנט „נאַשפּיץ“. דאָס איז געווען אַ נייס, וואָס מ׳האָט פריער ביי קיין חסידישן רבין ניט געזען; בלויז פּריצים פלעגן פאָרן אין אַזאַ שפּאַן און מיט אַזאַ קנאַק. אָבער די חסידים זיינען אין ר׳ מרדכין געווען אַזוי פאַרגלויבט, אַז זיי האָבן אין דער נייער פירונג זיינער קיין ווידערשפּרוך צום חסידיזם ניט געזען; זיי האָבן געמיינט, אַז אַזוי דאַרף זיין, און ס׳איז ביי זיי גאָר קיין ספק ניט געווען, אַז ווען דער רבי פאָרט אַרויס מיט די פיר פערד „נאַשפּיץ“, לויפן מלאכים נאָך זיין קאַרעטע און באַ־גלייטן אים אויף אַלע וועגן...

אויך זיין זון, ר׳ דודל, האָט זיך אַזוי געפירט. ווען ער האָט זיך אינם שטעטל טאַלנע באַזעצט, איז זיין הויף דאָרט געווען פון די שענסטע און רייכסטע אין שטאָט. פּונקט ווי זיין טאַטע, איז ער אויך געפאָרן אין קאַרעטעס, און די שטול, אויף וועלכער ער איז געזעסן, איז געווען געמאַכט פון זילבער, און מ׳האָט גע־זאָגט, אַז ס׳זיינען אויף איר אויסגעקריצט די ווערטער: „דוד מלך ישראל חי וקים״.

און ער האָט זיך טאַקע געפירט ווי אַ קעניג, דער רבי ר׳ דודל, וואָס האָט פריער געוואוינט אין וואַסילקאָוו און דערנאָך אין טאַלנע. די חסידים זיי־נען געווען זיינע אונטערטאַנען און יעדער איינער פון זיי, אַפילו די אָרעמע, האָט געדאַרפט צאָלן באַשטימטע שטייערן. אַלע האָבן געדאַרפט געבן געלט דעם רבין, וואָס האָט געלעבט אין עשירות, און ספּעציעלע משולחים פלעגן אַרומפאָרן איבער אַלע שטעט און שטעטלעך, וואו ער האָט געהאַט חסידים, און זיי האָבן די באַשטימטע שטייערן ביי זיי איינגעמאָנט. צו דעם איז נאָך געווען גרויס הכנסה פון „קוויטלעך״ אויך; ווען אַ חסיד איז געקומען צום רבין, פון נאָענט, אָדער פון ווייט, האָט ער פריער, דורכן גבאי, געדאַרפט אַריינ־שיקן אַ „קוויטל״ און צו דעם צוגעלייגט אַ „פּדיון״, וואָס איז מערסטנטיילס באַשטאַנען פון אַ סימבאָלישן ציפער — אַמאָל אַכטצן גילדן, אָדער אַכטצן רובל, כמנין ח״י, וואָס ס׳מיינט לעבן, און אַמאָל צוויי מאָל אַזוי פיל, כמנין ב׳ פעמים ח״י, ווי מ׳האָט דאָס גערופן אין די רבישע הויפן. רייכערע חסידים האָבן געגעבן נאָך מער. און עס זיינען געווען אַזעלכע גוטע יידן, — זאָגט ש. א. האָראָדעצקי, רעדנדיק וועגן יענער עפּאָכע, — וואָס האָבן פּשוט מיט שטאַרקייט געפאָדערט פון די חסידים, אַז זיי זאָלן זיי געבן וואָס מער געלט. אָבער אַפילו אין דעם האָבן די חסידים ניט געזען קיין שלעכטס. זיי האָבן געזאָגט, אַז די צדיקים פאַרלאַנגען מ׳זאָל זיי געבן געלט כדי זיי זאָלן דערפון אַרויסנעמען די הייליקע פונקען, וואָס זיינען אַריין אין דער טומאה״ *).

ס׳איז אין טאַלנע אין יענע צייטן ניט געווען צו געפינען נאָך איינעם וואָס זאָל זיך פירן אַזוי ברייט און לעבן אַזוי רייך ווי דער רבי ר׳ דודל. און כאָטש די חסידים, וואָס ער האָט געהאַט אין אַזאַ גרויסער צאָל, האָבן אַפילו אין זיין עשירות אויך געזען עפּעס אַ מין גייסטיקע דערהויבנקייט, זיינען אָבער אין שטאָט דאָך געווען אַזעלכע מענטשן, וואָס האָבן געקוקט קרום דערויף, וואָס אַ רבי פירט זיך אַזוי ברייט, און דאַן האָט אים עמעצער געמוסרט אַז אויף זיין שטול זיינען אויסגעקריצט די ווערטער „דוד מלך ישראל חי וקים״ און דאָס האָט געהייסן, אַז ער האַלט זיך פאַרן קעניג פון די יידן. און ווען ר׳ דודל האָט

---

*) דר. ש. א. האָראָדעצקי: החסידות והחסידים, באַנד 4, ז׳ 81.

זיך דערוואוסט פון דער מסירה, האָט ער זיך שטאַרק דערשראָקן און איז אַנטלאָפן קיין גאַליציע און דאָרט האָט ער זיך באַזעצט אין דער שטאָט בראָד, אָבער שפּעטער, ווען עס איז שוין קיין סכנה מער ניט געווען, איז ער געקומען צוריק.

ס׳איז ניט געווען קיין וואונדער, וואָס ר׳ דודל טאַלנער האָט זיך געפירט אַזוי ברייט; ער איז צו אַזאַ לעבן געווען צוגעוויינט נאָך ביי זיין פאָטער אין הויז, און צו דעם האָט אַוודאי אַ גרויסע ראָלע דערביי געשפּילט דער פאַקט, וואָס צווישן זיינע חסידים זיינען געווען אַ סך גרויסע נגידים, וואָס האָבן זיך געפירט זייער ברייט, און ער האָט אַוודאי געהאַלטן, אַז ס׳איז קיין עוולה ניט צו נעמען ביי זיי וואָס מער געלט, און ער האָט אפשר געדענקט, אַז אויב ער וועט זיך ניט פירן רייך, וועלן זיי פאַר אים קיין דרך־ארץ ניט האָבן און וועלן נאָך אפשר גאָר קוקן אויף אים פון אויבן אַראָפּ, ווי ס׳איז דער שטייגער פון רייכע לייט, ווען זיי קומען זיך אַמאָל צונויף מיט אַזעלכע, וואָס זיינען ניט אַזוי רייך ווי זיי.

בכלל, איז דער חסידיזם, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן ווי אַ פאָלקס־באַוועגונג, ניט ווייניק דעמאָראַליזירט געוואָרן פון דעם, וואָס רייכע לייט זיינען אויך געוואָרן חסידים. די באַוועגונג, וואָס איז פון אָנפאַנג אָן געשאַפן געוואָרן פאַר די אָרעמע און פשוטע מענטשן פון פאָלק האָט איבער דעם געמוזט פאַרלירן אַ סך פון איר פריערדיקן אינהאַלט און זיך אַוועקלאָזן אויף איינגאַנצן בייע וועגן, וואָס האָבן אין גרונט ווידערשפּראָכן אירע הויפּט־פּרינציפּן. חסידישע רביים, אפילו אַזעלכע, וואָס זיינען אין דער אמתן גאָר ניט געווען קיין געלט־גייציקע מענטשן, האָבן אָפּט פשוט ניט געקענט ביישטיין דעם נסיון און ס׳איז פאַר זיי, אין די נייע אומשטענדן, געווען שווער זיך צו פירן אין לעבן אַזוי ווי די ערשטע גרינדער און באַשעפער פונם חסידיזם האָבן זיך געפירט. און אַן אָנצוהערעניש דערויף געפינט מען אין דעם, וואָס רבי דודל טאַלנער אַליין האָט אַמאָל דערציילט, רעדנדיק וועגן דער מידה פון באַשיידנקייט:

„באַשיידנקייט, — האָט ער געזאָגט, — איז איינע פון די שענסטע מידות. ס׳איז גוט ווען אַ מענטש האַלט זיך קליין, אָבער זיך צאַצקען דערמיט דאַרף ער פונדעסטוועגן ניט. דאָס האָב איך איינגעזען פון אַ פאַל, וואָס האָט זיך געטראָפן טאַקע מיט מיר אַליין. אָט הערט אומיסטן:

„ווען דער טאַטע, זכרונו לברכה, איז נפטר געוואָרן און איך האָב זוכה געווען צו פאַרנעמען זיין אָרט, איז צו מיר איינמאָל געקומען אַ גרויסער גביר און האָט פאַר מיר אַוועקגעלייגט אויפן טיש אַזאַ פדיון, וואָס נאָר אַ גרויסער גביר קען זיך פאַרגינען צו געבן אַזוי פיל אַ רבין.

— „אַזוי פיל געלט? — האָב איך אים געפרעגט. — ס׳איז צופיל!

— „ניין, — האָט ער געענטפערט. — ס׳איז ניט צופיל. אַזוי האָב איך זיך נוהג געווען ביים אַלטן רבין, זכרונו לברכה, און איך וויל דעם מנהג ניט ברעכן; דער זון דאַרף ביי מיר קריגן ניט ווייניקער ווי דער טאַטע.

— „אָבער ווי קום איך צו מיין טאַטן? — האָב איך געזאָגט צום גביר. — מיין טאַטע, זכרונו לברכה, איז געווען איינער פון די גרעסטע צדיקים אין דער וועלט. אַ הייליקער. און ווער בין איך? איך בין דאָך אַ גאָרניט!

— „טאַקע?! — האָט דער גביר מיך אָפּגעמאָסטן מיט די אויגן פונם קאָפּ ביז די פיס. — אַבי איך האָב געמיינט, אַז איר זענט אַזאַ גרויסער צדיק ווי דער טאַטע...

„און טאַקע באַלד האָט ער אַראָפּגענומען דאָס געלט פונם טיש און עס אַריינגעלעגט צו זיך אין קעשענע. און דעמאָלט, הערט איר, — האָט ר׳ דודל געענדיקט די מעשה, — איז מיר איינגעפאַלן דער געדאַנק, אַז עניוות איז טאַקע זייער אַ שיינע מידה, אַז ס׳איז גוט ווען אַ מענטש האַלט זיך קליין, אָבער זיך צאַצקען דערמיט דאַרף ער פונדעסטוועגן ניט...״

די דאָזיקע מעשה וואָס מיר געפינען אין מ. ליפּסאָנס „מדור דור״, איז כאַראַקטעריסטיש, און מ׳קען פון דעם זען, אַז ר׳ דודל טאַלנער איז געווען אַ קלוגער ייד, אַז ער האָט פון אַלץ געקענט אָפּלערנען עפּעס, וואָס זאָל צו־ניץ קומען אויף שפּעטער, און אַז ער האָט גוט פאַרשטאַנען די לאַגע, אין וועלכער ער האָט זיך געפונען, און ער האָט געוואוסט, אַז אויב ער וועט ניט אָנהאַלטן דעם גרויסן שטעל און ניט פירן דעם ברייטן שטאַט, וועט ער נאָך אפשר גאָר פאַלן אין די אויגן פון אַ סך פון זיינע חסידים און זיי וועלן אים גאָר פאַר קיין גרויסן צדיק ניט האַלטן, און דאָס האָט געמיינט זיך אינגאַנצן אָפּזאָגן פון דעם, וואָס ער האָט איבערגענומען בירושה ביי זיין טאַטן ר׳ מרדכי דער טשערנאָבילער.

דאָס מאַכן פּשרות מיט זיך אַליין האָט אים אָבער ביסלעכוויז דאָך דער־פירט דערצו, אַז ער זאָל די רייכע חסידים זיינע שענקען מער אויפמערקזאַמקייט ווי די אָרעמע, און דאָס האָט פאַרשאַפט יסורים יענע, וואָס האָבן זיך פון דעם געפילט געקריוודעט, און מ׳האָט אַמאָל טאַקע געהאַט טענות צו אים דערפאַר, אָבער ער האָט מיט זיין קלוגשאַפט שוין געוואוסט וואָס צו ענטפערן אין אַזאַ פאַל, און איינמאָל, ווען ער איז מיט אַ רייכן חסיד אָפּגעזעסן אַ פּאָר שעה ביי זיך אינם חדר מיוחד און נאָכדעם, ווען אַן אָרעמער חסיד איז אַריינגעקומען, האָט ער מיט אים ניט מער ווי עטלעכע געציילטע ווערטער אויסגערעדט, האָט זיך יענער געפילט באַליידיקט און אָפן געפרעגט צי דאָס איז דערפאַר, וואָס דער רבי קוקט זיך מער אום אויף די רייכע ווי אויף די אָרעמע, האָט ר׳ דודל אים געענטפערט: „נאַר איינער, פאַרוואָס זאָל דיר גאָר אַזוינס איינפאַלן? ס׳איז

אַ גאַנץ פשוטע זאַך דערביי: ווען דו קומסט אַריין צו מיר, ווייס איך גלייך, אַז דו ביסט אַ ייד אַן אָרעמאַן. איך דאַרף מיט דיר לאַנג ניט רעדן דאָס אויסצוגעפינען. יענער אָבער מאַכט אַזאַ אָנשטעל, אַז איך דאַרף מיט אים רעדן און רעדן ביז איך געפין אויס, אַז ער איז פונקט אַזאַ אָרעמאַן ווי דו...״

אונטער דער הערשאַפט פון פיר צאַרן איז דעם טאַלנער רבין ר׳ דודל אויסגעקומען צו לעבן אין רוסלאַנד. ער איז געבאָרן געוואָרן אינם יאָר 1808, ווען אַלעקסאַנדער דער ערשטער איז נאָך געזעסן אויפן טראָן. נאָכדעם האָט ר׳ דודל איבערגעלעבט ניקאָלאַי דעם ערשטן און אויך אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, און געשטאָרבן איז ער אינם יאָר 1882, ווען אַלעקסאַנדער דער דריטער איז שוין געזעסן אויפן טראָן. ער איז דאַן אַלט געווען פיר און זיבעציק יאָר, אָבער די טשערנאָבאָליער חסידישע „דינאַסטיע״ איז ווייטער געבליבן אין טאַלנע און אויך אין אַנדערע שטעט פון אוקראַינע און שפּעטער איז זי אַריבערגעוואָרפן געוואָרן קיין אַמעריקע. און אַ סך יאָרן נאָך ר׳ דודלס טויט האָט מען נאָך אין טאַלנע זיך געהאַלטן גרויס דערמיט וואָס ער האָט דאָרט אַמאָל געלעבט, און ניט נאָר חסידים, נאָר אויך מתנגדים און אַפּיקורסים האָבן איבערדערציילט זיינע רייד און זיינע ווערטלעך, אין וועלכע ער האָט אַרויסגעוויזן אַ סך קלוגשאַפט און אַמאָל אויך זייער אַ טרעפלעכע קריטיק דווקא אויף חסידישע רביים און אויף חסידיזם בכלל...

ער האָט געקוקט מיט אָפענע אויגן אַרום זיך; ער האָט גוט פאַרשטאַנען די מענטשן, מיט וועלכע עס איז אים אויסגעקומען זיך צו טרעפן, און מ׳דערציילט, אַז איינמאָל, רעדנדיק וועגן חסידיזם אַמאָל און היינט, האָט ער געזאָגט:

„ווען אַ חסידישער רבי, וואָס האָט ניט קיין תורה און ניט קיין מעשים־טובים, דאַוונט דאָך דריי מאָל אַ טאָג, איז דאָס זייער פיין פון זיין זייט און מ׳דאַרף אים האַלטן פאַר אַ צדיק גמור, וואָרעם ווען ער וואָלט ניט געדאַוונט, וואָלטן די חסידים זיינע דאָס אויך אויסגעטייטשט גוט און זיי וואָלטן געוויס געזאָגט, אַז ער איז שוין אַזאַ קדוש שבקדושים, אַז אַפילו דאַוונען דאַרף ער שוין אויך ניט...״

ווען מ׳האָט אים איינמאָל געפרעגט ווי קומט עס וואָס ער האָט חסידים אין די טויזנטער און וואָס די מערסטע פון זיי זיינען רייכע לייט, וואָס האָבן הצלחה אין אַלץ צו וואָס זיי נעמען זיך נאָר, אין דער צייט ווען זיין ברודער ר׳ יוחנצי, דער ראַכמעסטריווקער, האָט ווייניק חסידים און די מערסטע פון זיי זיינען אָרעמעלייט, האָט ער דערויף געענטפערט מיט אַ קלוגן שמייכל:

„ס׳איז אַ גאַנץ פשוטע זאַך דערביי״, האָט ער געזאָגט. „ביי מיר איז שטענדיק קאָפּ אויף קאָפּ. און ווען אַ חסיד קומט צו מיר, מוז ער אַמאָל וואַרטן עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד ביז מ׳לאָזט אים צו צו מיר. און ווען מען לאָזט אים שוין יאָ

צו און ער קומט אַריין מיטן קוויטל, איז נאָך איידער ער עפנט דאָס מויל, דאַרף ער שוין אַרויסגיין, ווייל אַנדערע וואַרטן דאָך. און ווען ער גייט אַוועק, טראַכט ער זיך געוויינלעך אַזוי: אין איילעניש האָב איך דאָך גאָרניט אויספּייעט צו זאָגן דעם רבין. איך האָב דאָך אים גאָר ניט דערציילט וואָס פאַר אַ צרות איך האָב! און טראַכטנדיק אַזוי, מאַכט ער אָפּ ביי זיך, אַז אויב אַזוי, וועט ער זיך שוין מוזן פאַרלאָזן אויף גאָט, און ווען ער פאַרלאָזט זיך אויף גאָט, העלפט אים גאָט...

„מיט מיין ברודער ר׳ יחנצי אָבער איז אַנדערש; ביי אים דאַרף קיינער לאַנג ניט וואַרטן. ווי דער חסיד קומט נאָר, לאָזט מען אים גלייך אַריין, און דער רבי זיצט מיט אים לאַנג און מ׳רעדט; אַלץ וואָס ס׳איז נאָר דעם חסיד אויפן האַרצן, דערציילט ער דעם רבין, און נאָכדעם, ווען ער גייט שוין אַוועק, טראַכט ער זיך געוויינלעך אַזוי: איך האָב דעם רבין אַלע מיינע צרות דער־ציילט, און ער וועט מיר שוין אַוודאי העלפן. אויף אים קען איך זיך פאַרלאָזן. אַז ער דאַרף זיך פאַרלאָזן אויף גאָט — וועגן דעם קלערט ער שוין ניט, און טאַקע דערפאַר, וואָס ער קלערט ניט דערפון, העלפט אים ניט גאָט“...

אויף אַלץ האָט ר׳ דודל טאַלנער געוואוסט וואָס צו ענטפערן, און אין יעדן ענטפער זיינעם האָט מען געקענט זען ווי גוט ער פאַרשטייט אַלץ און ווי גוט ער קלייבט זיך פאַנאַנדער אין דער פּסיכאָלאָגיע פון מענטשן, און ווי אין דער זעלבער צייט וואָס ער שעצט הויך די גוטע זייטן פון חסידיזם, קוקט ער אויך מיט אָפענע אויגן אויף די שלעכטע זייטן...

ווען אַ געוויסער חסידישער רבי, מיט וועמען ער האָט זיך גראָד גע־טראָפן אין אַ שטעטל אויף איינער פון זיינע רייזעס איבער אוקראַינע, האָט זיך פאַר אים געקלאָגט דערויף וואָס זייער ווייניק מענטשן פון שטעטל קומען צו אים, האָט ער אים געטרייסט און אים אויך אַ שיינע מטבע געגעבן, און ווען יענער איז שפּעטער געקומען און אים דערציילט, אַז זינט מ׳האָט זיך אין שטעטל דערוואוסט וועגן דעם, האָט מען אָנגעהויבן קומען און מ׳ברענגט אים גוטע פּדיונות, האָט ר׳ דודל צו אים געזאָגט:

— איך האָב פאַרשטאַנען ס׳וועט אַזוי זיין, ווייל ס׳איז, פאַרשטייט איר מיך, אַלעמאָל אַזוי: ווען מען ווייסט, אַז יענער איז אויף גרויסע צרות און אַז ס׳איז אַ מצווה אים צו העלפן, איילט מען זיך ניט, ווייל אויף מצוות זיינען מענטשן גאָרניט אַזעלכע גרויסע בעלנים. אָבער ווען מ׳דערוויסט זיך, אַז יענער איז שוין מער ניט אויף צרות און ס׳איז שוין מער ניט קיין מצווה אים צו העלפן, שפּאַרן זיך אַלע צו אים און מ׳טראָגט פון אַלע זייטן...

אין אַ סך פון דעם וואָס ר׳ דודל טאַלנער האָט געזאָגט ביי פאַרשיידענערליי געלעגנהייטן, קען מען געפינען די דערקלערונג דערויף פאַרוואָס ער האָט זיך

געפירט אויף אַזאַ ברייטן שטייגער און געלעבט אין אַזאַ עשירות. דאָ און דאָרט געפינט מען אין זיינס אַ וואָרט אַן אָנצוהערעניש דערויף, וואָס גיט אַ גרונט צו גלויבן, אַז אים אַליין איז אַזאַ רייך לעבן גאָרניט געווען אַזוי שטאַרק צום האַרצן, אָבער די אומשטענדן זיינען געווען אַזעלכע, אַז ער האָט קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט און ער איז עפּעס ווי פון זיך אַליין אַלץ מער און מער אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם. מיט זיין קלוגשאַפט האָט ער צוגעצויגן צו זיך מענטשן און דאָס איז געווען איינע פון די אורזאַכן פון זיין גרויסן דערפאָלג; וועלטלעכע יידן, וואָס האָבן געפירט גרויסע געשעפטן, האָבן זיך ניט געקענט געבוג אָפּלויבן פון זיין קלוגשאַפט, און ווען אַזאַ ייד איז צו אים געקומען איין מאָל, האָט ער שוין געמוזט קומען אַ צווייטן מאָל און אַ דריטן מאָל, און ער איז געוואָרן זיינער אַ פאַרברענטער חסיד און געבראַכט די גרויסע פּדיונות, און מיט אַזעלכע יידן האָט מען זיך געדאַרפט האַלטן אַזוי, אַז זיי זאָלן שטענדיק האָבן גרויס דרך־ארץ און דאָס האָט געמוזט אַריינשלעפּן אין אַ לעבן פון אַזאַ גלאַנץ, וואָס האָט ניט געשטימט מיט דעם, וואָס די ערשטע גרינדער און באַשעפער פון דעם חסידיזם האָבן געפּרעדיקט...

ער איז געווען אַ פּערזענלעכקייט, דער רבי ר׳ דודל, אַרום וועלכן מ׳האָט טאַנצענדיק געזונגען, אַז אַמאָל האָט ער געוואוינט אין וואַסילקאָוו און היינט וואוינט ער אין טאַלנע! אַ מאַגנעטישע פּערזענלעכקייט, וואָס ציט מענטשן צו זיך. און ווייל קיינער האָט אַזוי גוט ניט פאַרשטאַנען זיין אייגענע לאַגע ווי ער אַליין, און ווייל ער איז אָפט געווען געצוואונגען צו מאַכן פּשרות מיט זיך אַליין, איז ער אין דער גרויסער עשירות ביי זיך אין הויף גיכער געווען דער העלד פון אַ טראַגעדיע, וואו מ׳טאַנצט און מ׳זינגט און ס׳איז לעבעדיק און פריילעך...

ס׳איז אים אָפט געווען שרעקלעך לאַנגווייליק אין דער געזעלשאַפט פון יענעם מין חסידים, וואָס זיינען מער פרום ווי נאַריש, אָדער מער נאַריש ווי פרום. און איינמאָל, ווען איינער פון זיינע חסידים, וואָס האָט געהאַט אַ שם פאַר אַ זייער פרומען און אויך פאַר אַ גרויסן נאַר, האָט צו אים, מיט אַ פרומער מינע אויפן פּנים, געזאָגט, אַז ס׳שטייט אין דער גמרא, אַז ס׳איז בעסער צו זיין אַלע יאָרן אַ נאַר, איידער איין שעה אַ רשע, האָט ר׳ דודל גלייך געהאַט אַ קלוגן ענטפער דערויף:

— ריכטיק ווי גאָלד — האָט ער צו אים געזאָגט. — אָבער אויף אַן אַנדער אָרט אין דער גמרא (נדה, דף ט״ז, עמוד ב׳) שטייט, אַז נאָך איידער אַ מענטש ווערט געבאָרן, איז מען אויפן הימל שוין גוזר וואָס ער זאָל זיין: אַ געזונטער, אָדער אַ קראַנקער, אַ קלוגער, אָדער אַ נאַר, אַן עושר, אָדער אַ קבצן. אַזוי שטייט דאָרט. נו, פרעגט זיך אַ קשיא: וואָס קען טאָן אַ מענטש, אַז ער זאָל ניט זיין

קיין נאַר, ווען אויפן הימל איז בפירוש נגזר געוואָרן, אַז ער זאָל יאָ זיין אַ נאַר? ענטפערט מען דערויף אַזוי: ווען איינער איז ניט זייער שטאַרק מקפיד אין פרומקייט, נעמט ער אויף זיך דעם גזר פון יוצא־וועגן און — ער איז גלאַט אַ נאַר. אָבער ווען איינער איז אַ גרויסער מקפיד אין פרומקייט, איז שוין פאַר אים ניט גענוג וואָס ער נעמט אויף זיך דעם גזר בלויז פון יוצא וועגן, נאָר ער היט אים טאַקע אָפּ מיט אַלע פּיטשעווקעס, לכל פּרטיה ודקדוקיה, און — ער איז שוין ניט נאָר גלאַט אַ נאַר, נאָר טאַקע גאָר אַ גרויסער טפש...

צו ר׳ יאָסעלע טאַלנער, דעם חזן, וואָס פלעגט אָפּט זינגען ביים רבינס טיש די ניגונים, וואָס ער האָט אַליין „אויסגעטראַכט“, האָט ר׳ דודל אַרויסגע־וויזן גרויס ליבשאַפט, ווייל ער איז אַליין אויך געווען אַ גרויסער ליבהאָבער פון נגינה. און איינמאָל, ווען יאָסעלע האָט ביים טיש אָפּגעזונגען אַ נייעם ניגון, וואָס האָט זייער שטאַרק אויסגענומען, האָט ר׳ דודל אים זייער אַ סך געלויבט דערפאַר, און ווען איינער אַ רייכער חסיד, וואָס האָט זיך געוואָלט איבערנעמען מיט זיין עשירות, האָט מיט ביטול געגעבן אַ זאָג, אַז חזנות איז אַ וויסטע פּרנסה, אַ פינצטערע, ווייל מ׳האָט דאָך דערפון אינגאַנצן ניט מער ווי פינף קערבלעך אַ וואָך, און אַן אַנדער חסיד האָט דאָס געפּרואווט פאַרגלעטן מיט דעם, וואָס ער האָט געזאָגט, אַז אָט איז ער אַ נאמן, אַ באַגלויבטער, הייסט עס, ביי יענעם אין אַ געשעפט, און ער קריגט דערפאַר אויך ניט מער ווי פינף קערבלעך אַ וואָך, האָט ר׳ דודל דערויף געמאַכט אַזאַ באַמערקונג, אַז מ׳האָט פון דעם געקענט זען ווי הויך ער שעצט נגינה און ווי ליב ער האָט דעם מענטשן, וואָס האָט דעם טאַלנער ניגון געשאַפן און אַזוי פיל נשמה אַריינגעגעבן אין אים:

— צו אים, — האָט ער געזאָגט דעם חסיד, אָנווייזנדיק אויף ר׳ יאָסעלען, — קענסטו זיך ניט פאַרגלייכן; ווען דו וואָלסט אויפגעהערט זיין אַ באַגלויבטער, וואָלט דיר פון דעם עפּעס צוגעקומען... אָבער ווען ער וואָלט אויפגעהערט זינגען, וואָלט ער אַליין פון דעם אַ סך פאַרלאָרן, אויך מיר וואָלטן פון דעם אַ סך פאַרלאָרן...

און דאָס איז געווען אמת. ווער ווייסט צי דער טאַלנער ניגון וואָלט זיך אַזוי פאַרשפּרייט צווישן יידן אין אוקראַינע און אומעטום, ווען יאָסעלע וואָלט אין דעם ניט אַריינגעגעבן אַזויפיל יידישע האַרציקייט און אַזאַ עכט־יידישן טעם.

ער האָט דעם טאַלנער ניגון געשאַפן, און ר׳ דודל טאַלנער האָט דאָס הויך געשעצט. ער האָט ליב געהאַט דעם מענטשן, וואָס האָט טאַלנע געמאַכט באַרימט פאַר אַ שטאָט פון נגינה...

*
**

נאָכן אויסברוך פון דער רעוואָלוציע אין 1917, איז די פרייד אין טאַלנע געווען גרויס. מיט געזאַנג האָט מען אויפגענומען די גרויסע בשורה, אַז דאָס לאַנד איז פריי און פון איצט אָן און ווייטער וועלן יידן שוין זיין גלייך מיט אַלע אַנדערע בירגער פון דער גרויסער מדינה. די יונגוואַרג האָט פאַר פרייד געזונגען רעוואָלוציאָנערע לידער; די עלטערע יידן האָבן פאַר גרויס שמחה געזונגען דעם טאַלנער ניגון, וואָס איז נאָך געבליבן פון יענע צייטן, ווען ר׳ דודל האָט געלעבט און ווען יאָסעלע דער חזן האָט ביי זיין טיש געזונגען. אַלע האָבן זיך געפרייט. אָבער ווען דער בירגער־קריג האָט זיך אָנגעהויבן, איז טאַלנע, די שטאָט פון נגינה, געוואָרן אַ יאָמער־טאָל.

אָנגעהויבן האָט זיך דאָסביים סוף פונם מאָנאַט נאָוועמבער, אינם יאָר 1918. די ערשטע, וואָס זיינען אַריינגעקומען אַהין און גלייך גענומען ראַבעווען און שלאָגן יידן, זיינען געווען די פּעטליוראָוועס. עטלעכע וואָכן האָבן זיי דאָרט געוועלטיקט און אַרויפגעלייגט די שווערסטע שטראָפן אויף דער יידישער באַפעלקערונג פונם שטעטל. נאָכדעם זיינען די פּעטליוראָוועס אַרויס און די באָלשעוויקעס זיינען אַריין, און שפּעטער, ווען די באָלשעוויקעס זיינען פון דאָרט אַרויס, האָט דאָס שטעטל אָנגעהויבן איבערגיין פון האַנט צו האַנט, און אין די עטלעכע וואָכן פון די חדשים יוני און יולי, 1919, זיינען דאָרט איבערגעווען אָן אַ שיעור אוקראַינישע אַטאַמאַנען און זייערע באַנדעס; ס׳איז דאָרט געווען דער באַרימטער אַטאַמאַן קלימענקאָ, וועמען די העלדישע יונגעלייט פון דער יידישער „אָכראַנע“ אין כאַבנע האָבן שפּעטער דערהרגעט; ס׳איז דאָרט געווען דער אַטאַמאַן נאַבאַק מיט זיינע באַנדעס, דער אַטאַמאַן סאָקאָלאָוו מיט זיינע קאָזאַקן, דער אַטאַמאַן טיוטיוניק מיט זיינע מחנות. און יעדער אַטאַמאַן האָט אין טאַלנע יידיש בלוט פאַרגאָסן. אויך דער באַרימטער מאַכנאָ איז דאָרט געווען, און די דעניקינצעס זיינען אַהין געקומען, און ס׳איז גאָר קיין סוף ניט געווען צו די גזירות, וואָס מ׳האָט דאָרט אָנגעטאָן די יידן און צו דעם חורבן, וואָס מ׳האָט דאָרט געמאַכט.

זייער ניט קיין שיינע ראָלע האָבן אין דעם געשפּילט די פּוילישע פּריצים, וואָס האָבן געהאַט מאַיאָנטקעס אין די דערפער, וואָס אַרום טאַלנע. אין זייער מורא, אַז ווען די סאָוועטן־מאַכט וועט זיך באַפעסטיקן, וועלן זיי די מאַיאָנטקעס פאַרלירן, האָבן זיי געהעצט די אוקראַינישע פּויעריב קעגן די באָלשעוויקעס, און ווי ס׳פירט זיך שוין פון תמיד אָן, האָט מען דערביי אָנגעוויזן אויף די יידן, אַז זיי זיינען שולדיק אין אַלץ; זיי האָבן צווישן די פּויערים אין די אַרומיקע דערפער פאַרשפּרייט בלבולים, אַז יידן צעוואַרפן אומעטום די קלויסטערס און

זיי צערייסן און צעשניידן די הייליקע איקאָנעס און זיי גרייטן זיך אָנצופאַלן אויף די פויערים און זיי אַלעמען אויסקוילען און צונעמען ביי זיי די ערד.

איבער די אַלע דערפער, וואָס אַרום טאַלנע, האָט מען צעשיקט אונטער־געקויפטע לייט, וואָס מ׳האָט אומיסטן אָנגעטאָן אין צעריסענע קליידער; האַלב־נאַקעטע און באָרוועסע זיינען זיי אַהין אַריינגעקומען און אין די קלויסטערס און אויף די מאַרק־פלעצער האָבן זיי דערציילט מעשיות, אַז יידן אין טאַלנע האָבן זיי געשלאָגן און זיי זיינען אַהער קוים מיטן לעבן אַנטלאָפן. און די אומוויסנדע, פשוטע, פויערים האָבן די אַלע בלבולים געגלויבט, און זיי האָבן זיך אין די הונדערטער געלאָזט גיין קיין טאַלנע צו העלפן די באַנדעס נעמען נקמה אין די יידן.

דער ערגסטער פון די, וואָס האָבן קעגן די יידן געהעצט, איז געווען דער דאָקטאָר נאַזאַרענקאָ, אַן אוקראַינער, וואָס האָט געהאַלטן מיט פעטליורען, און אַ פאַרביסענער קעגנער פון די באָלשעוויקעס. און אַרויסגעהאָלפן אין דעם האָבן אים אויך עטלעכע רוסישע לערער.

ווען די באַנדעס פונם אַטאַמאַן קלימענקאָ זיינען אַריינגעקומען קיין טאַלנע, האָבן זיי שוין דאָרט געטראָפן אַ סך פון דער באַנדע, וואָס דער דאָקטאָר נאַזאַ־רענקאָ און זיינע לייט האָבן נאָך פריער צונויפגעטריבן פון נאָענטע און וייטע דערפער. דאָס איז געווען אין די טעג פונם מאָנאַט מאַי, 1919, און דאַן האָבן די רעדל־פירער פון די באַנדעס ביינאַכט אָפגעהאַלטן אַ באַראַטונג און ס׳איז ביי זיי געבליבן, אַז מ׳זאָל מאָרגן צונויפרופן אַלע יידן פון שטעטל און אויס־שעכטן אַלע מאַנספאַרשוינען. בלויז די, וואָס זיינען נאָך קיין צען יאָר ניט אַלט, זאָל מען לאָזן לעבן.

און זיי וואָלטן דאָס אפשר געווען דורכגעפירט, ווען ס׳וואָלט ניט געשען אַ נס, אויף וועלכן קיינער האָט זיך ניט גערעכנט:

די באַלעבאָסטע פון דעם הויז, וואו די רעדל־פירער פון די באַנדעס האָבן די באַראַטונג אָפגעהאַלטן, אַ קריסטלעכע פרוי מיט אַ גוט האַרץ, האָט אָנגע־הויבן בעטן, אַז מ׳זאָל דאָס ניט טאָן, און ווען זי האָט געזען, אַז דאָס בעטן העלפט ניט, האָט זי אָנגעהויבן שרייען מיט באַנומענע קולות, און רייסנדיק זיך די האָר פונם קאָפ, האָט זי געגעבן אַ שבועה, אַז אויב מ׳וועט מאָרגן דורכ־פירן דעם באַשלוס, וועט זי זיך אַריינוואַרפן אין טייך. זי וויל ניט לעבן, אויב מ׳וועט אין טאַלנע טאָן אַזוינס צו די יידן!

און מ׳האָט איר געמוזט צוזאָגן, אַז מ׳וועט דאָס ניט טאָן.

אָבער אינגאַנצן געהאַלטן וואָרט האָט מען דאָך ניט. אויף מאָרגן האָט מען פון אינדערפרי אָן אָנגעהויבן שלאָגן און הרגענען און שפּעטער האָט מען אויף דעם גרויסן פלאַץ, וואָס לעבן שטאָטישן גאָרטן, צונויפגעטריבן אַ דריי

טויזנט יידן און נאָכדעם ווי מ׳האָט זיי דאָרט געהאַלטן עטלעכע שעה צייט, האָט מען זיי געהייסן גיין אויף דעם באַרג, וואו מ׳פּאַשעט די בהמות...

„מיר זיינען אַרויף אויפן באַרג״, האָט שפּעטער דערציילט איינער מיטן נאָמען אברהם זאַסלאַווסקי, וואָס האָט דאָס אַלץ אַליין איבערגעלעבט, „און כאָטש מיר האָבן געוואוסט, אַז מ׳פירט אונדז צו דער שחיטה, האָבן מיר זיך דאָך דערפילט מונטערער; אין דער הויך, אויפן באַרג, האָט אַ קיל ווינטעלע געבלאָזן און דאָס האָט אונדז אַלעמען ממש דערפרישט, און אין האַרצן האָט אין אַ ווינקל געטליעט אַ פאַרבאָרגענע האָפענונג: אפשר דאָך... מיטאַמאָל האָבן מיר פון טאָל דערהערט אַ שיסעריי און מיר זיינען אַלע פאַרציטערט געוואָרן. מיט שטומע בליקן האָבן מיר זיך איינגעגראָבן אין די אויגן פון די לייט, וואָס האָבן אונדז געהאַלטן געפאַנגען, אָבער ביי זיי זיינען די אויגן געווען פאַרשטעלט... ערשט שפּעטער האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז בשעת מ׳האָט אונדז געהאַלטן אויפן באַרג, האָט מען אין שטאָט אויסגעשאָסן אַכטצן יידן און ערנסט פאַרוואונדעט עטלעכע און פערציק.״

ס׳האָט לאַנג געדויערט ביז מ׳האָט די דריי טויזנט יידן פון טאַלנע אָפּגעלאָזט צוריק אַהיים. און ווי ס׳ווערט איבערגעגעבן אין א. ד. ראָזענטאַלס „שני פרקים ממגלת אוקרינה״, האָט מען דאָס געטאָן ערשט נאָכדעם ווי ס׳האָבן זיך געפונען, אַזעלכע, וואָס האָבן אָנגעגעבן די נעמען פון פופצן יידן, וועלכע האָבן געהאָט באָלשעוויקעס צווישן זייערע קרובים... *).

אין טאַלנע האָט מען זיך נאָכדעם געשעמט מיט די, וואָס האָבן דאָס געטאָן.

ווען די רויטע אַרמיי איז אַריין אין שטאָט, האָבן די יידן פרייער אָפּגעאָטעמט. אָבער באַלד האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע צרה:

דער קאָמאַנדיר פון דער רויטער אַרמיי, וואָס איז אַריין אין טאַלנע, האָט אַרעסטירט דעם דאָקטאָר נאַזאַרענקאָ, און דאַן האָבן אַ סך פון די קריסטן אין שטאָט געסטראַשעט די יידן, אַז אויב זיי וועלן ניט פועלן ביים רויטן קאָמאַנדיר, אַז ער זאָל דעם דאָקטאָר נאַזאַרענקאָ גלייך אַרויסלאָזן פריי, וועלן זיי ווידער מאַכן אַ פּאָגראָם אַזוי שנעל ווי די באָלשעוויקעס וועלן נאָר אַרויס פון טאַלנע...

און די יידן האָבן געמוזט לויפן בעטן, אַז מ׳זאָל אַרויסלאָזן פריי דעם בלוטיקן שונא זייערן. זיי האָבן דאָס געמוזט טאָן, ווייל די לאַגע איז געווען ניט קיין זיכערע; באָלשעוויסטישע באַטאַליאָנען האָבן זיך אין טאַלנע לאַנג ניט געהאַלטן, און די צעשראָקענע יידן פון שטעטל האָבן געוואוסט, אַז אויב מ׳וועט דעם אַרעסטירטן דאָקטאָר נאַזאַרענקאָ ערגעץ אַוועקפירן און מ׳וועט

*) רשומות, באַנד 3, זז׳ 331-321.

ניט וויסן וואָס מיט אים איז געשען, וועט מען נאָכדעם נעמען נקמה פון די ייִדן.

מיט אַ געפיל פון ווייטיק און שאַנד זײַנען זיי אַוועק צום באָלשעוויסטישן קאָמאַנדיר בעטן, ער זאָל אָפּלאָזן דעם דאָקטאָר נאַזאַרענקאָ. יונג און אַלט, מענער און פרויען, האָבן זיך אויסגעלעגט אויף די רעלסן פון דער בריק, וואו דער באַן גייט דורך; זיי האָבן געזאָגט אַז זיי וועלן זיך ניט אומקערן צוריק אין שטאָט אַרײַן ביז מ'וועט זיי ניט אַרויסגעבן דעם אַרעסטירטן, וואָס מ'איז שוין געווען גרייט אַוועקצופירן ערגעץ מיטן באַן. און ווען ס'האָט זיך, ענדלעך, אײַנגעגעבן צו פועלן ביים סאָוועטישן קאָמאַנדיר, ער זאָל נאָכגעבן זייער פאַר־לאַנג, איז דער דאָקטאָר נאַזאַרענקאָ געווען אַזוי גערירט דערפון, אַז ווענדנדיק זיך צו די ייִדן, וואָס האָבן זיך אַזוי אײַנגעשטעלט פאַר אים, האָט ער געזאָגט:

„איך ווייס, אַז איך האָב דאָס ביי אײַך ניט פאַרדינט, אָבער איך זאָג אײַך צו, אַז פון איצט אָן און ווייטער, וועל איך זיין אייער פריינד. איך וועל אײַך באַלוינען דערפאַר וואָס איר האָט מיך געראַטעוועט. איך גיב אײַך מיין וואָרט, אַז איך וועל פאַר אײַך טאָן אַלץ אין דער וועלט...“

אַזוי האָט ער צוגעזאָגט, אָבער ער האָט קיין וואָרט ניט געהאַלטן. שפּע־טער, ווען די באַנדעס פון די אַטאַמאַנען טיוטיוניק און זעלעני זײַנען אַרײַן קיין טאַלנע און האָבן דאָרט געמאַכט אַ פּאָגראָם, האָבן די ייִדן זיך געווענדט צום דאָקטאָר נאַזאַרענקאָ, ער זאָל זיי ראַטעווען; זיי האָבן אים געבעטן, ער זאָל גיין צום וואָקזאַל באַגעגענען דעם אַטאַמאַן טיוטיוניק, וואָס דאַרף אָנקומען מיטן באַן און זען ווירקן אויף אים, אַז מ'זאָל דעם פּאָגראָם אָפּשטעלן און אויפ־הערן הרגענען און ראַבעווען ייִדן. האָט ער זיי געטאָן די טובה און איז אַוועק צום וואָקזאַל, און ווען דער אַטאַמאַן האָט אים געפרעגט וואָס ס'הערט זיך אין שטאָט, האָט ער געענטפערט, אַז ס'איז דאָרט שטיל און רואיק און אַז ס'איז ניט נויטיק אָנצונעמען קיין שטרענגע מיטלען איינצופירן אָרדענונג...

„אַזוי — שרייבט א. ד. ראָזענטאַל אין זיין „שני פּרקים ממגילת אוקרינה“ — האָט דער געערטער דאָקטאָר באַלוינט די ייִדן פאַר דער גרויסער טובה, וואָס זיי האָבן אים געטאָן“...

זיי האָבן זיין לעבן געראַטעוועט, און ער האָט נאָכדעם גלייכגילטיק צוגעקוקט ווי זיינע לייט שעכטן און קוילען ייִדן און שענדן ייִדישע טעכטער, און ביי אים האָט דאָס געהייסן, אַז אין טאַלנע איז „שטיל און רואיק“.

און נאַזאַרענקאָ איז ניט געווען דער איינציקער אַנטיסעמיט און צורר היהודים, פאַר וועמען די ייִדן אין טאַלנע האָבן, פאַר מורא, זיך איינגעשטעלט, ווען זיי זײַנען אַרײַנגעפאַלן צו די באָלשעוויקעס אין די הענט. אויך פאַר דער טאָכטער פונם צורר היהודים סוכאָדאָלסקי האָבן די ייִדן זיך געמוזט איינשטעלן,

ווען דער באָלשעוויסטישער קאָמאַנדיר האָט זי אַרעסטירט. די אָפּענע און באַ־האַלטענע אַנטיסעמיטן פון שטאָט האָבן געסטראַשעט, אַז אויב מען וועט סו־כאָדאָלסקיס „טעכטערל" ניט אַרויסלאָזן פריי, וועלן די יידן פון טאַלנע טייער באַצאָלן דערפאַר, נאָכדעם ווי דער באָלשעוויסטישער באַטאַליאָן וועט פון דאַנען אַוועק, און אַזוי ווי דער סאָוועטישער קאָמאַנדיר האָט רחמנות געהאַט אויף די יידן, האָט ער זיי געטאָן די טובה און האָט סוכאָדאָלסקיס „טעכטערל" באַפרייט. און עס קען זיין, אַז עס איז אים שווער געווען צו פאַרשטיין, ווי אַזוי יידן קענען זיך גאָר איינשטעלן פאַר אַזעלכע בלוטיקע שונאים זייערע; אָדער אפשר האָט ער דעם געבראַכענעם און שווערן געמיט פון די טאַלנער יידן מער ווי אַלע אַנדערע פאַרשטאַנען?...

עס איז געווען אַ צייט פון בהלה און צעמישעניש, און בלויז די וואָס זיינען אַליין געווען אין דער בהלה, האָבן איינע די אַנדערע געקענט פאַרשטיין.

אָבער דעם גרעסטן חורבן אין טאַלנע האָבן געמאַכט די אַרמייען פונם גענעראַל דעניקין. איידער זיי זיינען אַריין אַהין, האָט מען געמיינט, אַז זיי קומען ווי „באַפרייער", ווי אַ גוט־דיסציפּלינירטע אַרמיי. מען האָט נאָך ניט געוואוסט, אַז זיי זיינען באַנדיטן און פּאָגראָמשטשיקעס, און דאָקטאָר בילינקעס, דער הויפּט פון דער יידישער קהלה אין טאַלנע, האָט געהייסן, אַז מען זאָל אומעטום אויסקערן די גאַסן און אויספּוצן די הייזער לכבוד די, וואָס קומען ברענגען אָרדענונג. מען האָט זיך געריכט אויף זיי ווי אויף „אויסלייזער". אָבער ווי זיי זיינען נאָר אַריינגעקומען, האָט מען גלייך דערזען, אַז דאָס זיינען רוצחים און באַנדיטן.

דער קאָמאַנדיר אַליין האָט זיך ניט געשעמט צו זאָגן דער יידישער דעלע־גאַציע, וואָס איז אים געקומען באַגעגענען, אַז אין אַלץ זיינען שולדיק נאָר די „זשידעס". און באַלד נאָכדעם האָט זיך אָנגעהויבן דער אומגליק, וואָס איז געווען גרעסער פון די אַלע פריערדיקע אומגליקן, וואָס זיינען געקומען אויף דער שטאָט.

עס איז זעלטן אַוועק אַ נאַכט אַז דעניקינס קאָזאַקן זאָלן אין טאַלנע ניט גיין פון שטוב צו שטוב, און אומעטום האָבן זיי געראַבעוועט און געשלאָגן. אור־מעטום האָבן זיי געברענט און געצונדן הייזער און געשענדט יידישע טעכטער.

אין איין נאַכט, — דאָס איז געווען אין אַ שבת — האָבן זיי אונטערגע־צונדן הונדערט און פופציק קלייטן און עטלעכע און דרייסיק הייזער. איבער גאַנץ טאַלנע האָבן זיך דאַן די פלאַמען געטראָגן. און אין דער זעלבער נאַכט, ווען דאָס פייער האָט אַזוי געברענט, אַז ס'האָט זיך געדוכט, אַז די גאַנצע שטאָט וועט אַוועק מיטן רויך, האָט דעניקינס אַ גענעראַל, דער קאָמאַנדיר פון דער צוועלפטער דיוויזיע, וואָס האָט דאַן געוועלטיקט אין שטאָט, געמאַכט אַ גרויסע

סעודה פאַר די אָפיצירן, און ביז פאַרטאָג האָט מען געגעסן און געטרונקען און לוסטיקע לידער געזונגען.

ווייט איבער די גאַסן פון טאַלנע האָבן זיך זייערע קולות געטראָגן, אינ־איינעם מיט די פלאַמען, וואָס האָבן זיך פון איין יידישער שטוב צו דער אַנדערער אַריבערגעוואָרפן. דאָס איז געווען אַ געזאַנג פון שיכורע רוצחים אין אַ יאָמער־טאָל, וואָס איז אַמאָל געווען אַ שטאָט פון האַרציקער יידישער נגינה — די שטאָט פון טאַלנער ניגון...

און נאָך מער ווי אין די פּאָגראָמען אין די צייטן פונם בירגער־קריג אין רוסלאַנד, האָבן די יידן אין טאַלנע אַריבערגעטראָגן אין די צייטן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען היטלערס חיילות זיינען אַהין אַריין.

דער בראַך איז דאָרט געווען שרעקלעך און עס איז אַפילו ניט געווען ווער ס׳זאָל דאָס פאַרשרייבן פאַר די דורות, וואָס וועלן קומען שפּעטער און וואָס וועלן אינאיינעם מיט נאָך אַ סך יידן וועלן וויסן וועגן דעם יידישן לעבן אין דער טאַלנע פון אַמאָל...

אָדער אפשר —

„אַ טאַלנער ניגון ווילט איר?...״

איינעם פון די ניגונים, וואָס ר׳ יאָסעלע טאַלנער האָט געשאַפן?...

עס זינגט זיך אָבער ניט מער...

אומאַן

אין אוקראַינע איז אומאַן פאַררעכנט צווישן די שענסטע שטעט. זי האָט אַ באַפעלקערונג פון עטלעכע און פערציק טויזנט. און יעדער איינער וואָס קומט פון אומאַן נעמט זיך שטאַרק איבער דערמיט — ניט נאָר אין אַ קליין שטעטל, וואו ס׳קומט אים אַמאָל אויס צו זיין, נאָר אַפילו אין אַזאַ גרויסער שטאָט ווי אָדעס. ער זאָגט מיט שטאָלץ, אַז ער איז אַן אומאַנער און ער באַרימט זיך מיט דעם גרויסן און שיינעם אומאַנער פאַרק „סאָפיעווקאַ״, וואו עס איז פאַראַן אַן אויסערגעוויינלעך רייכע קאָלעקציע פון זעלטענע פלאַנצונגען און וואו ס׳שטייען אַ סך שיינע קינסטלערישע מאָנומענטן. אַפילו די קאָנדוקטאָרן פון די באַנען, וואָס גייען אויף יענער ליניע, ווייסן די חשיבות פון דער שטאָט, און זיי שרייען אויס מיט עפּעס גאָר אַ באַזונדער טעם:

„סטאַנציאַ אומאַן!״

מיר אַליין איז דאָס אויסגעקומען צו הערן ניט איין מאָל. און דאָס לעצטע מאָל וואָס איך האָב דאָס געהערט איז געווען ווען איך האָב זיך דאָרט אָפּגעשטעלט אויפן וואָקזאַל, אויף מיין רייזע איבער סאָוועט־רוסלאַנד, אין 1932.

אומאַן — דאָס קלינגט שיין!

פון דאָרט זיינען אַרויסגעקומען גרויסע יידישע שריפטשטעלער.

דאָרט איז געווען אַ צענטר פון חסידיזם, וואָס איז אין די ערשטע צייטן געווען אַן עכטע פאָלקס־באַוועגונג ביי יידן, און דאָרט געפינט זיך דער קבר פון דעם גרויסן חסידישן רבין ר׳ נחמן בראַצלאַווער.

אויך די השכלה־באַוועגונג, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט צווישן די יידן אין רוסלאַנד ביים אָנהויב פון ניינצנטן יאָרהונדערט, האָט אין אומאַן טיפע וואָרצלען געשלאָגן, און ס׳האָבן דאָרט געלעבט משכילים, וואָס האָבן אַ גרויסן איינפלוס געהאַט אויף דער יידישער יוגנוואַרג, וואָס האָט זיך געלאָזט גיין אויף נייע וועגן.

עס איז אין יידישן לעבן פון די לעצטע צוויי הונדערט יאָר נישטאָ קיין איין וויכטיקע שטרעמונג, מיט וועלכע די שטאָט אומאַן זאָל ניט זיין פעסט צונויפגעוואַקסן. אויך מיט דער געשיכטע פון רוסלאַנד, פּוילן און אַפילו טערקאַי, איז אומאַן ענג פאַרבונדן. ס׳איז אַ שטאָט מיט אַ יחוס, אַ שטאָט מיט אַ פאַרגאַנגענ־

הייט. און ניט אומזיסט נעמט זיך אַן אומאַנער אַזוי שטאַרק איבער דערמיט וואָס ער איז אַ געבירטיקער פון דאָרט. און מיר אַלע געדענקען נאָך ווי דער באַרימטער יידישער שריפטשטעלער מרדכי ספעקטאָר פלעגט מיט ניט ווייניק שטאָלץ דערמאָנען דעם פאַקט וואָס ער איז געבאָרן אין אומאַן, אין אַ משפחה פון טאַלנער חסידים.

אויך דער אַלטער יואל עלמאַן, דער פאָטער פון דעם גרויסן יידישן קינסטלער מישאַ עלמאַן, פלעגט מיט אַ באַזונדער מין ליבע רעדן וועגן אומאַן און ער האָט דערציילט, אַז ווען זיין טאַטע איז דאָרט געווען אַ קלעזמער און מ׳האָט זיך איבער אים געריסן אויף אַלע חתונות. ווייל מיט זיין שפילן אויפן פידעלע האָט ער „ממש געבראָכן די הערצער״, האָט מען אים אַנדערש ניט גע־רופן, נאָר „יאַסעלע אומאַנער״.

אין די מערסטע יידישע שטעטלעך פון קיעווער און פאָדאָליער גובערניעס האָבן די יידישע קאַפּעליעס פון אומאַן געהאַט אַ שם; ווען אַ גרויסער גביר, וואָס איז נאָר ניט געווען קיין קאַרגער, האָט אַמאָל חתונה געמאַכט אַ טאָכטער און זיך פאַרגונען דעם גרויסן פאַרגעניגן אָראָפּצוברענגען אַ קאַפּעליע פון אומאַן, איז דאָס גאַנצע שטעטל געגאַנגען כאָדאָראָם, און ביים באַזעצן די כלה, ווען דאָס „פידעלע האָט געוויינט״, איז מען מיט קינד און קייט געשטאַנען ביים שאָלאָש און זיך צוגעהערט צו דעם שפּילן פון די אומאַנער קלעזמער, און יעדער ייד האָט זיך געוואונטשן אַז גאָט זאָל אים העלפן און ער זאָל צו זיין טאָכטערס חתונה אויך קענען אַראָפּברענגען פון אומאַן אַזאַ יידישע קאַפּעליע.

זיי האָבן נאָך זיך האַרציק־יידישע ניגונים איבערגעלאָזן אין די אַלע שטעטלעך, די אומאַנער יידישע קאַפּעליעס, וואו מען האָט דעם הויפּט־פידלער געוויינלעך גערופן מיט אַזאַ פאַרצויגענעם נאָמען ווי „בוקעל״ אָדער „צוצעל״, אָדער גלאַט עפּעס אַ נאָמען וואָס מ׳רעדט אַרויס מיט ליבשאַפט. און נאָכדעם ווי די אומאַנער קאַפּעליע איז אַוועקגעפאָרן און דער טשאַד פון דער נגידישער חתונה איז אַריבער, האָט מען אין יעדן שטעטל די ניגונים נאָכגע־זונגען און מען האָט דערציילט, אַז דער ניגון וואָס די אומאַנער קאַפּעליע האָט געשפּילט ביים פירן דעם חתן צו דער וועטשערע, איז „צוגעטראָכט געוואָרן״ פון ניט קיין אַנדערן ווי פון פּדהצרן אַליין. און ניט איין מאָל האָט געטראָפן, אַז אַ חזן אין אַ שטעטל האָט דעם ניגון ערגעץ געפאַקט און ער איז אים אַזוי שטאַרק געפעלן געוואָרן, אַז ער האָט מיט אים געזונגען דעם „אדון עולם״, דאַוונענדיק פאַרן עמוד.

פון אומאַן איז געקומען נגינה.
פון אומאַן איז געקומען געזאַנג.

אומעטום, אין די אַלע אַרומיקע שטעטלעך פון קיעווער און אויך פון פּאָדאָליער גובערניע, האָבן אין דער לופט אַרומגעבלאָנדזשעט גאַנצע יידישע ניגונים, און אויך רעשטלעך פון יידישע ניגונים, וואָס זיינען געקומען פון אומאַן. און ווער ווייסט?... אפשר זיינען דאָס געווען שטיקלעך פון די געזאַנגען פון די בראַצלאַווער חסידים, וואָס האָבן אומאַן פאַר זייער צענטר געמאַכט נאָכן טויט פון זייער גרויסן רבין, וואָס האָט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט געזאַנג, אַז ער האָט דאָס ממש פאַרגעטערט און ער האָט געגלויבט, אַז אויף דער וועלט איז גאָרניט פאַראַן קיין איין זאַך, וואָס האָט אין זיך ניט קיין באַזונדער ניגון...

***

אומאַן איז ניט קיין גאָר אַלטע שטאָט, אָבער זי האָט דאָך אַ שטורעמדיקע פאַרגאַנגענהייט. זי איז אויסגעבויט געוואָרןביים אָנהויב פונם 17טן יאָרהונדערט, און אין יאָר 1614 איז זי שוין געווען אינם פייער פון אַ מלחמה; די טערקן האָבן זי איינגענומען און זי חרוב געמאַכט, און שפּעטער איז זי איבערגעגאַנגען אין די הענט פון די פּאָליאַקן, וועלכע האָבן אַ ביסל אויפגעבויט דעם חורבן, און אינם יאָר 1654 איז דאָרט אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַ שטאַרקע פעסטונג.

ווען ס'האָט זיך אין אוקראַינע אָנגעהויבן די באַוועגונג פון די האַי־דאַמאַקעס, וועלכע האָבן געמאַכט אַן אויפשטאַנד קעגן די פּוילישע פּריצים, איז אומאַן ווידער אַריין אינם סאַמע צענטר פונם פייער. אינם יאָר 1749 זיינען די אוקראַינישע האַידאַמאַקעס אַהין אַריין און האָבן דאָרט געמאַכט אַ חורבן; אַ היפּשער טייל פון דער שטאָט איז דאַן אַוועק מיטן רויך און אַ היפּשער טייל פון דער באַפעלקערונג איז דאַן אויסגעהרגעט געוואָרן. אָבער שפּעטער, אין יאָר 1761, איז שוין די שטאָט ווידער געווען אויסגעבויט און עס האָט זיך דאָרט שטאַרק אָנגעהויבן אַנטוויקלען דער האַנדל.

דער אייגנטימער פון דער שטאָט אין דעמאָלט געווען דער פּוילישער גראַף פּאָטאָצקי, און ס'איז געווען אין זיינע אינטערעסן, אַז די שטאָט זאָל זיך אַנטוויקלען. צוליב דעם האָט ער איינגעפירט יאַרידן מיט פרייען האַנדל; און דאַן האָבן קיין אומאַן אויף די יאַרידן אָנגעהויבן קומען סוחרים פון אַנדערע שטעט אויך. און ס'איז פאַראַן אַ גרונט צו גלויבן, אַז שוין דאַן האָבן די יידן אינם וואַקסן פון דער שטאָט אַ באַדייטנדיקע ראָלע געשפּילט, ווייל ווי עס ווערט אָנגעגעבן, האָט שוין די יידישע באַפעלקערונג אין אומאַן אין יענער צייט דער־גרייכט אַן ערך פון פיר הונדערט און פופציק מענטשן.

אַ דאַנק דעם וואָס אומאַן האָט אָנגעהויבן ווערן אַ וויכטיקער האַנדלס־צענטר, האָט די צאָל פון דער יידישער באַפעלקערונג דאָרט גענומען וואַקסן,

און עס האָט זיך דאָרט שוין געהאַט געשאַפן אַ יידיש לעבן מיט טראַדיציעס. אָבער אינם יאָר 1768 איז געשען אַן אומגליק, וואָס האָט דאָס רואיקע לעבן פון די יידן אין אומאַן אינגאַנצן צעשטערט.

דאָס איז געווען דאַן, ווען דער אוקראַאינער קאָזאַק מאַקסים זאַליזניאַק האָט אָנגעהויבן אַ נייע באַוועגונג פון די האַידאַמאַקעס קעגן די פוילישע פּריצים און לאַנד־באַזיצער; און ווי געוויינלעך האָט זיך דאָס אויסגעלאָזט צו די קעפּ פון די אומשולדיקע יידן. דער לאָזונג פון זאַליזניאַקס באַנדעס איז געווען, אַז „פּאָליאַקן, יידן און הינט זיינען די זעלבע זאַך", און וואוהין זיי זיינען נאָר אַריינגעקומען, האָבן זיי אומשולדיק בלוט פאַרגאָסן, כאָטש געהייסן האָט עס, אַז דאָס איז אַן אויפשטאַנד פון אונטערדריקטע קעגן אונטערדריקער.

זאַליזניאַקס באַנדעס האָבן זיך דאַן אַריינגעריסן אין אַ סך שטעט; זיי האָבן איינגענומען סמילא, טשערקאַס, קאָרסען, באָגוסלאַוו און נאָך שטעט, אָבער אין ערגעץ האָבן זיי ניט אַרויסגעוויזן אַזאַ רציחה צו יידן ווי אין אומאַן; דאָרט האָבן זיי געמאַכט אַזאַ שחיטה, וואָס איז אין אונזער געשיכטע פון בלוט און טרערן פאַרשריבן געוואָרן אַלס די „אומאַנער שחיטה", וואָס מ'געדענקט נאָך ביז היינטיקן טאָג, און מיט יענעם בלוטיקן קאַפּיטל אין אונזער געשיכטע איז פאַרבונדן דער נאָמען פון דעם האַידאַמאַק איוואַן גאָנטע.

גאָנטע איז געווען אין אומאַן ווען זאַליזניאַקס באַנדעס זיינען צוגעקומען צו די מויערן פון דער שטאָט, און אים האָט דאָס דער פּוילישער גובערנאַטאָר מלאַדאַנאָוויטש געמאַכט פאַרן הויפּט פון אַ מיליטערישער אָפּטיילונג צו גיין זאַליזניאַקן אַקעגן און אָפּשטעלן דעם מאַרש פון זיינע באַנדעס.

אומאַן איז דעמאָלט געווען פול מיט יידן, וואָס זיינען זיך אָנגעלאָפן אַהין פון אַנדערע שטעט, וואו די האַידאַמאַקעס האָבן געמאַכט אַ חורבן. צעשראָקענע און פאַרלאָרענע האָבן די יידן געהאָפט אַז דאָ, אין דער שטאָט וואו ס'איז פאַראַן אַזאַ שטאַרקע פעסטונג, וועלן זיי דאָך זיין באַשיצט. אָבער כדי צו זיין זיכערער אין דעם, האָבן זיי גאָנטען געגעבן טייערע מתנות, ער זאָל זיי באַשיצן. וואָס מ'האָט נאָר געקענט אָפּרייסן פון זיך, האָט מען גאָנטען אַוועקגעגעבן — גילדערנע און זילבערנע כלים, צירונג און געלט; אויך די פּאָליאַקן האָבן גאָנטען טייערע מתנות געגעבן און אים געבעטן, ער זאָל באַשיצן די שטאָט. און גאָנטע האָט די אַלע טייערע זאַכן און אויך דאָס געלט צוגענומען, און דערביי האָט ער געגעבן זיין וואָרט, אַז ער וועט די שטאָט אומאַן באַשיצן. אָבער ווען ער איז מיט זיינע חיילות אַרויס פון דער שטאָט און ס'האָט געהייסן אַז ער גייט זיך שלאָגן מיט זאַליזניאַקן און זיינע באַנדעס, האָט ער מיט אים גאָר אַ בונד געשלאָסן און אינאיינעם מיט אים גענומען שטורמען די פעסטונג פון דער שטאָט.

די יידן אין אומאַן האָבן דאַן אַרויסגעוויזן גרויס העלדישקייט. אינ־

איינעם מיט די פּאָליאַקן האָבן זיי אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד און געשאָסן אויף גאָנטעס באַנדעס, וואָס האָבן די פעסטונג געשטורעמט. אָבער דער פּוילישער גובערנאַטאָר מלאַדאָנאָוויטש האָט די יידן פאַרראַטן; ער האָט שטילער־הייט גענומען פירן פאַרהאַנדלונגען מיט גאָנטען. און ווען יענער האָט אים פאַרזיכערט, אַז ער איז בלויז אויסן אויסצוראָטן די יידן פון אומאַן, אָבער ניט די פּאָליאַקן, האָט מלאַדאָנאָוויטש פאַר אים געעפנט די טויערן פון דער פעסטונג און אים אַריינגעלאָזט אין שטאָט.

אַזוי איז דאָס אַלע מאָל געווען: ס'האָבן זיך ביי יעדן פאָלק געפונען אַזעלכע פירער, וואָס האָבן געדענקט, אַז ווען אַ שונא, מיט וועמען זיי פירן אַ קאַמף, זאָגט אַז ער איז בלויז אויסן אויסצוראָטן די יידן, דאַרף מען זיך אים מער ניט שטעלן אַנטקעגן... ערשט שפּעטער זעען זיי איין, אַז זיי האָבן דערמיט געבראַכט אַן אומגליק אויף זיך אויך.

אַזוי איז דאָס געווען אין אומאַן אויך.

ווען גאָנטע איז מיט זיינע האַידאַמאַקעס אַריין אין שטאָט, האָבן זיי גלייך אָנגעהויבן הרגענען ניט נאָר יידן, נאָר אויך פּאָליאַקן. אַפילו מלאַדאָנאָוויטשן אַליין האָבן זיי ניט געשאַנעוועט. און עס ווערט דערציילט אין דער געשיכטע, אַז ווען ער האָט גאָנטען דערמאָנט אָן דעם וואָס ער האָט אים געגעבן דאָס וואָרט, אַז אים וועט ער לאָזן לעבן, און אַז בכלל וועט ער די פּאָליאַקן ניט טשעפּען, נאָר די יידן, האָט גאָנטע צו אים געזאָגט:

„דו רעדסט וועגן געבן אַ וואָרט? האָסטו דען ניט געגעבן דיין וואָרט די יידן, אַז דו וועסט מיט מיר קיין אָפּמאַך ניט שליסן?...“

אַ פאַררעטער האָט אָנגעטראָפן אויף איינעם, וואָס איז פּונקט אַזאַ פאַר־רעטער ווי ער...

אין איין שול האָבן זיך אין אומאַן צונויפגעקליבן ניט ווייניקער ווי אַ דריי טויזנט יידן. זיי זיינען געקומען אַהין באַשיצן זיך און אויך די ספרי תורות. און ווען די צעיושעטע האַידאַמאַקעס זיינען צוגעקומען אַהין און געפּרואווט זיך אַריינרייסן אינעווייניק, האָבן די יידן זיך געשטעלט אַקעגן. זיי האָבן העלדיש און מוטיק געקעמפט קעגן די ווילדע האַידאַמאַקעס פון גאָנטעס און זאַליזניאַקס באַנדעס. מיט מעסערס אין די הענט האָבן זיי זיך אויף די ווילדע באַנדעס געוואָרפן און זיי פאַרטריבן פון דער שול. און ווען גאָנטע האָט דאָס דערזען, האָט ער געגעבן אַ באַפעל צו שיסן אויף דער שול פון האַרמאַטן, און מען האָט אַזוי געטאָן. מען האָט לאַנג אויף דער שול פון האַרמאַטן געשאָסן ביז די ווענט און די סטעליע זיינען איינגעפאַלן און אַלע יידן, די וואָס זיינען ניט געפאַלן טויט פון די קוילן, זיינען דערשטיקט געוואָרן.

די רציחה וואָס גאָנטע און זיינע האַידאַמאַקעס האָבן דאַן אין אומאַן אַרויס־

געוויזן צו די יידן, איז געווען אַזוי גרויס, אַז אַפילו אויף אַלטע לייט, אויף פרויען און קליינע קינדער האָבן זיי זיך ניט דערבאַרעמט. מיט די פערד זיינען זיי געפאָרן איבער טויטע און לעבעדיקע, וואָס האָבן זיך אין די גאַסן געוואַלגערט; זיי האָבן פון די דעכער געוואָרפן קראַנקע מענטשן; זיי האָבן פאַרגוואַלטיקט יידישע טעכטער אין די אויגן פון זייערע מאַמעס, און רייטנדיק איבער די גאַסן האָבן זיי אויף די שפּיצן פון זייערע לאַנגע שפּיזן קליינע יידישע קינדער געטראָגן.

עס איז גאָרניט אויסצורעכענען די שרעקלעכע מיתות משונות, וואָס גאָנטע און זיינע ווילדע הײדאַמאַקעס האָבן דאַן אָנגעטאָן די יידן אין דער שטאָט אומאַן.

ווי אַ סך אַנדערע רוצחים, ביי וועמען יידיש בלוט איז הפקר, האָט גאָנטע זיך אויסגעלאַכט פון אַזאַ זאַך ווי האַלטן וואָרט. ער האָט געהאַט אַ ווילדע הנאה פון דעם וואָס ער האָט גלייך אויפן אָרט געקענט ווייזן, אַז אַ וואָרט איז ביי אים קיין וואָרט ניט, און אַז דער עיקר איז נאָר — פאַרגיסן יידיש בלוט און צונעמען ביי יידן אַלץ וואָס זיי פאַרמאָגן. אַזוי האָט ער געהאַנדלט ווען די שליחים פון דער אומאַנער יידישער קהילה זיינען צו אים געקומען, לויט זיין באַפעל, און אים געבראַכט אויסלייז־געלט, וואָס ער האָט פאַרלאַנגט, צוזאָגנדיק אַז ער וועט זיי דערפאַר שענקען דאָס לעבן; ווען זיי האָבן אים נאָר דאָס אויסלייז־געלט אין די הענט איבערגעגעבן, האָט ער געהייסן זיינע באַוואָפנטע לייט, אַז מ׳זאָל די שלוחים פון דער יידישער קהלה אַרויסוואַרפן דורכן פענצטער, און דאָרט האָט מען זיי אין דרויסן צעריסן אויף שטיקער.

איבער אַלע גאַסן פון אומאַן האָבן זיך יענעם טאָג געוואַלגערט הרוגים און בלוט האָט זיך ווי וואַסער געגאָסן. ניט ווייניקער ווי צוואַנציק טויזנט מענטשן זיינען דאַן געפאַלן טויט דורך די שרעקלעכסטע מיתות משונות, וואָס נאָר אַ בייזער טייפל אַ בלוטיקער האָט געקענט צוטראַכטן. און געשען איז דאָס אין פינפטן טאָג פונם חודש תמוז, דעם 18טן יוני פון יאָר 1768. און אין אומאַן זיינען נאָך ביז היינטיקן טאָג פאַרבליבן פרומע יידן, וואָס פאַרפעלן ניט קיין איין יאָר צו פאַסטן אין דעם טאָג ווען די גרויסע שחיטה איז פאַרגעקומען.

***

אין דער געשיכטע פון די יידן אין אוקראַינע איז דאָס יאָר 1768 געווען אַ שרעקלעך יאָר. עס זיינען דעמאָלט אויסגעשאָכטן געוואָרן אַ זעכציק טויזנט יידן. און כאָטש אין זכרון פונם פאָלק איז דער נאָמען פון איוואַן גאָנטע איינגעקריצט געוואָרן מער ווי די נעמען פון די אַנדערע הײדאַמאַקישע רוצחים, איז ער

דאָך ניט געווען דער איינציקער האַידאַמאַקישער פירער, וואָס האָט אין יענער צייט אַרויסגעוויזן אַזאַ ווילדע רציחה צו יידן. אויסער דעם אויבנדערמאָנטן מאַקסים זאַליזניאַק, וואָס האָט אין 1768 אַרויסגערופן דעם אויפשטאַנד פון די האַידאַמאַקעס, זיינען אויך געווען דער סאָטניק שילאָ, סימען ניזשיווי, יאַקאָוו שוואַטשקאָ און אויך באָנדאַרענקאָ. דער לעצטער האָט אין שטעטל מאַקאַראָוו אַלע יידן אויסגעהרגעט, און ווען ער האָט זיך נאָכדעם געכאַפּט, אַז ס'איז דאָרט נאָך געבליבן איין יידישע פאַמיליע, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ פאָטער, אַ מוטער און דריי קינדער, האָט ער געהייסן הרגענען דעם פאָטער מיט צוויי קינדער, נאָכדעם האָט ער דעם עלטסטן ייִנגעלע געגעבן אַ ביקס אין דער האַנט און געזאָגט, אַז אויב ער וועט שיסן די מאַמע, וועט ער אים לאָזן לעבן; דאָס ייִנגעלע האָט דאַן די אייגענע מאַמע געשאָסן און דאָס האָט באָנדאַרענקאָ פאַרשאַפט אַזאַ פאַרגעניגן, אַז ער האָט דאָס ייִנגעלע אַרויפגענומען צו זיך אויפן פערד און געזאָגט, אַז איצט, נאָכדעם ווי דאָס קינד האָט די אייגענע יידישע מאַמע דערהרגעט, וועט ער אים אָפּשמדן, און ער וועט זיין אַן אמתער קריסט...

אויך דער האַידאַמאַקישער פירער שוואַטשקאָ, וועמען דער אוקראַינישער פּאָעט שעווטשענקאָ האָט אַזוי באַזונגען אין זיין בוך „קאָבזאַר" און פון אים אַ גרויסן נאַציאָנאַלן העלד געמאַכט, האָט זיך, אין דעם אויפשטאַנד פון די האַידאַמאַקעס אין 1768, שטאַרק אויסגעצייכנט מיט זיין ווילדער רציחה צו יידן. אין דער שטאָט פאַסטאָוו אַליין האָט ער אויסגעשאָכטן ניט ווייניקער ווי זיבן הונדערט מענטשן, יידן און אויך פּאָליאַקן, און דאָס האָט שעווטשענקאָ אין אַ ליד באַזונגען און געשעפּט נחת פון דעם, וואָס:

„דאָ סכיד סאָנציאַ או כוואַסטאָווי
כלאָפּיאַטאַ הוליאַלי".

עס איז אים געפעלן, וואָס „חברה האָט אין פאַסטאָוו געהוליעט ביז די זון איז אונטערגעגאַנגען", און ער איז געווען באַגייסטערט פון דעם, וואָס עס זיינען דאָרט געפאַלן אַזוי פיל „ליאַכעס" און „זשידעס", אַז די פעלדער זיינען רויט געוואָרן פון בלוט — „מאַידאַני קראָוויו טשערוואָנילי", ווי ער דריקט זיך אויס אויף אוקראַיניש אין זיין פּאָעמע, אין וועלכער ער אידעאַליזירט אַזוי דעם האַידאַמאַקישן פירער יאַקאָוו שוואַטשקאָ!

אָבער ווי אוקראַינישע פּאָעטן זאָלן ניט אידעאַליזירן די פירער פון די האַידאַמאַקעס, וועלכע האָבן אין דעם 18טן יאָרהונדערט געמאַכט אַן אויפשטאַנד קעגן די פּוילישע פּריצים און „פאַר איין וועגס" שוין געשאָכטן יידישע קינדער אויך — ביי יידן זיינען די אַלע גאָנטעס און שוואַטשקאָס געבליבן רוצחים, וואָס האָבן זיך געבאָדן אין יידיש בלוט. און נאָכדעם ווי די שחיטות זיינען שוין אָפּגעשטעלט

שטעט און שטעטלעך

געוואָרן, האָבן יידן אויסגעדריקט זייער גרויסן צער אין קינות, אין סליחות און אין קלאָג־לידער, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן. און צווישן יענע קלאָג־לידער, וואָס זיינען אין אוקראַינע איבערגעגאַנגען פון דור צו דור, איז אויך געווען איינע, וואָס מען האָט מיט אַ טרויעריקן ניגון געזונגען אויף יידיש:

„אָבינו שבשמים, ווי אַזוי קענסטו דאָס צוזען,
אוקראַינער יידן זאָל אַזוינע גרויסע צרות געשען!
גזירות קשות אַזעלכע וואו איז געהערט געוואָרן אין דער וועלט?
גאָנטע האָט אויך קליינע קינדער ממית געווען און צוגענומען דאָס געלט.
דאָס שלעכטע פון די האַידאַמאַקעס זאָל קומען פאַר דיר, האר פון
דער וועלט,
און העלפן זאָלסטו אַלע, וואָס האָבן זיך פאַר אונדז געשטעלט!"

אין שולן און אין בתי־מדרשים האָט מען יאָרן־לאַנג באַוויינט און באַקלאָגט די גרויסע שחיטה, וואָס גאָנטע האָט מיט זיינע האַידאַמאַקעס געמאַכט אין דער שטאָט אומאַן. די „אומאַנער שחיטה" איז אַריין אין דער יידישער געשיכטע ווי איינער פון די גרויסע אומגליקן, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט איבערגעלעבט אין דעם 18טן יאָרהונדערט. אָבער דאָס אומשולדיקע יידישע בלוט, וואָס גאָנטע האָט פאַרגאָסן, האָט דאָך ניט געשוויגן; עס האָט פון די „פעלדער, וואָס זיינען געוואָרן רויט", דעם גרויסן און טיפן צער אַרויסגעשריען, און די פאַרדינטע נקמה איז דאָך געקומען!

גאָנטע האָט געהאַט אַזאַ סוף, ווי ער האָט פאַרדינט!

נאָכדעם ווי דער אויפשטאַנד פון די האַידאַמאַקעס איז אונטערדריקט געוואָרן מיט דער הילף פון די רוסן, האָט מען גאָנטען געכאַפּט און אים פאַרמשפּט צום טויט...

און אַ טויט האָט מען אים געגעבן ניט קיין גרינגן; מען האָט פון אים לאַנגזאַם די הויט געשונדן; מען האָט אים דאָס הוילע לייב מיט אָנגעגליטע שטיקער אייזן געברענט, און ווען ער איז שוין געווען מער טויט ווי לעבעדיק, האָט מען אים אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ...

די געשיכטע האָט זיך אירע וועגן ווי אַזוי צו באַצאָלן פאַר רשעות... אומשולדיק פאַרגאָסן בלוט שווייגט ניט...

*
**

קיין איין אומגליק אין רוסלאַנד האָט ניט דורכגעלאָזט די יידן אין אומאַן, און אין 1919, אין די צייטן פונם גרויסן בירגער־קריג אין רוסלאַנד האָבן אוקראַינישע באַנדעס דאָרטן לאַנג געבושעוועט און די שטאָט איז איבערגע־

גאַנגען פון האַנט צו האַנט. אויך אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען היטלערס חיילות האָבן זיך אַריינגעריסן קיין סאָוועט־רוסלאַנד, האָבן זיי אין אומאַן געמאַכט אַ שחיטה אויף יידן, און אַ לאַנגע צייט האָט מען וועגן דעם גאָר אינגאַנצן ניט געוואוסט. ערשט נאָכדעם ווי די מלחמה איז שוין געווען געענדיקט און ס׳האָבן אָנגעהויבן אָנקומען די שרעקלעכע ידיעות וועגן דעם גרויסן אומגליק, וואָס ס׳איז געשען מיט יידן אין די יאָרן פון היטלערס פינצ־טערער ממשלה, האָט זיך קיין אַמעריקע אויך דערטראָגן די ידיעה וועגן דער שחיטה אויף יידן אין אומאַן. פריער אָבער, ווען די מלחמה איז נאָך אָנגעגאַנגען, האָט מען פון אומאַן, פונקט ווי פון אַ סך אַנדערע יידישע שטעט און שטעטלעך גאָר ניט געהערט. פון הינטער דעם שווערן פאָרהאַנג, וואָס מ׳האָט דאָרט אַראָפּגעלאָזט, האָט אַ טויטע שטילקייט זיך געטראָגן און דער בייזער שונא איז געווען זיכער, אַז מער וועט זיך דאָרט קיין יידיש קול שוין קיינמאָל ניט דערהערן.

אָבער —

„וויסן זאָלסטו, אַז שווייגנדיק קען מען אַמאָל זייער הויך שרייען, און שטי־לערהייט קען מען דאָך מאַכן קולות!״

אַזוי האָט אַמאָל געזאָגט דער גרויסער חסידישער רבי ר׳ נחמן בראַצלאַווער, וועמעס קבר ס׳געפינט זיך אויפן בית־עולם אין אומאַן — אין דער שטאָט, וואָס האָט אַריינגעשריבן אין אונדזער געשיכטע אַ קאַפּיטל וועגן אַ גרויסער שחיטה אינם יאָר 1768, און וואָס איז שפּעטער דאָך געוואָרן די שטאָט פון נגינה, די שטאָט פון געזאַנג.

ק י ע ו ו

אין דער געשיכטע פון יידן אין אוקראַינע פאַרנעמט די שטאָט קיעוו איינעם פון די גאָר אָנגעזעענע פלעצער און ס'איז אַפילו פאַראַן אַ סברא, אַז יידן האָבן זיך דאָרט באַזעצט נאָך אידער די רוסן זיינען אָנגעקומען אַהין.

מ'ווייסט ניט באַשטימט ווי אַלט קיעוו איז; קיינעם פון די פאָרשער האָט זיך ביז איצט נאָך ניט איינגעגעבן דאָס פעסטצושטעלן און ס'זיינען דעריבער וועגן דעם פאַראַן פאַרשיידענערליי השערות. לויט די אַלטע רוסישע כראָניקעס האָט מען די שטאָט אָנגעהויבן בויען אינם יאָר 864 און איינער פון די הויפּט־בויער איז געווען אַ מאַן מיטן נאָמען קיע און דערפאַר האָט מען דער שטאָט גע־געבן דעם נאָמען קיעוו. מ'דענקט אויך, אַז נאָך אינם צווייטן יאָרהונדערט פון דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג איז שוין אויף דעם אָרט, וואו ס'שטייט איצט די הויפּט־שטאָט פון אוקראַינע, געווען אַ ישוב און ס'האָבן דאָרט געוואוינט מענטשן. און ס'איז אויך פאַראַן אַ השערה, אַז די „שיינע שטאָט ביים דניעפּר", וואָס ווערט דערמאָנט אין לעגענדעס ווי די הויפּטשטאָט פון דעם גערמאַנישן שבט גאָטען אינם דריטן יאָרהונדערט, איז אפשר גאָר די זעלבע שטאָט, וואָס הייסט איצט קיעוו.

עס איז אָבער פאַראַן אַ סברא, אַז געבויט די שטאָט האָבן אין דער אמתן די כאַזאַרן און אַז אינאיינעם מיט זיי האָבן זיך דעמאָלט דאָרט באַזעצט יידן אויך. ניט נאָר אַזעלכע, וואָס זיינען געקומען פון דער כאַזאַרישער מדינה, וואו דער קעניג און זיינע הויפליט און אויך אַ סך פון דער באַפעלקערונג אין לאַנד האָבן אינם אַכטן יאָרהונדערט אָנגענומען דעם יידישן גלויבן, נאָר אויך אַזעלכע, וואָס זיינען געקומען פון אַנדערע לענדער.

אַזאַ מיינונג האָבן אויסגעדריקט אייניקע אָנגעזעענע פאָרשער פון יידישער און אויך פון רוסישער געשיכטע. און דאָס לייגט זיך אויפן שכל, ווייל ס'איז אַ פעסטגעשטעלטער פאַקט, אַז ווען די יידישע רעליגיע איז אָנגענומען געוואָרן אין דעם לאַנד פון די כאַזאַרן, האָבן יידן אָנגעהויבן אויסוואַנדערן אַהין פון אַנדערע לענדער; זיי זיינען געלאָפן פון די קריסטלעכע מדינות, וואו מ'האָט זיי גערודפט בלויז דערפאַר וואָס זיי זיינען יידן; און עס איז געווען נאַטירלעך, אַז זיי זאָלן לויפן אַהין, ווייל אונטערן שוץ פון דער מלוכה, וואָס איז אין יענע

ציַיטן געווען זייער שטאַרק און מעכטיק, האָבן זיי זיך געפילט זיכער; עס האָט זיך פאַר זיי דאַן מיטאַמאָל געעפנט אַ נייע וועלט, אַ ברייטע, און אינאיינעם מיט די כאַזאַרן האָבן זיי זיך צעשפּרייט איבער די אַלע שטעט און לענדער, וואָס די גרויסע מלוכה האָט איינגענומען. אויך אין די נייע שטעט, וואָס די כאַזאַרן האָבן אויסגעבויט אין די יאָרן ווען זיי האָבן מיט אַ שטאַרקער האַנט געהערשט איבער פעלקער און מדינות, האָבן יידן זיך באַזעצט, און צווישן יענע נייע שטעט איז אויך געווען די שטאָט קיעוו.

זיי זיינען געקומען אַהין נאָך פאַר די רוסן און זיי האָבן זיך דאָרט געפילט היימיש. פאַר רדיפות און פאַרפאָלגונגען, ווי אין די קריסטלעך־ביזאַנטישע לענדער, האָבן זיי אין קיעוו קיין מורא ניט געדאַרפט האָבן, ווייל דער קעניג, אונטער וועמעס שוץ זיי זיינען געשטאַנען, איז געווען אַ ייד און ער האָט אָפּגעהיט אַלע דינים פון דער תורה. און ס׳האָט דעמאָלט אַוודאי קיינעם ניט געקענט איינפאַלן, אַז מיט יאָרן און יאָרן שפּעטער וועט קיעוו ווערן אַן עכט־רוסישע שטאָט, דער צענטער פון דער פּראַוואָסלאַוונער קירכע און יידן וועלן דאָרט ניט האָבן קיין רעכט צו וואוינען.

אַפילו דאַן ווען די כאַזאַרן האָבן שוין געהאַט אָנגעהויבן פאַרלירן זייער מאַכט פון אַמאָל און דער רוסישער גרויספירשט וולאַדימיר, וועלכער האָט דעמאָלט שוין געהערשט איבער דער קיעווער־ראָסיאַ. האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה וועגן דעם וואָס פאַר אַ גלויבן ער זאָל אָננעמען פאַר זיך און פאַר אַלע זיינע אונטערטאַנען נאָכדעם ווי ער וועט אויפגעבן געצנדינעריי — אַפילו דאַן איז קיעוו נאָך געווען אַ שטאָט מיט יידן. און ווען ס׳זיינען צו וולאַדימירן געקומען די גייסטלעכע פון דער קריסטלעכער קירכע און אויך די גייסטלעכע פון דעם מוסולמאַנישן גלויבן, אים צו באַקערן צו זייער רעליגיע, זיינען צו אים אויך געקומען יידישע געלערנטע, רבנים־לומדים, און זיי האָבן געפּרוּווט אים באַקערן צום יידישן גלויבן. און ער האָט זיי אויסגעהערט, געשטעלט פראַגן און זיך אינטערעסירט מיט די ענטפערס, וואָס זיי האָבן אים אויף זיינע פראַגן געגעבן.

און ווער ווייסט?... עס קען זיין, אַז ווען ס׳וואָלט זיך דאַן ווירקלעך געהאַנדלט וועגן מאָראַל, וועגן עטיק, וואָלט דער קיעווער פּרינץ וולאַדימיר, אָדער „וולאַדימיר דער הייליקער“, ווי ער ווערט אָנגערופן אין דער געשיכטע, אפשר טאַקע געווען אָנגענומען דעם יידישן גלויבן... און ווען ער וואָלט דאָס געטאָן, וואָלט ער אַוודאי ניט געגאַנגען אין די וועגן פון די כאַזאַרישע הערשער וועלכע האָבן אַרויסגעוויזן טאָלעראַנץ צו אַנדערע גלויבנס; ער וואָלט דעם ניי־אָנגענומענעם יידישן גלויבן מיט גוואַלד אַרויפגעצוואונגען אויף אַלע זיינע אונטערטאַנען, אויפן גאַנצן פאָלק, פּונקט ווי ער האָט דאָס געטאָן מיטן קריסטלעכן גלויבן...

דאָ האָט זיך אָבער ניט געהאַנדלט וועגן אַזעלכע זאַכן ווי מאָראַל און עטיק; די כוונה איז דערביי געווען איינגאַנצן אַן אַנדערע...

אין די ערשטע יאָרן פון זיין הערשאַפט האָט „וולאַדימיר דער הייליקער" זיך אויפגעפירט אַזוי, אַז מ'האָט אים בשום אופן ניט געקענט אַריינרעכענען אין דער קאַטעגאָריע פון הייליקע לייט; ער האָט געהאַט אַ סך ווייבער און אַן אַ שיעור קעפּס־ווייבער, און אין די צייטן ווען ער האָט ניט געפירט קיין מלחמות און זיך גראַד מיט קיינעם ניט געשלאָגן, האָט ער אין קיעוו געהאַלטן אין איין פּראַווען ווילדע הוליאַנקעס; ער איז געווען אַ פאַרקאָכטער געצנדינער און דאָס ברענגען מענטשן פאַר קרבנות צו די אָפּגעטער, איז ביי אים געווען אַ גאַנץ געוויינלעכע זאַך און ער האָט זיך גאָרניט געקענט פאָרשטעלן ווי אַזוי ס'קען זיין אַנדערש; ווען ער האָט זיך אומגעקערט צוריק קיין קיעוו נאָכדעם ווי ער האָט איינגענומען די שטאָט פּאָלאָצק, האָט ער, פייערנדיק דעם גרויסן נצחון, געבראַכט קרבנות צו זיינע אָפּגעטער ניט ווייניקער ווי טויזנט מענטשן; ער אַליין האָט די קרבנות אויסגעקליבן, פּונקט ווי מ'קלייבט שאָף און רינדער צו דער שחיטה, און אין דער געשיכטע ווערט דערציילט, אַז צווישן די קרבנות, וואָס ער האָט אויסגעקליבן, איז אויך געווען אַ זון פון זיינעם אַ הויפּמאַן, וועלכער האָט שוין געהאַט אָנגענומען דעם קריסטלעכן גלויבן. און ווען יענער האָט ניט געוואָלט געבן זיין קינד צו שעכטן און אים געזאָגט מוסר פאַרוואָס ער דינט צו אָפּגעטער, האָט וולאַדימיר געהייסן, אַז מ'זאָל דעם ווידערשפּעניקן, אינאיינעם מיט זיין זון, דערהרגענען גלייך אויפן אָרט. און מ'האָט אַזוי געטאָן.

מיט זיין קאַלטבלוטיקער רציחה, וואָס איז געווען זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר איינעם, וועלכער איז „האַלב־סוחר און האַלב־רוצח", ווי איינער פון די רוסישע היסטאָריקער האָט אים אָנגערופן, האָט „וולאַדימיר דער הייליקער" מיט אַלעמען געהאַט חשבונות. אַזוי מיט אייגענע און אויך מיט פרעמדע. ער האָט איינגעפירט, אַז ביים אויסקלייבן מענטשלעכע קרבנות פאַר די אַלע אָפּ־געטער זיינע, זאָל מען נעמען אַזעלכע יינגלעך און מיידלעך, וואָס זיינען נאָך ריין פון זינד. עס איז בכלל ניט געווען קיין איין פאַרברעכן, אויף וועלכן ער זאָל ניט זיין פעאיק. דאָס איז קלאָר פון דעם ווי ער האָט זיך געפירט אין די ערשטע יאָרן ווען ער האָט אין קיעוו באַפעסטיקט זיין מלוכה, פון וועלכער ס'איז שפּעטער אויסגעוואַקסן די גרויסע רוסישע אימפּעריע. ער איז געווען איינער פון די ווילדסטע געצנדינערישע הערשער אין יענער צייט. און ווען ער איז געקומען צום שלוס, אַז ער דאַרף בעסער אויפגעבן די געצנדינעריי און אָננעמען איינע פון די דריי וועלט־רעליגיעס, וואָס פּרעדיקן דעם גלויבן אין איין גאָט — יידנטום, קריסטנטום, אָדער דעם איסלאַם — איז דאָס ביי אים ניט געווען קיין פראַגע וועגן מאָראַל, וועגן עטיק. דאָס האָט אים ווייניקער

ווי אַלץ אינטערעסירט, און דער עיקר איז ביי אים געווען די פּאָליטישע כוונה, וואָס ער האָט דערביי געהאַט אין זינען; ער האָט אַלע זיינע אונטערטאַנען, דאָס גאַנצע רוסישע פאָלק, געוואָלט פאַראייניקן אין איין גלויבן, ווייל ער איז געווען זיכער, אַז דאָס וועט שאַפן די מעגלעכקייט, אַז זיין מלוכה זאָל ווערן נאָך שטאַרקער ווי זי איז און זי זאָל זיך צעוואַקסן נאָך גרעסער.

ער האָט געזוכט אַ ר'עליגיע ניט פאַר זיין גייסט, נאָר פאַר זיין מאַכט. די פּאָליטישע חשבונות דערביי האָבן געשפּילט די וויכטיקסטע ראָלע. און צו דעם איז נאָך צוגעקומען דער פאַקט וואָס די קריסטלעך־ביזאַנטישע אימפּעריע האָט אין יענער צייט שוין לאַנג געהאַט אַן אויג אויף דער קיעווער קעניגרייך און זי האָט זייער שטאַרק געוואָלט געווינען דעם רוסישן פּרינץ וולאַדימיר אויף איר זייט; צוליב דעם האָט זי געהאַלטן אין איין שיקן צו אים קריסטלעכע מיסיאָנערן און זיי האָבן געטאָן אַלץ וואָס זיי האָבן נאָר געקענט צו ווירקן אויף אים אַזוי, אַז ער זאָל אָננעמען קריסטנטום.

עס איז אָבער וולאַדימירן דאָך ניט אָנגעקומען אַזוי לייכט דאָס צו באַשליסן, ווייל אין יענער צייט האָבן די דריי רעליגיעס קאָנקורירט איינע מיט די אַנדערע ניט נאָר אין דער טעאָריע, נאָר אויך אין דער פּראַקטיק. ניט נאָר אין גייסט, נאָר אויך אין פּאָליטיק. דער פאַקט וואָס די הערשער פון אַזאַ גרויסער מלוכה ווי די כאַזאַרישע האָבן אָנגענומען די יידישע רעליגיע האָט זיכער ניט געקענט אַוועקגעמאַכט ווערן מיט דער האַנט. אין זיין אויסגערעכנטקייט האָט וולאַדימיר דאָס אַוודאי אויך אין זינען געהאַט, און ס'האָט געוויס ניט אויסגעמאַכט וואָס אין יענער צייט האָט שוין די כאַזאַרישע מלוכה געהאַלטן אין גיין באַרג אַראָפּ; מ'האָט פון דעם געוויס ניט געקענט דרינגען, אַז זי וועט שוין קיינמאָל צוריק ניט ווערן אַזוי גרויס און מעכטיק ווי אַמאָל, ווייל בכלל איז דעמאָלט געווען אָנגענומען צו באַטראַכטן די כאַזאַרן ווי אַ פאָלק, וואָס טויג זיך אויס זייער גוט צו מלחמה און וואָס קען זיך דעריבער נאָך אַמאָל ווייט פאַרשפּרייטן.

און אין די אַלטע רוסישע כראָניקעס ווערט דערציילט, אַז ווען דער קיעווער גרויספירשט וולאַדימיר האָט ביי זיך ניט געקענט פועלן, וועלכע פון די דריי רעליגיעס ער זאָל אָננעמען, פאַר זיך און פאַר די אונטערטאַנען פון זיין מלוכה, האָט ער פאַרבעטן צו זיך אין הויף די געלערנטע פון די דריי רעליגיעס און ער האָט זיי געשטעלט פראַגן. עס זיינען צו אים דאַן געקומען פאָרשטייער פון דער רוימיש־קאַטוילישער קירכע, געשיקט צו אים פונם פּויפּסט; עס זיינען צו אים געקומען פאָרשטייער פונם מוסולמאַנישן גלויבן, און ס'זיינען צו אים אויך געקומען יידישע געלערנטע, רבנים, וועלכע האָבן אים געוואָלט באַקערן צום יידישן גלויבן.

פון די ענטפערס, וואָס די רוימיש־קאַטוילישע גייסטלעכע האָבן אים

געגעבן אויף זיינע פראַגן, האָט וולאַדימיר אויסגעפונען, אַז דער פויפסט מישט זיך, ניט נאָר אין רעליגיעזע ענינים, נאָר אויך אין פּאָליטיק, און דאָס איז אים ניט געפעלן; ער האָט ניט געוואָלט אָננעמען אַזאַ רעליגיע, וואו דער הויפט פון דער קירכע מישט זיך אין פּאָליטישע ענינים; קיין שותף אין זיין הערשאַפט האָט ער ניט געהאַט קיין חשק אַריינצונעמען, און ער האָט דעריבער די רוימיש־קאַטוילישע גייסטלעכע געהייסן גיין. ווייטער רעדן מיט זיי האָט ער ניט געהאַלטן פאַר נייטיק.

אויך מיט די פאָרשטייער פון דעם מוסולמאַנישן גלויבן האָט ער קיין סך ניט גערעדט. די איינציקע פראַגע, וואָס ער האָט זיי געשטעלט, איז געווען, צי לויט דעם מוסולמאַנישן גלויבן מעג מען טרינקען, און ווען ער האָט דערהערט, אַז דאָס איז פאַרבאָטן, האָט ער צו זיי געזאָגט, אַז „אין רוסי איז אַ פרייד צו טרינקען וויין, און אָן דעם קען עס ניט זיין". און מער האָט ער מיט זיי ניט גערעדט און זיי אויך געהייסן גיין.

ווען עס איז געקומען צו די פאָרשטייער פון דער יידישער רעליגיע, צו די רבנים, האָט ער זיי געשטעלט די פראַגע, פאַרוואָס דאָס יידישע פאָלק איז צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאָרער וועלט?

דערויף האָבן אים די רבנים געענטפערט, אַז דאָס איז דערפאַר, וואָס יידן קומען אָפּ פאַר זייערע זינד; גאָט באַשטראָפט זיי דערפאַר, וואָס זיי היטן ניט אָפּ זיין תורה. און ווען וולאַדימיר האָט דאָס דערהערט, האָט ער די רבנים אויך געהייסן גיין; מיט אַזאַ שטרענגן גאָט, וואָס באַשטראָפט זיין פאָלק אַזוי שווער דערפאַר, וואָס מען היט ניט אָפּ זיין תורה, האָט ער ניט געוואָלט האָבן צו טאָן.

צווישן די קריסטלעכע געלערנטע, וואָס וולאַדימיר האָט דאַן אין קיעוו פאַרבעטן צו זיך אין הויף, זיינען אויך געווען פאָרשטייער פון דער גריכישער קירכע, און מיט זיי האָט ער גערעדט לענגער ווי מיט אַלע אַנדערע. ער האָט זיך מיט זיי אין אַ באַזונדער חדר פאַרשלאָסן און זיך צוגעהערט צו אַלץ וואָס זיי האָבן אים דערציילט וועגן זייער גלויבן און וועגן זייערע מנהגים. און נאָכדעם האָט ער צו זיי אין לאַנד געשיקט שלוחים צו זען ווי אַזוי די גאָטעס־דינסט ווערט געפּראַוועט אין די קלויסטערס. און ווען די שלוחים האָבן זיך שפּעטער אומגעקערט צוריק קיין קיעוו, האָבן זיי מיט גרויס באַגייסטערונג איבערגעגעבן וולאַדימירן אַלץ וואָס זיי האָבן דאָרט מיט די אויגן געזען. און דאַן האָט וולאַדימיר זיך געטויפט און האָט אָנגענומען דעם גריכיש־פּראַוואָסלאַוונעם גלויבן און נאָכדעם האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע אונטערטאַנען פון זיין מלוכה זאָלן דעם זעלבן גלויבן אָננעמען.

ער האָט דאַן מיט גוואַלד אַרויפגעצוואונגען דעם קריסטלעכן גלויבן

אויפֿן רוסישן פֿאָלק. זיין באַפֿעל איז געווען, אַז דאָרט וואו דאָס פֿאָלק וועט זיך ניט וועלן אָפּזאָגן פֿון געצנדינערייַ און מ'וועט ניט וועלן אָננעמען דעם קריסטנטום און מ'וועט זיך ניט טויפֿן אין מאַסן, זאָל מען זיך באַנוצן „מיט פֿייער און מיט דער שווערד". צי מ'האָט יאָ געוואָלט, אָדער מ'האָט ניט געוואָלט — וולאַדימירס באַפֿעל האָט מען געמוזט פֿאָלגן. און געשען איז דאָס אינעם יאָר 988. דאַן איז אין רוסלאַנד אָפּגעשאַפֿט געוואָרן געצנדינערייַ און ס'איז איינגעפֿירט געוואָרן דער קריסטלעך־פּראַוואָסלאַווער גלויבן. און אָנגעהויבן האָט זיך דאָס אין קיעוו, אין דער איצטיקער הויפּט־שטאָט פֿון אוקראַינע.

אויף אַ גאַס, וואָס איז איינע פֿון די שענסטע גאַסן אין שטאָט, איז אין קיעוו פֿאָרגעקומען די פֿייערלעכע צערעמאָניע פֿון דער מאַסן־טויפֿונג, וואָס מ'האָט דורכגעפֿירט לויט וולאַדימירס באַפֿעל. דערפֿאַר האָט מען יענער גאַס נאָכדעם אַ נאָמען געגעבן „קרעסטשאַטיק". און אַזוי האָט זי געהייסן יאָרן און יאָרן, ביז די באָלשעוויקעס האָבן איר אַ נאָמען געגעבן „אוליצאַ וואָראָווסקאָוואַ", אויפֿן נאָמען פֿון דעם סאָוועטישן דיפּלאָמאַט, וואָס איז אין 1923 דערהרגעט געוואָרן אין אויסלאַנד.

***

אין פֿאַרבינדונג מיט יענער מאַסן־טויפֿונג פֿונם יאָר 988 אין קיעוו, איז פֿאַראַן אַ גאַנץ אינטערעסאַנטע געשיכטע וועגן אַ רוסישן פּראַוואָסלאַוונעם בישאָף מיטן נאָמען לוקאַ זשידיאַטאַ, וועמען וולאַדימיר דעם הייליקנס זון, פּרינץ יאַראָסלאַוו, האָט אינעם יאָר 1035 געבראַכט קיין נאָווגאָראָד, ער זאָל אים דאָרט העלפֿן איינפֿלאַנצן טיפֿער דעם קריסטלעכן גלויבן.

לוקאַ זשידיאַטאַ פֿאַרנעמט אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ אין דער געשיכטע פֿון דער רוסישער קירכע. ער האָט זיך געמאַכט אַ נאָמען דערמיט וואָס ער איז אין רוסלאַנד געווען דער ערשטער באַדייטנדיקער קריסטלעכער געלערנטער; ער האָט אין שריפֿט און אין וואָרט געפּרעדיקט דעם קריסטלעכן גלויבן און אין זיין שרייבן האָט ער אַרויסגעוויזן בקיאות אין תנ"ך. זיין איינפֿלוס אויף דער רוסיש־פּראַוואָסלאַוונער קירכע איז אין יענע צייטן געווען גרויס, און נאָך ביז היינטיקן טאָג איז ביי די פֿאָרשער פֿון דער קריסטלעכער רעליגיע ניט פֿאַרלאָרן געגאַנגען דער אינטערעס אין דעם וואָס ער האָט געשריבן אין יענע אַלטע צייטן. מ'האָט אָבער קיינמאָל ניט געקענט פֿאַרשטיין פֿון וואַנען ס'האָט זיך צו אים, צו דעם רוסישן פּראַוואָסלאַוונעם בישאָף, גענומען דער נאָמען „זשידיאַטאַ".

אויף דעם חשבון זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן פֿאַרשיידענע השערות, און אייניקע גאָר וויכטיקע פֿאָרשער, צווישן וועלכע עס געפֿינט זיך אויך דר. אברהם אליהו האַרקאַווי, זיינען געקומען צום באַשטימטן אויספֿיר, אַז

ער, דער רוסישער פּראַוואָסלאַוונער בישאָף לוקאַ זשידיאַטאַ איז געווען אַ ייד. אַ קיעווער ייד; מ׳האָט אים אינם יאָר 988 מיט גוואַלד אָפּגעשמדט אין קיעוו אינאיינעם מיט נאָך אַ סך אַנדערע יידישע קינדער; נאָכדעם האָט מען אים געגעבן אַן עכט־קריסטלעכע דערציאונג; ער האָט פלייסיק געלערנט, מיט גרויס חשק געשטודירט, און אַזוי ווי ער איז געווען זייער אַ פּעאיקער און געהאַט אַ גוטן יידישן קאָפּ, איז ער געשטיגן אַלץ העכער און העכער, ביז ער איז געוואָרן אַ הויכער גייסטלעכער, און שפּעטער האָט מען אים פון קיעוו געשיקט קיין נאָווגאָראָד און דאָרט האָט מען אים געמאַכט פאַר אַ יעפּיסקאָפּ פון דער פּראַוואָסלאַוונער קירכע.

אויך דער רוסישער היסטאָריקער ניקאָלאַי מאַלישעווסקי האַלט, אַז לוקאַ זשידיאַטאַ איז געווען אַ געשמדטער ייד פון קיעוו און אַז געשמדט האָט ער זיך ניט מיט זיין אייגענעם ווילן, נאָך מ׳האָט דאָס אויף אים אַרויפגעצוואונגען ווען ער איז נאָך אַ קליין ייִנגל געווען. און דווקא אויף זיין גורל איז אין די ערשטע צייטן פונם קריסטנטום אין רוסלאַנד אויסגעקומען אַרויפצולעגן זיין שטעמפּל און פאַרנעמען אַ פּלאַץ אין דער געשיכטע פון דער פּראַוואָסלאַוונער קירכע.

און נאָך אַ קיעווער ייד — און דווקא ניט קיין געשמדטער — האָט אין רוסלאַנד אַוועקגעלייגט זיין שטעמפּל אויף דער געשיכטע פון דער פּראַ־וואָסלאַוונער קירכע, און ס׳איז גראָד אויסגעקומען אַזוי, אַז מיט זיין טע־טיקייט, וואָס האָט איבערגעלאָזט שפּורן אויף דורות, איז אויך געווען פאַר־בונדן אַ נאָווגאָראָדער פּראַוואָסלאַוונער בישאָף.

זכריהו האָט יענער קיעווער ייד געהייסן. און כאָטש עס פעלן די בויטיקע מאַטעריאַלן, וואָס זאָלן געבן אַ קלאָר בילד פון אים, קען מען דאָך מיט זיכער־קייט זאָגן, אַז ער איז אַוודאי געווען אַ ייד אַ למדן און דערצו נאָך אַ וועלט־לעכער מענטש אויך און ער האָט גוט געקענט די שפּראַך פון לאַנד און גע־וואוסט ווי אַזוי און מיט וואָס מ׳קען ווירקן אויף מענטשן און האָבן אַן איינפלוס אויף זיי.

וואָס זכריהו האָט געטאָן אין קיעוו און מיט וואָס ער האָט זיך דאָרט באַשעפטיקט, ווייסט מען ניט באַשטימט; עס קען זיין, אַז ער איז געווען אַ סוחר, און ס׳קען אויך זיין, אַז ער איז געווען אַ רב, וואָס האָט זיך געהאַלטן נאָענט צו וועלט־זאַכן, ווי ס׳איז געווען דער שטייגער אין יענע צייטן. אין קיעוו זיינען געווען ניט ווייניק אַזעלכע לומדים און נאָך מיט אַ סך יאָרן פריער, אינם דרייצנטן און אינם פערצנטן יאָרהונדערט, פלעגן יידן אומעטום, ניט נאָר אין רוסלאַנד, נאָר אויך אין אַנדערע לענדער, זאָגן „מקיעוו תצא תורה״. צום באַדויערן ווייסט מען ניט קיין סך פון דעם קיעווער זכריהוס פּערזענלעכן

לעבן. וואָס מ׳ווייסט אָבער יאָ איז, אַז אינם יאָר 1470 איז ער פון קיעוו אָנגעקומען קיין נאָווגאָראָד אינאיינעם מיט דעם פרינץ מיכאַאיל אָלעלקאָוויטש, און ווי ס׳ווערט דערציילט אין דער רוסישער געשיכטע, איז ער געווען דער ערשטער, וואָס האָט אַוועקגעלייגט דעם פונדאַמענט פאַר דער באַוועגונג, וואָס האָט שפּעטער אין רוסלאַנד געקראָגן דעם נאָמען „יודעיסטוואויושטשיע״, אָדער „זשידאָווסטוואויושטשיע״, און וואָס האָט געפירט דערצו, אַז דווקא אין די עכט־רוסישע געגנטן זאָלן טויזנטער און טויזנטער רוסישע מענטשן זיך אָפּזאָגן פון קריסטנטום און אָננעמען דעם יידישן גלויבן.

עטלעכע הונדערט יאָר איז די דאָזיקע באַוועגונג אָנגעגאַנגען און די אַלע מיטלען, וואָס מ׳האָט אָנגענומען זי אָפּצושטעלן, האָבן ניט געהאָלפן און זי האָט זיך פאַרשפּרייט אַלץ ווייטער.

ביי דער וואָלגע, ביים דאָן און אויך אין אַנדערע רוסישע געגנטן, וואו יידן האָבן גאָר קיין וואוינרעכט ניט געהאַט, האָבן מאַסן רוסישע מענטשן זיך אָנגעשלאָסן אָן דער סעקטע פון די „פאַריידישטע״ און מ׳האָט שוין געוואוסט, אַז דאָס פירט זיי נאָכדעם ווייטער און זיי זיינען זיך מגייר און זיי היטן אָפּ אַלע דינים פון דער תורה; מ׳האָט זיי דערפאַר אין רוסלאַנד, אין די צייטן פון די צאַרן, שרעקלעך פאַרפאָלגט און גערודפט, און ווער פון זיי ס׳האָט נאָר געקענט איז אַוועק קיין ארץ־ישראל, אַנדערע זיינען קיין אַמעריקע אַנטלאָפן און זיי זיינען צעזייט און צעשפּרייט געוואָרן איבער דער גאַנצער וועלט; די אַלע נגישות, וואָס מ׳האָט זיי אָנגעטאָן, האָבן דאָך זייער מוט ניט געבראָכן, און פונקט ווי זיי וואָלטן ביי יידן איבערגענומען דעם גייסט פון קידוש־השם, האָבן זיי מיט מסירת־נפש אָפּגעהיט דעם גלויבן און וואָס אַמאָל איז זייער צאָל געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער. אַפילו נאָך דער רעוואָלוציע פון 1917 האָט מען פון זיי אָפּט געהערט. שטענדיק האָבן זיי זיך ערגעץ געלאָזט הערן. זייער רייסן זיך צום יידישן גלויבן האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ באַוועגונג, וואָס קיינער רופט ניט אַרויס און קיינער קען ניט אָפּשטעלן. און דעם אָנהויב האָט געמאַכט דער קיעווער ייד זכריהו, וואָס האָט אין זיך געהאַט יענעם כוח און אויך דעם צויבער, מיט וועלכן בלויז אויסדערוויילטע זיינען געבענטשט.

דאָס קומט אַרויס קלאָר ווען מ׳שטעלט אַוועק די פאַקטן אינם ליכט פון געשיכטע.

קיין שוועריקייטן זיך צו באַקענען נאָענט מיט די גייסטלעכע פון דער קריסטלעכער קירכע אין נאָווגאָראָד, האָט דער קיעווער ייד זכריהו, קענטיק, ניט געהאַט ווען ער איז אינם יאָר 1470 אָנגעקומען אַהין. עס איז אַוודאי געווען נאַטירלעך, אַז זיינע פאַרבינדונגען מיטן פרינץ מיכאַאיל אָלעלקאָוויטש

זאָלן אים אין אַזעלכע קרייזן אַריינפירן. אין יענע צייטן האָבן די גייסטלעכע מיט זיך פאָרגעשטעלט די העכסטע אינטעליגענץ, און ס׳איז געווען אָנגענו־מען אין אַזעלכע קרייזן צו פירן אָפטע דיסקוסיעס וועגן די גוטע און שלעכטע זייטן פון פאַרשיידענע רעליגיעס.

דער באָדן פאַר אַזאַ באַוועגונג, וואָס האָט צוגעצויגן צו זיך די, וואָס האָבן זיך שפּעטער אָנגעהויבן רופן „פּאַריידישטע‟, איז אין גרונט שוין געווען צוגעגרייט נאָך פון פריער. אין נאָווגאָראָד זיינען רוסישע גלחים שוין געווען אָנגעשטעקט מיט „אַפּיקורסות‟ נאָך איידער זכריהו איז אָנגעקומען אַהין; די „אַפּיקורסות‟ האָט געשטאַמט נאָך פון יענע צייטן, ווען ס׳האָט זיך אין פּערצנטן יאָרהונדערט באַוויזן די סעקטע „סטריגאָלניקעס‟, וועלכע זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן דעם, וואָס מ׳פאַרגעטערט די הייליקע בילדער און מ׳בוקט זיך צו זיי; די „סטריגאָלניקעס‟ האָבן דערויף אָנגעוויזן ווי אויף אַ געצנדינערײַ, און זיי האָבן אָנגעפירט אַן אַגיטאַציע קעגן דעם. דאָס זיינען געווען די ערשטע סימנים פון „אַפּיקורסות‟ אין דער רוסישער פּראַוואָסלאַוונער קירכע, און שפּע־טער זיינען שוין צוגעקומען נאָך אַנדערע אָפּנייגונגען, אין וועלכע מ׳האָט געזען אַ סכנה; די מער דענקענדיקע מענטשן צווישן די גייסטלעכע האָט דאָך געצויגן צום ריינעם גלויבן אין איין גאָט; געצנדינערישע איבערבלייבעכצן זיינען ביי זיי דאָך געווען פריקרע, און ס׳איז דעריבער געווען נאַטירלעך, אַז זיי זאָלן זיך גוט צוהערן צו די רייד פון דעם קיעווער געלערנטן יידן זכריהו, וועלכער האָט צו זיי גערעדט וועגן דעם יידישן גלויבן אין איין גאָט — אַ גלויבן, וואָס האָט ניט אין זיך קיין סימנים אַפילו פון וועלכער עס איז געצנדינערײַ.

וואָס אָפּטער זכריהו האָט זיך מיט די נאָווגאָראָדער גייסטלעכע געטראָפן, אַלץ מער האָבן זיי זיך צוגעבונדן צו אים; זיי האָבן ליב געהאַט צו הערן ווי ער רעדט וועגן זיין גלויבן; עס איז זיי שטאַרק געפעלן יעדער ענטפער, וואָס ער האָט זיי געגעבן אויף זייערע פראַגן; מיט זיינע ענטפערס האָט ער פאַר זיי קלאָר געמאַכט אַ סך זאַכן, וואָס זיינען פאַר זיי פריער ניט געווען אינגאַנצן קלאָר. און ביסלעכווייז האָט ער מיט זיינע רייד אַזוי געווירקט אויף זיי, אַז זיי האָבן שטילערהייט געמוזט צוגעבן, אַז ער איז גערעכט, און דאַן האָבן אייניקע פון זיי אים פאַרטרויט דעם סוד, אַז ער האָט זיי ממש די אויגן געעפנט און אַז זיי זיינען גרייט זיך אָפּן אָפּצוזאָגן פון קריסטנטום און אָננעמען דעם יידישן גלויבן.

דערציילט דער רוסישער היסטאָריקער קאָסטאָמאַראָוו, אַז ווען עטלעכע פון די אָנגעזעענע נאָווגאָראָדער גלחים האָבן זכריהון געלאָזט וויסן, אַז זיי זיינען גרייט זיך מל צו זיין און אַרויסקומען אָפּן מיט דער ערקלערונג, אַז זיי זאָגן זיך אָפּ פון קריסטנטום און זיי ווערן יידן, האָט ער זיי אָפּגעשלאָגן דער־

פון. זיין עצה איז געווען, אַז ס'איז בעסער זיי זאָלן אָפּהיטן יידישקייט שטילערהייט, אָבער לפּנים זאָלן זיי זיין קריסטן... *)

ווייטער דערציילט קאָסטאָמאַראָוו, אַז נאָכדעם איז דער קיעווער ייד אַוועק פון נאָווגאָראָד און ער איז שוין מער אַהין ניט געקומען. און פון דעם קען מען דרינגען, אַז זכריהו האָט זיך אפשר גאָר דערשראָקן ווען ער האָט דערזען צו וואָס זיינע דיסקוסיעס מיט די רוסישע גלחים האָבן דערפירט. עס קען זיין, אַז ער איז אין דער אמתן גאָר ניט אויסן געווען זיי צו באַקערן צום יידנטום; ער האָט אַוודאי געמיינט, אַז ווייטער ווי טעאָרעטישע דיסקוסיעס וועט דאָס ניט גיין און זיין כוונה איז געווען צו פאַרטיידיקן דעם יידישן גלויבן און באַווייזן ווי הויך ס'שטייט די יידישע מאָראַל פון דער תורה.

אָבער צי דער קיעווער ייד זכריהו האָט יאָ געהאַט די כוונה צו באַקערן צום יידנטום די נאָווגאָראָדער גייסטלעכע פון דער רוסישער קירכע, צי ניין — פאַרגעסן אָן דעם, וואָס זיי האָבן פון אים געהערט, האָבן זיי שוין ניט געקענט. דער איינפלוס, וואָס ער האָט אויף זיי איבערגעלאָזן, איז געווען אַזוי גרויס, אַזוי שטאַרק, אַז ניט איינער פון זיי האָט נאָכדעם שטילערהייט שוין געפּרעדיקט יידישקייט אומעטום, וואו ער האָט נאָר געקענט, און שפּעטער האָבן זיי דאָס אָנגעהויבן פּרעדיקן אָפן — אין די קלויסטערס און אויך אין די היימען. און וואָס אַמאָל האָט זיך די באַוועגונג אַלץ מער און מער צעוואַקסן און זי האָט שוין אָנגעשפּאַרט ניט נאָר צווישן די גלחים, די געבילדעטע לייט, נאָר אויך צווישן פּשוטן פאָלק, וואָס איז געשטאַנען אונטערן איינפלוס פון די גלחים.

אַ סך אַרויסגעהאָלפן זכריהון האָבן דעמאָלט נאָך צוויי אַנדערע יידן, וואָס זיינען צו אים קיין נאָווגאָראָד געקומען. איינער פון זיי האָט געהייסן משה חאַניש (חנהס) און דער אַנדערער האָט געהייסן שמואל סקאַריאַווי. פּונקט ווי זכריהו, זיינען די צוויי, ווי ס'שיינט, אויך געווען לומדים און דערצו נאָך וועלטלעכע מענטשן אויך און זיי האָבן גוט געקענט די שפּראַך פון לאַנד. אויך זיי זיינען אַוועק פון נאָווגאָראָד נאָכדעם ווי עטלעכע פון די אָנגעזעענע גלחים דאָרט האָבן אָנגעהויבן רעדן וועגן דעם, אַז זיי וועלן אָננעמען דעם יידישן גלויבן און זען, אַז אויך אַנדערע זאָלן דאָס טאָן. די דריי יידן האָבן זיך פּשוט דערשראָקן און זיי זיינען אַוועק. זייער איינפלוס אָבער איז דאָך געבליבן; די נויגונג צום יידנטום איז צווישן די פּראַוואָסלאַווע גלחים אין נאָווגאָראָד אָנגעגאַנגען ווייטער. אָפּשטעלן זי האָט מען שוין ניט געקענט.

און אינם יאָר 1485, פופצן יאָר נאָכדעם ווי זכריהו דער קיעווער און די

---

*) Русская история в жизнеописаниях ее главнейших деятелей. Том первый, стр. 191.

אַנדערע צוויי יידן זיינען אַוועק פון נאָווגאָראָד, איז אַהין אָנגעקומען דער רוסי־שער יעפּיסקאָפּ גענאַדי. ער האָט דאָרט אין דער פּראַוואָסלאַוונער קירכע פאַר־נומען דעם זעלבן הויכן פּאָסטן וואָס לוקאַ זשידיאַטאַ, דער געשמדטער ייד פון קיעוו, האָט דאָרט פאַרנומען פאַר אים נאָך מיט איבער פיר הונדערט יאָר צוריק, אין 1035. און ס׳שיינט, אַז אַריבערגעבראַכט גענאַדין האָט מען אַהין ספּעציעל צוליב דעם, אַז ער זאָל מאַכן אַ סוף צו דער „אַפּיקורסות״, וואָס איז אַ סכנה פאַר דעם קריסטנטום אין רוסלאַנד.

אין דער נאַטור איז דער יעפּיסקאָפּ גענאַדי געווען אַ ווילדער פאַנאַטיקער, וואָס איז גרייט אומצוברענגען פון דער וועלט די, וואָס שטימען ניט איין מיט אים און גייען ניט אין זיינע וועגן. ער איז אַפילו געווען גרייט צו נעמען די קאַטוילישע שפּאַניע פאַר אַ מוסטער און איינפירן אַן אינקוויזיציע אין רוסלאַנד. און ווען ער האָט דערזען ווי ווייט מ׳איז אין נאָווגאָראָד פאַרגאַנגען אין דעם „אַפּיקורסישן אַפּנויג״, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן נאָך מיט פופצן יאָר צוריק אונטערן איינפלוס פון דעם קיעווער יידן זכריהו, האָט ער די אַלע „פאַריידישטע״ גלחים אָנגעהויבן פאַרפאָלגן אָן רחמנות.

עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד האָט ער מיט זיי אַ מלחמה געפירט און ס׳איז אים אָנגעקומען זייער שווער זיי צו באַקעמפן, ווייל יענע האָבן שוין אויך געהאַט איינפלוס אין די הויכע רעגירונגס־קרייזן אין מאָסקווע, און ס׳איז אַ סברא, אַז אויך דאָרט, אין הויף פונם רוסישן גרויספירשט איוואַן וואַסיליעוויטש, האָט זיך שוין אויך געהאַט פאַרשפּרייט דער „אַפּנויג״ צום יידנטום. אָבער דער יעפּיסקאָפּ גענאַדי האָט זיך מיט עקשנות פאַרלייגט דערויף, אַז ער מוז אויס־פירן זיינס און ער האָט ניט גערוט ביז ס׳האָט זיך אים דאָך איינגעגעבן, אַז מ׳זאָל די „פאַריידישטע״ פּראַוואָסלאַוונע גלחים שווער באַשטראָפן.

דאָן האָט מען עטלעכע פון זיי פאַרשפּאַרט אין הילצערנע שטייגן און זיי דאָרט פאַרברענט לעבעדיקערהייט. ביי אַנדערע האָט מען דעמאָלט אַרויסגעריסן די צונגען פון די מיילער. און די, וואָס זיינען געווען ווייניקער שולדיק און דעם אַפּנויג צו יידישקייט, האָט מען פאַרשפּאַרט אין די געפענגענישן און פאַר־שיקט אין די מאָנאַסטירן, אַז מ׳זאָל זיי דאָרטן צוריק אַרויספירן אויפן גלייכן וועג.

געטראָפן האָט זיך דאָס אינם יאָר 1504. און דער יעפּיסקאָפּ גענאַדי איז געווען זיכער, אַז דערמיט איז שוין אַלץ געענדיקט און אַז פון איצט אָן און ווייטער וועלן שוין אין רוסלאַנד מער ניט זיין אַזעלכע, וואָס וועלן זיך דער־וועגן צו פאַרגלייכן דעם קריסטלעכן גלויבן מיטן יידישן און דערביי קומען צום אויספיר, אַז די יידישע רעליגיע שטייט העכער און אַז זי איז דער שורש, צו וועלכן מ׳דאַרף זיך אומקערן ווען מ׳פאַרשט און מ׳זוכט דעם אמת...

אַזוי האָט דער יעפּיסקאָפּ געגאַדי געמיינט און ס׳איז ביי אים אַוודאי גאָר קיין צווייפל ניט געווען, אַז אין דעם קאַמף איז ער אַרויסגעקומען מיט אַ גרויסן נצחון.

אויסגעלאָזט האָט זיך אָבער אַנדערש. ווען די באַוועגונג, וואָס האָט אין דער רוסישער פּראַוואָסלאַוונער קירכע אַרויסגעוויזן אַ נייגונג צו יידישקייט, האָט שוין געהאַט אירע מאַרטירער אויך, איז זי געוואָרן נאָך שטאַרקער ווי פריער; זי האָט דאַן אָנגעהויבן ווערן פּאָפּולער ניט נאָר צווישן די גייסטלעכע, נאָר אויך ביי די מאַסן פונם פאָלק. און כאָטש די קירכע און די רעגירונג האָבן קעגן איר די שטרענגסטע מיטלען אָנגענומען, האָט זי זיך אין פאַרלויף פון יאָרן דאָך שטאַרק צעוואַקסן און זי האָט אַרויסגעגעבן טויזנטער און טויזנטער גרים, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון קריסטנטום און זיי זיינען געוואָרן יידן.

אָבער וועגן דעם וועט אונדז נאָך אויסקומען צו ריידן אין אַ באַזונדער קאַפּיטל.

און אָנגעהויבן די באַוועגונג, וואָס האָט זיך אין רוסלאַנד אַזוי צעוואַקסן, האָט דער קיעווער ייד זכריהו.

*
**

נאָך אינם עלפטן און צוועלפטן יאָרהונדערט האָבן יידן אין קיעוו שוין געשפּילט אַ גאַנץ באַדייטנדיקע ראָלע, און עס שיינט, אַז אַ סך פון די יידן, וואָס האָבן דעמאָלט געוואוינט אין קיעוו, זיינען אַהין געקומען פון די מערב־אייראָ־פּעאישע לענדער. זיי זיינען אַהין אַנטלאָפן ראַטעווען זייער לעבן אין די צייטן פון די ערשטע קרייץ־צוגן, און נאָכדעם זיינען זיי שוין דאָרט פאַרבליבן און האָבן זיך מער צוריק אַהיים ניט אומגעקערט.

קיעוו איז דאַן געווען אַ צענטער פון האַנדל מיט אייראָפּע, און אין דעם האָבן יידן דאָרט זייער אַ וויכטיקע ראָלע געשפּילט. עס זיינען אָבער צווישן זיי געווען ניט נאָר גוטע סוחרים, נאָר אויך גרויסע לומדים, און איינער פון זיי, ר׳ משה דער קיעווער, ווערט דערמאָנט אין „ספר הישר“, און מ׳ווייסט, אַז ער איז געווען אַ תלמיד פון דעם גרויסן יידישן געלערנטן רבינו תם.

אויך אינם פופצנטן יאָרהונדערט זיינען צווישן די יידן אין קיעוו געווען אַ סך געלערנטע, גרויסע לומדים, וואָס האָבן געהאַט אַ שם. דאַן איז דאָס גע־שאַפן געוואָרן דאָס ווערטל „מקיוב תצא תורה“. און צווישן די גאָר באַרימטע געלערנטע יידן פון יענער צייט איז געווען ר׳ משה בן יעקב, אָדער ר׳ משה הגולה, ווי מ׳האָט אים גערופן איבער דעם וואָס ער איז אַ סך יאָרן פון זיין לעבן געווען אַ געיאָגטער און אַ געטריבענער און ער האָט געמוזט וואַנדערן פון איין שטאָט אין דער אַנדערער.

פיר און צוואַנציק יאָר איז ר׳ משה הגולה אַלט געווען ווען ער האָט שוין

געשמט מיט זיין פילזייטיקן וויסן. ער איז געווען ניט נאָר אַ תלמודיסט אַ גרוי־סער, נאָר אויך אַ דיכטער; ער האָט געשריבן פיוטים, פירושים אויף דער תורה, און צו דעם איז ער אויך געווען אַ גוטער פילאָלאָג און ער האָט געקענט שפּראַכן*).

ער איז ניט געווען קיין געזונטער מענטש; עס ווערט וועגן אים דערציילט, אַז ער איז געווען אַ קרענקלעכער, אַן אויסגעדאַרטער; ער האָט געליטן פון געשווירן אויפן לייב. אָבער אַ כאַראַקטער האָט ער פאַרמאָגט זייער אַ שטאַרקן, ענערגיע האָט ער געהאַט אַ וועלט, און אין די יאָרן וואָס ער האָט געוואוינט אין קיעוו, האָט ער געשריבן זייער אַ סך, און די קיעווער יידן האָבן אים זייער הויך געשעצט, און ער האָט אויף זיי אַ גרויסן איינפלוס געהאַט.

אין יאָר 1482, ווען די טאָטערן זיינען אָנגעפאַלן אויף קיעוו און האָבן דאָרט געמאַכט אַ חורבן, איז ר׳ משה הגולה פון דאָרט קוים מיטן לעבן אַנטלאָפן. ער האָט דאַן פאַרלאָרן אַלץ וואָס ער האָט פאַרמאָגט, און זיינע קינדער האָבן די טאָטערן גענומען אין געפאַנגענשאַפט און זיי אַוועקגעפירט קיין קרים.

אַ לענגערע צייט האָט ר׳ משה אַרומגעוואַנדערט איבער שטעט און שטעט־לעך, און וואַנדערנדיק אַזוי אַ קראַנקער און אַ צעבראָכענער, האָט ער דאָך גע־פונען צייט צו שרייבן, און ער האָט אויך געפונען צייט צו פירן פּאָלעמיקעס מיט די קאַראַאימישע געלערנטע, וועמען ער האָט געוויינלעך זייער שטאַרק אַטאַקירט. און ווען ער איז שפּעטער געקומען צוריק קיין קיעוו און די יידן האָבן אים דאָרט ווידער אויפגענומען זייער וואַרעם, האָט ער זיך נאָך פלייסיקער גענומען צו דער אַרבעט, און דאַן האָט ער אָנגעהויבן שרייבן אַ ווערק וועגן העברעאישער גראַמאַטיק און אויך אַ ווערק וועגן יידישער צייט־רעכענונג.

ער איז גאָר קיינמאָל ניט מיד געוואָרן פון שווערער אַרבעט, און ווער ווייסט וויפל ספרים ער וואָלט נאָך אָנגעשריבן און וואָס פאַר אַ גרויסע זאַכן ער וואָלט נאָך אויפגעטאָן, ווען ער וואָלט נאָר געקענט לעבן רואיק, ווען ער וואָלט ניט געווען געצוואונגען צו וואַנדערן אַזוי פיל.

ער האָט אָבער קיינמאָל לאַנג ניט געקענט לעבן רואיק. און אין יאָר 1495, ווען דער גרויספירשט אַלעקסאַנדער יאַגעלאָ האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל אַרויס־צוטרייבן די יידן פון גאַנץ ליטע און אויך פון דער שטאָט קיעוו, וואָס איז דע־מאָלט געווען אַ טייל פון זיין מלוכה, האָט ר׳ משה הגולה, אינאיינעם מיט אַלע פאַרוואָגלטע יידן, ווידער געמוזט לויפן זוכן אַ ווינקעלע, וואו מ׳זאָל קענען זיין זיכער מיטן לעבן און וואו מ׳זאָל ניט דאַרפן זיין אין שטענדיקער מורא, אַז מאָרגן קען מען פון דאָרט אויך אַרויסטרייבן.

---

*) זע דר. ישראל צינבערגס „געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן", באַנד 5, ז׳ 21.

און „ניט קוקנדיק אויף די אַלע צרות און גזירות, וואָס דער דאָזיקער שלאָבעריקער און קרענקלעכער תלמיד־חכם האָט געהאַט אויסצושטיין, — שרייבט וועגן אים דר. ישראל צינבערג — האָט ער דאָך זיך ניט צעשיידט מיט זיינע געליבטע ספרים און אויך אין די וואָגל־יאָרן ניט איבערגעריסן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט".

נאָך מער, דווקא אין די וואָגל־יאָרן, ווען ער האָט קיינמאָל ניט געקענט זיין זיכער מיט דעם וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען, האָט ער פאַרטראַכט אָנ־צושרייבן אַ גרויס ווערק וועגן קבלה. „שושן סודות" האָט ער דעם נייעם ווערק אַ נאָמען געגעבן; און ווען ער האָט נאָר געהאַט אַ פרייע שעה, האָט ער דערויף געאַרבעט, אָבער געענדיקט האָט ער דאָס ערשט שפּעטער, ווען ער האָט זיך באַזעצט אין דער שטאָט קאַפאַ, וואָס הייסט איצט פעאָדאָסיע.

עס האָט לאַנג געדויערט ביז דער קיעווער תלמיד־חכם ר' משה הגולה האָט זיך קיין קאַפאַ דערשלאָגן. און אַפילו דער אופן ווי אַזוי ער האָט זיך דער־שלאָגן אַהין איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם פאַרוואָגלטן לעבן, וואָס ער האָט געהאַט: אין יאָר 1506, ווען ר' משה הגולה איז געווען אין לידע, זיינען די טאָטערן אָנגעפאַלן אויף דער שטאָט און האָבן פון דאָרט אַוועקגעפירט אַ סך געפאַנגענע יידן, און צווישן די געפאַנגענע איז אויך געווען ר' משה הגולה פון קיעוו. אינאיינעם מיט די אַנדערע געפאַנגענע יידן האָט מען אים אַוועקגעפירט קיין קרים.

אין יענער צייט איז ביי די טאָטערן שוין געווען אַן אָנגענומענער כלל, אַז ווען נאָר זיי מאַכן אַן איבערפאַל אויף אַ שטאָט, זאָלן זיי פון דאָרט אַוועק־פירן יידישע געפאַנגענע; זיי האָבן פון דעם געמאַכט אַ גוט־באַצאָלטן געשעפט, ווייל זיי האָבן שוין געוואוסט, אַז יידן האַלטן שטאַרק פון דער מצווה „פדיון־שבוים", און ווען מ'ברענגט נאָר געפאַנגענע יידן צו אַ האַפן, זיי צו פאַרקויפן אויפן מאַרק פאַר קנעכט, קלייבט די יידישע קהילה צונויף געלט און לייזט אויס די געפאַנגענע.

דאָס זעלבע איז אויך געשען מיט דעם קיעווער תלמיד־חכם ר' משה הגולה; ווען מ'האָט אים געבראַכט קיין קרים און די טאָטערן זיינען שוין געווען גרייט אים צו פאַרקויפן פאַר אַ קנעכט, האָבן די יידן אים אויסגעלעזט. און דאַן האָט ר' משה הגולה זיך באַזעצט אין דער שטאָט קאַפאַ, און דאָרט איז ער געוואָרן רב, און מיט זיין גרויסן איינפלוס האָט ער געבראַכט דערצו, אַז ס'זאָל געשאַפן ווערן אַ פאַראייניקונג צווישן די פאַרשיידענערליי יידישע כיתות, וואָס האָבן דעמאָלט געלעבט אין קרים.

דאָס איז דעמאָלט געווען זייער אַ וויכטיקער אויפטו, ווייל די יִידן וואָס זיינען קיין קרים געקומען פון פאַרשיידענערליי געגנטן און מדינות, האָבן זיך

צעטיילט אין באַזונדערע לאַנדסמאַנשאַפטן, וואָס האָבן זיך שטענדיק אַרומגעריסן צווישן זיך. יעדער לאַנדסמאַנשאַפט האָט זיך געהאַט איר באַזונדער שולכל, און אומעטום האָט מען געדאַוונט לויט אַן אַנדער נוסח און זיך געפירט לויט אַן אַנדער מנהג; אין אײן שולכל איז געווען אָנגענומען דער מנהג אַשכנז, אין אַ צווייטן שולכל האָט מען זיך איינגעעקשנט, אַז דער בעסטער מנהג איז דער מנהג רמניה, און איבער דעם זיינען פאָרגעקומען קריגערייען און מ׳האָט זיך געהאַלטן אין איין רייסן און אַמפּערן.

און ווען דער קיעווער ר׳ משה הגולה האָט דאָס געזען, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס קען אַמאָל נאָך ברענגען צו אַן ערנסטער שפּאַלטונג, וואָס וועט אפשר נאָך דערפירן דערצו, אַז יידן, וואָס האַלטן זיך ביי איין מנהג, זאָלן אָפּגעפרעמדט ווערן פון די יידן, וואָס האַלטן זיך ביי אַן אַנדער מנהג און ביי אַן אַנדער נוסח פון די תפילות; און ווייל ער האָט זייער שטאַרק מורא געהאַט דערפאַר, האָט ער גענומען זוכן מיטלען קעגן דעם, און דאַן האָט ער צונויפגעשטעלט אַ באַזונדער סדר התפילות, וואָס אַלע יידן אין קרים האָבן אָנגענומען. מ׳האָט זיך געאייניקט אויף איין מנהג פאַר אַלעמען, און דער דאָזיקער מנהג פון ר׳ משה הגולהס סדר־התפלות ווערט נאָך איצט אָנגערופן „מנהג כפא״, אויפן נאָמען פון דער שטאָט קאַפאַ, וואָס הייסט איצט פעאָדאָסיע, און וואו ר׳ משה דער קיעווער איז אין יאָר 1520 געשטאָרבן אין דער עלטער פון איין און זיבעציק יאָר.

*
**

קיעוו איז איינע פון די שענסטע שטעט אין גאַנץ רוסלאַנד. זי שטייט ביים רעכטן ברעג פון דניעפּר, וואָס זעט דאָרט אויס נאָך שענער ווי אומעטום, ווייל גראָד אויף יענעם פלאַץ פאַלן אין אים אַריין די וואַסער־שטראָמען פון די אַלע טייכן, וואָס ציען זיך צו אים פון אַלע זייטן און פון אַלע וויטקייטן.

גלייך ביים אַריינקומען אין שטאָט, ווי מ׳גייט נאָר אַרויס פון וואָקזאַל, וואו באַנען ברענגען מענטשן פון אַלע עקן פון דער גרויסער רוסלאַנד, דערפילט מען שוין דעם אָטעם פון דער אויסערגעוויינלעך שיינער שטאָט, וואו די געשיכטע פון אַמאָל גייט נאָך ווי אַ שאָטן דער געשיכטע פון היינט, און וואו אַלץ איז אַזוי אויסערגעוויינלעך רייך אין פאַרבן און קאָלירן, און אויך אין געמיט.

עס איז אין אוקראַינע, קען מען זאָגן, ניט פאַראַן קיין איין שטעטל, וואו יונגע מענטשן, וואָס ווילן זיך צו עפּעס דערשלאָגן, זאָלן זיך ניט רייסן קיין קיעוו.

קיעוו איז אַ שטאָט, וואָס ציט צו זיך. קיעוו איז אַ שטאָט מיט אַזאַ רייכער פאַרגאַנגענהייט, אַז זי קען שוין קיינמאָל ניט אויפגעבן די האָפענונג אויף אַ רייכער צוקונפט...

די ערשטע ביבליאָטעק אין רוסלאַנד איז געגרינדעט געוואָרן אין קיעוו.

דאָרט איז אַוועקגעלייגט געוואָרן דער ערשטער ווינקלשטיין פאַר בילדונג אין לאַנד.

דאָרט האָט רוסלאַנד דאָס ערשטע מאָל אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די ווילדקייט פון געצנדינערײַ, און דער אָפּגאָט „פּערון", צו וועמען מ'האָט זיך פריער געבוקט — דער גרויסער גולם מיטן זילבערנעם קאָפּ און מיט די גילדערנע וואָנצעס — איז אַרײַנגעשליידערט געוואָרן אין די וואַסערן פונם דניעפּר, און די כוואַליעס האָבן אים פאַרטראָגן ווייט־ווייט און מ'האָט אים שוין מער קיינמאָל ניט געזען.

דאָרט האָט יעדער שפּאַן ערד אײַנגעזאַפּט אין זיך די געשיכטע פון גרויסע און וויכטיקע געשעענישן אינם לעבן פון אַ גאַנץ פאָלק.

און אַלע מאָל, ווען ס'האָט נאָר געטראָפן עפּעס אַן אומגליק און ס'איז צוליב דעם געווען נויטיק אַרויסצורופן ביים פאָלק נאָך מער ליבע צום לאַנד, האָט מען אויפגעבלעטערט די געשיכטע פון אַמאָל און אָנגעוויזן אויף היסטאָרישע געשעענישן, וואָס זײַנען פאָרגעקומען אין קיעוו.

קיעוו איז שטענדיק געווען דער ספר־הזכרונות, וואָס מ'האָט געבלעטערט ווען ס'איז נאָר געווען נויטיק...

זי איז דאָס געווען פאַרן רוסישן פאָלק און אויך פאַרן אוקראַיִנישן.

אויך פאַר אונדז יידן איז קיעוו אַ ספר־הזכרונות, אָבער שוין גאָר אויף אַן אַנדער שטייגער:

אין קיעוו שטייט נאָך אַלץ אַ גרויסער מאָנומענט פאַר דעם בלוטיקן צורר־היהודים באָגדאַן כמעלניצקי פון די גזירות ת"ח ות"ט ווען יידיש בלוט האָט זיך ווי וואַסער געגאָסן. נאָך אין די צייטן פון די צאַרן האָט מען יענעם מאָנומענט אַוועקגעשטעלט. און דאָס האָט גענוג געשטאָכן די אויגן פון די יידן, וואָס האָבן דאָס געזען. אָבער אויך אונטער דער סאָוועט־רעגירונג, אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז דער אָנדענק פון באָגדאַן כמעלניצקי דערהויבן געוואָרן און מ'האָט אים אָנגעהויבן אַרויסשטעלן אינם ליכט פון אַ גרויסן נאַציאָנאַלן העלד און מ'האָט געגרינדעט אינסטיטוציעס און אַרויסגעגעבן מעדאַלן אויף זײַן נאָמען און אויך באַקרוינט די שטאָט פּערעיאַסלעוו מיט זײַן נאָמען...

דווקא די שטאָט, וואו שלום־עליכם איז געבאָרן געוואָרן!

פון קיעוו געדענקען יידן אויך דעם פּאָגראָם, וואָס איז דאָרט פאָרגעקומען

אינם יאָר 1881, נאָכדעם ווי מ׳האָט אין פּעטערבורג דערהרגעט אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, און זיין זון, אַלעקסאַנדער דער דריטער, איז אַרויף אויפן טראָן.

מיר געדענקען פון דאָרט אויך דעם פּאָגראָם פון 1905, נאָך דער טרויער־ריק־באַרימטער „קאָנסטיטוציע", וואָס ניקאָלאַי דער צווייטער, דער לעצטער צאַר פון רוסלאַנד, האָט אין זיין „גרויס גנאָד" און אין דער עכטער טראַדיציע פון דער ראָמאַנאָוו־דינאַסטיע, געגעבן דעם פאָלק...

און נאָך און נאָך אַ סך זאַכן געדענקען יידן וועגן קיעוו.

אויף קיעוו איז אויסגעפאַלן דער גורל צו ווייזן דער וועלט די גאַנצע פינצ־טערניש פון דעם צאַרישן אַנטיסעמיטיזם, און אויך דעם באַנקראָט דערפון.

מיר מיינען דאָ — דעם מענדל ביילים פּראָצעס.

צוויי און אַ האַלב יאָר האָט די ביילים אַפּערע געדויערט — פון 1911 ביז 1913 — און „מ׳קען זאָגן אָן אַ גוזמא, — שרייבט וועגן דעם דער אַדוואָקאַט גרוזענבערג אין זיינע זכרונות, — אַז אויפן ביילים־פּראָצעס איז דער צאַרישער רעזשים מאָראַליש באַגאַנגען זעלבסטמאָרד" *).

מיט דער קלאַגע, וואָס מען האָט אין קיעוו געבראַכט קעגן בייליסן, אַז ער האָט דערהרגעט דאָס קריסטלעכע ייִנגל אַנדרעי יושטשינסקי צוליב ריטועלע צוועקן, איז די צאַרישע רעגירונג אויסן געווען צו טרעפן ניט בלויז דעם אומ־שולדיקן יידישן מאַרטירער, וואָס האָט געאַרבעט אין זאַיצעווס ציגל־פאַבריק, נאָר דאָס גאַנצע יידישע פאָלק; מען האָט אַלע יידן פון דער גאַנצער וועלט געוואָלט שטעמפּלען אַלס מערדער, וועלכע הרגענען קריסטלעכע קינדער צו באַנוצן זייער בלוט אויף פּסח; דאָס איז געווען אַ רוף צו פּאָגראָמען; מען האָט זיך געגרייט אויסצוראָטן און פאַרטיליקן אַלע יידן אין לאַנד. און דאָס קען מען זען פון דעם וואָס די צייטונג „רוסקאָיע זנאַמיאַ", דער אָפיציעלער אָרגאַן פון די רוסישע שוואַרץ־מאהניקעס, האָט געשריבן אין יענער צייט.

„די רעגירונג — האָט די „רוסקאָיע זנאַמיאַ" דאַן געשריבן — דאַרף זיך שטעלן אויף דעם שטאַנדפּונקט, אַז פאַרן לעבן פון דער מענטשהייט זיינען די יידן פּונקט אַזוי געפערלעך ווי וועלף, עקדישן, שלאַנגען, גיפטיקע שפּינען און אַנדערע שרצים ורמשים, וואָס מ׳דאַרף אויסראָטן און וואָס איז לויטן געזעץ, אַ מצווה אויסצוראָטן דערפאַר וואָס זיי זיינען אַ געפאַר פאַר דעם מענטשלעכן מין... מען דאַרף פאַר די זשידעס שאַפן אַזעלכע באַדינגונגען, אַז זיי זאָלן ביסלעכווייז אויסשטאַרבן. עס איז די פליכט פון דער רעגירונג דאָס צו טאָן, און אויך די פליכט פון אַלע בעסטע מענטשן אין לאַנד."

אַזוי איז געשטאַנען שוואַרץ אויף ווייס אין דעם נומער 177, פון יאָר 1913, אין דער רוסישער צייטונג „רוסקאָיע זנאַמיאַ", און עס איז פאַר קיינעם קיין

---

*) О. О. Грузенберг, Вчера, стр. 110.

סוד ניט געווען, אַז געשריבן האָט מען אַזוי לויט אַ וואונק פון די גאָר הויכע ספערן אין דער רעגירונג.

און אָנגעהויבן האָט זיך די ווילדע העצע קעגן יידן נאָך פריער, אַ קורצע צייט נאָכדעם ווי מ׳האָט אינם מאָנאַט סעפּטעמבער פונם יאָר 1911, אין קיעווער טעאַטער געשאָסן דעם רוסישן פּרעמיער־מיניסטער סטאָליפּין ווען דער צאַר אַליין איז געווען דערביי.

געשאָסן סטאָליפּינען האָט דער יידישער סטודענט דמיטרי באָגראָוו, אַ זון פון אַ קיעווער יידישן אַדוואָקאַט און אַן אייניקל פון דעם באַוואוסטן רוסיש־יידישן שריפטשטעלער גריגאָרי באָגראָוו. דער יונגער יידישער סטודענט דמיטרי איז געווען אַ רעוואָלוציאָנער, אָבער ער האָט, קענטיק, געהאַט אַ טומל־קאָפּ און איז געווען גענייגט צו אַוואַנטורעס, און דאָס האָט אים געפירט דערצו, אַז ער זאָל צוליב רעוואָלוציאָנערע צוועקן אָנהויבן דינען אין דער „אָכראַנקע“, און ער האָט זיך אין דעם אַזוי פאַרפּלאָנטערט, אַז ער האָט, ווי עס שיינט, באַשלאָסן אויסצוקויפן זיינע זינד מיט דעם וואָס ער וועט דערהרגענען סטאָליפּינען, און כדי דאָס דורכצופירן האָט ער אויסגעקליבן פונקט די צייט ווען דער פּרעמיער־מיניסטער, די פעסטע זייל פון דער רוסישער רעאַקציע, איז איינאיינעם מיטן צאַר געווען אין קיעוו אין טעאַטער.

גלייך נאָכדעם האָט מען גערעדט, אַז עס ווערט צוגעגרייט אין קיעוו אַ שרעקלעכע שחיטה אויף יידן. אָבער די רעגירונג האָט, ווי עס שיינט, באַשלאָסן, אַז אָנשטאָט אַ פּאָגראָם אין איין שטאָט, זאָל זי צוגרייטן פּאָגראָמען איבערן גאַנצן לאַנד און אַרויסשטעלן די יידן פאַר דער גאַנצער וועלט ווי ריטואַלע מערדער, וואָס קוילענען קריסטלעכע קינדער, כדי צו נוצן זייער בלוט אויף פּסח.

צוליב דעם האָט מען געמאַכט דעם בלבול אויף דעם אומשולדיקן יידישן מאַרטירער, מענדל בעיליס, וועלכער איז מיט יאָרן שפּעטער געשטאָרבן אין ניו־יאָרק.

***

ניט דאָ איז דער פּלאַץ זיך אַריינצולאָזן אין די איינצלהייטן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דעם באַרימטן קיעווער בלוט־בלבול, וואָס האָט אויפגערודערט די גאַנצע וועלט. אָבער אויף אַ פּאָר שטריכן פון דעם פּראָקוראָר וויפּער, וועלכער האָט געשפּילט אַזאַ וויכטיקע און אַזאַ געמיינע ראָלע אין דעם בעיליס פּראָצעס, דאַרף מען זיך דאָ יאָ אָפּשטעלן.

וויפּער איז געווען אַ דייטש, אַ רוסיפיצירטער דייטש און אַ פאַרביסענער אַנטיסעמיט. ער האָט די גאַנצע צייט געפירט דעם פּראָצעס אַזוי, אַז עס האָט

געקענט זיין קלאָר, אַז דער ענין פון גערעכטיקייט גייט אים אינגאַנצן ניט אָן. דער עיקר איז ביי אים געווען צו שטעמפּלען אַלע יידן אַלס קריסטן־מערדער. און עס איז דעריבער זייער כאַראַקטעריסטיש וואָס דער מאָסקווער ראַבינער ר׳ יעקב מזא״ה, וועלכער איז געווען איינער פון די געלערנטע עקספּערטן אויפן בעילים פּראָצעס, דערציילט וועגן דעם אין זיין ווערק „זכרונות״, אין דעם קאַפּיטל „על דאטפּת״.

אויף איינער פון די זיצונגען אין קיעווער גערעכט — דערציילט ר׳ יעקב מזא״ה — האָט דער רוסישער אַדוואָקאַט קאַראַבטשעווסקי, איינער פון בעיליסעס פּאַרטיידיקער, געמאַכט אַזאַ דערקלערונג:

„איך קאָנסטאַטיר דעם פאַקט, אַז אין די צוויי וואָכן זינט דער פּראָצעס האָט זיך אָנגעהויבן, האָט מען שוין אויסגעפרעגט אַ היפּש ביסל עדות, אָבער אין די אַלע מאַטעריאַלן, וואָס מען האָט דאָ פאַרגעלייענט, איז קיין איין מאָל ניט דער־מאָנט געוואָרן דער נאָמען פון דעם אָנגעקלאָגטן מענדל בעיליס״.

דאָס, דערציילט דער מאָסקווער ראַבינער, האָט געמאַכט זייער אַ שטאַרקן איינדרוק אויפן עולם און אויך אויף די געשוואָרענע ריכטער. און עס איז קיין וואונדער ניט וואָס עס האָט אַזאַ שטאַרקן איינדרוק געמאַכט, ווייל מיט דער דערקלערונג האָט דער קלוגער אַדוואָקאַט קאַראַבטשעווסקי געטראָפן פּונקט דאָרט וואו מען דאַרף; ער האָט אונטערשטראָכן דעם פאַקט, אַז בעיליס איז דאָ אין גרונט ניט וויכטיק, ווייל דער עיקר איז מען דאָ אויסן צו מאַכן אַ בלוט־בלבול אויפן גאַנצן יידישן פאָלק.

און וואָס האָט וויפּער דאַן געטאָן? ווי אַזוי האָט ער רעאַגירט דערויף? ער האָט זיך אַזוי אָנגעהויבן שטיקן פון געלעכטער, אַז מ׳האָט געמוזט איבעררייסן די זיצונג אויף צען מינוט, כדי ער זאָל זיך גוט קענען אויסלאַכן.

אינם זעלבן קאַפּיטל פון זיינע „זכרונות״ דערציילט דער מאָסקווער ראַ־בינער, אַז אין דער ערשטער רעדע, וואָס וויפּער האָט געהאַלטן, אָנקלאָגנדיק בייליסן, האָט ער מיט שום אויף די ליפּן געזאָגט:

„די הערשאַפט פון די יידן איז אַזוי גרויס, אַז אַפילו איך, אַ געבאָרענער דייטש מיט אַ רוסישער נשמה, אַ פּראָקוראָר פונם העכסטן גערעכט פון דער רוסישער קרוין־שטאָט, פיל איצט, אין דעם מאָמענט ווען איך שטיי אין אַ רו־סישן גערעכט און נעם זיך אָן פאַרן בלוט פון אַ רוסיש קינד, ווי איך פאַל אַרונ־טער אונטערן איינפלוס פון די יידן, ווי זיי לייגן אין געהיים אַרויף אַ דרוק אויף מיין נשמה און שטערן מיר אין דער אַרבעט.״

און אין דערלעצטער רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן, פאָדערנדיק די העכסטע שטראָף פאַר דעם אָנגעקלאָגטן, האָט וויפּער אָנגעוויזן אויף בעיליסן און גע־זאָגט מיט גאַל און גיפט:

„אָט דאָ זיצט ער, דער מאַן פֿון דער ברוטאַלער און נידעריקער רעליגיע! אָט דאָס איז ער, דער מענטש, וואָס האָט געטאָן די פֿליכט פֿון זיין גלויבן, ווען ער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט צו פֿאַרגיסן דאָס בלוט פֿון דעם קריסט־לעכן ייִנגל! די האַנט האָט ביי אים דאַן אַפילו קיין ציטער ניט געטאָן, ווייל ער גלויבט, אַז ער האָט דאָס געטאָן פֿאַר זיין גלויבן, פֿאַר זיין גאָט“.

דער דייטש וויפּער, וואָס האָט געטראָגן דעם אַמט פֿון אַ רוסישן פּראָקוראָר, האָט אין קיעוו, נאָך אינם יאָר 1913, פֿאַרשפּרייט די זעלבע שנאה, דעם זעלבן האַס צו ייִדן, וואָס היטלער האָט אָנגעהויבן פֿאַרשפּרייטן איבער דער וועלט מיט צוואַנציק יאָר שפּעטער, אין 1933, ווען ער איז אין דייטשלאַנד געקומען צו דער מאַכט.

⁂

ביז דער רעוואָלוציע פֿון 1917 האָבן ייִדן אין קיעוו ניט געטאָרט וואוינען. די „הייליקע שטאָט“, וואָס האָט ביים סוף פֿון דעם צענטן יאָרהונדערט געגעבן דעם רוסישן פֿאָלק דעם קריסטנטום, איז געווען אויסגעשלאָסן פֿון דער אַזוי גערופֿענער „טשערטאַ אָסיעדלאָסטי“, וואו ייִדן האָבן יאָ געמעגט וואוינען, און אין דעם איז געווען ביטערער חוזק און פֿאַרביסענע רשעות, ווייל די הויפּט־שטאָט פֿון אוקראַינע איז געשטאַנען אין דעם סאַמע צענטער פֿון די שטעט און שטעטלעך, וואָס זיינען אַריין אין דער אַזוי־גערופֿענער גטאָ, וואָס די צאַרן האָבן אָפּגעטיילט פֿאַר ייִדן.

די ייִדישע באַפֿעלקערונג אין קיעוו איז אין יענע צייטן געווען אַ קליינע און זי איז באַשטאַנען פֿון פּריווילעגירטע, פֿון יחסנים; און צו דעם האָט מען אַרויסגעוויזן „גנאָד“ צו אַזעלכע ייִדן, וואָס זיינען געקומען קיין קיעוו צוליב געשעפֿט; זיי האָט מען דערלויבט צו בלייבן אין דער „הייליקער שטאָט“ אַ קורצע צייט, און כדי צו זיין זיכער אין דעם, אַז זיי וועלן, חלילה, ניט בלייבן אויף נאָך אַ טאָג, אָדער צוויי, האָט די פּאָליציי ביינאַכט געמאַכט אָבלאַוועס אין האָטעלן און אויך אין פּריוואַטע הייזער, וואו אָנגעקומענע ייִדן האָבן זיך אויפֿ־געהאַלטן, און וואו מען האָט נאָר געכאַפּט אַ ייִדן אָן וואוינרעכט, האָט מען אים אַרעסטירט, אים אָפּגעשיקט מיטן עטאַפּ אין דעם שטעטל, פֿון וואַנען ער איז געקומען און דאָרט האָט מען אים געמשפּט דערפֿאַר וואָס ער איז אין קיעוו געווען אַן איבעריקן טאָג אָדער צוויי אָן „וואוינרעכט“.

און דאָס כאַראַקטעריסטישע דערביי איז געווען, וואָס די צאַרסקע טשינאָוו־ניקעס אין קיעוו האָבן ניט געוואָלט „עקספּלואַטירן“ די פּאָליצייאישע אַגענטן, וואָס מוזן נעבעך אַרבעטן אַזוי שווער ביינאַכט, מאַכנדיק אָבלאַוועס אויף ייִדן, וואָס האָבן ניט קיין וואוינרעכט אין דער „הייליקער שטאָט“, און עס איז דעריבער באַשלאָסן געוואָרן צו באַשטימען פֿאַר זיי אַ ספּעציעלע סומע פֿון פֿופֿצן טויזנט

רובל אַ יאָר, און גענומען די סומע האָט מען פון דעם געלט, וואָס די יידן האָבן געצאָלט פאַר דער באַרימטער „קאָראָבקע".

„עס איז אויף אַזאַ אופן אויסגעקומען, — שרייבט דובנאָוו, — אַז די יידן האָבן נאָך געמוזט באַצאָלן די פּאָליציייאישע אַגענטן דערפאַר וואָס זיי פאַרפאָלגן זיי; דער פאַרמשפּטער צו דער תליה האָט געדאַרפט צאָלן פאַרן שטריקל" *).

אין קיין אַנדער רוסישער שטאָט, וואו יידן האָבן ניט געהאַט קיין וואוינרעכט, האָט מען אין די צייטן פון די צאַרן ניט אָפּגעהיט מיט אַזאַ פּינקטלעכקייט די אַלע שטרענגע אויסנאַמס־געזעצן קעגן יידן, ווי מ'האָט דאָס אָפּגעהיט אין קיעוו. „קיעוו, — האָט אַ פאָרשער פון יידישער געשיכטע אַמאָל געשריבן, — איז אין רוסלאַנד די איינציקע שטאָט, וואו מ'היט אָפּ זייער און זייער פּינקטלעך די גאַנצע טראַדיציע פון אַ געטאָ אין די צייטן פון מיטלאַלטער." די יידן זיינען דאָרט אַלעמען געווען גרויס אין די אויגן; ניט נאָר די רעגירונגס־מאַכט האָט אויף זיי געקוקט קרום, נאָר אויך די אַזוי גערופענע „מעשטשאַניעס", די רוסישע הענדלער פון כל־המינים, און דער עיקר וועגן וואָס דאָ האָט זיך געהאַנדלט איז געווען די פראַגע פון קאָנקורענץ; זיי, די רוסישע סוחרים און סוחרימלעך, האָבן פּשוט געוואָלט האָבן ברייטערע מעגלעכקייטן צו שינדן די הויט פון די קונים; זיי האָבן געוואָלט רעכענען העכערע פּרייזן, אָבער איבער דער קאָנקורענץ פון די יידישע סוחרים האָבן זיי דאָס ניט געקענט. דערפאַר האָבן זיי זיך אַלע מאָל געווענדט מיט בקשות צו דער רעגירונג, אַז מ'זאָל די יידן פון קיעוו אינגאַנצן אַרויסטרייבן.

נאָך אינם יאָר 1801, ווען פּאַוועל דער ערשטער איז געזעסן אויפן רוסישן טראָן, האָבן די קיעווער רוסישע הענדלער זיך געווענדט צו אים מיט אַזאַ בקשה, אָבער ער האָט זיי אָפּגעזאָגט. אויך אין 1810, ווען אַלעקסאַנדער דער ערשטער איז געווען דער קיסר פון רוסלאַנד, האָט מען זיך צו אים מיט אַזאַ בקשה געווענדעט. אָבער ער האָט זיי דאָס אויך אָפּגעזאָגט. ערשט אין די צייטן פון ניקאָלאַי דעם ערשטן, וועלכער איז געווען אַן אויסגעשפּראָכענער שונא־ישראל, איז זייער בקשה אָנגענומען געוואָרן און דאַן איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ באַפעל, אַז מ'זאָל פון קיעוו אַרויסטרייבן אַלע יידן.

דאָס איז געשען אינם יאָר 1834. און ס'איז געווען שוין ניט ס'ערשטע מאָל וואָס מ'האָט די יידן פון קיעוו אַרויסגעטריבן.

מ'האָט אָבער אין קיעוו אָן יידן דאָך ניט געקענט אויסקומען. אָן זיי איז דער האַנדל שטאַרק געפאַלן און די שטאָט האָט איבער דעם אַ סך פאַרלאָרן.

---

*) Новейшая История Еврейского Народа, באַנד 3, ז׳ 349.

עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ניט קיין אַנדערער ווי דער קיעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר אַליין האָט זיך געמוזט ווענדן מיט אַ בקשה צום קיסר, אַז מען זאָל זען עפּעס טאָן וועגן דעם, און דאַן האָט ניקאָלאַי דער ערשטער „אַראָפּגענומען די האַנט פון האַרצן" און אין זיין „גרויס גנאָד" האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז פון איצט אָן און ווייטער מעגן שוין יידן קומען קיין קיעוו האַנדלען, אָבער — ניט מער ווי אויף דריי טעג.

דאָס איז געווען אין יאָר 1843, און וועגן יענע צייטן דערציילט דער היסטאָריקער שאול גינזבורג אייניקע איינצלהייטן, וואָס זיינען זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם „גרויסן גנאָד" פון ניקאָלאַי דעם ערשטן, און ער ברענגט דערביי אַן אויסצוג פון דעם באַפעל:

„כדי צו קאָנצענטרירן די פּאָליצייאישע אויפזיכט איבער די יידן, וועלכע קומען צופאָרן קיין קיעוו, זאָלן געגרינדעט ווערן ספּעציעל פאַר זיי צוויי באַזונדערע אַכסניות" *).

„זשידאָווסקע פּאָדוואָריעס" — אַזוי האָט מען די צוויי אַכסניות גערופן אין קיעוו, און באַהאַנדלט די יידן האָט מען דאָרט נאָך ערגער ווי אַרעסטאַנטן אין אַ טורמע; אין אָונט האָבן זיי געמוזט קומען אין אַ באַשטימטער צייט, און אויב זיי זיינען געקומען שפּעטער מיט עטלעכע מינוט, האָט מען זיי ניט אַריינגעלאָזט און דאַן האָט יעדער פּאָליציסקער אין גאַס זיי געקענט אַרעסטירן. די בעל־הביתטע פון די צוויי „פּאָדוואָריעס" אין קיעוו איז געווען איינע אַ געוויסע קאַטערינע יעגאָראָוואַ, און זי פלעגט אָפט אַרומגיין איבער די גאַסן, און וואו זי האָט נאָר דערזען אַ יידן, וואָס איז ניט איינגעשטאַנען אין איר „פּאָדוואָריע", האָט זי אים גלייך אָפּגעשטעלט און צוגערופן אַ פּאָליציעיסקן ער זאָל אים שוין אַרעסטירן.

זי האָט ניט געוואָלט פאַרלירן קיין פּרנסה, די דאָזיקע קאַטערינע יעגאָראָוואַ. ביי איר איז דאָס געווען אַ גוט געשעפט און זי האָט אין דעם געמאַכט אַ סך געלט. און דערצו נאָך איז זי גלאַט געווען אַ מרשעת און זי האָט הנאה געהאַט פון דעם, וואָס זי פּייניקט און איז זיך נוקם אין די אָנגעשראָקענע יידן. אַפילו ווען מ'האָט איר געוואָלט באַצאָלן דירה־געלט און וואוינען ערגעץ אַנדערש, ווייל מ'קען זיך ניט וואַלגערן אין אַזאַ שמוץ, האָט זי דערפון ניט געוואָלט הערן. „דו מעגסט אַפילו פּלאַצן, וועסטו איינשטיין ביי מיר!" — אַזוי פלעגט זי געווייינלעך זאָגן צו די יידן, וואָס האָבן געפּרואווט זיך אַרויסדרייען פון איר „פּאָדוואָריע", וואו זי האָט פון אַלעמען געשונדן די הויט און זיי געלאָזט זיך וואַלגערן אין אַזאַ שמוץ און אין אַזאַ ענגשאַפט, אַז מען האָט געקענט דערשטיקט ווערן.

*) היסטאָרישע ווערק, באַנד 3, ז' 337.

אָפּגעשאַפט די „פּאַדוואָריעס", וואָס זיינען געווען דאָס זעלבע ווי געטאָס, האָט מען ערשט אין יאָר 1857, ווען אַלעקסאַנדער דער צווייטער איז שוין געזעסן אויפן טראָן. אָבער קיין וואוינרעכט אין קיעוו האָבן יידן אַלץ ניט געקראָגן; בלויז אַזעלכע, וואָס האָבן געצאָלט הויכע „גילדיעס" און אַנדערע פּריווילעגירטע האָבן דאָרט געמעגט וואוינען. קיין אַנדערע ניט. עס איז געווען שטרענג פאַרבאָטן.

אַזוי איז דאָס אָנגעגאַנגען ביזן אויסברוך פון דער רעוואָלוציע, וואָס האָט געמאַכט אַ סוף צו דער הערשאַפט פון די רוסישע צאַרן. די פּראָוויזאָרישע רע־גירונג, וואָס איז צונויפגעשטעלט געוואָרן גלייך נאָכדעם ווי מ'האָט אַרונטער־געזעצט ניקאָלאַיען, האָט אָפּגעשאַפט די אויסנאַמס־געזעצן און די יידן אין רוסלאַנד זיינען געוואָרן גלייכבאַרעכטיקטע בירגער און זיי האָבן שוין געמעגט וואוינען אין קיעוו און אין די אַלע אַנדערע שטעט, וואו זיי האָבן פריער ניט געהאַט קיין רעכט צו וואוינען. און דאַן איז געקומען דער בירגער־קריג און ס'האָבן זיך אָנגעהויבן נייע צרות אין דער „שיינער שטאָט ביים דניעפּר"; פּונקט ווי אין אַ סך אַנדערע שטעט, האָט זיך אין קיעוו דאַן אויך געהאַלטן אין איין בייטן די מאַכט און די ערשטע קרבנות זיינען געווען די יידן. עס איז געווען, אַ כאַאָס, אַ מהומה. און איינגעשטעלט אַן אָרדענונג האָט מען דאָרט ערשט אין 1920, ווען די רויטע אַרמיי האָט פון קיעוו אַרויסגעטריבן די אַלע ווייסע באַנדעס, וואָס האָבן געוואָלט דערטרינקען די רוסישע רעוואָלוציע אין בלוט. דאַן איז קיעוו געוואָרן „אויף אייביק אַ סאָוועטישע שטאָט", ווי איינער פון די נייע רוסישע היסטאָריקער האָט זיך אויסגעדריקט *). און צווישן די סאָוועטישע קאָ־מאַנדירן, וואָס האָבן דאַן איינגענומען די שטאָט און אַרויסגעטריבן פון דאָרט די ווייסע באַנדעס, איז אויך געווען דער ייד יונה יאַקיר; ער האָט זיך דעמאָלט ווי אַ קריגספירער אַרויסגערוקט צו די סאַמע ערשטע רייען. און אין 1925 האָט מען אים פאַר זיינע גרויסע פאַרדינסטן דערהויבן זייער הויך און ער איז געוואָרן דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער גאַנצער סאָוועטישער אַרמיי אין אוקראַינע און זיין הויפּט־קוואַרטיר איז געווען אין קיעוו; ער איז דאַן אינגאַנצן אַלט געווען ניין־און־צוואַנציק יאָר און מ'האָט אים געהאַלטן פאַר איינעם פון די וויכטיקסטע זיילן און פאַר איינעם פון די גרעסטע מיליטערישע קאָמאַנדירן אין דער סאָוועטישער אַרמיי; צוועלף יאָר — פון 1925 ביז 1937 — האָט ער דעם הויכן מיליטערישן פּאָסטן פאַרנומען, און אַ מיטגליד אין דער באָלשעוויס־טישער פּאַרטיי איז ער געוואָרן נאָך אין 1917, פאַרן אויסברוך פון דער רע־וואָלוציע. און אין 1937, אין די צייטן פון די באַרימטע „מאָסקווער פּראָצעסן",

---

*) זע: Большая Советская Энциклопедия, באַנד 32, ז' 265.

האָט מען אים פאַרמשפּט צום טויט און געשאָסן אינאיינעם מיט טוכאַטשעווסקין און מיט נאָך זעקס אַנדערע באַלשעוויסטישע גענעראַלן, וועלכע האָבן זיך שטאַרק אויסגעצייכנט אין קאַמף קעגן שונא אין די יאָרן פונם גרויסן בירגער־קריג...

נאָכן חורבן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און פון דעם בירגער־קריג, וואָס איז געקומען נאָך דער רעוואָלוציע, איז די שטאָט קיעוו ווידער אויפגעבויט געוואָרן; עס זיינען צוגעקומען אַ סך נייע און שיינע געביידעס; די אינדוסטריע האָט זיך דאָרט שטאַרק אַנטוויקלט; אויך קולטורעל איז די שטאָט אויסגעוואַקסן; עס זיינען דאָרט געגרינדעט געוואָרן וויסנשאַפטלעכע אַקאַדע־מיעס; מ׳האָט דאָרט אויסגעבויט נייע מוזעאומס און טעאַטערס. און אינם יאָר 1935 האָט שוין די צאָל פון דער באַפעלקערונג דאָרט דערגרייכט ביז זעקס הונדערט פופציק טויזנט מענטשן, און מער ווי צוויי און דרייסיק פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג איז באַשטאַנען פון יידן.

שפּעטער איז די צאָל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין קיעוו געוואָרן נאָך גרעסער. און ס׳איז פאַראַן אַ גרונט צו גלויבן, אַז זי האָט אפשר דער־גרייכט ביז אַ פערטל מיליאָן.

פון נאָענטע און פון ווייטע שטעט און שטעטלעך זיינען יידן געקומען אַהין און האָבן זיך דאָרטן באַזעצט. און די שטאָט איז אַלץ מער און מער געוואָרן אַ וויכטיקער צענטער פון יידישער ליטעראַטור. און ס׳איז דאָרט אַרויסגעגאַנגען אַ יידישע צייטונג. און די „קיעווער גרופּע״ פון סאָוועטיש־יידישע שרייבער האָט זיך שטאַרק אַנגעזען און ס׳זיינען דאָרט געווען דיכטער, נאָוועליסטן, קריטיקער און אויך פאָרשער. קיעוו האָט אין דעם פּרט אינגאַנצן פאַרטונקלט אָדעס, וועלכע איז אַמאָל געווען אַ צענטער פון יידישן שאַפן און איז נאָך דער רעוואָלוציע אינ־גאַנצן אַרונטער פון איר גדולה. אין קיעוו איז געווען אַ מלוכה־פאַרלאַג, וואָס האָט אַרויסגעגעבן יידישע ביכער. קיעוו האָט אינם סאָוועטיש־יידישן לעבן אָנגעהויבן ווערן אַן „עיר ואם בישראל״.

און דאַן...

דאַן איז אָנגעקומען דאָס יאָר 1941!

היטלערס מחנות זיינען אין זייער מאַרש אויף סאָוועט־רוסלאַנד אַריין קיין קיעוו, און זיי האָבן דאָרט אויסגעשאָכטן פופציק טויזנט יידן.

פופציק טויזנט אין איין שטאָט!

און צווישן די יידישע דיכטער דאָרט איז ניט געווען קיין איינער, וואָס זאָל ווי אַ ייד באַוויינען דעם גרויסן אומגליק, וואָס האָט זיך געטראָפן מיט די יידן אין קיעוו, ווי ס׳האָט דאָס אַמאָל געטאָן דער נאַציאָנאַלער יידישער דיכטער חיים נחמן ביאַליק, עליו השלום, ווען ער האָט נאָכן קעשענעווער פּאָגראָם אין 1903 אָנגעשריבן זיין „אין שחיטה־שטאָט״.

שטעט און שטעטלעך

עס האָט זיך צווישן זיי אויך ניט געפונען קיין איינער, וואָס זאָל ווי אַ ייד דערציילן דער וועלט און פאַרשרייבן פאַר די דורות, וואָס וועלן קומען נאָך אונדז, ווי אַזוי אַ סך פון באָגדאַן כמעלניצקיס אייניקלעך, וועלכע זיינען אויסגעוואַקסן שוין אונטערן נייעם סאָוועטישן רעזשים, האָבן אין קיעוו געהאָלפן היטלערס רוצחים אויסצושעכטן און מיט כלערליי מיתות־משונות צום טויט פאַרפייניקן פופציק טויזנט יידן...

פופציק טויזנט אין איין שטאָט!

און דער דניעפּער, וואָס האָט ביי זיינע ברעגן אין קיעוו שוין געזען אַזוי פיל, האָט זיך געשטראָמט ווייטער. פונקט ווי אַלע מאָל...

און אין די אָוונטן האָט מען דאָרט דעמאָלט ביים ברעג נאָך אפשר גאָר לידער געזונגען...

לידער פון דעם אוקראַינישן דיכטער טאַראַס שעווטשענקאָ...

און דאָס געזאַנג האָט זיך דאָרט געטראָגן ווייט:

„רעווע טאַ סטאָגנע דניפּר שיראָקי,
סערדיטי וויטער זאַוויוואַ
דאָ דאַלו ווערבי גנע וויסאָקי,
האָראַמי כווילי פּידימאַ״.

די זעלבע ליד, וואָס יידן אין אוקראַינע האָבן געזונגען אַזוי אָפט...

אַ ליד וועגן דעם ברייטן דניעפּר, וואָס ברומט און קרעכצט, ווען אַ ווינט אַ בייזער הויבט אָן בלאָזן און בויגט די ווערבעס ביז צו דער ערד און הויבט די כוואַליעס הויך ווי בערג...

כאבנע

ביים ברעג פון אַ קליין טייכל, וואָס הייסט אוזש און וואָס פאַלט אַריין אין די וואַסערן פון דעם טייך פּריפּעט, שטייט אַ קליין שטעטעלע, וואָס איז פון אַלע זייטן מיט געדיכטע וועלדער אַרומגערינגלט.

כאַבנע הייסט עס, דאָס קליינע שטעטעלע, וואָס איז שוין אַוודאי אַ דריי הונדערט יאָר אַלט. און וואוהין מ'זאָל פון דאָרט ניט וועלן צופאָרן, איז ווייט...

די געדיכטע וועלדער, וואָס האָבן זיך אויף מיילן און מיילן געצויגן, האָבן דאָס שטעטל פון אַלץ און פון אַלעמען געהאַלטן ווייט און עס אין ערגעץ נאָענט ניט צוגעלאָזט — ניט צו קיין ברעג פון אַ גרויסן טייך, וואו שיפן גייען, און אויך ניט צו קיין אייזנבאַן־סטאַנציע, פון וואַנען מ'קען מיט אַ צוג ערגעץ אַוועקפאָרן און אַ וועלט אָנקוקן. און מ'האָט זיך דעריבער ניט געדאַרפט חידושן וואָס קיין זאַך איז אַהין קיינמאָל ניט אָנגעקומען אין צייט...

עס איז אַ שטעטל, וואָס אימיצער האָט אַמאָל, האַלב אין שפּאַס און האַלב אין ערנסט, אָנגערופן „דאָס אינזל קאַמטשאַטקע אין קיעווער גובערניע". און אַלץ טאַקע דערפאַר וואָס פון אומעטום איז אַהין ווייט...

נאָענט איז אַהין פון ערגעץ ניט...

ס'איז אָבער אַ שיין שטעטל, אַן עכט יידיש שטעטל, און, ווי שלום עליכם האָט אַמאָל וועגן דעם געשריבן, איז „זינט כאַבנע איז כאַבנע, האָט דאָרט נאָך קיינמאָל קיין ייד ניט מחלל שבת געווען, און אַז איר בלייבט אויף שבת אַ כאַבנער, מוזט איר קודם־כל גיין אין מרחץ אַריין. וואָס דען וועט איר טאָן? איר וועט זיך אַוועקזעצן שרייבן ספרים?..."

און דווקא די אָפּגעריסנקייט פון אַ צענטער, וואוהין מ'זאָל זיך קענען ווענדן אין דער צייט פון אַן אומגליק, האָט געבראַכט דערצו, אַז די יידן אין כאַבנע זאָלן אין די צייטן פון דעם גרויסן בירגער־קריג אין רוסלאַנד איינזען, אַז זיי קענען זיך אויף קיינעם ניט פאַרלאָזן אַזוי גוט ווי אויף זייערע אייגענע כוחות, און זיי האָבן אָרגאַניזירט אַזאַ שטאַרקע זעלבסטשוץ, אַז די אַטאַמאַנען פון די אוקראַינישע פּאָגראָמען־באַנדעס, וואָס האָבן אָנגעפירט אַ קאַמף קעגן דער סאָוועטן־מאַכט, האָבן זיך געמוזט רעכענען מיט זיי און טאַקע מורא געהאַט פאַר זיי אויך.

ווער ס׳איז נאָר באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון די בלוטיקע פּאָגראָמען אין אוקראַינע אין די יאָרן פון דעם רוסישן בירגער־קריג; ווער ס׳האָט נאָר געלייענט די אַלע שוידערלעכע איינצלהייטן, וואָס זיינען פאַרשריבן געוואָרן אין ביכער, אַז די צוקונפטיקע דורות זאָלן דאָס אייביק געדענקען, דער ווייסט, אַז נאָך גרעסער ווי דער ווייטיק, איז געווען די שאַנד פאַרוואָס מ׳האָט זיך געמוזט לאָזן אויסשעכטן ווי די שאָף און אַפילו קיין סימן פון קיין ווידערשטאַנד ניט אַרויס־ווייזן.

אין כאַבנע אָבער, אין דעם קליינעם שטעטעלע, וואָס איז אַזוי ווייט פאַר־וואָרפן אין קיעווער גובערניע, איז אַזוינס ניט געווען. דאָרט האָבן יידן אַרויס־געוויזן אַ ווידערשטאַנד. דאָרט האָבן יידן זיך געשטעלט אַנטקעגן. און די זעלבסט־שוץ, וואָס זיי האָבן אָרגאַניזירט, אָדער די „אָכראַנע״, ווי זיי האָבן דאָס גערופן, האָט געהאַט אַזאַ שם איבערן גאַנצן געגנט, אַז די פויערים אין די אַרומיקע דערפער האָבן געציטערט פאַר איר. אויך די אַטאַמאַנען פון די באַנדעס האָבן פאַר דער כאַבנער „אָכראַנע״ מורא געהאַט.

אָרגאַניזירט די „אָכראַנע״ האָט איינער אַן אויסגעדינטער יידישער סאָלדאָט מיטן נאָמען דוד, וועמען אַלע אין שטעטל האָבן גערופן „קליעשטש״, דערפאַר וואָס ער איז געווען אַ גרויסער עקשן, און ווען ער האָט זיך אין עפּעס איינגע־שפּאַרט, האָט אים קיינער ניט געקענט איבערשפּאַרן. ער איז געווען אַ גיבור, דער דוד קליעשטש, און אַלע האָבן פאַר אים געציטערט. שפּעטער זיינען אין דער „אָכראַנע״ אַריין נאָך צוויי יידישע יונגעלייט מיטן נאָמען דוד, און זיי זיינען אויך געווען גיבורים, און אין שטעטל פלעגט מען זאָגן, אַז איצט דאַרף מען שוין פאַר קיינעם קיין מורא ניט האָבן, ווייל אויף די דריי דודלעך קען מען זיך פאַרלאָזן. זיי וועלן שוין כאַבנע גוט באַשיצן.

ס׳איז ניט געווען קיין לייכטע זאַך צו אָרגאַניזירן די „אָכראַנע„, וואָס זאָל דאָס שטעטל באַשיצן. ס׳זיינען אין אָנפאַנג ניט געווען קיין סך בעלנים דערויף; אייניקע האָבן געזאָגט אַז מ׳קען נאָך וועגן אַזעלכע זאַכן ניט טראַכטן, ווייל ווער קען זיך דאָס שטעלן אַנטקעגן אָרגאַניזירטע באַנדעס, וואָס קומען אַריין אין שטעטל באַוואָפנט פונם קאָפּ ביז די פיס? ערשט נאָכדעם ווי די באַנדעס פון אוקראַיבישן אַטאַמאַן קלימענקאָ און אויך די באַנדעס פון דעם אַטאַמאַן סטרוק האָבן אין שטעטל געמאַכט אַ פּאָגראָם און עטלעכע יידן זיינען דערהרגעט געוואָרן, האָט מען אין כאַבנע איינגעזען, אַז מ׳מוז עפּעס טאָן, ווייל אַלע מאָל קומט אַן אַנדער באַנדע מיט אַן אַנדער אַטאַמאַן. און דאַן האָט דוד קליעשטש, אָדער ווי די פויערים פון די דערפער האָבן אים גערופן, „דאַוויד מיט די גיל־דענע ציין״, זיך גענומען צו דער אַרבעט. ער האָט אַלעמען באַוויזן, אַז די לאַגע איז איצטער אַזאַ, אַז — „ס׳איז אָדער מיר, אָדער זיי״; ער האָט צו דער „אָכראַנע״

צוגעצויגן די בעסטע און העלדישסטע יונגעלייט פון שטעטל, און ער האָט אין איר איינגעפירט אַן עכט מיליטערישע דיסציפּלין; אַפילו די, וואָס האָבן זיך אין דער „אָכראַנע" ניט אָנגעשלאָסן, האָבן ביינאַכט געמוזט גיין אויף דער וואַך, ווען מ'האָט זיי ערגעץ געשיקט, און ווען צוויי „זיידענע יונגעלייטלעך" האָבן זיך דערפון אָפּגעזאָגט, האָט מען זיי באַשטראָפט מיט שמיץ, און נאָכדעם האָט שוין קיינער ניט געוואַגט זיך אָפּצוזאָגן, ווען די „אָכראַנע" האָט אים ערגעץ געשיקט.

אין אָנפאַנג איז דאָס גאַנצע געווער פון דער „אָכראַנע" באַשטאַנען פון איין און איינציקער ביקס. אויף די פּאָסטנס ביינאַכט האָט מען געדאַרפט שטיין מיט דוביגעס און שטעקנס אין די הענט, און דאָס איז, פאַרשטייט זיך, געווען אַ קליינע שמירה, און מ'האָט זיך דערמיט קעגן באַוואָפנטע באַנדיטן ניט געקענט שטעלן. און דאַן איז דוד אַוועק קיין קאָראָסטען און פון דאָרט איז ער געקומען צוריק מיט אַ גאַנצן באַטאַליאָן פון דער רויטער אַרמיי. ער אַליין האָט זיך אינם באַטאַליאָן אָנגעשלאָסן און דעם גאַנצן וועג געמאַרשירט מיט אַ ביקס אויף די אַקסלען; און ווען דער באַטאַליאָן האָט פון כאַבנע די באַנדיטן אַרויס־געטריבן, איז דוד געווען אויפן זיבעטן הימל און ער האָט זיך געפרייט, ווי אַ קינד. אָבער ס'זיינען אַוועק ניט מער ווי צוויי טעג און דער באַטאַליאָן האָט געקראָגן אַ באַפעל צו מאַרשירן ווייטער, און ווען דוד האָט געזען, אַז דאָס שטעטל כאַבנע וועט ווידער בלייבן ווי אויף הפקר, האָט ער געבעטן דעם קאָמאַנדיר פונם באַטאַליאָן, ער זאָל אים כאָטש איבערלאָזן אַ ביסל געווער פאַר דער „אָכראַנע". און דער קאָמאַנדיר האָט זיך מיט אים קיין סך ניט געדונגען; פאַר אַ ביסל געלט האָט ער אים איבערגעלאָזט עלף ביקסן און פופצן הונדערט קוילן.

אָבער מיט דעם האָט מען דאָך אויך קיין סך ניט געקענט אויפטאָן, איז דער העלדישער בחור דוד ווידער אַוועקגעפאָרן קיין קאָראָסטען צו קריגן געווער אויף צו באַשיצן דאָס קליינע שטעטל, וואָס איז אין דער גרויסער מהומה געבליבן ווי אויף הפקר. אויך קיין טשערנאָבאָל איז ער צוליב דעם געפאָרן און דאָרט איז ער אַרומגעלאָפן פון איין רויטן קאָמאַנדיר צום אַנדערן, פון איין קאָמיסאַר צום צווייטן, און ער האָט ניט גערוט ביז ס'האָט זיך אים איינ־געגעבן צו קריגן נאָך הונדערט ביקסן און נאָך דריי טויזנט קוילן. און שפּעטער האָט זיך אים איינגעגעבן צו קריגן צוויי פּולעמיאָטן אויך. ער האָט זיי פאַר־כאַפּט אין צוזאַמענשטויסן, וואָס די „אָכראַנע" האָט געהאַט מיט די באַנדעס, וועלכע האָבן זיך אין די וועלדער באַהאַלטן.

וואָס אַמאָל איז די מאַכט פון דער כאַבנער יידישער „אָכראַנע" געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער. זי איז געווען די רעגירונג, וואָס האָט אין שטעטל

און אויך אין די אַרומיקע דערפער געהאַט צו זאָגן אויף אַלץ; זי האָט געהאַט די גאַנצע דעה און זי האָט זיך טאַקע געפירט ווי אַ מיליטערישע מאַכט, און זי האָט געהאַט איר „שטאַב" און איר שטעמפּל, און ווען מ׳האָט געדאַרפט עפּעס אַרויספירן פונם שטעטל, האָט מען דערויף געמוזט האָבן אַ שריפטלעכע דער־לויבעניש פונם „שטאַב", און דערפאַר האָט מען געדאַרפט באַצאָלן אַ באַשטימטע סומע געלט, און פון דעם געלט, וואָס מ׳האָט אויף אַזאַ אופן אַרייַנגעקראָגן, האָט מען געצאָלט שכירות די באַוואָפנטע מיטגלידער פון דער „אָכראַנע". אַזוי איז געווען באַשלאָסן, ווייל דוד האָט געהאַלטן, אַז מ׳קען זיך ניט פאַרלאָזן דערויף וואָס דער אָדער יענער וועט מיטן גוטן ווילן טאָן דאָס וואָס מ׳הייסט אים — מ׳דאַרף זיך פירן ווי אין אַן אַרמיי; שטענדיק זיין אויף דער וואַך, זיך ניט אָפּגעבן מיט קיין אַנדערע זאַכן און ניט אין זינען האָבן קיין אַנדערע זאַכן. און אַן אַרמיי דאַרף האָבן אַ באַשטימטע הכנסה און זי דאַרף די זעלנער צאָלן באַשטימטע שכירות.

און נאָך אַ קוואַל פון הכנסה האָט דוד געפונען פאַר דער יידישער „אָכראַנע" אין כאַבנע: ביים אָנפאַלן אויף די דערפער, וואו די לייט פון די באַנדעס האָבן זיך באַהאַלטן, האָט מען געוויינלעך אָפּגענומען צוריק די אַלע טייערע זאַכן, וואָס זיי האָבן אָנגעראַבעוועט אין יידישע הייזער אין די פּאָגראָמען, וואָס זיי האָבן פריער געמאַכט, ווען די אַטאַמאַנען סטרוק און קלימענקאָ און לאַזניוק האָבן געוועלטיקט איבערן שטעטל. מ׳האָט די טייערע זאַכן געבראַכט צוריק אין שטעטל אַריין און זיי אָפּגעגעבן די יידן, ביי וועמען מ׳האָט זיי צוגענומען, און אויב דער בעל־הבית איז שוין מער אין כאַבנע ניט געווען, האָט מען די זאַכן פאַרקויפט און דאָס געלט האָט מען צעטיילט גלייך אויף גלייך צווישן די מיטגלידער פון דער „אָכראַנע". אַפילו די עלטסטע, די קאָמאַנדירן, האָבן פון דעם ניט געקראָגן מער ווי די אַנדערע.

אַלץ איז צוגעגאַנגען מיט אַן אָרדענונג, מיט אַ טאָלק, מיט אַ דיסציפּלין. און ווען די יידישע „אָכראַנע" פון כאַבנע האָט זיך אַרויסגעלאָזט איבער די דער־פער זוכן די אָנפירער פון די באַנדעס, וואָס האָבן געמאַכט פּאָגראָמען אויף יידן, איז אויף אַלע פּויערים אַ פּחד אַרויפגעפאַלן, ווייל זיי האָבן שוין געוואוסט, אַז דוד איז זייער שטרענג אין אַזעלכע פאַלן און אַז ער נעמט נקמה פון יעדן איינעם, וואָס איז נאָר שולדיק אין פאַרגיסן יידיש בלוט.

ווי איז געווען צו די באַנדיטן, וואָס זיינען אַרייַנגעפאַלן אין די הענט פון דער כאַבנער יידישער „אָכראַנע", און ווי איז אויך געווען צו די, וואָס האָבן ביי זיך אין שטוב אויסבאַהאַלטן די באַנדיטן, וואָס מ׳האָט געזוכט.

צווישן די באַנדע־פירער, נאָך וועלכע דוד קליעשטש האָט זיך אַ לענגערע צייט געיאָגט, איז אויך געווען דער אַטאַמאַן זאַיאַץ; ער האָט זיך אַלע מאָל אין

אַן אַנדער דאָרף באַהאַלטן און מ׳האָט אים ניט געקענט כאַפּן. און איין מאָל, ווען דוד האָט זיך דערוואוסט, אַז דער אַטאַמאַן פון דער צעקלאַפּטער באַנדע באַהאַלט זיך אינם דאָרף מאַקסימאָוויטשי, האָט ער גענומען אַכטצן פון זיינע בעסטע באַוואָפנטע יונגעלייט פון דער „אָכראַנע“ און איז אַוועק אַהין און דאָרט האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע פּויערים פונם דאָרף זאָלן זיך צונויפקומען אויף איין אָרט, און אַזוי שנעל ווי דער באַפעל איז אַרויסגעגעבן געוואָרן, איז ער גלייך דורכגעפירט געוואָרן. ס׳איז גאָר קיין איינעם פון די פּויעדים ניט איינגעפאַלן ניט צו קומען אויפן באַשטימטן אָרט, ווייל זיי האָבן שוין געוואוסט, אַז ווען דער „דוד מיט די גילדענע ציין“ הייסט, מוז מען פאָלגן, און אויב ניט, וועט ער באַשטראָפן אָן רחמנות.

ניט ווייניקער ווי טויזנט פּויערים זיינען זיך צונויפגעקומען, און דאַן האָט דוד, אויף אַן עכט מיליטערישן שטייגער, אַ קאָמאַנדעווע געטאָן, אַז מ׳זאָל זיי אַרומרינגלען און אָנשטעלן די ביקסן אויף זיי, און נאָכדעם האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אין דער הויך און ווענדנדיק זיך צו די פּויערים, האָט ער שטרענג אויסגעשריען אויפן קול:

— הערט זיך איין צו דעם וואָס איך זאָג אייך, איר אַזוינע און אַזוינע! אויב איר וועט מיר ניט אַרויסגעבן דעם באַנדיט זאַיאַץ, וועל איך אייך דאָ אַלעמען ממיתן און צו דעם וועל איך נאָך דאָס גאַנצע דאָרף אייערס אונטערצינדן!

דאָס זיינען פאַקטן, וואָס זיינען שפּעטער פאַרשריבן געוואָרן אין דער געשיכטע פונם שטעטל *). און פון דעם קען מען זען, אַז ס׳האָט די יונגעלייט פון דער יידישער „אָכראַנע“ אין כאַבנע קיין מוט ניט אויסגעפעלט און אַז זיי האָבן ניט געוואַרט ביז אַ באַנדע וועט אָנפאַלן אויפן שטעטל, נאָר זיי האָבן אין אַלע אַרומיקע דערפער און אויך אין די וועלדער געזוכט באַנדיטן און פאָגראָמשטשיקעס. און וואו נאָר זיי האָבן געפונען אַזעלכע, האָט מען זיי אויסגעראָטן...

דאָס זיינען געווען העלדישע יונגע יידן, וואָס פילן טיף דעם ווייטיק פון זייער פאָלק און וואָס קענען ניט פאַרשווייגן קיין אומזיסט פאַרגאָסן יידיש בלוט.

***

אין צאָל איז די יידישע „אָכראַנע“ אין כאַבנע ניט געווען זייער גרויס. זי איז אַרום און אַרום באַשטאַנען פון ניט מער ווי אַ צוויי הונדערט יונגע לייט, און דער צוזאַמענשטעל איז געווען אַזאַ, אַז מ׳האָט ווירקלעך געקענט זאָגן,

---

*) זע: Еврейское Местечко в Революции. Очерки под редакцией В. Г. Тана-Богораза.

אַז זי פאַרטרעט אַלע קלאַסן יידן פונם שטעטל: ס׳זיינען אין איר געווען אָנגעשלאָסן קינדער פון אָרעמע יידישע בעל־מלאכות און קרעמער, און אויך קינדער פון פאַרמעגלעכע עלטערן. אַפילו די זין פיז די גאָר רייכע משפחות אין כאַבנע זיינען געווען אין דער „אָכראַנע“, און מ׳פלעגט דעריבער זאָגן אין שפּאַס, אַז אינם געיעג אויף די באַנדיטן און פּאָגראָמשטשיקעס, וואָס באַהאַלטן זיך אויס אין די דערפער און אין די וועלדער, באַטייליקן זיך אויך די קינדער פונם „קיסרס משפחה“. אַזוי האָט מען אין כאַבנע גערופן עטלעכע נגידישע משפחות, וואָס פלעגן געוויינלעך טאָן שידוכים איינע מיט די אַנדערע.

אָבער כאָטש די „אָכראַנע“ איז ניט געווען גרויס אין צאָל, איז אָבער איר מאַכט געווען גרויס, און מ׳קען זאָגן, אַז אין יענער פינצטערער צייט פון דער גרויסער בהלה אין רוסלאַנד, ווען דאָס לעבן פון מענטשן איז געווען אינגאַנצן הפקר, האָבן יידן אין קיין אַנדער שטעטל פון אוקראַינע אַזוי ניט באַוויזן וויפל מ׳קען אויפטאָן ווען מ׳ווייזט אַרויס מוט, ווי עס האָבן דאָס באַוויזן די יונגעלייט פון דער יידישער „אָכראַנע“ אין כאַבנע.

אינאיינעם מיט דער מורא, וואָס זיי האָבן אַרויפגעוואָרפן אויף די באַנדיטן און פּאָגראָמשטשיקעס, איז אויך געוואַקסן דער רעספּעקט צו זיי, און אַטאַמאַנען פון מחנות, וואָס האָבן געפירט אַ קאַמף קעגן דער סאָוועטן־מאַכט, האָבן געפּרואווט פירן פאַרהאַנדלונגען מיט זיי צו געווינען די כאַבנער יידישע „אָכראַנע“ אויף זייער זייט, אָבער מ׳האָט זיי אַלע מאָל דעם זעלבן ענטפער געגעבן, אַז מיט אַזעלכע לייט פירט מען ניט קיין פאַרהאַנדלונגען, נאָר קריג!...

אַפילו ווען דער אַטאַמאַן זאַקוסילאָ, וואָס האָט אין וואָלינער גובערניע אַרויסגערופן אַן אויפשטאַנד פון עטלעכע טויזנט פּויערים, האָט געלאָזט וויסן דער כאַבנער יידישער „אָכראַנע“, אַז ער איז גרייט אויפצונעמען אירע שלוחים און פירן פאַרהאַנדלונגען מיט זיי וועגן אַן אָפּמאַך, האָט מען אים דעם זעלבן ענטפער געגעבן. מיט מענטשן, וואָס מאַכן פּאָגראָמען אויף יידן, האָבן זיי קיין שום מגע־ומשא ניט געוואָלט האָבן.

טאָג ווי נאַכט האָט די „אָכראַנע“ געדאַרפט זיין אויף דער וואַך. אַזוי איז דאָס אָנגעגאַנגען די גאַנצע צייט וואָס דער בירגער־קריג אין לאַנד האָט געדויערט. די רויטע אַרמיי־באַטאַליאָנען, וואָס האָבן זיך פון צייט־צו־צייט אָפּגעשטעלט אין כאַבנע, האָבן זיך דאָרט קיינמאָל לאַנג ניט פאַרהאַלטן און זיי זיינען געגאַנגען ווייטער, און מ׳האָט שוין געוואוסט, אַז אַלע מאָל, ווען אַ באַטאַליאָן פון דער רויטער אַרמיי קומט אַריין אין שטעטל, באַהאַלטן זיך די באַנדעס אין די געדיכטע וועלדער, און נאָכדעם, ווען דער רויטער באַטאַליאָן איז שוין מער אין שטעטל ניטאָ, ווערט די סכנה גרעסער, ווייל די באַנדעס, וואָס האָבן זיך פריער אין די וועלדער באַהאַלטן, הויבן אָן צונויפזאַמלען זייערע

כוחות צו מאַכן אַן אָנפאַל אויף די יידן פונם שטעטל. און ווייל מ׳האָט דאָס אין כאַבנע שוין גוט געוואוסט, האָט די יידישע „אָכראַנע״ זיך געשטעלט די אויפ־גאַבע ניט צו דערלאָזן דערצו, אַז די באַנדעס זאָלן זיך קענען פאַראייניקן, און מען האָט שטענדיק געהאַלטן אַן אויג אויף אַלע דערפער און אויך אויף די וועלדער, און אַלע מאָל, ווען די אויסשפּירער האָבן זיך דערוואוסט וואו באַנ־דיטן באַהאַלטן זיך אין וואַלד, איז מען אַוועק אַהין און מ׳האָט זיי געכאַפּט און זיי געבראַכט צופירן אין „שטאַב״, וואו מ׳האָט זיי געגעבן די שטראָף, וואָס זיי האָבן פאַרדינט...

מ׳איז אין דעם געגאַנגען אויף קידוש־השם און ניט איינער פון די העלדישע יידישע יונגעלייט אין כאַבנע האָט זיין לעבן פאַרלאָרן אין אַ שלאַכט קעגן די באַנדיטן. אָבער דאָס האָט דאָך קיינעם פון זיי ניט אָפּגעשראָקן און ביי קיינעם דעם מוט ניט צוגענומען. די וואָס זיינען געבליבן לעבן האָבן ווייטער אָנגעפירט דעם קאַמף קעגן די וואָס האָבן יידיש בלוט פאַרגאָסן, און ווען ס׳איז זיי אויסגע־קומען צו פירן געכאַפּטע באַנדיטן איבער די דערפער, וואו יענע האָבן געהאַט זייערע משפחות און פריינד, האָבן זיי, גלייך ביים אַריינקומען אין אַזאַ דאָרף, אָנגעהויבן שיסן אין דער לופט, און דאָס איז געווען אַ וואָרנונג, אַז אויב אי־מיצער וועט זיך דערוועגן צוצוקומען נאָענט, וועט ער שוין קיין לעבעדיקער ניט אַוועק...

די באַוואָפנטע גרופּעס, וואָס פלעגן פירן צום „שטאַב״ געכאַפּטע באַנדיטן, זיינען געוויינלעך געווען קליינע. אַמאָל איז אַזאַ גרופּע באַשטאַנען פון ניט מער ווי אַ דריי־פיר אָדער פינף יונגעלייט, און ס׳איז זיי אָפט אויסגעקומען דורכצוגיין איבער אַזעלכע דערפער, וואו ס׳האָבן געוואוינט הונדערטער פויערים, אָבער דאָס האָט זיי קיינמאָל ניט געשראָקן, ניט בייטאָג און ניט ביינאַכט; דאָס שיסן אין דער לופט איז געווען אַ סיגנאַל, אַז די יונגעלייט פון דער כאַבנער יידישער „אָכראַנע״ פירן געכאַפּטע באַנדיטן איבערן דאָרף, און דאַן איז קיינער נאָענט ניט צוגעגאַנגען, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז דאָס מיינט — גיין דעם טויט גלייך אַנטקעגן...

מער ווי אומעטום איז די סכנה געווען גרויס אין די וועלדער. דאָרט זיינען אָפט פאָרגעקומען צוזאַמענשטויסן, און אין איינעם אַזאַ צוזאַמענשטויס מיט די באַנדיטן, איז געפאַלן אַ קאָמאַנדיר פון דער יידישער „אָכראַנע״ אין כאַבנע, און איידער ער איז אויסגעגאַנגען, האָט ער די ביקס און דעם האַנט־גראַנאַט איבערגעגעבן אַן אַנדערן און אָנגעזאָגט, אַז מ׳זאָל דאָס דאָ ניט איבערלאָזן, ווייל ס׳איז שווער צו קריגן געווער. דאָס זיינען געווען זיינע לעצטע ווערטער, און ווען מ׳האָט אים געבראַכט צוריק אין שטעטל אַ טויטן, האָבן אים אַלע באַוויינט ווי ער וואָלט זייערס אַן אייגן קינד געווען. אַלע האָבן גערעדט וועגן דער העל־

דישקייט, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן די גאַנצע צייט, וואָס ער איז געווען אין דער ייִדישער „אָכראַנע" פון כאַבנע, און דאָס טרויעריקסטע דערביי איז געווען, וואָס ערשט דאַן האָט מען זיך דערוואוסט ווי זיין אמתער נאָמען איז געווען...

פריער האָט מען דאָס ניט געוואוסט און קיינער האָט זיך ניט אינטערעסירט דאָס צו וויסן, ווייל ער איז געווען אַן אָרעמער בחור, אַ יתום אָן אַ טאַטן, און אַלע אין שטעטל האָבן אים גערופן „טשאַוואורא". כאָטש קיינער האָט ניט געוואוסט פאַרוואָס מ'רופט אים אַזוי און ווער ס'האָט אים אַזאַ מאָדנעם צונאָמען געגעבן. אַפילו די חברים אין דער „אָכראַנע" האָבן אים ביים צונאָמען גערופן און ער איז שוין געווען אַזוי צוגעוואוינט דערצו, אַז ער האָט זיך שוין ניט געפילט געטראָפן דערפון. ס'איז קיינעם גאָר ניט איינגעפאַלן אים צו רופן אַנדערש, ווייל וואָס דאַרף מען זיך דאָ בכלל צערעמאָניען מיט איינעם, וועמען אַלע רופן שטענדיק נאָר „טשאַוואורא"? ערשט ווען ער איז אַזוי העלדיש געפאַלן אין אַ שלאַכט קעגן די באַנדיטן און פאָגראָמשטשיקעס, וואָס האָבן אַזוי פיל ייִדיש בלוט פאַרגאָסן, האָט מען זיך דערוואוסט ווי זיין אמתער נאָמען איז געווען... און — זאָל דאָ זיין נאָמען פאַרשריבן ווערן צו געדענקען:

ער האָט געהייסן מאיר. מאיר סאָפּאָזשניקאָוו!

***

לויט אַ באַפעל וואָס דער הויפט פון דער „אָכראַנע" האָט אַרויסגעגעבן, האָט מען ניט געטאָרט שלאָגן די באַנדיטן, וואָס מ'האָט געכאַפּט אין די דערפער און אין די וועלדער. מ'האָט די געכאַפּטע געדאַרפט ברענגען אין „שטאַב" און דאָרט האָט מען זיי געגעבן די שטראָף, וואָס זיי האָבן פאַרדינט, און אַמאָל האָט מען זיי פון דאָרט אָוועקגעשיקט קיין ראַדאָמישל, וואָס איז דאַן געווען אַן אויעזדנע שטאָט אין קיִעווער גובערניע, און דאָרט האָט מען זיי געמשפּט. אויך קיין טשערנאָבאָל האָט מען די געכאַפּטע באַנדיטן געשיקט.

אָבער ניט אַלע מאָל האָט מען געקענט אָפּהיטן דעם באַפעל צו זיין גנעדיק צו די באַנדיטן, וואָס מ'האָט געכאַפּט. ס'זיינען צווישן די געכאַפּטע געווען אַזעלכע, וואָס ייִדן האָבן דערקענט, אַז זיי זיינען אין די פּאָגראָמען געווען די שרעקלעכסטע רוצחים און האָבן זיך ממש געבאָדן אין ייִדיש בלוט. צו אַזעלכע באַנדיטן האָט מען ניט געקענט זיין גנעדיק ווען מ'האָט זיי געכאַפּט, און דאָס איז געווען נאַטירלעך; מ'האָט ניט געקענט בלייבן רואיק ווען מ'האָט פאַר זיך דערזען איינעם, וואָס האָט אין איין שטוב צום טויט פאַרפּייניקט אַ מאַמע פון קליינע קינדער, און אין אַ צווייטער שטוב—געשענדעט אַ ייִדישע טאָכטער. ווען אַזאַ פּאָגראָמשטשיק און ווילדער רוצח פון אַ באַנדע איז אַריינגעפאַלן אין

די הענט פון כּאַבנער יידישע יונגעלייט, האָבן זיי איבּ שוין קיין לעבעדיקן ניט אַרויסגעלאָזט. און איינמאָל, ווען איינער פון דער „אָכראַנע" האָט אין איינעם פון די געכאַפּטע באַנדיטן דערקענט דעם וואָס האָט פאַרגוואַלטיקט זיין כלה, האָט ער זיך אויף אים אַרויפגעוואָרפן מיט אַזאַ כעס און אים אַזוי געשלאָגן, אַז ס'איז גאָר אוממעגלעך געווען אים אָפּצורייסן.

דער באַנדיט וואָלט פון זיינע הענט שוין קיין לעבעדיקער ניט געווען אַרויס, ווען דער הויפּט פון דער „אָכראַנע" וואָלט זיך אין דעם ניט אַריינגעמישט. דאַן האָט מען דעם געכאַפּטן באַנדיט אַוועקגעשיקט קיין טשערנאָבאָל, אַז די דאָרטיקע סאָוועטישע מאַכט זאָל אים משפּטן. אָבער שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין טשערנאָבאָל האָט מען אים גאָר אַרויסגעלאָזט פריי, און פון דאַן אָן האָט מען זיך אָנגעהויבן באַגיין אַנדערש מיט די באַנדיטן, וואָס מ'האָט געכאַפּט אין די וועלדער און אין די דערפער; די וואָס מ'האָט געהאַלטן פאַר ניט זייער קיין געפערלעכע, האָט מען אונטער אַ וואַך אַוועקגעשיקט אין דער אויעזדנער שטאָט, אָבער די, וואָס מ'האָט גוט געקענט ווי בלוטיקע רוצחים, וואָס האָבן פאַרגאָסן יידיש בלוט, האָט מען אַליין אָפּגעראַמט פון וועג און זיי געגעבן די שטראָף, וואָס זיי האָבן פאַרדינט, און נאָכדעם האָט מען וועגן דעם צוגעשיקט אַ באַריכט צום אויעזד, און געוויינלעך איז דער באַריכט געווען זייער אַ קורצער...

אין קאַמף האָבן זיך די יידן פון דער כּאַבנער „אָכראַנע" אויסגעלערנט צו זיין פאַרהאַרטעוועט און צאָלן די שונאים מידה כנגד מידה, ווייל אַנדערש קען מען ניט. און איינמאָל, ווען מ'האָט זיך דערוואוסט, אַז אין אַ געוויסן דאָרף, וואָס איז ניט ווייט פון כּאַבנע, האָבן באַנדיטן געכאַפּט אַ יידישע פרוי און זי אַוועקגעפירט אין וואַלד און זי דאָרט באַגראָבן לעבעדיקערהייט אינאיינעם מיט איר קינד, איז מען גלייך אַוועק זוכן די רוצחים אויף אַלע וועגן. אין אַלע וועלדער האָט מען זיי געזוכט, ביז מ'האָט זיי ענדלעך געפונען און געכאַפּט, און ווען זיי האָבן זיך מודה געווען, אַז זיי זיינען דאָס די, וואָס האָבן די יידישע פרוי באַגראָבן אין וואַלד לעבעדיקערהייט אינאיינעם מיט איר קינד, האָט מען זיי געצוואונגען זיי זאָלן אָנווייזן וואו דער קבר איז, און זיי האָבן געמוזט פאָלגן, ווייל מ'האָט אויף זיי די גאַנצע צייט געהאַלטן אָנגעשטעלט די אָנגעלאָדענע ביקסן, און ווען מ'איז צוגעקומען צום קבר אין דעם געדיכטן וואַלד, האָט מען די יידישע פרוי און איר קינד אויסגעגראָבן פון דאָרט און גלייך אויפן אָרט דאָרט באַגראָבן די באַנדיטן.

לעבעדיקערהייט האָט מען זיי באַגראָבן...

מידה כנגד מידה האָט מען זיי באַצאָלט.

און זאָל קיינער ניט זאָגן קיין שלעכט וואָרט אויף די יונגעלייט פון דער כּאַבנער יידישער „אָכראַנע"!

זאָל קיינער ניט האָבן קיין טענות צו זיי פאַרוואָס זיי האָבן פאַר רציחה באַצאָלט מיט רציחה!

נקמה איז אַ גרויסע זאַך, ווי מ׳קען דאָס זען פון דעם, וואָס זי שטייט צווישן צוויי ווערטער, וואָס זיינען גאָטס נאָמען. (אל נקמות ה׳). אַזוי שטייט אין דער גמרא ברכות (דף ל״ג, עמוד א׳), און געזאָגט האָט דאָס ניט קיין אַנדערער ווי דער גרויסער תנא ר׳ אליעזר, און ווען איינער פון זיינע תלמידים, רב אהא קרהינאה, האָט דאָס אָפּגעפרעגט, האָט ער אים געענטפערט, אַז אין דער צייט פון נויט, איז נקמה אַ גרויסע זאַך...

***

אַ סך געהאָלפן די כאַבנער יידן אינם קאַמף קעגן די באַנדיטן האָבן אויך די היימישע פויערים פונם שטעטל. אויך אין די נאָענטע דערפער זיינען צווישן די פויערים געווען אַזעלכע, וואָס האָבן ביי זיך באַהאַלטן יידן, ווען אַ באַנדע האָט זיך אין שטעטל אַריינגעריסן. בכלל האָבן זיך די היימישע פויערים פאַרהאַלטן גוט צו די יידן און זיי געהאָלפן מיט וואָס זיי האָבן נאָר געקענט, און ס׳זיינען צווישן זיי אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן שטילערהייט געלאָזט וויסן דער כאַבנער „אָכראַנע״ וואו די פירער פון די באַנדיטן האַלטן זיך אויף.

די יידן האָבן דאָס אָפּגעשעצט און גוט אויסגענוצט אויך. און איינמאָל, ווען אַ היימישער פויער האָט געלאָזט וויסן, אַז אין דעם דאָרף, וואו ער וואוינט, געפינט זיך איצט ניט קיין אַנדערער ווי דער אוקראַינישער אַטאַמאַן סטרוק, איז באַשלאָסן געוואָרן זיך צו באַנוצן מיט דער געלעגנהייט און אים דערהרגענען.

פון סטרוקן האָבן די יידן ניט אין איין שטאָט געהאַט אַ סך אויסצושטיין; ער האָט מיט זיינע באַנדעס געמאַכט פּאָגראָמען אין טשערנאָבאָל, אין ראַדאָמישל, אין ברוסילאָוו, אין איוואַנקאָוו, אין גאָרנאָסטאַיפּאָל און אין נאָך און נאָך שטעט. דאָס איז געווען איינער פון יענע טיפּן הפקר־יונגען, וועלכע זיינען אין יענע צייטן פון דער גרויסער בהלה אויסגעוואַקסן אין אוקראַינע ווי שוועמלעך נאָך אַ רעגן. ביים פאַך איז ער געווען אַן אַגראָנאָם, אַ מענטש מיט בילדונג, אָבער אַ שרעקלעכער אַוואַנטיוריסט; אין די צייטן ווען דער העטמאַן פּאַוולא סקאָראָפּאַדסקי האָט געהערשט איבער אוקראַינע מיטן גנאָד פון קאַיזער ווילהעלם, האָט סטרוק זיך אָפּגעגעבן מיט פאַרשיידענערליי טונקעלע געשעפטן; ער איז געווען אַ ספּעקולאַנט, אַ שאַכער־מאַכערניק, אַ שווינדלער, געהאַנדלט מיט פאַלשע פּאַפּיר־געלט, און ווען פּאַוולא סקאָראָפּאַדסקי איז פון אוקראַינע אַנטלאָפן און סימען פּעטליורא האָט אָנגעהויבן געוועלטיקן, איז סטרוק מיטאַמאָל געוואָרן

אַן אוקראַינער פּאַטריאָט; ער האָט דאָ אין שטעטל גאָרנאָסטאַיפּאָל צוניפגעשטעלט אַ בריגאַדע קאָזאַקן און האָט געהאָלפן פּעטליורען אין זיין קאַמף קעגן די באָלשעוויקעס, און שפּעטער איז ער פון דער העלער הויט גאָר געוואָרן אַ באָלשעוויק און האָט געהאָלפן דער רויטער אַרמיי און נאָכדעם איז ער ווידער איבערגעגאַנגען אויף פּעטליורעס זייט און עס האָט געהייסן, אַז ער קעמפט פאַר דער זעלבסטשטענדיקייט פון אוקראַינע. אָבער דער אמת איז געווען, אַז ער האָט פריער פון אַלץ זיך אין זינען געהאַט, און אין יעדער שטאָט, וואוהין ער האָט מיט זיינע מחנות אַריינגעמאַרשירט, האָט ער זיך געהייסן ברענגען גרויסע סומען געלט „קאָנטריבוציע" און נאָכדעם האָט ער זיינע באַוואָפנטע לייט געהייסן זיך אַ „שפּיל טאָן" אַ ביסל, און דאָס האָט געמיינט — ראַבעווען און קוילען יידן.

אַזעלכע אַטאַמאַנען זיינען דעמאָלט אין אוקראַינע געווען אַ סך. אַוודאי אַ הונדערט אַזעלכע האָט מען געקענט אָנציילן. סטרוק איז בלויז געווען איינער פון זיי, אָבער ער האָט די יידן גענוג צרות אָנגעטאָן, און עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט וואָס אַזוי שנעל ווי די יידישע „אָכראַנע" פון כאַבנע האָט זיך דערוואוסט, אַז ער געפינט זיך איצט אין אַ דאָרף, דאָ ניט ווייט, און ער רוט זיך דאָרט אָפּ, איז באַשלאָסן געוואָרן אויסצונוצן די געלעגנהייט און אים דערהרגענען. זיי האָבן געוואָלט, ער זאָל אין כאַבנע האָבן דעם זעלבן סוף וואָס ס'האָט דאָרט געהאַט דער אוקראַינישער אַטאַמאַן קלימענקאָ, וועלכער האָט אין אומאַן געמאַכט איינעם פון די שרעקלעכסטע פּאָגראָמען אויף יידן. אים האָבן די יונגעלייט פון דער כאַבנער „אָכראַנע" אויך דערהרגעט און גענומען נקמה פאַר דעם יידישן בלוט, וואָס ער האָט פאַרגאָסן, און דאָס זעלבע האָבן זיי אויך געוואָלט טאָן צום אַטאַמאַן סטרוק.

גענומען אויף זיך די פליכט צו דערהרגענען סטרוקן האָט דוד קליעשטש אַליין, דער הויפּט פון דער „אָכראַנע". אין אַ פינצטערער נאַכט איז ער מיט צוועלף פון זיינע בעסטע באַוואָפנטע לייט אַוועק אין דעם דאָרף, וואו דער אַטאַמאַן איז דעמאָלט געווען אין געהיים. און ווען ער איז געקומען אין דאָרף, איז ער פריער שטילערהייט אַריין צו דעם פּויער, וואָס האָט אים דער ערשטער געבראַכט די וויכטיקע ידיעה וועגן דעם, וואו סטרוק געפינט זיך. אָבער דער פּויער איז געוואָרן שטאַרק צעשראָקן, ווען ער האָט אים ביי זיך אין שטיבל דערזען, און אַרומקוקנדיק זיך אין אַלע זייטן, האָט ער אים שטילערהייט געזאָגט, אַז דער אַטאַמאַן סטרוק און דרייסיק פון זיינע לייב־וועכטער זיינען היינט פאַרנאַכט אַוועק פון דאַנען און איצט געפינען זיי זיך אין דעם קליינעם דערפל, לאָבאַטש, וואָס איז אַ צען־צוועלף וויאָרסט פון דאַנען; דאָרט פראַוועט מען פאַר זיי אַ סעודה, ווייל היינט איז אַ יום־טוב.

אַז דער פויער זאָגט ניט קיין ליגן — אין דעם איז דוד געווען זיכער, ווייל ער האָט אים גוט געקענט, און נאָכדעם ווי ער האָט ביי אים געפרעגט ווי אַזוי און אויף וואָס פאַר אַ וועג מ'קען שנעלער אָנקומען קיין לאָבאַטש, האָט ער זיך אַהין געלאָזט גיין אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט, אינאיינעם מיט די צוועלף אַנדערע פון דער כאַבנער „אָכראַנע".

ביי דודן איז דער גאַנצער פּלאַן געווען אויסגעאַרבעט פּינקטלעך. ער האָט געדענקט אָנצופאַלן פּלוצלונג אויף דעם הויז, וואו סטרוק געפינט זיך מיט זיינע לייב־וועכטער און גלייך אָנהויבן שיסן. אָבער איידער מ'איז צוגעקומען צו דעם הויז, וואו מ'האָט געקענט זען די שיין פון ליכט דורך די שויבן פון די פענצטער, האָט זיך דערהערט דאָס קול פון אַ באַוואָפנטן נאַכט־וועכטער, וואָס סטרוק האָט אין דרויסן אַוועקגעשטעלט:

— ווער איז דאָרט?

דאַן האָט דוד מיט איין שאָס דעם באַוואָפנטן וועכטער אַוועקגעלייגט, און באַלד האָט ער געגעבן די קאָמאַנדע מ'זאָל צוגיין נענטער צו דער שטוב און שיסן גלייך אין די פענצטער אַריין. ס'איז געוואָרן אַ בהלה: סטרוקס לייב־וועכטער זיינען אַרויס אין דרויסן און האָבן זיך געלאָזט לויפן, און לויפנדיק זיינען עטלעכע פון זיי געפאַלן טויט פון די קוילן, וואָס מ'האָט אויף זיי געשאָסן. אויך סטרוק איז אַרויס אַ צעשראָקענער און האָט זיך געלאָזט לויפן. און אין דער פינצטער האָט זיך אים דאָך איינגעגעבן צו אַנטלויפן...

ס'איז געווען אַ פאַרדרוס, וואָס דער בלוטיקער אַטאַמאַן האָט זיך גערא־טעוועט, און דודן האָט דאָס מער ווי אַלע אַנדערע פאַרדראָסן. אָבער ער האָט דאָך די האָפענונג ניט אויפגעגעבן, און אויף מאָרגן איז ער ווידער אַוועק קיין לאָבאַטש מיט אַ סך פון זיינע באַוואָפנטע חברים, ווייל ער האָט געדענקט, אַז סטרוק וועט אפשר ווידער קומען אַהין, אָבער מיט אַ גרעסערער צאָל פון זיינע באַוואָפנטע לייט. דער אַטאַמאַן האָט אָבער מורא געהאַט נאָך אַמאָל צו קומען; ער האָט זיך ערגעץ באַהאַלטן און מ'האָט אים ניט געקענט געפינען. און דאַן האָט מען אונטערגעצונדן דאָס הויז, וואו סטרוק האָט זיך אויפגעהאַלטן, און צו דעם האָט מען נאָך געכאַפּט עטלעכע באַנדיטן, וואָס האָבן דעם אַטאַמאַן געהאָלפן זיך באַהאַלטן, און צווישן זיי איז אויך געווען דער באַוואוסטער באַנדיט פּעיזעל, וואָס האָט זיך אין אַ סך פּאָגראָמען באַטייליקט. די געכאַפּטע האָט מען געבראַכט קיין כאַבנע אין „שטאַב", און דאָרט האָט מען זיי געגעבן די שטראָף, וואָס איז זיי געקומען...

נאָכדעם איז די מורא פאַר דער כאַבנער יידישער „אָכראַנע" נאָך גרעסער געוואָרן. די באַנדעס האָבן מורא געהאַט צוצוקומען נאָענט צום שטעטל, און אַזוי איז דאָס געווען די גאַנצע צייט וואָס דער בירגער־קריג אין לאַנד האָט

געדויערט. אָנפאַלן אויף כאַבנער יידן האָט מען געקענט נאָר אויף די פאַרוואָרפענע וועגן, וואָס שניידן דורך די וועלדער, און ביים אָנהויב פונם יאָר 1921, ווען די באַנדעס פון די צוויי אוקראַאינישע אַטאַמאַנען, זאַיאַץ און סליוואַ, האָבן אויף איינעם פון יענע וועגן אין די וועלדער דערהרגעט אַכט כאַבנער יידן, וואָס זיינען געפאָרן אַהיים פון אַ יאַריד, האָט די יידישע „אָכראַנע" דאָס ניט פאַרשוויגן. מען האָט ניט גערוט ביז מען האָט די צוויי אַטאַמאַנען געכאַפּט און גענומען נקמה אין זיי...

און ניט אומזיסט איז מען אין כאַבנע געווען שטאָלץ מיט דער יידישער „אָכראַנע". ס'איז געווען מיט וואָס צו זיין שטאָלץ, ווייל אין דער טרויעריקער געשיכטע פון די פּאָגראָמען אויף יידן אין אוקראַאינע איז דאָס אַ קאַפּיטל פון יידישן מוט און יידישער העלדישקייט, וואָס מען דאַרף געדענקען — אין גוטע צייטן און אויך אין שלעכטע.

באלטע

בײַ אַ סך ייִדישע קינדער אין קלײנע אוקראַיִנישע שטעטלעך איז דער נאָמען פון דער שטאָט באַלטע אַמאָל געװען פֿאַרבונדן מיט שפּילעכלעך און פּײַפעלעך.

מ׳האָט שוין געװאוסט, אַז װען דער טאַטע פֿאָרט קיין באַלטע אויפֿן יאַריד, װעט ער פון דאָרט ברענגען פאַר די קינדער אַזעלכע שפּילעכלעך, װאָס זײַנען עפּעס גאָר אַן אַנטיק אין דער װעלט — אַ האָנעכל, װאָס איז אויסגעגאָסן פון בלײַ און איז אָפּגעפאַרבט אַזוי קונציק, אַז ס׳דוכט זיך, אַז אָט־אָט װעט עס געבן אַ פּאַטש מיט בײדע פליגל און װעט זיך צעקרײען אויפן קול „קו־קע־רי־קו״; אַ צאַפּעקל, װאָס איז אויסגעקנאָטן פון לײם און עס פײַפט װען מ׳בלאָזט אַרײַן אין דעם אויסגעהוילטן עקעלע, װאָס איז פאַרריסן אַרויף; און גלאַט פײַפעלעך, װאָס זײַנען געמאַכט אַזוי קונציק, אַז בײַם פײַפן טרײסלט זיך אין זײ עפּעס אַ באָמבעלקעלע און דאָס „טורקעט״ אַזוי הילכיק, אַז מ׳מוז זיך פאָרשטעלן די אויערן װען מ׳הערט דאָס.

די באַלטער יאַרידן האָבן געהאַט אַ שם אין אַ סך ייִדישע שטעטלעך, װאָס געפינען זיך אין דעם דרום־מערבדיקן געגענט פון אוקראַיִנע; דאָס פאָרן קיין באַלטע אויפן יאַריד איז געװען אַ װיכטיקע געשעעניש, אויף װעלכער מ׳האָט לאַנג אַרויסגעקוקט און לאַנג גערעדט דערפון; אין אַזעלכע שטעטלעך װי אָבאָ־דיװקע, װאַרכיװקע, טראָסטינעץ, בערשאַד, און אַנדערע האָבן ייִדן גרויסע האָ־פענונגען אויף אַ באַלטער יאַריד אַרויפגעלײגט; אײנציקװײז פאָרן אַהין האָט מען מורא געהאַט, װײל דער װעג איז געװען אַ װײטער און בײנאַכט האָט מען נאָך געקענט באַפאַלן װערן פון רויבער. אויף געפּאַקטע פורלעך און װאָגנס, װאָס זײַנען אײנס נאָכן אַנדערן געפאָרן װי אַ לאַנגער קאַראַװאַן, האָט מען זיך געשלעפּט ביז מען איז קיין באַלטע אָנגעקומען מיט דער סחורה, אין װעלכער מ׳האָט דאָס גאַנצע „דאָברע מזל״ אַרײַנגעלײגט. און אין די אַלע שטעטלעך, פון װאַנען די קאַראַװאַנען האָבן זיך געצויגן, האָבן ייִדישע מאַמעס פאַרװיגט זײערע קינדער מיט דעם לידל:

דער טאַטע איז געפאָרן
קיין באַלטע״.

מ׳האָט דאָס לידל געזונגען מיט אַ שיינעם ניגון. און ווען דער טאַטע איז געקומען צוריק פון באַלטע, האָט מען ניט געוואַרט ביז ער וועט זיך מיטן וואָגן אָפּשטעלן ביי דער שטוב; מ׳איז אים געלאָפן אַנטקעגן צום טויער פון דער שטאָט, וואו די וועגן צעשיידן זיך; מ׳האָט געוואַרט אויף די פורלעך, וואָס האָבן נאָך פון דער וויטנס אַ שטויב אויפגעהויבן. און ווען די פורלעך האָבן אָנגעהויבן אַריינקומען אין טויער, האָט אַלע מאָל אַן אַנדער טאַטע צו זיך אויפן וואָגן זיינס אַ קינד אַרויפגענומען—די ייִנגעלעך און די מיידעלעך, וואָס האָבן זיך אויף אים די אויגעלעך אויסגעקוקט וואַרטנדיק, און נאָך די קושן, וואָס די קינדער האָבן פון זייערע פאַרשטויבטע טאַטעס אַריינגעכאַפּט, האָבן זיי געקראָגן די שפּילעכלעך און די פייפעלעך, וואָס מ׳האָט פאַר זיי געבראַכט פונם באַלטער יאַריד, און אַריינגעפאָרן אין שטעטל אַריין איז מען מיט פרייד: אַלע קינדער האָבן געבלאָזן אין די אויסגעהוילטע פאַרריסענע עקעלעך פון די צאָפּעקלעך וואָס זיינען געווען פון ליים אויסגעקנאָטן — און ס׳האָט געפייפט!...

אַזוי איז געווען אין אַ סך ייִדישע שטעטלעך אין אוקראַינע, פון וואַנען מ׳איז געפאָרן קיין באַלטע אויפן יאַריד, און אַזוי איז אויך געווען אין מיין געבורטס־שטעטל טראָסטינעץ. און כאָטש ס׳איז שוין אַזוי לאַנג אין דעם, געדענק איך נאָך גוט די צייט, ווען מיין טאַטע האָט מיר פון דאָרט אַ פייפעלע געבראַכט...

אַ לאַנגע־לאַנגע צייט איז דער נאָמען פון דער שטאָט באַלטע געווען פאַרבונדן מיט דעם ביסל פרייד, וואָס אָרעמע ייִדישע קינדער האָבן געהאַט אין אַ סך קליינע שטעטלעך פון אוקראַינע. אין דער זעלבער צייט אָבער איז דער נאָמען פון דער שטאָט אויך פאַרבונדן מיט די ערגסטע צייטן, וואָס ייִדן האָבן איבערגעלעבט אין אוקראַינע — מיט די צייטן פון גאָנטעס שחיטות און אויך מיט די פּאָגראָמען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אויף ייִדן אין די צייטן פון אַלעקסאַנדער דעם דריטן און ניקאָלאַי דעם צווייטן.

באַלטע איז ניט קיין גרויסע שטאָט. לויט דער ציילונג, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אינם יאָר 1897, איז דאָרט געווען אַ באַפעלקערונג פון 23,363 נפשות, און פון זיי זיינען 13,235 געווען ייִדן. שפּעטער אָבער, אינם יאָר 1923, איז די צאָל פון דער באַפעלקערונג דאָרט שוין געווען קלענער און זי איז באַשטאַנען פון ניט מער ווי 17,167 נפשות און אַן ערך אַ העלפט פון זיי זיינען געווען ייִדן *).

אין זעקס און צוואַנציק יאָר צייט איז די שטאָט ניט נאָר ניט געוואַקסן, נאָר פאַרקערט, זי איז נאָך געוואָרן קלענער.

*) ביים אָנגעבן די צאָל פון דער באַפעלקערונג אין באַלטע, האָב איך זיך באַנוצט מיט די ציפערן פון דער „יעווריעיסקאַיאַ ענציקלאָפּעדיאַ", און אויך מיט די ציפערן אין דער „באָלשאַיאַ סאָוויעטסקאַיאַ ענציקלאָפּעדיאַ".

באַלטע איז אַן אַלטע טערקישע שטאָט. זי האָט אַ לאַנגע צייט באַלאַנגט צו טערקיי און נאָך ביז היינטיקן טאָג איז דאָרט פֿאַראַן אַ קוואַרטאַל, וואָס ווערט אָנגערופֿן דער טערקישער טייל פֿון שטאָט. ערשט אין 1791 איז באַלטע איינגעשלאָסן געוואָרן אין דער רוסישער אימפּעריע, און דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט פֿון דעם שלום־אָפּמאַך, וואָס רוסלאַנד און טערקיי האָבן צווישן זיך געשלאָסן נאָכדעם ווי זיי האָבן פֿיר יאָר געפֿירט אַ מלחמה. מיט זעקס יאָר שפּעטער האָט מען באַלטע געמאַכט פֿאַר אַן אויעזדנער שטאָט אין פּאָדאָליער גובערניע, און אין 1924 איז זי געוואָרן איינע פֿון די דריי הויפּט־שטעט אין דער מאָלדאַווישער אויטאָנאָמישער סאָוועטישער סאָציאַליסטישער רעפּובליק, וואָס איז איינגעשלאָסן אין דער אוקראַינישער סאָוועטן־רעפּובליק. די אַנדערע צוויי הויפּט־שטעט זיינען: טיראַספּאָל און אַנאַניעוו.

אָבער נאָך אײדער באַלטע איז איינגעשלאָסן געוואָרן אין דער רוסישער אימפּעריע, וואו ס׳האָבן אַזוי לאַנג געוועלטיקט די צאַרן פֿון דער ראָמאַנאָוו־דינאַסטיע, איז אויפֿן גורל פֿון די יידן דאָרט אויסגעפֿאַלן איבערצולעבן אַ רוסישן פּאָגראָם, וואָס איז אַריין אין אונדזער געשיכטע ווי איינער פֿון די טרויעריקסטע געשעענישן פֿון יענער צייט.

דאָס איז געווען אינם יאָר 1768, ווען מאַקסים זאַליזניאַק און איוואַן גאָנטע האָבן אין דעם אויפֿשטאַנד פֿון די אוקראַינישע האַידאַמאַקעס קעגן די פּוילישע פּריצים אויסגעשאָכטן צענדליקער טויזנטער יידן.

נאָך דער שחיטה, וואָס גאָנטע האָט געמאַכט אין דער שטאָט אומאַן, האָבן אַ סך יידן זיך געלאָזט לויפֿן קיין באַלטע, ווייל זיי האָבן געהאָפֿט, אַז דאָרטן, אונטערן שוץ פֿון דער טערקישער מלוכה, וועלן זיי קענען ראַטעווען זייער לעבן.

און ווען גאָנטע האָט דערהערט, אַז די יידן, וואָס זיינען געבליבן לעבן אין אומאַן, האָבן זיך געלאָזט לויפֿן קיין באַלטע, האָט ער אַרויסגעשיקט אַ מחנה פֿון פֿינף הונדערט האַידאַמאַקעס מ׳זאָל די יידן נאָכיאָגן. און דער עלטסטער פֿון דער מחנה איז געווען דער סאָטניק שילאָ, וועלכער האָט געהאַט אַ נאָמען פֿון אַ גרויסן רוצח און אַ ביטערן שונא פֿון יידן.

ניט ווייט פֿון באַלטע איז שילאָ מיט זיין באַנדע האַידאַמאַקעס אָנגעפֿאַלן אויף די יידן און נאָכדעם ווי ער האָט ביי זיי צוגענומען אַלץ, וואָס זיי האָבן נאָר ביי זיך געהאַט, האָט ער געהייסן זיי זאָלן זיך אויסטאָן נאַקעט און אים אַוועקגעבן די קליידער; ער האָט זיי צוגעזאָגט, אַז אויב זיי וועלן דאָס טאָן, וועט ער זיי לאָזן לעבן. אָבער ער האָט זיין וואָרט ניט געהאַלטן און ער האָט זיי אויסגעהרגעט.

דריי טעג זיינען די טויטע קערפּערס פֿון די דערהרגעטע יידן געלעגן אויפֿן

פעלד נאַקעטע און רויב־פויגלען האָבן זיך אין זייער לייב געראַיעט און הינט האָבן זייער בלוט געלעקט. און ווען אַ טערקישער רייטער איז אַרויסגעפאָרן פון באַלטע און האָט דאָס דערזען, האָט ער דאָס גלייך געלאָזט וויסן די יידן פון דער שטאָט, און ערשט דאַן האָט מען דעם צורר שילאָ געמוזט אונטערקויפן מיט געלט, ער זאָל לאָזן ברענגען די דערהרגעטע יידן צו קבר־ישראל. צווישן די טויטע האָט מען נאָך געפונען איין פרוי, וואָס האָט געלעבט; זי איז אַלע דריי טעג צווישן די טויטע געלעגן און זי איז שוין געווען מער טויט ווי לעבעדיק, און ווען מ'האָט זי גענומען פירן אין שטאָט אַריין צו ראַטעווען איר לעבן, איז זי אויפן וועג געשטאָרבן.

די בלוטדורשטיקייט פון דעם אוקראַינישן סאָטניק שילאָ איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט זיך איינגאַנצן ניט גערעכנט מיט דעם וואָס די שטאָט באַלטע איז אַ טייל פון טערקיי; ער האָט זיך מיט זיינע האַידאַמאַקעס אַריינגעריסן אַהין, כאָטש די טערקישע מאַכט פון שטאָט האָט פּראָטעסטירט קעגן דעם וואָס רוסיש מיליטער גייט אַריבער די גרענעץ; ער האָט זיך צו די פּראָטעסטן ניט צו־געהערט און ער האָט אין באַלטע געמאַכט אַ שרעקלעכע שחיטה אויף יידן.

די איינצלהייטן וועגן דער שחיטה, וואָס שילאָ און זיין באַנדע האָבן אינם יאָר 1768 געמאַכט אויף די יידן אין באַלטע, ווערן איבערגעגעבן אין אַ דאָקומענט, וואָס איז אין יענער צייט אָנגעשריבן געוואָרן אויף יידיש און וואָס דער גע־לערנטער דר. שמעון בערנפעלד האָט איבערזעצט אויף העברעאיש אין זיין ווערק „ספר הדמעות" (דריטער באַנד, זייט 296־297). אויך אין די קלאָג־לידער, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן אויף יידיש אין יענער צייט, ווערט דערמאָנט ווי „דער רשע שילאָ האָט די באַלטער יידן געטאָן טרינקען, בראָקן און האַקן". מ'מוז אָבער צוגעבן, אַז פון די שחיטות וואָס כמעלניצקי און קריוואָנאָס האָבן געמאַכט אין אוקראַינע אין די יאָרן פון 1648 און 1649, זיינען געבליבן מער דאָקומענטאַלע מאַטעריאַלן ווי פון די שחיטות, וואָס גאָנטע און שילאָ און די אַנדערע האַידאַמאַקישע פירער האָבן געמאַכט אין אוקראַינע אינם יאָר 1768. פון די גאָנטע־שחיטות איז ניט געבליבן קיין איין ווערק, וואָס זאָל האָבן אַזאַ ווערט ווי, למשל, ר' נתן־נטע האַנאָווערס „יון מצולה", אָדער ווי די אַנדערע ווערק, וואָס זיינען אָנגעשריבן געוואָרן אין די צייטן פון גזירות ת"ח ות"ט.

פּרואווט מען דאָס דערקלערן מיט דעם וואָס אין די כמעלניצקי־שחיטות זיינען אַ סך לומדים געבליבן לעבן און די טאָטערן, וועלכע זיינען געווען די שותפים פונם אוקראַינישן העטמאַן אין דעם אויפשטאַנד קעגן די פּוילישע פּריצים, האָבן זיי אַוועקגעפירט קיין טערקיי און אין אַנדערע לענדער, וואו זיי האָבן געקראָגן אויסלייז־געלט פאַר זיי ביי די דאָרטיקע יידן, בעת אין די גאָנטע־שחיטות איז דער פאַל ניט געווען אַזוי; די מערסטע לומדים אין די אַלע

שטעט זיינען אויסגעהרגעט געוואָרן, און בכלל איז שוין די לומדות צווישן די יידן אין אוקראַינע דעמאָלט געשטאַנען ניט אויף קיין גאָר הויכער מדרגה און מ'האָט דאָס ניט געקענט פאַרגלייכן מיט דער לומדות פון די פריערדיקע צייטן. אַזאַ געדאַנק דריקט אויס מנחם נחום ליטינסקי אין זיין ווערק „קורות פאָדאָליאַ וקדמוניות היהודים שם". אָבער דאָס איז געוויס ניט מער ווי אַן השערה. עס איז אפשר גלאַט געווען אַ צופאַל, וואָס ס'האָט זיך אין יענער צייט ניט געפונען קיין איינער, וואָס זאָל זיך אָוועקזעצן אָנשרייבן אַן אויספירלעכע געשיכטע פון דעם וואָס יידן האָבן איבערגעלעבט אין די צייטן פון די גאַנטע־שחיטות. אַזוינס טרעפט אַמאָל אינם לעבן פון אַ פאָלק. אפילו דער בר־כוכבא אויפשטאַנד אין די צייטן פון אַדריאַנוס־קיסר האָט אין זיין צייט קיין יידישן היסטאָריקער ניט געהאַט.

און ווער ווייסט? אפשר זיינען שוין די יידן אין אוקראַינע דעמאָלט געווען אַזוי מיד פון די אַלע האַידאַמאַקישע שחיטות, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן נאָך אינם יאָר 1708 און זיך מיט איבעררייסן געצויגן ביזן יאָר 1768, אַז ס'האָט זיך שוין ביי קיין איין יידישן געלערנטן אין אוקראַינע פשוט די האַנט ניט געלעגט צו פאַרשרייבן פינקטלעך פאַר דורות די אַלע שרעקלעכע און בלוטיקע מעשים, וואָס זיינען אין גרונט געווען די זעלבע ווי אין די צייטן פון כמעלניצקי און קריוואָנאָס אין די יאָרן פון 1648 און 1649.

די רוצחים פונם 18טן יאָרהונדערט האָבן דאָך געטאָן צו די יידן אין אוקראַינע דאָס זעלבע, וואָס די רוצחים פונם 17טן יאָרהונדערט האָבן צו זיי געטאָן. כמעלניצקיס קאָזאַקן האָבן אַרויפגעשטאָכן יידישע קינדער אויף די שפיצן פון זייערע לאַנגע שפיזן און זיי געטראָגן איבער די גאַסן פון די שטעט, וואוהין זיי זיינען אַריין, און גאָנטעס האַידאַמאַקעס האָבן אויך דאָס זעלבע געטאָן...

כמעלניצקיס קאָזאַקן האָבן ביי יידן אין אוקראַינע אויפגעשניטן די בייכער און אַריינגעלייגט אַהין לעבעדיקע קעץ, און גאָנטעס האַידאַמאַקעס האָבן אויך דאָס זעלבע געטאָן...

און ווען אַזעלכע אומגליקן קומען ווידער און ווידער אין אַ משך פון איבער הונדערט יאָר, קען מען זיך ניט אָוועקזעצן באַשרייבן פינקטלעך וואָס און ווי אַזוי ס'איז געשען. און אַנשטאָט דעם רייסט זיך אַרויס אַ יאָמערלעך געשריי:

„אָבינו שבשמים, ווי אַזוי קענסטו דאָס צוזען
אַז אוקראַינער יידן זאָל אַזוינע גרויסע צרות געשען?
בטל מעלינו די גרויסע גזירה פון די האַידאַמאַקן,

באַלטע

באַלטער יידן האָט דער רשע שילאַ געטאָן טרינקען, בראָקן און האַקן.
גזירות קשות אַזעלכע וואו איז געהערט געוואָרן אין דער וועלט?
גאַנצע האָט אויך קליינע קינדער ממית געווען און נאָכדעם גענומען
געלט" *).

אַ יאָמער, וואָס קומט פון דער טיפעניש פון האַרצן.

עפּעס ווי דורך אַ ביטערער איראָניע פון שיקזאַל איז נאָך פון כמעלניצקיס צייטן אָן אויף די קעץ אין אוקראַינע אויסגעפאַלן דער גורל צו זיין פאַרבונדן מיט די שחיטות אויף יידן. אויך מיט די פּאָגראָמען, וואָס פּעטליורעס און טיטיוניקס באַנדעס האָבן געמאַכט אויף די יידן אין אוקראַינע אין די יאָרן פון 1918 און 1919, זיינען די קעץ געווען פאַרבונדן. און דאָ וויל איך איבערגעבן אַ געשיכטע, וואָס מ'האָט מיר דערציילט אין אוקראַינע, ווען איך בין דאָרט געווען אין 1932. עס איז ווערט, אַז ס'זאָל דאָ פאַרצייכנט ווערן, ווייל ס'האָט אין זיך אַזוינס, וואָס איז סימבאָליש.

מ'האָט מיר אין אוקראַינע דערציילט:

„... נאָך די פּאָגראָמען פון די כלעדליי באַנדעס, זיינען אַ סך שטעטלעך געבליבן וויסט און די יידן זיינען זיך פון דאָרט צעלאָפן. אין די פּוסטע שטיבלעך און אויך אויף די חורבות אין די גאַסן האָבן זיך אַרומגעדרייט בלודנע קעץ און זיי האָבן ניט געהאַט וואָס צו עסן. ס'איז ניט געווען ווער ס'זאָל זיי אַמאָל עפּעס צוואַרפן. אויפן מיסט האָבן זיי אויך גאָרניט געקענט געפינען, און אַלע מאָל, ווען דער טאָג איז אַוועק און די נאַכט איז צוגעפאַלן, זיינען די אַלע בלודנע קעץ אַרויף אויף אַ דאַך פון אַ שטוב, וואָס איז געבליבן גאַנץ, און זיי האָבן געמיוקעט מיט אַזאַ יאָמער, אַז מ'האָט דאָס געקענט הערן זייער ווייט אין דער שטילקייט פון די נעכט. און ווען די אוקראַינער פּויערים פון די אַרומיקע דערפער, די וואָס האָבן גענומען אָנטייל אין די פּאָגראָמען, האָבן ביינאַכט דערהערט דאָס מיוקען פון די קעץ, איז אויף זיי אַ פּחד אַרויפגעפאַלן; זיי האָבן ניט געקענט שלאָפן ביינאַכט, דאָס מיוקען פון די בלודנע קעץ האָט זיי קיין רו ניט געגעבן, זיי האָבן אָנגעהויבן גלויבן, אַז דאָס איז דער יאָמער פון די יידן, וואָס זיינען דערהרגעט געוואָרן אין די פּאָגראָמען, און דאָס האָט זיי אַזוי צערודערט, אַז אַ סך פון זיי זיינען אַרונטער פון זינען..."

---

*) ציטירט לויט דעם טעקסט, וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין מ. נ. ליטינסקיס „קירות פּאָדאָליאַ וקדמוניות היהודים שם". ווייטער אין דער יידישער קינה ווערן דערמאָנט נאָך אַנדערע שטעטלעך, וואו ס'זיינען אין יענער צייט פאָרגעקומען שחיטות אויף יידן.

***

די געשיכטע פון דער שטאָט באַלטע איז ענג פאַרבונדן מיט דער יידישער מאַסן־אויסוואַנדערונג פון רוסלאַנד קיין אַמעריקע אין די יאָרן פון 1881 און 1882. אויפן טראָן פון רוסלאַנד איז דאַן געזעסן אַלעקסאַנדער דער דריטער, וועלכער איז געווען אַ שונא פון יידן, און זיין מיניסטער פון אינערן איז געווען דער טרויעריק באַרימטער גראַף איגנאַטיעוו, וועלכער האָט געהאַט אַ נאָמען פון אַ פינצטערן רעאַקציאָנער און אַ פאַרביסענעם אַנטיסעמיט.

איגנאַטיעווס פּאָליטיק אינם מיניסטעריום פון אינערן איז באַשטאַנען אין דעם וואָס ער האָט מיט פּאָגראָמען אויף יידן געפּרואווט דערשטיקן אין לאַנד די רעוואָלוציאָנערע שטרעמונגען, וואָס זיינען געקומען צו זייער שאַרפסטן אויסדרוק אינם טאָג פונם ערשטן מאַרטש, 1881, ווען מ׳האָט אין פּעטערבורג אין מיטן גאַס מיט אַ באָמבע דערהרגעט אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. אונטער דער הערשאַפט פון דעם נייעם צאַר און זיין מיניסטער גראַף איגנאַטיעוו האָבן זיך אויף די קעפּ פון די יידן אין רוסלאַנד געשאָטן גזירות און חרמות, וואָס איינע איז געווען ערגער פון דער צווייטער; ס׳האָבן ווייניק געהאָלפן די פּראָטעסטן פון ענגלאַנד און אַמעריקע; אין אַ סך שטעט זיינען פאָרגעקומען פּאָגראָמען אויף יידן, און דער שרעקלעכסטער פון אַלע פּאָגראָמען איז דאַן פאָרגעקומען אין באַלטע.

אינם טאָג פונם 29טן מאַרטש, פונם יאָר 1882, האָט זיך יענער פּאָגראָם אין באַלטע אָנגעהויבן, און ער האָט געדויערט צוויי טעג. און אין די צוויי טעג האָבן די פּאָגראָמשטשיקעס דאָרט חרוב געמאַכט און צעראַבעוועט טויזנט מיט צוויי הונדערט און פופציק יידישע הייזער און קלייטן און קנאַפּע פופצן טויזנט יידן זיינען אַזוי פאַראָרעמט געוואָרן, אַז ס׳איז זיי אויסגעקומען זיך צו לאָזן איבער דער וועלט בעטלען אַ שטיקל ברויט. די צאָל פון טויטע און שווער פאַרוואונדעטע האָט דערגרייכט ביז פערציק נפשות, און די צאָל פון די, וואָס זיינען אָפּגעקומען מיט לייכטערע וואונדן, האָט דערגרייכט ביז הונדערט און זיבעציק נפשות. אַ סך יידישע פרויען זיינען דאַן פאַר שרעק אַרונטער פון זינען, און די צאָל פון די, וואָס זיינען אין די גאַסן פאַרגוואַלטיקט געוואָרן, איז אויך געווען גרויס.

פאַר די יידן אין באַלטע וואָלט דאַן זיכער ניט געווען שווער צו אָרגאַניזירן באַציייטנס אַ זעלבסטשוץ און זיך שטעלן אַקעגן די פּאָגראָמשטשיקעס, ווייל זיי זיינען אין צאָל געווען אַ סך גרעסער פון דער ניט־יידישער באַפעלקערונג אין שטאָט, אָבער דער פּאָליצמייסטער, דער איספּראַווניק און אויך דער מיליטערישער הויפּט פון שטאָט האָבן דערצו ניט דערלאָזט; זיי האָבן נאָך פריער

צוגעגרייט דעם פּאָגראָם און דאָס איז אַוודאי געווען לויט אַ וואונק פון די גאָר הויכע פענצטער. ווען עטלעכע רוסישע אָפיצירן, וועלכע זיינען גראָד דאַן געגאַנגען אין גאַס מיט אַ קליינער מחנה פון באַוואָפנטע סאָלדאַטן, האָבן געפּרואווט פאַרטרייבן די ווילדע באַנדעס, האָט דער פּאָליצמייסטער אַליין זיי געהייסן גיין ווייטער און זיך ניט מישן; אויך דעם קריסטלעכן גייסטלעכן ראַדזיאַנאָווסקי, וועלכער האָט זיך איינגעשטעלט פאַר די יידן אין באַלטע און געשריען אויף די צערייצטע כוליגאַנעס, אַז דאָס וואָס זיי טוען איז דערווידער דעם גייסט פון אמתן קריסטנטום, האָט די שטאָטישע מאַכט געהייסן גיין ווייטער און זיך ניט מישן; מ׳האָט אַלע יידן אין באַלטע איבערגעגעבן אין די הענט פון ווילדע און שיכורע פּאָגראָמשטשיקעס, און אין די צוויי טעג צייט, וואָס דער פּאָגראָם האָט אָנגעהאַלטן, זיינען אָפּגעטאָן געוואָרן אַזעלכע שרעקלעכע זאַכן, אַז אַלץ, וואָס מ׳האָט נאָכדעם וועגן דעם געשריבן אין די צייטונגען, איז געווען ניט מער ווי אַ בלאַסע אָפּשפּיגלונג פון דעם וואָס ס׳איז ווירקלעך געשען.

אַזוי האָט וועגן דעם געשריבן איינער, וואָס האָט אַליין איבערגעלעבט דעם באַלטער פּאָגראָם פון יענער צייט, און דובנאָוו האָט זיך דערמיט באַנוצט שילדערנדיק יענע שרעקלעכע צייט *). אין די ווילדע רציחות פון באַלטע, — זאָגט דובנאָוו, — איז שוין געלעגן דאָס קערנדל, פון וועלכן ס׳איז שפּעטער אַרויסגעוואַקסן דער פּאָגראָם אין קישינעוו און אויך די פּאָגראָמען פון די אָקטאָבער־טעג אינם יאָר 1905.

ס׳איז אינם באַלטער פּאָגראָם פון 1882 געווען ניט נאָר ווילדע רציחה, נאָר אויך געמיינער ציניזם. ווען מען האָט דעם צערייצטן המון צונויפגעטריבן צו ראַבעווען און הרגענען יידן, האָט מען זיי פריער געבראַכט אין דעם טערקישן טייל פון דער שטאָט, ווייל דאָרט איז די יידישע באַפעלקערונג ניט געווען אַזוי גרויס און מ׳האָט ניט געדאַרפט מורא האָבן פאַר קיין ווידערשטאַנד. כדי די יידן פונם אַנדערן טייל שטאָט, וואָס האָט אַמאָל געהייסן „זשאָזעפּגראַד“, זאָלן ניט קאָנען קומען העלפן זייערע ברידער, האָט מען דאָרט אַוועקגעשטעלט פּאָליציי און סאָלדאַטן, אַז זיי זאָלן אין טערקישן טייל פון דער שטאָט קיין יידן ניט אַריינלאָזן. קריסטן אָבער, אַזעלכע, וואָס קומען מיט שווערע דובינקעס, מיט העק און מיט שטיקער אייזן, זאָל מען יאָ אַריינלאָזן. און ווען מ׳האָט לפנים וועגן כלומרשט גענומען איינשטילן דעם פּאָגראָם און אַרעסטירט עטלעכע און צוואַנציק פון די ווילדע בויאַנעס, האָט מען אינאיינעם מיט זיי אַרעסטירט אַ סך יידן אויך, און די קלאַגע קעגן זיי איז געווען, אַז בעת דער פּאָגראָם איז אָנגעגאַנגען, זיינען זיי געשטאַנען אין דרויסן ביי זייערע הייזער. ס׳האָט געדאַרפט הייסן,

*) זע: Новейшая История Еврейского Народа, באַנד 3, זז׳ 133, 135.

אַז מיטן שטיין אין דרויסן זיינען יידן אויסן געווען צו ווייזן, אַז ווען מ׳וואָלט זיי נאָר ניט געשטערט, וואָלטן זיי זיך געקאָנט שטעלן אַנטקעגן, און אַז דאָס האָט נאָך מער אַרויסגערופן דעם „צאָרן פון פאָלק״.

און נאָכדעם ווי מ׳האָט שוין דעם פּאָגראָם געהאַט איינגעשטילט, האָט מען די אַלע כוליגאַנעס, וואָס מ׳האָט פריער אַרעסטירט, אַרויסגעלאָזט פריי, און די שטאָטישע מאַכט האָט נאָך געהאַט די חוצפּה צו זאָגן, אַז די יידן אין באַלטע זיינען גאָר שולדיק אין דעם וואָס מ׳האָט אויף זיי אַ פּאָגראָם געמאַכט. און ווי נאָר אַ ייד האָט געוואָלט אָנווייזן אויף אַ באַקאַנטן גוי, וואָס האָט זיך באַטייליקט אינעם פּאָגראָם, האָט אים יענער געסטראַשעט, אַז אויב ער וועט דאָס טאָן און ער וועט אים פאַר אימיצן אָנקלאָגן, וועט ער אים דערהרגענען.

די מורא פאַר אַ נייער שחיטה איז אין באַלטע געהאַנגען איבערן קאָפּ אַ לאַנגע צייט שוין נאָכדעם ווי דער פּאָגראָם איז געווען איינגעשטילט. מ׳איז אַלץ ניט געווען זיכער מיטן לעבן, און נאָך גרעסער איז געווען די מורא ווען פון אַנדערע שטעט און שטעטלעך, אין פּאָדאָליער און כערסאָנער גובערניע, זיינען אָנגעקומען ידיעות וועגן פּאָגראָמען, וואָס האָבן אויסגעבראָכן דאָרט אויך.

באַלטע האָט געלעבט אין אַ שטענדיקן פּחד, און דער נאָמען פון דער שטאָט באַלטע איז געווען ביי אַלעמען אויף די ליפּן אין די יאָרן פון דער גרויסער יידישער מאַסן־אויסוואַנדערונג פון רוסלאַנד קיין אַמעריקע, אין די צייטן ווען ס׳האָט זיך געגרינדעט דער „עם עולם״; יעדער ייד, וואָס איז דאַן געלאָפן פון רוסלאַנד קיין אַמעריקע אָנצוהויבן אַ ניי לעבן אין דעם פרייען לאַנד, וואו יידן זיינען גלייך מיט אַנדערע מענטשן, האָט געדענקט אָן באַלטע. און איינע פון די גרופּעס פונם „עם עולם״ האָט זיך גערופן די „באַלטער גרופּע״.

*
**

אויך אינעם יאָר 1905, אין די באַרימטע אָקטאָבער־טעג, ווען די רעגירונג פון ניקאָלאַי דעם צווייטן האָט געכאַפּט צוריק די „קאָנסטיטוציע״, וואָס זי איז געווען געצוואונגען צו געבן דעם פאָלק, איז אין באַלטע פאָרגעקומען אַ פּאָגראָם, און גראַד איז אויף מיין גורל אויסגעפאַלן צו זיין דערביי.

איך געדענק נאָך ווי איידער דער פּאָגראָם האָט זיך אָנגעהויבן, איז אין שטאָט געווען אַ גרויסע פרייד; איבער די גאַסן איז מען געגאַנגען מיט רויטע פאָנען און מ׳האָט געזונגען רעוואָלוציאָנערע לידער; דאָ און דאָרט האָט מען געקענט זען ווי איינער שטייט אויף עפּעס אַ פּלאַטפאָרמע, וואָס מ׳האָט אויף שנעל צונויפגעקלאַפּט, און ער האַלט אַ רעדע וועגן די גליקלעכע און גוטע

צייטן, וואָס קומען אָן; מענטשן, וואָס האָבן גאָר ניט געקענט איינע די אַנדערע, יידן און קריסטן, האָבן זיך אין די גאַסן ווי אַלטע גוטע פריינד אַרומגעכאַפּט און זיך געקושט; גאַנץ באַלטע איז געגאַנגען כאָדאָראָם; די פרייד איז געווען אַזוי גרויס, אַז וואו מען האָט נאָר ערגעץ דערזען אַ רעדל טאַנצן, איז מען אויך אַריין אין קאָן, און ווי נאָר ס'האָט זיך פון ערגעץ דערטראָגן אַ „דאָלאָי" האָט מען אים גלייך אונטערגעכאַפּט; ס'איז שווער געווען צו גלויבן די אייגענע אויגן ווען מ'האָט געזען ווי די באַוואָפנטע „גאָרדאָוואָיעס" שטייען און שוייגן, און מ'האָט אַליין ניט געוואוסט צי זאָל מען זיך איצטער רייצן מיט זיי דערמיט וואָס מ'האָט שוין מער קיין מורא ניט צו טראָגן אַ רויטע פאָן און שרייען „דאָלאָי", אָדער מען זאָל זיי אויך אַריינבעמען אין קאָן און זיך פרייען אינאיינעם מיט זיי.

עלטערע יידן האָבן טיף אין האַרצן זיך אַוודאי געפרייט דערמיט וואָס מ'זאָגט, אַז איצטער וועלן זיך אָנהויבן בעסערע צייטן; אָבער ווי דאָס האַרץ וואָלט זיי געזאָגט, האָבן זיי דאָך מורא געהאַט זיך אַריינצוואַרפן אין דער גרויסער שמחה, וואָס דער יונגער דור האָט געפייערט; האַלטנדיק זיך פון דער ווייטנס, האָבן זיי געקוקט, געגאַפּט, געצויגן מיט די אַקסלען, עפּעס יאָ גע־גלויבט און ניט געגלויבט, און דאָ און דאָרט האָט איין ייד דעם אַנדערן אָפּגע־געבן „מזל־טוב" און טאַקע באַלד געזאָגט דערביי:

„אָבער ווער ווייסט מיט וואָס עס וועט זיך נאָך אויסלאָזן! ווער ווייס וואָס ס'וועט נאָך אין באַלטע שפּעטער זיין!..."

און די מורא פון יענע עלטערע יידן, וואָס טראָגן מיט זיך די דערפאַרונג פון דורות, איז ניט געווען אומזיסט...

נאָך אײדער מען האָט אין באַלטע רעכט אָנגעוואַרעמט די פרייד מיט דער „קאָנסטיטוציע", נאָך אײדער מ'האָט זיך רעכט אָנגעטישעט מיט דער „פריי־הייט", וואָס האָט זיך מיט אַזאַ אימפּעט צעטראָגן איבער די גאַסן, האָבן זיך שוין דערהערט די ווילדע קולות, וואָס זיינען די באַלטער יידן געווען אַזוי גוט באַקאַנט שוין פון לאַנג:

„בעי זשידאָוו!..."

און באַלד נאָכדעם — דאָס בראַזגעריי פון אויסגעזעצטע שויבן אין די פענצטער און דאָס פאַרצווייפלטע געשריי פון צעשראָקענע יידישע פרויען און קינדער...

אין אַ פרייטיק, געדענק איך, איז דאָס געווען. דעמאָלט האָט זיך עס אָנ־געהויבן. און געדויערט האָט עס צוויי טעג.

די שטאָט איז מיר דעמאָלט נאָך געווען פרעמד. דאָס ערשטע מאָל וואָס איך בין דאָרט געווען. אינגאַנצן מיט אַ צוויי טעג צוריק געקומען אַהין, און אָפּגע־

שטעלט האָב איך זיך ביי מיינעם אַ פעטער, וואָס האָט געוואוינט ווייט אויסער דער שטאָט, דאָרט וואו ס׳איז אַמאָל געשטאַנען בודעיסקיס „גראַלניאַ״. מיין פעטער איז געווען זייער אומרואיק ווען איינער פון די קרובים האָט מיך פריטיק אין דער פרי מיטגענומען אין שטאָט אַריין זען די דעמאָנסטראַציעס און די פּאַראַדן, וואָס מען קלייבט זיך צו מאַכן לכבוד דער קאָנסטיטוציע, וואָס „דער קיסר האָט געגעבן אין פעטערבורג״. „וואָס — האָט ער געזאָגט — וועט דאָרט טאָן אַזאַ יינגל ווי דו? מ׳וועט דיך נאָך אַריינשלעפּן אינם טומל, און ווער ווייס וואָס עס וועט שפּעטער זיין!״ און ווען ער האָט מיך דערזען צוריק ביי זיך אין דעם קליינעם פויערישן שטיבל, וואו ער האָט געוואוינט, האָט ער זיך שטאַרק דערפרייט איבער מיר. „איך וועל דיך מער ניט אָפּלאָזן פון דאַנען — האָט ער געזאָגט — ביז ס׳וועט ניט ווערן שטיל, וואָרעם ווען דיין מאַמע אין דער היים וועט זיך דערוויסן, אַז דו לויפסט אַזוי אַרום דאָ אין באַלטע, וועט זי קומען צולויפן אַהער ווי אַן אָפּגעבריטע און ס׳וועט זיך טאָן חושך.״

און ער האָט מיך מער ניט אָפּגעלאָזט פון זיך, דער גוטער פעטער.

בלייבן אין שטיבל איז געווען אַ מורא, און ער איז מיט מיר אַוועק אין בודעיסקיס „גראַלניאַ״ וואו ער איז געווען אַן אָנגעשטעלטער. דאָרט זיינען געווען נאָך יידן, מאַנספּאַרשוינען און ווייבער, יינגלעך און מיידלעך. און די גאַנצע צייט וואָס מ׳איז געזעסן אין די ווינקלען און האַרט ביי די ווענט, האָט זעלטן ווען אימיצער אַ וואָרט אַרויסגערעדט; שטיל און מיט אַ טיפן וויטיק, וואָס רופט אַרויס באַליידיקונג און פּאַרדרוס, איז מען מיט געבויגענע קעפּ און מיט פאַרגליווערטער שרעק אין די אויגן געזעסן און געשוויגן, און אַלע מאָל, ווען אַ קליין קינד האָט זיך צעוויינט, איז די שרעק אין די אויגן געוואָרן נאָך גרעסער, און די מאַמע האָט דעם קינד פאַרשטאָפּט דאָס מיילכל מיט דער האַנט...

מ׳האָט מורא געהאַט אַ פּיפּס אַרויסצולאָזן. מ׳האָט זיך געדאַרפט היטן, אַז די גויישע שכנים, וואָס וואוינען דאָ ניט ווייט, זאָלן זיך ניט דערוויסן, אַז יידן באַהאַלטן זיך אין דער „גראַלניאַ״. דער איינציקער גוי, וואָס האָט דאָס געוואוסט, איז געווען דער אַלטער נאַכט־וועכטער, דער „סטאָראָזש״, און ער האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב אַריינצוקומען אַלע מאָל מיט אַן אַנדער בשורה:

— אַלע פויערים פון די אַרומיקע דערפער גייען מיט העק אויף באַלטע...

— גאַנץ באַלטע ברענט!...

— אין באַלטע וועט אַ שטיין אויף אַ שטיין ניט בלייבן!...

אָפּגעזאָגט זיינס, איז ער אַרויס, איבערלאָזנדיק אַלעמען מיט נאָך אַ גרע־סערן פּחד ווי פריער. און אַלע מאָל, ווען ער איז אַרויס מיט דעם לאַמטערן, וואו אַ חלבענע ליכט האָט געצאַנקט און געטשאַדעט, האָט מען אים מיט חשד נאָכגעקוקט:

— ווער ווייסט צי מ׳קען זיך אויף אים פאַרלאָזן?!...

יעדער קול, יעדער שאָרך, וואָס האָט זיך פון דרויסן דערטראָגן, האָט אַן אימה אַרויפגעוואָרפן; ס׳האָט זיך אַלץ געדוכט, אַז אָט גייען זיי, אָט קומען זיי, די ווילדע לייט מיט די העק און מיט די מעסערס... אָט רייסן זיי זיך אַריין און וועלן אַלעמען אויסשעכטן... און אַזוי איז אַוועק אַ נאַכט מיט אַ טאָג, און ס׳איז אָנגעקומען נאָך אַ נאַכט...

און צווישן די יידן, וואָס האָבן אַזוי לאַנג דעם שרעקלעכן פּאָגראָם־פּחד אַריבערגעטראָגן, איז געווען איינער אַ זקן, מיט אַ גרויער באָרד. דער „נאמן" פון דער „גראַלניאַ". ער האָט די גאַנצע צייט קיין איין מאָל ניט פאַרפעלט צו דאַווענען. אַפילו די זמירות האָט ער ניט פאַרפעלט, אָבער ער האָט זיי געזאָגט אָן אַ ניגון. די גאַנצע צייט איז ער זעלטן געבליבן אָן אַ סידור, אָדער אָן אַ תהילימל אין דער האַנט; מיט טיפן בטחון אין האַרצן האָט ער אַלע שבתדיקע מצוות אָפּגע־היט און געבעטן ביי דעם, וואָס לעבט אייביק, אַז ער זאָל זיך דערבאַרעמען אויף זיין פאָלק ישראל און שטילן דעם צאָרן. און ווען דער שבת איז אַוועק און דער פרומער ייד האָט זיך פונם גוייִשן סטאָראָזש דערוואוסט, אַז מ׳זעט שוין שטערן אויפן הימל, האָט ער געמאַכט הבדלה, און נאָך ביז היינטיקן טאָג קען איך ניט פאַרגעסן מיט וואָס פאַר אַ פרומער כוונה ער האָט אַרויסגעזאָגט די ווערטער פון סדר הבדלה:

„הנה אל ישועתי אבטח ולא אפחד."

ס׳איז אין דער שטים פון יענעם אַלטן פרומען יידן אין באַלטע געווען אַ סך טרויער, אָבער אויך אַ סך בטחון... פאַר וועמען דאַרף ער מורא האָבן, ווען ער גלויבט מיטן גאַנצן האַרצן, אַז גאָט וועט אים קומען צו הילף?! ער איז זיכער און שרעקט זיך ניט... ער האָט בטחון און ער ווייסט, אַז יידן האָבן שוין ניט איין מאָל די גרעסטע צרות אַריבערגעטראָגן, און מ׳האָט ווידער געמאַכט הבדלה און מ׳האָט ווידער געזאָגט ווי עס שטייט דאָרטן:

„ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר..."

וואו איז כמעלניצקי? וואו איז גאָנטע? וואו איז דער האַידאַמאַק שילאָ, וואָס האָט אין באַלטע פאַרגאָסן אַזוי פיל יידיש בלוט?... און וואָס איז געוואָרן פון דעם וואָס אַזוי פיל רשעים און רוצחים האָבן זיך אַמאָל פאַרלייגט אויסצו־ראָטן דאָס גאַנצע יידישע פאָלק אינאיינעם מיטן גייסט פון יידישקייט?... יידן זיינען אַלץ געבליבן לעבן. יידן האָבן נאָך אַלץ בטחון, אַז עס וועט קומען אַ צייט ווען רשעות וועט אינגאַנצן אָפּגעמעקט ווערן און עס וועט אויף דער וועלט הערשן גערעכטיקייט פאַר אַלע פעלקער. און אַ פאָלק, וואָס האָט אַזאַ טיפן בטחון, וועט מען קיינמאָל ניט קענען אויסראָטן!...

און עס וועלן געוויס אַוועק נאָך אַ סך דורות, און עס וועט אַמאָל קומען

שטעט און שטעטלעך

אַ צייט ווען היטלערס נאָמען וועט שוין זיין לאַנג פאַרגעסן, און אין אוקראַינע און אומעטום וואו יידן געפינען זיך נאָר וועלן נאָך אַלץ זיין אַזעלכע יידן, וואָס וועלן פונקט ווי יענער פרומער זקן אין באַלטע, אָבער מיט ווייניקער טרויער און ניט מיט אַזאַ געבראָכן קול, נאָך אַלץ מאַכן הבדלה און מיט גרויס בטחון אַרויסזאָגן די זעלבע ווערטער:

„הנה אל ישועתי אבטח ולא אפחד.״

יידן לעבן אַריבער אַלע זייערע שונאים. אַזוי לערנט אונדז די געשיכטע פונם יידישן פאָלק שוין עטלעכע טויזנט יאָר...

פּאָלטאַווע

גערווידמעט דעם אָנדענק פון וולאַדימיר קאָראָלענקאָ

אין יעדער לאַנד איז געוויינלעך פאַראַן איין שטאָט, אויף וועלכער עס איז אָנגענומען צו זאָגן, אַז זי איז ביים פאָלק דאָס האַרץ פון דער גאַנצער מדינה.

אויך אין אוקראַינע איז פאַראַן אַזאַ שטאָט, און דאָס איז — פּאָלטאַווע.

קיין אַנדער שטאָט אין אוקראַינע האָט זיך ביים פאָלק צו אַזאַ הויכקייט ניט דערהויבן. אַפילו ניט קיעוו. אין קיין אַנדער געגנט פונם לאַנד איז די צאָל פון דער אוקראַינישער באַפעלקערונג פּראָפּאָרציאָנעל ניט אַזוי גרויס ווי אין דער געגנט, וואָס מ׳האָט אַמאָל גערופן פּאָלטאַוושטשינאַ; דאָרט האָבן זיך אין פאַרשיידענערליי צייטן אָפּגעשפּיגלט די וויכטיקסטע געשעענישן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער געשיכטע פון אוקראַינע, און צו דעם איז אויך פּאָלטאַווע נאָך פאַרבונדן מיט דער געשיכטע פון גאַנץ רוסלאַנד; דאָרט איז אין יאָר 1709 פאָרגעקומען די גרויסע שלאַכט צווישן פּיאָטר דעם גרויסן און קאַרל דעם צוועלפטן, דעם קעניג פון שוועדן, און דאָס איז פאַר דעם וייטערדיקן שיקזאַל פון דער גאַנצער רוסישער אימפּעריע געווען אַזוי וויכטיק, אַז פּיאָטר האָט באַלד אַז אַ בריוו צו זיין ווייב יעקאַטערינע געשריבן, אַז „ענדלעך וועלן די פונדאַמענטן פון פּעטערבורג בלייבן פעסט און זיכער״.

אויך אין דער ליטעראַטור איז די שטאָט פאַראייביקט געוואָרן, און געטאָן האָט דאָס דער גרויסער דיכטער אַלעקסאַנדער פּושקין אין זיין פּאָעמע „פּאָל־טאַוואַ״, וואו ער האָט אין אַ ניי ליכט אַרויסגעשטעלט דעם אוקראַינישן העטמאַן איוואַן מאַזעפּאַ און אויך דעם העטמאַן וואַסילי קאָטשובעי. די שטאָט וואו עס זיינען פאָרגעקומען די היסטאָרישע און ראָמאַנטישע געשעענישן האָט אויך גע־רייצט די פאַנטאַזיע פון דעם גרויסן ענגלישן דיכטער לאָרד באַיראָן, און ער האָט אָנגעשריבן זיין פּאָעמע „מאַזעפּאַ״, וואָס איז באַרימט אין דער ענגלישער ליטע־ראַטור. און מ׳קען זאָגן אָן אַ גוזמא, אַז פון די קלענערע אוקראַינישע שטעט, וואָס זיינען ניט קיין אינדוסטריעלע צענטערס און וואָס שפּילן ניט קיין גרויסע ראָלע אינם וועלט־האַנדל, איז פּאָלטאַווע מער ווי אַלע אַנדערע באַרימט איבער דער גאַנצער וועלט.

פּאָלטאַווע איז אַן אַלטע שטאָט. אין די רוסישע כראָניקעס ווערט זי דער־

מאַנט נאָך אינם יאָר 1174. אין יענע אַלטע צייטן האָט זי נאָך ניט געהייסן פּאַלטאַווע, נאָר לטאַווא. אָבער ס'זיינען אין ערגעץ ניטאָ קיין מאַטעריאַלן, וואָס זאָלן געבן וועלכן ס'ניט איז באַגריף וועגן דעם וואָס פאַר אַ מענטשן ס'האָבן זיך דאָרט דעמאָלט באַזעצט און וואָס פאַר אַ לעבן זיי האָבן געפירט. אין פאַרלויף פון צוויי הונדערט מיט עטלעכע און פופציק יאָר איז די שטאָט איז ערגעץ ניט דערמאָנט געוואָרן, פונקט ווי מ'וואָלט זי אינגאַנצן אָפּגעווישט פונם פנים פון דער ערד. ערשט אין יאָר 1430 איז זי ווידער דערמאָנט געוואָרן אין דער געשיכטע, און דאָס איז געווען אין פאַרבינדונג מיט דעם וואָס דער ליטווישער פּרינץ געדימין האָט זי אַוועקגעגעבן דעם טאַטערישן כאַן לעקסאַדאַ.

בכלל איז דער פּאַלטאַווער געגנט אין יענע אַלטע צייטן ניט איין מאָל איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט; ס'האָט דאָרט אַמאָל געוואוינט דער סלאַווישער שבט, וואָס מ'האָט גערופן סעווערי‏אַנעס; עס האָבן דאָרט אַמאָל אויך געוואוינט די פּעטשענעגן און די פּאָלאָווצעס; און שוין דאַן זיינען אין די כראָניקעס דערמאָנט געוואָרן די שטעטלעך לובני, פּרילוקי, ראָמני און אַנדערע. אָבער אין די יאָרן פון 1239 ביז 1242,ווען די טאַטערן האָבן זיך אַריינגעריסן אין דער געגנט, וואָס האָט שפּעטער געקראָגן דעם נאָמען פּאַלטאַוושטשינאַ, האָבן זיי די אַלע שטעטלעך חרוב געמאַכט, און ערשט נאָכדעם ווי מ'האָט זיך דאָרט באַפרייט פונם טאַטערישן יאָך, האָט מען זיי צוריק ווידער אויסגעבויט.

ס'איז ניט באַשטימט ווען די יידן האָבן זיך אָנגעהויבן באַזעצן אין דער שטאָט פּאַלטאַווע. עס שיינט אָבער, אַז דאָס איז געווען ניט פריער ווי אין דער צווייטער העלפט פונם זיבעצנטן יאָרהונדערט, ווייל אין די יאָרן פון גזירת ת״ח ות״ט (1648 און 1649) אין די צייטן פון די כמעלניצקי־שחיטות, איז די הויפּט־קוואַרטיר פון איינער פון די וויכטיקסטע קאָזאַצקע רעגימענטן געווען אין פּאַלטאַווע און מ'האָט אים טאַקע גערופן דער פּאַלטאַווער רעגימענט; אָבער ס'ווערט אין ערגעץ ניט דערמאָנט וועגן אַ שחיטה אויף יידן אין יענער שטאָט, און דאָס איז דער בעסטער באַווייז דערויף, אַז ס'זיינען דאָרט דעמאָלט קיין יידן ניט געווען, און אויב זיי זיינען דאָרט פריער יאָ געווען, זיינען זיי אַוודאי פון דאָרט באַצייטנס אַנטלאָפן.

ביז דעם יאָר 1794 איז יידן געווען פאַרבאָטן צו וואוינען אין פּאַלטאַווע און אין דעם גאַנצן געגנט אַרום און אַרום. די רוסישע צאַרן האָבן אַהין קיין יידן ניט געוואָלט אַריינלאָזן. די ערשטע רוסישע קייסערינע, וואָס האָט דעם פאַרבאָט אַראָפּגענומען, איז געווען יעקאַטערינע די גרויסע. אָבער ווי עס שיינט, האָבן יידן אָפילו דאַן ניט אַרויסגעוויזן קיין גאָר גרויסן חשק זיך דאָרט צו באַזעצן. און דאָס קען מען זען פון דעם וואָס אין יאָר 1803, ניין יאָר נאָכדעם ווי

מהאָט דעם פֿאַרבאָט אָפּגעשאַפֿט, איז די צאָל פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג אינם גאַנצן אויעזד באַשטאַנען פֿון ניט מער ווי דריי הונדערט נפֿשות, און דאָס איז שוין געווען אין די צייטן פֿון אַלעקסאַנדער דעם ערשטן. און אָט אַזוי איז עס געגאַנגען אַ לאַנגע צייט; די צאָל פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג אין פּאָלטאַווע איז געוואַקסן זייער לאַנגזאַם. ערשט שפּעטער, אין די צייטן פֿון ניקאָלאַי דעם ערשטן און אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, האָט זי אָנגעהויבן ווערן אַלץ גרעסער און גרעסער. און פּונקט ווי אין אַ סך אַנדערע שטעט, האָבן אויך דאָ געשפּילט ניט קיין קליינע ראָלע אין דעם די ניקאָלאַיעווסקע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן נאָך די עטלעכע און צוואַנציק יאָר מיליטערישער דינסט געהאַט די פּריווילעגיע זיך צו באַזעצן וואו זיי האָבן געוואָלט, אַפֿילו אין אַזעלכע שטעט, וואו די רעכט פֿון יידן זיינען געווען זייער באַגרענעצט.

אין אַלגעמיין איז ביז איצט נאָך ניט אָפּגעשאַצט געוואָרן גענוג די ראָלע וואָס אונדזערע ניקאָלאַיעווסקע סאָלדאַטן האָבן געשפּילט אין דער אַנטוויקלונג פֿון די יידישע ישובים אין רוסלאַנד אין די צייטן ווען ס׳האָבן דאָרט געהערשט די צאַרן פֿון דער ראָמאַנאָוו־דינאַסטיע; אַ דאַנק די ניקאָלאַיעווסקע סאָלדאַטן זיינען אויסגעוואַקסן יידישע ישובים אין אַ סך אַזעלכע רוסישע שטעט, וואו יידן האָבן ניט געהאַט קיין רעכט צו וואוינען, און אַ דאַנק זיי איז די צאָל פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג וואָס אַמאָל געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער אין די שטעט וואו זיי האָבן יאָ געהאַט רעכט, אָבער זייער באַגרענעצטע; אומעטום וואו ס׳האָבן זיך נאָר באַזעצט אויסגעדינטע ניקאָלאַיעווסקע סאָלדאַטן, זיינען געשאַפֿן געוואָרן מער מעגלעכקייטן, וואָס מ׳האָט געקאָנט אויסנוצן צו אַנטוויקלען אַ יידיש לעבן. ס׳האָט זיך אויסגעדרייט אַזוי, אַז פֿון דער רעה, וואָס ניקאָלאַי דער ערשטער איז אויסן געווען צו טאָן די יידן ווען ער האָט אַרויסגעגעבן די גזירה, אַז מ׳זאָל כאַפּן קליינע יידישע קינדער און זיי אָפּגעבן פֿאַר סאָלדאַטן, איז גאָר אַרויסגעקומען אַ טובה. יידן האָבן זיך אַ דאַנק דעם נאָך מער צעשפּרייט איבער רוסלאַנד, און וואו זיי האָבן נאָר אַ פֿוס אַריינגעשטעלט, איז דאָרט אַ יידיש לעבן אויסגעוואַקסן...

אויך אין פּאָלטאַווע האָבן די אויסגעדינטע ניקאָלאַיעווסקע סאָלדאַטן געשפּילט ניט קיין קליינע ראָלע אין דעם וואָס די יידישע באַפֿעלקערונג איז דאָרט וואָס אַמאָל געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער. און אין יאָר 1897, אין די צייטן פֿון ניקאָלאַי דעם צווייטן, האָבן שוין אין פּאָלטאַווע געוואוינט קנאַפּע צוועלף טויזנט יידן, און די צאָל פֿון דער גאַנצער באַפֿעלקערונג איז באַשטאַנען פֿון איבער דריי און פֿופֿציק טויזנט מענטשן.

וואָס גרעסער די שטאָט איז געוואָרן, אַלץ מער איז דאָרט געוואָרן די צאָל פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג, אוןביים אויסברוך פֿון דער ערשטער

וועלט־מלחמה, אין יאָר 1914, איז שוין פּאָלטאַווע געווען פאַררעכנט צווישן די גרויסע שטעט אין אוקראַינע, און ס'האָבן שוין דאָרט געוואוינט קנאַפּע הונ־דערט טויזנט מענטשן, און אַ גאַנץ היפּשער טייל פון זיי איז באַשטאַנען פון יידן.

***

פּאָלטאַווע איז אַן עכט אוקראַאינישע שטאָט.מען קען זאָגן — די סאַמע אוקראַאינישסטע אין אוקראַאינע. זי שטייט ביי דעם ברעג פונם טייך וואָרסקלאַ, וואָס פאַלט אַריין אין דניעפּר, וואָס איז אַזוי שיין באַזונגען געוואָרן פון די גרעסטע אוקראַאינישע דיכטער. קיין אַנדער שפּראַך ווי אוקראַאיניש הערט מען דאָרט ניט צווישן פאָלק, און ס'איז קיין נייעס ניט, אַז אַפילו די אינטעליגענטן, וואָס לערנען זיך אין די רוסישע גימנאַזיעס און אוניווערזיטעטן, זאָלן צווישן זיך רעדן אוקראַאיניש. אין שטאָט געפינט זיך אַ מאָנומענט פאַר דעם אוקראַאינישן שרייבער איוואַן קאָטליאַרעווסקי, וועלכער איז געשטאָרבן נאָך מיט איבער 100 יאָר צוריק, און וואָס האָט זיך געמאַכט באַרימט מיט זיין פּיעסע „נאַטאַלקאַ פּאָלטאַווקאַ" און מיט אַנדערע אוקראַאינישע פּיעסן, וואָס מען שפּילט נאָך היינט אויך אומעטום. די בעסטע אוקראַאינער אַקטיאָרן זיינען געקומען פון פּאָלטאַווע. אין ערגעץ האָט מען טאַראַס שעווטשענקאָס בוך לידער „קאָבזאַר" ניט געלייענט אַזוי פיל ווי אין פּאָלטאַווע; און אין ערגעץ האָט מען די אוקראַאינישע נאַציאָנאַלע העלדן אַזוי הויך ניט געשעצט ווי אין פּאָלטאַווע, און צווישן די נאַציאָנאַלע העלדן וואָס מען האָט אַזוי הויך געשעצט, זיינען אויך געווען די באַרימטע צוויי קאַזאַצקע אַטאַמאַנען באָגדאַן כמעלניצקי און מאַקסים קריוואָנאָס, וועלכע האָבן פאַרגאָסן אַזוי פיל יידיש בלוט אין די צייטן פון דעם גרויסן אויפשטאַנד קעגן די פּוילישע פּריצים אין אוקראַאינע.

אָבער כאָטש פּאָלטאַווע איז אַזאַ עכט־אוקראַאינישע שטאָט, און ס'איז אָנגע־נומען צו פאַרבינדן די אוקראַאינער פון אַמאָל מיט די שרעקלעכסטע פּאָגראָמען אויף יידן, איז דאָרט, אין דער שטאָט פּאָלטאַווע, דאָך קיינמאָל קיין פּאָגראָמען ניט געווען!

אַפילו ניט אין די שרעקלעכע אָקטאָבער־טעג פון 1905, ווען אַ כוואַליע פון פּאָגראָמען האָט זיך איבער גאַנץ רוסלאַנד צעגאָסן.

אויך ניט אין די צייטן פון דעם בירגער־קריג אין רוסלאַנד, אין די יאָרן פון 1918 ביז 1920.

און צו פאַרדאַנקען האָט מען ניט קיין אַנדערן ווי דעם גרויסן אוקראַאינישן יידן־פריינד וולאַדימיר קאָראָלענקאָ, וועלכער האָט געוואוינט אין פּאָלטאַווע. ער האָט די יידן אין אוקראַאינע פון אַ סך צרות און אומגליקן אַרויסגעראַטעוועט; ער איז מיט זיי אין אַלע נויטן געשטאַנען; ער האָט פאַר זיי ניט איין מאָל דאָס לעבן איינגעשטעלט, און ניט אומזיסט איז ער ביי אַלע יידן פון גאַנץ

רוסלאַנד געווען אַזוי באַליבט און מ׳האָט וועגן אים גערעדט ווי וועגן אַ הייליקן, וואָס קויפט אויס די זינד פון זיין פאָלק מיט די גוטע מעשים, וואָס ער טוט!

קאָראָלענקאָ האָט אין זיין לעבן אַ סך גוטע ליטעראַרישע ווערק אָנגעשריבן, און מ׳האָט אים געהאַלטן פאַר איינעם פון די בעסטע שריפטשטעלער אין דער רוסישער ליטעראַטור. ער האָט אויף זיינע ווערק אַ סך געאַרבעט, געשליפן יעדער שורה און יעדער וואָרט, ווי ס׳איז דער שטייגער פון יעדן גרויסן קינסטלער וואָס פילט אויף זיך די גרויסע אַחריות פון שאַפן. אָבער נאָך מער ווי אויף זיינע ווערק האָט ער געאַרבעט אויף דעם מענטשן אין זיך, ווייל ער האָט געהאַלטן, אַז דער מענטש שטייט העכער פונעם קינסטלער און די מענטשלעכקייט איז וויכטיקער פון דער קונסט...

„ס׳איז קאָראָלענקאָן געווען אַלץ איינס צי זיינע ווערק וועלן באַשטיין פון פינף בענדער, אָדער פון הונדערט בענדער. ניט וועגן דעם האָט ער זיך געזאָרגט, נאָר וועגן גאָר עפּעס אַנדערש; ער האָט שטענדיק אָן אָן אויפהער געאַרבעט מיט דער גרעסטער התמדה אויף דעם וויכטיקסטן ווערק זיינעם — אויף זיין לעבן״ *).

אַזוי האָט וועגן קאָראָלענקאָן געשריבן דער באַרימטער אַדוואָקאַט אָסקאַר גרוזענבערג אין זיינע זכרונות. און גרוזענבערג איז ניט געווען דער איינציקער, וואָס האָט וועגן קאָראָלענקאָן געהאַט אַזאַ מיינונג. אויך טאָלסטאָי איז פון אים שטאַרק באַגייסטערט געוואָרן ווען ער האָט זיך מיט אים דאָס ערשטע מאָל געטראָפן; מיט זיין אויפריכטיקייט, מיט זיין ליבער און מענטשלעכער וואַרעמקייט האָט ער אויף דעם „נביא פון יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ״, אַ שטאַרקן איינדרוק געמאַכט. און אויך מאַקסים גאָרקי איז פון אים געווען באַגייסטערט; אין זיין בוך „מיינע אוניווערסיטעטן״, וואָס איז דער דריטער באַנד פון זיינע זכרונות, האָט ער וועגן קאָראָלענקאָן געשריבן:

„נאָך יעדן געשפּרעך מיט אים, האָב איך זיך אַלץ מער און מער איבערציגט אין דעם, וואָס פאַר אַ גרויסער מענטשנפריינד ער איז. צווישן רוסישע קולטור־מענטשן האָב איך ביז איצט נאָך ניט געטראָפן קיין איינעם, וואָס זאָל שטענדיק זיין אַזוי דורשטיק נאָכן תוך פונעם אמת אַזוי ווי ער, און וואָס זאָל אַזוי טיף דערפילן ווי נויטיק ס׳איז צו פאַרקערפּערן דעם אמת אין לעבן.״

מיט דעם האָט גאָרקי ארויסגעבראַכט איינעם פון די וויכטיקסטע שטריכן אין קאָראָלענקאָס כאַראַקטער: פאַרקערפּערן דעם אמת אין לעבן! — דאָס איז ביי קאָראָלענקאָן געווען דער עיקר. און ער האָט ניט געקענט זיין אַזוי ווי יענע,

*) Вчера, стр. 163.

וואָס אין זייער ליבע צום אמת, באַפרידיקן זיי זיך דערמיט וואָס זיי אַליין גייען אויפן גוטן וועג און זיינען ניט צופרידן פון דעם, פאַרוואָס אַנדערע נעמען זיי ניט פאַר קיין מוסטער פאַר זיך. ער האָט אויך ניט געקענט זיין פון יענע געשוואָרענע „אמת־זוכער“ און „גאָט־זוכער“, וואָס רוסלאַנד האָט שטענדיק געהאַט אין אַ גאַנץ היפּשער צאָל, אי צווישן דער אינטעליגענץ, אי צווישן פּשוטן פאָלק. און ווען גאָרקי האָט אים איינמאָל דערציילט וועגן יענע געשוואָרענע רוסישע „אמת־זוכער“, וואָס וואַנדערן אַרום פון שטאָט צו שטאָט אין די הונדערטער, און וואָס שטעלן זיך אָפּ אַלע מאָל אין אַן אַנדער מאָנאַסטיר, און נאָכדעם וואַנדערן זיי ווייטער איבער די צעדרייטע וועגן פון דער גרויסער רוסלאַנד, האָט קאָראָלענקאָ אויסגעדריקט זייער ניט קיין געהויבענע מיינונג וועגן זיי:

„די מערסטע פון זיי, — האָט ער געזאָגט, — זיינען גלאַט ליידיקגייער און פּוסט און פּאַסניקעס. דאָס זיינען מענטשן וואָס דענקען, אַז זיי האָבן געזאָלט און געקענט ווערן גרויסע העלדן, אָבער איבער עפּעס אַ צופאַל האָט זיך זיי דאָס ניט איינגעגעבן. זיי זיינען אַזוי פאַרליבט אין זיך, אַז ס׳ווערט אַזש פּריקרע פון דעם, און איר האָט אַוודאי באַמערקט, אַז זיי זיינען כמעט אַלע שלעכטע און בייזע מענטשן. דער אמת איז, אַז די מערסטע פון זיי זוכן גאָרניט דעם „הייליקן אמת“, ווי זיי ווילן אַלעמען איינריידן. זיי זוכן גאָר אַ שטיקל ברויט, אויף וואָס זיי זאָלן ניט דאַרפן אַרבעטן, און זיי ווילן גלאַט לעבן אויף יענעמס חשבון. דענקט איר ניט אַזוי?“

אויך וועגן די „אמת־זוכער“ צווישן דער רוסישער אינטעליגענץ האָט וולאַדימיר קאָראָלענקאָ געהאַט די זעלבע מיינונג, און זיי זיינען אים ניט געווען צום האַרצן. ער האָט ניט ליב געהאַט יענע „הייליקע“, ביי וועמען דאָס זוכן גאָט און דעם אמת איז געוואָרן עפּעס אַ מין אינטעליגענטע פּראָפעסיע, מיט וועלכער מ׳קען זיך אַמאָל גאָר איבערנעמען אויך; ער האָט זיי ניט געקענט פאַרשטיין, ווייל ער האָט געגלויבט, אַז דעם אמת דאַרף מען גאָר אַזוי לאַנג ניט זוכן, ווייל מען קען אים לייכט געפינען — אויב מ׳וויל נאָר. און ער האָט געהאַלטן, אַז ווען מען געפינט דעם אמת, ווען מ׳פילט אים מיטן גאַנצן האַרצן און מיט דער גאַנצער נשמה, דאַרף מען אים ניט האַלטן סתם ווי עפּעס אַ מין אבן־טוב, מיט וועלכן מ׳קען זיך אויספּיינען פאַר לייטן, כדי אויף אַזאַ אופן זיך אויפצוהייבן העכער פון אַלע אַנדערע, נאָר מען דאַרף זיך פאַר אים איינשטעלן און מ׳דאַרף פאַר אים קעמפן קעגן די, וואָס האָבן די מאַכט צו פאַרפאָלגן די שוואַכע און אונטערדריקטע.

ס׳האָט קיין מאָל ניט געטראָפן, אַז ס׳זאָל ערגעץ אין לאַנד באַגאַנגען ווערן אַ גרויסע אומגערעכטיקייט קעגן מענטשן, און קאָראָלענקאָ זאָל בלייבן גלייכגילטיק דערצו. פון וואַנען ס׳האָט זיך צו אים נאָר דערטראָגן דער יאָמער פון

פאַרפאָלגטע און אונטערדריקטע, איז ער אַוועק גלייך אַהין וואו זיין הילף איז געווען נויטיק און וואו זיין וואָרט האָט זיך געקענט הערן איבערן גאַנצן לאַנד, און ווען מען האָט געדאַרפט איינשטעלן דאָס לעבן, האָט דאָס אים אויך ניט אָפּגעשראָקן. קיין סכנה איז פאַר אים ניט געווען צו גרויס, ווען ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן ראַטעווען דאָס לעבן פון מענטשן אָדער דעם כבוד פון אַ שוואַך פאָלק, וואָס האָט ניט די כוחות וואָס מ'דאַרף האָבן זיך צו שטעלן קעגן די, וואָס זיינען שטאַרק און מעכטיק.

אין די ווערק פון קיין רוסישן שריפטשטעלער אָטעמט ניט אַזוי פיל מיט מענטש ווי אין די ווערק פון וולאַדימיר קאָראָלענקאָ. אַזוי האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט איינער פון די רוסישע קריטיקער. און דאָס איז זייער ריכטיק. אין קאָראָלענקאָן דעם קינסטלער האָט פריער פון אַלץ גערעדט דער מענטש. און אין קאָראָלענקאָן דעם מענטשן האָט שטענדיק גערעדט דער אויפגעוואַכטער געוויסן ניט נאָר פון דעם אוקראַינישן פאָלק, נאָר אויך פונם רוסישן פאָלק. און ניט אומזיסט האָט מען אים גערופן „דער געוויסן פון דער רוסישער ערד״.

נאָכן קישינעווער פּאָגראָם, אינעם יאָר 1903, האָט וולאַדימיר קאָראָלענקאָ ניט געקענט בלייבן זיצן רואיק אין דער היים, און ער איז גלייך אַוועק קיין קישינעוו מאַכן אַן אונטערזוכונג וועגן אַלץ וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען און ווער עס איז אין דעם שולדיק. אויף זיין אייגענער אַחריות האָט ער דאָס געטאָן און אויך אויף זיינע אייגענע הוצאות. און נאָכדעם ווי ער האָט מיט זיינע אייגענע אויגן געזען דעם חורבן און ס'איז פאַר אים געוואָרן קלאָר, אַז שולדיק אין דעם בלוטיקן פּאָגראָם אויף יידן איז דער מיניסטער פּלעווע, האָט ער אָפּגעדרוקט אַרטיקלען וועגן דעם אין דער רוסישער פּרעסע, און אין די אַרטיקלען האָט ער שאַרף אַרויסגעזאָגט די אמתן, וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט ניט געוואָלט הערן, און ער האָט געוועקט דעם געוויסן פונם רוסישן פאָלק און אויך פון דער רוסישער אינטעליגענץ, אָנווייזנדיק אויף דעם גרויסן פאַרברעכן, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן קעגן יידן, און אין אַ בריוו וואָס ער האָט דאַן פון פּאָלטאַווע צוגעשיקט צו דעם קריטיקער און היסטאָריקער פּיאָדאָר באַטיושקאָוו, דעם רעדאַקטאָר פונם זשורנאַל „מיר באָזשי״ (גאָטס וועלט), האָט ער מיט טיפן ווייטיק געשריבן:

„די צייט וואָס איך בין געווען אין קישינעוו האָט אויף מיר איבערגעלאָזט זייער אַ שווערן און זייער אַ טרויעריקן איינדרוק. דער אַנטיסעמיטיזם האָט מיט שמוץ אויסגעשמירט דאָס גאַנצע לעבן אונדזער'ס. צווישן די געבילדעטע לייט זיינען נאָך פאַראַן געציילטע, וואָס זיינען ניט אָנגעשטעקט געוואָרן פון דער דאָזיקער מיאוסער צרעת, אָבער די איבעריקע זיינען שוין כמעט אַלע אָנגעשטעקט דערמיט״.

קאָראָלענקאָ האָט לאַנג ניט געקענט פאַרגעסן דעם שרעקלעכן איינדרוק, וואָס דער חורבן אין קישינעוו האָט אויף אים געמאַכט. ער האָט דאַן גאָר וועגן קיין אַנדערע זאַכן ניט געקענט שרייבן ווי נאָר וועגן דעם וואָס ער האָט געהערט און געזען אין דער „שחיטה־שטאָט", און אין יענער צייט האָט ער אָנגעשריבן זיין „שטוב נומער דרייצן", וואו ער האָט געשילדערט דעם גאַנצן שוידער פון דעם קישינעווער פּאָגראָם. אָבער די צענזור האָט דאָס ניט געלאָזט אָפּדרוקן און מהאָט עס אַרויסגעגעבן אין אויסלאַנד; און ערשט מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, ווען די צענזור איז שוין ניט געווען אַזוי שטרענג, האָט ער דאָס אָפּגעדרוקט אין רוסלאַנד.

***

ניט איין מאָל, נאָר אַ סך מאָל האָט דער אַנטיסעמיטיזם אין רוסלאַנד אַריינגעטריבן קאָראָלענקאָן אין אַזאַ פאַרצווייפלונג, אַז ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ס׳וועט שוין גאָר קיינמאָל בעסער ניט ווערן. אָבער ער האָט דאָך ניט אויפגעגעבן דעם קאַמף קעגן דער אַנטיסעמיטישער באַוועגונג, וואָס ער האָט גאָר אַנדערש ניט געקאָנט אָנרופן ווי נאָר אַ „מיאוסע צרעת". און אין די טרויעריק באַרימטע אָקטאָבער־טעג פונם יאָר 1905, ווען אין רוסלאַנד זיינען פאָרגעקומען פּאָגראָמען אויף יידן אין ניט ווייניקער ווי זעקס הונדערט און זעכציק שטעט און שטעטלעך און אויך דערפער, און מ׳האָט זיך אין פּאָלטאַווע אויך געריכט אויף אַ פּאָגראָם, איז דער גוטער און ליבער וולאַדימיר גאַלאַקטיאַנאָוויטש קאָראָלענקאָ די גאַנצע צייט געשטאַנען אויף דער וואַך און געטאָן אַלץ, וואָס איז נאָר געווען אין זיינע כוחות ניט צו דערלאָזן דערצו, אַז אין פּאָלטאַווע זאָל מען אויך מאַכן אַ פּאָגראָם אויף יידן.

אויב ער קען אין אַזאַ ווילדער בהלה ניט אויסהיטן פון דעם די יידן אין די אַנדערע שטעט, וועט ער זיי פון דעם אויסהיטן אין זיין שטאָט, אין פּאָלטאַווע. און דאָס האָט געמיינט — זיך שטעלן אַקעגן אַ פאַרפלייצונג, וואָס האָט זיך אין אַ שטורעם פון ים אַרויסגעריסן.

און ער האָט זיך טאַקע געשטעלט אַנטקעגן דעם!

וועגן יענע שווערע צייטן אין פּאָלטאַווע געפינט מען אייניקע וויכטיקע איינצלהייטן אין די זכרונות פון צבי שימשי און אויך אינם פינפטן באַנד פון די געזאַמלטע ווערק פון דעם אַלטן העברעאישן שריפטשטעלער אַלעקסאַנדער זיסקינד ראַבינאָוויטש, וועלכער איז אַליין אויך אַ פּאָלטאַוועער און געהאַט דעם גרויסן פאַרגעניגן צו קענען קאָראָלענקאָן פּערזענלעך. און פון דעם וואָס ס׳ווערט אין די צוויי אויבנדערמאָנטע ווערק דערציילט, קען מען זען ווי דער גרויסער

שריפטשטעלער און יידנפריינד וולאַדימיר גאַלאַקטיאַנאָוויטש קאָראָלענקאָ, האָט ממש זיין לעבן איינגעשטעלט צו ראַטעווען די יידן פון אַ פּאָגראָם.

קאָראָלענקאָ האָט געוואוסט ווי פלייסיק ס׳אַרבעטן צווישן די פּויערים פון פּאָלטאַווע די אַגענטן פון די „שוואַרץ־מאהניקעס״, וואָס ווערן באַשיצט פון דער צאַרישער רעגירונג; ער האָט אויך געוואוסט, אַז אין די קלויסטערס אַגיטירט מען צו מאַכן אַ פּאָגראָם אין פּאָלטאַווע, און אַז די אומוויסנדע פּויערים זיינען שוין אַזוי צעהעצט און צעהיצט, אַז ס׳איז שוין פּשוט סכנת־נפשות צו רעדן פאַר זיי אַ גוט וואָרט אויף יידן און זיי באַווייזן וואָס פאַר אַ גרויסער פאַרברעכן ס׳איז צו הרגענען מענטשן אומזיסט און אומגישט.

אָבער די סכנה האָט אים ניט אָפּגעשראָקן. ער האָט דעם מוט ניט פאַר־לאָרן, און עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד איז ער אַרומגעגאַנגען איבער אַלע מערק אין פּאָלטאַווע, און וואו ער האָט נאָר דערזען ווי פּויערים שטייען אין אַ רעדל און הערן זיך צו צו דעם וואָס אַ שוואַרץ־מאהדיקער אַגיטאַטאָר רעדט אין זיי אַריין, איז ער גלייך צוגעגאַנגען צו זיי, און רעדנדיק צו די פּויערים אויף זייער שפּראַך, אין אוקראַיניש, האָט ער אָפּגעשלאָגן די טענות פון דעם שוואַרץ־מאהדיקן אַגיטאַטאָר און געזאָגט מוסר די פּויערים פאַרוואָס זיי הערן זיך גאָר צו צו אַזעלכע פאַרשוינען, וואָס האָבן ניט קיין גאָט אין האַרצן. אויך די אַגי־טאַטאָרס אַליין האָט ער געזאָגט מוסר פאַרוואָס זיי פאַרשפּרייטן געמיינע בילבולים אויף יידן און פאַרוואָס זיי ווילן פירן צו זינד און פאַרברעכנס פּשוטע און ערלעכע מענטשן פון פאָלק. קיין איין רעדל פּויערים אויף אַ מאַרק האָט קאָ־ראָלענקאָ ניט דורכגעלאָזן, כאָטש ער האָט געהאַט אַ גרונט מורא צו האָבן, אַז מקען נאָך אויף אים אַליין אויך אָנפאַלן. און ווען ער האָט געזען ווי די פּויערים הערן זיך צו צו זיינע רייד, האָט ער נאָך מער מוט באַקומען און ער האָט פון אַלע מערק געטריבן די, וואָס האָבן געהעצט צו אַ פּאָגראָם אויף די יידן אין פּאָלטאַווע.

קאָראָלעקאָ האָט די אוקראַינער פּויערים גוט געקענט; ער האָט געוואוסט, אַז פּונקט אַזוי ווי מ׳קען אויף זיי היינט ווירקן צו טאָן גוטס, קען מען זיי מאָרגן אָנרעדן צו טאָן שלעכטס. דערפאַר האָט ער אויף זיי געהאַלטן אַן אויג די גאַנצע צייט וואָס די מורא איז געהאַנגען איבערן קאָפּ. ער האָט קיין איין טאָג ניט פאַרפעלט צו רעדן צו זיי אויף די מערק אין פּאָלטאַווע, וואו זיי האָבן זיך אין רעדלעך צונויפגעקליבן. און איינמאָל, אינם טאָג פון אַ גרויסן יאַריד האָט מען מיטאַמאָל דערזען ווי דער גאַנצער פּלאַץ ביים קלויסטער, וואָס שטייט אויפן נייעם מאַרק, איז פול מיט פּויערים, און אַלע טומלען זיך, אַלע קאָכן זיך און די שוואַרץ־מאהדיקע אַגיטאַטאָרס לויפן אַרום צעהיצטע און שרייען, אַז מ׳זאָל דאָס מער ניט אָפּלעגן און שוין „נעמען נקמה אין די יידן, וואָס זיינען שולדיק אין אַלץ״.

ס׳האָט זיך געדוכט, אַז דאָס מאָל וועט מען שוין דעם צערייצטן המון ניט קענען צוריקהאַלטן און באַלד וועלן זיך אַלע אַ לאָז טאָן איבער די גאַסן און אין פּאָלטאַווע וועט זיך גיסן יידיש בלוט, פּונקט אַזוי ווי אין די אַנדערע שטעט און שטעטלעך. אָבער פּונקט דאַן ווען מ׳האָט שוין געהאַט אויפגעגעבן אַלע האָפענונגען אויסצומיידן אַ שחיטה, און די יונגעלייט פון דער יידישער זעלבסטשוץ אין שטאָט זיינען שוין געווען אויסגעשטעלט אין די גאַסן, גרייט אַרויסצואווייזן אַ ווידערשטאַנד — פּונקט דאַן איז אָנגעקומען קאָראָלענקאָ, און ער האָט זיך געלאָזט גיין גלייך אויפן המון, וואָס האָט דעם גאַנצן פּלאַץ ביים קלויסטער פאַרהילכט מיט ווילדע געשרייען און קולות...

מ׳האָט געדאַרפט האָבן מוט דערויף. דאָס איז געווען ממש טאַקע סכנת־נפשות. אין אַזאַ מאָמענט איז געווען גענוג, אַז איינער זאָל קאָראָלענקאָן באַליידיקן, אָדער זיך אַרויפוואַרפן אויף אים, און אַלע פונם צערייצטן המון וואָלטן מיטגעשלעפּט געוואָרן און זיי וואָלטן אים שוין אפשר קיין לעבעדיקן פון זייערע הענט ניט אַרויסגעלאָזט. אָבער קאָראָלענקאָ האָט זיך ניט געשראָקן פאַרן טויט, ווען ער איז געגאַנגען באַשיצן דאָס לעבן פון מענטשן. ניט אַרויסווייזנדיק אַפילו קיין סימן פון שרעק פאַר די, וואָס האָבן אויף אים געקוקט מיט רציחה, איז ער אַריין אינם המון און מיט דער האַנט געגעבן אַ צייכן, אַז ער וויל רעדן. און דאָס האָט אַזוי געווירקט, אַז די ווילדע קולות האָבן זיך מיט אַמאָל איינגעשטילט און פון אַלע זייטן האָט מען זיך אָנגעהויבן שפּאַרן נענטער צו אים, און ווען אַלע האָבן שוין געשוויגן און דאָ און דאָרטן האָט זיך איינעם אויסגעוויזן, אַז מ׳וועט אפשר דאָך קאָראָלענקאָן שטערן צו ריידן, האָט ער אויסגעשריען אויפן קול:

— לאָזט רעדן אונדזער וולאַדימיר גאַלאַקטיאָנאָוויטש! ער איז דער אמתער פריינד פון פאָלק!

און דער אמתער פריינד פון פאָלק האָט גערעדט. און אין זיין רעדן, וואָס איז פון טיפן האַרצן אַרויסגעקומען, האָט ער, רעדנדיק צו די פּויערים אויף זייער לשון, זיי באַוויזן קלאָר און מיט פּשוטע און איינפאַכע ווערטער, אַז זיי האָבן ניט פאַרוואָס אָנצופאַלן אויף די יידן פון פּאָלטאַווע און פאַרגיסן בלוט אומזיסט און אומגעשט; ער האָט זיי אויך באַוויזן ווי נאַריש און פאַלש עס זיינען די אַלע בילבולים וואָס שלעכטע און בייזע מענטשן פאַרשפּרייטן וועגן יידן; ער האָט זיי געזאָגט מוסר פאַרוואָס זיי לאָזן זיך פאַרפירן פון די שלעכטע און בייזע מענטשן, וואָס זיינען ניט נאָר שונאים פון יידן, נאָר אויך די שונאים פונם גאַנצן פאָלק, וואָס לעבט אין אָרעמקייט און אין נויט. אַזוי האָט ער צו זיי גערעדט אויף דער שפּראַך, וואָס זיי האָבן גוט פאַרשטאַנען און מיט ווערטער, וואָס זיינען פאַר קיינעם פון זיי ניט געווען שווער. און ווען ער האָט געענדיקט,

האָבן זיך די געדונגענע פּאָגראָם־העצער, וואָס די פּאָליציי האָט אָנגעשטעלט, צערוקט אין די ווינקלען. קיין איינער פון זיי האָט ניט געוואַגט זיך צו שטעלן קאָראָלענקאָן אַנטקעגן. און די פּויערים האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ, זיך געקראַצט אין די פּאַטילניצעס, גערוקט די קוטשמעס אויף די קעפּ, און ביים גיין צוריק אַהיים, האָבן אַ סך פון זיי צוגעגעבן, אַז גערעכט איז וולאַדימיר גאַלאַקטיאָנאָוויטש; אַלץ וואָס ער האָט געזאָגט איז אמת, און זיי האָבן אים שטאַרק געלויבט דערפאַר:

— „סלאַוונִי ווין טשעלאָוויק; דאַי יעמו באָזשע זדאָראָווליע“, (ער איז אַ פּייַנער מענטש; גאָט זאָל אים געבן געזונט).

פאַר די פירער פון דער „שוואַרצער מאה“ אין פּאָלטאַווע איז קאָראָלענקאָ געווען ווי אַ דאָרן אין די אויגן. און איינער פון די גאָר אָנגעזעענע שונאי־ישראל אין רוסלאַנד האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט, אַז וולאַדימיר קאָראָלענקאָ שטייט אים אין וועג און אַז כל־זמן ער וועט זיין אין פּאָלטאַווע, וועט מען דאָרט קיין פּאָגראָם אויף יידן ניט קענען מאַכן...

אינגאַנצן אָן אַ סימן פון אַ פּאָגראָם, אָדער עפּעס אַזוינס, וואָס מ'פלעגט אין די צייטן פון די צאַרן אָנרופן אַ „פּאָגראָם פון דריטן ראַנג“, זיינען די אָקטאָבער־טעג פון דעם יאָר 1905 אין פּאָלטאַווע דאָך ניט אַוועק. ווען די פאַרביסענע אַנטיסעמיטן פון שטאָט האָבן דערזען, אַז קאָראָלענקאָ האָט פון זיי אָפּגעשלאָגן די פּויערים־מאַסן, האָבן זיי אין אַ יום־טובדיקן טאָג צונויפגעטריבן אין גרויסן קלויסטער אַ סך פון יענע לייט, וואָס מען פלעגט אַמאָל אין רוסלאַנד רופן „באָסיאַקעס“. אין קלויסטער האָט מען זיי געגעבן פּאָרטרעטן פונם צאַר און אויך איקאָנעס און מ'האָט זיי אַרויסגעלאָזט אין גאַס, מאַכנדיק א גאַנצע פייערלעכע פּראָצעסיע דערביי. אָבער אַזוי שנעל ווי די געדונגענע הפקר־יונגען האָבן אין גאַס אָנגעהויבן שרייען „בעי זשידאָוו“, זיינען אָנגעלאָפן די יונגעלייט פון דער יידישער זעלבסטשוץ מיט רעוואָלווערן אין די הענט. און ווען די „באָסע קאָמאַנדע“ האָט דערזען, אַז מ'שטעלט זיך אַנטקעגן, זיי'נען זיי זיך צעלאָפן. אויך די אוקראַיִנישע און רוסישע אַרבעטער פונם וואָקזאַל האָבן דער פּאָלטאַווער יידישער זעלבסטשוץ געהאָלפן צעטרייבן דאָס געדונגענע געזינדל הפקר־יונגען. יאָגנדיק זיך נאָך זיי, האָבן די אוקראַיִנישע און רוסישע אַרבעטער פונם וואָקזאַל זיי נאָכגעשריען מיט חוזק:

— לויפט שנעלער, ברידערלעך, לויפט!... צוליב אַ טרונק בראָנפן לוינט זיך ניט צו פאַלן טויט פון אַ קויל... לויפט שנעלער, ברידערלעך, לויפט!...

און די „ברידערלעך“ זיינען געלאָפן וואוהין די אויגן האָבן זיי נאָר געטראָגן...

אַזוי האָט זיך אין פּאָלטאַווע געענדיקט דער פּאַרזוך צו מאַכן אַ פּאָגראָם

אויף ייִדן אין די טרויעריקע אָקטאָבער־טעג פֿון 1905. קיין ריכטיקן פּאָגראָם האָט מען דאָרט שוין ניט געקענט מאַכן נאָכדעם ווי קאָראָלענקאָ האָט דער גרויסער פּויערים־מאַסע פֿון שטאָט און אויך פֿון די אַרומיקע דערפֿער געעפֿנט די אויגן. מ׳האָט זיך דעריבער געמוזט באַגנוגענען מיט אַ קליין פּאָגראָמעלע פֿון „דריטן ראַנג״. און דאָס האָט שטאַרק פֿאַרדראָסן יענע לייט, וועלכע האָבן זייער שטאַרק געוואָלט, אַז אין דער שטאָט, וואָס איז „דאָס האַרץ פֿון אוקראַינע״, זאָל פֿאָרקומען אַ ריכטיקער פּאָגראָם...

קאָראָלענקאָ האָט זייערע האָפֿענונגען צעשטערט און דערפֿאַר האָבן זיי אים פֿיינט געהאַט און ער איז זיי אין פּאָלטאַווע געווען גרויס אין די אויגן. אָבער דאָס האָט אים געמאַכט נאָך מער באַליבט ביי די, וואָס האָבן פֿאַרשטאַנען ווי אים צו שעצן. אַלע האָבן געוואוסט, אַז פֿיינט האָבן קאָראָלענקאָן קענען בלויז שלעכטע און פֿאַרדאָרבענע לייט. גוטע מענטשן אָבער מוזן אים ליב האָבן, ווייל ס׳איז געווען שווער צו געפֿינען נאָך אַזאַ מענטשלעכן מענטש ווי ער איז.

***

אין זיינע באַציאונגען צו ייִדן איז וולאַדימיר קאָראָלענקאָ ניט געווען פֿון יענעם טיפּ אוהב־ישראל, וואָס מוז דווקא — פֿאַר זיך, אָדער פֿאַר אַנדערע — האָבן אַן ענטפֿער דערויף פֿאַרוואָס ער האָט ליב ייִדן.

פֿאַראַן צווישן גויים אַזעלכע, וואָס ווילן אין אַזאַ פֿאַל דווקא האָבן אַן ענטפֿער, און געוויינלעך קומט אויס, אַז די ליבשאַפֿט צו ייִדן איז ניט סתם אַזוי, נאָר פֿאַר עפּעס, וואָס פֿאַרדינט, אַז מ׳זאָל דאָס הויך שעצן. אַמאָל איז דאָס דערפֿאַר, וואָס ס׳איז שוין אַן אַלטער כּלל, אַז ייִדן האָבן אַ סך מעלות; זיי האָבן אַ גוטן חוש פֿאַר הומאָר, זיי זיינען אַ פֿעאיק פֿאָלק, זיי היטן אָפּ טהרת־המשפּחה, זיי האָבן אַמאָל געהאַט נביאים, זיי זיינען ניט קיין שיכורים, זיי האָבן געגעבן דער וועלט אַ סך גרויסע מענטשן, און — אַפֿילו יעזוס כריסטוס אַליין איז דאָך געווען אַ ייִד און ער האָט דער גאַנצער קריסטלעכער וועלט אַ גלויבן געגעבן...

דאָס זיינען בלויז אייניקע פֿון די ענטפֿערס, וואָס מ׳הערט אַמאָל פֿון זייער וואוילע און גוטע קריסטלעכע מענטשן, וועלכע האָבן אַ נאָמען פֿון ייִדן־פֿריינד. קאָראָלענקאָ אָבער האָט קיין ענטפֿער ניט געדאַרפֿט דערויף וואָס ער האָט ליב ייִדן און שטעלט זיך איין פֿאַר זיי ווי אַ פֿריינד, פּונקט ווי ער האָט ניט געדאַרפֿט קיין ענטפֿערס דערויף וואָס ער האָט ליב מענטשן בכלל. ווען ייִדן וואָלטן אַפֿילו ניט געהאַט די אַלע מעלות, וואָס מ׳גיט אָן, און זיי וואָלטן דער וועלט ניט געגעבן אַזוי פֿיל גרויסע מענטשן, און זיי וואָלטן קיינמאָל קיין נביאים ניט געהאַט, וואָלט קאָראָלענקאָ איבער דעם זיין גוטע באַציאונג צו זיי ניט געביטן; ער וואָלט זיי

דערפאַר ניט ווייניקער ליב געהאַט, ווייל ער האָט געהאַלטן, אַז פּונקט ווי אַלע אַנדערע פעלקער מעגן יידן אויך האָבן ניט נאָר גרויסע מעלות, נאָר אויך גרויסע חסרונות, און מ׳דאַרף זיי פאַר די חסרונות ניט פיינט האָבן און זיך ניט אָנכאַפּן אָן דעם ווי אָן אַ תירוץ זיי צו פאַרפאָלגן.

ווי יעדער פאָלק, האָבן יידן אויך אי צדיקים, אי רשעים, און דאָס איז אַ גאַנץ נאַטירלעכע זאַך. אַנדערש קען דאָס ניט זיין. מ׳טאָר ניט האַסן אַ גאַנץ פאָלק דערפאַר וואָס צווישן זיי געפינען זיך אויך אַזעלכע, וואָס זיינען שלעכט און פאַרדאָרבן. פּונקט אַזוי ווי מ׳טאָר ניט האַסן דאָס גאַנצע אוקראַינישע פאָלק, אָדער דאָס גאַנצע רוסישע פאָלק דערפאַר וואָס צווישן זיי געפינען זיך אַזעלכע, וואָס זיינען שלעכט און פאַרדאָרבן...

אַזוי האָט קאָראָלענקאָ געקוקט אויף יידן, און דערפאַר איז זיין ליבע צו זיי געווען אַן עכטע, אַן אויפריכטיקע, און ער האָט קיינמאָל ניט געדאַרפט קיין ענטפער דערויף פאַרוואָס ער איז אַ פריינד פון יידן. ניט פאַר זיך און ניט פאַר אַנדערע האָט ער אַזאַ ענטפער געדאַרפט...

ס׳איז אין זיין באַציאונג צו יידן געווען אַזוינס, וואָס האָט אים, דעם גרויסן אוהב־ישראל פון פּאָלטאַווע אויפגעהויבן העכער פון אַלע אַנדערע אין זיין דור. ער האָט זיך קיינמאָל ניט באַגנוגנט מיט דעם וואָס ער האָט געשריבן פּראָטעסטן קעגן רדיפות און פאַרפאָלגונגען אויף יידן — ער האָט אַליין געמוזט קומען אויף די אַלע ערטער, פון וואַנען ס׳האָט זיך נאָר דערטראָגן צו אים אַ יידישער יאָמער. און ווען ס׳האָט זיך אין קיעוו אָנגעהויבן דער באַרימטער בייליס־פּראָצעס, וואָס איז אין גרונט געווען אַ באַשולדיקונג אויפן גאַנצן יידישן פאָלק, אַז מ׳באַנוצט קריסטלעך בלוט אויף פּסח, האָט קאָראָלענקאָ גלייך אויפגעהויבן אַ פּראָטעסט קעגן דעם ביי דער גאַנצער רוסישער געזעלשאַפטלעכער מיינונג און אויך אין אויסלאַנד; ער איז מיטן אַדוואָקאַט גרוזענבערג געשטאַנען אין פאַרבינדונג די גאַנצע צייט נאָך איידער דער פּראָצעס אין קיעוו האָט זיך אָנגעהויבן. און כאָטש ער איז שוין דעמאָלט געווען אַלט און קראַנק און די דאָקטוירים האָבן אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל אין ערגעץ פון פּאָלטאַווע ניט אַרויספאָרן, האָט ער זיי פונדעסטוועגן ניט געפאָלגט, און ווי גרוזענבערג אַליין דערציילט אין זיינע מעמואַרן, איז ער געווען איבעראַשט, ווען ער האָט אויפן דריטן טאָג פון דעם פּראָצעס אַ קוק געטאָן אויפן עולם אין געריכט און דערזען ווי צווישן זיי זיצט וולאַדימיר גאַלאַקטיאָנאָוויטש קאָראָלענקאָ!

קראַנקערהייט איז ער געקומען אַהין און מיטגענומען מיט זיך כמעט די גאַנצע משפחה — זיין ווייב אַוודאָטיאַ סעמיאָנאָוונאַ, וועלכע האָט אים שטענדיק אָפּגעהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ, און איינע פון זיינע צוויי טעכטער. און די גאַנצע

צייט וואָס דער פּראָצעס איז אָנגעגאַנגען, איז קאָראָלענקאָ געווען דער פּינקטלעכסטער צו קומען צו יעדער זיצונג, און צווישן איין זיצונג און דער אַנדערער האָט ער זיך געטראָפן מיט די אַדוואָקאַטן, וואָס האָבן בייליסן פאַרטיידיקט, און ער האָט זיי געגעבן עצות און זייער וויכטיקע אָנווייזונגען, מיט וועלכע זיי האָבן זיך באַנוצט, און ער האָט געשריבן אַרטיקלען אין די קיעווער רוסישע צייטונגען, און גרוזענבערג דערציילט, אַז ניט איין מאָל, ווען ס'איז אים אויפן פּראָצעס געוואָרן זייער שווער אויפן האַרצן איבער דער גיפטיק־אַנטיסעמיטישער אַטמאָספערע, וואָס האָט דאָרט געהערשט אין געריכט, איז געווען גענוג, אַז ער זאָל אַ קוק טאָן ווי קאָראָלענקאָ זיצט און קוקט מיט אָנגעשטרענגטע בליקן און באַגריסט זיך מיט אים פון דער ווייטנס — און ער האָט זיך גלייך ווידער דערפילט מוטיק און געקראָגן מער קוראַזש, כאָטש אַרום און אַרום איז די לופט געווען פאַרסמט מיט גאַל און האַס צו יידן.

אַזאַ כוח האָט אין זיך געהאַט קאָראָלענקאָס בליק, ווען ער איז אין קיעוו געזעסן אין געריכט ביים בייליס־פּראָצעס. און דאָס איז געווען דערפאַר וואָס געזעסן איז ער דאָרט ניט ווי אַ געוויינלעכער צושויער, נאָר ווי איינער, וואָס האָט זיך אַליין אויך אַריינגענומען אין כלל פון דעם פאָלק, אויף וועלכן מ'מאַכט אַזעלכע געמיינע בלבולים, און אויך ווי איינער, וואָס פילט מיט אַלע חושים, אַז אין אים לעבט דער אויפגעוואַכטער געוויסן פון זיין אייגן פאָלק, און ווען די געשוואָרענע ריכטער האָבן אַרויסגעטראָגן דעם אורטייל, אַז בייליס איז אומשולדיק, האָט דער אַלטער קאָראָלענקאָ זיך געפרייט ווי אַ קינד. און געפרייט האָט ער זיך אַזוי, ניט נאָר מיט דעם, וואָס בייליסעס באַפרייאונג האָט געמיינט, אַז יידן זיינען ווי אַ פאָלק ריינגעוואַשן געוואָרן פון אַ בלבול, נאָר אויך מיט דעם וואָס אינם אורטייל פון די געשוואָרענע ריכטער, וואָס זיינען געווען פּשוטע פאָלקסמענטשן, האָט ער געזען דעם אויפגעוואַכטן געוויסן פון זיין אייגן פאָלק.

אויך אין די צייטן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז קאָראָלענקאָ די יידן אין אַלע נויטן בייגעשטאַנען. ווען ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש האָט אַלע זיינע מפּלות אויפן שלאַכטפעלד געוואָלט צודעקן מיט געמיינע בלבולים, אַז יידן פאַרראַטן דאָס לאַנד און זיי זיינען שפּיאָנען פאַר דייטשלאַנד, איז קאָראָלענקאָ אַרויס אין דער פּרעסע מיט די שטאַרקסטע פּראָטעסטן קעגן דעם, און ער האָט קיין איין געלעגנהייט ניט דורכגעלאָזט צו באַווייזן די פאַלשקייט פון די בלבולים.

קיין סך אַזעלכע אמתע גוטע פריינד ווי ער, האָבן יידן אין ערגעץ ניט געהאַט. קיין סך אַזעלכע מוטיקע קעמפער קעגן אַנטיסעמיטיזם — אַוודאי

ניט. און מ׳קען זאָגן, אַז ער דער אוקראַינער וולאַדימיר גאַלאַקטיאָנאָוויטש פון פּאָלטאַווע, איז געווען אַ גרויסער צדיק און אַז מיט זיין וואַרעם האַרץ האָט ער צו זיך צווישן די מענטשן פון זיין דור קיין גלייכן ניט געהאַט.

זיין גאַנץ לעבן, אָנפאַנגענדיק מיט די יאָרן ווען מ׳האָט אים פאַרשיקט קיין סיביר, ווען ער איז נאָך געווען אַ יונגער סטודענט פון צוויי־און־צוואַנציק יאָר, איז געווען איין גרויסע, לאַנגע קייט פון אַ קאַמף און מסירת־נפש פאַר די שוואַכע און פאַרפאָלגטע, קעגן די שטאַרקע און מעכטיקע. מיט דער זעלבער מסירת־נפש, וואָס ער האָט זיך איינגעשטעלט פאַר די יידן אַלע מאָל, ווען מ׳האָט אויף זיי בלבולים געמאַכט און אַלע מאָל, ווען זייער לעבן איז געווען אין סכנה, האָט ער זיך אויך איינגעשטעלט פאַר די װאָטיאַקעס, ווען מ׳האָט זיי באַשולדיקט אין דעם, אַז זיי ברענגען מענטשלעכע קרבנות צו אָפּגעטער; און נאָכדעם ווי ער האָט גרינטלעך געשטודירט זייער רעליגיע און זיך איבערצייגט אויפן אָרט, אַז די באַשולדיקונג האָט ניט דעם מינדסטן גרונט, איז ער אין געריכט אויפגעטראָטן ווי זייער פאַרטיידיקער און ער האָט ניט גערוט ביז מען האָט זיי ריינגעוואַשן און דעם בלבול פון זיי אַראָפּגענומען.

וואו נאָר און ווען נאָר דאָס לעבן פון מענטשן איז געווען אין געפאַר איבער אַ בלבול, וואָס מ׳האָט אויף זיי געמאַכט, איז קאָראָלענקאָ געקומען ראַטעווען. ער איז אין גערעכט געזעסן אין געריכט לעבן יעדן אָנגעקלאָגטן, וואָס איז געווען אין געפאַר פאַרמשפּט צו ווערן צום טויט, ווי ס׳האָט זיך וועגן אים אויס־געדריקט זיינער אַ פריינד, איינער פון די גרעסטע אַדוואָקאַטן אין רוסלאַנד. און אויך נאָך דער רעוואָלוציע, ווען ס׳איז אין פּאָלטאַווע שוין געווען אַ סאָוועטן־מאַכט, האָט קאָראָלענקאָ גוט אויסגענוצט דעם פאַקט, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן זיך צו אים באַציגן מיט גרויס אַכטונג, און ער איז אָפט געגאַנגען פון איין באָלשעוויסטישן קאָמיסאַר צום אַנדערן און געבעטן מ׳זאָל זען, אַז די „טשעקאַ״ זאָל באַפרייען אָדער שענקען דאָס לעבן דעם און יענעם. ער האָט אַלע מאָל געהאַט פאַר וועמען צו בעטן, פאַר וועמען זיך איינצושטעלן. און אין יענע צייטן האָט ער אין פּאָלטאַווע טאַקע געראַטעוועט דאָס לעבן פון אַ סך מענטשן.

ער האָט דאַן שוין אין גרויס אָרעמקייט געלעבט, און ווען ניט דער „פּאַ־יאָק״, וואָס די סאָוועט־רעגירונג האָט פאַר אים באַשטימט, וואָלט ער אפשר פאַר הונגער געשטאָרבן אינאיינעם מיט זיין פאַמיליע. און ווען גוטע מענטשן האָבן אים אַמאָל געבראַכט אַ מתנה, אַ ביסל מעל, אָדער עטלעכע קאַרטאָפליעס, האָט ער דאָס ניט געוואָלט נעמען, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז זיי וועלן דאָס אַליין דאַרפן. בלויז איין מאָל, ווען עטלעכע יונגע סטודענטן האָבן אים אין

אַ קאַלטן ווינטערדיקן טאָג געבראַכט האָלץ אין שטוב אַריין צו הייצן דעם אויוון, האָט ער די מתנה גענומען, און שפּעטער, ווען ער האָט דאָס דערציילט, האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט זיי ניט געקענט הייסן נעמען דאָס האָלץ צוריק, ווייל ווען זיי האָבן אים די מתנה געבראַכט און אַליין צעהאַקט דאָס האָלץ, האָבן זיי צו אים אַרויסגעוויזן אַזאַ וואַרעמקייט און אַזאַ האַרציקייט, אַז ס'האָט אים גערירט ביז טרערן...

אין קיין זאַך האָט ער זיך אין יענע שווערע צייטן אין פּאָלטאַווע ניט געוואָלט אָוועקשטעלן העכער פון די אַנדערע, און אַלע מאָל, ווען ער איז ערגעץ געקומען און דערזען ווי מענטשן שטייען אין „אָטשערעד" און וואַרטן, האָט ער זיך אויך אַוועקגעשטעלט אין „אָטשערעד", און ווען די, וואָס האָבן געוואַרט, האָבן אים אָנגעבאָטן, ער זאָל זיך אַוועקשטעלן דער ערשטער אין דער ריי, האָט ער זיך פון דעם אָפּגעזאָגט. ניט געוואָלט זיך אויסשליסן פונם כלל אין דער צייט פון אַ נויט. ניט געוואָלט זיין פון די אויפגעהויבענע, ווען אַלע זיינען געפאַלענע...

אַזוי האָט ער אין נויט און אין אָרעמקייט געלעבט אין פּאָלטאַווע אין די שווערע יאָרן פון דעם גרויסן בירגער־קריג, וואָס איז געקומען נאָך דער רעוואָלוציע. און אינם טאָג פונם 25טן דעצעמבער, אינם יאָר 1921, ווען אין גאַנץ רוסלאַנד האָט געהערשט אַ שרעקלעכער הונגער, איז וולאַדימיר קאָ־ראָלענקאָ געשטאָרבן און מ'האָט אים אין פּאָלטאַווע געבראַכט צו זיין אייביקער רו. ער איז דאַן אַלט געווען אַכט־און־זעכציק יאָר.

פּערציק בענדער שריפטן האָט ער נאָך זיך איבערגעלאָזן — אַ מאָנומענט אין דער רוסישער ליטעראַטור. אָבער דאָס שענסטע און גרעסטע ווערק, וואָס ער האָט געשאַפן, איז — זיין לעבן. דאָס לעבן פון אַן עכטן צדיק, וואָס האָט טיף ביי זיך אין האַרצן שטענדיק געטראָגן דעם אויפגעוואַכטן געוויסן פון אַ גאַנץ פאָלק...

און ווען מ'מאַכט אַ סך־הכל פון די גוטע מעשים, וואָס קאָראָלענקאָ האָט געטאָן אין די יאָרן פון זיין לעבן, קען מען זאָגן, אַז אויב די שטאָט פּאָלטאַווע האָט פאַרדינט, אַז מ'זאָל אויף איר זאָגן, אַז זי איז דאָס האַרץ פון אוקראַינע, איז דאָס נאָר דערפאַר וואָס דאָרט האָט געלעבט דער גרויסער פריינד פון יידן און פון אַלע מענטשן, דער עכטער צדיק מיט אַן אמת ריינער און שיינער נשמה — וולאַדימיר גאַלאַקטיאָנאָוויטש קאָראָלענקאָ. און זאָל זיין נאָמען שטענדיק דערמאָנט ווערן צו גוטן — זכרונו לברכה!...

קערטש

וועגן דער שטאָט קערטש קען מען זאָגן אַן אַ גוזמא, אַז ס׳איז דאָרט ניטאָ קיין איין שפּאַן ערד, וואו עס האָבן שוין ניט געטראָטן קיין פרעמדע אַרמייען, וואָס האָבן זיך אַהין אַריינגעריסן אין פאַרשיידענערליי צייטן.

אַרמייען פון אַלערליי פעלקער — אַזיאַטישע און אייראָפּעאישע — האָבן שוין ניט איין מאָל פאַרכאַפּט די וויכטיקע האַפן־שטאָט קערטש, וואָס געפינט זיך אויף דעם האַלב־אינזל קרים. וואו ס׳איז ערגעץ נאָר אויפגעשטאַנען אַ הער־שער, וואָס האָט זיך געריסן צו פאַרשפּרייטן זיין מאַכט ווייט און זי באַפעסטיקן אַזוי, אַז קיינער זאָל זי ניט קענען ברעכן, האָט ער גלייך געוואָרפן אַן אויג אויף דעם האַלב־אינזל קרים, וואָס איז אַזוי געבענטשט מיט נאַטירלעכע אוצרות, און ער האָט אַהין זיינע אַרמייען געשיקט דעם האַלב־אינזל צו פאַרכאַפּן, און דאַן איז די שטאָט קערטש געווען די ערשטע אויפן פייער, ווייל זי שטייט אויף אַזאַ אָרט, וואָס איז סטראַטעגיש זייער וויכטיק.

אויך די דייטשע אַרמייען זיינען שוין דאָרט ניט איין מאָל געווען. אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די מחנות פון קאַיזער ווילהעלם האָבן פאַר־כאַפּט טיילן פון אייראָפּע און אָפּגעשניטן גאַנצע שטיקער פון רוסלאַנד, האָבן זיי זיך קיין קרים אויך אַריינגעריסן און זיי האָבן פאַרנומען די שטאָט קערטש. דאָס איז געווען ביים אָנפאַנג מאַי פונם יאָר 1918. אָבער די רויטע אַרמיי, וואָס האָט זיך דאַן אַזוי העלדיש געשלאָגן קעגן די פרעמדע שונאים און אויך קעגן די ווייסע קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע רוסישע מחנות, וואָס האָבן די פרעמדע שונאים געהאָלפן, האָט די דייטשן פון דאָרטן אַרויסגעטריבן. זי האָט דאָרט אויך באַזיגט די גענעראַלן דעניקין און ווראַנגעל — און קערטש איז געבליבן אַ רו־סיש־סאָוועטישע שטאָט.

אויך אין דער צווייטער וועלט־מלחמה איז אַזוי געווען; די רויטע אַרמיי האָט פון דאָרט אַרויסגעטריבן דעם שונא, און צו דער לאַנגער און אַלטער געשיכטע פון דער שטאָט קערטש, וואָס האָט זיך מיט איר שיינקייט און אויך מיט איר רייכקייט אין פאַרבן און קאָלירן טיף איינגעקריצט אינם זכרון פון יעדן איינעם, וואָס איז דאָרט נאָר געווען אַמאָל, איז צוגעקומען נאָך אַ קאַפּיטל און ס׳איז פאַרשריבן געוואָרן, אַז אויך היטלערס ווילדע חיילות האָבן אויף דער ערד

פון דער שטאָט קערטש געטראָטן און נאָכדעם ווי מ׳האָט זיי פון דאָרט פאַרטריבן, זיינען ווידער געקומען שיינע זומערדיקע אויפדערנאַכטן און אויף דעם בולוואַר, וואָס געפינט זיך ביים ברעג פון דעם וואַסער, וואָס פאַרבינדט די שטאָט מיטן אַזאָווישן ים און אויך מיטן שוואַרצן ים, האָט זיך פונקט ווי אין די אַלטע צייטן שוין ווידער געטראָגן דאָס געזאַנג פון יונגע מענטשן, וועלכע האָבן דאָרט צווישן די אַלייען געשפּאַצירט.

***

די לאַנגע געשיכטע פון דער שטאָט קערטש ציט זיך נאָך פון דעם זעקסטן יאָרהונדערט, פאַר דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג, און דאָס מיינט, אַז זי איז איינע פון די עלטסטע שטעט אין דער וועלט, אָבער אין יענע צייטן האָט זי ניט געהייסן קערטש, נאָר פּאַנטיקאַפּעיאַן, און זי איז געווען אַ גריכישע קאָלאָניע. און דער גאַנצער געגנט, וואָס הייסט איצטער קרים, האָט דעמאָלט געהייסן פּאָנטוס, און עס האָבן דאָרט אין פאַרשיידענע צייטן געהערשט פאַרשיידענע דינאַסטיעס. פריער האָט דאָרט געהערשט די אַלטע אַרכעאַנאַקטידעשע דינאַסטיע, נאָכדעם איז די הערשאַפט איבערגעגאַנגען אין די הענט פון דער ספּאַרטאָקידעשער דינאַסטיע, און דער לעצטער קעניג פון דער מלוכה פּאָנטוס, וואָס איז באַזיגט געוואָרן פון דער רוימישער מאַכט, איז געווען מיטרידאַט דער זעקסטער, וואָס האָט געלעבט נאָך אין דעם ערשטן יאָרהונדערט וואָס פאַר כריסטוסן, און נאָך ביז הייטיקן טאָג איז אין קערטש פאַראַן אַ באַרג, וואָס טראָגט זיין נאָמען, און אַהין פלעגן יונגע פאָרלעך גיין שפּאַצירן און רעדן וועגן ליבע און וועגן אַ גליקלעך לעבן אין דער צוקונפט, און מ׳האָט זיך קיין מאָל ניט פאַרטראַכט וועגן דעם וואָס דער באַרג מיטרידאַט טראָגט דעם נאָמען פון אַ מענטשן, וואָס איז שוין מער ווי צוויי טויזנט יאָר טויט...

דער קעניג מיטרידאַט איז אין זיין צייט געווען איינער פון די שטאַרקסטע קעגנער פון דער רוימישער מאַכט, וואָס האָט זיך אַזוי וויט פאַרשפּרייט. ער האָט געפירט אַ מלחמה מיט רוים אין דער זעלבער צייט ווען די יידישע קעניגן פון דער חשמונאים־דינאַסטיע האָבן מיט איר מלחמה געפירט; ער האָט געוואָלט אַרויסטרייבן די רוימער פון אַזיע; דאָס איז געווען דער ציל, וואָס ער האָט זיך אין זיין לעבן געשטעלט, און ער האָט געגלויבט אַז דאָס וועט ברעכן די מאַכט פון דער רוימישער אימפּעריע. דריי מאָל האָט ער קעגן רוים אַ מלחמה געפירט, און די קליינע פעלקער, וועלכע האָבן פון זיך געוואָלט אַראָפּוואַרפן דעם רוימישן יאָך, האָבן אים אין דעם געהאָלפן, און ס׳איז גאָר קיין צווייפל ניט, אַז די יידן אין ארץ־ישראל האָבן אויך אַרויסגעקוקט דערויף, אַז ער זאָל ברעכן

די מאַכט פון רוים. אָבער אין אַ שלאַכט קעגן פּאָמפּעאוס דעם גרויסן, האָט מיטרידאַט פאַרלאָרן, און דאַן האָט ער זיך, פון גרויס פאַרדרוס, אַליין גענומען דאָס לעבן און געמאַכט אַ סוף צו אַלץ.

דאָס איז געווען דריי און זעכציק יאָר נאָך פאַר דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג, און מ׳האָט אויפן נאָמען פון דעם געפאַלענעם מיטרידאַט אָנגערופן דעם פעלזיקן באַרג, וואָס געפינט זיך אין קערטש. און דאָ ווער געוויס זיין ניט איבעריק צו דערמאָנען, אַז דער זעלבער רוימישער קריגספירער, וואָס האָט באַזיגט מיטרידאַטן און געמאַכט אַ סוף צו דער הערשאַפט פון זיין דינאַסטיע אין דער מלוכה פּאָנטוס, וואָס הייסט איצט קרים, האָט אויך באַלד נאָך דעם געמאַכט אַ סוף צו דער מאַכט פון דער יידישער חשמונאים־דינאַסטיע אין ארץ־ישראל. ווען ער האָט איינגענומען ירושלים, האָט ער אין בית־המקדש געמאַכט אַ שחיטה און איז אַריין אין דעם קדשי־קדשים, וואוהין בלויז דער כהן גדול האָט געמעגט אַריינקומען, ווי ס׳ווערט דערציילט ביי יוסיפוס פלאַוויוס אין זיין ווערק „תולדות מלחמת היהודים עם הרומאים" (ספר א., פרק ז.); ער האָט אויך גענומען אין געפאַנגענשאַפט דעם יידישן קעניג אַריסטובילוס און זיין הויזגעזינד, און פון דאַן אָן האָט זיך אָנגעהויבן דער אונטערגאַנג פון דער יידישער מלוכה, וואָס האָט זיך געענדיקט מיטן חורבן פונם צווייטן בית־המקדש.

דאָס פאַלן פון דער מלוכה אין פּאָנטוס, וואָס הייסט איצט קרים, און די געשעענישן אין דער שטאָט פּאָנטיקאַפּעיאָן, וואָס הייסט איצט קערטש, זיינען געווען פאַרבונדן מיט דעם פאַלן פון די חשמונאים אין ירושלים.

עס איז נאָך ביז היינט ניט פעסטגעשטעלט געוואָרן ווען יידן האָבן זיך אָנגעהויבן באַזעצן אין קרים און ווען ס׳איז אין דער שטאָט קערטש דאָס ערשטע מאָל געגרינדעט געוואָרן אַ יידישע קהלה. ס׳איז פאַראַן אַ סברא, אַז נאָך אין די צייטן פון אַנטיוכוס הרשע זיינען יידישע קריגס־געפאַנגענע אַוועקגעפירט געוואָרן קיין קרים, און מ׳האָט זיי דאָרט פאַרקויפט פאַר קנעכט, און דאַן איז געגרינדעט געוואָרן אַ יידישער ישוב אין די שטעט פון יענעם געגנט, און אַוודאי איז קערטש אויך. זיכער אין דעם קען מען אָבער דאָך ניט זיין, ווייל עס זיינען ניטאָ קיין היסטאָרישע מאַטעריאַלן, וואָס זאָלן דאָס באַשטעטיקן. ס׳איז אָבער יאָ זיכער, אַז נאָך אין יאָר 40 פונם ערשטן יאָרהונדערט, דרייסיק יאָר פאַרן חורבן פונם צווייטן בית־המקדש, האָבן שוין אין קרים געוואוינט יידן. און דאָס ווערט דערמאָנט אין דעם בריוו, וואָס דער יידישער קעניג, אַגריפּאַ דער ערשטער, האָט צוגעשיקט צום רוימישן קיסר קאַיוס קאַליגולאַ, בעטנדיק ביי אים, אַז ער זאָל צוריקרופן דעם באַפעל וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אַריינצושטעלן אַ סטאַטוע פון זיין געשטאַלט אינם בית־המקדש. דער בריוו ווערט איבערגעגעבן אין די היסטאָרישע ווערק פון דעם גרויסן יידישן פילאָזאָף פילון האַלכסנדרוני, וועלכער

האָט געלעבט אין יענער צייט. דאָרטן, אין דעם ספר „המלאכות אל קאַיוס״, וואו ער באַשרייבט מיט אַלע איינצלהייטן ווי אַזוי דער משוגענער רוימישער צע־זאַר האָט אויפגענומען די יידישע דעלעגאַציע, פון וועלכער ער, פילון אַליין, איז געווען דער פירער, ברענגט ער אויך דעם בריוו, וואָס אַגריפּאַ האָט צוגע־שיקט צום משוגענעם צעזאַר קאַליגולאַ. און אין יענעם בריוו, וואו ס׳ווערן אויסגערעכנט די לענדער וואו יידן זיינען צעזייט און צעשפּרייט, ווערט אויך אָנגעגעבן דאָס לאַנד פּאָנטוס, און פּאָנטוס איז דער געגנט, וואָס הייסט איצט קרים.*)

עס איז אויך זיכער, אַז נאָך אין יאָר 81 פונם ערשטן יאָרהונדערט, בלויז עלף יאָר נאָכן חורבן פונם צווייטן בית־המקדש, אין די צייטן ווען רבי יוחנן בן זכאַי איז נאָך אפשר געווען דער הויפּט פונם בית־דין אין יבנה, וואָס האָט פאַרנומען דאָס אָרט פון ירושלים, איז שוין אין קערטש געווען אַ יידישע קהילה און ס׳איז דאָרט געווען אַ שול וואו יידן האָבן געדאַוונט. דאָס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן פון די אויסגראָבונגען, וואָס מ׳האָט געמאַכט אין קערטש. מ׳האָט דאָרט געפונען איניקע וויכטיקע אויפשריפטן, וואָס זיינען געבליבן פון די גאָר אַלטע צייטן, און אין איין אוויפשריפט ווערט דערציילט וועגן אַ יידישער פרוי, וואָס האָט פרייגעלאָזט איר שקלאַף. און דאָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין שול, און די יידישע קהילה אין קערטש האָט גאַראַנטירט דערפאַר.

ניט קיין אַנדערער ווי דער גרויסער געלערנטער עמיל שירער האָט זיך אויף יענע וויכטיקע אויסגראָבונגען אין קערטש אָפּגעשטעלט; אין זיין ווערק, „די געשיכטע פונם יידישן פאָלק אין די צייטן פון יעזוס כריסטוס״, שרייבט ער וועגן דעם אויף עטלעכע ערטער גאַנץ אויספירלעך. אויך אַנדערע גרויסע געלערנטע האָבן זיך דערויף אָפּגעשטעלט, און דער יידישער פאָרשער, פּראָ־פעסאָר אַביגדור צירי̇קובר, האָט זיך מיט דעם באַנוצט אין זיין ווערק „היהודים והיונים בתקופה ההלניסטית״ (די יידן און די גריכן אין דער העלעניסטישער עפּאָכע), און ס׳איז באַוויזן געוואָרן, אַז נאָך אין יאָר 81 פונם ערשטן יאָרהונדערט, אין דעם יאָר ווען ס׳איז אין רוים געשטאָרבן טיטוס דער רשע, וועלכער האָט חרוב געמאַכט דאָס בית־המקדש, זיינען שוין אין קערטש געווען יידן, וואָס האָבן געהאַט שקלאַפן און זיי אַרויסגעלאָזט פריי, און דורכגעפירט די צערעמאָניע פון דער באַפרייאונג האָט מען אין שול.

*
**

עס פעלן, ליידער, די נויטיקע היסטאָרישע מאַטעריאַלן, וואָס זאָלן געבן כאָטש אַ מער אָדער וויניקער קלאָרן באַגריף וועגן דעם ווי אַזוי יידן האָבן

*) פילון האַלכסנדרוני: המלאכות אל קאַיוס, קאַפּ׳ 36, ז. 281.

געלעבט אין קערטש און אין קרים בכלל אין די גאָר אַלטע צייטן. מ׳קען זיך אָבער פאָרשטעלן, אַז אין די צייטן ווען קערטש און דער גאַנצער געגנט אַרום און אַרום איז געשטעלט געוואָרן אונטער דער הערשאַפט פון דער רוימישער אימפעריע, און שפּעטער — אונטער דער הערשאַפט פון דער ביזאַנטישער אימפעריע, וואָס האָט זיך גערופן די מזרח־רוימישע און איז שוין געווען קריסטלעך, האָבן די יידן אַוודאי געהאַט גענוג אויסצושטיין; אַ סך פון זיי זיינען געוויס געטריבן געוואָרן צו שמד און ניט איין יידישע קהילה איז דאָן אונטערגעגאַנגען.

ערשט אין די צייטן ווען די קעניגרייך פון די כאַזאַרן האָט פאַרשפּרייט איר הערשאַפט איבער אַ היפּשן טייל פון קרים, און קערטש איז אויך געווען אַ טייל פון דער כאַזאַרישער קעניגרייך, האָבן די יידן דאָרט פרייער אָפּגעאָטעמט. אויך די אַנדערע פעלקער דאָרט האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט, ווייל ווען דער קעניג פון די כאַזאַרן האָט אַנגענומען דעם יידישן גלויבן, האָט ער איינגעפירט, אַז אַלע אומות אין די גרענעצן פון זיין מלוכה קענען אָפּהיטן זייער גלויבן און קיינער וועט זיי אין דעם ניט שטערן.

די געשיכטע מיט דער כאַזאַרישער מלוכה, וואָס איז געוואָרן אַ יידישע, איז איינע פון די אינטערעסאַנטסטע געשיכטעס פון יענער צייט, און עס איז שוין וועגן איר געשאַפן געוואָרן אַ גאַנץ היפּשע ליטעראַטור, אין וועלכער עס גייט אויך אַריין דאָס באַרימטע ווערק פון ר׳ יהודה הלוי „ספר הכוזרי״. און נאָך ביז היינטיקן טאָג רייצט די געשיכטע וועגן די כאַזאַרן די פאַנטאַזיע פון פאָרשער און אויך פון קינסטלער.

פון אַלץ, וואָס מ׳געפינט נאָר אין די קוואַלן וועגן יענער צייט, איז קלאָר אַז די כאַזאַרן זיינען געווען אַ קריגעריש פאָלק. זיי האָבן זיך געשלאָגן מיט די פּערסיאַנער, מיט די הונען, מיט די אַראַבער, מיט די טערקן; זיי האָבן אַ סך מלחמות געוואונען, און וואָס אַמאָל איז זייער מלוכה געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער, און זייער מאַכט האָט זיך פאַרשפּרייט איבער דעם געגנט פון דער וואָלגאַ, איבער אַ היפּשן טייל פון דער אַנדערער זייט קאַווקאַז און אויך איבער גאַנץ קרים.

לויט זייער גלויבן זיינען זיי געווען געצנדינער, אָבער איינער פון זייערע קעניגן, וועלכער האָט געהייסן בולאַן, האָט אַנגענומען דעם יידישן גלויבן, און נאָכדעם איז דאָס שוין אַזוי געגאַנגען פון דור צו דור און כאַזאַריע איז געוואָרן אַ יידישע מלוכה, אַ שטאַרקע, אַ מעכטיקע מלוכה, וואָס האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע און פאַר וועלכער די אַנדערע מלוכות האָבן שטאַרק מורא געהאַט און איר גרויסע צינזן געצאָלט.

אַנגענומען דעם יידישן גלויבן האָט בולאַן ביים סוף פונם אַכטן יאָרהונדערט,

און דאָס האָט שטאַרק צערודערט די כּנישע מלוכות, ווייל די מוסולמאַנער האָבן געוואָלט, אַז ער זאָל אָננעמען זייער גלויבן, און די ביזאַנטישע הערשער האָבן געוואָלט, אַז ער זאָל אָננעמען דעם קריסטלעכן גלויבן. אַפילו שפּעטער, נאָכדעם ווי די קרוין איז איבערגעגאַנגען בירושה צו בולאַנס זון, וואָס האָט זיך גערופן עובדיה, און פון עובדיהן, צו חזקיהון, און פון חזקיהון צו מנשה דעם ערשטן און נאָכדעם צו יצחקן, צו זבולינען, צו מנשה דעם צווייטן, צו מנחמען, בנימינען און אהרונען און די אַנדערע קעניגן, וואָס האָבן זיך גערופן מיט יידישע נעמען און אָפּגעהיט יידישקייט — אַפילו דאַן האָבן די קריסטן פון ביזאַנטיע געאַרבעט צו באַקערן צום קריסטנטום די יידן פון כאַזאַריע. אין אַ בריוו וואָס דער פּאַטריאַרך פּאַטיוס האָט פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אין יענער צייט, צוגעשיקט צום קערטשער בישאָף אַנטאָניאַ, דאַנקט ער אים פאַר דער גוטער אַרבעט וואָס ער טוט צו באַקערן די קערטשער יידן צום קריסטנטום, און ער בעט אים, אַז ער זאָל דאָס זעלבע טאָן אויך אין אַנדערע שטעט.

פונם צושריפט, וואָס דער לעצטער יידישער קעניג פון די כאַזאַרן, וועלכער זיך גערופן מיטן נאָמען יוסף בן אהרון, האָט צוגעשיקט צום יידישן דיפּלאָמאַט און געלערנטן ר׳ חסדאי איבן שאַפּרוט, ווען יענער האָט ביי אים פון שפּאַניע אָנגעפרעגט וועגן דער יידישער מלוכה אין דעם וויטן לאַנד, קען מען זען, אַז די קעניגרייך איז געווען אַ גאַנץ גרויסע. דער קעניג יוסף בן אַהרון, וואָס איז שוין געווען דער דרייצנטער אין דער ריי נאָך בולאַנען, וועלכער האָט דער ערשטער געמאַכט פון כאַזאַריע אַ יידישע מלוכה, רעכנט אויס אַ צעטל פון וויכטיקע שטעט, איבער וועלכע ער הערשט „מיטן גנאָד פונם גאָט פון ירושלים“, און צווישן יענע שטעט געפינט זיך אויך די שטאָט קערטש.

פון אַלע נאָענטע לענדער, וואו יידן זיינען פאַרפאָלגט געוואָרן, זיינען זיי אין יענע צייטן געקומען זוכן שוץ אין דער יידישער מלוכה פון כאַזאַריע, און זיי האָבן זיך באַזעצט אין קרים. די כאַזאַריש־יידישע קעניגן האָבן זיך אָפּט אויך איינגעשטעלט פאַר יידן אין אַנדערע לענדער, און דאָס האָט ניט איין מאָל געפירט צו צוזאַמענשטויסן און אַמאָל אויך צו אַ מלחמה, און אין צענטן יאָרהונדערט האָבן זיך אָנגעהויבן גאָר אומרואיקע צייטן: דער קיעווער רוסישער פּרינץ אָליעג איז אַרויס אין אַ מלחמה קעגן די כאַזאַרן. ער האָט באַלאַגערט קרים, אָבער די כאַזאַרן האָבן אים פון דאָרט פאַרטריבן. שפּעטער האָט זיין זון פּרינץ איגאָר, אויך פאַרפירט אַ מלחמה קעגן די כאַזאַרן; ער האָט אויך באַלאַגערט קרים, אָבער דער קעניג יוסף בן אהרון האָט קעגן אים אַרויסגעשיקט זיין בעסטן קריגספירער, וואָס האָט זיך גערופן מיטן נאָמען פּסח, און ער האָט דעם רוסישן פּרינץ איגאָר וויט פאַרטריבן און זיינע חיילות צעקלאַפּט.

אָבער מיט אַ צייט שפּעטער, אין יאָר 969 איז דער פּרינץ סוויאַטאָסלאַוו

אַרויס אין אַ מלחמה קעגן די כאַזאַרן, און אים האָט זיך איינגעגעבן זיי צו באַזיגן. די גרויסע כאַזאַרישע מלוכה איז געבליבן בלויז ביים האַלב־אינזל קרים, און קערטש איז געווען די הויפט־שטאָט. אָבער דאָס איז נאָך ניט געווען דער סוף. ערשט נאָכדעם ווי וולאַדימיר דער הייליקער האָט אָפגעשאַפט געצנדינעריי אין רוסלאַנד און דאָרט איינגעפירט קריסטנטום, איז געשלאָסן געוואָרן אַ בונד צווישן דער קריסטלעכער רוסלאַנד און דער קריסטלעכער ביזאַנטיע, און דאָס האָט געפירט צום אונטערגאַנג פון דער כאַזאַרישער מלוכה, וואו דער יידישער גלויבן האָט געהערשט מער ווי צוויי הונדערט יאָר. די כאַזאַרן האָבן זיך צעשפרייט איבער גאַנץ רוסלאַנד און זיך אויסגעמישט מיט די אַנדערע פעלקער. אָבער אַ סך פון זיי זיינען דאָך געבליבן יידן און זיי זיינען פון קרים ניט אַוועק. זיי האָבן זיך דאָרט אויסגעמישט מיט די אַנדערע יידן, וואָס זיינען נאָך פריער געקומען אַהין פון די שכנישע קריסטלעכע לענדער צו זוכן שוץ אין דער כאַזאַריש־יידישער מלוכה. און נאָך ביז היינטיקן טאָג קען מען אין קערטש און אין אַנדערע שטעט פון קרים זען אַזעלכע יידן, וואָס קוקן ניט אויס ווי קיין יידן. „קרימטשאַקעס" רופט מען זיי. און ווען מען וואָלט ניט געוואוסט, אַז זיי זיינען יידן און אַז זיי היטן אָפ יידישקייט, וואָלט מען געקענט מיינען, אַז זיי זיינען טאָטערן. אָבער וועגן דער כאַזאַרישער מלוכה וועט אונדז נאָך אויסקומען צו ריידן אין אַ באַזונדער קאַפיטל.

***

אויף דעם אָפיציעלן לשון פון די אַמאָליקע הויכגעשטעלטע צאַרסקע טשינאָווניקעס האָבן די „קרימטשאַקעס" געהייסן „תלמודיטישע יידן". אַזוי האָט זיי גערופן דער נאָוואָראָסיסקער גענעראַל־גובערנאַטאָר גראַף וואָראָנצאָוו אין אַ ספעציעלן פאַפיר, וואָס ער האָט אינם יאָר 1841 צוגעשטעלט וועגן זיי צום מיניסטער פון אינלענדישע ענינים, און מיט דעם איז ער אויסן געווען אונטערצושרייבן דעם פאַקט, אַז זיי, די יידן, וואָס מ'רופט „קרימטשאַקעס", זיינען ניט פון דער קאַראַאימישער סעקטע, וואָס אָנערקענט ניט דעם תלמוד און וואָס האָט זיך אינגאַנצן אָפגעטיילט פון יידן.

קיין יידיש קענען די „קרימטשאַקעס" ניט רעדן. זיי האָבן זיך די שפראַך קיינמאָל ניט אויסגעלערנט, ווייל פונקט אַזוי ווי זיי האָבן זיך מיט זייער יידישקייט אָפגעזונדערט פון די קריסטן און מוסולמאַנער, צווישן וועלכע ס'איז זיי אויסגעקומען צו לעבן אַזוי פיל יאָרן אין קערטש, אין סימפעראָפאָל, אין קאַראַסובאַזאַר און אין אַנדערע שטעט פון קרים, אַזוי האָבן זיי זיך אויך אָפגעזונדערט פון אַנדערע יידן, וואָס זיי רופן געוויינלעך „פוילישע", און אין דעם האָט געשפילט אַ וויכטיקע ראָלע ניט נאָר דאָס וואָס זיי האָבן זיך מיט די אַנדערע יידן ניט געקענט צונויפרעדן אויף איין שפראַך, נאָר אויך דאָס וואָס

לויט זייער באַגריף וועגן יידישקייט, זיינען די אַנדערע יידן ניט פרום גענוג און זיי היטן ניט אָפּ פּינקטלעך גענוג אַלע יידישע דינים און מנהגים.

אין אַ געוויסן זין זיינען די „קרימטשאַקעס" אַ סך נעענטער צו די ספרדישע יידן ווי צו די אַשכנזישע. זייער נוסח פון דאַוונען איז אַ ספרדישער און זיי רעדן אַרויס די העברעאישע ווערטער לויט דער ספרדישער חברה. ווען אַ חזן, וואָס איז אונזערער אַ ייד, וואָלט אין זייערער אַ שול געדאַוונט פאַרן עמוד, וואָלטן זיי ניט פאַרשטאַנען אַ וואָרט, און עס וואָלט פאַר זיי געקלונגען ווילד. די תפילות וואָלטן ביי זיי דאַן ניט געהאַט דעם טעם, וואָס זיי פילן אין זיי געוויינלעך.

ס'איז ביי די „קרימטשאַקעס" שטענדיק געווען אַן אָנגענומענער כלל, אַז אין שול טאָר מען ניט רעדן קיין וואָכעדיקע רייד; אין שול דאַרף מען בלויז דאַווענען און בעטן גאָט. קיין וואָכעדיקע ענינים טאָר מען דאָרט אַפילו אין זינען ניט האָבן. און דעריבער איז ביי זיי געווען איינגעפירט, אַז אין שול זאָל מען ניט אַריינקומען איינציקווייז, נאָר אַלע מיטאַמאָל. און אַריינקומען זאָל מען פּונקט דאַן, ווען מ'דאַרף אָנהויבן דאַוונען. די, וואָס זיינען געקומען פריער, האָבן געדאַרפט וואַרטן אין דרויסן. ערשט ווען אַלע האָבן זיך צונויפגעקליבן און מ'איז שוין געווען גרייט אָנהויבן צו דאַוונען. איז מען אַריינגעגאַנגען אין שול. ניט פריער.

אויך נאָכן דאַוונען האָט קיינער אין שול ניט געטאָרט בלייבן צו כאַפּן אַ שמועס מיט אַנדערע וועגן וואָכעדיקע ענינים. אַלע האָבן געמוזט אַרויסגיין מיטאַמאָל, פּונקט אַזוי ווי זיי זיינען אַריינגעקומען, און נאָך דעם איז מען געוויינלעך געגאַנגען צום רב אַהיים און דאָרט האָט דער רב פאַר זיי געלערנט אַ בלאַט גמרא, אָדער אַ פּרק פון שלחן־ערוך, און ער האָט דאָס פאַרטייטשט אויף דעם לשון וואָס די „קרימטשאַקעס" רעדן.

דאָס לשון, וואָס זיי רעדן צווישן זיך, איז אַ טאָטערישער דיאַלעקט, וואָס ווערט אָנגערופן דער „דזשאַגאַטאַיסקער", אויפן נאָמען פונם טאָטערישן קריגס־פירער טשינגיס־כאַנס צווייטן זון, וואָס האָט געהייסן דזשאַגאַטאַי.

בכלל האָבן אין זיך די „קרימטשאַקעס", אין קערטש און אין אַנדערע שטעט, אַ סך טאָטערישעס אי אין אויסזען, אי אין דער שפּראַך און אויך אין זייערע פירונגען און באַנעמונגען. און דאָס איז אַוודאי געבליבן נאָך פון יענע צייטן אין מיטלאַלטער, ווען די טאָטערן האָבן געהערשט אין קרים.

אויך רעשטלעך פון די צייטן, ווען קרים איז געווען אין די הענט פון די טערקן, קען מען געפינען אין דער שפּראַך, וואָס די יידן־קרימטשאַקעס רעדן. ס'איז ביי זיי פון דור צו דור איבערגעגאַנגען דער איינפלוס פון יעדער הערשאַפט, וואָס איז אַמאָל געווען אין קרים אין די אַלע צייטן פון איר לאַנגער געשיכטע, זינט זי איז געוואָרן באַקאַנט ווי די קעניגרייך פון פאָנטוס, ווי מ'האָט זיי גערופן

נאָך אין די צייטן פון אַנטיוכוס עפּיפאַנעס, און אויך אין די צייטן פון פּאָמפּעאוס דעם גרויסן. אַזוי איז דאָס געגאַנגען אין פאַרלויף פון הונדערטער און הונדערטער יאָרן. יעדער הערשאַפט אין קרים האָט אויף די יידן, וואָס מען רופט „קרימטשאַקעס“, אַ געוויסן שטעמפּל אַוועקגעלייגט. און ווען עס האָט זיך אין אַכטצנטן יאָרהונדערט אָנגעהויבן די הערשאַפט פון די רוסן אין קרים, איז צו די אַלע פריערדיקע איינפלוסן נאָך צוגעקומען דער רוסישער איינפלוס אויך, און דאָס האָט אויף די „קרימטשאַקעס“ אויך אַוועקגעלייגט אַ שטעמפּל, און דאָס איז אויך איבערגעגאַנגען פון דור צו דור.

ווען די רוסישע אַרמיי האָט, אונטער דער קאָמאַנדע פונם פירסט דאָלגאָרוקי, פאַרנומען קרים, אין יאָר 1771, איז די דעמאָלטיקע צאַריצע, יעקאַטערינע די גרויסע, געווען זייער שטאָלץ דערמיט, ווייל דאָס איז אויך געווען דער טרוים פון די פריערדיקע רוסישע צאַרן. זעקס יאָר נאָכאַנאַנד האָט דאַן געדויערט די מלחמה צווישן די רוסן און די טערקן; און נאָכן שלום, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן אין 1774, איז די הערשאַפט פון די טערקן איבער קרים אינגאַנצן געווען געענדיקט. קרים איז דאַן געוואָרן אַ טייל פון דער רוסישער אימפּעריע; און ביים שליסן דעם אָפּמאַך האָט מען זיך שטאַרק געדונגען איבער דער שטאָט קערטש, וואָס די טערקן האָבן קיין חשק ניט געהאַט אַוועקצוגעבן די רוסן. אָבער ס׳איז דאָך געבליבן, אַז די וויכטיקע האַפן־שטאָט זאָל אויך אַריין אין דער רוסישער אימפּעריע.

אונטער דער רוסישער הערשאַפט האָט מען די „קרימטשאַקעס“ אָפּט אָפּגעטיילט פון אַנדערע יידן און מ׳האָט זיי אַמאָל געגעבן מער פּריווילעגיעס; זיי האָבן אין קרים געהאַט די רעכט צו קויפן ערד ביי די טאָטערן און זיך אָפּגעבן מיט גערטנעריי, און ווען מ׳האָט איין מאָל, אין די צייטן פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, געוואָלט צונעמען ביי זיי די דאָזיקע רעכט, האָט דער קיסר אַליין געגעבן אַ באַפעל, אַז מ׳זאָל דאָס ניט טאָן. אָבער זיי זיינען דאָך געווען אונטערדריקט אַלס יידן, און איבער דעם איז זייער צאָל אין אייניקע שטעט פון קרים געוואָרן אַלץ קלענער, ווייל אַ סך פון זיי זיינען זיך צעלאָפן זוכן זייער גליק ערגעץ אַנדערש.

אויך אין קערטש זיינען געווען צייטן, ווען די יידישע קהילה איז וואָס אַמאָל געוואָרן אַלץ קלענער און קלענער, און וועגן דעם דערציילט דער רייזנדער יוסף יהודה בן יעקב הלוי טשאָרני אייניקע אינטערעסאַנטע פאַקטן אין זיין בוך „ספר המסעות“. ער דערציילט, אַז ווען ער האָט אין 1876 באַזוכט קערטש, האָט מען אים דאָרט איבערגעגעבן, אַז נאָך דער גרויסער קרימער מלחמה, וואָס האָט געדויערט צוויי יאָר, פון 1854 ביז 1856, איז קערטש געבליבן אינגאַנצן אָן יידן. דאָס ביסל יידן פון פריער איז זיך צעלאָפן. ערשט מיט אַ צייט

שפּעטער זיינען געקומען צוריק אייניקע פון די, וואָס זיינען פריער אַנטלאָפן. אויך נייע זיינען צוגעקומען, און ווי ס'פירט זיך געוויינלעך, האָט מען פריער אויסגעבויט איין שול, און נאָכדעם נאָך אַ שול; אַראָפּגעבראַכט איין רב, און נאָכדעם — נאָך אַ רב, און עס זיינען געוואָרן צדדים וואָס האָבן זיך אַרומגעריסן צווישן זיך. איינע פון יענע צוויי שולן געפינט זיך ביים באַרג מיטרידאַט, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון יענעם קעניג, וועלכער איז נאָך מיט איבער צוויי טויזנט יאָר צוריק געפאַלן אין שלאַכט קעגן דער רוימישער מאַכט, וואָס האָט שפּעטער חרוב געמאַכט ירושלים און פאַרטריבן די יידן אין גלות. אָבער דאָס וואָס יוסף טשאַרני דערציילט אין זיין ווערק „ספר המסעות" וועגן קערטש, באַציט זיך, ווי ס'שיינט, ניט אויף די „קרימטשאַקעס" נאָר אויף די אַשכנזישע יידן, וואָס האָבן זיך דאָרטן באַזעצט אין יענער צייט.

***

די „קרימטשאַקעס", וואָס מ'זעט אין קערטש און אויך אין די אַנדערע שטעט פון קרים, זיינען הויך־געוואַקסן, שלאַנק, קרעפטיק, און דער קאָליר פון די האָר איז ביי די מערסטע פון זיי בלאָנד אָדער רויטלעך. זיי טוען זיך אָן ווי די טאָטערן, אָבער די וואָס ווייסן, דערקענען דעם אויסערליכן אונטערשייד אין דעם וואָס זיי, די יידן־קרימטשאַקעס, גאָלן זיך ניט די קעפּ, ווי ס'טוען דאָס געוויינלעך די טאָטערן.

כאָטש זיי קענען קיין יידיש ניט רעדן, באַנוצן זיי זיך אָבער ביים שרייבן דאָך מיט יידישע אותיות, מערסטנטיילס מיט רש"י־כתב. אויך ביים רעדן באַנוצן זיי אָמאָל אַ העברעאיש וואָרט, לויט דער ספרדישער חברה.

זיי האָבן זייער ליב ריינקייט. אַפילו אין די אָרעמסטע שטיבלעך איז ביי זיי ריין און ציכטיק, און פונם עסן מאַכן זיי אַ פייערלעכע צערעמאָניע; אַרום אַ נידעריקן טיש, וואו מ'שטעלט אַוועק די צוגעגרייטע מאכלים, זעצן זיך אויס אַלע פון דער משפחה אויף געשטריקטע טעפּיכער, אָדער אויף קישנס, און אַזוי עסט מען, און די ריינקייט דערביי איז אַ מוסטערהאַפטע.

אין אַלגעמיין האָבן די „קרימטשאַקעס" ליב פייערלעכקייט, צערעמאָניעס און שמחות, און ביים פּראַווען אַ חתונה הויבט מען אָן די צערעמאָניע נאָך מיט צוויי דריי טעג פריער און מ'מאַכט אַ גאַנצן וועזן פון דעם וואָס מ'טראָגט אַריבער דער כלהס חתונה־קליידער אין דער שטוב פונם חתנס עלטערן. דאָס איז דער אָנהויב; און ווען עס קומט דער באַשטימטער טאָג פון דער חתונה, גייען אַלע מחותנים פאַרטאָג אַוועק צום חתן אַהיים, און פון דאָרטן פירט מען אים מיט קלעזמער צו דער כלה אַהיים. ביי דער כלה פּראַוועט מען אַ גרויסע

סעודה, און מען עסט און מען טרינקט און מען זינגט און מען שפּילט, און נאָכדעם פירן אַלע מחותנים דעם חתן מיט דער כלה אין דער שטוב וואו דעם חתנס על־טערן וואוינען, און די קלעזמער שפּילן דערביי. אַזוי גייט אַוועק דער גאַנצער טאָג און די גאַנצע נאַכט, און אַלע מחותנים הוליען און טאַנצן. און פאַרטאָג, ווען די זון גייט אויף, פירט מען חתן־כלה אַוועק צום שול־הויף און דאָרט שטעלט מען די חופּה און מען פראַוועט די קדושין־צערעמאָניע כדת משה וישראל, און נאָכדעם טאָר דאָס יונגע ווייבל זיבן טעג נאָכאַנאַנד ניט אַרויס פון איר צימער און קיין זייטיקער מענטש טאָר אַהין צו איר ניט אַריינקומען.

ס'איז ביי די „קרימטשאַקעס" ניט אָנגענומען חתונה צו האָבן זייער יונג, און טהרת־המשפּחה איז ביי זיי איינע פון די וויכטיקסטע זאַכן אין דעם פאַמיליע־לעבן. זיי זיינען זייער געטרייע און איבערגעגעבענע פאַמיליע־לייט און ס'טרעפט זעלטן, אַז איינער זאָל זיך גטן מיט זיין ווייב.

אַ סך פון זיי זיינען יאָרן־לאַנג געווען צוגעווייַנט צו ערד־אַרבעט, און זיי האָבן זיך אין קערטש און אין אַנדערע שטעט פון קרים אָפּגעגעבן מיט גערטנעריי. אָבער די מערסטע פון זיי זיינען געווען בעל־מלאכות און זיי האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט קירזשנעריי און אויך מיט רימעריי, און מ'האָט צווישן זיי געקענט געפינען די בעסטע זאָטל־מאַכער. אין דעם זיינען זיי אַלע מאָל געווען די גרעסטע ספּעציאַליסטן, און דאָס איז אַוודאי געווען פאַרבונדן מיט דעם וואָס זיי האָבן זייער ליב פערד. די מערסטע פון זיי זיינען אויסגעצייכנטע רייטער.

ווי גרויס ס'איז לעצטנס געווען די צאָל פון די „קרימטשאַקעס" אין קערטש און אין די אַנדערע שטעט פון קרים — דאָס קען מען ניט וויסן. מ'ווייסט אָבער, אַז אין די לעצטע יאָרן איז קערטש שטאַרק אויסגעוואַקסן. אין 1877 איז די צאָל פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג איז קערטש באַשטאַנען פון ניט מער ווי איין און דרייסיק טויזנט מיט זיבן הונדערט נפשות, און אינם יאָר 1935 איז די באַפעלקערונג דאָרט באַשטאַנען פון פיר און אַכציק טויזנט נפשות. אויך די צאָל פון דער יידישער באַפעלקערונג איז דאָרט געוואַקסן. צו די „קרימטשאַקעס", וואָס האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַן אייגנאַרטיקן געמיש פון פאַרשיידענערליי איינפלוסן, וואָס זיינען איבערגעגאַנגען פון דור צו דור און דאָך ניט דערשטיקט אינגאַנצן דעם אַלטן גייסט פון זייער אידישקייט, זיינען צוגעקומען נאָך יידן, וואָס האָבן זיך אַהין אַריבערגעצויגן פון אַנדערע שטעט און געגנטן אין רוסלאַנד.

קערטש האָט געצויגן צו זיך.

קערטש האָט גערייצט מיט איר שיינקייט.

די אַלטע פאַנטיקאָפּעאַ האָט שטענדיק געוואוסט דעם סוד ווי אַזוי זיך צו האַלטן אייביק יונג...

ד ו ב נ ע

(די שטאָט וואָס געדענקט זיך, ווייל „דער דובנער מגיד ברענגט אַ משל״)

איינם זכרון פון טויזנטער און טויזנטער יידן, וואָס זיינען צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, איז דאָס שטעטל דובנע, וואָס שטייט ביים ברעג פונם טייך איקווא, פאַרבונדן מיט די בעסטע און גליקלעכסטע צייטן פון לעבן — מיט די קינדער־יאָרן...

ס'איז גענוג צו דערמאָנען דעם נאָמען פונם שטעטל און באַלד קומט אויפן זינען, וואָס מ'האָט אַמאָל געהערט פון די טאַטעס און פון די זיידעס, און אויך פון די מאַמעס און פון די באָבעס:

„דער דובנער מגיד ברענגט אַ משל...״

מיט גרויס כוונה און מיט אַ ליבער און פרומער מינע אויפן פּנים האָט מען דאָס געזאָגט. און ווען מ'האָט דאָס געהערט פונם טאַטן, אָדער פונם זיידן, האָט מען געוויינלעך געמיינט, אַז ער האָט דאָס אַרויסגענומען פון די גאָר אַלטע הייליקע ספרים, וואָס שטייען אין בית־מדרש אויף דער פּאָליצע. און ווען מ'האָט דאָס געהערט פון דער מאַמען, אָדער פון דער באָבען, האָט מען געדענקט, אַז זי האָט דאָס אַרויסגענומען פונם טייטש־חומש. מ'איז געווען זיכער, אַז ס'קומט פון דעם קוואַל, וואָס האָט אַ שייכות מיט דער קדושה פונם יידישן לעבן אין די אַמאָליקע צייטן, און ווען מ'האָט אויסגעהערט דעם משל, האָט מען געזען ווי ער איז אויך פאַרבונדן מיט דעם יידישן לעבן פון היינט און ווי ער פּאַסט זיך אַזוי גוט צו דעם און צו יענעם...

ווען ניט דער דובנער מגיד, וואָס איז מיט זיינע משלים אויסן געווען צו זאָגן מוסר און אַרויספירן די פאַרבלאָנדזשעטע אויפן ריכטיקן וועג, וואָלט דאָס שטעטל דובנע אפשר גאָר ניט געווען אַזוי באַרימט ביי יידן נאָך ביז היינטיקן טאָג, און אינם זכרון פון טויזנטער און טויזנטער יידן, וואָס האָבן דובנע קיינמאָל אין די אויגן ניט געזען, וואָלט דאָס שטעטל זיכער ניט געווען פאַרבונדן מיט די קינדער־יאָרן, ווען זיי האָבן אַזוי אָפט געהערט דאָס וואָס ס'האָט זיי גלייך צוגעצויגן ווי מיט אַ מאַגנעט:

„דער דובנער מגיד ברענגט אַ משל״...

*
**

אָבער אין דער געשיכטע פון ד'י פעלקער, וואָס באַוואוינען די ערד, וואו דובנע געפינט זיך אויך, פאַרנעמט דאָס שטעטל גאָר אַן אַנדער פלאַץ; מ'האָט דאָרט פעסטונגען אויסגעבויט, גרויסע מלחמות געפירט, און אין די עטלעכע הונדערט יאָר, וואָס דאָס שטעטל געפינט זיך ביים ברעג פונם טייך איקוואַ, האָט עס שוין אַ סך פאַרשיידענערליי הערשאַפטן געהאַט און איז שוין אַ סך מאָל געווען אין די גרענעצן פון פאַרשיידענערליי מלוכות.

ביזן יאָר 1336 איז דובנע, אינאיינעם מיט די אַנדערע שטעט און שטעטלעך פון וואָלין, געווען אַ טייל פון אַ באַזונדער פירשטנטום, איבער וועלכן די שכנישע מלוכות האָבן זיך געהאַלטן אין איין אַרומרייסן. נאָכדעם איז וואָלין געוואָרן אַ טייל פון דער ליטווישער מלוכה, וואָס האָט אין יענע צייטן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע, און אינם יאָר 1569 איז דאָס איבערגעגאַנגען צו פּוילן, און ערשט אין יאָר 1795, אין די צייטן פון יעקאַטערינע דער צווייטער, איז דובנע אַריין אין דער רוסישער אימפּעריע, און מיט אַ יאָר שפּעטער האָט מען זי געמאַכט פאַר אַן אויעזדנער שטאָט און זי האָט אָנגעהויבן שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע. אַזוי זיינען אַוועק הונדערט און עטלעכע צוואַנציק יאָר, ביז עס האָט אין רוסלאַנד אויסגעבראָכן דער גרויסער בירגער־קריג, און אין די יאָרן פון 1918 ביז 1921 האָט זיך דאָרט אַלע מאָל געביטן די מאַכט און די שטאָט איז איבער־געגאַנגען פון האַנט צו האַנט; ס'זיינען דאָרט געווען די דייטשן, די אוקראַינער, די פּאָליאַקן; אויך די אַרמייען פון דעם באָלשעוויסטישן גענעראַל בודיאָני זיינען דאָרט געווען; זיי זיינען אַהין אַריין דעם 12טן יולי, פון יאָר 1920, אָבער מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער זיינען ווידער אַריין די פּאָליאַקן, און נאָכן שלום־אָפּמאַך צווישן סאָוועט־רוסלאַנד און פּוילן, איז דובנע אַריין אין די גרענעצן פון דער פּוילישער מלוכה און זי איז געווען ניט ווייט פון דער גרענעץ, וואָס האָט ביז 1939 אָפּגעטיילט די צוויי לענדער איינע פון דער אַנדערער.

ווי מ'האָט זיך ניט געטיילט מיט דער ערד, וואָס מ'האָט איינע ביי די אַנ־דערע פאַרכאַפּט אין די מלחמות, וואָס מ'האָט געפירט — דובנע איז אַלעמאָל געבליבן ניט ווייט פון אַ גרענעץ, וואָס האָט אָפּגעטיילט איין מלוכה פון דער אַנדערער, און איבער דעם איז שטענדיק אויסגעקומען אַזוי, אַז ווען ס'האָט זיך נאָר אָנגעהויבן אַ קריג, איז דובנע גלייך אַריין צווישן די שטעטלעך, וואָס זיינען געווען די ערשטע אויפן פייער. און ווי געוויינלעך, האָבן די יידן דאָרט מער ווי אַלע אַנדערע געליטן.

עס זיינען, ליידער, נישטאָ קיין דאָקומענטן, לויט וועלכע מען זאָל קענען באַשטימען גענוי ווען יידן האָבן זיך אָנגעהויבן באַזעצן אין דובנע.

אָבער לויט דעם היסטאָריקער דר. מ. ווישניצער איז אין דובנע שוין געווען אַ יידישע קהילה נאָך אין יאָר 1532, ווען וואָלין איז נאָך געווען אַ טייל פון דער ליטווישער מלוכה *). ביים אָנהויב פון זיבעצנטן יאָרהונדערט זיינען שוין דאָרט געווען גרויסע רבנים און צווישן זיי אויך ר׳ מאיר בן משה אַשכנזי, דער פאָטער פון דעם גרויסן געלערנטן ר׳ שבתאי בן מאיר הכהן, וועלכער איז געוואָרן באַרימט אַלס דער ש״ך, לויט די ראשי־תיבות פון זיין ספר „שפתי־כהן״.

ביז די יאָרן פון די כמעלניצקי־שחיטות האָט דאָס גייסטיקע יידישע לעבן אין דובנע געבליט. די כמעלניצקי־שחיטות, וואָס האָבן חרוב געמאַכט אַזוי פיל יידישן קהילות אין אוקראַינע און אין פוילן, האָבן אויך די דובנער יידישע קהילה חרוב געמאַכט, און געשען איז דאָס אין ערשטן טאָג פון דעם יום־טוב סוכות, אין יאָר 1649; כמעלניצקיס קאַזאַקן — ווי ס׳ווערט דערציילט אין נתן האַנאָווערס ספרל „יון־מצולה״ — האָבן זיך אַריינגעריסן קיין דובנע און דאָרט געמאַכט אַ שרעקלעכע שחיטה אויף יידן; מער ווי טויזנט יידישע נפשות האָבן זיי דאָרט אויסגעשאָכטן, און די קברים פון די קדושים, וואָס זיינען אומגעקומען אין יענעם שרעקלעכן טאָג, געפינען זיך ביי דער גרויסער שול, לעבן דער מזרח־וואַנט. און תשעה־באָב, ווען די יידן אין דובנע קלאָגן אויפן חורבן פונם בית־המקדש, קומען זיי אויך אויף די קברים פון יענע קדושים פון די גזירות ת״ח ות״ט און זיי בעטן גאָט, אַז מער זאָלן זיך שוין אַזעלכע אומגליקן ניט טרעפן.

זייער ניט קיין שיינע ראָלע האָבן דעמאָלט אין דובנע געשפילט די פוילישע פריצים, און דאָס קומט אַרויס קלאָר פון דעם, וואָס ס׳ווערט דערציילט אין האַנאָווערס „יון־מצולה״: „דאָרט, אין דובנע — שרייבט האַנאָווער, — איז געווען אַ שטאַרקע פעסטונג, וואָס איר גלייכן איז ניט געווען אין גאַנץ פוילן, און געשטאַנען איז די פעסטונג אונטער דער הערשאַפט פון דעם פוילישן מאַרשאַל דאָמיניק, און ווען די פוילישע שררות און עלטסטע זיינען אַנטלאָפן פון דער מלחמה, זיינען דאָרט געבליבן עטלעכע הונדערט יידן, וואָס האָבן געמיינט, אַז אין דער פעסטונג וועלן זיי זיך ראַטעווען. אָבער ווען די קאָזאַקן זיינען צוגעקומען נאָענט צו דער שטאָט דובנע, איז אַן עלטסטער פונם מאַרשאַל דאָמיניקס חייל, אינאיינעם מיט אַכציק פון זיינע קריגס־לייט, אַריין אין דער פעסטונג און פאַרריגלט די טויערן און ניט אַריינגעלאָזט קיין יידן אַהין, און אַלע יידן, עלף הונדערט מענטשן אין צאָל, זיינען אויסגעהרגעט געוואָרן ביי די ווענט פון דער פעסטונג״ **).

---

*) זע דר. מאַרק ווישניצערס אַרבעט אין דער רוסישער „יעווריעסקאַיאַ ענציקלאָפּעדיאַ״, באַנד 7, ז׳ 357.

**) יון־מצולה, זז׳ 38-39.

אַזוי האָבן די פּוילישע פּריצים אין דובנע דעמאָלט באַלוינט די יידן דערפאַר וואָס זיי האָבן אינאיינעם מיט זיי זיך געשטעלט אַנטקעגן כמעלניצקין און זיינע קאָזאַקן; זיי האָבן זיי ניט אַריינגעלאָזט אין דער פעסטונג, וואו מהאָט זיך געקענט באַשיצן. און דאָס איז געווען ניט דער איינציקער פאַל אַזאַ; אויך אין טולטשין האָבן די פּוילישע פּריצים פאַרראַטן די יידן, און דאָרט איז די צאָל פון די, וואָס זיינען אומגעקומען איבער דעם, געווען נאָך גרעסער ווי אין דובנע.

ס׳האָט נאָכדעם לאַנג געדויערט ביז מ׳האָט דעם חורבן צוריק אויפגעבויט. אָבער אַפילו דאַן, ווען דער חורבן פון די גזירות ת״ח ות״ט איז שוין געווען אויפגעבויט, איז צו די צרות פון די יידן אין דובנע נאָך אַלץ ניט געקומען קיין סוף, און די גרעסטע צרות האָבן זיי געהאַט פון דער קאַטוילישער קירכע, וואָס האָט דאַן אין פּוילן געהערשט.

די פּאָטערס פון דער קירכע האָבן אַלץ געוואָלט „ראַטעווען יידישע נשמות״. אין אַ סך פּוילישע שטעט האָט מען געצוואונגען יידן, אַז זיי זאָלן אין די בתי־מדרשים און שולן אויסהערן די דרשות פון די, וואָס קומען פּרעדיקן שמד, און ווען אַ ייד האָט אַמאָל דעם קריסטלעכן גלויבן אָנגענומען און ס׳האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן אים צוריק באַקערט צום יידישן גלויבן, האָט מען אים דערפאַר די שרעקלעכסטע עינוים קשים אָנגעטאָן און אים דערנאָך באַשטראָפט מיטן טויט, און דווקא אין יענער צייט האָבן אין דובנע צוויי קריסטלעכע יונגע פרויען אָנגענומען דעם יידישן גלויבן.

דאָס איז געווען אין יאָר 1716. איינע פון די פרויען איז געווען אַן אַלמנה און זי האָט געהייסן מאַרינאַ דאַווידאָוואַ, און די אַנדערע איז געווען אַ מיידל מיטן נאָמען מאַרינאַ וויציכאָוואַ; ביידע האָבן דעם יידישן גלויבן אָנגענומען שטילערהייט, אָבער מ׳האָט זיך דאָך דערוואוסט וועגן דעם און דאַן האָט די קירכע זיי געשטעלט צום געריכט, און ביים משפּט האָט מען געזאָגט, אַז זיי האָבן דאָס געטאָן ניט מיטן אייגענעם ווילן, נאָר יידן אין דובנע האָבן זיי צוגערעדט דערצו, און מען האָט אָנגעגעבן די נעמען פון עטלעכע יידן.

פון דעם וואָס ס׳ווערט דערציילט דערפון אין דובנאָווס „דברי ימי עם עולם״, קען מען זען, אַז די מורא צווישן די דובנער יידן איז דעמאָלט געווען זייער גרויס; זיי האָבן זיך שטאַרק געשראָקן פאַרן אויסגאַנג פונם משפּט, און נאָך גרעסער איז די שרעק געוואָרן ווען איינע פון די אָנגעקלאָגטע, מאַרינאַ וויציכאָוואַ, האָט אין געריכט דערציילט אַ געשיכטע, אַז זי אַליין האָט גאָר קיינמאָל ניט געטראַכט וועגן אַזאַ זאַך ווי אויסבייטן דעם קריסטלעכן גלויבן אויפן יידישן, אָבער אין דער פאַמיליע, וואו זי האָט געדינט, האָט מען איר איינגערעדט, אַז זי זאָל דאָס טאָן און זי האָט שוין געזאָלט חתונה האָבן מיט אַ יידישן בחור, און איצט, האָט זי געזאָגט, איז זי גרייט זיך אומצוקערן צוריק צום קריסטנטום.

אַזוי האָט געזאָגט איינע פון די אָנגעקלאָגטע, און דאָס איז פאַר די יידן פון דובנע געווען ניט גוט. און די אַנדערע פון די צוויי, מאַריאַנאַ דאַווידאָוואַ, האָט זיך געהאַלטן זייער פעסט; אַפילו נאָכדעם ווי מ׳האָט זי שרעקלעך געפּייניקט, האָט זי זיך פעסט ביי איר מיינונג געהאַלטן, אַז די יידישע רעליגיע שטייט העכער פון דער קריסטלעכער, און אַז אַזוי פלעגט אויך זאָגן איר פאָטער, אַ גלח, וואָס איז מיט אַ צייט צוריק געשטאָרבן; די אַלע פּייניקונגען, האָט זי געזאָגט, וועלן ניט העלפן, זי וועט צוריק דעם קריסטלעכן גלויבן ניט אָננעמען, ווייל ער איז איר ניט צום האַרצן, — און דאָס איז פאַר די יידן אין דובנע אויך געווען ניט גוט...

די שטראָף, וואָס מ׳האָט געגעבן די צוויי אָנגעקלאָגטע פרויען, איז געווען זייער אַ שווערע; מ׳האָט זיי פאַרברענט לעבעדיקערהייט, און די עטלעכע יידן, וואָס מ׳האָט אַריינגעצויגן אין דעם משפט, האָט מען באַשטראָפט מיט שמיץ, וואָס מ׳האָט זיי געגעבן עפנטלעך, אין מיטן מאַרק, און צו דעם האָט מען זיי נאָך אַוועקגעשטעלט ביים שאַנד־קלאָץ. און אויף דער גאַנצער יידישער קהילה פון דובנע איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ געלט־שטראָף, וואָס מ׳האָט געמוזט באַצאָלן דער קירכע און די מאָנאַסטירן, און נאָכדעם האָט מען די יידן פון דובנע פאַרבאָטן צו האַלטן קריסטלעכע דינסט־מיידלעך, און ווער ס׳האָט דעם פאַרבאָט ניט אָפּגעהיט, איז שווער באַשטראָפט געוואָרן דערפאַר. די קריסטלעכע קירכע האָט אַלץ מורא געהאַט, אַז יידן זאָלן נאָך, חלילה, ניט באַקערן קיין קריסטלעכע מיידלעך צום יידישן גלויבן.

***

דובנע איז נאָך געווען אין די גרענעצן פון דער פוילישער מלוכה, ווען דער מגיד, וואָס זיין נאָמען איז אויף שטענדיק צונויפגעבונדן געוואָרן מיטן נאָמען פון דער שטאָט, האָט אָנגעהויבן ווערן באַרימט און באַליבט ביי יידן. מ׳האָט אים דעמאָלט נאָך ניט גערופן „דובנער מגיד״, נאָר גלאַט מגיד, און די וואָס האָבן אים נאָענט געקענט, האָבן געוואוסט, אַז קומען קומט ער גאָרניט פון די מקומות, וואָס מ׳רופט געוויינלעך אוקראַינע, נאָר פון גאָר אַן אַנדער געגנט; ער איז גאָר אַ „ליטוואַק״, און געבאָרן געוואָרן איז ער אין זשעטל, לעבן ווילנע, און זיין נאָמען איז יעקב קראַנץ.

ניט מער ווי אַכטצן יאָר איז יעקב קראַנץ אַלט געווען, ווען מ׳האָט אים געבראַכט אין דעם וואָלינער שטעטל מעזעריטש און אים דאָרט געמאַכט פאַרן שטאָטישן מגיד. דאָס איז געווען אין יאָר 1758. און אין יענער צייט איז שוין מעזעריטש געווען דער הויפּט־צענטער פונם חסידיזם, און דאָרט האָט געלעבט

און געווירקט דער גרויסער חסידישער רבי ר׳ דוב־בער מעזעריטשער, וועמען דער בעל־שם־טוב אַליין האָט נאָך ביי זיין לעבן אויסגעקליבן פאַר זיין יורש נאָכן טויט.

ס׳איז זייער מעגלעך, אַז אַראָפּגעבראַכט דעם יונגן מגיד קיין מעזעריטש האָבן די שאַרף־אויסגעשפּראָכענע מתנגדים; זיי האָבן געוואוסט, אַז ער איז אויך אַן אויסגעשפּראָכענער מתנגד, אַ גרויסער אָנהענגער פון דעם ווילנער גאון, און זיי האָבן אַוודאי געדענקט, אַז מיט זיין הילף וועט זיך זיי איינגעבן אָפּ־צושטעלן דעם איינפלוס פון דעם חסידישן רבי, דוב־בער, וואָס איז אַליין אויך אַ גוטער מגיד. אָבער דאָס האָט זיך זיי דאָך ניט איינגעגעבן; רבי דוב־בערס גרויסן איינפלוס האָט קיינער ניט געקענט אָפּשוואַכן, און נאָכדעם ווי דער יונגער מגיד איז אָפּגעווען אין מעזעריטש צוויי יאָר, איז ער פון דאָרט אַוועק אין דעם שטעטל זשאָלקיעוו, אין גאַליציע, און דערנאָך האָט מען אים אַראָפּגע־בראַכט קיין דובנע און דאָרט איז ער געווען שטאָטישער מגיד גאַנצע אַכטצן יאָר, און כאָטש ער איז שפּעטער געווען אַ מגיד אין נאָך אַנדערע שטעט אויך, איז ער אָבער ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן געבליבן ביים נאָמען „דובנער מגיד״. מ׳האָט אים אין ערגעץ אַנדערש ניט גערופן — ניט ווען מ׳האָט גערעדט צו אים און אויך ניט ווען מ׳האָט גערעדט וועגן אים; אָפּט האָט מען גאָר זיין אמתן נאָמען פאַרגעסן, און אַלע מאָל, ווען ס׳איז נאָר געקומען צו רייד וועגן עפּעס, וואָס מ׳האָט פון אים געהערט, האָט מען געוויינלעך געזאָגט:

„דער דובנער מגיד ברענגט אַ משל״...

דעם דובנערס משלים האָבן געהאַט אַ שם אומעטום וואו ס׳וואוינען נאָר יידן. אַפילו חסידים האָבן ליב געהאַט זיינע משלים צו הערן, אויב ער האָט נאָר ניט אַריינגעזאָגט עפּעס אַ שאַרף וואָרט אויפן חשבון פונעם רבין; ס׳איז גאָר ניט געווען קיין איין פּסוק אין דער תורה, קיין איין מאמר אין דער גמרא, אויף וואָס ער זאָל ניט קענען ברענגען עפּעס אַ משל, און יעדער משל זיינער איז געווען קלוג און האָט זיך זייער גוט געפּאַסט צום נמשל: ס׳האָט פון אים געשטראָמט מיט שאַרפזין ווי פון אַ קוואַל, וואָס שעפּט זיך קיינמאָל ניט אויס, און ס׳ווערט דערציילט, אַז ווען דער ווילנער גאון, מיט וועמען ער איז געווען זייער גוט באַפריינדעט, האָט ביי אים אַמאָל געפרעגט ווי אַזוי ער קען צו אַלץ באַלד אויפן אָרט צוטראַכטן אַזאַ משל, וואָס פּאַסט זיך, האָט ער דערויף אויך געענטפערט מיט אַ משל:

„אַ רייכער פּריץ, — האָט ער אָנגעהויבן דערציילן דעם ווילנער גאון אַ מעשה, — האָט אַמאָל אַוועקגעשיקט זיין זון אין אַ גרויסער שטאָט, ער זאָל זיך דאָרט אינם מיליטער אויסלערנען גוט שיסן און די אַלע אַנדערע קענטעניש, וואָס מ׳דאַרף קענען ווען מ׳האַלט מלחמה. פינף יאָר האָט דער זון זיך געלערנט

אין דער גרויסער שטאָט און ווען ער איז שוין געווען גוט געלערנט און דערצו נאָך איינער פון די בעסטע שיסער, האָט ער זיך געלאָזט פאָרן צוריק אַהיים צום טאַטן און אים וויזן דעם גילדערנעם מעדאַל, וואָס ער האָט געקראָגן. אויפן וועג איז אים אויסגעקומען זיך אָפּצושטעלן אין אַ דאָרף און דאָרט האָט ער אויף דער וואַנט פון אַן אַלטער שטאַל דערזען אַ סך לעכעלעך פון קוילן, וואָס אימיצער האָט אַריינגעשאָסן, און אַרום די לעכעלעך זיינען געווען קיילעכדיקע רעדעלעך, געצייכנט מיט קרייד. איז דער יונגער פּריץ געבליבן שטיין אַ פאַר־גאַפטער און געהייסן, אַז מ׳זאָל אים ברענגען דעם מענטשן, וואָס האָט דאָס געטאָן, און ער איז געווען זיכער, אַז יענער איז אַוודאי געלערנט אין שיסן נאָך מער פון אים, אָבער ווי איבערראַשט איז ער געוואָרן ווען מ׳האָט צו אים געבראַכט אַן אָרעם פויערל, אַ באָרוועסן און אין צעריסענע קליידער.

— זאָג מיר, — האָט דער יונגער פּריץ געפרעגט ביי דעם באָרוועסן פויערל, — וואו האָסטו זיך אויסגעלערנט אַזוי גוט שיסן און ווי אַזוי קענסטו אַלע קוילן טרעפן פּונקט אין מיטן פון די רעדעלעך, וואָס דו צייכנסט אָן מיט קרייד?

— ס׳איז ניט אַזוי, פּריץ־לעבן, — האָט דאָס באָרוועסע פויערל געענט־פערט, — פריער שיס איך אין דער וואַנט ווי ס׳מאַכט זיך און נאָכדעם גיי איך צו און איך מאַך מיט קרייד רעדעלעך אַרום די לעכעלעך פון די קוילן.

„דאָס אייגענע איז מיט מיר, — האָט דער דובנער מגיד געזאָגט צום ווילנער גאון, — ווען ס׳פאַלט מיר איין אַ שיינע מעשה, אָדער איך הער פון אימיצן אַ שיינעם משל, פּאַס איך שוין ווי ס׳ניט איז צו אַ נמשל צו דעם און איך באַנוץ זיך דערמיט אין אַ דרשה. איר פאַרשטייט? פריער שיס איך און ערשט נאָכדעם מאַך איך דאָס רעדעלע און ס׳הייסט, אַז איך האָב געטראָפן פּונקט וואו מ׳דאַרף...״

אין די דרשות, וואָס דער דובנער מגיד האָט געהאַלטן אין די שולן און בתי־מדרשים פון די אַלע שטעט און שטעטלעך, וואָס ער האָט באַזוכט אויף די אָפטע רייזעס וואָס ער האָט געמאַכט, פלעגט ער געוויינלעך זייער שטאַרק מוסרן יידן. דאָס איז געווען זיין שטייגער, און איבער דעם אַליין האָט ער שוין ניט געקענט זיין קיין חסיד, ווייל לויטן בעל־שם־טוב און אויך לויט ר׳ לוי־יצחק באַרדיטשעווער, וואָס איז געווען אין איינע יאָרן מיטן דובנער מגיד, איז געווען אַ זינד צו זאָגן יידן מוסר און האָבן טענות צו זיי; ניט אין מוסר נויטיקן זיך יידן, נאָר אין אַ טרייסט־וואָרט, וואָס זאָל שטאַרקן די האָפענונג אין האַרצן; מ׳דאַרף אין זיי ניט זוכן דאָס שלעכטע, נאָר זען דאָס גוטע, ווייל אין דער אמתן האָבן זיי יוצא געווען פאַר גאָט מער ווי ער פאַר זיי. אַזוי האָט געהאַלטן לוי־יצחק באַרדיטשעווער, דער גרויסער פאַרטיידיקער פון יידישן פאָלק, און

ער איז אין דעם געגאַנגען אין די וועגן פונם בעל־שם־טוב. דער דובנער מגיד אָבער האָט דערויף אַנדערש געקוקט; זיין מיינונג איז געווען, אַז נאָר מיט מוסר און שטראָף־רייד קען מען אַרויפפירן יידן אויפן גלייכן וועג, און ער האָט דעריבער געשטראָפט און געמוסרט אין זיינע דרשות. און מ׳דערציילט, אַז אַפילו דעם ווילנער גאון האָט ער ניט געשאַנעוועט, אַפילו אים האָט ער אויך געזאָגט מוסר, און דער גאון האָט דאָס דווקא ליב געהאַט. אַלע מאָל ווען דער דובנער מגיד איז געקומען צו אים צו גאַסט, האָט ער געבעטן, ער זאָל אים דערציילן עפּעס אַ שיינע מעשה, וואָס האָט אַ משל מיט אַ נמשל, און ער האָט אויך געוואָלט, ער זאָל אים זאָגן אַ ביסל מוסר...

דאָס האָט דער דובנער מגיד געקענט מער ווי די אַלע אַנדערע לומדים און מגידים פון זיין דור. און איינמאָל האָט ער טאַקע דעם ווילנער גאון געשטראָפט דערפאַר וואָס ער האַלט זיך אַזוי אינגאַנצן אָפּגעזונדערט פון דער וועלט און האָט גאָרניט אין זינען קיין אַנדער זאַך ווי נאָר לערנען תורה און שרייבן ספרים:

— ס׳איז ניט קיין קונץ צו זיין אַזוי באַרימט, — האָט ער צו אים געזאָגט, — ווען מ׳פאַרשפּאַרט זיך שטענדיק אין חדרי־חדרים אַזוי ווי איר און מ׳האַלט זיך אָפּגעזונדערט פון מענטשן און מ׳קומט קיינמאָל ניט צווישן אַן עולם... זעט איר, ווען איר וואָלט אַרומגעפאָרן צווישן שטעט און שטעטלעך, ווען איר וואָלט זיך געטראָפן מיט אַ סך מענטשן און זיך געמישט אומעטום, און נאָכדעם וואָלט איר נאָך אַלץ געבליבן באַרימט — דאָס, זעט איר, וואָלט געווען אַ קונץ!...

דער גאון האָט זיך, אַפּנים, געפילט שטאַרק געטראָפן דערפון. און ס׳ווערט דערציילט, אַז ער האָט זיך פאַרטראַכט, און נאָכדעם האָט ער דערויף געענטפערט קורץ:

— נו, בין איך ניט קיין קונצן־מאַכער!...

*
**

כאָטש דער דובנער מגיד איז געווען אַ גרויסער למדן, האָט ער אין זיינע דרשות פאַרן עולם זיך דאָך אויסגעהיט פון שאַרפן פּלפּול; ער איז אין זיינע רעדעס געווען דער קינסטלער פונם משל, דער שיינער דערציילער, דער נאָווע־ליסט שבעל פה, אויב מ׳קען זיך אַזוי אויסדריקן; אין דער זעלבער צייט וואָס דער עיקר איז ביי אים געווען דער מוסר, די מאָראַל, און די כוונה איז געווען אַרויפצופירן יידן אויף אַזאַ וועג, אַז זיי זאָלן אָפּהיטן די תורה און טאָן מעשים־טובים, האָט ער אויך אין זינען געהאַט די וויכטיקייט פון רעדן אויף אַזאַ שטייגער,

אַז מענטשן זאָלן קענען ווערן שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דעם וואָס ער רעדט און דאַן וועט זיך שוין צו זיי במילא צוקלעפּן דער מוסר־השכל, וואָס ער ברענגט אַרויס אין זיין דרשה. און איינמאָל, ווען ער האָט געהערט ווי אַ רב אַ למדן האַלט אין אַ שול אַ דרשה און ער וואַרפט מיט פּסוקים און מאמרים און וויזט חריפות אין שאַרפן פלפול, האָט ער אים נאָכדעם געזאָגט, אַז ער וויל אים דערציילן אַ מעשה, און ער האָט אים דערציילט:

„אין אַ גרויסער שטאָט, — האָט ער געזאָגט, — האָט אַמאָל געוואוינט אַ גרויסער סוחר, וואָס איז געווען זייער אַ קלוגער מענטש. ער האָט געזען, אַז אין שטאָט וואוינען אַ סך רייכע לייט, גבירים־אַדירים, האָט ער געעפנט אַ געשעפט פון דימענטן און בריליאַנטן, און ער האָט געהאָט אַ סך קונים אויף זיי. מיט אַ צייט שפּעטער האָט ער זיך באַזעצט אין אַ קליין שטעטל. דאָרט האָבן געוואוינט אַ סך אָרעמע לייט, גרויסע קבצנים, נעבעך, האָט דער קלוגער סוחר דאָרט געעפנט אַ קליין קרעמל און ער האָט פאַרקויפט הערינג, זאַלץ, קעראָסין און אַנדערע פּראָסטע סחורות, און ער האָט דערויף אויך אַ סך קונים געהאָט.

„אַזוי איז דאָס געגאַנגען, ביז ס׳איז צו אים איינמאָל געקומען זיינער אַ פריינד פון דער גרויסער שטאָט.

— איך פאַרשטיי ניט, — האָט דער פריינד פון דער גרויסער שטאָט צו אים געזאָגט, — ווי פּאַסט עס גאָר פאַר דיר, פאַר אַ סוחר פון דימענטן און בריליאַנטן, צו האַנדלען מיט הערינג און מיט זאַלץ און מיט די אַלע אַנדערע פּראָסטע זאַכן? ס׳איז ניט שיין!...

האָט דער קלוגער סוחר אים דערויף געענטפערט:

— ס׳איז טאַקע שלעכט וואָס איר פאַרשטייט ניט, אָבער הערט וואָס איך וועל אייך זאָגן: דאָרט, אין דער גרויסער שטאָט, זיינען געווען אַ סך מענטשן מיט געלט, און דערצו זיינען זיי נאָך געווען מבינים אויף דימענטן און בריליאַנטן. דאָ אָבער וואוינען אָרעמע מענטשן, פּשוטע בעלי־מלאכות, וואָס אַרבעטן, נעבעך, זייער שווער. ניט זיי דאַרפן דימענטן און בריליאַנטן, ניט זיי זיינען מבינים דערויף. וואָס זיי דאַרפן יאָ איז — הערינג, זאַלץ, קעראָסין, ברויט און אַנדערע נויטיקע זאַכן, און זיי קומען צו מיר, ווייל זיי ווייסן, אַז דאָס קריגן זיי ביי מיר...

„דאָס אייגענע, — האָט דער דובנער מגיד געזאָגט, — איז מיט אַ רב אַ למדן, וואָס שטעלט זיך אַוועק וויזן חריפות אין פלפול פאַר פּשוטע יידן, וואָס האָבן ווייניק געלערנט און וואָס פאַרשטייען ניט וואָס דער רב זאָגט“.

פון דעם קען מען דרינגען, אַז אין אַ געוויסן זין איז דער דובנער דאָך געשטאַנען אַ ביסל נאָענט צו חסידות: אָבער טאַקע ניט מער ווי אַ ביסל. אין דער זעלבער צייט וואָס ער האָט געהאַלטן פון פּשטות און ליב געהאָט צו דערציילן

משלים און מעשיות — צווי אייגנשאַפטן, וואָס זיינען געווען טיף איינגעוואָרצלט אינעם חסידיזם — איז דער עיקר ביי אים דאָך געווען דאָס זאָגן מוסר דעם עולם, די שטראָף־רייד, וואָס האָבן געוואָרנט און געשראָקן, און דאָס איז געווען אין היפוך צו דעם וואָס די אמתע תלמידים פונם בעל־שם־טוב האָבן גע־פּרעדיקט.

⁂

ס׳איז דעם דובנער מגיד אָפט אויסגעקומען זיך צו טרעפן מיט נגידים ניט נאָר אין דובנע, נאָר אויך אין אַנדערע שטעט, וואו ער פלעגט אַמאָל קלייבן געלט אויף פדיון שבויים, אָדער גלאַט פאַר אָרעמע־לייט און אַמאָל אויך פאַר זיך, נאָכדעם ווי ער האָט געהאַלטן אַ דרשה אין אַ שול. און ער האָט זיי זייער ניט ליב געהאַט, די נגידים, וואָס זיינען שטענדיק פאַרטאָן נאָר אין זיך, און ווען ער האָט נאָר געקענט האָט ער זיי שאַרף אַריינגעזאָגט.

איינמאָל, ווען ער האָט אין דובנע געהאַלטן אַ דרשה, האָט ער דערציילט ווי אַ גביר האָט אים אַנומלטן געשטעלט אַ קלאָץ־קשיא: „זאָגט מיר, איך בעט אייך, דובנער מגיד, — האָט דער גביר מיך געפרעגט, — פאַרוואָס זעט מען אייך אָפט גיין צו די גבירים, אָבער מ׳זעט קיינמאָל ניט, אַז אַ גביר זאָל קומען צו אייך?״ אַזוי האָט ער ביי מיר געפרעגט, דער נגיד. און ווייסט איר, רבותי, וואָס איך האָב אים דערויף געענטפערט? איך האָב אים געענטפערט, אַז דאָס איז דערפאַר, וואָס מיר האָט גאָט געגעבן שכל צו וויסן, אַז ס׳פעלט מיר געלט, גיי איך דעריבער צו די גבירים; די גבירים אָבער ווייסן ניט, אַז ס׳פעלט זיי שכל, און דערפאַר קומען זיי ניט צו מיר...״

און ביי אַן אַנדער געלעגנהייט, ווען מ׳האָט אים געפרעגט, וואו איז דער שכל, וואָס אַ גביר גיט געווינלעך גיכער אַ נדבה אַ בלינדן אָרעמאַן, אָדער אַ קרומען אָרעמאַן, איידער אַ זאַ וואָס איז אַ תלמיד־חכם און האָט ניט פון וואַנען צו לעבן, האָט ער דערויף געענטפערט, אַז דער שכל איז דאָ אַ גאַנץ פשוטער:

„אַ גביר, — האָט ער געזאָגט, — קען דאָך קיינמאָל ניט זיין זיכער וואָס שפּעטער וועט זיין. ס׳פאַלט אים אַמאָל איין, אַז ער קען נאָך, חלילה, אַמאָל ווערן בלינד אָדער קרום, ווארעם אַ מענטש איז דאָך ניט ביי זיך אין די הענט. איין זאַך אָבער איז ער זיכער, און דאָס איז, אַז וואָס־וואָס — קיין תלמיד־חכם וועט ער קיינמאָל ניט ווערן...״

אויף אַלץ אין דער וועלט האָט דער דובנער מגיד געהאַט אַ משל, און קיינער פון די אַנדערע מגידים אין יענער צייט איז ניט געווען אַזאַ מייסטער צו דערציילן אַ מעשה אין אַ דרשה אַזוי ווי ער האָט דאָס געקענט. ניט נאָר די שיינקייט פון דעם משל מיטן נמשל האָט געקענט פאַרכישופן אַן עולם, נאָר

אויך דער מגידישער ניגון פונם דובנער. דאָס איז דער ניגון וואָס די מגידים פון די שפּעטערדיקע דורות האָבן איבערגענומען. און עס ווערט דערציילט, אַז איינמאָל, ווען ער האָט געהאַלטן אַ דרשה וועגן דעם אַלטן דור און דעם נייעם דור, האָט ער, מיט דעם געשמאַקן מגידישן ניגון זיינעם, ווי זיין שטייגער איז געווען אַלע מאָל, אין מיטן געגעבן אַ זאָג:

„און איצטער, רבותי, וועל איך אייך דערציילן אַ מעשה: אַ ייד אַ בעל־הבית איז אַמאָל ערב שבת־פאַרנאַכט געקומען פונם וועג אַהיים. אין דרויסן האָט שוין געהאָט אָנגעהויבן צו ווערן פינצטערלעך, האָט דער ייד איבערגעלאָזט זיין פּעקל ביים בעל־עגלה און אַליין איז ער אַוועק אַהיים אין גרויס איילעניש און געבעטן, מ׳זאָל אים צושיקן דאָס פּעקל מיט אַ גוישן שליח. דער שליח האָט שפּעטער געבראַכט דאָס פּעקל, עס אַוועקגעלייגט אין פאָדערשטיבל און נאָכ־דעם איז ער אַריין צום בעל־הבית אין שטוב און אים אָנגעזאָגט, אַז ער האָט שוין דאָס פּעקל געבראַכט, און דערביי האָט ער געסאָפּעט זייער שווער און זיך געווישט דעם שווייס פונם פּנים מיטן אַרבל פונם העמד.

„וואו־זשע איז דאָס פּעקל? — האָט דער בעל־הבית געפרעגט דעם שליח.

„דאָרט אין פאָדער־שטיבל, — האָט דער שליח געענטפערט, — אַ שווער פּעקל. איך האָב עס קוים דערטראָגן אַהער!...

„ס׳איז אַוודאי ניט מיין פּעקל, — האָט דער בעל־הבית געזאָגט, — ניט אַנדערש נאָר דו האָסט דאָס פאַרביטן...

„ניין, ס׳איז יאָ אייער פּעקל, — האָט דער שליח זיך געעקשנט, — אָט גייט אומיסטן אַריין אין פאָדער־שטיבל, וועט איר זען, אַז ס׳איז אייערס.

„אָבער דער בעל־הבית האָט אינם פאָדער־שטיבל ניט געדאַרפט אַריינגיין צו זען מיט די אויגן, אַז מ׳האָט אים געבראַכט אַ פרעמד פּעקל.

„איך זע דאָס, — האָט ער געזאָגט, — פון דעם וואָס דו סאָפּעסט אַזוי שווער און פון דעם וואָס דו האַלסט אין איין ווישן דעם שווייס פונם פּנים מיטן אַרבל פונם העמד. ווען דו וואָלסט געטראָגן מיין פּעקל, וואָלסטו אַזוי ניט געסאָפּעט, וואָלסטו זיך אַזוי ניט באַגאָסן מיט שווייס. וואָרעם מיין פּעקל איז אַ גרינגס און ס׳איז גאָרנישט אַזוי שווער דאָס צו טראָגן...

„דאָס, רבותי, — האָט דער דובנער מגיד געזאָגט, — איז דער משל, און ווייסט איר אויף וועמען ס׳גייט דער נמשל? דער נמשל גייט אויף יענע יידן, וואָס נעמען אויף זיך אַרויף שווערע פּעקלעך, וואָס זיינען גאָר ניט זייערע, נאָר פרעמדע... זיי ווילן פאַרזאָרגן אַ וועלט, וואָס איז גאָר ניט זייערע, און זיי מיינען, אַז זיי טוען דערמיט זייער אַ גוטע זאַך, אָבער דער אויבערשטער זאָגט צו זיי: ניין, קינדער, דאָס זיינען ניט מיינע פּעקלעך!... די תורה, וואָס איך האָב אייך געגעבן אָפּצוהיטן, איז גאָר ניט אַזאַ שווער פּעקל ווי איר מיינט. און

ווען איך זע ווי איר סאָפּעט אַזוי שווער און ווי אירווישט זיך דעם שווייס פונם פּנים מיטן אַרבל פונם העמד, פאַרשטיי איך שוין, אַז דאָס איז ניט פון מיין פּעקל, נאָר פון די פרעמדע פּעקלעך, וואָס איר טראָגט"...

דער דובנער מגיד איז געווען אַ וועלט־מענטש. ער איז אין זיין לעבן אַ סך אַרומגעפאָרן איבער אוקראַינע, ליטע און פּוילן, און ער איז אויך געווען אין דייטשלאַנד און דאָרט האָט ער זיך באַקענט מיט משה מענדעלסאָן און יענער האָט פון אים זייער שטאַרק געהאַלטן; ער האָט באַוואונדערט זיין קלוג־שאַפט, זיין שאַרפזין, און ער האָט אים פאַרגליכן צו דעם גרעסטן גריכישן פאַבל־קינסטלער עזאָפּ. „דאָס איז אַ יידישער עזאָפּ", — האָט דער פילאָסאָף מענדעלסאָן, דער פאָטער פון אויפקלערונג ביי יידן, געזאָגט וועגן דעם פרומען דובנער מגיד ר' יעקב, וואָס האָט אים אַזוי איבערראַשט מיט זיין חכמה און מיט זיין אויסערגעוויינלעכן טאַלאַנט צו שאַפן משלים.

ווי ס'פירט זיך געוויינלעך, האָט זיין באַרימטקייט צווישן יידן אַרויסגערופן קנאה ביי אַנדערע מגידים פון יענער צייט. און איינמאָל, ווען ער האָט אין דובנע גאָר שטאַרק אויסגענומען מיט אַ דרשה, וואָס ער האָט געהאַלטן אין שול, איז צו־געקומען צו אים אַן אַנדער מגיד, וואָס האָט מיט עטלעכע טעג פריער ניט אויסגענומען מיט אַ דרשה, און מאַכנדיק אַן אָנשטעל, אַז ער איז דאָ קיין שלעכטס ניט אויסן, האָט ער אים געשטעלט אַ פראַגע:

— וואָס איז דער שכל פון דעם וואָס איר נעמט אַלע מאָל אַזוי שטאַרק אויס ביים עולם און איך ניט? דער אמת איז דאָך אַוודאי, אַז איר טראַכט ניט אויס אייערע משלים פון קאָפּ, נאָר איר האָט זיי אַוודאי געפונען ערגעץ אין ספרים, אָדער איר האָט זיי פון אימיצן געהערט, און איך טו אויך דאָס זעלבע. איר כאַפּט זיך אָן אָן אַ פסוק פון דער תורה, אָדער אָן אַ מאמר פון דער גמרא, און איר דרשנט דערויף, און איך טו אויך דאָס זעלבע. איז פאַרוואָס לויפט מען אומעטום הערן אייערע דרשות און מיינע ניט? אדרבא, גיט מיר צו פאַר־שטיין!...

און דער דובנער האָט דאָס אים געגעבן צו פאַרשטיין מיט אַ משל ווי געוויינלעך:

— דאָס — האָט ער געזאָגט, — איז געגליכן צו צוויי גנבים. איינער גנבעט צו אַ פאַרטיקע פּאָר שיך און ער פאַרקויפט זיי בחצי־חינם. מען גיט אים פאַר זיי אַ קערבל, נעמט ער. אים קאָסטן דאָך די שיך גאָרניט, מאַכט דעריבער ניט אויס וויפל מען גיט אים. דער אַנדערער אָבער טוט ניט אַזוי. אויב ער גנבעט, גנבעט ער ניט קיין פאַרטיקע פּאָר שיך, נאָר אַ שטיק רויע פעל. פון דער פעל מאַכט ער לעדער, נאָכדעם נעמט ער די לעדער און שניידט צו לויט אַ מאָס און דערנאָך נייט ער מיט אַן אָל און מיט אַ נאָדל, און ער קלאַפּט אַריין פלעקלעך

וואו מען דאַרף און דאָ גיט ער אַ פּוץ מיט אַ בערשטל און דאָרט גיט ער אַ שמיר מיט לאַקיר ביז עס קומט אַרויס אַ פּאָר שיינע שיך, אַז עס איז אַ פאַרגעניגן צו קוקן אויף זיי, און דאַן פאַרקויפט ער זיי פאַר צען קערבלעך — און ער, פאַרשטייט איר מיך, איז שוין ניט קיין גנב, נאָר אַ מייסטער, ממש טאַקע אַ קינסטלער אין זיין פאַך....

⁂

עס איז ניט אויסצושעפּן דעם קוואַל פון די משלים, וואָס זיינען צעוואָרפן דאָ און דאָרט אין די ספרים וואָס זיינען געבליבן פונם דובנער מגיד — אין „אוהל יעקב“, „קול יעקב“, „כוכב מיעקב“, „אמת ליעקב“ און „ספר המדות“, וואָס זיין געטרייער תלמיד אברהם־בעריש פלאַם, האָט צונויפגעזאַמלט און אַרויסגעגעבן ערשט נאָך זיין טויט. אויך אויף יידיש זיינען זיינע משלים אַרויס אין צוויי בענדער און געזאַמלט האָט זיי דער שריפטשטעלער תשר״ק (זעווין), אָבער צום באַדויערן האָט ער אין זיי ניט אַריינגעטראָגן דעם סדר, וואָס מען האָט געקענט אַריינטראָגן, ווען מען וואָלט זיך גענומען די מי זיי צונויפצושטעלן לויט די ענינים און פראַגן, וואָס ווערן דאָרט אָנגערירט. עס איז דאָך אין דעם יידישן לעבן פון אַכטצנטן יאָרהונדערט ניט געווען קיין איין פראַגע, וואָס דער דובנער מגיד האָט אין זיינע משלים ניט אָנגערירט, און עס איז ניט געווען קיין איין ווינקל אין דעם יידישן לעבן, וואָס זאָל אים ניט אינטערעסירן. און די ענטפערס, וואָס ער האָט געגעבן אין זיינע משלים, — אַפילו ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ גאַנץ געוויינלעכער זאַך, — זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט קלוגשאַפט און וואָס זיינען ווערט מען זאָל זיי געדענקען און אויך איבערזאָגן, ווען מען קען נאָר געפינען אַ פּאַסיקן נמשל דערצו...

ווען מען האָט דעם דובנער מגיד אַמאָל געפרעגט, פאַרוואָס ער נעמט געצאָלט פאַר זיינע דרשות, בעת דער עיקר פון זיין כוונה איז דאָך צו זאָגן יידן מוסר און שטראָף־רייד, כדי זיי אויסצוהיטן פון זינד און זיי אַרויספירן אויפן גוטן וועג, האָט ער זיך געגעבן אַ שפּיל מיט אַ וואָרט, ווי אַן אמתער מייסטער פון שפּראַך, און האָט דערויף געענטפערט:

— וואָס דאַרפט איר מער, אַפילו גאָט שטראָפט די יידן ניט אומזיסט...

אָפטמאָל האָט מען געהאַט טענות צום דובנער מגיד, פאַרוואָס ער שטראָפט אַזוי יידן, פאַרוואָס ער איז בעסער ניט אַ מליץ־יושר. און אין אַ דרשה, וואָס ער האָט אין דובנע געהאַלטן וועגן דעם, האָט ער אויף די דאָזיקע טענות געענטפערט מיט אַ משל:

„איינער האָט אַמאָל געהאַט אַ טייער פוטערל“, — האָט ער מיט אַ ניגון אָנגעהויבן דערציילן אַ מעשה, — „און ער האָט דאָס פוטערל געמוזט פאַרמשכונען,

ווייל עס איז אים געגאַנגען זייער שלעכט און דאָס מזל האָט זיך אָפּגעטאָן פון אים. עס איז אַוועק אַ לאַנגע צייט און ער האָט דאָס טייערע פּוטערל ניט געקענט אויסקויפן צוריק ביי דעם מלווה, און דער מלווה האָט געזען, אַז עס נעמט קיין סוף ניט, האָט ער געשיקט נאָך אַ שניידער און אים געהייסן צעשניידן דאָס פּוטערל און דאָס איבערנייען אויף זיין מאָס. ווען דער אָרעמער מענטש האָט זיך פון דעם דערוואוסט, איז ער געלאָפן פון איין פריינד צום אַנדערן און פאַר יעדן פון זיי האָט ער געוויינט מיט ביטערע טרערן און געבעטן, זיי זאָלן אים געבן געלט אויסצולייזן דאָס טייערע פּוטערל, וואָס ער האָט, נעבעך, געמוזט פאַרזעצן ביי יענעם.

„אָבער זאָג מיר, — האָט איינער פון די פריינד אים געפרעגט אַ קשיא, — פאַרוואָס האָסטו פריער אַזוי לאַנג געשוויגן? עס איז דאָך שוין אַ צייט זינט דאָס טייערע פּוטערל דיינס איז פאַרזעצט, און דו האָסט זיך קיינמאָל ניט גע־קלאָגט דערויף. איז פאַרוואָס לייגסטו איצטער איין די וועלט? פאַרוואָס קלאָגסטו איצטער דערויף אַזוי שטאַרק?

„און ווייסט איר, רבותי, וואָס דער אָרעמער מענטש האָט דערויף גע־ענטפערט?

„איצטער איז גאָר עפּעס אַנדערש, — האָט ער דערויף געענטפערט. — ווען מיין פּוטערל איז ביים מלווה נאָך געלעגן גאַנץ, האָב איך נאָך געקענט האָבן אַ האָפענונג, אַז איך וועל עס אויסלייזן. אָבער ווען ער וויל עס צעשניידן און איבערמאַכן אויף זיין מאָס, וועל איך דאָך שוין מער אַפילו קיין האָפענונג ניט קענען האָבן, אַז איך וועל אַמאָל נאָך דאָס טייערע פּוטערל קענען אָפּנעמען צוריק, און דערפאַר שריי איך אַזוי, דערפאַר לייג איך איין די וועלט...

„דאָס, רבותי, איז דער משל. און איצט הערט אויס דעם נמשל:

„מיר, יידן, זיינען ביי גאָט דאָס טייערע פּוטערל, וואָס ער האָט אַוועקגעגעבן די אומות העולם פאַר אַ משכן צו זיין ביי זיי אין גלות ביז ער וועט אונדז צוריק אויסלייזן און מיר וועלן ווידער קענען זיין אַ פאָלק צווישן פעלקער. און כל־זמן יידן האָבן געלערנט תורה און אָפּגעהיט יידישקייט, האָבן זיי נאָך געקענט האָפן, אַז מען וועט זיי צוריק אויסלייזן; אָבער ווען זיי האָבן זיך אָנגעהויבן דערווייטערן פון יידישקייט, און די גויים האָבן שוין פאַרטראַכט זיי איבערצומאַכן לויט זייער מאָס, וועט דאָך נאָך חלילה, קומען דערצו, אַז יידן וועלן שוין קיינמאָל ניט אויס־געלייזט ווערן. און דערפאַר דאַרף מען שרייען, דערפאַר דאַרף מען איצטער אַזוי איינלייגן די וועלט!...“

אין דעם מוסר, אין די שטראָף־רייד, האָט דער דובנער מגיד אויך געקענט אַריינגעבן אַ סך הומאָר אין די דרשות, וואָס ער האָט געהאַלטן. ווען ער האָט איינמאָל נאָך די ימים־נוראים געהאַלטן אַ רעדע וועגן די תפילות פון ראש־

השנה און יום־כיפּור, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף דער תפילה „אָבינו מלכנו". און דערביי האָט ער דערציילט, אַז איינער האָט ביי אים אַמאָל געפרעגט, פאַר־וואָס אַלע „אבינו מלכנוס" שרייט מען אויס אויפן קול, און ווען עס קומט צום לעצטן „אבינו מלכנו, חננו ועננו כי אין בנו מעשים" (אונזער פאָטער, אונזער מלך, דערבאַרעם זיך און ענטפער אונדז, וואָרעם קיין מעשים־טובים האָבן מיר ניט), זאָגט מען דאָס אָפּ שטיל, קוים וואָס מען הערט אַ וואָרט.

„עס איז דאָ אַ טעם דערביי",—האָט ער געזאָגט.—„און איך וועל אייך דערזיף ברענגען אַ משל: אַ שניט־קרעמער פון אַ קליין־שטעטל קומט צופאָרן אין אַ גרויסער שטאָט קויפן סחורה. גייט ער אַריין אין אַ גרויס געשעפט און מאַכט דערביי אַ גרויסן אָנשטעל: ער דאַרף, זאָגט ער, אַזוי פיל און אַזוי פיל אַרשין לייוונט, אַזוי פיל און אַזוי פיל אַרשין זייד און אַזוי פיל און אַזוי פיל אַרשין סאַמעט. אַלץ וואָס ער זעט נאָר מיט די אויגן, דאַרף ער. עס איז גאָר נישטאָ קיין איין זאַך, וואָס ער זאָל ניט דאַרפן... נו, מיינט מען, אַז ער איז אַוודאי גאָר אַ גרויסער קונה, און מען הויבט אים אָן ווייזן כלערליי סאָרטן סחורות, און ער קלייבט אויס וואָס ער דאַרף און הייסט מען זאָל עס אים איינפּאַקן. און ווען אַלץ איז שוין אָפּגעשניטן און איינגעפּאַקט, הויבט ער מיטאַמאָל אָן רעדן גאָר אַנדערש; ער שרייט מער ניט אויפן קול, ער שאָפּט זיך מער ניט מיט קיינעם, עס איז שוין גאָרניט דער אָנשטעל וואָס פריער, און צוגייענדיק צום בעל־הבית פון דער גרויסער שניט־קראָם, זאָגט ער צו אים שטילערהייט:

— האָט קיין פאַראיבל ניט; קיין געלט האָב איך איצטער ניט. איר וועט זיין אַזוי גוט און מיר געבן די סחורה אויף אַ וועקסל...

„אַזוי איז אויך מיט אונז, ווען מיר קומען צום „אבינו מלכנו". מיר שרייען אויפן קול: „אבינו מלכנו, כתבנו בספר חיים טובים" — פאַרשרייב אונז, גאָטעניו, אין דעם בוך פון גוט לעבן! „אָבינו מלכנו, כתבנו בספר פּרנסה וכלכלה" — פאַרשרייב אונדז, רבונו־של־עולם, אין דעם ספר פון פּרנסה און שפּייז! „אָבינו מלכנו, כתבנו בספר גאולה וישועה" — פאַרשרייב אונז אין דעם בוך פון אויסלייזונג און הילף!... מיר מאָנען אויפן קול און מיר זאָגן בפירוש, אַז דאָס און דאָס ווילן מיר. אָבער ווען עס קומט צום סוף, ווען מען דאַרף באַצאָלן פאַר די אַלע זאַכן, זאָגן מיר דעם רבונו־של־עולם שטילערהייט, אַז מיט וואָס צו באַצאָלן האָבן מיר ניט, קיין מעשים טובים פאַרמאָגן מיר ניט, איז זאָל ער דערפאַר קיין פאַראיבל ניט האָבן און אונז געטרויען אויף אַ וועקסל..."

ניט נאָר אין דובנע, נאָר אומעטום, וואוהין דער דובנער מגיד ר' יעקב איז נאָר געקומען, האָט ער געהאַט אַ סך הייסע אָנהענגער, וואָס זיינען צו יעדער צייט געווען גרייט צו לויפן הערן זיינע דרשות. אַפילו די וואָס האָבן ניט גע־וואָלט ליידן וואָס ער מוסרט אַזוי שטאַרק, האָבן אויך ליב געהאַט זיינע דרשות

צו הערן און זיי האָבן אָנגעקוואָלן פון די משלים, וואָס ער האָט געבראַכט. ער האָט אָבער געהאַט ניט ווייניק שונאים אויך, און צווישן זיי זיינען געווען אַזעלכע, וואָס מען האָט געהאַלטן פאַר אַפּיקורסים.

האָט אים אַמאָל אין דובנע איינער אַזאַ אַפּיקורס אָפּגעשטעלט אין גאַס און געזאָגט צו אים:

— רבי, מען זאָגט אויף אייך. אַז מיט אייער מוסר, מיט אייערע שטראָף־רייד קענט איר יעדן איינעם מאַכן פאַר אַ בעל־תשובה; איז לאָמיר זען, באַווייזט אַ קונץ און זאָגט מיר מוסר און מאַכט מיך אויך פאַר אַ בעל־תשובה...

די חוצפּהדיקע האַלטונג פון דעם מענטשן איז דעם דובנער מגיד ניט געפעלן; ער האָט געזען, ווי יענער איז אויסן אָפּצושפּעטן פון אים, האָט ער אים גלייך אויפן אָרט געענטפערט אַזוי:

— גוט, אָבער איידער איך באַווייז אַ קונץ אייך צו מאַכן פאַר אַ בעל־תשובה, וועל איך אייך ברענגען אַ משל. הערט:

— אַ ייד, וואָס האָט כל־ימיו געוואוינט אין אַ קליין שטעטל, איז דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן געקומען אין אַ גרויסער שטאָט און דאָרט האָט ער דערזען ווי מען פאַרקויפט אין מאַרק בלאָז־זעק. איז אים איינגעפאַלן, אַז עס וואָלט געווען ניט קיין קרומע זאַך צו קויפן דער ווייב אַ מתנה אַ בלאָז־זאַק. ווען ער איז געקומען צוריק אַהיים אין דעם קליינעם שטעטל, האָט ער מיט שמחה געזאָגט צו זיין ווייב: נאַדיר, מיין ווייב, אַ מתנה! דאָס האָב איך פאַר דיר געקויפט אַ בלאָז־זאַק אָנצוצינדן פייער אין אויוון.

עס איז אַוועק אַ טאָג, לויפט די ווייב אַריין צום מאַן און צעשרייט זיך אויף אים:

— שלומיאל, וואָס דו ביסט! אַ שיינע מתנה האָסטו מיר געבראַכט! איך בלאָז און בלאָז און מען זעט אַפילו ניט קיין סימן פון קיין פייער... שוין איין מאָל אַ בלאָז־זאַק האָסטו מיר געבראַכט!...

איז דער מאַן אַריינגעקומען אין קיך. ער גיט אַ קוק — דער אויוון איז פול מיט קוילן, אָבער אָן אַ פונק פייער.

— נאַרישע יידענע, וואָס דו ביסט! — האָט דער מאַן געלאַכט פון זיין ווייב.
— מיטן בלאָז־זאַק קען מען צעבלאָזן אַ פייער ווען עס טליעט נאָך ערגעץ אַ פונק; אָבער ווען עס איז שוין אַפילו קיין פונק אין ערגעץ ניט געבליבן, קען מען בלאָזן און בלאָזן פון היינט ביז מאָרגן און עס וועט ניט העלפן...

— אַזוי איז דאָ אויך, — האָט דער דובנער מגיד פאַרטייטשט דעם משל, וואָס ער האָט געבראַכט. — ווען אַ ייד האָט נאָך אין זיך אַפילו ניט מער ווי איין פונק יידישקייט, קען איך מיט מיין מוסר צעבלאָזן אין אים אַ פייער און אים מאַכן פאַר אַ בעל־תשובה. ביי אייך אָבער איז דאָס האַרץ פּוסט און ליידיק; עס

איז דאָרט אַפּילו קיין איין פּונק יידישקייט ניט געבליבן. איז וואָס וועט העלפן דאָס בלאָזן?...

ער איז קיינמאָל קיינעם קיין ענטפער ניט געבליבן שולדיק. און יעדער ענטפער זיינער, פּונקט ווי יעדער משל, וואָס ער האָט געבראַכט אין זיינע דרשות, האָט געטראָפן פּונקט אין ציל, און ווער עס האָט דאָס נאָר געהערט, האָט עס נאָכדעם איבערדערציילט אַנדערע, און עס איז געווען וואָס איבערצודערציילן, וויל אין אַלץ, וואָס ער האָט געזאָגט, איז געווען חכמה, שאַרפזין און מאָראַל.

מיט דעם האָט דער דובנער מגיד אַלע זיינע יאָרן אויסגעלעבט. און געשטאָרבן איז ער אין 1804. ער איז דאַן אַלט געווען פיר און זעכציק יאָר. און כאָטש דאָס יידישע לעבן האָט זיך אין משך פון די אַלע דורות שוין אַזוי פיל געביטן, לעבן זיינע משלים נאָך אַלץ אין דער געדעכעניש פון פאָלק. און עס וועלן אַוודאי אַוועק נאָך און נאָך דורות און כל־זמן יידן וועלן נאָר זיין אַ פאָלק און דער גייסט פון יידישקייט וועט לעבן, וועלן זיך אומעטום נאָך געפינען יידן, וואָס וועלן אַמאָל רעדן וועגן אים, וועגן די משלים וואָס ער האָט געבראַכט אין זיינע דרשות, וועגן די ספרים וואָס זיינען פון אים געבליבן. און דער נוסח דערביי וועט זיין דער זעלבער, וואָס איז געווען אין אַלע צייטן:

„דער דובנער מגיד ברענגט אַ משל"...

זשיטאָמיר

צווישן שטעט — פונקט ווי צווישן מענטשן — זיינען פאַראַן אַזעלכע, וואָס האָבן אין זיך עפּעס גאָר אַ באַזונדער מין חשיבות.

זשיטאָמיר איז אַזאַ שטאָט.

זי האָט מיט איר חשיבות געהאַט אַ שם אין אַלע יידישע שטעט און שטעטלעך פון רוסלאַנד; מען האָט וועגן איר גערעדט מיט גרויס אָפּשיי; מען האָט זי אין געדאַנק פאַרבונדן מיטן סאַמע תוך פונם יידישן לעבן; און אַנדערש האָט עס אין יענע אַמאָליקע צייטן ניט געקענט זיין, ווייל זשיטאָמיר איז געווען צווישן די געציילטע שטעט, וואָס האָבן זוכה געווען צו שטיין אויפן שער־בלאַט פון אַלטע ספרים, וואָס זיינען ביי יידן אַלע מאָל געווען הייליק...

ביז דער רעוואָלוציע פונם יאָר 1917 האָבן זיך כמעט אַ העלפט פון די ספרים, וואָס זיינען אַרויס אין רוסלאַנד, געדרוקט אין זשיטאָמיר. און אומעטום, וואו עס איז נאָר ערגעץ געשטאַנען אַן אַלמער מיט ספרים — צי דאָס איז געווען אין אַ ישיבה, אין אַ בית־המדרש, אָדער אַזוי אין אַ שטוב, וואו מען לערנט, וואו מען שלייפט דעם מוח אין דער תורה, פאַר וועלכער יידן זיינען געגאַנגען אויף קידוש־השם, — האָט מען אויפן פאָדערשטן בלאַט פון אַ סך פון יענע ספרים געקענט זען אָפּגעדרוקט מיט געדיכטע אותיות דעם נאָמען פון דער שטאָט — זשיטאָמיר.

און קיינער פון די לערנער האָט ניט פאַרפעלט זיך גוט צוצוקוקן צו דעם, ווייל אין די אַמאָליקע צייטן איז די שטאָט, וואו אַ ספר האָט זיך געדרוקט, געווען זייער וויכטיק; ווען אַ ייד האָט געקויפט אַ תנ״ך מיט אַלע פירושים, אַ ש״ס, אַ גאַנג משניותן, מדרשים, אַ שלחן־ערוך אָדער אַ סידור, האָט ער אין זינען געהאַט פריער פון אַלץ אַ קוק צו טאָן אויפן שער־בלאַט און זען אין וואָס פאַר אַ שטאָט דאָס איז געדרוקט געוואָרן. און יעדער שטאָט, וואו עס איז נאָר געווען אַ דרוקעריי פון אַזעלכע ספרים, האָט געהאַט איר רעפּוטאַציע. און זשיטאָמיר האָט אין דעם פּרט געהאַט אַן אַלטע רעפּוטאַציע, וואָס איז שוין איבערגעגאַנגען פון דור צו דור, און דאָס האָט איר צוגעגעבן גאָר אַ באַזונדער מין חשיבות.

אַ שטאָט, וואָס שטייט אויף די שער־בלעטער פון אַזויפיל הייליקע ספרים!

און דאָס האָבן אַ סך פרומע יידן אין אוקראַינע, אין דער ליטע, און אין פּוילן געוואוסט אַ סך בעסער ווי דאָס וואָס די שטאָט שטייט ביים טייך טעטיערעוו, וואָס איז אַ שטראָם פונם דניעפּר, און דריי און אַכציק מייל פון קיעוו...

די געאָגראַפיע פון דער שטאָט איז זיי ניט אָנגעגאַנגען. און וואָס שייך די זשיטאָמירער יידן אַליין האָבן זיי אויך ניט געמאָסטן די מיילן צו דער הויפּט־שטאָט פון אוקראַינע, ווייל אין די צייטן פון די צאַרן האָט מען זיי אַהין ניט אַריינגעלאָזט. זיי האָבן דאָרט ניט געהאַט קיין וואוינרעכט.

זשיטאָמיר איז אַן אַלטע שטאָט. אין דער רוסישער געשיכטע ווערט זי צום ערשטן מאָל דערמאָנט אין פאַרבינדונג מיט די געשעענישן פון דעם יאָר 1240, ווען דער טאָטערישער כאַן באַטי האָט זיך מיט זיינע מחנות אַריינגעריסן אין דעם דרום־מערבדיקן טייל פון רוסלאַנד און דאָרט געמאַכט אַ חורבן. די טאָטערן האָבן דאַן איינגענומען קיעוו און פון דאָרט האָבן זיי זיך ווי די הייישעריקן צעשפּרייט איבער וואָלין און אין וואָס פאַר אַ שטאָט זיי זיינען נאָר אַריין האָבן זיי זי חרוב געמאַכט ביז צום גרונט, און צווישן די שטעט, וואָס זיי האָבן חרוב געמאַכט אין יענעם געגענט, איז אויך געווען די שטאָט זשיטאָמיר.

עס איז אָבער פאַראַן אַ סברא, אַז נאָך מיט אַ סך יאָרן איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אַריינדרינגען פון די טאָטערן קיין רוסלאַנד, איז שוין זשיטאָמיר געווען אַ וויכטיקע שטאָט; אייניקע דענקען, אַז זי האָט עקסיסטירט נאָך אין דעם ניינטן יאָרהונדערט פון דער היינטיקער צייט־רעכענונג, און דאָס מיינט, אַז זי איז שוין איבער טויזנט יאָר אַלט.

ווי עס איז געוויינלעך די געשיכטע מיט אַלטע שטעט, וואָס זיינען סטראַטעגיש וויכטיק, האָט מען זיך איבער זשיטאָמיר געריסן אַלע מאָל ווי עס האָט זיך נאָר אָנגעהויבן אַ מלחמה צווישן לענדער און פעלקער; אַזוי איז זשיטאָמיר, אינם יאָר 1320, אַריין ווי אַ טייל פון דער ליטווישער מלוכה, וואָס האָט אין יענער צייט פאַרשפּרייט איר מאַכט, און שפּעטער, אינם יאָר 1569, ווען פּוילן איז געוואָרן אַ גרויסע מלוכה, האָט זי די שטאָט זשיטאָמיר און דעם גאַנצן געגנט אַרום איינגעשלאָסן אין אירע גרענעצן, און ערשט אין יאָר 1793, ביי דער צווייטער צעטיילונג פון פּוילן, ווען יעקאַטערינע די גרויסע איז געזעסן אויפן רוסישן טראָן, איז זשיטאָמיר צוריק איינגעשלאָסן געוואָרן אין די גרענעצן פון רוסלאַנד און שפּעטער איז זי געוואָרן די הויפּט־שטאָט פון וואָלינער גובערניע, און פון דאַן אָן האָט זי אָנגעהויבן וואַקסן, און אינם יאָר 1900 האָט זי שוין געהאַט אַ באַפעלקערונג פון איבער 80 טויזנט מענטשן, און אַ דריטל פון דער באַפעלקערונג איז באַשטאַנען פון יידן.

זשיטאָמיר איז אַ שיינע שטאָט. זי געפינט זיך אין איינעם פון די שענסטע געגנטן אין אוקראַינע און זי איז אַרומגערינגלט מיט פעלזן פון גראַניט און אויך

מיט טאָלן און בערג, וואָס מ׳זעט ווייט. דער טייך טיעטיעריעוו, וואָס פאַלט אַריין אין דניעפּר, פאַרכאַפּט דאָס אויג זומער און ווינטער, און ניט איין פאַר־טרוימטער מענטש האָט שוין דאָרט ביים ברעג זיך געלאָזט פאַרטראָגן זייער ווייט אויף די פליגלען פון זיין פאַנטאַזיע.

די שיינקייט פון דעם גאַנצן געגנט דאָרט אַרום און אַרום האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דעם לעבן און שאַפן פון אונזער גרויסן נאַציאָנאַלן דיכטער ח. נ. ביאַליק. דאָרט האָט ער „איינגעזאַפּט די ערשטע איינדרוקן פון וועלט און נאַטור״, ווי ער אַליין האָט זיך אויסגעדריקט. דאָרט האָט ער צום ערשטן מאָל דערפילט די באַגייסטערונג, וואָס דערהויבט הויך דעם קינסטלער.

אין אַ קליין דערפל, וואָס הייסט ראָדי און וואָס איז ניט ווייט פון זשיטאָמיר, איז דער גריוסער נאַציאָנאַלער דיכטער געבוירן געוואָרן. און ער שרייבט וועגן דעם:

„ביזן זעקסטן יאָר פון מיין לעבן בין איך געווען אינם דאָרף ראָדי און איך בין דאָרט געוואַקסן צווישן וואַלד און פעלד, אין אַ שטילער היים, און אַלץ אַרום און אַרום איז געווען פול מיט צניעותדיקער שיינקייט פון אַ פּשוטער געזונטער נאַטור, וואָס איז צופרידן מיט איר חלק און באַנוגנט זיך מיט ווינציק. שיין פון הימל, ברייטקייט פון פעלד און שטילקייט פון וואַלד, וואָס טענהט אָן ווערטער: באַנעם מיך און זאָג עפּעס וועגן מיר״.

אַזוי שילדערט ח. נ. ביאַליק די שיינקייט פון דער נאַטור אין יענעם געגנט, וואָס האָט ביי אים אַרויסגערופן „חזיונות״, ווי ער דריקט זיך אויס, און שפּעטער, ווען ער איז געוואָרן אַ יתום און מ׳האָט אים אַוועקגעפירט צום זיידן קיין זשיטאָמיר, האָט ער דאָרט אויך די זעלביקע זעאונגען געזען, און נאָכדעם האָט ער זיי אין זיין שאַפן פאַראייביקט.

קלאָרער ווי אין אַלע אַנדערע לידער, וואָס ביאַליק האָט געשאַפן אונטערן איינדרוק פון די „חזיונות״, וואָס די שיינקייט פון דער נאַטור אַרום זשיטאָמיר האָט ביי אים אַרויסגערופן, איז די שטימונג פונם דיכטער אויסגעדריקט אין זיין ליד „גמדי ליל״, וואָס י. י. שוואַרץ האָט אין זיין יידישער איבערזעצונג אָנגערופן „שרעטעלעך״.

„אין ליכט פון לבנה וואָס גיסט זיך
אין בלייכקייט פון נאַכט צאַרט און זויבער —
פאַרשיכורט דאָס האַרץ ווי אַ חלום,
פאַרכישופט די אויגן מיט צויבער;

אין צערטלעכע ליכט פון לבנה —
די וועלט ווערט פאַרזונקען אין שטילקייט

שטעט און שטעטלעך

ס׳דעקט זיך דאָס וועלדל ביים בערגל
אין גליווערדיק ליכט און אין קילקייט;

און צווישן די שאָטנס פון וועלדל
אַ זילבערנע נעץ איז פאַרצויגן —
און ס׳ציטערן ווייך אויף די גרעזער
די רינגען פון ליכט פאַר די אויגן.״

אַזוי שילדערט דער דיכטער אַ לבנה־נאַכט, וואָס האָט זיך אים איינ־געקריצט אין זכרון אין די צייטן ווען ער האָט געלעבט אין יענעם געגנט פון זשיטאָמיר.

צו דער שיינקייט פון דער נאַטור און אויך צו דעם וואָס זשיטאָמיר איז געווען אַ שטאָט פון תורה, איז זי אויך געווען אַ שטאָט פון השכלה.

נאָך אינם יאָר 1847 איז אין זשיטאָמיר געגרינדעט געוואָרן די ראַ־בינער־שול, וואָס איז גלייך געוואָרן אַ צענטער פון השכלה און ס׳האָבן זיך אַהין געגומען רייסן אַ סך יידישע יונגעלייט, וואָס זיינען פאַר דער נייער השכלה געווען אַזוי באַגייסטערט, אַז זיי האָבן זי גאָר אַנדערש ניט גערופן ווי נאָר „די טאָכטער פונם הימל״. און דער ערשטער אינספעקטאָר פון דער זשיטאָמירער ראַבינער־שול, וואָס האָט אַרויסגעגעבן ניט ווייניק תלמידים, וואָס האָבן שפּעטער פאַרנומען גאָר אַנגעזעענע פּלעצער אין יידישן קולטורעלן לעבן, איז געווען דער באַרימטער העברעאישער דיכטער און געלערנטער יעקב אייכענבוים.

אייכענבוים איז געווען אַ גוטער תלמודיסט, אַן אויסגעצייכנטער מאַטע־מאַטיקער און אויך זייער אַ טאַלאַנטפולער דיכטער. און די יאָרן, וואָס ער איז געווען דער אינספעקטאָר פון דער זשיטאָמירער ראַבינער־שול, האָט ער געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף זיינע תלמידים. ער האָט דערצויגן, קען מען זאָגן, אַ גאַנצן דור, וואָס איז שפּעטער געגאַנגען אין די וועגן, וואָס ער האָט פאַר זיי אָנגעצייכנט. און אין זשיטאָמיר האָבן זיך צו אים באַצויגן מיט גרויס דרך־ארץ ניט נאָר די משכילים, נאָר אויך די פרומע יידן פון שטאָט; זיי האָבן הויך געשעצט זיין גרויסע לומדות און צוליב דעם האָבן זיי אים מוחל געווען אַ סך זאַכן און אויך דאָס, וואָס ער איז אַ געגאָלטער און היט ניט אָפּ אַלע תרי״ג מצוות פון דער תורה...

צווישן די תלמידים, וואָס די זשיטאָמירער ראַבינער־שול האָט אַרויס־געגעבן, איז אויך געווען אברהם גאָלדפאַדען, דער „פאָטער פון יידישן טעאַטער.״ און מ׳קען זאָגן, אַז ניט אין דער שטאָט יאַסי, וואָס אין רומעניע, האָט זיך אָנגע־הויבן דאָס יידישע טעאַטער, נאָר אין זשיטאָמיר. דאָרט האָט מען געשפּילט

די ערשטע ייִדישע פאָרשטעלונג — און טאַקע אין דער ראַבינער־שול, וואו אברהם גאָלדפאַדען איז געווען אַ שילער. די תלמידים פון דער ראַבינער־שול האָבן זיך אין יענער ערשטער ייִדישער פאָרשטעלונג באַטייליקט, און אויפגע־פירט האָט מען דאַן דר. שלומה עטינגערס פּיעסע „סערקעלע״, און געשפּילט די ראָלע פון סערקעלע האָט טאַקע אברהם גאָלדפאַדען אַליין.

דאָס איז געווען נאָך אינם יאָר 1862, פערצן יאָר פאַר דער גרינדונג פונם ייִדישן טעאַטער אין יאַסי. דער אינספּעקטאָר פון דער ראַבינער־שול אין זשי־טאָמיר איז שוין דאַן געווען ניט יעקב אייכענבוים, נאָר אַן אַנדער ייִדישער געלערנטער, וואָס מהאָט אַריבערגעבראַכט פון פּוילן — דער באַרימטער חיים זעליג סלאָנימסקי.

וועגן יענער ערשטער ייִדישער פאָרשטעלונג דערציילט דער שריפטשטע־לער אברהם יעקב פּאַפּערנאָ אייניקע גאַנץ אינטערעסאַנטע זאַכן.

„מאַדאַם סלאָנימסקי, — דערציילט פּאַפּערנאָ, — די טאָכטער פון באַ־וואוסטן מאַטעמאַטיקער ר׳ אברהם שטערן פון וואַרשע, איז געווען זייער אַ הויך־געבילדעטע פרוי. אַליין אַן אַסימיליאַטאָרין, האָט זי אָבער מיטגעבראַכט פון וואַרשע, ווי אַ קוריאָז, די ייִדישע דראַמע „שרהקעלע״ פון דר. עטינגער פון זאַמאָשטש. די דראַמע איז איר זייער געפעלן געווען, פלעגט זי ליב האָבן זי פאָרצולעזן פאַר באַקאַנטע. דעם זעלבן ווינטער איז איר איינגעפאַלן צו מאַכן אַ ספּעקטאַקל, וואו די דראַמע זאָל געשפּילט ווערן דורך די שילער פון דער ראַבינער־שולע״ *).

ווייטער דערציילט פּאַפּערנאָ, אַז ביי דער זשיטאָמירער ייִדישער אינטע־ליגענץ האָט דער פּלאַן אין אָנפאַנג „אויסגעזען ווילד״. אָבער מ׳האָט די פאָר־שטעלונג דאָך געשפּילט, און „דער ספּעקטאַקל האָט געמאַכט אַ פוראָר. די שילער האָבן זייערע ראָלן גוט געשפּילט, נאָר מער פון אַלעמען האָט זיך אויסגעצ־ייכנט גאָלדענפאַדען (אברהם גאָלדפאַדען), וואָס האָט געשפּילט די שווערסטע ראָלע — „סערקעלע״.

דאָס איז געווען נאָך אין 1862 און מ׳קען דעריבער זאָגן, אַז דער אָנהויב פון דעם ייִדישן טעאַטער, וואָס האָט זיך צעשפּרייט איבער די אַלע לענדער, וואו ייִדן געפינען זיך נאָר, איז געמאַכט געוואָרן אין זשיטאָמיר, און דווקא אין דער ראַבינער־שול, אין דעם צענטער פון השכלה, וואו ס׳איז געווען אָנגענומען צו קוקן אויף דער ייִדישער שפּראַך ווי אויף אַ „זשאַרגאָן״.

---

*) די ערשטע יודישע דראַמע און דער ערשטער יודישער ספּעקטאַקל, געדרוקט אין „פּנקס״ פון תרע״ג, אונטער דער רעדאַקציע פון ש. ניגער.

***

מיט דער קריסטלעכער באַפעלקערונג פון שטאָט און פון די דערפער אַרום דער שטאָט האָבן די יידן פון זשיטאָמיר געלעבט גוט. אָבער אינם יאָר 1905, ווען די צאַרישע רעגירונג האָט מיט אַ באַזונדער מין ברען גענומען העצן צו פּאָגראָמען אויף יידן, האָט זיך אויף זשיטאָמיר אויך אויסגעגאָסן דער זעלבער צאָרן ווי אין אַנדערע שטעט; די באַציאונגען צווישן דער יידישער און דער קריסטלעכער באַפעלקערונג זיינען געוואָרן אָנגעצויגענע; יידן האָבן אָנגעהויבן מורא צו האָבן צו פאָרן אויף די וועגן, וואָס פירן אין אַנדערע שטעט; עס איז אויך געווען אַ מורא אַרויסצוגיין אין גאַס, ווייל פון מויל צו מויל האָבן זיך געטראָגן קלאַנגען וועגן אָנפאַלן, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אויף יידן אין דער גאַס און אויף יענער גאַס; די שרעק פאַר אַ פּאָגראָם האָט זיך געטראָגן אין דער לופטן, און דאַן האָבן די זשיטאָמירער יידן אָנגעהויבן צונויפשטעלן אַ זעלבסטשוץ, וואָס זאָל קענען אַרויסווייזן אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד אין פאַל פון אַ פּאָגראָם.

באַשטאַנען איז די זעלבסטשוץ פון יידישע אַרבעטער און אויך פון יידישע סטודענטן, וואָס זיינען געווען טעטיק אין דער רעוואָלוציאָנערער און אויך אין דער ציוניסטישער באַוועגונג; יעדער איינער, וואָס האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער זעלבסטשוץ, האָט זיך געמוזט לערנען שיסן פון אַ רעוואָלווער, און געטאָן האָט מען דאָס ווייט אויסער דער שטאָט. אין באַשטימטע שטונדן זיינען זיך מוטיקע יידישע יונגעלייט צונויפגעקומען אַהין און יעדער איינער האָט געהאַט אַ רעוואָלווער ביי זיך און האָט זיך געלערנט שיסן צו טרעפן אין ציל. אין אָנפאַנג האָבן קיין זייטיקע מענטשן פון דעם ניט געוואוסט, אָבער ווען דער סוד איז אַרויס, האָבן קריסטלעכע שוואַרץ־מאהניקעס גענומען פאַרשפּרייטן קלאַנגען, אַז די זשיטאָמירער יידישע יונגעלייט לערנען זיך שיסן אויפן קיסרס פּאָרטרעט און אַז זיי קלייבן זיך „אויסשעכטן אַלע קריסטן אין זשיטאָמיר“.

מהאָט געהאַלטן אין איין גיסן ביימל אויף דעם פייער, וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט אָנגעצונדן אין אירע ווילדע העצעס אויף יידן, און ווען ס׳איז אָנגעקומען דער יום־טוב פּסח, האָט אויסגעבראָכן דער פּאָגראָם וואָס מ׳האָט די גאַנצע צייט צוגעגרייט.

דריי טעג האָט דער פּאָגראָם אין זשיטאָמיר דאַן געדויערט — פונם 23טן ביזן 25טן אַפּריל, און אין די דריי טעג זיינען עטלעכע און פערציק יידן דערהרגעט געוואָרן און אַ צוויי הונדערט זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן. און צווישן די, וואָס זיינען דאַן לייכט פאַרוואונדעט געוואָרן, איז געווען אויך דער שריפטשטעלער ש. צ. זעצער. די יידישע זעלבסטשוץ האָט זיך העלדיש און מוטיק גע־

שלאָגן מיט די פּאָגראָמשטשיקעס, און דאָרט וואו די פּאָליציי האָט די ווילדע באַנדעס ניט געהאָלפן, האָבן די באַוואָפנטע יידישע יונגעלייט פון דער זעלבסט־שוץ זיי פאַרטריבן; ווען ניט זייער העלדישקייט וואָלט די צאָל פון די יידישע קרבנות זיכער געווען אַ סך גרעסער. קוקנדיק דעם טויט גלייך אין די אויגן און גייענדיק ממש אויף קידוש־השם, זיינען די זשיטאָמירער יידישע יונגעלייט, בעלי־מלאכות, אַרבעטער און סטודענטן, אַרויס מיט געווער אין די הענט אומע־טום וואו אַ באַנדע קריסטלעכע כוליגאַנעס האָט זיך נאָר באַוויזן; זיי האָבן זיך געשטעלט אַקעגן, פון אייניקע ערטער האָבן זיי די ווילדע בויאַנעס אינגאַנצן פאַרטריבן, און פופצן פון יענע יידישע גבורים זיינען דאַן געפאַלן טויט.

אויך אַ רוסישער יונגער סטודענט איז דעמאָלט געפאַלן טויט באַשיצנדיק די יידן פון זשיטאָמיר מיט געווער אין דער האַנט. ער איז אַריין אין דער זעלבסטשוץ גלייך ווי זי האָט זיך נאָר געגרינדעט און ער האָט מקריב געווען זיין לעבן איינשטעלנדיק זיך פאַר יידן.

דער נאָמען פון יענעם רוסישן סטודענט איז געווען ניקאָלאַי איוואַנאָוויטש בלינאָוו. ער איז דאַן אינגאַנצן אַלט געווען פינף און צוואַנציק יאָר, און איז געווען אַ מיטגליד פון דער פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. אין זיין איידלקייט האָט ער געהאַלטן פאַר זיין רעוואָלוציאָנערן חוב זיך איינצושטעלן פאַר יידן און ער האָט אַרויסגעוויזן אַ סך מוט דערביי. און ווען ער איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די פּאָגראָמשטשיקעס און זיי האָבן אים אָנגעהויבן שלאָגן, האָבן זיי דערביי געשריגן:

„דו ביסט טאַקע אַ פּראַוואָסלאַוונער מענטש, אָבער דו ביסט אַ סאָציאַליסט און דאָס איז נאָך ערגער ווי אַ ייד."

ער איז געפאַלן ווי אַ העלד. און ביי די יידן אין זשיטאָמיר איז זיין נאָמען געבליבן פאַרהייליקט און ער איז פאַרשריבן געוואָרן אינם צעטל פון די קדושים.

***

און אין די טעג ווען ס'האָט אין זשיטאָמיר געבושעוועט דער פּאָגראָם, האָבן זיך אינם שטעטל טשודנאָוו, וואָס איז ניט ווייט פון זשיטאָמיר, צונויפגע־נומען פערצן בראַווע און מוטיקע יונגעלייט, און נעמענדיק מיט זיך רעוואָלווערן האָבן זיי זיך געלאָזט פאָרן קיין זשיטאָמיר צו העלפן דער דאָרטיקער יידישער זעלבסטשוץ אינם קאַמף קעגן די פּאָגראָמשטשיקעס. זיי האָבן ניט געקענט בלייבן רואיק אין טשודנאָוו, ווען אין זשיטאָמיר קומט פאָר אַ שחיטה אויף יידן און ס'איז ביי זיי געבליבן, אַז זיי מוזן גיין העלפן.

אין שטעטל האָט מען זיך גלייך דערוואוסט וועגן דעם און אומעטום האָט

מען דערפון געדעדט, ביז ס׳האָט זיך דערטראָגן צו אַזעלכע, וואָס האָבן דאָס ניט געדאַרפט וויסן און זיי האָבן דאָס שוין באַצייטנס איבערגעגעבן אין די דערפער, וואָס געפינען זיך אויפן וועג קיין זשיטאָמיר.

גויים האָבן דאָס איינער דעם אַנדערן דערציילט, און וואָס מער ס׳איז פון מויל צו מויל געגאַנגען, אַלץ מער האָט זיך עס צעוואַקסן און פויערים האָבן שוין וועגן דעם גערעדט ווי וועגן אַ גאַנצער מחנה „יידישע רוצחים", וואָס גייען „קוילען פּראַוואָסלאַוונע לייט."

ווען די פּערצן יידישע יונגעלייט זיינען אָנגעקומען אין דעם שטעטל טראַיאַנאָוו, וואָס איז אויפן וועג קיין זשיטאָמיר, האָט מען זיי שוין ווייטער ניט געלאָזט גיין; אַ ווילד־צערייצטע באַנדע פויערים האָט זיי דעם וועג פאַרשטעלט און אויסגעהרגעט צען פון די פערצן, און די איבעריקע פיר זיינען קוים מיטן לעבן אַרויס.

איינצלהייטן וועגן דעם טויט פון יענע צען יידישע מאַרטירער, וואָס זיינען געגאַנגען העלפן זייערע ברידער אין זשיטאָמיר, האָט שפּעטער דערציילט איי־נער פון די פיר געראַטעוועטע, און דאָס דאַרף דאָ איבערגעגעבן ווערן:

„פערצן חברים זיינען מיר געווען. — האָט דערציילט איינער פון די פיר געראַטעוועטע. — מיר זיינען געפאָרן פון טשודנאָוו קיין זשיטאָמיר. ווען מיר זיינען אָנגעקומען קיין טראַיאַנאָוו, האָבן אונז פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט קאַצאַפּעס, זיי האָבן אונז באַזוכט די קעשענעס און נאָכדעם האָט מען אונז אַוועק־געפירט און אונז גענומען שלאָגן מיט העק און דובינעס.

„איך האָב מיט מיינע אויגן צוגעזען ווי מיינע חברים פאַלן טויט איינער נאָכן אַנדערן. ביז דער אוריאַדניק איז אָנגעקומען זיינען שוין צען פון מיינע חברים געווען טויט, בלויז פיר זיינען פאַרבליבן לעבן. איך און נאָך דריי.

„דער אוריאַדניק האָט געהייסן, מ׳זאָל אונז אָוועקפירן אין זשיטאָמירער שפּיטאָל, אָבער אויפן וועג האָבן די קאַצאַפּעס אונז אַרויסגעריסן פון די סטראַזשניקעס און אונדז ווידער אָנגעהויבן שלאָגן מכות־רצח. מיך האָט מען גע־בונדן און אַוועקגעטראָגן צום גלח, און ווען דער גלח האָט געבעטן, אַז מ׳זאָל מיך מער ניט שלאָגן, האָט מען זיך אויסגעלאָכט פון אים, און אַוועקלייגנדיק מיך אויף דער ערד, האָט מען מיך ווידער געשלאָגן.

„ווען די סטראַזשניקעס האָבן גענומען טענהן, אַז זיי וועלן דאַרפן אָפּגעבן דין־וחשבון, ווייל זיי האָבן אַ באַפעל, אַז זיי דאַרפן מיך ברענגען קיין זשיטאָמיר, האָבן די קאַצאַפּעס זיך אָנגערופן און האָבן געזאָגט: „נו, אויב ס׳איז שוין יאָ אַזוי, וועלן מיר אים אָפּלאָזן, אָבער איידער מיר לאָזן אים אָפּ, דעם הונט, מוז ער מיט די אייגענע אויגן ווידער אַ קוק טאָן אויף די יידעלעך, וואָס זיינען געקומען מיט אים." און מען האָט מיך צוגעשלעפּט צו מיינע דערהרגעטע חברים.

„איך האָב פֿאַר זיך דערזען צען טויטע קערפּערס... און איך וועל דאָס קיינמאָל אין מיין לעבן ניט פֿאַרגעסן!

„ביי איינעם איז דער קאָפּ געווען אָפּגעהאַקט. ביי אַ צווייטן איז דער בויך געווען געעפֿנט, און ביי די אַנדערע זיינען די הענט געווען אָפּגעשניטן... איך בין געפֿאַלן אין חלשות."

דאָס איז וואָרט אין וואָרט וואָס איינער פֿון די געראַטעוועטע האָט דער־ציילט *).

יאָרן לאַנג האָט מען אין זשיטאָמיר געדענקט די נעמען פֿון די צען יידישע מאַרטירער פֿון טשודנאָוו. אויך דעם נאָמען פֿון דעם רוסישן סטודענט בלינאָוו, וועלכער איז געפֿאַלן אַ קרבן איינשטעלנדיק זיין לעבן פֿאַר יידן, האָט מען ניט פֿאַרגעסן.

אָבער די יאָרן זיינען זיך געגאַנגען און נייע, פֿרישע אומגליקן האָבן אָפּ־געמעקט פֿון זכרון די אַלטע. עס איז געקומען די ערשטע וועלט־מלחמה פֿון 1914, און וויל זשיטאָמיר איז אַ וויכטיקער סטראַטעגישער צענטער, איז די שטאָט גלייך אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ ווילדן אימפּעט פֿון געשעענישן, וואָס האָבן דאָרט דאָס גאַנצע לעבן צערודערט. אינם יאָר 1918 זיינען די דייטשן אַריין קיין זשיטאָמיר און האָבן דאָרט געמאַכט אַ חורבן און אַרויסגעפֿירט אַלץ, וואָס זיי האָבן נאָר געקענט; שפּעטער איז די שטאָט איבערגעגאַנגען אין די הענט פֿון פּעטלוראַס באַנדעס; דאָס איז געווען אין יאָר 1919, אינם מאָנאַט יאַנואַר. און ווי זיי זיינען נאָר אַהין אַריין האָבן זיי דאָרט געמאַכט אַ פּאָגראָם אויף יידן, וואָס האָט געדויערט דריי טעג — פֿונם 7טן ביזן 10טן יאַנואַר. דאָס איז געווען דער ערשטער פּאָגראָם אין זשיטאָמיר שוין נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע; און נאָכדעם, אין די טעג פֿון דעם 22טן ביזן 26טן מאַרטש, האָבן די זעלבע באַנדעס, די פּעטליוריסטן, דאָרט ווידער געמאַכט אַ פּאָגראָם אויף יידן — איינעם פֿון די שרעקלעכסטע און בלוטיקסטע פּאָגראָמען אין דער געשיכטע פֿון די יידן אין אוקראַינע. אין די פֿיר טעג, וואָס די שחיטה איז אָנ־געגאַנגען, האָט מען אויסגעשאָכטן ניט ווייניקער ווי דריי הונדערט און זיבעצן יידן.

ווי אין אַ סך אַנדערע שטעט אין די יאָרן פֿון דעם גרויסן בירגער־קריג אין רוסלאַנד, האָט זיך אין זשיטאָמיר דאָן אויך געהאַלטן אין איין בייטן די מאַכט; אויסער די דייטשן, וואָס האָבן די שטאָט באַנומען און אויסגעליידיקט, זיינען דאָרט אין יענער צייט געווען די מחנות פֿונם העטמאַן סקאָראָפּאַדסקי; אויך

---

*) זע: С. М. Дубнов. Новейшая История Еврейского Народа. Том третий, стр. 393-394.

די פּאָליאַקן זײַנען דאָרט געװען װען זײ האָבן אינם יאָר 1920 געמאַרשירט אויף קיעװ. ערשט נאָכדעם װי מ׳האָט די פּאָליאַקן אַרויסגעטריבן, האָט די סאָװעטן־מאַכט זיך דאָרטן באַפֿעסטיקט. און דאַן האָבן יידן אָנגעהויבן זיך צוצוגעװױינען צו דעם נײַעם רעזשים און ביסלעכװײַז האָט דאָס לעבן אין זשיטאָמיר זיך אײַנגעשטעלט און אין 1930 איז שוין דאָרט געװען אַ באַפֿעלקערונג פֿון פֿינף און אַכציק טויזנט, און מער װי נײַן און דרײַסיק פּראָצענט פֿון דער באַפֿעלקערונג איז באַשטאַנען פֿון יידן. אָבער פֿון דעם טראַדיציאָנעלן יידישן לעבן, װאָס האָט דאָרט אַמאָל טיפֿע װאָרצלען געשלאָגן, זײַנען אונטערן דרוק פֿון דער נײַער אָרדענונג בלויז שװאַכע סימנים געבליבן, און די שטאָט זשיטאָמיר שטייט שוין מער ניט אויפֿן שער־בלאַט פֿון הײליקע יידישע ספֿרים...

ניטאָ דאָרט מער אַזעלכע ספֿרים...

מ׳דרוקט זײ דאָרט ניט מער. ניט אין זשיטאָמיר און ניט אין די אַנדערע שטעט פֿון לאַנד...

נאָוואָגראַד־וואָלינסק (זוויהיל)

עס איז שוין מער ווי הונדערט און פופציק יאָר זינט מ׳האָט אָפּגעשאַפט דעם פּוילישן נאָמען זוויאַהיל און מ׳האָט דער שטאָט געגעבן דעם עכט־רוסישן נאָמען נאָוואָגראַד־וואָלינסק. דאָס איז געווען נאָך דאַן, ווען אויפן טראָן פון דער רוסישער אימפּעריע, וואָס האָט אָנגעהויבן ווערן אַלץ גרעסער און גרעסער, איז געזעסן יעקאַטערינע די צווייטע. פון דאַן אָן זיינען שוין אויף דער וועלט געגוג גרויסע ענדערונגען פאָרגעקומען, און דאָס יידישע לעבן אין אַלע לענדער האָט נייע פאָרמען אָנגענומען און זיך אומעטום צוגעפּאַסט צום גייסט פון דער נייער צייט. אויך אין דער שטאָט נאָוואָגראַד־וואָלינסק האָט זיך דאָס יידישע לעבן זינט דאַן אַ היפּש־ביסל געענדערט. אָבער דער נאָמען פון דער שטאָט איז נאָך ביז היינטיקן טאָג געבליבן דער זעלבער וואָס פון די אַלטע צייטן, ווען וואָלינער גובערניע איז נאָך געווען אַ טייל פון פּוילן. און ווען מ׳פרעגט אַ נאָוואָגראַד־וואָלינסקער יידן פון וואַנען ער קומט, וועט ער קיינמאָל ניט זאָגן, אַז ער קומט פון נאָוואָגראַד־וואָלינסק, נאָר — פון זוויהיל.

פון דור צו דור איז ביי די יידן פון יענער שטאָט איבערגעגאַנגען דער אַלטער נאָמען. דעם נייעם נאָמען פון דער שטאָט האָבן זיי ניט אָנגענומען, פונקט ווי זיי וואָלטן אויף אים אַ שטילן חרם אַרויפגעלייגט. און דאָס איז אפשר געווען דערפאַר, וואָס אין די צייטן, ווען אין רוסלאַנד האָבן נאָך געהערשט די צאַרן, האָבן יידן ניט געקענט פילן קיין באַזונדער ליבשאַפט צו דער מלוכה, וואָס האָט זי פאַרפאָלגט און געטרודפט. עס איז זיי דעריבער געווען ליבער ווייטער אָנצורופן די שטאָט מיט דעם אַלטן נאָמען, וואָס זיי האָבן איבערגענומען פון די פריערדיקע דורות, אַבי נאָר ניט מיט דעם נייעם נאָמען, וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט איר געגעבן...

אין וואָלינער גוב., אַ געגנט וואָס פאַרנעמט 27 טויזנט מיט 600 סקווער מייל, איז נאָוואָגראַד־וואָלינסק צווישן די שענסטע שטעטלעך, און נאָך אינם יאָר 1897 איז שוין דאָרט געווען אַ באַפעלקערונג פון 17טויזנט מענטשן, און קנאַפּע צען טויזנט פון זיי זיינען געווען יידן.

ניט מיטאַמאָל איז די יידישע באַפעלקערונג דאָרט אַזוי אויסגעוואַקסן; ס'האָט געדויערט אַ סך יאָרן ביז נאָוואָגראַד־וואָלינסק איז געוואָרן אַ יידישע שטאָט; אינם יאָר 1765, ווען זי האָט נאָך געהערט צו פּוילן, איז די גאַנצע יידישע קהילה דאָרט באַשטאַנען פון ניט מער ווי פינף הונדערט מיט זיבן און זיבעציק שטייער־צאָלער. עס האָט געדויערט 132 יאָר ביז די יידישע באַפעלקערונג האָט דאָרט דערגרייכט די צאָל פון קנאַפּע צען טויזנט נפשות. דאָן האָט מען געקענט זאָגן, אַז נאָוואָגראַד־וואָלינסק איז געוואָרן אַ יידישע שטאָט, און ווי ס'פירט זיך געוויינלעך, האָבן יידן אַ סך געהאָלפן אין דעם, אַז די שטאָט זאָל נאָך זשיטאָמיר ווערן איינע פון די וויכטיקסטע שטעט אין וואָלינער גובערניע.

נאָוואָגראַד־וואָלינסק שטייט ביים ברעג פון טייך סלוטש. דער ברעג איז דאָרט מיט פעלזן אַרום און אַרום, און ס'איז פון תמיד אָן געווען אָנגענומען, אַז סטראַטעגיש איז די שטאָט זייער אַ וויכטיקער פונקט, און דערפאַר איז דאָרט שטענדיק געשטאַנען מיליטער, און ווען מ'איז נאָר געגאַנגען אין גאַס האָט מען אומעטום געזען סאָלדאַטן.

זומער און ווינטער האָט מען דאָרט אָפט געהערט דאָס געזאַנג פון סאָלדאַטן, וואָס האָבן, אויסגעמושטירטע און מיט ביקסן אויף די אַקסלען, געשפּאַנט אי־בערן וועג. עס איז אין יענעם געזאַנג געווען אַ סך טרויער. מ'האָט אין דעם געפילט די בענקשאַפט, וואָס נאָגט די הערצער פון די אַלע יונגע מענטשן, וואָס מ'האָט צונויפגעטריבן פון ווייטע שטעט און דערפער און זיי אַלע אין די זעלבע סאָלדאַטסקע קליידער אָנגעטאָן און זיי די זעלבע לידער געהייסן זינגען. און אַלע מאָל, ווען מ'האָט אין שטאָט דערהערט דאָס געזאַנג פון די סאָלדאַטן, האָט מען געטראַכט וועגן די אייגענע קינדער, וואָס זיינען אַוועק „דינען דעם קיסר", און וואָס געפינען זיך איצטער ערגעץ אין ווייטע שטעט, אָפּגעריסן פון טאַטע־מאַמע און אויך פון יידן.

און די סאָלדאַטן אויפן וועג האָבן, שפּאַנענדיק צום טאַקט, געזונגען אַ ליד וועגן זייער לעבן — אַ ליד, וואו איינער, דער וואָס הויבט אָן דאָס געזאַנג, פרעגט ביי זיי אין וואָס פאַר אַ שטיבעלעך זיי וואוינען, און זיי ענטפערן אים אַלע איינ־איינעם אַז זיי וואוינען ניט אין קיין שטיבעלעך, נאָר אין געצעלטן ווי גריבעלעך; און ווען ער פרעגט ביי זיי וועגן זייערע שוועסטער און ברידער, ענטפערן זיי אים, אַז זיי האָבן דאָ ניט קיין שוועסטער און ברידער אויף דער ערד, נאָר אַ שאַר־פע שפּיז און אַ שאַרפע שווערד...

אַ שווערן אומעט אויף אַלעמען לאָזט איבער דאָס געזאַנג פון די סאָלדאַטן. און יידישע בחורים, וואָס דאַרפן זיך היינטיקס יאָר שוין שטעלן צום פּריזיוו און גיין „דינען פאַניען", ווערן נאָך מער פאַרזאָרגט, און פּונקט ווי די סאָלדאַטן,

דריקן זיי אויך אויס זייער טרויער אין געזאַנג, אָבער גאָר אויף אַן אַנדער שטייגער:

„אוי, פירט מען מיך אַריין
אין דעם ערשטן צימער,
אוי, אין דעם ערשטן צימער.
און מען זאָגט מיר אָן די בשורה:
כ'האָב געצויגן אַ קליינעם נומער.
אַז אָך און אַז ווי איז צו מיינע יאָר,
וואָס איך בין גאָר אַלט געוואָרן
איין און צוואַנציק יאָר."

אויך אויף די יידישע מיידלעך פון נאָוואָגראַד־וואָלינסק האָט דאָס געזאַנג פון די אויסגעמושטירטע סאָלדאַטן אויפן וועג ניט איינמאָל אַנגעיאָגט אַ טרויער, און די, וואָס זיינען שוין געשטאַנען אין שידוכים, אָדער געפירט ליבעס שטילער־הייט, האָבן, זיצנדיק געבויגן איבער אַ שטיק לייוונט, אָדער איבער אַ שטיקל סאַמעט, וואָס זיי האָבן געהאַלטן אין אויסנייען, אויסגעדריקט דעם טרויער אויף זייער שטייגער און אויך אין געזאַנג:

„מיין האַרץ, מיין האַרץ, וויינט אין מיר,
ווייל איך דאַרף זיך שיידן איצט מיט דיר
מיינע געדאַנקען — אַהין־אַהער,
ווייל מיט דיר צעשיידן זיך איז מיר שווער
אוי, מיינע געדאַנקען — אַהין־אַהער;
מיט דיר צעשיידן זיך איז מיר שווער."

אויך צו דער טשערנאָבילער קלויז האָט זיך דערטראָגן דאָס געזאַנג פון די סאָלדאַטן, וואָס האָבן, אויסגעמושטירטע און מיט ביקסן אויף די אַקסלען, אַזוי אָפט געשפּאַנט איבערן וועג. אין יענער קלויז, וואו יידן האָבן אַמאָל געלערנט מיט גרויס התמדה, זיינען צווישן די לערנער אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך נאָך געדאַרפט שטעלן צום פּריזיוו, און ווען זיי האָבן פון דערווייטנס דערהערט דאָס געזאַנג פון די סאָלדאַטן, האָבן זיי נאָך מיט מער טרויער אויסגעזונגען:

„אוי, אָמר רבאַ, אוי, תנו רבנן!..."

צווישן יענע מתמידים־לערנער, וואָס דער גרויסער דיכטער ח. נ. ביאַליק האָט פאַראייביקט אין זיין פּאָעמע „המתמיד", איז אַמאָל אויך געווען מרדכי זאב פייערבערג, דער זון פון דעם נאָוואָגראַד־וואָלינסקער שוחט, וואָס האָט גע־האַט אַ נאָמען פון זייער אַ פרומען חסיד.

אַ יונגער מענטש פון דריי און צוואַנציק יאָר איז מ. ז. פייערבערג געווען ווען ער האָט אָנגעהויבן ווערן באַרימט אין דער העברעאישער ליטעראַטור. דאָס איז געווען אינם יאָר 1897. פייערבערג איז שוין דאַן געווען קראַנק אויף שווינדזוכט און ווען ער איז פון נאָוואָגראַד־וואָלינסק געפאָרן קיין וואַרשע זיך קורירן, האָט ער זיך דאָרט באַקענט מיט נחום סאָקאָלאָוו, און יענער האָט אים אונטערגעגעבן אַ סך מוט צו שרייבן, נאָכדעם ווי ער האָט אין מאַנוסקריפּט איבערגעלייענט די ערשטע דערציילונג זיינע.

נאָך איידער מ. ז. פייערבערג איז געוואָרן אַ שרייבער, אין די צייטן ווען ער האָט נאָך געלערנט אין קלויז אינאיינעם מיט אַנדערע נאָוואָגראַד־וואָלינסקער מתמידים, וואָס זיינען געווען שטאַרק פאַרטאָן אין לערנען, האָט מען אין שטאָט שוין אָנגעהויבן רעדן, אַז ער שניידט זיך אויף אַן אַפּיקורס, און שפּעטער, ווען מ׳האָט זיך דערוואוסט, אַז ער לערנט מיט התמדה אַזעלכע ספרים ווי ר׳ יהודה הלויס „כוזרי“ און ר׳ נחמן קראָכמאַלס „מורה נבוכי הזמן“, האָט מען אין נאָוואָגראַד־וואָלינסק שוין געזאָגט, אַז ער איז אַרויס לתרבות רעה און אַז ווער ווייסט אויף וואָס פאַר אַ וועג ער וועט נאָך אַוועק...

ווען מ. ז. פייערבערג איז געוואָרן אַן אַפּיקורס, איז ער ניט געגאַנגען אין די אויסגעטראָטענע וועגן פון יענעם מין אַפּיקורסים, וואָס טרייסלען פון זיך באַלד אינגאַנצן אָפּ דאָס אַלטע און גיבן זיך מיט ברען אַ כאַפּ פאַר דעם נייעם. ער איז ניט געווען פון די, וואָס צעשטערן, נאָר פון די, וואָס בויען; ער איז ניט געווען פון די, וואָס מעקן אויס די פאַרגאַנגענהייט, נאָר פון די, וואָס זוכן אַ וועג ווי אַזוי זי צו פאַרבינדן מיט דער צוקונפט און אויך מיט דעם איצטיקן לעבן פונם פאָלק...

אין די ווערק, וואָס ער האָט געשריבן אין יענער צייט, און דער עיקר אין זיין דערציילונג „לאָן“ (וואוהין), קען מען זען ווי שווער ס׳האָבן אים געפייניקט די ספקות, די צווייפלען, וואָס האָבן זיך אויפגעוועקט אין זיין מוח נאָכדעם ווי ער האָט שוין מער ניט געקענט זיין אַזאַ גלויביקער ווי פריער. רעדנדיק וועגן די אַלטע ספרים, וואָס ער האָט געלערנט מיט אַזאַ התמדה אין די אַלע יאָרן, וואָס ער איז געזעסן אין קלויז, שטעלט ער די פראַגע: וואָס וועט ער געפינען אין אָט דעם גרויסן ים, ווען ער וועט זיך שוין צושלאָגן צום תהום? ער וויל ניט פאַרוועלקט ווערן אין שימל; ער רייסט זיך צום לעבן, צו שיינקייט, צו דער ברייטער נאַטור, וואָס ער האָט אַזוי ליב; ער וויל ניט זיין געפּענטעט, ער וויל זיין פריי, עס ציט אים צו אַ ניי לעבן, וואָס רייצט אַזוי שטאַרק זיין פאַנטאַזיע; אין דער זעלבער צייט אָבער ציט עס אים דאָך צוריק צום אַלטן און ער ווייסט, אַז פון דאָרט שטראָמט דער גייסט פון דורות און אַז פון דאָרט ציט די יניקה

דאָס גאַנצע פאָלק, וואָס קען איבערקומען אַלע שטורעמס און דאָך ניט אונ־טערגיין.

פייערבערג האָט געקוקט מיט פאַראַכטונג אויף די וואָס ווערן אַזוי באַ־גייסטערט פאַר דעם נייעם, אַז זיי וואַרפן פון זיך אײַנגאַנצן אַראָפּ דאָס אַלטע און זיי דערווייטערן זיך פונם פאָלק און פון זיין פאַרגאַנגענהייט. אין אַזעלכע וועגן האָט ער ניט געקענט גיין, ניט אין דער ליטעראַטור און ניט אין לעבן. ער איז אין דער נאַטור געווען אַן איידעלער מענטש מיט זייער אַ הויכער מאָראַל. ווי אַ ייד, האָט ער זיך געפילט צוגעבונדן מיט טויזנטער פעדים צום תוך פון יידישקייט און אויך צום יידישן פאָלק, און רעדנדיק וועגן די, וואָס רייסן זיך אָפּ פון פאָלק דערפאַר וואָס ס׳ציט זיי צו דער ברייטער וועלט, דער גרויסער, זאָגט ער: „איידער זיין אַ לייב צווישן לייבן, וועל איך זיך שוין בעסער לאָזן פאַרצוקן אינאיינעם מיט די שאָף".

פון אַלץ, וואָס מ׳ווייסט וועגן פייערבערגן, אין די יאָרן ווען ער האָט געלעבט און געשאַפן אין נאָוואָגראַד־וואָלינסק, איז קלאָר, אַז ער איז געווען די פאַר־קערפּערונג פון צאַרטקייט און אין דער זעלבער צייט אויך דער מוסטער פון יענעם מין פאַרשטאַנד, וואָס האַלט שטענדיק אין איין זוכן און וואָס באַרואיקט זיך ניט אַפילו דאַן ווען ער דערגרונטעוועט זיך צו עפּעס.

ער האָט מיט זיין לעבן און שאַפן אויסגעדריקט ניט נאָר זיין אייגענעם געמיטס־צושטאַנד, נאָר אויך דעם געמיטס־צושטאַנד פון דער גאַנצער ניי־אויפגעקומענער יידישער אינטעליגענץ פון יענער צייט. אין זיינע ווערק שפּיגלט זיך אָפּ די שטימונג פון אַ גאַנצן דור, פון אַ יונגן דור, וואָס איז צעריסן געוואָרן צווישן צוויי וועלטן. ס׳איז דעריבער קיין וואונדער ניט געווען וואָס אַרום אים האָבן זיך אין נאָוואָגראַד־וואָלינסק דעמאָלט געוואַרעמט די בעסטע און איידלסטע יידישע יונגעלייט פון יענער צייט, די אַלע, וואָס האָבן געוויזן סימנים, אַז פון זיי וועט שוין געוויס עפּעס אַרויסקומען און זיי וועלן אַוודאי קריגן אַ נאָמען ביי יידן. און צווישן יענע יונגעלייט איז אויך געווען ש. צ. זעצער. דער יידיש־העברעאישער שריפטשטעלער און פאָרשער, וועלכער איז מיט זעקס יאָר ייִנגער פון פייערבערגן.

ניט מער ווי צוויי יאָר האָט מ. ז. פייערבערג געשריבן. אַ קראַנקער, און אין גרויס אָרעמקייט, האָט ער שווער געאַרבעט זיך צו דערהאַלטן ביים לעבן. ער האָט דאַן אויך געקליבן מאַטעריאַלן פאַר אַ גרויסער היסטאָרישער נאָוועלע, וואָס זאָל זיין געבויט אויפן לעבן פון בעל־שם־טוב, אָבער ער האָט דאָס ווערק ניט אָנגעשריבן. אינם יאָר 1899 איז ער געשטאָרבן. און אַלט געווען איז ער דאַן ניט מער ווי פינף און צוואַנציק יאָר.

בלויז איין בוך האָט מ. ז. פייערבערג נאָך זיך איבערגעלאָזן. אָבער גרויס,

זייער גרויס איז געווען דער איינפלוס, וואָס דער איינציקער בוך זיינער האָט געהאַט אויף די העברעאישע לעזער פון זיין דור און אויך אויף די, וואָס זיינען געקומען שפּעטער. וואו מ׳האָט נאָר געלייענט העברעאיש און וואו מ׳האָט זיך נאָך אינטערעסירט מיט די שטימונגען פון דער נייער יידישער אינטעליגענץ, וואָס קומט פון בית־המדרש, אָדער פון דער קלויז, און רייסט זיך אין דער ברייטער וועלט אַריין, האָט מרדכי זאב פייערבערגס בוך אויך געמוזט זיין אויפן טיש, און מ׳האָט וועגן דעם דיסקוסיעס געפירט, און מ׳האָט דעם „לאָן״ געלייענט ווידעראַמאָל און אָבעראַמאָל, און אַלע האָבן זיך זייער שטאַרק אינטערעסירט מיט דעם שרייבער, וואָס האָט מיט זיינע ווערק אַרויסגערופן אַזוי פיל שטימונגען און געדאַנקען, און וואָס איז אַזוי יונג געשטאָרבן אין דער שטאָט נאָוואָגראַד־וואָלינסק.

אויך אַזעלכע, וואָס האָבן קיין העברעאיש ניט געקענט, האָבן זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט פייערבערגס לעבן און שאַפן, ווייל אַ לאַנגע צייט האָבן זיך אַרום אים און אַרום זיין לעבן אין נאָוואָגראַד־וואָלינסק גאַנצע לעגענדעס געוועבט. מ׳האָט זיינע ווערק איבערגעזעצט אויף רוסיש, אויף פּויליש, אויף דייטש און אויך אויף ענגליש. און אַלעמאָל, ווען מ׳האָט וועגן פייערבערגן גערעדט, אָדער געשריבן, האָט מען אויך דערמאָנט די שטאָט, וואו ער איז געבוירן געוואָרן און געשטאָרבן, און מ׳האָט דערציילט אין וואָס פאַר אַן אַטמאָספערע ער האָט דאָרט געלעבט און וואָס פאַר אַ גרויסן איינפלוס ער האָט דאָרט געהאַט, סיי ביי זיין לעבן און אויך נאָכן טויט.

פייערבערגס נאָמען האָט ניט ווייניק געהאָלפן אין דעם, אַז זיין געבורטסשטאָט זאָל ווערן באַרימט אין די קרייזן פון דער יידישער אינטעליגענץ ווי אַ שטאָט פון תורה און חכמה. און נאָך ביז היינטיקן טאָג קען מען צווישן די זוויהילער לאַנדסלייט, וואָס זיינען שוין אַ סך יאָרן אין אַמעריקע, געפינען אַזעלכע, וואָס גיבן צו, אַז אויב זיי קענען נאָך איצט אויך לערנען, האָבן זיי דערפאַר צו פאַרדאַנקען פייערבערגס איינפלוס, וואָס האָט זיך געפילט אין נאָוואָגראַד־וואָלינסק אַ סך יאָרן נאָכן טויט פונם יונגן שריפטשטעלער. זיי טראָגן נאָך איצט אויף זיך דעם שטעמפּל פון פייערבערגס איינפלוס; דער באַוואוסטזיין אַליין, אַז זיי קומען פון דער זעלבער שטאָט, וואו מרדכי זאב פייערבערג, עליו־השלום, האָט געלעבט און געשאַפן, איז געווען גענוג, אַז זיי זאָלן זיך פילן נאָך מער צוגעבונדן צו אַלץ, וואָס ס׳איז נאָר פאַרבונדן מיט יידישן גייסט און אויך מיטן לעבן פונם יידישן פאָלק.

***

אין דער רוסישער געשיכטע ווערט נאָוואָגראַד־וואָלינסק דערמאָנט בלויז איין מאָל, אין פאַרבינדונג מיט די בלוטיקע כמעלניצקי־שחיטות אין די יאָרן פון

ת״ח ות״ט. עס ווערט דערציילט, אַז אינם יאָר ת״ח (1648), האָט מאַקסים קריוואָנאָס, איינער פון כמעלניצקיס אַטאַמאַנעז, געמאַכט אַן אָנפאַל אויף דער שטאָט פּאָלאָנע און זיינע קאָזאַקן האָבן דאָרט אויסגעשאָכטן צען טויזנט יידן. נאָכדעם איז קריוואָנאָס, „אַ מענטש אַ ברוטאַלער און אַן אָנגעכמורעטער״, ווי דער היסטאָריקער באַטיושקאָוו רופט אים אָן, אַוועק קיין אַלט־קאָנסטאַנטין מיט אַ טייל פון זיינע קאָזאַצקע היילות, און די איבעריקע „האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אויף זוויאַגעל״ *).

אַזוי ווערט דערציילט אין דער רוסישער געשיכטע, וואו נאָוואָגראַד־וואָלינסק ווערט אָנגערופן „זוויאַגעל״. ס׳ווערט אָבער אין ערגעץ ניט דערמאָנט וועגן אַ שחיטה פון כמעלניצקיס באַנדעס אויף יידן אין זוויהיל, און דאָס גיט אַ גרונט צו גלויבן, אַז די יידן פון שטעטל זיינען אַוודאי נאָך פריער אַנטלאָפן קיין פּאָלאָנע, ווייל דאָרט איז אַרום דער שטאָט געווען אַ פעסטונג. און געוויינלעך פלעגן יידן דאַן פון ניט־באַפעסטיקטע שטעטלעך לויפן אַהין, וואו ס׳איז יאָ געווען אַ פעסטונג; מען האָט געהאָפט, אַז דאָרט וועט מען זיין זיכערער מיטן לעבן, ווייל די רוצחים וועלן אַהין אפשר ניט קענען צוקומען.

פון דעם אַליין, וואָס ס׳ווערט אָנגעגעבן, אַז כמעלניצקיס באַנדעס האָבן אין פּאָלאָנע אַליין אומגעבראַכט צען טויזנט יידן, קען מען דרינגען, אַז ס׳זיינען דאָרט געווען אַ סך אָנגעלאָפענע פון אַנדערע שטעט, און אַוודאי אויך פון דער נאָוואָגראַד־וואָלינסק, וואָס האָט דעמאָלט נאָך געהייסן זוויאַגעל. אין פּאָלאָנע אַליין זיינען דאַן אַזוי פיל יידן ניט געווען.

דאָס זעלבע איז אויך געשען אין טולטשין, אין נעמיראָוו און אויך אין די אַנדערע שטעט, וואוהין יידן פון די ניט־באַפעסטיקטע שטעט זיינען געלאָפן זוכן שוץ אין יענע פינצטערע צייטן פון באָגדאַן כמעלניצקי און זיינע באַנדעס.

אַפילו נאָכדעם ווי דער צאָרן האָט זיך שוין געהאַט איינגעשטילט, האָבן יידן נאָך אַלץ מורא געהאַט זיך אומצוקערן אין די שטעט, פון וואַנען זיי זיינען פריער אַנטלאָפן. און דערמיט אַוודאי דערקלערט זיך דער פאַקט, וואָס עס זיינען אַוועק אַזוי פיל יאָרן און זוויהיל איז אַלץ ניט געוואַקסן. אַנדערש קען מען ניט פאַרשטיין פאַרוואָס מיט אַזוי פיל יאָרן שפּעטער, אין 1765, איז די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג דאָרט באַשטאַנען פון ניט מער ווי פינף הונדערט מיט זיבן און זיבעציק שטייער־צאָלער, ווי עס איז שוין דערמאָנט געוואָרן פריער.

אַ סך אַרויסגעהאָלפן אין דעם, אַז די שטאָט זאָל ווערן גרעסער האָבן די

*) זע: П. Н. Батюшков, Волынь, Исторические судьбы юго-западного края, стр. 170.

גרויסע יאַרידן, וואָס מ׳האָט דאָרט איינגעפירט. אויף יעדן יאַריד אַזאַ זייַנען פון אַלע אַרומיקע דערפער געקומען אַ סך פּויערים. אויך פון די נאָענטע שטעטלעך איז מען אַהין אויף די יאַרידן געקומען, און מ׳האָט געקויפט און פאַרקויפט, און סוחרים האָבן געהאַנדלט מיט ווייץ און קאָרן, מיט צוקער, מיט פעל, מיט לעדער, און אויף יעדן יאַריד האָט מען געקענט קריגן אַלץ, וואָס אַ מויל קען נאָר אַרויסרעדן און אַלץ וואָס נאָר דאָס האַרץ גלוסט.

אַזוי ווי אין אַלע אַנדערע אוקראַיִנישע שטעטלעך, וואָס זייַנען אַרומגערינגלט מיט פעלדער און גערטנער און וואו ס׳געפינען זיך קליינע זאַוואָדן, מילן, קראָמען און אויך בעלי־מלאכות, וואָס מאַכן אַלץ צו פאַרקויפן אויפן מאַרק.

ווען נאָוואָגראַד־וואָלינסק האָט אָנגעהויבן ווערן אַ גרעסערע שטאָט, האָט מען די גאַסן דאָרט געגעבן נעמען און דאַן האָבן אייניקע גאַסן געקראָגן אַזעלכע נעמען, אַז ס׳האָט געקענט הייסן, אַז דער עיקר איז ניט דאָס וואָס זיי פירן ערגעץ אין שטאָט, נאָר דאָס וואָס זיי פירן אַרויס ערגעץ פון דער שטאָט.

איין גאַס האָט געקראָגן דעם נאָמען „די זשיטאָמירער גאַס“, און דאָס האָט געמיינט, אַז זי פירט צו דעם וועג, אויף וועלכן מ׳קען פון נאָוואָגראַד־וואָלינסק פאָרן קיין זשיטאָמיר.

אַ צווייטע גאַס האָט געקראָגן דעם נאָמען „די פּאָלאָנער גאַס“, און דאָס האָט געהייסן, אַז זי פירט צו דעם וועג, אויף וועלכן מ׳פאָרט קיין פּאָלאָנע.

אַזוי אויך אַנדערע גאַסן. און ס׳איז אויסגעקומען ווי זיי, די גאַסן, וואָס פירן אַרויס אויף וועגן, וואָלטן שטענדיק דערמאָנט די איינוואוינער פון שטאָט, אַז ס׳איז ניט גוט צו זיצן צו לאַנג אויף איין אָרט און אַז ס׳וועט זיין בעסער ווען מ׳וועט ערגעץ אַרויספאָרן אין דער ברייטער וועלט אַריין...

און מ׳איז טאַקע געפאָרן. וואָרעם צווישן די יונגע מענטשן אין נאָוואָגראַד־וואָלינסק זייַנען שטענדיק געווען געגנוג אַזעלכע, וואָס האָבן זיך ערגעץ געריסן און עפּעס געוואָלט, און ווי נאָר זיי האָבן געקראָגן אַ מעגלעכקייט צו פאַרווירקלעכן זייערע טרוימען, זייַנען זיי אַוועק פון דער היים און האָבן זיך געלאָזט פאָרן. און געפאָרן איז מען לערנען. ווער — אין אַ ישיבה, ווער — אין אַ גימנאַזיע, און ווען מ׳איז שפּעטער געקומען צוריק, האָט מען פון די ווייטע שטעט געבראַכט נייַע אידעען און מ׳האָט זיי פאַרשפּרייט צווישן די אַנדערע, וואָס האָבן זיך אויך ערגעץ געריסן און עפּעס געוואָלט, נאָר ניט געהאָט די מעגלעכקייט אַוועקצופאָרן אין די שטעט, וואוהין זיי האָבן געוואָלט פאָרן.

אויך קיין אַמעריקע איז מען געפאָרן, און שפּעטער האָבן פון דאָרט אָנגעהויבן אָנקומען אַזעלכע בריוו, אַז ס׳איז גאָר קיין וואונדער ניט געווען וואָס אַפילו די, וואָס האָבן פריער קיינמאָל ניט געטראַכט וועגן פאָרן אין דעם ווייטן

לאַנד, האָבן שוין אויך אָנגעהויבן טראַכטן דערפון. אין די בריוו, וואָס זיינען פון דאָרט אָנגעקומען, האָט מען דערציילט וואונדער וועגן דעם לעבן אין דעם ווייטן לאַנד און מ׳האָט דערמאָנט נעמען פון מענטשן, אויף וועלכע קיינער אין נאָוואָגראַד וואָלינסק האָט זיך פריער כמעט ניט אומגעקוקט: דער און דער, אַן אָרעם ייִנגל פון נאָוואָגראַד־וואָלינסק, איז שוין אין אַמעריקע אַ דאָקטאָר; יענער און יענער, אַן אָרעמער בעל־מלאכה, אויף וועמען מ׳האָט אין שטאָט געקוקט פון אויבן אַראָפּ, איז איצט אַ גרויסער גביר אין אַמעריקע; ער האָט שוין אַן אייגענע פאַבריק, און ס׳ווייזט זיך אַרויס, אַז ער איז ניט נאָר זייער אַ פּעאיקער מענטש, נאָר אויך זייער אַן איידעלער מענטש און ער העלפט אַרויס מיט אַ ברייטער האַנט די אָרעמע לאַנדסלייט, וואָס פלאַגן זיך נאָך דערווייל אין דעם נייעם לאַנד. און דער עיקר — אַמעריקע איז אַ פריי לאַנד; אָרעם און רייך איז דאָרט גלייך, און ס׳איז ניטאָ קיין אונטערשייד צווישן גוי און ייִד; פאָרן קען מען דאָרט אומעטום אָן אַ פּאַספּאָרט; ס׳זיינען דאָרט גאָר אינגאַנצן ניטאָ קיין פּאַספּאָרטן, און פאַר אַ פּאָליציייסקן האָט מען קיין מורא ניט, און אַ ייִד פילט זיך דאָרט פריי און ער קען ווערן אַ „מיראָוואָי סודיאַ“ (אַ ריכטער) און אַפילו אַ גובערנאַטאָר. ס׳זיינען ניטאָ קיין באַזונדערע געזעצן קעגן ייִדן...

מיט דעם האָט מען אין נאָוואָגראַד־וואָלינסק מקנא געווען די ייִדן אין אַמעריקע נאָך מער ווי דערמיט וואָס אַן אָרעמאַן קען דאָרט ווערן רייך, ווייל ווי אין אַ סך אַנדערע שטעט האָט מען דאָרט נאָך גוט געדענקט די שרעק און די מורא, וואָס איז אַרויפגעפאַלן אויף אַלעמען אין יענע פינצטערע טעג פון אָקטאָבער, 1905, ווען ס׳האָבן זיך אין רוסלאַנד אָנגעהויבן די פּאָגראָמען גלייך נאָכדעם ווי דער צאַר האָט געגעבן דעם פאָלק אַ „קאָנסטיטוציע“.

אין נאָוואָגראַד־וואָלינסק האָט מען נאָך אַלץ מורא געהאַט פאַר אַ פּאָגראָם, און מער ווי פאַר אַלע אַנדערע האָט מען זיך דאַן געשראָקן פאַר די סיסלער גויים, וועלכע פלעגן אויף זייערע וועגענער פירן „באַבולאַ־פּאַפיר“ פון דעם פאַבריקל, וואָס איז געשטאַנען אויסער דער שטאָט.

זייער ביטערע יונגען זיינען זיי געווען, די סיסלער גויים, וואָס האָבן געפירט דאָס „באַבולאַ־פּאַפיר“ פון דעם פאַבריקל. וואו זיי האָבן זיך נאָר אָפּגעשטעלט, האָבן זיי זיך פאַרטשעפּעט מיט ייִדן און געזוכט אַ געלעגנהייט אַרויסצורופן אַ געשלעג, און געזאָגט האָט מען, אַז צווישן זיי געפינט זיך איינער אַן אונטערגעשיקטער, וואָס העצט זיי צו מאַכן אַ פּאָגראָם אויף ייִדן אין נאָוואָגראַד־וואָלינסק און אַז ס׳איז שוין אַפילו באַשטימט אַ טאָג, ווען דער פּאָגראָם זאָל זיך אָנהויבן.

דאַן איז אין נאָוואָגראַד־וואָלינסק גלייך געגרינדעט געוואָרן אַ זעלבסט־שוץ און ס׳האָבן זיך אין איר אָנגעשלאָסן די אַלע ייִדישע יונגעלייט, וואָס

פריער פלעגן זיי זיך געוויינלעך אַרומרייסן צווישן זיך, שפּאַצירנדיק אין די זומערדיקע אויפדערנאַכטן אין דעם שיינעם גאָרטן, וואָס געפינט זיך אין צענטער פון שטאָט; דאָרט, אין יענעם שיינעם גאָרטן, מיט וועלכן די נאָוואָגראַד־וואָלינסקער האָבן זיך שטענדיק שטאַרק איבערגענומען, פלעגן די בונדאָווצעס זיך אָפּט אַרומקריגן מיט די ציוניסטן, און די סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן זיך געאַמפּערט מיט די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן; אויך „סעימאָווצעס" און טעריטאָריאַליסטן האָבן ניט אויסגעפעלט, און ס'האָט קיינמאָל קיין שלום ניט געקענט זיין צווישן די אַלע יידישע יונגעלייט, וואָס האָבן געהערט צו פאַרשיידענע פּאַרטייען און אַלץ געזוכט אַן אויסלייזונג פאַרן יידישן פאָלק און פאַר אַלע אָרעמע און אונטערדריקטע...

אָבער ווי נאָר מ'האָט דערהערט, אַז ס'האַלט ביי אַ פּאָגראָם אין נאָוואָגראַד־וואָלינסק און אַז ס'איז שוין אַפילו באַשטימט אַ טאָג ווען דער פּאָגראָם זאָל זיך אָנהויבן, האָט מען פאַרגעסן אָן די אַלע פּאַרטיי־דיסקוסיעס און אַלע האָבן זיך פאַראייניקט, און ס'איז געווען אָפּגעמאַכט, אַז ווי נאָר ס'וועט זיך „עפּעס אָנהויבן", זאָל מען אַרויסווייזן אַ ווידערשטאַנד און אָנלערנען די פּאָגראָמשטשיקעס אַזוי, אַז זיי זאָלן דאָס האָבן צו געדענקען אויף שטענדיק.

קיין געווער האָט די יידישע זעלבסטשוץ דאַן ניט געהאַט, און פאָרן קיין זשיטאָמיר נאָך געווער איז שוין געווען צו־שפּעט. דאָס וואָלט געדויערט צו לאַנג. און דאַן האָט אַ יידישער קאָוואַל, איינער אַ געוויסער יהושעקע, גענומען אויף זיך צוצושטעלן געווער, און ער האָט געהאַלטן וואָרט: ער האָט אַ גאַנצע נאַכט געאַרבעט אין קוזניע און אינדערפרי האָט ער געהאַט פאַרטיק פופציק קינזשאַלן, שפּיציקע, שאַרפע, קינזשאַלן, מיט אייזערנע הענטלעך, און מ'האָט זיי גלייך צעטיילט צווישן די שטאַרקסטע און מוטיקסטע יידישע יונגעלייט פון דער זעלבסטשוץ, און צווישן זיי זיינען געווען מיטגלידער פון אַלע פּאַרטייען. די אַנדערע האָבן זיך באַוואָפנט מיט וואָס מ'האָט נאָר געקענט, און אַלע זיינען געווען גרייט זיך מקריב צו זיין, באַשיצנדיק מיט געווער אין די הענט יידישע לעבנס און יידישן כבוד.

פון דעם קלינגען מיטן האַמער, וואָס האָט זיך אַ גאַנצע נאַכט געטראָגן פון דער קוזניע, וואו יהושעקע דער קאָוואַל האָט געשמידט געווער, האָבן די כוליגאַנעס פון שטאָט זיך דערוואוסט, אַז יידן באַוואָפענען זיך, אַז זיי זיינען גרייט זיך צו שטעלן אַקעגן, און דאָס האָט אויף זיי אַ מורא אָנגעוואָרפן און ס'איז צו קיין פּאָגראָם ניט געקומען.

***

נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע פון 1917, ווען די באָלשעוויקעס האָבן איבערגענומען די מאַכט אין לאַנד, האָט זיך אָנגעהויבן אַ בירגער־קריג. די שטאָט

נאָוואָגראַד־וואָלינסק האָט גענומען איבערגיין פון האַנט צו האַנט, און ווען נאָר אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע באַנדע האָט זיך אַהין אַריינגעריסן, האָט זי פריער פון אַלץ גענומען שעכטן און ראַבעווען יידן.

פון מיטן זומער אין יאָר 1919, ביזן סוף זומער 1920, האָבן די יידן אין נאָוואָגראַד־וואָלינסק איבערגעלעבט אַזוי פיל, אַז מ׳קען זאָגן אָן אַ גוזמא, אַז די ערד איז דאָרט דורך און דורכגעווייקט געוואָרן מיט יידיש בלוט.

ווען די באָלשעוויקעס האָבן דאָרט איינגעפירט די נייע אָרדענונג, און עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ „רעווקאָם" (רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט), איז גראָד אויסגעקומען אַזוי, אַז דער סעקרעטאַר פון „רעווקאָם" איז געוואָרן אַ יידישער יונגערמאַן מיטן נאָמען איציק, וועלכער איז נאָך פון פריער געווען טעטיק אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. און ווען מ׳האָט אָפּגעטיילט די קירכע פונם שטאָט, האָבן אַנטיסעמיטן זיך באַנוצט דערמיט און אָנגעהויבן פירן אַן אַגי־טאַציע קעגן יידן צווישן די פויערים אין שטאָט און אויך אין די אַרומיקע דער־פער, און דערביי האָבן זיי געזאָגט, אַז ניט קיין אַנדערער ווי איציק איז שולדיק אין דעם וואָס מען האָט צוגענומען די מאַכט ביי דער פּראַוואָסלאַווער קירכע.

ווען די יידן אין שטאָט האָבן זיך דערוואוסט וועגן דער אַנטיסעמיטישער אַגיטאַציע, וואָס ווערט אָנגעפירט, ווען מ׳האָט אָנגעהויבן רעדן גאַנץ אָפן וועגן דעם, אַז די פויערים קלייבן זיך מאַכן אַן אויפשטאַנד, איז מען אַוועק צו איציקן און מ׳האָט אים געבעטן, ער זאָל עפּעס טאָן וועגן דעם. האָט איציק אַלע־מען באַרואיקט.

— שרעקט זיך ניט — האָט ער געזאָגט — זאָלן זיי נאָר עפּעס אָנהויבן קעגן דער סאָוועטן־מאַכט, וועלן זיי שוין אויסגעפינען מיט וואָס דאָס שמעקט. איר וועט זען, אַז ווי נאָר זיי וועלן דערהערן דעם ערשטן שאָס פון אַ פּולימיאָט, וועלן זיי זיך אַלע צעלויפן...

און איציק האָט געהאַלטן וואָרט. ווען מ׳האָט אים איינמאָל, אין אַ זונטיק ביי טאָג אָנגעזאָגט, אַז מאַסן פויערים האָבן זיך צונויפגעקליבן ביים קלויסטער, און צווישן זיי געפינען זיך אויך אייניקע פון דער קריסטלעכער אינטעליגענץ אין שטאָט און אַלע שרייען, אַז אין אַלץ זיינען שולדיק די יידן און אַז מ׳דאַרף אַרונטערוואַרפן די סאָוועטן־מאַכט, איז איציק גלייך געקומען צולויפן רייטנ־דיק אויף אַ פערד, און איידער מ׳האָט זיך גערירט, האָט מען שוין דערהערט דאָס קראַכן פון פולימיאָטן. דאָס האָט די סאָוועטישע אַרטילעריע געשאָסן אויף דעם צערייצטן המון, וואָס האָט זיך געקליבן מאַכן אַן אויפשטאַנד, און באַלד איז דאָס גאַנצע פלאַץ אָפּגעליידיקט געוואָרן. דער גאַנצער המון איז זיך צעלאָפן וואוהין די אויגן האָבן נאָר געטראָגן.

אָבער די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע באַנדעס האָבן ניט גערוט; זייערע אַגי־

טאַטאַרס האָבן אויפגעהויבן און צעהעצט די פּויערים פון אַלע אַרומיקע דערפער, און צוויי טעג נאָך דער שיסעריי ביים קלויסטער האָבן זיי זיך אַריינגעריסן אין שטאָט אַריין, באַוואָפנט פונם קאָפּ ביז די פיס, און דאַן האָט זיך אָנגעהויבן אַ ביטערע שלאַכט צווישן זיי און דעם מיליטער, וואָס האָט באַשיצט די סאָוועטישע מאַכט אין שטאָט.

גענוען איז דאָס אין די צייטן, ווען ס׳האָט נאָך געהערשט אַ צעמישעניש און מ׳האָט נאָך ניט געקענט זיין אינגאַנצן זיכער מיט דעם מיליטער, וואָס איז געגאַנגען מיט די קאָמאַנדירן פון די באָלשעוויקעס; ס׳איז שוין קיין נייס ניט געווען, אַז סאָלדאַטן, וואָס שטייען אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי, זאָלן איבערגיין אויף דער זייט פון די ווייסע, ווען זיי דערזען נאָר, אַז די רויטע פאַרלירן. אַזוי איז אויך געווען אין נאָוואָגראַד־וואָלינסק; סאָלדאַטן, וואָס מ׳האָט געהאַלטן פאַר באָלשעוויקעס, זיינען אַריבער צו די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע באַנדעס, ווען זיי האָבן דערזען, אַז ס׳האַלט שמאָל; אַנדערע זיינען אַנטלאָפן. געבליבן איז בלויז אַ כינעזישע בריגאַדע, וואָס האָט אינאיינעם מיט די יונגע יידישע קאָמוניסטן פון שטאָט זיך געשלאָגן מיט גרויס מסירת־נפש. אָבער זיי האָבן דאָך ניט געקענט אָפּשטעלן דעם שונא; איינער נאָכן אַנדערן זיינען זיי געפאַלן אין שלאַכט, און צווישן די, וואָס זיינען דאַן געפאַלן אין שלאַכט, פאַרטיידיקנדיק מיט געווער אין האַנט די סאָוועטן־מאַכט אין נאָוואָגראַד־וואָלינסק, איז אויך געווען דעם מאַקאַראָווער רבין ר׳ נחומצעס אַ זון, וועלכער איז נאָך דער רעוואָלוציע פון 1917 געוואָרן אַ באָלשעוויק...

און ווי נאָר די אוקראַינישע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע באַנדע האָט איבערגענומען די מאַכט אין שטאָט, האָט מען באַלד אָנגעהויבן ראַבעווען און שעכטן יידן. און כדי צו געבן די רויבערייען און רציחות דעם כאַראַקטער פון כלומרשטער „געזעצלעכקייט״, האָט מען אויף יידן געמאַכט בלבולים, אַז זיי האָבן פון די הייזער געשאָסן אויפן אוקראַינישן מיליטער, אַז זיי האָבן זיך באַוואָפנט כדי „אויסצוקוילען די פּראַוואָסלאַוונע מענטשן פון אַרום און אַרום״, און דאַן האָט מען אָנגעהויבן גיין פון שטוב צו שטוב, און אומעטום האָט מען, כלומרשט זוכנדיק געווער, געהרגעט און געשלאָגן, און ווען מען האָט נאָר אימיצן גענומען אויף אַ קרייץ־פאַרהער, האָט מען אים געפּייניקט און געמוטשעט.

צווישן די, וואָס מ׳האָט דאַן גענומען אויף אַ קרייץ־פאַרהער, איז אויך געווען דער זון פון אַ פרומען שוחט, וואָס האָט געהאַט אַ נאָמען פון אַ הייסן חסיד. און ער אַליין האָט שפּעטער דערציילט וועגן דעם:

„די טיר פון אונדזער שטוב רוט ניט אַ מינוט. אַ באַנדע גייט און אַ באַנדע קומט, און פאַר יעדער באַנדע דאַרף איך זיך פאַרענטפערן און דערציילן, אַז איך האָב ניט געשאָסן אויפן קלויסטער, אַז איך בין ניט שולדיק אין דעם וואָס

מ׳האָט דעם קיסר אַרונטערגעזעצט פון טראָן, אַז איך קער זיך ניט אָן מיט קיין קאָמוניסטן און אַז איך האָב די פּאָרטרעטן פון די צוויי „זשידעס״ לענין און טראָצקי קיינמאָל ניט אויפגעהאַנגען אין קיין קלויסטער.״

ווייטער דערציילט ער ווי ביי יעדן קרייץ־פאַרהער האָט מען ביי זיין פּנים געהאַלטן אַ רעוואָלווער און זיין לעבן איז געהאַנגען אויף אַ האָר. און דערביי זאָגט ער:

„ווי אַ שוואַך ווערימל בין איך אַקעגן באַגדאַן כמעלניצקיס אייניקלעך, וואָס זיינען באַוואָפנט פונם קאָפּ ביז די פיס, און אין האַרצן צעברענט זיך ביי מיר ווי אַ העליש פייער אַ שרעקלעכער פאַרלאַנג זיך אַרומצואוויקלען אַרום זייערע העלזער ווי אַ שלאַנג און זיי ווערגן. ווערגן און שטיקן...*)

צען טעג נאָכאַנאַנד האָט דער פּאָגראָם אין נאָוואָגראַד־וואָלינסק דאַן געדויערט. ס׳האָט ניט געהאָלפן קיין באַהאַלטן זיך; פון אַלע באַהעלטענישן האָט מען געשלעפּט יידן און אויף אַלע גאַסן האָבן זיך געוואַלגערט הרוגים. אומעטום האָט מען זיך געיאָגט נאָך יידישע יונגעלייט, און ווען מ׳האָט איינעם געכאַפּט, האָט ער שוין קיין לעבעדיקער ניט געקענט אַרויס. ס׳איז געווען קלאָר, אַז מען האָט זיך פאַרלעגט אויסצוראָטן און פאַרטיליקן דעם גאַנצן יונגן דור פון דער יידישער באַפעלקערונג אין נאָוואָגראַד־וואָלינסק. קיין איין יידישן יונגנמאַן וויל מען ניט לאָזן לעבן. און דאָס האָט ביי זיי, ביי די אוקראַאינישע באַנדעס פון דער שטאָט, געהייסן אַ „קאַמף קעגן באָלשעוויזם, אַ קאַמף קעגן דער סאָוועטן־מאַכט.״

אַלע מאָל, ווי ס׳האָט זיך נאָר אויסגעדוכט, אַז ס׳ווערט אַ ביסל שטילער, האָט מען אויף די גאַסן געזען ווי דאָ און דאָרט גייען יידישע מאַמעס, פאַרצוויפּלטע און פאַרוויינטע, און מיט פאַרבראָכענע הענט, צעטומלטע און צעמישטע, שטעלן זיי אָפּ יעדן איינעם, וואָס קומט זיי אַקעגן, און אַלע שטעלן די זעלבע פראַגע, אויף וועלכער קיינער קען זיי קיין ענטפער ניט געבן:

— האָט איר אפשר ערגעץ געזען מיין זון?... ווייסט איר אפשר וואו איך קען געפינען מיין זון?...

אויך קינדער, קליינע קינדער, וואָס האָבן נאָך אַליין ניט געוואוסט, אַז זיי זיינען שוין געבליבן יתומים אָן אַ טאַטן, האָבן געבלאָנדזשעט אין די גאַסן.

אַלע האָבן געזוכט אייגענע, אַלע האָבן געזוכט נאָענטע. און אַלע האָבן זיך געפילט פרעמד און הפקר אין דער שטאָט, וואָס איז זיי פריער שטענדיק געווען אַזוי נאָענט...

אַפילו דאַן ווען אייניקע פּראַוואָסלאַוונע גלחים האָבן אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף, אַז מ׳זאָל שוין אויפהערן פאַרגיסן יידיש בלוט און קומען אין קלויסטער אַריין בעטן גאָט, אַז ער זאָל פאַרגעבן די זינד, האָבן די שחיטות זיך ניט אָפּ־

*) רשומות, באַנד 3, ז׳ 456.

געשטעלט. באַגדאַן כמעלניצקיס אייניקלעך אין נאָוואָגראַד־וואָלינסק האָבן אַלץ געבושעוועט, באָדנדיק זיך אין יידיש בלוט. און פּונקט ווי דאָס וואָלט נאָך געווען ווייניק און מ׳וואָלט דערצו זיך נאָך געדאַרפט רייצן אויך מיט די, וואָס זיינען געבליבן לעבן, מיט די, ביי וועמען מ׳האָט אויסגעהרגעט און צום טויט פאַר־פייניקט די זין, האָט דער אַטאַמאַן פון דער אוקראַאינישער באַנדע אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז מ׳זאָל די יידן צונויפטרייבן אין דער גרויסער שול, און דאָרטן זאָלן זיי געבן אַ שבועה, אַז זיי וועלן דינען געטריי דער אוקראַאינישער מאַכט.

פאַרלאָרענע און צעשראָקענע האָבן יידן זיך געלאָזט גיין צו דער גרויסער שול, און פאָראויס זיינען געגאַנגען די רבנים און אויך די חסידישע רביים פון שטאָט. אָבער אויפן וועג האָט מען זיי צוגעפירט צו אַ קלויסטער, און דאָרט האָט אַ פּראַוואָסלאַווער גלח געזאָגט מוסר די רבנים און די רביים פאַרוואָס זיי פירן ניט די עדה יידן אויף גלייכע וועגן. מיט אַ פרומער מינע אויפן פּנים האָט דער גלח זיי געשטראָפט. מיט זייער אַ פרומער מינע. ס׳איז אויסגעקומען, ווי די שולדיקע וואָלטן דאָ גאָר געווען ניט די גויים, נאָר די יידן. און ביי יעדער מאָל וואָס דער גלח האָט יעזוסעס נאָמען דערמאָנט, האָט ער זיך פרום איבערגעצלמט. און ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט די שטראָף־רייד, האָט ער די יידן געהייסן גיין אין דער גרויסער שול געבן די שבועה דער נייער מאַכט.

און ער האָט, אַפּנים, גאָרניט געטראַכט פון דעם, דער פרומער גלח, וואָס ביי די יידן צאַפּט זיך דאָס בלוט פון האַרצן ביים אויסהערן די פרומע שטראָף־רייד זיינע.

נאָך מער האָט זיך ביי די יידן דאָס בלוט פון האַרצן געצאַפּט, ווען זיי זיינען אין דער גרויסער שול אַריינגעקומען. אויף דעם זעלבן באַלעמער, וואו מ׳האָט געוויינלעך געלייענט די תורה, וואו ס׳שטייט געשריבן „לא תרצח", איז געשטאַנען דער אוקראַאינישער אַטאַמאַן, וואָס איז געווען שולדיק שוין ניט אין איין פּאָגראָם, וואָס זיינע באַוואָפנטע רוצחים האָבן געמאַכט אין יידישע שטעט און שטעטלעך, און ער האָט מיט גרויס חוצפּה אויסגערעדט אַל־דאָס בייז אויף יידן און אויף דער יידישער תורה; ער האָט זיך ניט געשעמט צו זאָגן, אַז שטענדיק זיינען יידן שולדיק אין אַלץ און אַז אַזוי ציט זיך דאָס נאָך פון די ציטן פון אברהם אבינו, פון משה רבינו און פון דוד המלך; וואו נאָר ערגעץ אַ צרה, זיינען יידן שולדיק אין דעם, ווייל ס׳רוט אין זיי אַ „פאַרשאָלטענער גייסט"; אָבער ער, דער אוקראַאינישער אַטאַמאַן, וועט דעם דאָזיקן גייסט אויסראָטן און ס׳וועט פון אים גאָרנישט איבערבלייבן.

אַזוי האָט גערעדט באָגדאַן כמעלניצקיס אַן אייניקל אין דער גרויסער שול פון דער שטאָט נאָוואָגראַד־וואָלינסק. און נאָכדעם האָבן די יידן דאָרט געדאַרפט געבן אַ שבועה, אַז זיי וועלן אים דינען געטריי!...

און געבן די שבועה האָבן געדאַרפט טאַטעס, וועמעס זין דעם אַטאַמאַנס באַוואָפנטע לייט האָבן אומגעבראַכט פון דער וועלט און זייערע טויטע קערפּערס האָבן זיך דעמאָלט נאָך געוואָלגערט אין די גאַסן.

אָבער אַפילו נאָכדעם ווי מ'האָט שוין געגעבן די שבועה, האָבן די רוצחים נאָך אַלץ ניט אויפגעהערט צו שעכטן און ראַבעווען. און אויפן צענטן טאָג, ווען דער פּאָגראָם האָט זיך איינגעשטילט, האָט מען דעם גאַנצן טאָג אויף וועגענער געפירט די טויטע צום בית־עלמין, זיי צו ברענגען צו קבר־ישראל, און פון יעדן וואָגן איז גערונען בלוט, וואָס איז פאַרגאָסן געוואָרן אומזיסט. און נאָך יעדן וואָגן זיינען נאָכגעגאַנגען יידן, מיט זייערע ווייבער און קינדער, און דאָס געוויין איז געווען אַזוי גרויס, אַז ס'האָט געקענט די הימלען שפּאַלטן.

דאָס איז געשען אינם מאָנאַט יולי, פונם יאָר 1919.

נאָכדעם האָבן די באָלשעוויקעס איבערגענומען די שטאָט, אָבער זיי האָבן זיך דאָרטן דעמאָלט לאַנג ניט געהאַלטן און זיך געמוזט צוריקציען פון דאָרט. און דאַן האָט די שטאָט ווידער אָנגעהויבן איבערגיין פון איין ממשלה צו דער אַנדערער, און וואָס פאַר אַן אוקראַיִנישע באַנדע ס'איז נאָר אַריינגעקומען, האָט זי גלייך געמאַכט אַ פּאָגראָם אויף יידן.

אַזוי האָט עס געדויערט ביזן סוף פונם זומער אינם יאָר 1920. די יידן אין נאָוואָגראַד־וואָלינסק זיינען געווען הפקר. ניט בייטאָג און ניט ביינאַכט האָט מען מיטן לעבן געקענט זיין זיכער. און אַרום און אַרום זיינען אין די אַלע פּאָגראָמען אין שטאָט אויסגעהרגעט געוואָרן אַן ערך פון אַכצן הונדערט יידן. און אין די נאָענטע דערפלעך און קליינע ישובים אַרום און אַרום, זיינען אויסגעהרגעט געוואָרן ניט ווייניקער ווי זעקס הונדערט יידן.

ווער ס'האָט נאָר געקענט און ווער ס'האָט נאָר געהאַט אַ ביסל כוח, איז פון נאָוואָגראַד־וואָלינסק אַנטלאָפן ווי פון אַ פייער. אומגעקערט צוריק האָט מען זיך ערשט שפּעטער, ווען די מורא פאַר פּאָגראָמען איז שוין מער ניט געהאַנגען איבערן קאָפּ. אָבער די ייִדישע באַפעלקערונג איז שוין מער ניט געווען אַזוי גרויס ווי פריער. ס'איז פון איר אַפילו קיין העלפט ניט געבליבן, און ס'איז שווער געווען צו געפינען אַ ייִדישע שטוב, וואו מ'זאָל ניט באַוויינען אַ טויטן. און אַלע האָבן זיך ערגעץ געריסן, אָבער דאָס מאָל שוין ניט אַזוי ווי אין יענע צייטן, ווען מ'האָט זיך מיט טרוימען און אידעען געריסן אַריינצוקומען אין דער ברייטער וועלט. אַוועק זיינען אַלע טרוימען, צעטראָטן אין שטויב און אויסגעווייקט אין בלוט זיינען געווען אַלע אידעען, און אויב מ'האָט זיך ווידער ערגעץ געריסן, האָט מען געטראַכט וועגן אַ ווינקעלע ערגעץ אין דער ווייטער וועלט, וואו ס'גיסט זיך ניט קיין בלוט, וואו פעלקער שעכטן ניט איינע די אַנדערע, און וואו מ'וועט אפשר קענען פאַרגעסן דעם גרויסן אומגליק, וואָס מ'האָט איבערגעלעבט.

אָבער דער אומגליק איז נאָך אַלץ ניט געווען אינגאַנצן געענדיקט. נאָך די פּאָגראָמען האָט זיך אין נאָוואָגראַד־וואָלינסק, אין דער שטאָט פון בלוט און טרערן, אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן אַ טיפוס־מגפה, און אין אַ משך פון עטלעכע חדשים זיינען דאָרט אויסגעשטאָרבן אַ טויזנט מענטשן.

אַזוי האָט דערציילט איינער, וואָס קומט פון נאָוואָגראַד־וואָלינסק און וועמען ס'האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטלויפן נאָך דעם גרויסן צאָרן, וואָס האָט זיך אויף זיין געבורטס־שטאָט אויסגעגאָסן. און פאַרענדיקט האָט ער דאָן מיט ווערטער, וואָס קלינגען איצט ווי אַ נבואה, וואָס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיט אַ צעבראָכן האַרץ:

„איך האָב דערציילט — האָט ער געשריבן — אַלץ וואָס ס'איז געשען אין מיין שטאָט אין יענע טעג, און דערביי טראַכט איך מיט מורא, אַז ווער ווייסט וואָס ס'וועט שפּעטער ווידער געשען דאָרט אין די אַנדערע יידישע שטעט אין אוקראַינע?! ווער ווייסט?!... ווער ווייסט?!...”

און די מורא איז ניט געווען אומזיסט; אין די יאָרן ווען היטלערס באַוואָפנטע האָרדעס האָבן זיך קיין אוקראַינע אַריינגעריסן, האָט יידיש בלוט דאָרט זיך ווי וואַסער געגאָסן. און אין די ווילדע רציחות, וואָס האָבן צו זיך ניט קיין גלייכן אין דער געשיכטע פון לענדער און פעלקער, האָבן די אייניקלעך פון באָגדאַן כמעלניצקי אויך געהאַט אַ גרויסן חלק. זיי האָבן זיך אין דעם שטאַרק אויסגעצייכנט...

אַ סך פון זיי האָט מען נאָכדעם געגעבן די שטראָף, וואָס זיי האָבן פאַרדינט. אָבער ווי גרויס ס'זאָל ניט זיין די שטראָף, וועט מען מיט דעם דאָך ניט קענען אָפּמעקן דעם פאַרברעכן...

פראָסקוראָוו

די שטאָט פּראָסקוראָוו ווערט ווייניק דערמאָנט אין דער יידישער געשיכטע. מען האָט וועגן איר קיין סך ניט געשריבן, כאָטש אין פּאָדאָליע איז זי די צווייטע נאָך דער הויפּט־שטאָט קאַמענעץ און אַ העלפט פון די פופציק טויזנט מענטשן, וואָס וואוינען דאָרט, באַשטייט פון יידן.

זי איז שוין עטלעכע הונדערט יאָר אַלט, און זי שטייט אין אַ זומפּיקן געגנט, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט בערג, און וואו די וואַסערן פונם בוג באַגעגענען זיך מיט די וואַסערן פונם טייך פּלאָסקאַיאַ.

געבויט האָט זיך די שטאָט זייער לאַנגזאַם, און פּונקט אַזוי לאַנגזאַם איז דאָרט געוואַקסן די צאָל פון דער יידישער באַפעלקערונג. אינם יאָר 1765 האָבן דאָרט געוואוינט ניט מער ווי זיבן הונדערט און פופציק יידן, און אַזוי זיינען אַוועק יאָרן און יאָרן און ס'האָבן זיך ניט געוויזן קיין סימנים, אַז די שטאָט וועט אַמאָל ווערן ווירקלעך גרויס און וועט שפּילן אַ באַדייטנדיקע ראָלע אין דער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג פונם געגנט. אָנגעהויבן וואַקסן האָט זי ערשט שפּעטער, ווען יידן האָבן געקראָגן מעגלעכקייטן און מ'האָט זיי ניט געלעגט אַזוי פיל שטערונגען אין וועג, און אין דעם יאָר 1897, אין די צייטן פון ניקאָלאַי דעם צווייטן, איז שוין די צאָל פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג אין פּראָסקוראָוו באַשטאַנען פון קנאַפּע דריי און צוואַנציק טויזנט מענטשן, און אַ העלפט פון זיי זיינען געווען יידן.

נאָכדעם האָט דאָס וואַקסן פון דער שטאָט אָנגעהויבן גיין אַלץ שנעלער און שנעלער. און ווען ס'האָט אויסגעבראָכן די מלחמה פון 1914 און מ'האָט אָנגעהויבן טרייבן און יאָגן יידן פון די גרענעץ־שטעטלעך, זיינען אַ סך פון זיי זיך צעלאָפן אין די גרעסערע שטעט וואָס געפינען זיך טיפער אין אוקראַינע און וואו ס'זיינען פאַראַן גרויסע יידישע קהילות, און דאַן האָט די צאָל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פּראָסקוראָוו אָנגעהויבן ווערן אַלץ גרעסער און גרעסער; און אין יאָר 1919, אין די צייטן פון דעם גרויסן בירגער־קריג אין רוסלאַנד, זיינען שוין אין פּראָסקוראָוו געווען ניט ווייניקער ווי פינף און צוואַנציק טויזנט יידן. אָבער אַ סך פון זיי זיינען געווען אַנגעלאָפענע; זיי זיינען געקומען אַהין פון די נאָענטע שטעטלעך, וואו מען האָט ניט געקענט זיין זיכער מיטן

לעבן, ווייל אַלעמאָל איז אַן אַנדער באַנדע אָנגעקומען, און יעדער באַנדע וואָס איז פון ערגעץ אַנטלאָפן אָדער ערגעץ געלאָפן, האָט פריער פון אַלץ אויסגעלאָזט דעם צאָרן צו די יידן, ווייל זיי האָט דאָך קיינער ניט באַשיצט און קיינער האָט זיך פאַר זיי ניט איינגעשטעלט.

בכלל איז דאַן געווען אַ צייט פון לויפן. עס זיינען געלאָפן די, וואָס האָבן זיך געשלאָגן מיט אַלץ און מיט אַלעמען, און ס׳זיינען אויך געלאָפן די, וואָס האָבן זיך מיט קיינעם ניט געשלאָגן. אין יעדער באַנדע האָט מען געקענט געפינען אַזעלכע, וואָס ערשט נעכטן זיינען זיי געווען אין די רייען פון די מיט וועמען זיי האָבן זיך היינט שוין ביז בלוט געשלאָגן; היינט איז איינער געווען אין דער רויטער אַרמיי, און מאָרגן האָט ער שוין מאַרשירט אינאיינעם מיט דער ווייסער אַרמיי און פאַרגאָסן דאָס בלוט פון די, וואָס זיינען נעכטן געווען זיינע חברים; עס איז אויך קיין נייס ניט געווען, אַז דער וואָס האָט ערשט נעכטן געמאַרשירט אינאיינעם מיט די ווייסע באַנדעס און זיך געריסן דעם האַלז שרייענדיק „בעי זשידאָוו״, זאָל היינט שוין מאַרשירן אינאיינעם מיט די רויטע און — ווידער שרייען „בעי זשידאָוו״, און זאָל אַליין ניט וויסן פאַרוואָס און פאַר וועמען ער שלאָגט זיך און ווער ס׳איז זיין שונא און ווער ניט...

ס׳איז געווען אַ כאַאָס, אַ בהלה. די צעמישעניש וואָס מ׳האָט אַרייַנגעטראָגן אין די קעפּ פון די פּשוטע מענטשן, וואָס האָבן זיך ניט געקענט פאַנאַנדערקלייבן אין די געשעענישן, האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין אַלץ וואָס זיי האָבן געטאָן אויף אַלע פראָנטן און אין אַלע שטעט און שטעטלעך, וואו ס׳איז זיי אויסגעקומען דורכצוזגיין אָדער זיך אָפּצושטעלן. און ווי עס פירט זיך שוין געוויינלעך אין דער צייט פון אַ בהלה, ווען די ווילדסטע ליידנשאַפטן פון מענטשן רייסן זיך אַרויס פון די פאַרבאָרגענישן, האָבן זיך אומעטום געפונען גענוג פאַרדאָרבענע און בלוטדורשטיקע אַוואַנטוריסטן, וואָס האָבן זיך אַרויסגערוקט צום פאָדערגרונט. און איינער פון זיי איז געווען דער אוקראַאינער אַטאַמאַן סימאָסענקאָ, און מיט זיין נאָמען איז פאַרבונדן דאָס טרויעריקסטע קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון יידן אין פּראָסקוראָוו.

*
**

ס׳איז ניט אינגאַנצן קלאָר ווער סימאָסענקאָ איז געווען און וואָס ער האָט געטאָן פריער, איידער ער איז געוואָרן אַ קאָמאַנדיר אין דער אַרמיי פון סימען פּעטליוראַ, וועלכער האָט אין אוקראַאינע אָנגעפירט אַזאַ פאַרביטערטן קאַמף קעגן די באָלשעוויקעס. ווי עס שיינט איז סימאָסענקאָ געווען איינער פון יענע אוקראַאינישע כלומרשטע אינטעליגענטן, וועלכע האָבן זיך תמיד געפילט געקריוודעט

עפּעס אי פון גאָט, אי פון לייט. ווי אַ סך פון די „אינטעליגענטן“ פון יענעם מין, איז ער געווען אַ שוואַכלינג, אַ שרעקנדיקער; קעגן אַזעלכע וואָס זיינען שטאַרקער פון אים, האָט ער מורא געהאַט זיך צו שטעלן; באַקעמפן די שטערונגען וואָס ער האָט אין זיין לעבן געהאַט אויפן וועג, האָט ער קיין מוט ניט געהאַט; זיינע פעאיקייטן זיינען געווען זייער באַגרענעצטע, אָבער אַמביציעס האָט ער געהאַט גרויסע; און ווייל ער האָט זיי ניט געקענט דערגרייכן, האָט ער אין אַלץ באַשולדיקט די יידן און ס׳האָט אין אים אויף זיי שטענדיק געברענט אַ כעס, וואָס האָט זיך ניט געקענט שטילן.

צווישן אַנטיסעמיטן איז אַזאַ מין טיפּ שוין קיין נייעס ניט. עס זיינען פאַראַן אַ סך אַזעלכע, און זיי בלייבן מיט זייער שנאה צו יידן ביזן טויט אַריין, און קיינער ווייסט גאָרניט פון זיי. אָבער אויפן גורל פון דעם אוקראַינישן אַנטיסעמיט סימאָסענקאָ איז אויסגעפאַלן, אַז „זיין נאָמען זאָל בלייבן ווי אַ שרעק אין דער געשיכטע פון יידנטום“, ווי עס דריקט זיך אויס דער העברעאישער שריפטשטעלער א. דראַיאַנאָוו אין דעם זאַמלבוך „רשומות“ (באַנד 3 ז. 461). און דערגרייכט אַזאַ טרויעריקע באַרימטקייט האָט סימאָסענקאָ דורך דעם, וואָס ער האָט אין דער שטאָט פּראָסקוראָוו, אינם יאָר 1919, געמאַכט דעם בלוטיקסטן פּאָגראָם אויף יידן — אַ פּאָגראָם וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן ניט אין דער געשיכטע פון די פּאָגראָמען וואָס זיינען אין יענעם פינצטערן יאָר פאָרגעקומען אין אוקראַינע.

סימאָסענקאָ איז דורך און דורך געווען דורכגעפרעסן פון דער מיאוסער קראַנקהייט סיפיליס, און דאָס האָט אים געמאַכט נאָך גאַליקער, נאָך ביטערער און פאַרדאָרבענער ווי ער איז געווען. ער האָט קיינעם דאָס לעבן ניט פאַרגונען; ער האָט אויף אַלעמען געקוקט מיט פאַראַכטונג, און צו די אַלע מעלות זיינע איז ער נאָך געווען אַ גרויסער שיכור אויך. און אין די הענט פון אַזאַ פאַרשוין האָט דאָס פּעטליוראַ איבערגעגעבן אַן אַרמיי און אויך דעם גורל פון פרידלעכע מענטשן אין אַ סך יידישע שטעט און שטעטלעך אין אוקראַינע.

מיט צוויי מחנות איז סימאָסענקאָ אַריינגעקומען אין פּראָסקוראָוו — מיט דער זאַפּאָראָזשער בריגאַדע און מיט דעם לעגיאָן פון הײַדאַמאַקעס. און אַריינגעשיקט אַהין האָט אים פּעטליוראַ, ווייל די אוקראַינישע לעגיאָנען, וואָס מען האָט פריער געשיקט אַהין, זיינען ניט געווען קיין זיכערע און קלאָנגען האָבן זיך אַרומגעטראָגן, אַז זיי האַלטן ביים איבערגיין אויף דער זייט פון די באָלשעוויקעס.

דאָס איז געווען אינם פינפטן טאָג פון מאָנאַט פעברואַר, און גלייך אויף מאָרגן האָט סימאָסענקאָ געלאָזט אויסהענגען איבער דער שטאָט אַן אויפרוף, וואָס האָט די יידן שוין קיין גוטס ניט אָנגעזאָגט:

„איך שלאָג פאָר די איינוואוינער פון פראָסקוראָוו, — האָט ער אין דעם אויפשריפט געזאָגט, — אַז זיי זאָלן אויפגעבן די אַנאַרכיסטישע שטיק! און אויב ניט, וועל איך זיך מיט זיי אָפּרעכענען דערפאַר. ספּעציעל וואָרן איך די זשידעס!

„וויסן זאָלט איר, זשידעס, אַז איר זענט אַן אומה, וואָס קיין פאָלק אין דער וועלט האָט ניט ליב, און איר בונטעוועט נאָר דאָס פּראַוואָסלאַוונע פאָלק. איז טאַקע דאָס לעבן אייך ניט ליב? האָט איר גאָר קיין רחמנות ניט אויף אייער אייגן פאָלק?

„מ'טשעפּעט אייך ניט, טאָ טשעפּעט איר ניט קיינעם. זיצט דאָרט וואו איר זיצט און שווייגט! אַזאַ מיאוסע אומה, און זי צעטומלט נאָך די מוחות פון אַלע געקריוודעטע בירגער, נעבעך!"

אַזוי האָט דער אַטאַמאַן סימאָסענקאָ געוואָרנט, געזאָגט מוסר און באַליידיקט די יידן פון פּראָסקוראָוו און דאָס גאַנצע יידישע פאָלק; און פון דעם אופן ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, קען מען זען וואָס פאַר אַ פּאַרשוין ער איז געווען, דער אוקראַינישער אַטאַמאַן. ס'איז קלאָר אַז אין אים האָט דאַן געברענט ניט נאָר די שנאה צו יידן, נאָר אויך דער בראָנפן, וואָס ער האָט געטרונקען. ער איז שטענדיק געווען שיכור, און דאָס האָט נאָך גרעסער געמאַכט די רציחה וואָס האָט אין אים געזאָטן.

מיט צען טעג שפּעטער, אין אַ שבת וואָס איז אויסגעפאַלן דעם 15טן פעברואַר, האָט אין פּראָסקוראָוו געזאָלט פּאָרקומען אַן אויפשטאַנד, וואָס די באָלשעוויקעס פון שטאָט האָבן צוגעגרייט איבערצונעמען די מאַכט. אַזוי איז געווען באַשלאָסן אויף אַ געהיימער קאָנפערענץ וואָס איז נאָך מיט אַ צייט צוריק אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין וויניצע. און די סאָציאַליסטן אין פּראָסקוראָוו זיינען געווען קעגן דעם אויפשטאַנד, ווייל זיי זיינען געווען זיכער, אַז ער וועט זיך ניט איינגעבן. און מער ווי אַלע אַנדערע איז קעגן דעם געווען דער בונדיסט יאַפּע; ער האָט געטאָן אַלץ וואָס ער האָט נאָר געקענט אָפּצורעדן די באָלשעוויקעס פון דעם פּלאַן צו מאַכן אַן אויפשטאַנד אין אַזאַ צייט ווען ס'זיינען נישטאָ די מינדסטע שאַנסן צו געווינען. זיין מיינונג איז געווען, אַז דאָס וועט ניט ברענגען די געווינטשטע רעזולטאַטן פאַר דער סאָוועטן־מאַכט, און אַז אַנשטאָט דעם וועט מען ברענגען צו אַ שרעקלעכן פּאָגראָם אין שטאָט. אָבער די פירער פון די באָלשעוויקעס אין פּראָסקוראָוו האָבן זיך צו יאַפּעס מיינונג ניט צוגעהערט; זיי האָבן געזאָגט, אַז לויטן באַשלוס וואָס מען האָט אָנגענומען אין וויניצע, וועט אין דעם זעלבן טאָג אויסברעכן אַן אויפשטאַנד איבער גאַנץ פּאָדאָליע און מען וועט פון דאָרט אַרויסטרייבן פּעטליוראַס באַנדעס. און עס וועט זיך דאָרט באַפעסטיקן די באָלשעוויסטישע מאַכט. שפּעטער אָבער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז גערעכט איז טאַקע געווען דער בונדיסט יאַפּע און אַז ער האָט ריכטיק אָפּ־

געשאַצט די לאַגע: בלויז אין פראָסקוראָוו איז אין דעם באַשטימטן טאָג געמאַכט געוואָרן אַ פאַרזוך פון אַן אויפשטאַנד. מ׳האָט פאַרכאַפּט די טעלעגראַף־סטאַנציע, אַרעסטירט דעם קאָמענדאַנט קיווערטשוק און אים פאַרשפּאַרט אין געפענגעניש. אָבער ווען מ׳איז צוגעקומען צום וואָקזאַל און מ׳האָט דערזען אַז די צאָל פון פעטליוראַס מחנות איז גרעסער, האָט מען געכאַפּט די ביקסן און מ׳איז אַוועק קיין פעלשטין און קיין יאַרמעלינעץ, און מיט דעם האָט זיך דער אויפשטאַנד געענדיקט. אין די אַנדערע שטעט פון פּאָדאָליע האָט מען דעמאָלט אַפילו קיין פאַרזוך פון אַן אויפשטאַנד ניט געמאַכט.

אין שטאָט האָבן זייער ווייניק מענטשן געוואוסט פון דעם וואָס עס איז געשען, ווייל דער גאַנצער „אויפשטאַנד” האָט לאַנג ניט געדויערט, און ער האָט זיך געענדיקט אַזוי שנעל ווי ער האָט זיך אָנגעהויבן. און אַזוי ווי ס׳איז געווען שבת, זיינען יידן געגאַנגען אין שול אַריין דאַווענען, און ס׳זיינען אויך געווען אַזעלכע וואָס האָבן זיך נאָכן עסן צוגעלעגט כאַפּן אַ דרעמל. ווי עס פירט זיך געוויינלעך שבת בייטאָג. קיינער האָט ניט געוואוסט וואָס סימאָסענקאָ האָט פאַרטראַכט צו טאָן צו די יידן אין פראָסקוראָוו. מ׳האָט געמיינט, אַז פונקט ווי מ׳איז איבערגעקומען די פירער פון די אַנדערע באַנדעס, וועט מען אים אויך איבערקומען; ער וועט אַוודאי דאָ לאַנג ניט שטיין און ער וועט זיך ווייטער גיין זיין וועג.

אָבער סימאָסענקאָ האָט זיך אָן דעם „אויפשטאַנד” אָנגעכאַפּט ווי אָן אַן אויסרייד אויסצולאָזן זיין גאַנצן צאָרן צו די יידן אין פראָסקוראָוו. און ער האָט גלייך צונויפגערופן די באַוואָפנטע האַידאַמאַקעס זיינע און געמאַכט פאַר זיי אַ סעודה, וואו בראָנפן האָט זיך ווי וואַסער געגאָסן, און ווען אַלע זיינען שוין געווען גוט שיכור, האָט ער פאַר זיי געהאַלטן אַ רעדע, ער האָט ווידער אַמאָל און אָבער אַמאָל אַלץ דאָס זעלבע איבערגעחזרט, אַז די יידן זיינען די גרעסטע שונאים פון אוקראַינע און פון דעם אוקראַינישן פאָלק; ער האָט אין זיין גאַליקייט געשאָטן פעך און שוועבל אויף יידן; געזאָגט, אַז זיי זיינען שולדיק אין אַלע צרות; און ווען אַלע זיינען שוין געווען אַזוי אָנגעצונדן, אַז זיי האָבן שוין אַלץ און אַלעמען געקענט דערטרינקען אין בלוט, האָט ער זיי אויסגעסטראָיעט אויפן מיליטערישן שטייגער און זיי געמאַכט צו געבן אַ שבועה, אַז קיין ייד אין פראָסקוראָוו וועט זיך ביי זיי ניט אויסקויפן מיט קיין געלט.

„הרגעט און שעכט — האָט ער צו זיי געזאָגט. — אָבער ראַבעווען זאָלט איר ניט! דאָס פאַסט ניט פאַר אוקראַינער קאָזאַקן. ראַבעווען — דאָס שטייט אונז ניט אָן!...”

אַפילו צווישן די ווילדסטע רוצחים אין אוקראַינע איז שווער געווען צו געפינען נאָך איינעם, וואָס זאָל זיין אַזוי ווילד ווי סימאָסענקאָ איז געווען.

ער האָט זיך ווירקלעך מיט דער גרעסטער הנאה געקענט באָדן אין יידיש בלוט. און דערביי האָט ער זיך גאַנץ רואיק און געלאַסן געקענט רעדן וועגן דעם וואָס ס׳דאַרף יאָ אָנשטיין אַן אוקראַיִנישן האַידאַמאַק און וואָס עס דאַרף אים ניט אָנשטיין. ער האָט ניט געקענט אַריבערטראָגן יענע אוקראַיִנישע קאָמאַנדירן, וועלכע האָבן אַמאָל געפּרואווט זיך איינשטעלן פֿאַר יידן, באַווייזנדיק אַז ס׳איז ניט ריכטיק זיי צו באַשולדיקן אין אַלץ; ער האָט זיי פֿיינט געהאַט, ער האָט זיי געטריבן פֿון זיך. און ווען איינער אַזאַ קאָמאַנדיר האָט אים אין פּראָסקוראָוו אָפּגעשלאָגן פֿון דעם געדאַנק צו מאַכן אַ פּאָגראָם אויף יידן און געזאָגט, אַז אַזוינס פּאַסט ניט פֿאַר אַן אַרמיי וואָס קעמפֿט פֿאַר אַ פֿרייער און זעלבסטשטענדיקער אוקראַיִנע, און אַז אָנשטאָט הרגענען מענטשן, וואָס שלאָגן זיך ניט מיט קיינעם, זאָל מען בעסער אַרויפֿלייגן אַ קאָנטריבוציע אויף זיי, איז סימאָסענקאָ געוואָרן אַזוי בייז, אַז ער האָט אים גלייך אויפֿן אָרט פֿאַרמשפּט צום טויט. וואו נאָר ער האָט אין זיינע מחנות דערשמעקט אַן אוקראַיִנישן קאָמאַנדיר, וואָס איז געווען קעגן פּאָגראָמען אויף יידן, האָט ער געטאָן אַלץ פּטור צו ווערן פֿון אים אַזוי שנעל ווי מעגלעך. און מ׳דאַרף דאָ דערמאָנען דעם פֿאַקט, אַז אין די אוקראַיִנישע מחנות, וואָס האָבן געקעמפֿט קעגן דער מאַכט פֿון די סאָוועטן, זיינען געווען אַזעלכע קאָמאַנדירן אויך, אָבער זייער צאָל איז געווען קליין און זיי האָבן קיין איינפֿלוס ניט געהאַט.

בכלל איז שווער זיך פֿאַנאַנדערצוקלייבן אין די ווידערשפּרוכן וואָס מ׳געפֿינט אין דער געשיכטע פֿון די פּאָגראָמען אויף יידן אין אוקראַיִנע. אין דער זעלבער צייט ווען דאָס בלוט אין די אָדערן ווערט פֿאַרגליווערט פֿון די רציחות וואָס מענטשן האָבן אַרויסגעוויזן אין דער בהלה, ווען אַלץ איז געוואָרן הפקר, ווערט מען אויך טיף גערירט פֿון די עכט־מענטשלעכע באַציאונגען, וואָס מ׳האָט אַרויסגעוויזן צו יידן אין זייער אַ גרויסן בראָך. און אָפֿט האָט מען די ווידערשפּרוכן גאָר ניט געדאַרפֿט זוכן ווייט, און מ׳האָט זיי געפֿונען טאַקע ביי די זעלבע מענטשן. עס זיינען געווען פֿאַלן, ווען אוקראַיִנישע פּויערים האָבן איינגעשטעלט דאָס לעבן צו ראַטעווען יידן, און צווישן זיי זיינען געווען אַזעלכע, וואָס אין דער זעלבער צייט וואָס זיי האָבן דאָס געטאָן, האָבן זיי זיך אַליין אויך באַטייליקט אין אַ פּאָגראָם. און אין איין שטעטל האָט אַן אוקראַיִנישער פּויער צעריסן אַ ספר־תורה און נאָכדעם האָט ער אַרויסגעשניטן אַ שטיקל פּאַרמעט און זיך געמאַכט דערפֿון אַ קמיע, וואָס ער האָט שטענדיק געטראָגן אויפֿן האַלדז. און ווען מ׳האָט אים אַמאָל געפֿרעגט פֿאַרוואָס ער האָט דאָס געטאָן, האָט ער געענטפֿערט, אַז ער גלויבט, אַז קיין גרעסערער גאָט ווי דער יידישער איז אויף דער וועלט נישטאָ, און אַזוי ווי ער אַליין איז אַ קראַנקער מענטש און קיין „פֿערשעל“ (פֿעלדשער) און קיין „דאָקטאָר“ קען אים שוין ניט

העלפֿן, איז ער זיכער, אַז אַ קמיע פֿון דער תורה, וואָס גאָט האָט געגעבן די ייִדן אויפֿן באַרג סיני, וועט אים אַוודאי יאָ העלפֿן; און צוליב דעם האָט ער זיך באַטייליקט אין דעם פּאָגראָם און צעריסן אַ ספֿר־תורה...

אַ סך אַזעלכע און ענלעכע ווידערשפּרוכן קען מען געפֿינען אין דער געשיכטע פֿון די פּאָגראָמען אויף ייִדן אין אוקראַינע — ווידערשפּרוכן, ביי וועלכע מען בלייבט שטיין ווי געפּלעפֿט און מ׳קען ניט פֿאַרשטיין ווי אַזוי חיה און מענטש, טייפֿל און מלאך האָבן געקענט הויזן אין די נשמות פֿון די זעלבע פּערזאָנען, וואָס זיינען אַריינגעשטויסן געוואָרן אין אַ ווילדער בהלה פֿון געשעענישן אין אַ גרויס לאַנד. אָבער וועגן דעם אַטאַמאַן סימאָסענקאָ, וואָס האָט געמאַכט דעם פּאָגראָם אין פּראָסקוראָוו, קען מען דאָך ניט זאָגן, אַז ער איז געווען אַ מענטש פֿון ווידערשפּרוכן — ער איז גלאַט געווען אַ רוצח, וואָס האָט געהאַט פֿאַרגעניגן פֿון דעם, וואָס ער פּייניקט ייִדן. און צו דעם איז ער נאָך געווען שרעקעוודיק ווי אַ האָז, און זיין גאַנצע „העלדישקייט״ איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט זיך געקענט אַרויפֿוואַרפֿן אויף אַזעלכע, וואָס זיינען שוואַכער פֿון אים. און אין פּראָסקוראָוו האָט סימאָסענקאָ דאָס אַרויסגעוויזן מער ווי אומעטום.

***

אַ פּאַראַד אַ גאַנצן האָט סימאָסענקאָ געמאַכט ביים צוגרייטן זיינע באַוואָפֿנטע האַידאַמאַקעס צום פּאָגראָם אין פּראָסקוראָוו. נאָך דער פֿייערלעכער צערעמאָניע פֿון דער שבועה וואָס מ׳האָט געגעבן, אַז קיין ייִד אין שטאָט וועט ניט קענען אויסקויפֿן זיין לעבן מיט געלט, האָט דער אַטאַמאַן געגעבן די קאָמאַנדע און די באַוואָפֿנטע האַידאַמאַקעס האָבן זיך אין גלייך אויסגעמושטירטע רייען געלאָזט מאַרשירן פֿון וואָקזאַל אין שטאָט אַריין, און פֿאָראויס איז געגאַנגען אַן אָרקעסטער און האָט געשפּילט; און ביי דער זייט פֿון יעדער מחנה איז געגאַנגען אַ קאָמאַנדיר און אַכטונג געגעבן, אַז די אויסגעמושטירטע זעלנער זאָלן גיין צום טאַקט פֿונם באַראַבאַן.

איבער דער גאַנצער לענג פֿון דער אַלעקסאַנדראָווסקער גאַס איז מען אַזוי געגאַנגען מיט מוזיק, און נאָכדעם האָט דער אָרקעסטער מיטאַמאָל אויפֿגעהערט שפּילן, און פֿון די אויסגעמושטירטע מחנות האָבן זיך אָפּגעטיילט קליינע גרופּעס, צו פֿופֿצן און צוואַנציק קאָזאַקן אין אַ גרופּע, און מ׳איז אַוועק איבער די גאַסן, וואו עס וואוינען ייִדן.

אויף די גאַסן איז געווען שטיל. די ייִדן אין פּראָסקוראָוו האָבן דאָך פֿון קיין זאַך ניט געוואוסט, און אַזוי ווי ס׳איז געווען שבת, זיינען זיי זיך רואיק געזעסן אין דער היים און האָבן אָפּגעהיט דעם הייליקן טאָג אויפֿן אַלטן ייִדישן

שטייגער; עס זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן, זיצנדיק אין דער היים, געלערנט אַ בלאַט גמרא און אויך אַזעלכע, וואָס האָבן געזאָגט אַ קאַפּיטל תהילים אָדער אַריינגעקוקט אין דער סדרה פון דער וואָך. קיינער האָט זיך ניט געריכט דערויף, אַז סימאָסענקאָס קאָזאַקן זאָלן פּלוצלונג באַפּאַלן יידישע הייזער און מאַכן אַ שחיטה; אַפּילו וועגן דעם באָלשעוויסטישן „אויפשטאַנד", וואָס האָט זיך גע־ענדיקט מיט אַ דורכפאַל אַזוי שנעל ווי ער האָט זיך אָנגעהויבן, האָבן די יידן אין פּראָסקוראָוו ניט געוואוסט, ווייל מער ווי פון אַ שאָס דאָ און אַ שאָס דאָרטן איז דער אויפשטאַנד ניט באַשטאַנען, און די יידן אין פּראָסקוראָוו זיינען אין יענע צייטן שוין געווען צוגעוווינט צו הערען אַ שיסערייי, אַמאָל דאָ און אַמאָל דאָרטן. אַזעלכע זאַכן זיינען שוין אין שטאָט קיין נייעס ניט געווען, און יידן האָבן שוין געוואוסט, אַז מ'שיסט אַזוי לאַנג ביז מ'הערט אויף, און אַז אין אַזעלכע צייטן איז די בעסטע זאַך צו זיצן אין דער היים און ניט אַרויסגיין אין דרויסן. זיי האָבן אויך געוואוסט, אַז ווען מען גייט אַרויס אין דרויסן נאָך אַזאַ שיסערייי, טרעפט אַמאָל, אַז מ'געפינט אויס אַז אין שטאָט איז שוין דאָ אַ נייע „מאַכט", און דאָס מיינט אַז די באַנדע וואָס איז דאָ פריער געווען איז אַרויס, און אַ נייע באַנדע איז אַריין...

אַזוי האָבן יידן דעמאָלט געלעבט אין אַ סך שטעט און שטעטלעך פון אוקראַינע, און אַזוי האָבן זיי אויך געלעבט אין פּראָסקוראָוו.

ווען די קאָזאַקן, וואָס סימאָסענקאָ האָט מיט אַזאַ פּאַראַד צעשיקט איבער דער שטאָט צו מאַכן אַ שחיטה, וואָלטן אין דרויסן געווען געמאַכט ווילדע גע־שרייען און געוואַלדן, ווי ס'איז געוויינלעך דער שטייגער פון פּאָגראָמשטשיקעס, וואָלטן יידן אַוודאי זיך געווען פאַרבאַהאַלטן וואו זיי וואָלטן נאָר געקענט; אָבער סימאָסענקאָס באַוואָפנטע האַידאַמאַקעס האָבן קיין ווילדע געשרייען און געוואַלדן אין דרויסן ניט געמאַכט. האַלטנדיק די שבועה וואָס זיי האָבן געגעבן דעם אַטאַמאַן, האָבן זיי ניט אויפגעבראָכן קיין טירן פון קלייטן און קראָמען, ניט געראַבעוועט קיין פּאַרמעגן, ניט געבראָכן קיין שויבן, ניט געריסן קיין בעט־געוואַנט, נאָר — געשאָכטן און געקוילעט...

און געטאָן האָבן זיי דאָס אַזוי ווי קיין אַנדערע פּאָגראָמשטשיקעס פאַר זיי; שטיל און רואיק, ניט רעדנדיק קיין וואָרט, זיינען זיי אין אויסגעמושטירטע גרופּעס אַריינגעקומען אין יידישע הייזער, און גלייך, גאָר ניט זאָגנדיק קיינעם, האָבן זיי אַרויסגעצויגן די שווערדן פון די שיידן און אָנגעהויבן האַקן רעכטס און לינקס. אַזוי אומעטום, וואוהין זיי זיינען נאָר אַריינגעקומען; זיי האָבן גע־שאָכטן אַלטע און יונגע, מענער און פרויען. און אַפּילו אויף קליינע זויגענדיקע קינדער האָבן זיי זיך ניט דערבאַרעמט. אין די מערסטע הייזער וואוהין זיי זיינען אַריין, האָבן זיי אַלעמען אויסגעהרגעט, און — אַלץ מיט די שווערדן און

מיט די מעסערס. רעוואָלווערן האָבן זיי באַנוצט נאָר דאַן ווען אימיצער האָט געפּרואווט אַנטלויפן. יאָגן זיך נאָך אַ יידן וואָס אַנטלויפט, האָבן זיי ניט געוואָלט; דאָס איז זיי ניט אָנגעשטאַנען, און זיי האָבן אים נאָכגעשאָסן אַ קויל.

אין אַ סך הייזער זיינען דאַן אין עטלעכע מינוטן צייט אויסגעהרגעט געוואָרן צען און פופצן, און אויך מער יידן מיטאַמאָל. גאַנצע משפּחות זיינען אויסגעשאָכטן געוואָרן ווי די שאָף. און אַלע מאָל, ווען די באַוואָפנטע האַידאַמאַקעס זיינען אַרויס פון אַ שטוב, וואו ס׳איז קיין לעבעדיקער מענטש ניט געבליבן, האָבן זיי אין שניי אָפּגעווישט די פאַרבלוטיקטע שווערדן און זיך געלאָזט גיין ווייטער, צו אַן אַנדער שטוב...

און קיינער פון זיי האָט אין דרויסן קיין ווילדע געשרייען און געוואַלדן ניט געמאַכט. קיינער פון זיי האָט קיין איבעריק וואָרט ניט אַרויסגערעדט. פּונקט ווי דאָס שעכטן און קוילען יידן וואָלט ביי זיי, ביי די היטער און באַשיצער פונם קריסטלעך־פּראַוואָסלאַוונעם גלויבן, געווען עפּעס אַ מין הייליקע אַרבעט, וואָס מ׳טאָר מיט קיין ווילדע געשרייען און געוואַלדן ניט פאַרשוועכן...

די גרעסטע שחיטה האָבן זיי געמאַכט ביי אַ יידן מיטן נאָמען זעמעלמאַן. דאָרט האָבן זיי אויסגעהרגעט איין און צוואַנציק מענטשן מיט איין מאָל. און אַריינגעקומען אין שטוב זיינען זיי אין אַ מיליטעריש־אויסגעמושטירטן סדר, פּונקט ווי אויף אַ פּאַראַד. און זיי האָבן געפירט מיט זיך סאַניטאַרן און אַ „באַרעמהאַרציקע" שוועסטער און אויך אַ דאָקטאָר, וואָס האָט געטראָגן אַ צייכן פונם „רויטן קרייץ" אויפן אַרבל. סקורניק האָט יענער דאָקטאָר געהייסן, און ער איז געווען פּונקט אַזאַ רוצח און פּונקט אַזאַ צורר היהודים ווי סימאָסענקאָ. ער אַליין האָט זיך שפּעטער באַרימט, אַז ער האָט אין פּראָסקוראָוו מיט די אייגענע הענט דערהרגעט אַ יידיש מיידל, וואָס איז געווען אַזוי שיין, אַז אַפילו די האַידאַמאַקעס האָבן זי געשאַנעוועט און איר קיין שלעכטס ניט געוואָלט טאָן...

ער האָט זיך איבערגענומען דערמיט, דער דאָקטאָר סקורניק, און ער האָט דאָס געהאַלטן פאַר אַ גרויסער העלדישקייט.

דער זעלבער דאָקטאָר האָט אויך ניט געוואָלט העלפן די פאַרוואונדעטע, וואָס זיינען נאָכן פּאָגראָם געווען אין די טויזנטער. ער האָט געוואָלט, אַז זיי זאָלן זיך מוטשען אַזוי לאַנג, ביז זיי וועלן אַלע אויסשטאַרבן; און די וואָס וועלן ניט שטאַרבן, זאָלן בלייבן אייביקע קאַליקעס. און כדי צו זיין זיכער אין דעם, אַז קיינער וועט זיי ניט היילן, האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אין קיין איינער פון די אַפּטייקן אין פּראָסקוראָוו זאָל מען ניט מאַכן קיין רעצעפּטן פאַר פּריוואַטע מענטשן, ווייל מ׳דאַרף האָבן אַלע מעדיצינישע אַרטיקלען פאַר דער אַרמיי.

ס׳איז גאָר ניט געווען קיין שיעור און קיין ערך צו די רציחות וואָס סי־

מאָסענקאָס באַנדעס האָבן אַרויסגעוויזן צו די יידן אין דער שטאָט פּראָסקוראָוו; ווען אַ מוטער האָט זיך ביי די ווילדע האַידאַמאַקעס געבעטן, אַז מ׳זאָל לאָזן לעבן איר איינציקע טאָכטער, און זי האָט זיי געוואָלט געבן געלט דערפאַר, האָבן זיי איר געענטפערט, אַז זיי זיינען ניט געקומען אַהער נעמען געלט, נאָר נעמען דאָס לעבן, און זיי האָבן די איינציקע טאָכטער פון דער אומגליקלעכער מוטער דערהרגעט אויף אַזאַ גרויזאַמען שטייגער, אַז ס׳איז גאָר אַ שרעק איבערצוגעבן.

אַזוי האָבן זיי געשאָכטן און געקוילעט פיר שעה נאָכאַנאַנד, און אין די פיר שעה זיינען אין פּראָסקוראָוו אויסגעהרגעט געוואָרן צוויי טויזנט יידן. און פאַרוואונדעט געוואָרן ניט ווייניקער, ווי צוויי טויזנט מיט פינף הונדערט. אַזאַ צאָל גיט אָן דער העברעאישער שריפטשטעלער דראָיאַנאָוו אין זיינע „נוספות", וואָס זיינען אַריין אינם דריטן באַנד פון דעם זאַמלבוך „רשומות" (ז. 463), און דראָיאַנאָוו האָט זיך באַנוצט ניט נאָר מיט געדרוקטע מאַטעריאַלן, נאָר אויך מיט די ידיעות, וואָס דער אַלטער שריפטשטעלער אַלכסנדר זיסקינד ראַבינאָוויטש האָט אים צוגעשטעלט וועגן דעם. אין אַן אַנדער קוואַל אָבער ווערט אָנגעגעבן נאָך אַ גרעסערע צאָל און ס׳איז אָנגענומען, אַז אַרום און אַרום זיינען דאָן אין פּראָסקוראָוו דערהרגעט און פאַרוואונדעט געוואָרן מער ווי זעקס טויזנט און פינף הונדערט יידן *).

דאָס איז געווען דער גרעסטער פּאָגראָם אין אוקראַינע אין די ציַיטן פונם בירגער־קריג. און עס וואָלטן אַוודאי געווען געפאַלן נאָך מער קרבנות, ווען די בעסערע פון די אוקראַינישע מענטשן אין שטאָט וואָלטן זיך ניט אַריינגעמישט צו מאַכן אַ סוף צו דער שרעקלעכער קאַלטבלוטיקער שחיטה. און איינער פון זיי איז געווען טאַרנאָוויטש, אַ מיטגליד פון דער שטאָטישער דומאַ אין פּראָסקוראָוו.

ווען טאַרנאָוויטש האָט דערהערט וואָס די באַוואָפנטע האַידאַמאַקעס צואַרבעטן אין שטאָט, ווי זיי שעכטן און קוילען יידן אָן רחמנות, איז ער גלייך אַוועק צו סימאָסענקאָן און געפאָדערט, אַז ער זאָל אַרויסגעבן אַ באַפעל אָפּצושטעלן די שחיטה. אָבער סימאָסענקאָ האָט זיך פון אים אַרויסגעדרייט מיט פאַרשיידענערליי תירוצים; ער האָט אים צוגעזאָגט און האָט קיין וואָרט ניט געהאַלטן. און ווען טאַרנאָוויטש האָט געזען, אַז ער קען זיך ניט פאַרלאָזן אויפן וואָרט פונם אַטאַמאַן, האָט ער טעלעפאָנירט קיין קאַמענעץ, מ׳זאָל דאָרט גלייך זען עפּעס טאָן וועגן דעם. און ווען מען האָט אים פון דאָרט געענטפערט, אַז דער איינציקער וואָס קען דאָ העלפן איז דער גענעראַל קאָנאָוואַליעץ, דער הויפּט־

---

*) זע: George Stewart. *The White Armies of Russia,* page 179.

קאָמאַנדיר פון גאַנצן קאָרפּוס, האָט ער טעלעפאָנירט אין דער הויפּט־קוואַרטיר, וואו דער גענעראַל איז געשטאַנען. דורכן טעלעפאָן האָט ער אים דערציילט אַלץ וואָס ס'טוט זיך איצט אין פּראָסקוראָוו און ער האָט געבעטן אַז מען זאָל גלייך אַרויסגעבן אַ באַפעל צו סימאָסענקאָן אַז ער זאָל איינשטילן זיינע קאָזאַקן און ס'זאָל נעמען אַ סוף צו די ווילדע רציחות. דער גענעראַל האָט זיך צוגעהערט צו דעם וואָס טאַרנאָוויטש האָט אים געזאָגט, און ער האָט אַרויסגעגעבן אַזאַ באַפעל, און דאַן האָט טאַרנאָוויטש אַליין געבראַכט דעם באַפעל צו סימאָסענקאָן. און ווען דער אַטאַמאַן האָט דערזען, אַז ער האָט שוין קיין אַנדער ברירה ניט, האָט ער געהייסן געבן דעם סיגנאַל, אַז די קאָזאַקן זאָלן גלייך קומען צוריק צו דעם זעלבן פּלאַץ, פון וואַנען זיי האָבן אַרויסגעמאַרשירט.

און באַלד האָט זיך איבער דער גאַנצער שטאָט אָנגעהויבן אַ לויפעניש. פון אַלע זייטן זיינען זיי געלאָפן, די רוצחים, וואָס האָבן מיט אַזאַ קאַלטבלוטיקייט אַזוי פיל אומשולדיקע מענטשן אויסגעהרגעט. די הענט, די שווערדן און אויך די מיליטערישע יוניפאָרמס זייערע זיינען ביי זיי געווען אויסגעשמירט מיט בלוט, און ווען זיי זיינען זיך אַלע צונויפגעלאָפן צו דעם באַשטימטן פּלאַץ, וואוהין דאָס שאַלן פון דעם טראָמפּייט האָט זיי גערופן, האָבן זיי זיך אויסגעשטעלט אין גלייך געמושטירטע רייען, און ווען די עלטסטע האָבן געגעבן די קאָמאַנדע, האָבן זיי מיט אַ געזאַנג אַוועקגעמאַרשירט צוריק צום וואָקזאַל...

אַ דיסציפּלינירטע באַנדע פון רוצחים, מיט אַן אַטאַמאַן, וואָס איז צווישן זיי אַלע דער גרעסטער רוצח!

און אויף מאָרגן נאָכן פּאָגראָם, ווען אַן אוקראַינער מיטן נאָמען ווערכולאָ, אַ סאָציאַליסט, האָט אין דער שטאָטישער דומע געהאַלטן אַ רעדע און געזאָגט, אַז פאַר אַן אַרמיי, וואָס קעמפט פאַר אַ פרייער און זעלבסטשטענדיקער אוקראַינע איז אַ שאַנדע צו מאַכן פּאָגראָמען און שעכטן יידן, האָט דער אַטאַמאַן סימאָסענקאָ געלאַכט פון אים. און נאָכדעם האָט ער געוויזן זיין „גרויס גנאָד" דערמיט וואָס ער האָט די יידן פון פּראָסקוראָוו געגעבן די דערלויבעניש צו ברענגען די טויטע צו קבר־ישראל.

און ווען די אומגליקלעכע און צעשראָקענע יידן פון דער שטאָט פּראָסקוראָוו האָבן אים צוגעשיקט דריי הונדערט טויזנט קערבלעך צו שטילן זיין צאָרן, האָט ער דאָס געלט צוגענומען, כאָטש ער האָט פריער געזאָגט, אַז אַן עכטן אוקראַינישן קאָזאַק דאַרף ניט אָנשטיין צו נעמען געלט ביי יידן. און פּונקט ווי ער וואָלט זיך געוואָלט רייצן מיט אַלעמען און שיטן זאַלץ אויף די וואונדן, האָט ער נאָכדעם אַרויסגעגעבן אַ מעלדונג, אַז ער דאַנקט די יידן פון פּראָסקוראָוו פאַר דער מתנה, וואָס זיי האָבן אים געגעבן. דאָס באַווייזט, — האָט ער ציניש און חוצפּהדיק אין יענער מעלדונג געזאָגט, — אַז די יידן פון

שטאָט ווייסן ווי צו שעצן די גוטע מעשים פון אַ אוקראַיִנישן אַטאַמאַן און פון זיינע קאָזאַקן...

פון יענעם פּאָגראָם, וואָס איז פּאָרגעקומען אין אַ שבת, איז אין פּראָס־קוראָוו געבליבן אַן אָנדענק אויף אייביק, און דאָס איז דער גרויסער ברודער־קבר, וואו ס׳ליגן אין זייער אייביקער רו צוועלף הונדערט פון די קדושים, וואָס סימאָסענקאָס האַידאַמאַקעס האָבן אויסגעשאָכטן.

אַזעלכע ברידער־קברים געפינען זיך אין אַ סך שטעט פון אוקראַיִנע. און אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז די גאַנצע ערד דאָרט דורכ־געווייקט געוואָרן פון יידיש־בלוט...

און ווען וועט שוין אַמאָל קומען אַ סוף?!...

אינהאַלט פון באַנד איינס:

זייט

ערשטער קאַפּיטל
טולטשין — — — — — — — — — — — — — 9
צווייטער קאַפּיטל
נעמיראָוו — — — — — — — — — — — — — 22
דריטער קאַפּיטל
אַבּאַדיוווקע — — — — — — — — — — — — 34
פערטער קאַפּיטל
מעזשבעזש — — — — — — — — — — — — 47
פינפטער קאַפּיטל
דער בעל-שם-טוב — — — — — — — — — 60
זעקסטער קאַפּיטל
הערשעלע אָסטראָפּאָלער — — — — — — — 75
זיבעטער קאַפּיטל
באַרדיטשעוו — — — — — — — — — — — 92
אַכטער קאַפּיטל
לוי-יצחק באַרדיטשעווער — — — — — — — 105
ניינטער קאַפּיטל
בראַצלאַוו — — — — — — — — — — — 118
צענטער קאַפּיטל
רבי נחמן בראַצלאַווער — — — — — — — 132
עלפטער קאַפּיטל
טאַלנע — — — — — — — — — — — 146
צוועלפטער קאַפּיטל
אומאַן — — — — — — — — — — — 165
דרייצנטער קאַפּיטל
קיעוו — — — — — — — — — — — 174
פערצנטער קאַפּיטל
כאַבנע — — — — — — — — — — — 199
פופצנטער קאַפּיטל
באַלטע — — — — — — — — — — — 212

זייט

זעכצנטער קאַפּיטל

פּאָלטאַווע — — — — — — — — — — — — — 225

זיבעצנטער קאַפּיטל

קערטש — — — — — — — — — — — — 241

אַכטצנטער קאַפּיטל

דובנע — — — — — — — — — — — — 252

ניינצענטער קאַפּיטל

זשיטאָמיר — — — — — — — — — — — 269

צוואַנציקסטער קאַפּיטל

נאָוואָגראַד-וואָלינסק (זוויהיל) — — — — — — 299

איין־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל

פּראָסקוראָוו — — — — — — — — — — 295

אינדעקס

באַנד I

א.

אַגריפּאַ, דער ערשטער. ז' 243.
אַדריאַנוס, קיסר. ז' 216.
אַהרון (קעניג פון די כאַזאַרן). ז' 246.
אחד-העם (אשר גינזבורג). ז' 50.
איגאָר, פּרינץ. ז' 246.
איגנאַטיעוו, גראַף. ז' 218.
איוואַן וואַסיליעוויטש, גרויספירשט. ז' 184.
אייבענבוים, יעקב. ז' 272.
איציק, דער זוויהילער. ז' 289.
ר' אליהו, דער ווילנער גאון. זז' 105, 257, 259.
אָליעג, פּרינץ. ז' 246.
ר' אליעזר בן הורקונוס. ז' 87.
ר' אליעזר ליבער. זז' 97, 98.
אַלעלקאָוויטש, מיכאַיל. ז' 181.
אַלעקסאַנדער, דער ערשטער. זז' 194, 227.
אַלעקסאַנדער, דער צווייטער. זז' 115, 190, 196, 218, 227.
אַלעקסאַנדער, דער דריטער. זז' 155, 213, 218.
אַנטאָניאָ, בישאָף. ז' 246.
אַנטיוכוס, עפּיפאַנעס. ז' 243.
אַפּטער רבֿ. זז' 48, 75.
אַראַנאָווסקי, גענעראַל. ז' 56.
אָרליך, אַטאַמאַן. ז' 121.
אַר"י הקדוש. זז' 61, 140.
ר' אַריה-לייב (דער שפּאַלטער זיידע). זז' 84, 140, 143.
אַריסטובולוס (יידישער קעניג). ז' 243.

ב.

באַגראָוו, גריגאָרי. ז' 191.
באַגראָוו, דמיטרי. ז' 191.
באַטיושקאָוו, פיאָדאָר. ז' 231.
באַיראָן, לאָרד. ז' 225.
באַנדאַרענקאָ, אַטאַמאַן. ז' 171.
באַטי, כאַן. ז' 270.
באַטיושקאָוו, פּ. נ. ז' 285.
בודיאָני, סעמיאָן. ז' 253.
בולאָן (קעניג פון די כאַזאַרן). ז' 245.
ביאַליק, חיים נחמן. זז' 197, 271, 281.
ביילים, מענדעל. ב' I, זז' 190, 191, 192, 238.
ביק, ר' מיכעלע. זז' 50, 51, 52.
בלינאָוו, ניקאַלאַי איוואַנאָוויטש. ז' 275.
בנימין (קעניג פון די כאַזאַרן). ז' 246.
בעל-שם טובֿ. (זע: ר' ישראל בעל-שם טוב).
בערנפעלד, שמעון, דר. זז' 12, 215.
ברוכעל, רבי („טולטשינער פּרינץ). זז' 18, 48, 75, 76, 77, 78, 79, 80, 81, 82, 83, 84, 85, 86, 87, 88, 89, 90, 107.
ר' ברוכעל דער קליינער (דער זיידע פונם מחבר). ז' 45.
בר-כוכבאָ, שמעון. ז' 216.

ג.

גאָלדפאַדן, אַבֿרהם. זז' 272, 273.
גאָנטע, איוואַן. זז' 16, 168, 169, 170, 172, 213, 214, 216, 223.

גאָרדאָן, אַהרן דוד. זז' 39, 40.
גאָרקי, מאַקסים. זז' 229, 230.
גוניאַ, אַטאַמאַן. ז' 125.
גינזבורג, שאול. ז' 195.
געדימין, פּרינץ. ז' 226.
גענאַדי, יעפּיסקאָפּ. זז' 184, 185.
געסען, יולי. ז' 121.
גרוזענבערג, אָסקאַר. זז' 190, 229, 238.
גרעטץ, ה. ז' 15.
גשורי, מ. ש. זז' 116, 150.

ד.

דאַווידאָוואַ, מאַרינאַ. זז' 255, 256.
דאָמיניק, מאַרשאַל. ז' 254.
דובנאָוו, שמעון. זז' 63, 79, 89, 108, 140, 191, 219, 255, 277.
דובנער מגיד (ר' יעקבֿ קראַנץ). זז' 252, 256, 257, 258, 259, 260, 261, 262, 263, 264, 265, 266, 267, 268.
ר' דוב-בער מעזריטשער. זז' 151, 257.
דוד, דער כאַבנער. זז' 200, 201, 202, 203, 209, 210.
ר' דודי'על טאַלנער. זז' 147, 148, 151, 152, 153, 154, 155, 156, 157, 158, 159.
דזשאַגאַטאַי. ז' 248.
דעוולעט-גירעי (טאָטערישער כאַן). ז' 119.
דעניקין, גענעראַל. זז' 163, 241.
דראָיאַנאָוו, א. זז' 297, 304.

ה.

האָדקי, אַטאַמאַן. ז' 25.
האַנאָווער, נתן-נטע. זז' 12, 13, 24, 25, 26, 215, 254.
האַראָדעצקי, שמואל אַבאָ, דר. זז' 65, 80, 95, 96, 97, 116, 136, 138, 152.
האַרקאַווי, אַברהם אליהו, דר. ז' 179.
היטלער, אַדאָלף. זז' 117, 164, 173, 197, 224, 241, 194.
הערשעלע אָסטראָפּאָליער. זז' 48, 75, 76, 77, 78, 79, 81, 82, 83, 84, 85, 86, 87, 88, 89, 90, 91.

וו.

וואָראָנצאָוו, גראַף. ז' 247.
ווילהעלם, קייזער. ז' 241.
וואָינאָראָווסקי, אַטאַמאַן. ז' 121.
וויפּער, פּראָקוראָר. ז' 191, 193.
וויציבאָוואַ, מאַרינאַ. ז' 255.
ווישניצער, מאַרק, דר. ז' 254.
וולאַדימיר (דער הייליקער). זז' 175, 176, 177, 178, 179, 247.
ווערבולאַ. ז' 305.
ווראנגעל, גענעראַל. ז' 241.

ז.

זאַיאַץ, אַטאַמאַן. זז' 202, 203, 211.
זאַיצעוו, פּאָליציימייסטער. ז' 129.
זאַליזניאַק, מאַקסים, אַטאַמאַן. זז' 168, 169, 171, 214.
זאַסלאַווסקי, אַבֿרהם. ז' 161.
זאַקוסילאָ, אַטאַמאַן, ז' 204.
זבֿולין (קעניג פֿון די כאַזאַרן). ז' 246.
זכריהו, דער קיעווער. זז' (180) 181, 182, 183, 185.
זעלעני, אַטאַמאַן. ז' 162.
זעמעלמאַן, מ. ז' 303.
זעצער, ש. צ. זז' 141. 274, 283.
זשידיאַטאַ, ליקאַ. זז' 179, 180.

ח.

חאַניש, משה. ז' 183.
חזקיהו (קעניג פֿון די כאַזאַרן). ז' 246.
חסדאַי איבן שאַפּרוט. ז' 246.

ט.

טאָלסטאָי, לעוו. ז' 229.
טאַן-באָגאַראַז. ז' 203.
טיטוס הרשע. ז' 244.
טאַרנאָוויטש, מ. ז' 304, 305.
טובאַטשעווסקי, מיכאַיל. ז' 197.
טיטיוניק, אַטאַמאַן. זז' 159, 162, 217.
טייטעלבוים, מרדכי. ז' 80.
טראָצקי, לעוו. ז' 291.

טשאַרני, יוסף-יהודה. זז' 249, 250.
טשווערטשינסקי, גראַף. ז' 13.
טשינגיס-כאַן. ז' 248.
טשערניצקי, גראַף. ז' 31.

י.

יאַגעלאָ, אַלעקסאַנדער. ז' 186.
יאָסעלע טאַלנער (דער חזן און קאָמפּאָזיטאָר, וואָס האָט געשאַפן דעם טאַלנער ניגון). זז' 148, 149, 150, 158, 159, 164.
יאַקיר, יונה. ז' 196.
ר' יהודה הלוי. זז' 245, 282.
ר' יוחנצי, דער ראַכמעסטריווקער. זז' 155, 156.
רבן יוחנן בן זכאי. ז' 244.
ר' יום-טוב ליפמאַן העלער. ז' 243.
יוסיפוס פלאַוויוס (יוסף בן מתתיהו). ז' 243.
יוסף בן אהרון (כאַזאַריש-יידישער קעניג). ז' 246.
יושטשינסקי, אַנדרעי. ז' 190.
יחיאל-מיכל (נעמיראָווער רב). זז' 24, 26.
יעקאַטערינע, די ערשטע. ז' 225.
יעקאַטערינע, די צווייטע. זז' 226, 249, 270, 279.
יצחק (כאַזאַריש-יידישער קעניג). ז' 246.
ר' ישראל בעל-שם-טוב. זז' 47, 48, 49, 60, 61, 63, 64, 65, 66, 67, 68, 69, 70, 71, 72, 73, 74, 75, 79, 87, 124, 135, 140, 258, 259, 283.
ר' ישראליקעל (רבי אין מעזשבעזש). ז' 53.
יתום, יאָסעל, דער בראַצלאַווער. זז' 127, 128.

כּ.

כּהנאַ, דוד. ז' 66.
כּהן, שבתי (בעלהש"ך). ז' 12.

כ.

כמעלניצקי, באָגדאַן. זז' 11, 14, 22, 15, 24, 25, 30, 31, 76, 95, 120, 189, 216, 223, 226, 228, 254, 284, 285, 292, 294.
כמעלניצקי, טימאָשאַ. ז' 31.
כמעלניצקי, יורקאַ. זז' 32, 33.

ל.

לאַבאַדאַ, גריגאָרי, אַטאַמאַן. ז' 121.
לאַזניוק, אַטאַמאַן. ז' 202.
לאַצקי-בערטאָלדי. ז' 27.
ר' לוי-יצחק באַרדיטשעווער. זז' 52, 96, 105, 106, 107, 108, 109, 110, 111, 112, 113, 114, 115, 116, 132, 142, 151, 258.
לידערס, גראַף. ז' 55.
ליטינסקי, מנחם נחום. זז' 24, 31, 216, 217.
ליפסאָן, מ. ז' 154.
לענין, וולאַדימיר איליטש. ז' 291.

מ.

מאַזעפּאַ, איוואַן. ז' 225.
ר' מאיר בן משה אשכנזי. ז' 254.
מאַלישעווסקי, ניקאָלאַי. ז' 180.
מאַפּו, אַברהם. ז' 50.
מאַראָזענקאַ, אַטאַמאַן. ז' 25.
מאַרקס, קאַרל. ז' 143.
מזא"ה, יעקב. ז' 192.
מיטרידאַט, דער זעקסטער. זז' 242, 243.
מלאַדאַנאָוויטש, גובערנאַטאָר. ז' 169.
מנחם (כאַזאַריש-יידישער קעניג). ז' 246.
מנשה, דער ערשטער (כאַזאַריש-יידישער קעניג). ז' 246.
מנשה, דער צווייטער (כאַזאַריש-יידישער קעניג). ז' 246.
משה, דער קיעווער. ז' 185.
ר' משה הגולה. זז' 185, 186, 187, 188.
מענדעלסאָן, משה. ז' 263.

נ.

נאַבאַק, אַטאַמאַן. ז' 159.
נאַזאַרענקאַ. ז' 160.
נאַליוואַיקאַ, סעמערי, העטמאַן. זז' 120, 121.

ר' נחום טשערנאָבאָליער. ז' 151.
ר' נחמן בראַצלאַווער. זז' 18, 80, 120, 122, 124, 125, 127, 128, 130, 131, 132 ביז 145, 173.
ניגער, שמואל. ז' 273.
ניזשיווי, סימען, אַטאַמאַן, ז' 177.
ניסי בעלזער, באַרדיטשעווער חזן. ז' 96.
ניקאָלאַי, דער ערשטער. זז' 155, 194, 195, 227.
ניקאָלאַי, דער צווייטער. זז' 190, 196, 213, 220, 295.
ניקאָלאַי, ניקאָלאַיעוויטש. ז' 238.
נעבאַבאַ, אַטאַמאַן. ז' 25.
ר' נתן נעמיראָווער. זז' 120, 133, 136, 145.

ס.

סאַבאַנסקי, גראַף. ז' 41.
סאַפּאַזשניקאָוו, מאיר. ז' 206.
סאָקאָלאָוו, אַטאַמאַן. ז' 159.
סוויאַטאָסלאַוו, פּרינץ. ז' 246.
סטאָליפּין, פּ. ז' 191.
סטיואַרט, זשאַרזש. ז' 304.
סטרוק, אַטאַמאַן. זז' 200, 203, 208, 209, 210.
סימאָסענקאָ, אַטאַמאַן. זז' 296, 297, 298, 299, 300, 301, 302, 304, 305, 306.
סלאָנימסקי, חיים זעליג. ז' 273.
סליוואַ, אַטאַמאַן. ז' 211.
סמאָלענסקין, פּרץ. ז' 50.
סקאָראָפּאַדסקי, פּאַוולאָ, העטמאַן. זז' 208, 277.
סקאָריאַווא, שמואל ז' 183.
סקורניק, דאָקטאָר. ז' 303.

ע.

עובדיה (כאַזאַריש-יידישער קעניג). ז' 246.
עזרא הסופר. ז' 23.
עטינגער, שלמה, דר. ז' 273.
עלמאַן, יואל. ז' 166.
עלמאַן, מישאַ. זז' 148, 166.
רבי עקיבאַ. ז' 87.

פּ.

פּאַוועל, דער ערשטער. ז' 194.
פּאָטאָצקי, גראַף. ז' 167.
פּאָמפּעאוס, דער גרויסער. ז' 243.
פּאַפּערנאָ, אַברהם יעקב. ז' 273.
פּושקין, אַלעקסאַנדער. ז' 225.
פּיאָטער דער גרויסער. זז' 121, 225.
פּלעווע, מיניסטער. ז' 231.
פּסח (כאַזאַריש-יידישער קריגספּירער). ז' 246.
פּעטליורע, סימען. זז' 159, 208, 217, 277, 298, 299.
פּעסטעל, פּאָלקאָווניק (דעקאַבריסט). ז' 17.
פּרץ, י. ל. זז' 146, 147.

פ.

פאָטיוס, בישאָף. ז' 246.
פייערבערג, מ. ז. זז' 281, 282, 283, 284.
פילון האַלכּסנדרוני. זז' 243, 244.
פראַנק, יעקב. זז' 62, 120, 144.
פראַנקאָ, איוואַן. ז' 15.

צ.

צינבערג, ישראל, דר. זז' 107, 136, 145, 186, 187.
ציריקובר, אַביגדור. ז' 244.

ק.

קאַליגולאַ, קאַיוס. זז' 243, 244.
קאָטליאַרעווסקי, איוואַן. ז' 228.
קאָטשובעי, וואַסילי. ז' 225.
קאַמאַנין, איוואַן. ז' 15.
קאַנאַוואַליעץ, גענעראַל. ז' 304.
קאָסטאָמאַראָוו, ניקאָלאַי. זז' 15, 182.
קאַץ, יוסף פּ. ז' 59.
קאַראַבטשעווסקי, אַדוואָקאַט. ז' 192.
קאַראַלענקאָ, וואָלאָדימיר. זז' 225, 228, 229, 230, 231, 232, 233, 234, 235, 236, 237, 238, 239, 240.
קאַרל, דער צוועלפטער. ז' 225.
קיוערטשוק, אַטאַמאַן. ז' 299.

קליוטשעווסקי, וואַסילי. ז׳ 121.
קלימענקאָ, אַטאַמאַן. זז׳ 159, 160, 200, 202, 209.
קראָכמאַל, נחמן. ז׳ 282.
קריוואָנאָס, מאַקסים. זז׳ 12, 14, 15, 25, 228, 285.

ר.

ראַבינאָוויטש, אַלכסנדר-זיסקינד. זז׳ 232, 304.
ראַבינאָוויטש, שאול-פנחס. ז׳ 15.
ראַדזיאַנאָווסקי, גלח. ז׳ 219.
ראַדזיוויל, גראַף. ז׳ 96.
ראָזענבלאַט, הרב. ז׳ 150.
ראָזענטאַל, א. ד. זז׳ 37, 130, 161, 162.

ש.

שאַצקי, יעקב, דר. ז׳ 15.
שבתי צבי. זז׳ 62, 120, 144.
ר׳ שבתאי, בן מאיר הכהן. ז׳ 254.
שוואַטשקאָ, אַטאַמאַן. ז׳ 171.
שוואַרץ, י. י. ז׳ 271.
שטערן, אַברהם. ז׳ 273.
שילאָ, אַטאַמאַן. זז׳ 171, 214, 215.
שימשי, צבי. ז׳ 232.
שירער, עמיל. ז׳ 244.
שלום-עליכם. זז׳ 94, 98, 100, 101, 189, 199.
ר׳ שמעון בן יוחאי. זז׳ 61, 87, 140.
ר׳ שמשון אָסטראָפּאָליער. ז׳ 76.
שניאור זלמן. ז׳ 80.
שעווטשענקאָ, טאַראַס. זז׳ 171, 198, 228.
שערמאַן, אליעזר. ז׳ 76.

ת.

תם, רבינו. ז׳ 185.